0-657-04935-2
NYYH-98 8588

פּנחס גאָלדהאַר

# געזאַמלטע שריפטן

פאַרלאַג „פריינט פון דער יידישער
ליטעראַטור"

מעלבורן 1949

*This book*
*once owned by a South African reader*
*has been presented*
*for future use to the*
*National Yiddish Book Centre of Amherst, Mass. USA*

Jewish Studies Library of the University of Cape Town
Jacob Gitlin Library, Cape Town
Cape Town Yiddish Cultural Federation

דער ייִדיקער און שענסטער
באַגעגענונג, זיך אַלטן ככ׳
דר בן-ציון שיין מיט דרך-ארץ
און פֿרײַנטשאַפֿט,
די פֿאַמיליע
פֿון פּנחס גאָלדהאַר.
מעלבורן, 1955.


BEQUEATHED BY DR BENZION SHEIN

FOR

THE BENZION AND SYBIL SHEIN LIBRARY

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04935

# GEZAMLTE SHRIFTN FUN ZAYN LITERARISHER YERUSHE

## Phinehas Goldhar

*Permanent preservation of this book was made possible
by Shim Ben-Lev
In memory of Samuel Levy and Anna Bender*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Lief D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

---

he National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/gezamlteshrift00gold

פּנחס גאָלדהאַר

# געזאַמלטע שריפטן

## פון זיין ליטעראַרישער ירושה

פאַרלאַג „פריינט פון דער יידישער ליטעראַטור"
אין מעלבורן

מ ע ל ב ו ר ן 1 9 4 9

# COLLECTED WORKS

By

P. GOLDHAR

W.P. ... COUNCIL
R | L | ... | PAM
CLASS: 832y | ACC: | DATE: 6/7/72
1st | 114
REF: | C
840
REFERENCE LIBRARY

*(All Rights Reserved)*

*Published by*

*FRIENDS OF JEWISH LITERATURE*

*Melbourne, Australia*

---

Printed by A. Maller, Excelsior Printing Works,
634 Burwood Road, Hawthorn East

## רעדאַקציע־קאָלעגיע:

י. בירשטיין
ה. בערגנער
ח. גורט
י. וואָטען
ב. וואַרשאַווסקי
א. פּאַטקין
א. שולמאַן

# אינהאַלט

זייט


פּנחס גאָלדהאַר — ביאָגראַפיע — — — — — — — — — IX

הערין בערגנער: דער קינסטלערישער שאַפונגס־וועג פון
פּנחס גאָלדהאַר — — — — — — — — — — XIII


## דערציילונגען


דער רעסטאָראַטאָר מאַנדעל — — — — — — — — 9

דער לעצטער מנין — — — — — — — — — — 31

אין אַ שטילער גאַס — — — — — — — — — — 83

לאַנדסלייט — — — — — — — — — — — — 108

אַ לוויה — — — — — — — — — — — — — — 144

אויף אַ פאַרם — — — — — — — — — — — 163

דראַמאָנד סטריט — — — — — — — — — — — 185

אַלטע פריינט — — — — — — — — — — — — 190

מכירת יוסף — — — — — — — — — — — — 214

אין חדר אַריין... — — — — — — — — — — — 220

דער קאַמף — — — — — — — — — — — — — 230

די שרפה — — — — — — — — — — — — — — 238

צוריקגעקומען — — — — — — — — — — — 262

## אינהאַלט

זייט

### פּובליציסטיק


יידישער אַנטיסעמיטיזם — — — — — — — — — 271
יידיש — די שפּראַך פון יידישן גורל — — — — — — 298
די פּרעסע ביי יידן אין אויסטראַליע — — — — — — 304


### איבערזעצונגען פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור


די אויסטראַלישע ליטעראַטור (עסיי) — — — — — — 323
הענרי לאָוסאָן: אַ וויזיט — — — — — — — — — 345
" " דער בלינדער — — — — — — — 352
" " ווען די זון פאַרגייט — — — — — — 361
דאוועל אָ'ריילי: אויף אַ סטאַציע — — — — — — — 366
" " קראָען — — — — — — — — — 371
ווענס פּאַלמער: דער דינגאָ — — — — — — — — 376
קעטרין כ. פּריטשערד: קובו — — — — — — — — 396
פרענק ד. דייוויסאָן: ווייטער קיין מערב — — — — — 403
גייווין קעיסי: שטויב — — — — — — — — — 423
לואיס עססאָן: די פּיטרייבערס — — — — — — — 433

פנחס גאָלדהאַר

# פנחס גאָלדהאַר

**(1947 — 1901)**

פנחס גאָלדהאַר איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט לאָדזש, פּוילן, אין מערץ 1901. זיין שרייבערישע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן ווען ער איז נאָך געווען אַ תלמיד אין ד"ר ברוידעס העברעאישע גימנאַזיע. צוזאַמען מיט די דעמאָלטיקע שרייבער־אָנפאַנגער: ישראל ראַבאָן, ה. ל. פוקס און א. אַלפּערין, האָט ער זיך באַטייליקט אין ליטעראַרישע זשורנאַלן, וואו ער האָט געדרוקט לידער און ·פּאָעמעס. זיין ערשטע גרעסערע שאַפונג איז געווען די פּאָעמע „טויז רויט", וואָס איז דערשינען אַלס באַזונדערע אויסגאַבע. נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע האָט ער שטודירט אין וואַרשע זשורנאַליסטיק אויף דער „וושעכניצע". צוריקקומענדיק קיין לאָדזש, האָט ער אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין דער טעגלעכער צייטונג „דאָס לאָדזשער טאַגעבלאַט". אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען אַ פּריוואַטער לערער אין שטעטל האָראָדענקאָ, ווילנער געגנט.

פנחס גאָלדהאַר האָט עמיגרירט קיין אויסטראַליע אין מאַי 1928. מאַטעריעל איז אים די ערשטע צייט געגאַנגען זייער שלעכט. ער איז געווען אַ שטובן־מאָלער, אַ מאַרק־שטייער און צום סוף האָט ער צוזאַמען מיט זיין פֿאָטער געמאַכט אַ פּאַר־בעריי־פֿאַבריקל.

אינם זעלבן יאָר איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער וואָכנצייטונג, וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין אויסטראַליע. צוגלייך מיט די פּובליציסטישע אַרבעטן, וועלכע ער האָט געשריבן פאַר דער צייטונג, האָט ער אויך אָנגעהויבן צו פּרובירן אויפן געביט פון בעלעטריסטיק. זיין ערשטע קינסטלעריש־רייפע דערציילונג „דער פּיאָנער" האָט

ער געדרוקט אין דעם ערשטן יידישן אויסטראַלישן אַלמאַנאַך, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט מלך ראַוויטש אין יאָר 1937.

אין יאָר 1939 האָט פנחס גאָלדהאַר אַרויסגעגעבן אַ בוך „דערציילונגען פון אויסטראַליע", וועגן וועלכע די יידישע קריטיק איבער דער גאָרער וועלט האָט זיך אָפּגערופן מיט גרויס אָנערקענונג. ער איז אויך געווען דער מיטשאַפער און מיט־רעדאַקטאָר פון צווייטן אויסטראַליש־יידישן אַלמאַנאַך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1942, פון זאַמלבוך „צושטייער" (1944) און פון חודש־זשורנאַל „אויפבוי". ער האָט זיך באַטייליקט מיט זיינע אַרבעטן אויך אין אויסלענדישע אויסגאַבעס, אָבער דער עיקר האָט ער זיך געווידמעט דעם היגן יידישן לעבן, וואו ער האָט געווירקט אויף פאַרשידענע געביטן. ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער טעטיקייט פון דער יידישער שול, דער געזעלשאַפט „קדימה", „ייווא" און אַנדערע.

אויב דאָס יידישע קולטור־לעבן אין מעלבורן האָט — אין פאַרגלייך מיט מעלבורן פון צוואַנציק יאָר צוריק — צו פאַרצייכענען גרויסע דערגרייכונגען, אויב מעלבורן איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער וועלט־מאַפּע אַלס ווירקנדער און שעפערישער יידישער צענטער — האָט חנפס גאָלדהאַר דערין אַ גרויסן חלק.

אינם בוך, וואָס מיר גיבן איצט אַרויס האָבן מיר זיך באַמיט צו געבן נישט בלויז דאָס בעסטע. וואָס גאָלדהאַר האָט געשריבן, נאָר אויך דאָס אַממייסטן כאַראַקטעריסטישע פון זיין שאַפן. דעריבער האָבן מיר צוגלייך מיט די נאָוועלן, וואָס מיר האָבן אַרויסגענומען פון זיין בוך „דערציילונגען פון אויסטראַליע" („אַ לוויה", „אַלטע פריינט", „דער לעצטער מנין") אויך אַריינגענומען עטלעכע פריער אָנגעשריבענע נאָוועלן, וואָס זענען אפשר ווייניקער רייף ווי די שפּעטערדיקע שאַפונגען, — זיי כאַראַקטעריזירן אָבער דעם אַנטוויקלונגס־וועג פונם מחבר.

אַ חוץ מיט בעלעטריסטיק האָט פנחס גאָלדהאַר זיך אײַנ־

פאַרנומען מיט פובליציסטישער אַרבעט. מיר האָבן דעריבער געהאַלטן פאַר נויטיק אַריינצונעמען אין דאָזיקן בוך, וואָס איז די גייסטיקע ירושה פונם פאַרשטאָרבענעם, זיינע צוויי וויכטיקע אַרבעטן וועגן אַנטיסעמיטיזם און אַן עסיי וועגן דער אויסטראַלישער ליטעראַטור.

פנחס גאָלדהאַר איז געווען אַ טיפער קענער פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. ער האָט געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַן אַנטאָלאָגיע פון דער יונגער און אינטערעסאַנטער היגער בעלעטריסטיק. זיינע איבערזעצונגען פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור זענען אמתע איבערדיכטונגען. גאָלדהארס פּלאַן אַרויסצוגעבן די אַנטאָלאָגיע איז ליידער קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. מיטן אַריינגעמען אין בוך די איבערגעזעצטע דערציילונגען דערפילן מיר דעם נישט רעאַליזירטן ווּאונטש פון פנחס גאָלדהאַר.

פנחס גאָלדהאַר איז געשטאָרבן דעם 25־טן יאַנואַר 1947, אין די סאַמע רייפסטע יאָרן פון זיין שאַפן. ער האָט פאַריתומט אַ פרוי מיט דריי קינדער.

הערץ בערגנער

# דער קינסטלערישער שאַפונגס־וועג פון פנחס גאָלדהאַר

פנחס גאָלדהאַרס קינסטלערישער וועג איז נישט געווען קיין גראָדליניקער. באַטש גאָלדהאַר איז געווען דורכאויס אַ פּראָזאַאיקער — אַ פול־בלוטיקער פּראָזאַאיקער אין אמתן זין פון וואָרט — האָט ער אָבער מיט יאָרן צוריק, בעת ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט, געשריבן פּאָעזיע. געווען איז דאָס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בשעת עס האָט אין פוילן געווירקט די „כאַליאַסטרע" מיט מאַרקישן, ראַוויטשן, גרינבערגן און בראָדערזאָנען בראש. די „כאַליאַסטרע" האָט בשעתה באַאיינפלוסט אַ סך יונגע דיכטער; וואָס האָבן גענומען מאַכן פאַרשידענע עקספּערימענטן, סיי אין דער פאָרם, סיי אין אינהאַלט. אויך גאָלדהאַר איז געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון דער „כאַליאַסטרע". ווי עס איז דער שטייגער געווען אין יענע צייטן, האָט אויך ער, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים־דיכטער, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע עקספּערימענטאַלע לידער און פּאָעמעס, וואָס האָבן געטראָגן דעם חותם פון צייט און סביבה. געווען איז דאָס מיט יאָרן צוריק אין זיין היים־שטאָט לאָדזש, וואו עס האָבן געוויי‌עט די פּרילינגדיקע ווינטן, וואָס זענען געקומען קיין פוילן פון דעם שבנותדיקן ראַטן־פאַרבאַנד און פון אייראָפּע. די וועלט האָט זיך אויסגעטשוכעט נאָך די שווערע און בלוטיקע יאָרן מלחמה. לאַנג האָבן אָבער די צוזאָגנדיקע, פּרילינגדיקע ווינטן אין תחית־המתים־אויפגעשטאַנענעם פוילן נישט געבלאָזן און די רעאַקציע האָט אָנגעהויבן צו באַוויזן אירע נעגל. אַ שווערער קריזיס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד,

גערישן דערפון שטיקער. גאָר שטאַרק האָט דער קריזיס אָנגע־רירט די יידן, וואָס האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס און אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן עמיגראַציע. אויך גאָלדהאַר איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן עמיגראַציע־שטראָם און אַוועק קיין אויסטראַליע, וואו עס איז אים באַ־שערט געווען אָפּצושפּילן אַזאַ וויכטיקע און פאַראַנטוואָרט־לעכע ראָל אין ליטעראַרישן און קולטורעלן לעבן און באַ־קרוינט צו ווערן מיטן טיטל:

— דער ערשטער!...

ווער ווייסט וואו גאָלדהאַרס אָנגעצייכנטער דיכטערישער וועג וואָלט אים אַוועקגעפירט, ווען ער וואָלט נישט עמיגרירט קיין אויסטראַליע? עס קען זיין, אַז ער וואָלט געוואָרן איינער פון אונזערע פירנדיקע פּאָעטן אין פּוילן, אָדער ער וואָלט גאָר איבערגעלאָזט די פּאָעזיע און זיך געווידמעט אינגאַנצן דער פּובליציסטיק. ער האָט פאַרמאָגט אַ פיינע זשורנאַליס־טישע פעדער און געשריבן ביז לעצטנס טאַלאַנטפולע אַר־טיקלען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט געוואַלטיקער קלאָרקייט און רייכקייט פון געדאַנק. גאָלדהאַר האָט דאָך מיטגעאַרבעט אין לאָדזש אין איינער פון די דאָרטיקע טאָג־צייטונגען. אויך אין אויסטראַליע איז ער געווען דער מיט־גרינדער פון דער ערשטער וואָכן־צייטונג, וואָס ער האָט אַליין רעדאַגירט און אויסגעפילט אירע זייטן כמעט איינער אַליין מיט זיינע ליטעראַרישע און פּובליציסטישע אַרבעטן.

וואָס האָט גאָלדהאַרן באַווירקט, אַז ער זאָל אין אויס־טראַליע יאָרן־לאַנג שווייגן אַלס פּאָעט און נישט פאָרזעצן ווייטער זיין אָנגעצייכנטע דיכטערישע ליניע? גאָלדהאַר איז קיין אויסטראַליע געקומען צו זיין פאָטער, יעקב גאָלדהאַר עליו־השלום, דעמאָלט נאָך, ווען דאָס קולטורעלע לעבן דאָ איז געווען אין די ווינקעלעך און עס האָט געהערשט אַ תוהו־ובוהו אויפן געזעלשאַפטלעכן פראָנט. דאָס הייפעלע אינטע־ליגענטן, וואָס האָט זיך שוין דאָ געפונען, איז געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם קאָכעדיקן יידישן לעבן מעבר לים און

האָט נישט געוואוסט וואָס מיט זיך צו טון. מען האָט געגאַרט עפּעס אויפצוטון, געזוכט, געגישטערט און יעדער האָט אויף זיין שטייגער צוגעטראָגן דאָס ביסל קולטורעלע פייער, וואָס ער האָט מיטגעברענגט מיט זיך פון די מעבר־לים־לענדער, צו דעם אַלגעמיינעם קולטורעלן שייטער, וואָס מען האָט געפּרואווט אָנצינדן. גאָלדהאַר איז געקומען פון פּוילן אַן אָנגעלאָדענער מיט וויסן און מיט בקיאות אין דער יידישער ליטעראַטור און דער עיקר מיטן פרישן צאַפּלדיקן וואָרט אויף די ליפּן און מיט אַ וואַרעם האַרץ פאַר אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אין יידיש. ער האָט זיך טאַקע באַלד געשטעלט אין דינסט פון דעם היגן הייפּעלע אינטעליגענטן און פון היגן יידישן ישוב, אָבער ער האָט יאָרן־לאַנג געשטומט אַלס פּאָעט. ווי מיר דאַכט זיך, האָט ער מער דאָ קיין שורה פּאָעזיע נישט געשריבן.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט גאָלדהאַר ווייטער ממשיך געווען זיין אָנגעהויבענע קינסטלערישע קאַריערע, אָבער שוין מער נישט ווי אַ פּאָעט, נאָר ווי אַ פּראָזאַאיקער. עס קען מעגלעך זיין, אַז די שווערע יאָרן נע־ונד זיין און די האַרבע עמיגראַנטישע וואָר, בעת מען האָט געמוזט קעמפן פאַרן האַרטן שטיקל ברויט, האָט ביי גאָלדהאַרן אויסגעהוילט דאָס געפיל פאַר ליריק און דיכטונג. ער האָט מיטאַמאָל אויסגעריבן זיינע פּאָעטיש־פאַרחלומטע אויגן און דערזען די אכזריות־דיקע וואָר. אָנשטאָט דורך ראָזע פּאָעזיע־ברילן האָט ער מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו זען די וועלט מיט ניכטערע אויגן פון אַ פּראָזאַאיקער. דורך די לאַנגע יאָרן שווייגן האָט גאָלד־האַר געהאַט געגוג צייט זיך צוצוקוקן צום היגן עמיגראַנט, וואָס שטעלט אויף דער פרעמדער ערד זיינע ערשטע וואַקלנדי־קע טריט; ער האָט געהאַט גענוג צייט זיך צוצוקוקן צו די הבלי־לידה פון דעם קליינעם יידישן ישוב, וואָס ראַנגלט זיך, קעמפט, ווערט פאַרשלונגען פון דעם אַרום, שטעלט זיך אים אַקעגן און וואַקסט ביסלעכווייז אויס צו אַ כוח מיט אַלע זיינע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן. און גאָלדהאַר איז נישט בלויז געווען אַ זייטיקער אָבסערוואַטאָר, נייערט ער האָט מיט־געלעבט מיטן ישוב, ווייל אַליין אַן עמיגראַנט איז אים באַ־

שערט געווען אויסצוטרינקען דעם עמיגראַנטישן ביטערן כוס ביז צום סאַמע סוף. אַלע פריידן פון דעם היגן יידישן ישוב זענען געווען זיינע פריידן און די לײדן — זיינע לײדן.

גאָלדהאַר האָט געלעבט יאָרן־לאַנג ווי אַן עדות, ווי אַ צוקוקער, ווי אַ פּשוטער עמיגראַנט און ער האָט נישט גע־ווירקט ווי אַ קינסטלער, ביז ס'איז געקומען די צייט, ווען עס איז אין אים רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז ער טאָר מער נישט זיך צוקוקן צום ישוב אַ שטומער און ער מוז פאַרפיקסירן קינסטלעריש דאָס אַלץ, וואָס ער זעט. אַן אינער־לעכער רוף האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער מוז נעמען שטעלונג צו דעם, וואָס טוט זיך אַרום אים און ער איז דאָס באַרופן צו ווערן דער ערשטער יידישער שילדערער און באַזינגער פון דעם אויסטראַלישן יידישן ישוב. דאָס קינסטלערישע געוויסן האָט דערוואַכט אין אים און אים נישט פאַרלאָזט מער ביז צום לעצטן טאָג פון זיין קורצן און אַזוי יונג פאַרשניטן לעבן.

ווי געזאָגט, האָט גאָלדהאַר מער קיין פּאָעזיע נישט גע־שריבן, נאָר פּראָזע — רייפע, רואיק־אויסגעצייטיקטע פּראָזע, וואָס זינדיקט נישט מיט קיין שום איבעריקן סענטימענטאַליזם און וואָס פּאַסט זיך גאָרנישט צו איינעם, וואָס האָט אַמאָל געשריבן לידער. קיין שום איבעריקע ראָמאַנטיק איז אין גאָלדהאַרס פּראָזע נישט בנמצא און יעדע פאַרהערלעכונג און פאַרשענערונג פון לעבן איז אים ווייט. עס איז עפּעס חידושי־דיק, וואָס אין דער יידישער מאָדערנער ליטעראַטור זענען אירע ערשטע בעסערע שרייבער געווען פּראָזאַאיקער, נישט קיין דיכטער און אין אויסטראַליע איז דאָס ערשטע קינסט־לערישע בוך געווען אַ פּראָזע־בוך. געווינלעך שפּאַרט זיך דורך די דיכטונג פריער און דערנאָך צייטיקט זיך ערשט אויס די פּראָזע, וואָס קומט מיט געלאַסענע, פּאַמעלעך־זיכערע טריט. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין אויסטראַליע איז עס געשען פאַרקערט, פונקט ווי פאַרקערט עס איז געשען אין דער מאָ־דערנער יידישער ליטעראַטור. גאָלדהאַר האָט פאַר אויסטראַליע אָפּגעשפּילט די זעלבע ראָל, וואָס עס האָט אָפּגעשפּילט אונזער זיידע מענדעלע מוכר ספרים פאַרן כלל־ישראל. פונקט ווי

מענדעלע האָט נישט פאַרשענערט דאָס יידישע לעבן און עס נישט געגעבן אין קיין שום פאַרהערלעכטע פאַרבן, נייערט ער האָט געשטראָפט און געמוסרט, אזוי האָט אויך גאָלדהאַר נישט פאַרשענערט דאָס היגע לעבן, נאָר עס געגעבן מיט אַלע נעגאַטיווע זייטן. באַלד ווי דאָס קינסטלערישע געוויסן האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז ער טאָר מער נישט זיך שטום צוקוקן און שווייגן, האָט ער גענומען צאָלן זיין חוב דעם ישוב און ער איז דאָס געוואָרן דער אויסגעשפּראָכענער יידיש־אויס־טראַלישער שרייבער.

דאָס איינציקע בוך, וואָס גאָלדהאַר האָט באַוויזן אַרויס־צוגעבן אין אויסטראַליע, באַשטעטיקט נאָכאמאָל, אַז ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו זיין דורכאויס דער יידיש־אויסטראַלישער שרייבער און דאָס בוך טראָגט טאַקע דעם פּשוטן, נישט פּרעטענסיאָנעלן נאָמען „דערציילונגען פון אויס־טראַליע". דאָס בוך איז צייטיק אָנגעשריבן ביז גאָר, נישטאָ אין דעם די אַלע חבלי־לידה און די בראשיתן פון אַ פּאָעט, וואָרום גאָלדהאַר האָט דאָס ווערק אַרויסגעגעבן אין די סאַמע רייפע יאָרן זיינע. איין זאַך איז אָבער נישט צום פאַרשטיין: פאַרוואָס האָט גאָלדהאַר מיטאַמאָל אַזוי אָפּגעשניטן מיט זיין היים־שטאָט לאָדזש, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל יידישן קאָלאָריט און שטייגער? רעטראָספּעקטיוו שיינט דאָך אַלץ אויף מיט אַ העלער פייער און מען זעט זאַכן פיל בולטער און שאַרפער, ווי מען זעט זיי, ווען מען איז מיט זיי ענג פאַרבונדן. חוץ דעם מישט זיך נאָך אַריין די בענקשאַפט נאָך דעם עבר, וואָס לאָזט דעם דיכטער נישט צו רו און פּענ־טעט אים צו צו די וויזיעס פון אַמאָל. האָט דאָך אָפּאַטאָשו געהערט דווקא אין נערוויש פון גרויס־שטאָטישן ניו־יאָרק דאָס רוישן פון די פּוילישע וועלדער און ראַבאָי האָט אין אָנבליק פון די וואָלקן־קראַצערס געזען די פאַרשנייטע הויקערדיק־קליינע הייזלעך פון בעסאַראַביע.

אָבער דער חשד, אַז גאָלדהאַר האָט געוואָלט בלויז צאָלן דעם חוב דעם אויסטראַלישן ישוב און זיך בלויז גערעכנט מיט דער התחיבות, וואָס האָט אויף אים געשווערט, אַז ער

דאַרף צושטייער געבן דער יידישער ליטעראַטור דווקא דאָס טיפּיש־אויסטראַלישע, איז נישט באַרעכטיקט, ווען מען באַקענט זיך מיט דער טעמאַטיק פונם בוך, וואָס דריקט אויס דעם געמיט־צושטאַנד פונם דיכטער. גאָלדהאַר האָט נישט געטון, כדי ווען עס איז צו געפעלן און צו באַפרידיקן — ער האָט נישט געמאַכט קיין שום טרוקן־ניכטערן חשבון — נאָר געטון דאָס, וואָס זיין ליטעראַריש געוויסן האָט אים דיקטירט. און דאָס ליטעראַרישע געוויסן איז אין דעם פאַל דער בעסטער בר־סמכא. אויב גאָלדהאַר האָט זיך אויסגעקליבן דווקא און בלויז די אויסטראַלישע טעמאַטיק, איז עס זיכער דערפאַר, ווייל ער, אַלס ערשטער, האָט זיך געפילט באַרופן צו רעאַגירן אויף דעם, וואָס קומט פאַר אַרום אים — זיין ליטעראַרישע פּערזענלעכקייט האָט געמוזט צו דעם נעמען שטעלונג.

עס וואָלט דאָך פיל לייכטער געווען פאַר אים צו קומען אין דער ליטעראַטור אַריין מיט אַן אויסגעטרעטענעם שליאַך, וואו מען קאָן אזוי רהבוהדיק בּאָרן, וואו עס איז פאַראַן אַזאַ שטאַרקע און גרויסע טראַדיציע. אפילו די גרויסע שטאָט מיט קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן האָט שוין אין דער יידישער ליטעראַטור היינט צו טאָג טראַדיציע. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס שליסט נישט אויס, אַז מען קען נאָך היינט קומען אין דער ליטעראַטור אַריין מיטן קליינעם יידישן שטעטל. די פראַגע איז נישט די טעמאַטיק, די פראַגע איז נאָר, וואָס מען איז מחדש און מוסיף און די קוואַליטעט שפּילט די וויכטיקסטע ראָל. אָבער עס איז פאָרט געווען אַ דרייסטקייט פון גאָלדהאַרן צו באַשרייבן אַ לעבן, וואָס האַלט ערשט אין אייפגיין, וואָס האַלט ערשט אין ווערן. דעם אַמעריקאַנער יידישן ישוב אפילו איז לייכטער געווען פאַרן קינסטלער אויפצוכאַפּן, ווייל אַמעריקע האָט באַלד אויפגענומען אַ סך יידן מיט אַלע זייערע מנהגים און התנהגותן. דער יידישער קיבוץ דאָ הי איז אָבער זייער אַן אַנעמישער און יעדן טאָג כמעט באַקומט ער אַנדערע פאָרמען — די ווייבע ביינדעלעך ווערן קוים־קוים באַדעקט מיט פלייש. ס'איז שווער אויפצוכאַפּן אָט די ענדע־

רונגען אין זייער באַוועגלעכן, יערנדיק־פּערמענטירנדיקן צו־שטאַנד. עס איז פונקט אַזוי שווער ווי צו באַשרייבן אַ הויז, וואָס מען האַלט ערשט אין בויען. די קלאַסן אין דער היגער יידישער געזעלשאַפט האָבן נאָך ווייט נישט קיין באַשטימטן דרך און די מענטשן זייער באַשטימטן פּרצוף, ווייל אַלץ שווימט אַרום אויף אייז־קריעס. און טאַקע די אויסגעוואָרצלט־קייט, די באָדנלאָזיקייט האָט גאָלדהאַר אַזוי טרעפלעך אויפ־געכאַפּט און געגעבן אַ תיקון.

און אויב גאָלדהאַר איז נייַ אין דער טעמאַטיק — וואָרום ביי דעם גאַנצן איינפלוס פון די ערשטע יידישע אַמע־ריקאַנער עמיגראַציע־שרייבער אויף גאָלדהאַרן, קאָן מען דעם אויסטראַלישן ישוב באַין אופן נישט פאַרגלייכן צו די ישובים, וואו עס לעבט אַ גרויסע צאָל יידישע נפשות — איז ער אין דער פאָרם ענלעך צום יונגן דור פּראָזאַאיקער פון פוילן און אַמע־ריקע. אוודאי האָבן מיר אין דער יונגער פּראָזע באַשטימטע, אויסגעשיילט־בולטע פּנימער, וואָס שיידן זיך אונטער איינס פון אנדערן, אָבער דער יונגער דור פּראָזאַאיקער ציט דער עיקר די יניקה פון די ערשטע צוויי פּראָזע־מייסטער — פון די קלאַסיקער מענדעלע מוכר ספרים און שלום־עליכם. די רעאַליסטישע שיטה פון די צוויי גרויסע קלאַסיקער האָט די יונגע יידישע פּראָזע איבערגענומען און זי קלאַמערט זיך אין איר ביזן היינטיקן טאָג. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן פאַר־שידענע אָפּווייכונגען און אָפּט גייט מען אַראָפּ פון שליאַך. אָבער אַלעמאָל קומט מען צוריק צו אים.

די לייט־מאָטיוון פון גאָלדהאַרס דערציילונגען זענען: איינזאַמקייט, צעריסנקייט, אויסגעוואָרצלטקייט. די דאָזיקע מאָטיוון פאַרנעמען אין זיין בוך די אויבערהאַנט און הויערן דערויף פון ערשטן זייטל ביזן לעצטן. אַז מען לייענט דאָס בוך קען מען זיך פון די פּראָבלעמען גאָרנישט באַפרייען און זיי נעמען אַריין דעם לייענער אין זייערע אכזריותדיקע לאַפּעס און דריקן אויף אים מיט זייער גאַנצער ברוטאַלער, קאַלטער און אומהיימלעכער לאַסט. שטאַרק אכזריותדיק און אומהיימ־לעך־קאַלט קומט צום אויסדרוק די איינזאַמקייט אין דער

דערציילונג „אַלטע פריינט". דאָ ווערט זי געשילדערט מיט די סאַמע ברוטאַלסטע, גרויזאַמסטע און נאַטוראַליסטישסטע פאַרבן. גאָלדהאַר האָט נישט קיין שום רחמנות אויף די צוויי „אַלרייטניקעס", אויסגעשפּיגענע פון לעבן, וואָס ווייסן נישט וואָס צו טון מיט זייער צייט. די צייט קרישלט זיך ביי זיי בונקט אַזוי מאָנאָטאָן ווי דאָס ביסל ברוכוואַרג אין זייערע קאַרג־אויסמעבלירטע היימען, שלעפּט זיך אַזוי לאַנגזאַם ווי דאָס טיק־טאַקעווען פון די אַלטע זייגערס אויף זייערע ווענט. אין זייערע אָדערן פליסט שוין נישט קיין בלוט און עס דערוואַרעמט זיי שוין נישט קיין שום שיינקייטן אינם לעבן. בלויז דאָס פּעשל קאָרטן גיסט נאָך אַריין אַביסל היץ אין זייערע פאַרשטייפטע און פאַרקאַלעכטע אברים. און ווען איין פריינט שטאַרבט, שפּילט דער אַנדערער נאָך אַלץ מיט אים אין קאָרטן, פּונקט ווי ער וואָלט געווען געלעבט. גאָלדהאַר באַווייזט אונדז די גרויסע איינזאַמקייט פונם מענטשלעכן מין. דאַכט זיך, אַז די צוויי „אַלרייטניקעס" האָבן שוין אויפגעשטעלט פאַר זיך דעם עגל־הזהב, אָבער וואָס קומט דערפון אַרויס? נישט דאָס געלט איז דער עיקר און נישט דאָס ביסל וואוילזיין אויף דער זינדיקער וועלט קאָן דעם מענטש ברענגען אַ וועלכע עס איז אמתדיקע טיפערע באַפרידיקונג. דאָ קומט פאַר אַ שפּיל פון גורל, וואָס טוט דעם מענטש אָפּ אויף צו להכעיס. די צוויי אַלטע פריינט קאָנען דאָך אפילו נישט אויסנוצן זייער ביסל געלט, ווייל זיי זענען געפּענטעט פון זיך אַליין און זיי זענען שקלאַפן פון זייערע אייגנשאַפטן — פון דער קאַרג־שאַפט, וואָס רויבט ביי זיי צו דעם קלאָרן שכל. די דערציילונג באַווייזט נישט בלויז די גרויסע איינזאַמקייט און אומבאַהאָלפנקייט פון מענטש, וואָס איז מער נישט ווי אַ שפּיל אין די הענט פון גורל, נאָר זי פירט אויך אויס אַ געזעלשאַפטלעכע פונקציע. גאָלדהאַר אַנטפּלעקט זיך אפילו דאָ אין דער אינדיווידואַליסטישער דערציילונג ווי אַ שטראָפער און אַ מוסר־זאָגער. כאָטש ער באַהאַלט זיך אַזוי קונציק אויס הינטער די פּלייצעס פון די העלדן, זעט מען אָבער זיין דירעקטן אָנטייל אינם לעבן פון זיי. אַזעלכע בענדזשאַמינס — דער הויפּט־

העלד פון דער דערציילונג — זענען נישט איינציק אויף דער עמיגראַציע און מען דאַרף אויפווייזן וואָס פאַר אַ פּונקציע זיי פירן אויס און וואָס פאַר אַ ראָל זיי שפּילן. די שטראָף פון גורל לאָזט זיך אַראָפּ אויף בענדזשאַמינען ווי אַ רויב־פויגל. בענדזשאַמין, וואָס איז געשילדערט פּלאַסטיש און פּסיכאָלאָגיש פּאַרטיפּט, גלויבט נישט קיינעם — ער גלויבט אפילו זיך אַליין נישט. דין איז אויפגעכאַפּט דער מאָמענט ווי ס׳דאַכט זיך אים כסדר, אַז מען קוקט אים אונטער.

קיין סך פּאָזיטיווע כאַראַקטערן האָט נישט גאָלדהאַר אין זיין איינציק פּראָזע־בוך, וואָס ער האט באַוויזן אַרויסצוגעבן און איך וועל מיך פּרוּוון אָפּשטעלן אויף איינער אַ געשטאַלט — אַ פּאָזיטיווער געשטאַלט — וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון דער נעגאַטיווער געשטאַלט פון בענדזשאַמינען. אויך אויף סעמען, דעם הויפּט־העלד פון דער דערציילונג „אויף אַ פאַרם", האָט זיך דער גורל פאַרנומען און טוט אים אָפּ אויף צו להכעיס. אָבער דאָ איז שוין דער צו־להכעיס אַ גאַנץ אַנדערער און ער סטימולירט צו העכערע מעשים. להיפּוך צו בענדזשאַמינען, וואָס ווערט זייער ווייניק באַשענקט מיט סימפּאַטיעס פון דעם מחבר, איז סעם פון „אויף אַ פאַרם" געשילדערט מיט אַ סך וואַרעמקייט און מיט אַ סך האַרץ און מען זעט, אַז גאָלדהאַר האָט אים פּשוט ליב. גאָלדהאַר האָט אויף סעמס פּלייצעס געוואָלט אַרויפוואַרפן אַ גרויסע שליחות און ער האָט אים אָנגעגורט מיט די אַלע אידייען, וואָס האָבן אים אַליין געעגבערט. סעם איז דאָך אַ פּיאָנער פּונקט ווי דער מחבר אַליין און דער מחבר זעט אַ גרויסע קרובהשאַפט צווישן זיך און אים. סעם קומט פול מיט גלויבן, פול מיט מוט. ער גייט בויען אַ ניי לעבן אויף נייער ערד. ער וויל איבערדערציען דעם ייד, וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן זיינס געווען אַ שטאָט־מענטש, אַ סוחר און האָט געלעבט בלויז פון לופט־געשעפטן. סעם גאַרט דאָ, אין דעם פרעמדן לאַנד, צו מאַכן פון דעם לופט־ייד אַן ערד־אַרבעטער, אַ דאָרפס־מענטש. דאָס איז דאָס אייביקע פּראָבלעם ביי יידן, וואָס ציט זיך שוין דורות־לאַנג און סעם וויל אויף זיין שטייגער דעם פּראָבלעם

לייזן. ער פילט אויף זיך אַ גרויסע נאַציאָנאַלע שליחות און ער שפּירט זיך באַרופן עפּעס וואָס צו טון. אָבער וואָס איז דער פּועל־יוצא? די אַלע שיינע אידייען טרעפן זיך אָן אין אַ האַרטער גלייכגילטיקער וואַנט, וואָס לאָזט זיך נישט דורכ־ברעכן; סעם שלאָגט זיך אָן אין דער אכזריותדיקער האַרטקייט פון לעבן, וואָס שטעלט זיך אים אַקעגן. ער טרעפט זיך אָן אויף אַזעלכע בענדזשאַמינס פון „אַלטע פריינט" און אויך ער בלייבט איינזאַם.

וואָס פאַר אַ צוויי קאָנטראַסטן — בענדזשאַמין פון „אַל־טע פריינט" און סעם פון „אויף אַ פאַרם". סעם, דער פאַנען־טרעגער פון נייע אידייען, און בענדזשאַמין — דער שטיין, אויף וועלכן די אַלע שיינע אידייען ווערן צעשלאָגן און צע־קלאַפּט. ביידע בלייבן זיי איינזאַם, אָבער די איינזאַמקייט איז נישט די זעלבע. סעמען זענען איבערגעבליבן ניצול־געוואָרענע שטיקלעך און ברעקלעך פון זיינע גייסטיקע זוכענישן, בעת בענדזשאַמינען איז גאָרנישט מער איבערגעבליבן, כאָטש ער איז דווקא אָנגעשטאָפּט מיט גשמיותדיק פאַרמעגן, פון וועלכן קיינער האָט נישט קיין הנאה. אוודאי וואָלט גאָלדהאַר געקאָנט אַנדערש ענדיקן די דערציילונג „אויף אַ פאַרם". ער וואָלט גע־קאָנט אַן אָפּטימיסטישן סוף צו איר צוטראַכטן, אָבער בלויז צוטראַכטן, און גאָלדהאַר האָט, ווי יעדער רעאַליסט, פיינט געהאַט צוצוטראַכטן. דערצו האָט זיך דאָ נאָך אַריינגעמישט דער סקעפּטיש און אומעטיק־קלוגער קוק זיינער אויפן לעבן, וואָס האָט אים נישט געלאָזט אַריינפאַלן אין קיין איבעריק עקזאַלטירטן פּאַטאָס און נישט געלאָזט אים זאָגן קיין ליגן, בעת עס איז נישט ווערט — והא־ראיה, דאָס לעבן האָט דאָך געוויזן אַנדערש. די דערציילונג האָט אָבער אַ פּאָזיטיוון אָנ־דייט, פּונקט ווי עס האָט אַ פּאָזיטיוון אָנדייט די גרעסטע דערציילונג אין בוך, „דער לעצטער מנין", כאָטש דער סוף פון דער דערמאָנטער דערציילונג איז אויך נישט קיין ליכטי־קער.

אָט די צוויי דערציילונגען, „דער לעצטער מנין" און „אויף אַ פאַרם", זענען די צוויי פירנדיקע דערציילונגען אינם בוך,

וואָרום זיי האָבן אין זיך שטאַרקע וועג־ווייזערישע אַקצענטן. אָבער אויך אין די דערציילונגען, וואָס האָבן נישט קיין וועג־ווייזערישע עלעמענטן, קומט גאָלדהאַר אַרויס ווי אַ שטראָפער. כאָטש קיין דירעקטן וועג, אויף וועלכן צו גיין, ווייזט ער אונז נישט אָן, ווייזט ער אונז אָבער אָן אויף וועלכן וועג נישט צו גיין.

גאָלדהאַר פאַרנעמט זיך ווייניק מיט אינדיווידועלע פּסיכאָלאָגישע דיגרעסיעס און פאַרוויקלעגישן. ער האָט נישט קיין צייט דערצו, וואָרום ער איז אַ געזעלשאַפטלעכער שרייבער און אַליץ, וואָס ער שרייבט צילט ערגעץ און פירט אויס די שליחות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. אָבער נישט געקוקט דערויף קאָן גאָלדהאַר אויסגעצייכנט שילדערן די דינסטע נשמה־ציטערנישן פונם מענטש. מיט דער פּסיכאָלאָגישער זייט פון די העלדן פאַרנעמט ער זיך צומיינסטנס אין זיינע דערציילונגען: „נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט", „אַ ברית" און אין „אויף דער עלטער". אָבער אויך אין די דערציילונגען גייט ער נישט אַראָפּ פון זיין ליניע און אויך דאָ מאָלט ער די גרויסע איינזאַמקייט פונם ייד אין דעם אויסטראַלישן ישוב. עס איז דאָ בולט געצייכנט דאָס פאַרפרעמדקייט צווישן עלטערן און קינדער און די פּלאָג פון דער אַסימילאַציע, וואָס וויל אונז פאַרצערן.

אָט די אַלע פּראָבלעמען לאָזן גאָרנישט אָפּ גאָלדהאַרן און זיי קומען צום שטאַרקסטן צום אויסדרוק אין די דערציילונגען „דער לעצטער מנין" און אין „אַ לוויה". „אַ לוויה" געהערט צו די בעסטע זאַכן גאָלדהאַרס. משה „האָקער" — אַ טיפּ אויפגעהויבן פון דער סאַמע גרויער מאַסע, איינער פון הונדערטער, פון טויזנטער — איז געשילדערט פון מחבר מיט אַ סך וואַרעמקייט. משה „האָקער" סימבאָליזירט מיט זיך יעדן פרישן עמיגראַנט, וואָס קען נישט שלום מאַכן מיטן אַרום. קעגן אַליץ רעוואָלטירט ער, אפילו קעגן טויט אויף דער פרעמדער ערד, ווי אין דער אַלטער היים וואָלט מען גאָרנישט געשטאָרבן. בכלל מאַכט אָן דער טויט פון זייער חבר צווישן די אימיגראַנטן אַ גרויסע פּאַניק. זייער שטאַרק איז דאָ אַרויסגע־

ברענגט די מורא פאַרן טויט אויף פרעמדער ערד. בילדעריש זענען געשילדערט די יידן אויפן וועג צום בית־עלמין, וואָס טוליען זיך איינער צום אַנדערן ווי אַ סטאַדע שעפּסן. זיי שרעקן זיך פאַרן בית־עולם, וואו מען איז מקבר גויים און יידן צוזאַמען. בכלל איז זיי פרעמד די גאַנצע לוויה־צערע־מאָניע מיטן יאַהודישן ראַביי בראש. די דערציילונג, כאָטש זי איז לאָקאַל, וואַקסט אַרויס פון די ענגע ראַמען און ווערט מיט איר טיף־מענטשלעכער פּראָבלעמאַטיק אַלוועלטלעך. די דערציילונג פאַרמאָגט מער הומאָר ווי אַנדערע דערציילונגען גאָלדהאַרס. דער הומאָר, דער כאַראַקטעריסטיש גאָלדהאַרישער אַביסל בייסיקער און סאַטירישער הומאָר, וואַקסט דאָ אַרויס פון די טראַגישע סיטואַציעס. למשל די סצענע, ווי די יידן כאַפּן אַראָפּ די הוטן אויפן בית־עולם, ווירקט מיט איר טראַגיק און אין דער זעלבער צייט מיט איר הומאָרפולקייט. עס וואַקסן אויס מעכטיק, ביז סימבאָל, די צוויי בילדער, וואו משה „האָ־קער" זאָגט קדיש און וואו ער צערייבט אַביסל אויפגעהויבענע ערד צווישן די פינגער:

— אַ מאָדנע ערד דאָ... גאָר אַנדערש ווי אין דער היים...

אויך אין דער גרעסטער דערציילונג, וואָס גאָלדהאַר האָט וועגן עס איז געשריבן און אין אפשר דער שטאַרקסטער דער־ציילונג, „דער לעצטער מנין", קומט צום אויסדרוק די פרעמד־קייט, די אויסגעוואָרצלטקייט, די באָדנלאָזיקייט. כדי אונז צו שילדערן דעם פּראָבלעם האָט גאָלדהאַר געשעפּט זיינע טיפּן פון אַלע קלאַסן און שיכטן אין דער היגער קליינער געזעל־שאַפט. און דאָ האָט ער זיך אויסגעקליבן אַ יאַהודישן ראַביי, וואָס קומט קיין אויסטראַליע צו באַפעסטיקן דעם גאָט פון ישראל. דער ראַביי זאָגט זיך אָפּ פון פערזענלעכן געניס, פון פערזענלעכן גליק. אין דער שטאָט פון גאָלד־פיבער, וואו קינד און קייט איז פאַרנומען מיט זוכן גאָלד, זוכט דער ראַביי דעם וועג צו גאָט. אָבער וואָס פאַר אַ שכר האָט ער דערפאַר? ער האָט דעם זעלבן שכר ווי דער פיאָנער סעם, וואָס וויל באַזעצן יידן אויף דער ערד. אויך דער ראַביי, פונקט ווי סעם, שלאָגט זיך אָן אין דער רויער, האַרטנעקיקער סביבה, וואָס איז

גלייכגילטיק צו אַלץ און אַלעמען און וויל דינען בלויז צו דעם עגל־הזהב. די יידן אין דער גאָלד־שטאָט — אַביסל אַלטע בטלנים און קאַליקעס — הייסן זיך פאַר זייער גאָט־דינען באַ־צאָלן. דער ראַביי בלייבט צום סוף איינער אַליין אין דער סינאַגאָגע, וואו עס שפּרינגען אַרום שטשורעס. דער ראַביי איז געצייכנט זייער בולט. ער איז אַ טראַגישע געשטאַלט. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן דעם רעווערענד, וואָס איז אַ שוואַך, ווייך מענטשל, פּונקט דער היפּוך פון ראַביי. אונטער דעם ראַביים פירנדיקער פּערזענלעכקייט און אויטאָריטעט ווערט דער רעווערענד אויך אָנגעשטעקט פון זיין עקשנות און ער גייט מיט אים מיט, וואו יענער זאָל אים נישט פירן. גאָלדהאַר איז אַ בריה צו שילדערן מענטשן אין זייער נישט־נאָרמאַלן, אין זייער שלא־כדרכודיקן צושטאַנד, דווקא דעמאָלט ווען זיי זענען נישט שווה בשווה מיטן אַרום. ער פאַרמאָגט אַלעמאָל אַ ביסל הומאָר, — אָפטמאָל בייסיק־סאַטירישן הומאָר, — וואָס מאַכט ווייכער די אָנגעשטרענגטע און שטייפע סיטואַציעס, וואו ער טרעט אַרויס אַלס שטראָפער. די סצענע, וואו דער ראַביי בלייבט אַליין אין דער סינאַגאָגע, אַ פאַרלאָזענער פון אַלע, הויבט אויף דעם מענטש פון דער גרויער, טאָג־טעגלע־כער ווירקלעכקייט און זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ בלויז אויף דער וועלט געמיינקייט, פאַראַנען אויך מענטשן, וואָס גיבן אַוועק ס'לעצטע פאַר זייער גלויבן און אידיי.

ווי איך האָב דערמאָנט, האָט גאָלדהאַר אין במעט אַלע זיינע דערציילונגען שטאַרקע אַקצענטן פון הומאָר. אָבער אויך דער הומאָר איז נישט קיין ווייכער און קיין גלעטנדיקער, נייערט אַ שאַרפער, אַביסעלע אַ קאַלטער, וואָס גרענעצט זיך טיילמאָל מיט אַ ביסל אָפּלאַכערישקייט. די אָפּלאַכערישקייט איז אָבער ווייט נישט לשם הנאה וועגן, נאָר זי פירט אויס אירע פונקציעס און איז אינגאַנצן אין דינסט פון גאָלדהאַרן, דעם געזעלשאַפט־לעכן יידיש־אויסטראַלישן שרייבער. גאָלדהאַר האָט גלענצנד געקענט אויפכאַפּן דעם אימיגראַנט אין אַלע זיינע קאָמישע סיטואַציעס, אין אַלע זיינע אומגעלומפּערטע פאַזעס און אומ־וואַנדלונגען, בעת ער האָט זיך געשטרעקט אין דער לענג און

אין דער ברייט, כדי אונטערצוקומען דעם אויסטראַלישן שכן און נאָכצוקאָפּירן אים מיט אַלע פּיטשעווקעס. די אומוואַנד־לונגען, וואָס זענען אָפּט געמאַכט געוואָרן זייער ראַדיקאַל און זייער שנעל און מחמת דעם זענען זיי געווען נאָך קאָמישער און אומגעלומפּערטער, איז גאָלדהאַר געווען אַ גרויסע בריה אויפצוכאַפּן מיט דער גרעסטער שאַרפקייט און פּרוטאַלער באַ־אָבאַכטערישקייט. ער האָט דאָ קיין איין פּרט נישט דורכגע־לאָזט און אפילו געשילדערט די קאָמישע הלבשה פון עמי־גראַנט, וואָס האָט אין אַלץ געוואָלט נאָכטון דעם אויסטראַליער און זיך אָנגעהויבן צו קליידן פּונקט ווי ער.

ביי דער גאַנצער לעבנס־חכמה אין זיין שרייבן, ביי דער גאַנצער פאַרשטענדעניש פאַרן מענטש, ביי דעם גאַנצן אומע־טיק־קלוגן קוק זיינעם אויפן לעבן, וואָס זאָגט, אַז מען דאַרף נישט נעמען אַלץ אַזוי ערנסט, מען דאַרף מכפּר זיין אויף פיל שוואַכקייטן פון דעם מענטש, ווייל דער מענטש איז נאָך אַלעמען אַ גרויס קינד, — באַגלייט גאָלדהאַרס אַלע נאָוועלן אַ שאַרפקייט, אַ האַרבקייט, וואָס שטראָפט, מאָנט און ווייזט אָן אויף דעם שלעכטן.

אין זיינע אַלע דערציילונגען וועגן אויסטראַליע האָט ער נישט באַזונגען דעם ישוב, נישט געשענקט אים קיין שירות ותשבחות. כאָטש גאָלדהאַר האָט מיטגעפילט מיטן אימיגראַנט, ווייל ווער־וועער, אָבער ער האָט דאָך זיכער געשטעלט מיט אים די ערשטע אומזיכערע טריט אויף דער היגער פרעמדער ערד, גענעסן מיט אים דאָס האַרטע עמיגראַנטישע ברויט, האָט ער פונדעסטוועגן געזאָגט נישט איינמאָל זיינע אחים לצרה נישט איין האַרב וואָרט, ווען זיי האָבן דאָס פאַרדינט.

גאָלדהאַרס שרייבן איז אָנגעזאָפּט מיט אַ גרויסער נאָס־טאַלגיע, מיט אַ גרויסער בענקשאַפט אַהיים און ער איז נישט איינמאָל באַהערשט מיט יאוש־שטימונגען, אָבער ער באַ־האַלט די אַלע יאוש־שטימונגען אין זיך און ער פרואווט צו שמייכלען, ווייל אויף זיינע פּיאָנערישע פּלייצעס הויערט אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט. גאָלדהאַר ווייסט, אַז נישט מיט קיין צווייפל־שטימונגען דאַרף ער קומען צו די פרישע עמיגראַנטן,

מיט וועלכע ער אַליין האָט פֿאַראַנקערט דאָ ביי דעם פּרעמדן ברעג. עס ליגט אויף אים דער גרויסער חוב פֿון אַ פּיאָנער, וואָס דאַרף בויען און שאַפֿן און צוגעבן מוט. אָבער צוקוקנדיק זיך צו דער האַרטער וואָר, איז ער דען ביכולת דאָס צו טון?

שמייכלט טאַקע גאָלדהאַר אָפּט מאָל געצוואונגען און דורך דעם קלוגן אומעט, וואָס באַגלייט זיינע דערציילונגען, רייסט זיך זייער אָפּט דורך אַ ליכטיקער שטראַל. ער טראָגט אויף זיך געדולדיק דעם חוב פֿון אַ פּיאָנער, וואָס קען זיך אויף קיין שום שרייבערישע לוקסוסן נישט פֿאַרגינען, נאָר מוז כסדר קומען צו זיינע ברידער מיט עפּעס ממשותדיקס, וואָס וועט קענען באַווירקן דאָס לעבן זייערס, עס אַרויספֿירן אויף אַ נייעם יושרדיקן און גערעכטן וועג.

גאָלדהאַר האָט אַלע זיינע יאָרן געצאָלט געדולדיק דעם אויסטראַלישן ישוב זיין צינז. און ער האָט געטריי דאָס היגע יידישע לעבן געשילדערט אין זיין גאַנץ שאַפֿן. ער איז אַזוי פֿאַנאַטיש געטריי געווען אויסטראַליע, וואָס ער האָט דווקא געוואָלט אַרויפֿברענגען אויף דער מאַפּע פֿון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור, אַז ער האָט זיך גענומען די לעצטע יאָרן צוזאַמענשטעלן אַן אַנטאָלאָגיע פֿון דער אויסטראַלישער פּראָזע אויף יידיש. ער האָט מיט גרויס התמדה איבערגעזעצט די בעסטע מוסטערן פֿון דער אויסטראַלישער פּראָזע און אַזוי אַרום געוואָלט פֿאַרברידערן די צוויי ליטעראַטורן, וואָס שאַפֿן אויף איין קאָנטינענט אין צוויי פֿאַרשידענע שפּראַכן. אָט דער אויפֿטו האָט אויך געזאָלט זיין אַ סטימולירנדיקער רוף צו די אַנדערע קליינע יידישע ישובים, זיי זאָלן נאָכטון דאָס זעלבע.

די לעצטע יאָרן האָט אויך גאָלדהאַר זיך גענומען אומקוקן אהיים קיין פּוילן, צו וועלכן ער האָט אַלעמאָל געטראָגן אין זיין האַרצן אַ טיפֿע בענקשאַפֿט. די גרויסע יידישע טראַגעדיע, בעת וועלכער דאָס מעכטיקע יידישע לעבן אין פּוילן איז אַזוי אומברחמנותדיק אונטערגעהאַקט געוואָרן, האָט דאָ זיכער געשפּילט אַ דעציזירנדיקע ראָל. גאָלדהאַר האָט גענומען זען קלאָר און דייטלעך דאָס אַמאָליקע שיינע יידישע לעבן

אין פוילן, וואָס ער האָט באַזונגען מיט אַ סך חן און האַר־ציקער ליבשאַפט אין זיינע קינדער־דערציילונגען. דאָס אינטע־רעסאַנטע איז דערביי, אַז אין אָט די דערציילונגען האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעווישט דער האַרבער טאָן, וואָס האָט אַלעמאָל באַגלייט זיינע דערציילונגען וועגן אויסטראַליע. זיין פעדער האָט דאָ מיטאַמאָל באַקומען מער נאָכגיביקייט, עלאַסטישקייט און ווייכקייט און פאַרלוירן די שפּיציקע און עקיקע קאַנטורן. די שפּראַך איז זייער אַ פאָלקסטימלעכע און וואַרעמע. אויך דער הומאָר איז אין די דערציילונגען אַ גאַנץ אַנדערער, מער אַ שלום־עליכמדיקער און גוטמוטיקער און פאַרמאָגט נישט די סאַטירישע און שאַרף־קריטישע אַקצענטן. די דערציילונגען זענען געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן און שילדערן דעם מחברס קינדהייט. גאָלדהאַר האָט געשריבן איין אויטאָביאָגראַ־פישע דערציילונג, אַ צווייטע. און כאָטש די דערציילונגען האָבן נישט קיין דירעקטע פאַרבינדונג ווי אין אַ ראָמאַן־פאָרם, האָבן זיי בהדרגה געזאָלט שילדערן גאָלדהאַרס גאַנצע קינד־הייט. גאָלדהאַר האָט בכלל גענומען לעצטנס צוריקקוקן אַהיים קיין פוילן און אפילו אָנגעהויבן אַ דערציילונג, וואָס האָט גע־זאָלט שילדערן די היינטיקע גרויזאַמע און בלוטיקע יידישעווירקלעכקייט. פון אָט דער דערציילונג האָט ער בלויז איבער־געלאָזט דעם אָנהויב, וואו עס קומט שוין צום אויסדרוק אין שטאַרקע בילדער דער גרויסער חורבן אונזערער. די דערציי־לונג איז געשריבן אין דעם גאָלדהאַרישן נוסח, מיט זיין סטיל, וואָס מיר קענען שוין פון פריער, מיט דער קערנדיקער עבט־יידישער שפּראַך, וואָס איז אַלעמאָל געווען זאָרגפעליק ביי אים אָפּגעהיטן, אָבער די זאַך פאַרמאָגט אַבסאָלוט שוין נישט מער פון דער שאַרפקייט, וואָס מיר זענען געוואוינט צו זען אין אַ סך גאָלדהאַרס אויסטראַלישע דערציילונגען. אוודאי שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָל דער מיט בלוט אַדורכגעווייקטער שטאָף, מיט וועלכן דער קינסטלער האָט אָפּערירט. פון דער ווייטנס, בעת מען איז אַליין אָנגעפילט מיט בענקשאַפט נאָכן פאַרגאַנגענעם און פאַרשוואונדענעם, קען מען זיך זיכער נישט שטעלן אין דער בחינה פון אַ קריטיקער, אָבער די היימישע טיפּן האָבן

אַלעמאָל געפונען אין גאָלדהאַרס אויגן אַ סך חן. אפילו די־היימישע יידישע טיפּן הי אין אויסטראַליע, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן דעם אַרום, האָבן אין זיינע אויגן תמיד געפונען אָן אַ שיעור לייטזעליקייט און מען האָט באַלד געקאָנט באַמערקן וואָס פאַר אַ ליבע ער האָט צו זיי פאַר־מאָגט.

אין דער זעלבער צייט, וואָס גאָלדהאַר האָט געשריבן זיינע מיט האַרץ און ווייטיק אָנגעפּולטע דערציילונגען וועגן דער אַלטער היים, האָט ער זיך פאַרנומען אויך אָנצושרייבן אַן עפּאָס וועגן אויסטראַליע. די עפּאָפּייע האָט ער בלויז אָנגע־הויבן, אָנגעשריבן צוויי פראַגמענטן, וואָס האָבן נישט קיין פעסטן צוזאַמענהאַנג. אָבער דאָס, וואָס איז געבליבן פאַר־מאָגט אַ גאַנצקייט און איז באַאַרבעט און אויסגעפורעמט פּרעציז ביז שלימות. גאָלדהאַר האָט שטענדיק געאַרבעט מיט גרויס התמדה איבער זיינע זאַכן, געשליפן יעדע שורה. דער ראָמאַן האָט געזאָלט טראָגן דעם נאָמען „די שרפה", אָבער ס'קען זיין, אַז אין גאַנג פון דער אַנטוויקלונג וואָלט דער מחבר געענדערט דעם נאָמען. די קאָנצעפּציע פון ראָמאַן האָט געזאָלט זיין דער אייביקער פּרוּוו פון צוזאַמענלעבן זיך צווישן ייד און נישט־ייד. אין אַן אויסטראַלישער פּראָווינץ־שטאָט לעבט בלויז אַ ייד מיט זיין הויז־געזינד, וואָס טוט אַלץ אין דער וועלט, כדי זיך צוזאַמענצובּרידערן — פאַרשטייט זיך, איינהאַלטנדיק זיין יידישקייט — מיטן אויסטראַלישן שכן. דער ייד, אַרומגערינגלט פון לויטער אויסטראַליער, ליידט פון פאַר־שידענע קאָמפּלעקסן, וואָס באַפאַלן און פּייניקן אים, ווי די גיפטיקע פליגן. ער ליידט פון מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, פון צו־להכעיסדיקער גרויסהאַלטערישקייט און ער ווייסט אַליין נישט וואָס צו טון, כדי צו דערהאַלטן די גלייכגעוויכט. די גע־שאַפענע לאַגע שטויסט אים צו כלערליי פילאָזאָפיעס און מע־דיטאַציעס און ער וויל ממש אַרויס פון זיין הויט, ער שטרעקט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז די פרעמדקייט זאָל פאַרשווינדן צווישן אים און די אויסטראַליער. דער עיקר וויל ער ראַטעווען זיין איינציקע טאָכטער פון די גויים. ער קלערט

באַדיי איבערצולאָזן זיין ברויט־מיט־אַ־מעסער און אַנטלויפן צווישן יידן, אַבי צו ראַטעווען די טאָכטער.

גאָלדהאַר האָט דאָ געהאַט אַ ברייט פעלד, כדי אַ צעפיר צו טון די הענט. זיין שפּראַך, זיינע שילדערונגס־מעגלעכקייטן האָבן דאָ געפונען אַ סך לופט אויף צו אָטעמען. זיין אַלעמאָל זאָרגפעליקע שפּראַך, וואָס האָט שטענדיק געהאַט פאַרמאַכטע טירן פאַר די פרעמדע שעדלעכע עלעמענטן, כאָטש גאָלדהאַר האָט געלעבט אין אויסטראַליע יאָרן לאַנג, האָט דאָ געפונען דעם פולסטן תיקון און אַ ברייטע סקאַלע פון מעגלעכקייטן. די היימישע אידיאָמען, פאָלקס־ווערטלעך און פאָלקס־ווענדונגען, וואָס זענען פון תמיד אָן געווען תושבים אין גאָלדהאַרס זאַכן, האָבן זיך דאָ באַזעצט מיט רחבות און שפע, כאָטש די סביבה איז דאָ דווקא אַ פרעמדע. אין דעם ערשטן עפּישן קאַפּיטל, וואָס עפנט זיך אויף פאַר אונז ווי אַ פּעכער און וואַרפט אָן די טיפּן און כאַראַקטערן, וואָס וועלן שפּעטער דאַרפן שפּילן אַ ראָל אין ראָמאַן, איז אַלץ געבויט פעלזן־פעסט און סאָליד. די שפּראַך איז דאָ אַ פעטע, אַ רייכע און העלפט אַרויסברענגען די שטימונג און העלפט מאָלן די נאַטור, די אַביסל ווילדע אויסטראַלישע סטיכיע, וואָס גאָלדהאַר איז אַלע־מאָל געווען אַ בריה צו שילדערן, אַרויסברענגענדיק די סאַמע ספּעציפישקייטן און די אַנדערשדיקייטן פון אונזער נאַטור אין פוילן.

עס איז אַ גרויסע אבידה, וואָס גאָלדהאַר איז אַזוי יונג פון דער וועלט אַוועק און נישט באַוויזן דעם ראָמאַן און זיינע אַנדערע ליטעראַרישע פּלענער צו דערפירן צום סוף.

גאָלדהאַר האָט מיט זיין שאַפן דער ערשטער אַרויפגע־שטעלט אויסטראַליע אויף דער מאַפּע פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור און זיך אַליין פאַרשאַפט אין איר אַ חשוב אָרט.

# דערציילונגען

פון רעכטס צו לינקס: פ. גאָלדהאַר, ח. ל. פוקס, ישראל ראַבאָן

פון רעכטס צו לינקס: פ. גאָלדהאַר, די מאָלער לייזעראָוויטש, האַבער און דער שרייבער א. אַלפערין

# דער רעסטאָראַטאָר מאַנדעל

אויף דער סאַמע פראָנט־טיר פון מאַנדעלס כשרן רעס־טאָראַן אויף דער רעטדאַון־סטריט, איז מיט קרייד אויפגעצייכנט אַ האַקנקרייץ און דערביי איז מיט קרומע קינדעריש־אומגעלומ־פּערטע קידוש־לבנה־אותיות צוגעשריבן צום גראַם:

דזשו באָי־דזשו,

יו קאָל'עם טען טו טו.

די ווערטער מיטן האַקנקרייץ זענען האַלב־פאַרווישט. מען זעט קוים עפּעס אָן. אָבער יעדעס מאָל, ווען מיסטער מאַנדעל גיט אַ קוק אויף דער טיר, וואַרפט זיך עס אים גלייך אין די אויגן אַריין. ער מאַכט זיך נישט זען די פאַרשמירטע טיר. זינט ער האָט געעפנט דעם רעסטאָראַן אויף רעטדאַון־סטריט, האָט ער זיך נאָכאַנאַנד אָפּצויאָגן פון די שקצימלעך, וואָס האַלטן אין איין שמירן „רשעות" אַמאָל אויף דער מויער, אַמאָל אויף דער טיר, אַמאָל אויפן פענסטער. ער ווישט אָפּ דאָס „רשעות", רייבט עס און וואַשט, עס זאָל דערפון קיין סימן נישט בלייבן. עס העלפט אָבער ווי אַ טויטן באַנקעס. איידער ער דרייט זיך אום, איז שוין ווידער עפּעס אָנגעשמירט. ער טשאַטעוועט אויף די שקצים, ווייל זיי כאַפּן ביי דער האַנט, אָבער ווי נאָר זיי דערזעען אים, צעלויפן זיי זיך מיט אַ געפּיל־דער, שטעקן אויף אים אַרויס פון דער ווייטנס אַ צונג. בלויז דזשאָרדזשי, אַ דאַר באָרוועס שייגעצל מיט שטרוי־בלאָנדע האָר, וואָס שטייען שטייף אַוועק פון זיין שמאָלן שטערן, ווי אַ ראַשעק, אַנטלויפט נישט. ער מאַכט נישט געאיילט אַ פּאָר טריט הינטערוויילעכטס און זשמורעט פאַררייסן אויף מאַנדעלן

די גרינלעכע אויגן, וואָס קוקן האָריק, ווי אַגרעסן, אַרויס פון צווישן די שיטערע ווייסלעכע וויעס. מאַנדעל וויל צו אים צוגיין, אָנדרייען אַן אויער, אָבער דזשאָרדזשים פאַרריסענער האָריקער בליק צעמישט אים אַביסל. ער גיט בלויז אַ מאַך צו אים מיטן פינגער און בייזערט זיך אָן:

— „יו בעד באָי...”

— „בעט באָי, בעט באָי!” — שפּעט אים דזשאָרדזשי נאָך, פאַרשאַרצט דאָס שפּיציקע זומער־באַשפּרענקלטע נעזל און גייט אַוועק מיט פּאַמעלעכע, געלאַסן־צעווויגטע טריט, מעשה דערוואַקסענער, — ער קאָן זיך זיין שטעטל אַליין באַשטיין.

מאַנדעלן איז לסוף נמאס געוואָרן דאָס כסדרדיקע אָפּיאָגן זיך פון די שקצים. ער האָט געזען, אַז ער וועט ביי זיי גאָרנישט אויספירן. ער מאַכט זיך בלויז נאַריש, לאָזט זיך פירן פון קינדער ביי דער נאָז. האָט ער אויפגעהערט זיך אומצוקוקן אויף די שרייבערייען, עלעהיי ער זעט נישט און פּטור אַן עסק.

ער האָט אָבער יאָ געזען. ער פלעגט אַוועקדרייען דעם קאָפּ, כדי נישט צו קוקן אויף דער פאַרשמירטער טיר. אָבער דאָס קינדערישע לידל מיטן האַקנקרייץ, כאָטש האַלב־אָפּגע־מעקט, האָבן זיך שאַרף אים געוואָרפן אין די אויגן אַריין. ער האָט שוין געקענט פון אויסנווייניק יעדעס שטרייכעלע און יעדעס דריידל פון די קרומע, אומגעלומפּערטע אותיות. אָבער דווקא דערפאַר, ווייל ער האָט זיי אַזוי גוט געקענט, פלעגט ער צוקומענדיק צו דער טיר, זיך נישט קאָנען איינהאַלטן, ער זאָל נישט כאַפּן אויף זיי אַ קוק. ביי זייער גאַנצער קינדערישקייט האָט פון זיי געשלאָגן אַ מין טריפהנער כוח, וואָס האָט אויפ־געריסן די אויגן. נישט ווילנדיק האָט ער געמוזט אויף זיי קוקן, און קוקנדיק אויף זיי האָבן ביי אים די ליפּן פון זיך אַליין ווידעראַמאָל און נאָכאַמאָל געחזרט דאָס לידל: „דזשו באָי, דזשו... דזשו באָי, דזשו...”

— עט, קינדערישע שטיק... כ'וועל מיך דאָרט איבער־נעמען... — מאַכט מאַנדעל אַוועק מיט דער האַנט. אָבער זיין נידעריק ווייבעריש־רונדיק פּלייצעלע, וואָס דרייט זיך אַזוי

לייכט און געשמיידיק ביים באַדינען די געסט, ווערט מאָדנע פלאַטשיק און שטייף, ווי אַ ברעטל. ער גיט לייכט און בגנבה אַ וויש מיט דער האַנט איבער דער טיר, אָבער גלייך כאַפּט ער די האַנט צוריק. עס דאַכט זיך אים, אַז דזשאָרדזשיס גרינע אויגן טשאַטעווען אויף אים פון אַ באַהעלטעניש אַרויס. מאַנדעל קוקט זיך נישט ווילנדיק אום. די גאַס איז ווי תמיד שטיל און לײדיק. די אָרעמע איינשטאָקיקע הייזלעך מיט די שיפּע, פאַרזשאַווערט־אָפּגעקראָכענע דעכער, וואָס שניידן זיך אַקעגן הימל אין דער לענג און אין דער ברייט, טוליען זיך ווי אַ סטאַדע פערד, וואָס שלאָפן שטייענדיקערהייט, די קעפּ פאַרוואָרפן איינער אויפן צווייטן. פון דער ברייט־פענסטערדיקער שענק אין ראָג, וואָס גלאַנצט פון דער ווייטנס מיט דער פאַרפוצטער העל־בלויער קאַפּליע־מויער, טראָגט זיך אָן אויפהער אַ שטיל־איינגעהאַלטן זשומען ווי פון אַ בין, — אַ שיכור וואַקלט זיך אַרויס פון דער אָפענער טיר. אַלץ אויף אים איז צעקנאָדערט, ווי ער וואָלט געשלאָפן אין אָנטועכץ. ער קוקט זיך אַרום איבער דער גאַס מיט גלאָזיק־פאַרלאָפענע אויגן און טאָפּטשעט מיט די פיס אויף איין אָרט, דרייט זיך אַרום אין אַ רעדל, ווי אַ הונט, וואָס שמעקט אויס אַן אָרט וואו זיך אַנידערצולייגן. ער האַלט זיך קוים אויף די פיס, אָט־אָט ציט ער זיך אויס, ווי לאַנג ער איז, און ס'דאַכט זיך, אַז מיט אים צוזאַמען וועלן אויך זיך אַוועקלייגן די מידע אָפּגעקראָכענע הייזלעך.

אויף דעם שמאָלן גאַניקל אַקעגנאיבער זיצט דער אַלטיטשקער העגדערסאָן אויף דער אויסלייג־שטול און דרעמלט מיט האַלב־אָפענע אויגן. אַ לינד ווינטל שפּילט זיך מיט זיינע ווייסע, דורכזיכטיקע האָר, בלאָזט זיי פאַנאַנדער און דעקט אָפּ די ווייכע, ראָזע הויט אויף זיין קאָפּ. די געראַניעס, וואָס וואַקסן אויף דער איינציקער שמאָלער בייט ביים גאַניקל, וויגן אינם ווינטל די קרעל־רויטע קעפּלעך און באַהאַלטן זיך אַלע ווײלע הינטער די פליישיקע, פעט־גרינע בלעטער, ווי קינדער הינטער אַ מאַמעס פאַרטוך. דער אַלטיטשקער שמייכלט אינם דרעמל מיט די אויפגעפּוישטע, זקנהדיק־פאַררויטלטע בעקלעך. ער

איז אַ שטילער מענטש, טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט. ער לעבט זיך מנוחהדיק פון דער עלטער־פּענסיע, וואָס ער גייט אָפּנעמען יעדע צוויי וואָכן אויף דער פּאָסט. ער איז דעמאָלט אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרצן האַרטן קאַפּעליוש, אַזש גרין פון אַלטקייט, און אין אַן אויסגעריבענעם סורדוט, אַלט־מאָדיש פאַרשניטן אין דער טאַליע. אַ חוץ נאָך דער פּענסיע אויף דער פּאָסט גייט ער קיינמאָל אין ערגעץ נישט אַרויס. ווי גאָט גיט דעם טאָג, באַוויַיזט ער זיך אויפן גאַניקל אין אַ פּאָר טיפע פילצענע שטעק־שיך אויף די פיס, מיט דער אויסליַיג־שטול אין איין האַנט און מיט אַ האַרט־איינגעזעסן פליושן קישעלע אין דער צווייטער. ער קוקט זיך פאַוואָליע אַרום איבער דער ליידיקער גאַס, שאָקלט מיטן ווייסן קאָפּ און שמייכלט, ווי ער וואָלט זיך אַליין געזאָגט „גוט־מאָרגן”. דאָס שמייכעלע גייט קיינמאָל נישט אַראָפּ פון זיין פּנים.

אָבער מאַנדעלן דאַכט זיך אַצינד, אַז דער אַלטיטשקער מיינט עס אים מיטן שמייכעלע זיינעם, קוקט אויף אים מיט די האַלב־אָפענע, פאַרדרימלטע אויגן און זעט אַלץ, ווי ער, מאַנדעל, פאָרעט זיך ביי דער טיר און נעמט זיך איבער מיטן קינדערישן „דזשו”־לידל. אפילו די פענסטער פון די שטילע, פאַרשלאָפענע הייזלעך, דאַכט זיך מאַנדעלן, קוקן מיט חוזק אַפער פון אונטער די אָנגערוקטע נידעריקע אָפּדעכלעך איבער די וועראַנדעס. דער הויכער, פלאַך־געוועלבטער הימל, איבער וועלכן עס קריכט פויל און פאַוואָליע אַ סטאַדע געקרייזלטע, וויים־אָנגעפּעלצטע וואָלקנדלעך, שפּיגלט זיך מילכיק־בלוי אין די פענסטער־שויבן, וואָס זעען אויס מאָדנע בולט און פייכט ווי פערדישע וויַיסלען. זיי גלאָצן אויף אים קאַלט און גוייִש־פרעמד. פון אַ קווער־גאַס דרייען זיך אַריין צוויי יידן. זיי גייען מיט אַ לויזן בנעימותדיק־ברייטלעכן גאַנג, מאַכן צו זיך מיט די הענט און שאָקלען מיט די קעפּ. מאַנדעלן אַרן איצט די יידישע תנועות זייערע. עס נעמט אים אָן אַ ביטערקייט און אַ רחמנות צוזאַמען. ער קוקט זיי נאָך אַ שטיקל ווילע און גיט אַ זיפץ:

— אוי, יידעלעך... יידעלעך... — זיפצט ער אָפּ, רוקט אַריין דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און שאַרט זיך מיט דראָבנע, געהיפּערטע טריטעלעך צוריק אַריין אינעווייניק, ווי ער וואָלט זיך פאַר עמיצן באַהאַלטן.

עס ליגן אים, מאַנדעלן, נאָך גוט אין די ביינער די דייטשע צייטן, בעת ער האָט געלעבט אין בערלין אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע. ער האָט אויך דאָרטן געהאַלטן אַ כשרן רעסטאָראַן מיט אַ האָטעלעכל. אויפן נידעריקן פענסטער אין פראָנט איז געווען אויסגעמאָלן אַ גאָלדענער מגן־דוד מיטן וואָרט „כשר" אין מיטן, און אַרום אין אַ האַלב־ראָד איז מיט הויכע גאָטיש־שפּיציקע אותיות געווען אויסגעציקלט „האָטעל מעטראָפּאָל". אָבער אַז מען האָט זיך אויף גרענאַדיר־שטראַסע געפרעגט אויפן האָטעל „מעטראָפּאָל" פלעגט מען קוועטשן מיט די פּלייצעס, נישט וויסן פון קיין פּותר, קיין חלום און אַז מען האָט זיך קוים געכאַפּט וואָס מען מיינט, האָבן אפילו גויים געוואוסט צו ענטפערן:

— אַך־זאָ, דאַס פּאָלנישע „שטיבל"... געווים... געווים...

מען האָט אַזוי גערופן מאַנדעלס האָטעל, מחמת עס זענען דאָרט איינגעשטאַנען יידן־חסידים פון פּוילן, וואָס פלעגן פאָרן זיך היילן צו די בערלינער פּראָפעסאָרן. טאָג און נאַכט איז דאָרטן געווען אַ גערודער, ווי אויף אַ יאַריד. יידן אָנגעטון האַלב־חסידיש, האַלב־דייטש, מיט שפּאָגל־נייע שוואַרצע סאַמע־טענע קאַפּעליושן, וואָס זענען אומגעלומפּערט־שטייף, ווי פון בלעך, געשטאַנען אויף זייערע קעפּ, און מיט בערד אַרונטער־געשאַרט צום האַלז צו, מען זאָל זיי וואָס ווינציקער אָנזען, האָבן זיך געדרייט אַריין און אַרויס, זיך איבערגערופן אויפן הויכן קול, געיאָגט, געשמייעט. אַנישט איז מען געזעסן אינם ענגן רעסטאָראַנדל, שעהן־לאַנג פאַרנומען די ערטער ביי די טישלעך און געשמועסט פּאָליטיק, דערציילט זיך נסים פון די בערלינער פּראָפעסאָרן און געקאָפּטשעט בעת־מעשה גראָבע דייטשע ציגאַרן מיט גאָלדענע באַנדעראָלן, און אַז מען איז געווען אַ מנין, האָט מען נישט געמאַכט קיין שהיות, אַוועקגע־

שטעלט זיך אין סאַמע דורכגאַנג צווישן די טישלעך און אַריינ־געכאַפּט אַ מנחה בציבור...

פון דער קיך האָט זיך געטראָגן דער מענערישער חיתוך־הדיבור פון דער קאַלישער נגידיתטע, פּרוי פּריזאַמענט. זי איז געווען אַן עקרה, יאָר נאָך יאָר געפּאָרן קיין בערלין און זיך געדאָקטערט ביי די גרעסטע פּראָפּעסאָרן. מען האָט ביי מאַנ־דעלן, וואו זי פּלעגט תמיד איינשטיין, געמוזט קאָכן פּאַר אירעטוועגן עקסטרע מאכלים: יויכן פון קאַפּהענער, כרעמזלעך געפּרעגלט אויף ריינעם פּראַנצויזישן בוימל, קאָמפּאָטן מיט צימערינג און נעגלקעס. זי פּלעגט אַליין אַכטונג געבן אויף די געקעכצן. אויסגעפּוצט ווי אַ מחותנתטע אין אַ שפּיצן־יופּע און מיט אַ טיף, קאַרבירט שייטל פרום אַראָפּגערוקט איבערן שטערן, האָט זי זיך כסדר אַרומגעדרייט אין קיך, געצויגן דעם קאָפּ אַריין און אַרויס, ווי אַן עוף ביים פּיקן קערנער, און פאַרזוכט פון די טעפּלעך אַרויס, מפונהקדיק געקרומט דאָס זויער־אויסגעצויגענע עקרהדיקע פּנים.

— באַבקאָווע בלעטכיע... די יויך בעט זיך אַ באַבקאָווע בלעטכיע... — האָט זי געהילכט מיט איר מאַנסבילישן קול אויפן קאַלישער לשון, געדרייט מיטן באַשייטלטן קאָפּ, און די שווערע אויער־רינגען האָבן זיך מיטגעבאָמבלט אויף די אויס־געצויגענע אויערן־לעפּלעך מיט לעבער ווי אין פּאַק־נאָדלען.

מאַנדעל, כאָטש אַן „אָסט־יודע", איז שוין געווען שטאַרק אָנגעשטעקט מיט דייטשישקייט און האָט געקוקט אויף זיינע געסט פון אויבן אַראָפּ, נישט געהאַלטן פון זייערע „פּאָלנישע" פּירעכצן. ער איז געזעסן הינטערן הויכן בייכיק־רונדיקן בופעט, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט בראָט־פּאַנען גאַלער איבער־געצויגן מיט אַ שמאַלציק־געל גערונצלט הייטל, מיט פּלאַטעס געפילטע פיש אַרומגעלייגט מיט געסטאָיעטע, גליטשיק־פעטע מייערן־פּליטשלעך, מיט סלאָיעס מאַרינירטע ווייס־בייכיקע הע־רינג, מיט שטרודל, קאַמיזע־ברויט, אייער־קיכלעך אונטער גלע־זערנע קלאָשן. מען האָט אים קוים אַרויסגעזען פון הינטער דעם אָנגעשטעלטן בופעט. בלויז דאָס סאַטינענע יאַרמולקעלע

זיינס מיטן שטייפן קניטש פון פאָרנט, ווי אויף אַ פּריש־געַ־פּרעסטער הויז, האָט זיך חשיבותדיק אַרויסגעהויבן איבער די סלאָיעס און קלאָשן. ער האָט אַלע ווײַלע גערוקט דאָס יאַר־מעלקעלע אַרויף און אַראָפּ אויפן קאָפּ, קוקנדיק אויף די טומל־דיק־פאַרשמייעטע געסט, זיך געצופּט דאָס בלאָנדע געפּוצטע בערדל און ברוגזדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ אויפן ראַדזינער מקורב ר׳ יחיאל הענדעלעס, וועלכער האָט מיט ברייטע שפּרייזן געשפּאַנט אויף און אָפּ איבערן ענגן רעסטאָראַנדל, און די לאַנגע גראָב־צעקנופּטע ראַדזינער ציצית מיטן פּאָדים תכלת האָבן צעפלויגן זיך נאָכגעשאָקלט ביי זיין יעדן טריט.

ר׳ יחיאל איז געווען אַ הויכער ייד מיט אַן עילווישן, טיף־געקאַרבטן שטערן און פרום־פאַרטראָגענע אויגן, וואָס ער האָט כסדר געקוועטשט מיט גרויס דבקות. טיף אין זיי איז אָבער געלעגן דער באַהאַלטענער צאַפּל פון אַ חרוב־קראַנקן מענטש. ער האָט שווער געליטן אויפן האַרץ און שוין עטלעכע מאָל איז ער אַוועקגעפאַלן ביים רבין אין בית־המדרש. מען האָט אים קוים אָפּגעראַטעוועט. צווישן די חסידים האָט זיך גע־טומלט, געקאָכט, און אויך דער רבי אַליין איז, גאָרנישט ווי זיין טבע, געוואָרן אויפגערודערט און אָנגעזאָגט די טיש־זי־צערס, אַז מען דאַרף זען ר׳ יחיאלן ראַטעווען, צו שטעלן אים אויף די פיס. מער האָט מען נישט געדאַרפט, און היות ר׳ יחיאל איז געווען אַ ייד, אַן אָרעמאַן, קוים געצויגן חיונה פון מעקלעריי ביי געהילץ, האָבן אַ פּאָר גבירישע חסידים, וואָס זענען געפּאָרן זיך קורירן קיין בערלין, אים מיטגענומען אויף זייערע הוצאות, נישט געזשאַלעוועט דעם גילדן. ר׳ יחיאלן איז אָבער נישט ניחא געווען דאָס גאַנצע עסק. ער האָט זיך גאָרנישט געקענט געפינען קיין אָרט אין דער גרויסער פּרעמ־דער שטאָט, עובר־בטלדיק זיך אַרומגעדרייט גאַנצע טעג אין טומלדיקן האָטעלעכל ביי מאַנדעלן און נישט געוואָלט אַרויס־שמעקן אויף דער גאַס אַרויס. ער האָט כסדר געהאַט טענות:

— וואו האָט מען מיך פאַרפירט, רחמנא־ליצלן... מען זעט נישט קיין יידיש פּנים אין דרויסן... רק גאָליבראָדעס. מען

קאָן טאַקע מיינען, אַז עס זענען חס וחלילה גאָר קיין יידן אויף דער וועלט נישטאָ... כ׳על דאָ אריינפאַלן אין עצבות, בנאמנות... האָט ער מיט פּאַרדרוס געטענהט, און יעדעס מאָל, ווען מען האָט אים געדאַרפט אַוועקפירן צום פּראָפעסאָר, איז אויסגע־קומען זיך צו אַמפּערן מיט אים, ער זאָל זיך אַביסל צוזאַמענ־שטעלן, אַרויסלאָזן די הויזן איבער די שטיוול אַריבער, פאַר־שטעקן די ציצית, זיי זאָלן זיך נישט נאָכבאָמבלען אין דרויסן.

— זייט נישט אַזוי פאַרקנייטשט, ר׳ יחיאל... דאָס איז אויסלאַנד. בערלין. מען קאָן זיך דאָ נישט ווייזן אין גאַס אין אַזאַ הילוך. זיך מאַכן צו חוכא וטלולא... — האָט מען מיט אים איינגעטענהט, זיך געבעטן ביי אים...

— כ׳על נישט אַרויפציען אויף מיר דאָס דייטשל... ס׳איז נישט פאַר מיינעטוועגן! — האָט זיך ר׳ יחיאל געקאָכט, גע־ווען אש־להבה. — מען וועט ביי מיר נישט פּועלן, איך זאָל מיך באַהאַלטן מיטן ביסל יידישקייט... אַזוי בין איך און אַזוי קויפט מיך...

— מיינע הערשאַפטן, ביטע אום רוהע! — האָט מאַנדרע‎ גערופן פון הינטערן בופעט אפער, גערעדט צום עולם דייטש, זיך געבלאָזן, און דאָס יאַרמעלקעלע מיטן שטייפן קנייטש האָט זיך רוגזהדיק געטרייסלט אויף זיין קאָפּ. — עס איזט דאָך קיינע אַרט און ווייזע... וואָס ווערדען די גויים זאָגן? עס איז קיין וואונדער דאָס רשעות וואקסט!

און דאָס רשעות איז טאַקע געוואַקסן. מען האָט עס גע־שפּירט מיט יעדן טאָג אַלץ מער. פון דרויסן האָט מען ווינציק יואָס געזען. דייטשלאַנד איז דערווייל נאָך געווען דייטשלאַנד, און דער דייטש — אַ דייטש, מיטן העפלעכן שמייכעלע, מיט „ביטע־שען", „דאַנקע־שען", אָבער אין דער לופט האָט שוין געשמעקט מיט סכנה. די „ברוינע העמדלעך" האָבן וואָס אַ טאָג אַלץ מער אויפגעהויבן די קעפּ. אַז מען האָט שוין אויפן גרויסן ווייסענזעער בית־עולם אָנגעהויבן ברעכן מצבות, און דווקא אין דער הויפּט־אַלייע, וואו ס׳זענען געשטאַנען די גרויסאַרטיקע מערמל־שטיינערנע מאָנומענטן, איז עס געווען אַ סימן, וואָס

האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. אויף די שוי־פענסטער פון טיטצס און ווערטהיימס וואָרן־הייזער פלעגט זיך אַלעמאָל באַ־וויזן דאָס וואָרט „יודע" געשמירט מיט קאַלך, און די פאַר־בייגייערס האָבן געשמייכלט אין דער נאָז אַריין, קוקנדיק פון דער זייט אויף די גיך־אָנגעליאַפּעטע קידוש־לבנה־אותיות, פון וועלכע דער שיטערער קאַלך האָט אַראָפּגעטריפט אין קרומע שמאָלע ריטשקעלעך. אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע האָט זיך געקאָכט מיט אַ בריוול, וואָס דער אַלטער אַלבערט מיזאַם האָט, עפּענענדיק אין איינעם אַ פרימאָרגן זיין ציגאַרן־געשעפט, געפונען אַריינגערוקט אונטער דער זשאַלוזע. אין בריוול איז קורץ און שאַרף געווען געשריבן:

„אַלבערט מיזאַם, שמוציקער יודע, היט דיך! דו ביסט ביי אונז פאַרשריבן אויף דער שוואַרצער ליסטע פון טויט! עס וואַרט אויף דיר און אויף אַלע איבעריקע פון דיין פאַר־פלוכטן שטאַם די נקמה פון דייטשן פאָלק! הייל היטלער!..."

מיזאַם איז געווען אַ מענטש פון אַלטן שניט, אַ שטייפלעך־אָנגעצויגענער, מיט ווייסע וואַטענע באַקן־בערד און געלבלעך־גרויע וואָנסעס, הויך אַרויפגעדרייט אויפן קייזערלעך־דייטשן פאַסאָן. אין געשעפט ביי אים איז תמיד געווען שטיל, עס האָט געשמעקט מיט איידעלע, ווייט־לענדישע ריחות פון טייַ־ערע טאַבאַקן און ציגאַרן, און עס האָבן זיך בכבודיק געטונקלט אַרום די ווענט די שווערע דעמבענע שאַפעס מיט גלעזערנע רוק־טירן. צו מיזאַמען אין געשעפט פלעגן קומען בלויז גע־שוואוירענע קונים, השובע סאָלידע דייטשן, פונקט אַזעלכע אַלטפרענקישע און שטייפע, ווי ער אַליין. זיי האָבן געקויפט ציגאַרן אויפן הונדערט, לאַנג געקליבן צווישן די אויסגעשטעלטע שאַכטלען אויפן טיש, גענומען צווישן די פינגער אַ ציגאַר, אַ צווייטן, אים באַשמעקט מיט מבינות און פאַררויכערט אויף פראָבע פונם שוועבעלע, וואָס מיזאַם פלעגט מיט גרויס ווירדע און העפלעכקייט אונטערטראָגן.

— עס שמעקט פרימאַ, אויסגעצייכנט, — פלעגן זיי לאָזן דינע שמעקעדיקע שנירעלעך רויך פון צווישן די וואָנסעס

אַפּער און פאַרפירן בעת מעשה אַ שמועס וועגן די אַלטע גוטע צייטן פון קייזער ווילהעלם. זיי זענען געווען צו אים צוגעלאָזן, גערעדט מיט אים ווי מיט זייערס גלייכן, און זייער צוגעלאָזנקייט האָט אים אָנגעפילט מיט שטאָלץ. ער האָט זיך געהאַלטן אין גרויסן אַנטקעגן די יידן אויף דער גרענאַדיר־שטראַסע, זיך ווינציק געמישט מיט זיי, און די יידן האָבן דערפאַר געטראָגן אויף אים אַ האַרץ, אים געגאַנגען אויסן וועג.

אָבער וויבאַלד מען האָט זיך דערוואוסט פונם בריוול, איז די אָפּגעפרעמדקייט צו אים מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. אַלע ווײַלע איז אַריינגעקומען עמעץ אַנדערש פון די יידישע שכנים אָנצוקוקן דאָס בריוול, און דאָס שטילע געשעפט איז מיטאַמאָל געוואָרן פול מיט אַן איינגעהאַלטענעם דערשראָקענעם טומל. דאָס גלעקל איבער דער ברייטער מאַט־שויביקער טיר האָט נישט גערוט, יידן זענען געקומען און געגאַנגען, און דער שטײַפּ־לעך־אָנגעציינגענער מיזאַם האָט יעדן איינעם אָקעגנגעטראָגן אַ קרומלעך, סודותדיק שמייכעלע און הינטן אַרום דערלאַנגט דאָס בריוול, אַז די פרײַלין גערטרוד ביי דער קאַסע, אַן אַלט־מוידישע פאַרטרוקנטע דייטשקע, מיט מיוזענע האָר פאַרדרייט אין אַ שטײַף קעקסל אויפן שפּיץ־קאָפּ, זאָל נישט באַמערקן. אפילו צו די „אָסט־יודען", מיט וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא, האָט ער היימישלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ און געוואונקען צו זיי אויף פרײַלין גערטרוד.

— ניכט דאַבערט, זי איסט אַן ערלטע, — האָט ער זיך געשושקעט אויפן אויער, צעטראָגן געפּינטלט מיט די אויגן און אַלע ווײַלע אַרויסגעצויגן מיט אַ ציטערדיק־בלייכער האַנט דאָס ווייסע, זיידענע טיכעלע פון דער ברוסט־קעשענע און זיך געווישט דעם שטערן.

— זאָ וואַס, זאָ וואַס... — האָט ער טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און די שטײַף־פאַרדרייטע וואָנסעס האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן זייער גאַנצע חשיבות און אויסגעזען ווי צוגעקלעפּט.

די יידן האָבן דין, מיט די שפּיצן פינגער גענומען דאָס בריוול, געלייענט עס איינמאָל און נאָכאמאָל און זיך גע־קאָכט:

— אונערהערט... סקאַנדאַל... מען דאַרף עס מעלדן אין דער פּאָליציי, מען מוז זיי אָנלערנען, די נאַצי־לומפּן...

די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, פאַרשריבן לאַנגע בויגנס פּאַפּיר, אָבער אָין עטלעכע טעג אַרום האָט מען ביי מיזאַמען אויסגעהאַקט מיט אַ שטיין דאָס שויפענסטער. און נישט בלויז ביי מיזאַמען. עס האָבן אָנגעהויבן פליען שטיינער אויך אין די שויפענסטער פון די גרויסאַרטיקע יידישע גע־שעפטן אויף פרידריך־שטראַסע, אויף לייפּציקער שטראַסע. ס'איז מיט יעדן טאָג געוואָרן ערגער און ערגער. אויף אַלעק־סאַנדער־פּלאַץ האָט מען גענומען שלאָגן יידן, געפּלעט קעפּ, געשטאָכן מעסערס אין רוקן אַריין, געממיתט מיט אייזערנע הענטשקעס. מ'האָט נאָכאַנאַנד אויף די גאַסן געזען מחנות שקצים מיט האַקנקרייץ־בענדער אויף די אָרעמס, מיט הויכע, געשנורעוועטע שטולפּן אויף די פיס. זיי האָבן מאַרשירט מיט פּענער, געזונגען דאָס „האָרסט וועסעל ליד" און ווען די מאַרשן פלעגן אַדורכגיין אין דער יידישער געגנט, אויף גרענאַדיר־שטראַסע, צי דראַגאָנער־שטראַסע, האָבן די יידן גלייך פאַר־האַקט די געשעפטן, מורא געהאַט אַרויסצושטעלן אַ פּוס אין דרויסן. שעהן נאָכדעם האָט אויף די גאַסן געוויייעט מיט פּחד. אַ פּאַרטייעטע שטילקייט איז געהאָנגען אין דער לופטן, און כאָטש מ'פלעגט אָפּקומען מיט שרעק, האָבן די יידן געשפּירט בחוש, ווי עס צינדט זיך אָן אַ העליש פייער.

נאָך מער האָט מען זיך דערשראָקן, ווען אין די נאַצישע מאַרשן האָבן זיך גענומען אַדורכוואַרפן אויך עטלעכע דייטשן מיט סאָלידע בייכלעך, מיט זאַטע, שמאַלציקע קאַרקן, וואָס האָבן זיך טיף געפּאַלדעוועט איבער די הויכע, האַרטע קראַגנס. זיי האָבן אומגעלומפּערט געטאָפּטשעט מיט די קלאָציקע פיס, דווקא געוואָלט גיין אין טראָט מיט די מאַרשירנדיקע יונגען און צעיאַכמערט זיך געווישט די פאַרשוויצטע פליכן מיט

גרויסע, באַלעבאַטישע נאָז־טיכער. זיי האָבן זיך געריסן מיט געדיכטע, פרייכנדיקע ביר־קולות:

„ווען דאָס יודען־בלוט פאָן מעסער שפּריצט,
דאַן געהט עס אונז נאָכמאַל זאָ גוט".

אפילו דער שטילער, צוגעלייגטער פראַנץ הולקע, דער גראַווירער, וואָס האָט געוואוינט די צווייטע טיר פון מאַנדעלס האָטעל, האָט זיך אויך גענומען רייבן צווישן די „ברוינע העמדלעך". ער האָט געהאַט אַ קליין, חושבדיק געוועלבל, וואו ס'האָט אפילו בייטאָג תמיד זיך געלויכטן מיט אַ שלעפעריקן, געל־צעשמירטן אָפּשיין אַ האַלב־איבערגעברענט עלעקטריש לעמפּל. אינם שמאָלן, פיר־שויביקן שוי־פענסטער איז געשטאַנען אַ ריזיק־גרויסער רויטער שטעמפּל־קלאָץ, פון וועלכן די פאַרב איז שוין געווען כמעט אָפּגעקראָכן פון אַלטקייט און ס'האָט זיך אַרויסגעזען דאָס ווייסלעך־נאַקעטע לייב פון האָלץ. פונקט אַזוי אָפּגעקראָכן און אַלט האָט אויסגעזען הולקע אַליין. ער איז געווען אַ נידעריק, איינגעשרומפּן מענטשל מיט אַלט־פרענקישע, קליינע דראָטענע ברילעכלעך אַראָפּגערוקט אויפן שפּיץ נאָז, און מיט אַ פּאָר בירנע, שיטער־אויסגעקראָכענע הערעלעך, וואָס זענען ווי אַ צעדריווולט טישטוכל געלעגן אויף זיין פּליכעוואַטן קאָפּ.

די יידן אויף גרענאַדיר־שטראַסע האָבן אים גערופן „ס'יעקעלע", געמיינט, אַז ער קען קיין צוויי נישט ציילן. יעדן טאָג נאָכן אָפּעסן מיטאָג פלעגט ער אַרויסקומען כאַפּן אביסל לופט פאַר דער טיר פון זיין געוועלבל. די הענט פאַרשטעקט אין די קעשענעס פון זיין פאַראייל'עצטן צייגענעם אַרבעטס־כאַלאַט, פלעגט ער שטיין און קוקן איבער די ברילן אַריבער אויף דער רוישיקער פאַרהאַוועטער גאַס מיט זיינע בלאַסע, אויסגעוועפּטע אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען קלעפּיק און פלאַטשיק־צוגעקוועטשט ווי ביי אַ הערינג, און בעת מעשה נאָגן מיט די איינגעפאַלענע ליפּן פון צווישן די ציינער אַרויס די איבערגעבליבענע ברעקלעך פון דעם ערשט אָפּגעגעסענעם מיטאָג. צו יעדן פאַרבייגייער פלעגט ער הכנעהדיק שאָקלען

מיטן קאָפּ און מיט גרויס העפלעכקייט זיך גריסן:

— מאַלצייט, מאַלצייט...

מאַנדעל האָט, ווי אַלע יידן אויף גרענאַדיר־שטראַסע, געהאַלטן הולקען פאַר אַ שטיקל תּם, אַוועקגעמאַכט אים מיט דער האַנט און רעכט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. אָבער יעדעס מאָל, ווען הולקע האָט אים באַגעגנט מיט זיין העפלעכן „מאַלצייט", האָט ער זיך געפילט אַקעגן אים אַביסל שולדיק. ס'איז עפּעס קיינמאָל נישט אויסגעקומען, אַז ער זאָל דער ערשטער באַגריסן הולקען, נאָר תּמיד פאַרקערט, און כאָטש מאַנדעלן איז עס געגאַנגען אין לעבן, האָט אים הולקע שטענדיק מקדים געווען, שטענדיק דער ערשטער אים אַקעגנגעטראָגן מיט זיין צוגעלייגט, העפלעך־צעשמאָלצן קולעכל:

— מאַלצייט, העדר מאַנדעל, מיינע האָכאַכטונג.

אָבער זינט הולקע איז צוגעשטאַנען צו די נאַציס, איז אים מער נישט געווען צו דערקענען. ער האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ שטייפקייט, נאָכאַנאַנד געגוידערט דאָס דאָרע, איינגע־שרומפּענע פּנימל, געבלאָזן פון זיך. ער האָט זיך אָפּראַזירט דאָס ביסל האָר פון קאָפּ, און דער נאַקעטער שאַרבן זיינער האָט צווישן די שמאָלע, אויסגעשפּיצטע אַקסלען אויסגעזען האַרט און שווער ווי קיזלשטיין. אָנשטאָט די דראָטענע ברי־לעכלעך האָט ער גענומען טראָגן פּענסנע מיט גרויסע, רונדיק־אויסגעבויגענע גלעזער, ווי ער האָט געזען אויף אַ בילד פון הימלערן אין „שטירמער". אַז ער פלעגט זיך באַווייזן פאַר דער טיר פון זיין געוועלבל, האָט ער שוין צו קיינעם נישט גע־גריסט, נאָר געשטאַנען אַ שווייגנדיק־אָנגעצויגענער, די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט מיט אַ האַקנקרייץ אַריינגעשטאָכן אין דער קליאַפּע און יעדן פאַרבייגייער אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פּיס מיט זיינע אויסגעוועפּטע אויגן, וואָס האָבן הינטער די הימלער־ברילן אויסגעזען טאָפּלט גרויס. אַ ייד האָט נישט געטאָרט קומען אין זיינע ד' אמות, און טאָמער איז אַ ייד פאַר־בייגעגאַנגען האַרט נעבן אים, נישט געהאַלטן זיך דרך־ארצדיק גענוג אָפּגערוקט, האָט זיך די זשאַבע־הויט אויף זיין פּנים

גלייך אָנגעגאָסן מיט רויטקייט, און דאָס קול ביי אים האָט זיך געריסן מיט אַן אָפּגעשפּאָלטן קוויטשעלע:

— מאַרעס, יודע! דאָנערר־וועטער!...

ער האָט ערשט אויף אַן אמת געגומען ווייזן וואָס ער קאָן, ווען היטלער האָט געקראָגן די מאַכט. ער איז געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער ביי די נאַציס, און אויסגעפּוצט אין אַ ברוין העמדל, מיט אַ רימען איבערן אַקסל, פלעגט ער זיך דרייען אויף גרענאַדיר־שטראַסע מיט אַ כאַפּטע ס. אַ.־לייט און טייטלען מיט אַ ביינערדיקן, קרום־אויסגעבויגענעם פינגער, ווי ביי אַ פויגל, אויף די שוי־פענסטער פון יידישע געשעפטן, וואו אויפ־צוקלעפּן די פּאַפּיר־פּאַסן מיט דעם אויפשריפט „יודע". אָבער דערמיט איז הולקע נישט יוצא געווען. אַז אַלע יידישע גע־שעפטן האָבן שוין געהאַט אויף זיך דעם „יודע"־צייכן, איז ער אַרויסגעקומען אויף דער גאַס מיט אַ שפּיציק גראָווער־העמערל אין האַנט און ביי יעדן געשעפט האָט ער דערלאַנגט אַ זעץ מיטן העמערל אין שוי־פענסטער אַריין. ער האָט געהאַט אַ פּאָרטל מיט אַן איינציקן בליי־שנעלן קלאַפּ צו צעהאַקן אויף פיצלעך די גרעבסטע און גרעסטע שויב. ווען דער באַ־לעבאָס פון אויסגעהאַקטן פענסטער איז אַ דערשראָקענער פון כּראַסק אַן אַטעם געקומען אַרויסצולויפן אין דרויסן, האָט אים הולקע אַריינגעלאַכט אין פּנים אַריין מיט אַ שפּיציק, צעהיר־זשעט געלעכטערל:

— י... י... הי... הי... הי...

און אַזוי יעדע פּאָר טעג דאָס אייגענע איבעראַניים. ווי נאָר מ'האָט אין די אויסגעהאַקטע פענסטער אַריינגעזעצט נייע שויבן, זענען באַלד געקומען די ס. אַ.־לייט, געקלעפּט פרישע „יודע"־פּאַסן און הולקע האָט ווידער געלאָזט זיין העמערל אין גאַנג. טאָמער איז עמיצן איינגעפאַלן צו לאָזן דאָס פענסטער אַן אויסגעהאַקטס, האָט זיך גלייך צו אים געוויזן די געסטאַפּאָ און געשלעפּט אין „ברוינעם הויז" אַריין פאַר מאַכן גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, פאַר אויפרייסן די אויגן מיט די אויסגעהאַקטע שויבן.

## דער רעסטאָראַטאָר מאַנדעל

מאַנדעל איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. דער האָטעל ביי אים איז געשטאַנען ליידיק, קיין געסט פון פּוילן זענען שוין מער נישט געווען, און ער האָט געלעבט פונם ביסל געלט, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין די אַמאָליקע גוטע צייטן. אָבער ווי לאַנג וועט עס אים סטייען, אַז יעדע פּאָר טעג דאַרף ער אַריינשטעלן אַ נייע שויב, ער האַלט אין איין ליינגן דאָס לעבעדיקע אויפן טויטן... ער האָט געזען, ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק, ר'וועט סוף־כל־סוף אַריינפאַלן צוליב הולקען אין די הענט פון דער געסטאַפּאָ. אַ שווייגנדיק־צעטראָגענער האָט ער זיך גאַנצע טעג אַרומגעדרייט איבערן פּוסטן האָטעל, פון איין חדר אין צווייטן. פון יעדן ווינקעלע האָט געיאָגט אַ טויבע שטילקייט. די טישלעך אין רעסטאָראַן זענען געשטאַנען ליידיקע און איבעריקע אַרום די פאַרשטומטע ווענט. מאַנדעל האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. אין דער שטילקייט אַרום האָט ער נאָכאַנאַנד געהערט הולקעס געלעכטערל. זיין יעדן שאָטן, וואָס איז געפאַלן פון דרויסן אויפן שויב־פענסטער, האָט ער געזען.ביים מינדסטן גערויש האָט זיך אים געדאַכט, אַז הולקע איז שוין ווידער דאָ מיטן העמערל זיינעם, אָט הערט זיך דאָס געבראַזג פון צעבראָכענעם גלאָז, אָט טראָגט זיך פאַנאַנדער דאָס צעהירזשעטע געלעכטערל זיינס... דאָס געלעכטערל האָט טאָג און נאַכט געקלונגען אין זיינע אויערן; געעגבערט דעם מוח און זיך אַזוי אין אים איינגעגעסן, אַז ווען מ'האָט אים און זיינע בני־בית צוזאַמען מיט נאָך יידן אַרויסגעטריבן פון דייטשלאַנד און אין אַ פלאָמבירטן פראַכט־וואַגאָן אַוועקגעפירט צו דער פּוילישער גרענעץ, האָט ער עס געהערט אין יעדן קלאַפּ פון די רעדער אויף די שינעס, אינם בייזן שנאָרכן און פייפן פון לאָקאָמאָטיוו. עס האָט ווי אַ ווידער־קול נאָכגעהילכט פון די יללות פון די ווייבער און קינדער, וואָס מ'האָט ווי הערינג אָנגעפּראָפּט אינם עיפּושדיקן, שטאָק־פינסטערן וואַגאָן, זיך געמישט און איבערגעוואָרפן אין די רויע געשרייען פון די שטורמיסטן, וואָס האָבן מיט אָנגעשטעלטע ביקסן געטריבן די יידן צו דער גרענעץ קיין זבאָנשין און געשלאָגן מכות־רצח מיט די קאָלבעס איבער

די קעפּ. עס האָט אים באַגליט, דאָס געלעכטערל, אומעטום וואו ר׳האָט געשטעלט אַ פוס, נאָכגעגאַנגען אין די לאַנגע וואַנדערונגען פון לאַנד צו לאַנד. פון אומעטום האָט מען אים געטריבן. אומעטום האָט ער אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון כלערליי פּליטים־קאָמיטעטן, זיך געשטופּט אין די רייעס ביי קאָנסולאַטן, געטליקעט זיך טעג און נעכט אויף באַנען, געשלעפּט זיך אויף ברודיקע פראַכט־שיפן, ביז ער האָט אָנגעשפּאַרט אַזש אין שאַנכיי, און ערשט דאָרט האָט ער קוים מיט צרות זיך דערשלאָגן צו אַ וויזע קיין אויסטראַליע.

אָבער אויך אין דעם ווייטן לאַנד האָט אים נישט אָפּגעלאָזט הולקעס געלעכטערל. טיף אין אים האָט נאָך אַלץ געלעבט די שרעק פון גרענאַדיר־שטראַסע, און ווען ער האָט געעפנט דעם רעסטאָראַן אויף רעטדאַון־סטריט און צום ערשטן מאָל דערזען אויף דער טיר אויפגעשריבן מיט קרייד דאָס וואָרט „דזשו”, האָט עס אים אַ זעץ געטון אין האַרץ אַריין:

— ס׳הויבט זיך שוין ווידער אָן... — האָט ער יאושדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אומזיסט האָט ער זיך געפּלייסט, אוועקגעלייגט אַזוי פיל אַרבעט ביים איינאָרדנען דעם רעסטאָראַן, מ׳זאָל נישט אָנזען אויף אים קיין סימן פון יידישקייט. ער האָט אַריינגעשטעלט אין שויי־פענסטער אַריין אַן אָלעאַנדער, אַרויסגעהאָנגען אַ מעניו־קאַרטע מיט אמתדיק־ענגלישע מאכלים, מיט „העם ענד עגס”, „פּלאַם פּודינג”, אויסגעפּוצט די טישלעך מיט פּאַפּירענע בלומען, נאָכגעטון אַלץ גענוי, ווי ער האָט געזען אין די אויסטראַלישע רעסטאָראַנען. פאַר דער טיר האָט ער אוועקגעשטעלט אַ הילצערנע פיגור פון אַ קעלנערקע אין אַ ווייס הייבל און מיט אַ שילדל אין דער האַנט: „דינער רעדי”, און ווען ס׳איז אַריינגעקומען דער ערשטער קריסט, אַ הויכער, לאַנג־פּנימדיקער אויסטראַליער אין אַ שטייפן קאָלנער אָן אַ קראַוואַט, איז מאַנדעלס גדולה געווען אין לשער: ר׳האָט, הייסט עס, געכאַפּט דעם אויסטראַלישן שניט! ער וועט זיך דאָ איינ־אַרבעטן אַ סאָליד געשעפט, נישט האָבן מער די גרענאַדיר־שטראַסע...

דער גאַסט האָט זיך פאַרזיכטיק און זייטיק אַביסל צוגע־זעצט צו אַ טישל, פּאַוואָליע געקייעט די מאכלים, וואָס מאַנדעל האָט, אַן אויסגעפּוצטער אין אַ געשטייפט, ווייס קעלנער־רעקל, דערלאַנגט מיט גרויס העפלעכקייט, און ביי יעדן ביסן איז ביי אים דער גאָרגל־קנאָפּ געבליבן שטיין אַ ווײַלע איבערן נאַקעטן קאָלנער, און דער קאָפּ האָט זיך ביי אים אויסגעבויגן אין אַ זייט ווי ביי אַ האָן. מאַנדעל האָט מיט האַרצקלאַפּעניש געקוקט אויף זיין יעדער מינע, און יענער האָט, אויפכאַפּנדיק מאַנדעלס אַנגסטיקן בליק, צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צום טעלער און בהפזונדיק גענומען שלינגען דאָס עסן.

מער האָט אים מאַנדעל נישט געזען. עפּעס האָבן זיך ביי אים נישט געהאַלטן די אויסטראַלישע געסט, כאָטש ער האָט געשמאַיעט אַרום זיי אין דעם בלאַנקענדיק־ווייסן קעלנער־רעקל און באַדינט מיט דער גרעסטער העפלעכקייט. ס'האָבן זיך אָנ־שטאָט זיי גענומען ווייזן דייטשע פּליטים, אָנגעטון אין לאַנגע איירָאָפּעאישע פּאַלטנס און מיט לעדערנע טעקעס אונטערן אָרעם. זיי האָבן מיט גרויס חשיבות געגעסן די ענגלישע פּודינגס, קאָרנביף און סטייקס, גערעדט ענגליש מיט האַרטע ריישן און ווייכע למדן און אָנגעקוואָלן פון מאַנדעלס העפלעכער באַ־דינונג. די שטאַם־געסט האָבן שטילערהייט, מעשה אייגענער מענטש, ווען נישט ווען צוגעוואָרפן מאַנדעלן אַ דייטש וואָרט, אָנגעהויבן באַשטעלן ווינער שניצלען, זויערקרויט, און איינציק־ווייז זענען פאַרשוואונדן די ענגלישע מאכלים, מ'האָט ברייט גענומען רעדן דייטש און זיך פירן ביי מאַנדעלן היימישלעך, ווי אין די קאַפּייען „דריבן". דער קונסט־מאָלער, פעליקס הינ־דערמאַן, וועלכער האָט געטראָגן אַ געשטעפּטן ווינער קאַפּעליוש און אַ ברייטע קינסטלערישע בינדע, האָט פּונקט ווי אַמאָל אין די ווינער רעסטאָראַנען געהאַלטן אין איין צייכענען קאַריקאַ־טורן אויף די סערוועטקעס און די געסט האָבן זיך טומלדיק געשטופּט אַרום זיין טישל און געווען פול התפעלות:

— וואונדערבאַר, נעטע אַרבעט... — האָבן זיי מיט באַ־וואונדערונג אים געקלאַפּט איבער דער פּלייצע, און אפילו די

צוויי געוועזענע חזנים, הער אַשענבעכער און הער פּינקוס, וואָס פּלעגן תמיד זיצן ביי אַן אָפּגעזונדערט טישל אין אַ ווינקל, מיט די קעפּ אַריבערגעבויגן איבער חזנישע פּאַרטיטורן, און שטילערהייט ברומען איינער פאַרן אַנדערן אַ „לכה דודי", אַ „כבקרת", זיך דיריגירן מיט די ווייז־פינגער, האָבן אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן די אויגן פון בלאַט נאָטן, פון דער ווייטנס באַטראַכט הינדערמאַנס אַרבעט און מבינותדיק געצויגן די ברעמען, געטשמאָקעט מיט די ליפּן:

— דער ווינער האָט טאַלאַנט, איין וואַרער קינסטלער...

עס האָבן אין רעסטאָראַן זיך אָנגעהויבן ווייזן אויך „אָסט־יודען". צוערשט פלעגן זיי זיך אַריינשאַרן שטילערהייט, זיך האַלטן פרעמדלעך־ווייט פון די דייטשן, אָבער ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און זיי זענען געוואָרן היימיש, געטרונקען „רוסישע" טיי מיט ציטרין, זיך געהייסן דערלאַנגען לאָקשן מיט יויך, געהאַקטע לעבערלעך און געפירט לאַנגע, טומלדיקע שמועסן פון דער מלחמה, געזיפצט אויף די יידישע צרות, אויפן חורבן, וואָס היטלער האָט אָנגעמאַכט אין דער אַלטער היים. די דייטשע יידן האָבן איינציקווייז אָנגעהויבן זיך אַריינמישן אין די שמועסן, מיטגעזיפצט און מיטגעקרעכצט אויפן יידישן אומגליק און געבראָקט אין די רייד אַריין לשון־קודש־דיקע ווערטלעך: הס־ושלום, גלות, אחינו בני ישראל... זיי האָבן שוין ווינציקער געגעסן ווינער שניצלען און זויער־קרויט און צוגלייך מיט די „אָסט־יודען" אָנגעהויבן באַשטעלן יידישע מאכלים, זיך פּאַסמאַקעוועט מיט געפילטע קישקע, מיט מייערן־צימעס. דער רעסטאָראַן איז געוואָרן פול מיט גערודער, מיט הו־האַ. ס'איז פאַרשוואונדן די אויסגעפּוצטקייט, קיין פּאַפּירענע בלומען אויף די טישלעך זענען שוין מער נישט געווען און די ווייסע טישטוכלעך האָבן מער נישט געבלאַנקט אַזוי פריש און ציכטיק, ווי די ערשטע צייטן. ס'איז אויך שוין מער נישט געשטאַנען די הילצערנע פיגור פון דער קעלנערקע ביים אַריינגאַנג. מאַנדעל האָט זי אַוועקגענומען, זינט די יאַטלעך פון גאַס האָבן אויף איר אָנגעשמירט אַ באָרד מיט וואָנסעס און גע־

מאַכט אַ סימן אויף אַ נישט־שיינעם אָרט. ער האָט אויך אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דאָס ווייסע קעלנער־רעקל און אַ פּאַרטראָ־גענער זיך געדרייט צווישן די טישלעך מיט אַ פּייכט, צעקנאָ־דערט האַנטוכל איבערן אָרעם און זיך געהאַלטן אין איין בייזערן אויף די געסט, פּונקט ווי אַמאָל אויף גרענאַדיר־שטראַ־סע:

— מיינע הערשאַפטן, ביטע אום רוהע!... — האָט ער גערעדט דייטש, געפּאָכעט מיטן פּייכטן האַנטוכל, זיך געברוגזט און געבלאָזן. אָבער ווען עס האָבן זיך גענומען ווייזן די רשעותדיקע שרייבערייען און האַקנקרייצן אויף דער טיר און אויפן פענסטער, איז ער ביי זיך אינגאַנצן אַראָפּגעפאַלן. ער איז געוואָרן שווייגנדיק, שווער און פּאַוואָליע געשאַרט די טריט ביים באַדינען די געסט, און די פּלייצעס האָבן זיך מיטאַמאָל ביי אים אַראָפּגעלאָזט, געעלטערטע און מידע. ער האָט זיך מיט אַ וואָרט נישט אַריינגעמישט אין די טומלדיקע שמועסן, וואָס האָבן זיך שטענדיק געפירט אַרום די טישלעך, און זיך קוים אומגעקוקט אפילו אויף בענען, דעם סערזשאַנט, וועלכער איז געווען אַ גאַנצער יחסן אין רעסטאָראַן און אַלע געסט האָבן מיט אים שטאָלצירט, געלעקט די פינגער פון די מעשיות, וואָס ער פלעגט דערציילן פון דער מלחמה. ווי נאָר בען פלעגט זיך ווייזן אין רעסטאָראַן, פלעגט מען אים מאַכן די וואַרע, יעדער איינער האָט אים געבעטן צו זיין טישל, זיך געברודערט מיט אים. און אַז בען האָט גענומען דערציילן זיינע מעשיות פון דער מלחמה, איז באַלד אַרום אים געוואָרן אַ קרענצל, מ'האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן, געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס.

אַ ברייט־צעשפּאַרטער, דער אויסטראַלישער זעלנער־קאַפּעליוש מיט דער ווייסער באַנד אַרום וואוילעריש אַרויפגעשאַרצט איבערן שטערן, איז ער געזעסן אויבן־אָן ביי אַ טישל און גע־רעדט אויפן הויכן קול צום עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט אַרום אים:

— די דזשעפּס זענען גוטע פייטערס, פעיר דינקום, — האָט ער, מעשה אויסטראַלישער וואוילער יונג, גערעדט זייטיק,

געזופּט די ווערטער דורך אַ מויל־ווינקל און געוואָרפן מיט אויס־טראַלישע ווערטלעך, — אָבער מ׳האָט זיי געגעבן צו שמעקן פּולווער, דאַנט יו וואָררי. זיי האָבן געכאַפּט דעם אמתן אָפּשניט אין ניו־גיני פון אונזערע באָים. ווען מ׳האָט זיך געשלאָגן אַרום ביונאַ, האָט מען מיך געשיקט מיט אַ פּאַטראָל אויס־שפּירן די פּאָזיציע פון די דזשעפּס. מיר גייען אַזוי אין דזשאָנגל, שלעפּן קוים די פיס אין דער בלאָטע, און מיטאַמאָל דערזע איך, אַז עפּעס רודערט זיך צווישן די בלעטער אויף אַ פּאַלמע. כ׳האָב גאָרנישט באַלעמוטשעט און גלייך געגעבן פייער. ס׳איז טאַקע געווען אַ דזשעפּ, אַ סנייפּער. ער איז אַראָפּגעפּאַלן פון בוים און געבליבן ליגן אַן אויסגעצויגענער אויף דער ערד. מיר לויפן צו אים צו, און דאָ זע איך, אַז די אייגעלעך גלאַנצן נאָך ביי אים, לויפן אַהין און אַהער און צילעווען אויף אונז אַ גראַנאַט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט. יו בעט, כ׳האָב נישט באַלעמוטשעט קיין רגע. מיט איין שפּרונג בין איך צו אים צו און דערלאַנגט מיטן פוס גלייך אין קאָפּ אַריין. דער גראַנאַט איז געפאַלן אין אַ זייט אַוועק און אויפגעריסן מיט אַזאַ קנאַל, אַז כ׳האָב געמיינט, ס׳איז שוין נאָך מיר. היר יו אַר — האָט ער אַרויסגעשלעפּט פון דער הויזן־קעשענע אַ שטיקל אייזן און געוויזן דעם עולם, — דאָס איז אַ שטיקל פון גראַנאַט, כ׳האַלט עס ווי אַ סואווע ניר.

דאָס שטיקל גראַנאַט איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט. מ׳האָט עס אַרומגעקוקט, אַרומגעטאַפּט און התפעלותדיק גע־דרייט מיט די קעפּ. אויך מאַנדעל האָט גענומען דאָס שטיקל גראַנאַט אין דער האַנט אַריין, עס אַ דריי געטון צווישן די פינגער און פון דער זייט געוואָרפן אַ קוק אויף בענען. זיין ברייט רעדן, דאָס הרחבהדיק־וואוילערישע זיצן ביים טיש איז אים געווען עפּעס דערווידער, און נישט ווויסנדיק אַליין פאַר־וואָס, איז אים געקומען אויפן רעיון די פראַנט־טיר מיטן אויפגעשריבענעם „דזשו"־לידל:

— וויים איך וואָס, די יאַפּאַנטשיקעס, — האָט ער ביטולדיק אַ צי געטון מיט די פּלייצעס, — קענען זיי קאָן

יעדער זיין העלד. מיט די דייטשן איז מען שוין נישט אַזאַ קנאַקער...

— נעווער מיין, מיסטער מאַנדעל, מ'האָט אויך מיט די יעקעס געלערנט בלק, אָנגעריבן אַ מאָרדע ווי ס'געהער צו זיין, — האָט בען אָפּגעענטפערט. — זיי האָבן אַריינגעכאַפּט דעם אמתן אָפּשניט אין ליביע. איך האָב זיך דאָרט געשלאָגן, געווען אין על־אַלאַמעין, אינם סאַמע געדיכטן... פון דאָרט האָב איך טאַקע מיינע דריי בענדלעך, — האָט ער שטאָלץ געוויזן מיטן פינגער אויפן אַרבל, — כ'האָב דאָרט געדינט ביי די סאַפּערן און אין מיטן נאַכט האָב איך זיך מיט אַ חברה „אָססים" אַדורכגעגנבעט צו ראָמעלס ליניע און אונטערגעמינעוועט די פּאָזיציע. איר האָט געמעגט זען, ווי ס'האָט אויפגעריסן, וואָס פאַר אַ חורבן מיר האָבן ביי זיי אָנגעמאַכט. ווען אונזערע האָבן זיך אַדורכגעריסן, האָב איך אָנגעקוקט דאָס ביסל דייטשן, וואָס אונזערע מינעס האָבן אַוועקגעלייגט. אפשר אַ צוויי הונדערט שטיק, אָן קעפּ, אָן פיס, פעיר דינקום.

— קומט מיר צו אַ בלעטל צום אָפּצאָס! — האָט מאַנדעל ווידעראַמאָל געוואָרפן אויף בענען אַ זייטיקן בליק. — אַקעגן מינעס איז קיינער נישט קיין העלד. אויך מיר אַ קונץ, מינעס... איר זאָגט מיר בעסער, וויפל דייטשן איר אַליין האָט אַוועקגעלייגט, מיט די אייגענע הענט?

— וואָס דו יו מין, מיט די אייגענע הענט? און מינעס טויגן נישט פאַר אייך? — איז בען ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן און מיט אַ וואוילעריש שמייכעלע זיך געווענדט צום עולם אַרום. — מיסטער מאַנדעל האַלט נישט פון קיין מינעס, אַ נייער סטראַטעג אויפגעשטאַנען...

— אוודאי האַלט איך נישט פון קיין מינעס, ס'אַ צו גרינגער טויט פאַר זיי! מיט מעסערס דאַרף מען זיי שעכטן, טרענען ביי זיי די אָדערן, זיי זאָלן שפּירן אַ טעם, ווי זיי האָבן אונז געגעבן צו שפּירן! — האָט מאַנדעל מיט היץ אָפּגעענטפערט.

— ניין, מיט אַ מעסער, דווקא מיט אַ מעסער, — האָט

מאַנדעל נישט אָפּגעלאָזט, זיך געהאַלטן ביים זייניקן. — אָנ־טאַפּן אַ דייטשל און אַריינפּעצן אים אַ מעסער אין בויך אַריין, אַז דאָס טריפהנע יעקישע בלוט זאָל יוזשען, זיך גיסן איבער די הענט, אָט דאָס וואָס איך מיין, גוטער ברודער!... — איז דאָס קול ביי מאַנדעלן מיטאַמאָל געוואָרן געדיכט און הייס, און דאָס מויל האָט זיך ביי אים אויסגעקרומט. — איי, ווען איך קריג אַ דייטש אין מיינע הענט אַריין! פּאַסעס וואָלט איך פון אים געשניטן, כ'וואָלט מיר געקילט דאָס בלוט, זיך אָפּגע־רעכנט פאַר אַלעם, וואָס זיי האָבן מיט אונז אָפּגעטון!...

מאַנדעל האָט קורץ איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, געמאַכט אַ טריט האַרט צו בענען און גערעדט אים גלייך אין פּנים אַריין:

— איי, ווען ס'קומט מיר אַ דייטש אין די הענט אַריין!... אַ דייטש אין די הענט אַריין... — האָבן זיך פון אים געריסן די ווערטער מיט אַ צוגעדושעט, פאַרכליניעט קול, אַז עס האָט אים אַזש אויסגעפּעלט אָטעם. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף דעם עולם אַרום. אַלע זענען געזעסן שטיל, פאַרטאַיעט, ווי זיי וואָלטן אויף עפּעס געוואַרט, און נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים קיין אויג. ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע אַ שווייגנדיקער, מיט האַלב־צעעפנטע ליפּן, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, און מיטאַמאָל האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ געלעכטערל:

— כ... כ... הו... הו... — האָט ער זיך צעלאַכט, און דאָס געלעכטערל איז געווען אַ שפּיציקס, אַ צעהירזשעטס, אַקוראַט ווי ביי הולקען. ער האָט זיך גלייך צוריקגעכאַפּט, דאָס געלעכטערל איז אים געבליבן שטיין אין האַלז, נישט אַהין און נישט אַהער. ער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, אומבאַ־האָלפן געפינטלט מיט די אויגן אויף די געסט און נישט געקאָנט אַרויסקריגן פון זיך זיין קול, זיך געוואָרגן מיטן געלעכטערל...

# דער לעצטער מנין

## א.

רעווערענד פעלדמאַן, דער שמש פון דער שול „נצח ישראל״, האָט געהאַט פאַרן ראַביי קאָהען שלעכטע נייעס: דער מנין, וואָס איז געווען אָנגעדונגען אין דער שול, האָט געפאָדערט א הוספה, און ווי נאָך געפאָדערט — חוצפהדיק, מיט תקיפות. זיי שטעלן זיך נישט דאַוונען, אַזוי האָבן די יידן פון מנין געהייסן איבערגעבן דעם ראַביי, אויב מען וועט זיי נישט דערלייגן צו די שכירות כך וכך, קיין פּעני נישט ווייניקער. און נאָך האָבן זיי פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיך אינדערפרי שטעלן דאַוונען מיט א שעה שפּעטער. זיי זענען אַלטע לייט און ס׳איז זיי שווער ווינטער־צייט, אין די קרירות, אויפצוכאַפּן זיך יעדן טאָג אַזוי פרי און צו יאָגן זיך אין שול אַריין.

דער ראַביי האָט אויסגעהערט דעם שמש און נישט אָנגערופן זיך א וואָרט. ער איז געזעסן אַ שווייגנדיקער ביים שרייב־טיש אין דער קאַלטער, הויך־געוועלבטער שול־קאַנצעלאַריע, איינגעוויקלט ביז צו דער גאָמבע אין זיין ברייווחדיקן, שוואַרצן מאַנטל און מיטן פלאַטשיקן, ראַבייאישן צילינדער נידעריק אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. אין דרויסן איז געווען א קאַלטער, רעגנדיקער טאָג. די קאָלירטע שייבלעך פון דעם הויכן, קיילעכדיקן שול־פענסטער האָבן אויסגעזען ווי גערונצלט פון די רעגן־טראָפּנס, וואָס האָבן זיך איבער זיי געגליטשט אין קרומע זיגזאַגן, און דאָס ליכט, פאַרווישט און אַדורכגענומען מיט פייכטקייט, האָט זיך טריב אָפּגעשלאָגן אויפן ראַביים פּנים. ער האָט קרום אַריינגעשמייכלט אין זיך און אָן אויפהערן געדרייט מיט זיין ציטערדיקער, דאַרער האַנט א שפּיץ פון זיינע ווייס־גרויע, גראָבע וואָנסעס.

## פ. גאָלדהאַר

דער שמש, אַ פּאַרקניטשטער ייִד מיט אַ פּאַרקאָלטנט בערדל ווי פון צעקראָכענער וואָל און אין אַ שוואַרצן, אָפּגעשאָסענעם קאַפּעלוש, וואָס איז מיטן גרוי־פּאַרשטויבטן ראַנד אים געלעגן אויף די אָפּשטייענדיקע אויערן, איז געשטאַנען דרך־ארצדיק אָפּגערוקט פון שרייב־טיש אַנטקעגן דעם ראַבײַ און פאַרלוירן געפינגלט מיט זיינע רויטלעכע, פאַרטרערטע אויגן. לויטן ראַבייס שווייגן און אַריינשמייכלען אין זיך האָט ער געזען, אַז ער וועט זיך שוין היינט מיט אים צו גאָרנישט דעררעדן. פון יוצא וועגן, כדי איבערצורייסן די שווייגנדיקע אָנגעצויגנקייט, האָט ער עובר־בטלדיק, מיט אַ מאָט קול איינגעטענהט:

— נאָ יוז, ראַביי... דער מנין וועט נישט קומען דאַוונען.

דער ראַביי האָט אַ ריר געטון מיט זיינע ברעמען, פּונקט אַזעלכע ווייסע און גראָבע ווי די וואָנסעס, און ווייטער געשוויגן. דער שמש האָט אומבאַהאָלפן פאַרצויגן די שלאַבערדיקע ליפּן, איבערגעטרעטן פון אַ פוס אויף אַ פוס און ווידער זיך גענומען צום זעלביקן:

— נאָ יוז, ראַביי... דער מנין וועט נישט קומען...

דער ראַביי האָט בייזער גענומען דרייען דעם שפּיץ וואָנסע און זיין פּנים האָט זיך אָנגעשטייפט.

— וועל, פעלדמאַן, ניכטס צו מאַכן!... — האָט ער סוף כל סוף זיך אָנגערופן. ער האָט מיטן שמש און בכלל מיט „פּאָרעינער" יידן גערעדט אַ באַזונדער מין לשון, אַ געמיש פון ענגליש און דייטש. בלויז מיט השובע באַלעבאַטים האָט ער זיך פאַרגונען צו רעדן ענגליש, אַ טיף־פאַרצויגענעם „אָקספּאָרד" (ער איז געווען אַן אָקספּאָרדער גענדיקטער), וואָס ער האָט געציקלט מיט פרומער אָפּגעהיטנקייט.

דער שמש האָט צעפּירט די הענט און הכנעהדיק פאַרבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט.

— אָלרייט, ראַביי... — האָט ער שיטער אָפּגעזיפצט און רחמנותדיק אַ שאָקל געטון צו זיך מיטן קאָפּ.

עס איז ווידער געוואָרן שטיל. דער רעגן האָט הויל

# דער לעצטער מנין

געקלימפּערט אין דרויסן איבער די קאַלירטע פענסטער־שייב־לעך, און דער ראַביי האָט זיך טיפער אַריינגענורעט אין זיין מאַנטל. ער האָט געצויגן די ברעמען אַרויף און אַראָפּ און ווייכטיק געדרייט מיטן קאָפּ:

— ניכטס צו מאַכן, פעלדמאַן...

דער שמש האָט פאַרלוירן געגומען גראַבלען מיט די פינגער אין זיין צעקראָבן בערדל, און די שלאַבערדיקע ליפּן האָבן זיך ביי אים לויז צעעפנט ווי ביי אַ פיש...

— וואָס וועט זיין דער סוף? כ׳ווייס, אָרעמע יידן, אַלטע, קיין סך חילן זיי נישט... — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפצעלע.

— אַך, גאָט! — איז דער ראַביי געוואָרן אומגעדולדיק, — איך וויל פון גאָרנישט וויסן! דאָס איז דאָך ווי אַ סטרייק, אַ סטרייק ביי מיר אין שול! טערריבל!...

— וואָס קאָן מען טון? מיר דאַרפן זיי צו האָבן. די שול וועט דאָך נישט בלייבן אָן אַ מנין! — האָט דער שמש זיך ווידער געכאַפּט צו גראַבלען מיט די פינגער אין בערדל.

— ביי מיר וועט מען נישט סטרייקן! כ׳זאָל וויסן די שול צו פאַרמאַכן, דאַטס אָלל!...

— פאַרמאַכן די שול?... — האָט זיך ביים שמש דאָס פּנים צעשראָקן אויסגעצויגן און די אויגן זיך צעפינטלט.

— יעס! — האָט דער ראַביי אַ קלאַפּ געטון אין טיש. דאָס קול אָבער האָט זיך ביי אים אַביסל אַ וואַקל געטון, און די אויגן האָבן געגומען קוקן אין אַ זייט, אויסמיידנדיק דעם שמש.

דער שמש האָט אַ רגע באַטראַכט דעם ראַביי, אַ הויב געטון די אַקסלען, אַריינגערוקט די האַנט אין די אַרבל און זיך לאַנגזאַם געלאָזן גיין צו דער טיר.

דער ראַביי האָט פאַרלוירן געגומען רייבן זיין ברייטע, אָפּשטייענדיקע גאָמבע, אויף וועלכער די הויט האָט זיך גע־לייגט אין דינע, איידעלע קנייטשעלעך, און געוואָרפן אַ מהומה־דיקן בליק אויף דעם אַוועקגייענדיקן שמש. דער שמש האָט

גלייך אויפגעכאַפּט דעם בליק, ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט דערויף, און געבליבן שטיין.

— המ... פעלדמאַן!... — האָט דער ראַביי מיט אַן אומזיכערקייט אין קול אים צוריקגערופן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, זיך אַדורכגעגאַנגען איבער דער שטוב אַהין און צוריק, געבליבן שטיין אַ ווייל און לסוף צוגעגאַנגען צום שמש און אָנגענומען אים פאַרן לאַץ.

— אפשר וועט זיך דאָך לאָזן עפּעס אויפטון מיטן מנין... מיר זענען דאָך יידן, דאַרף מען זען אַדורכקומען. פּרוּווט צו רעדן מיט גוטן, גיט צו פאַרשטיין דעם מנין, אַז די שול איז היינט אָרעם, האָט נישט קיין געלט... יו אַנדערסטענד, פעלדמאַן?... — האָט ער זיך אָנגעטון אַ כוח און גענומען רעדן אויף זיין אָקספאָרדער ענגליש, אַרויסווייזנדיק דערמיט אַ באַזונדערע צוגעלאָזנקייט און פאַרטרויען.

— סערטענלי, ראַביי, סערטענלי... — האָט דער שמש דערפרייט אונטערגעכאַפּט מיט אַ ווייך שמייכעלע.

— אַבער די שטונדען פאַן דאַוונען ווערדען ניכט געענדערט! פּינקטליכקייט איסט די הויפּטזאַכע! — איז דער ראַביי מיטאַמאָל געוואָרן צוריק שטרענג און ווידער גענומען רעדן אויף זיין דייטשמעריש לשון. ער האָט געשפּרייזט איבער דער קאַנצעלאַריע מיט ברייטע, אומגעדולדיקע טריט און נישט געקוקט אויפן שמש. ער האָט ברוגזדיק אים אויסגעמיטן מיטן בליק. דער שמש איז געשטאַנען און געוואַרט, און דאָס ווייכע שמייכעלע האָט זיך אַלץ נאָך געקנייטשט אַרום זיין צעקראָכן בערדל. ער האָט נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן דעם ראַביס טריט, געפּרוּווט עטלעכע מאָל הכנעהדיק אונטערצוהוסטן אויף אַן אָנצוהערעניש, אַז ער וויל נאָך עפּעס זאָגן. דער ראַביי אָבער האָט אַלץ געשפּרייזט אַהין און צוריק, נישט אומגעקוקט זיך אויף אים, און זיין פּנים איז געווען בייזלעך אָנגעצויגן.

— געזאָגט צו אַ מענטש אַ גלייך וואָרט, קאָן ער זיך עס נישט שענקען, דער גרויסער פּריץ... — האָט דער שמש אומע־

טיק אין זיך אַ זיפּץ געטון און מיט קליינע, שאַרנדיקע טריטעלעך אַרויסגעגאַנגען פון דער קאַנצעלאַריע.

ראַביי קאָהען איז געבליבן אַליין.

ער איז געווען אַ הויכער, ביינערדיקער זקן מיט אַ האַרט, קאַנטיק פּנים, איבערגעצויגן מיט אַ דינער הויט, וואָס האָט אַנטקעגן דער ווייסקייט פון די גראָבע ברעמען און וואָנסעם אָפּגעשלאָגן מיט אַ געלער בלייכקייט ווי פון אייער־שאָל. זיינע אויגן, וואַסערדיק־בלויע און טיף־אַריינגעזעצטע, האָבן געקוקט מיט אַ שאַרפן פויגלשן בליק. נאָכן שמשס אַוועקגיין האָט ער זיך ווייטער געדרייט איבער דער קאַנצעלאַריע אויף־און־אָפּ מיט געמאָסטענע, פאַרטראַכטע טריט. זיינע הויכע אַקסלען האָבן זיך אַלט און קיילעכדיק געהויקערט. ער האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש אַן אַלטמאָדישן, שווערן כראָנאָמעטער מיט געדריידלטע מאָנאָגראַמען אויסגעקריצט אויף די דעקלעך, אַ קוק געטון אויף דער צייט און מיטאַמאָל האַסטיק געבליבן שטיין. עס איז שוין געווען שפּעט, אַרום אַ פערטל אויף צוועלף, און פון צען ביז צוועלף, לויט ווי עס איז געווען געמאָלדן אויפן מעשענעם, פאַרגרינטן שילדל אין דרויסן אויף דער קאַנצעלאַריע־טיר, זענען געווען דעם ראַביס אַמטלעכע אויפנעמשעהן. ער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם ברייטן מאַנטל, אויסגעטון פאַרזיכטיק, מיט די שפּיצן פינגער פון ביידע הענט דעם צילינדער און אַרויפגעזעצט אויפן שפּיץ קאָפּ אַ זיידן, פּירקאַנטיק יאַרמעלקעלע. ער איז צו צו דער ספרים־שאַנק, לאַנג און ישוב־הדעתדיק געניישטערט צווישן די ספרים און לסוף אַרויסגענומען אַ שווערע גמרא אין אַ ווייסן, לייוונטענעם איינבונד. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום שרייב־טיש, געעפנט דאָס ספר און אַוועקגעלייגט ביי דער זייט דעם אַלטן זייגער, וואָס האָט מיטאַמאָל צעוואָרפן איבער דער שטילער קאַנצעלאַריע אַן אָפּגעהאַקטן, שווער־אָטעמדיקן טיק־טאַק.

אַזוי האָט זיך ראַביי קאָהען געפירט טאָג נאָך טאָג שוין עטלעכע־און־פערציק יאָר, פון ערשטן טאָג זינט ער איז געוואָרן ראַביי פון דער שול „נצח ישראל”. די אַמטלעכע שעהן

פון צען ביז צוועלף האָט ער געטריי אָפּגעהיטן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. יעדן טאָג נאָכן דאַווענען האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צום שרייב־טיש מיטן זייגער ביי דער זייט און געדולדיק ביז צו דער מינוט אויסגעזעסן די צוויי שעה, כאָטש ער האָט גוט געוואוסט, אַז קיינער וועט נישט קומען. עס זענען שוין אַריבער אַ סך יאָרן, זינט עמיץ אַ מענטש, סיידן דער רעוורענד פעלדמאַן, זאָל זיך האָבן געוויזן אין דער קאַנצעלאַריע.

ב.

אַמאָל אָבער איז געווען אַנדערש. ראַביי קאָהען איז נישט געווען פון די מענטשן, וואָס האָבן אַ טבע זיך אַרומצוטראָגן מיט דעם, וואָס איז געווען אַמאָל. פונדעסטוועגן פלעגט ער טיילמאָל, זיצנדיק איינער אַליין אין דער שטילער קאַנצעלאַריע, נאָכטראַכטן וועגן די לאַנג־פאַרגאַנגענע יאָרן, ווען ער האָט אַלס ערשט־געענדיקטער ראַביי מיט פריש־קנאַקעדיקע דיפּלאָמען פון אָקספאָרד און פון ראַבינער־סעמינאַר אין טאַש, אַדורכ־געמאַכט די וויטע נסיעה קיין אויסטראַליע. ער האָט געדאַרפט איבערנעמען דעם אַמט אַלס ראַביי אין דער גאָלד־שטאָט וואָטלהילל. קיין באַן איז נאָך דעמאָלט נישט געגאַנגען קיין וואָטלהילל, און די רייזע אַהין האָט ער געמוזט מאַכן אין אַ פּאָסט־וואָגן. דער וועג איז געווען אַ שווערער, קוים אויסגע־טראָטן אין דעם ווילדן בוש צווישן שטעכיקע גראָזן און עקאַ־ליפּטן, קרום־צעוואַקסענע און פאַרדאַרטע, מיט בלעטער ווי פון פאַרזשאַווערטן בלעך. דער טאָג איז געשטאַנען אַ הייסער און אַ שטויביקער. דער הימל האָט אויסגעזען אוויסטערליש הויך און די בלויקייט זיינע איז געווען אַ רויכיקע און אַ שיטערע, ווי אָפּגעשאָסן פון טרוקעניש און היץ. דער צעטראַסקעטער וואָגן, געשפּאַנט אין פיר שווער־ליביקע, פאַרשלאָפענע פערד, האָט זיך געשלעפּט פּאַמעלעך און מיט אַ סקריפּ און אויפגע־הויבן אַרום זיך אַ דינעם, בייסיקן שטויב ווי זאַלץ.

דער וואָגן איז געווען געפּאַקט. צוזאַמען מיטן ראַביי איז

געפֿאָרן אַ חברה גאָלד־זוכערס. זיי זענען געזעסן צעיאַכמערטע און דערשוויצטע, אין צעקנעפּלטע העמדער מיט פֿאַרשאַרצטע אַרבל. דער וואָגן איז געווען פֿול מיט זייער טומל. זיי האָבן געלאַכט, איבערגעשריגן איינער דעם צווייטן, געהאַלטן אין איין רויכערן און טרינקען ביר פֿון אַן איינציק גלעזל אינ־גאַנצן באַקלעפּט מיט שוויים און ביר־שוים. דאָס גלעזל איז אָן אויפֿהער געגאַנגען אַרום־און־אַרום. דער אָנטרייבער, מיט אַ ריזיקער ביקס אויף די פּלייצעס, האָט נישט אויפֿגעהערט אַראָפּצושמייכלען פֿון דער קעלניע אין וואָגן אַריין מיט זיין ברייט פּנים, צעשמיסן פֿון ווינט און זון, און זיך געווינצלט מיט אַ צעהוסט, באַלעגאָליש קול:

— העי, חברה, שטילער אַביסל! דער וואָטלהיללער וועג איז נישט קיין שפּילעכל... באַנדיטן אַרום־און־אַרום, איר ווייסט דאָך!...

— וואָס קאָן מען ביי אונז צונעמען? די גאָלד־טאָרבעס אונזערע זענען ליידיק. ערשט אין וואָטלהילל וועט מען זיי אָנשטאָפּן מיט גאָלד, כע, כע!... — האָט זיך אָנגערופֿן אַ ברייט־פּלייציקער, געפּאַקטער פֿאַרשוין מיט אַן אויסגעלאָשן סיגאַרעטל פֿאַרשטעקט אין ווינקל פֿון מויל.

אַ קליין, איינגעדאַרט מענטשל מיט אַ שפּיציק פּנים, אינ־גאַנצן באַדעקט מיט זומער־שפּרענקעלעך, האָט זיך וויכטיק אַרומגעקוקט איבערן וואָגן און זיך אָנגערופֿן מיט אַ סודותדיק קול:

— מען זאָגט, די באַנדיטן זענען מזלדיק פֿאַר אונזערס אַ מענטש. ווער עס האָט מיט זיי אַ באַגעגעניש, געפֿינט דערנאָך דעם רעכטן אוצר. כ'האָב געהערט פֿון איינעם אַ גאָלדגרעבער, הזשים לאָורי, וואָס די באַנדיטן זענען אים באַפֿאַלן, אויסגעמזן ביזן העמד, און אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער געפֿונען אַ גאָלדענעם שטיין, אַכט פֿונט!...

— פֿונדעסטוועגן, מיטן ביר איז גלייכער זיך צוצואיילן — האָט מיט אָנצוהערניש אַ וואונק געטון אַ דיקלעכער

פאַרשוין מיט אַ קול ווי ביי אַ קאַטשקע. — אין אַזאַ היץ איז אַביסל ביר פאַר באַנדיטן אויך אַ קרן...

דאָס באַקלעפּטע גלעזל איז אַרומגעגאַנגען עטלעכע מאָל צווישן דעם עולם. אויך דעם אָנטרייבער האָט מען מכבד געווען מיט אַ טרונק. ער האָט הנאהדיק אַראָפּגעזופּט דאָס ביסל ביר־שוים, וואָס איז אים פאַרבליבן אויף די ליפּן נאָכן טרינקען, און צוגעוואונטשן מיט זיין צעהוסט קול:

— פאַר אייער גליק אין וואָטלהילל!

— גאָט אייך אָט דאָס פאַר וואָטלהילל! — האָט ביטולדיק אויסגעשפּיגן אַן עלטערער מאַן מיט אַ פּאָר שיטערע, געלע וואָנסעס, וואָס האָבן אים אַראָפּגעטריפט איבערן מויל. — מיך פרעגט! — האָט ער זיך אַ קלאַפּ געטון אויף דער ברוסט. — איך בין אַ גאָלדגרעבער נישט פון היינט, אַדורכגעמאַכט די באַלאַראַטער צייטן. שוין איינמאָל געווען צייטן!... מען האָט נעשאַרט דאָס גאָלד און געלעבט, אַ רוח זאָל עס נעמען!... אַראָפּגעקומען קיין באַלאַראַט אַ פאַרשווינטע פון די גרויסע טעאַטערס, שוין איינמאָל אַ נקבה, זאָג איך אייך!... אַז זי האָט גענומען טאַנצן און זינגען אירע לידלעך, טראַ־לאַ־לאַ, איז דער עולם געשפּרונגען פון דער הויט. מען האָט איר אויס־געטון די טאַניץ־שיכעלעך און זיי אָנגעשיט פול מיט גאָלד, זי זאָל טאַנצן אַ נאַקעטע, כע, כע! און זי האָט עס געטון, די ממזורטע, נאָר מיט רעוואָלווערן איןביידע הענט, מען זאָל זיך צו איר נישט צוכאַפּן...

— אַן אַלטער, און דערציילט אַזעלכע געשיכטעס! — האָט זיך פאַרקרומט דער זומער־באַשפּרענקלטער פאַרשוין. — איר וואָלט זיך געדאַרפט שעמען פאַרן געטלעכע מאַן דאָ! — האָט ער אָנגעוויזן אויף ראַביי קאָהען, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַריינגעקוועטשט אין אַ טונקל ווינקעלע פאַרטון אין אַ ספר.

דער עולם האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ רוי געלעכטער. דער אַלטער האָט מיט איין אויג, כיטרע פאַרקוועטשט, אַ קוק געטון אויפן ראַביי און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אז גאָטס ליִיט פאָרן שוין קיין וואָטלהילל, איז אָלרייט!
אין באַלאַראַט האָט מען זיי פּאַר מיינע צייטן נישט געזען, גיין!...

ראַביי קאָהען האָט זיך טיפער אַריינגעקוועטשט אין זיין ווינקעלע און מיטן ספר זיך פאַרשטעלט דאָס פנים ווי מיט אַ מחיצה.

נאָך אַ גאַנצער נאַכט פאָרן איז דער ראַביי פאַרטאָגס אָנגעקומען קיין וואָטלהילל. פון די ביר־שענקען און שפּיל־הייזער האָבן נאָך מאַט אַרויסגעגלימערט גלעז, נישט־אויסגע־שלאָפענע לאָמפּן־פּלעמלעך, און עס האָט זיך פון דאָרט גע־טראָגן אַ צוגעדושעטער, טונקעלער טומל. די גאַסן אָבער זענען שוין געווען פול מיט פרימאָרגנדיק גערודער און באַוועגונג. אַ סיריאַנער מיט פאַרדרייטע; גלאַנציקע וואָנסעס האָט וויכטיק געשפּרייזט ביי דער זייט פון אַ קעמל אָנגעלאָדנט מיט ליִיוונטענע וואַסער־זעק און געשריגן מיט אַ זינגענדיק קול:

— טייך־וואַסער, ערשט געבראַכט, פריש און קאַלט, אמתדיק טייך־וואַסער!...

קופּקעס גאָלד־גרעבער מיט הפקר אין די אויגן האָבן זיך טומלדיק געדרייט איבער די שטויביקע, נישט־ברוקירטע גאַסן. עס האָבן זיך געווייסט ליִיוונטענע געצעלטן, וואָס האָבן זיך בייכיק אויפגעבלאָזן אין דעם פרימאָרגנדיקן ווינט, און הייז־לעך, אַבי־ווי צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער און בלעכן, זענען געשטאַנען שיטער צעוואָרפן אין קרומלעכע רייען. אַרום די קראָמען אין ענגע, בלעכערנע ביידלעך האָבן זיך שוין גע־פאָרעט די קרעמערס מיט לעדערנע בייטלען אָנגעהאָנגען אויף די בייכער און געוואָרפן פון צייט צו צייט אין דער גאַס אַריין קורצע, אָפּגעהאַקטע אויסגעשרייען, כדי אַדורכצולופּטערן די פאַרשלאָפענע גאַרגלס. זייערע קולות האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַ שאַרפער הילכיקייט אין דער קלאָרער, ווי אויסגעצוואָ־גענער פרימאָרגן־לופט:

— גראָב־אייזנס, שטיוול! גאָלד־שיסלען! לאָפּעטעס!...

אַזוי נאָר ווי ראַביי קאָהען איז אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן,

האָט אים אַרומגערינגלט אַ קרענצל יידן. פון אַלע זייטן האָבן זיך צו אים געצויגן שווערע, האַרטע הענט, אים דרך־ארצדיק אָפּגעשטעקט שלום־עליכם, און איינער פון די יידן, אַ קורצער און אַ בייכיקער, מיט אַ געבוינגענער נאָז ווי אַן אונערקע, און מיט אַ בלינד אויג, אויף וועלכן ער האָט געטראָגן אַ שוואַרץ רעקל, האָט אים פּאָרזיכטיק גענומען אונטערן אָרעם און מיט אַ ברייט, פאַרקייכט קול גענומען קאָמאַנדעווען צווישן עולם:

— העי, וואָטס די מעטטער!... — רוקט זיך אָפּ אביסל, מאַכט אַ וועג פאַרן ראַביי!...

אַ שמאָל־ברוסט־יקער יונגערמאַן מיט אַ פּלושן בערדל און מיט פּייכטע, שפּפּסענע אויגן האָט זיך הכנעהדיק צוגעשאַרט צום ראַביי און אים דערלאַנגט אַ דין, ווייך־ביינערדיק הענטל:

— וועלקאָם ראַביי! מיין נאָמען איז פעלדמאַן, רעווערענד פעלדמאַן.

מען האָט דעם ראַביי אַריינגעפירט אין אַ גרויסער, טונ־קעלער שטוב מיט ווענט פון נאַקעטע ברעטער, און אַרום די ווענט — פּאָליצעס פאַרלייגט מיט סחורות. אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער נישט־געהובלטער טיש, און צווישן צוויי שמאָלע, פאַרשטויבטע פענסטער אויף דער מזרח־וואַנט איז געווען אַריינגעקוועטשט אַן ארון־קודש — אַ פּראָסט שענ־קעלע פאַרהאָנגען מיט אַ פּרוכת פון גראָבן, שאָטלענדישן טוך.

— דאָס איז אונזער שול — האָט דער בייכיקער פאַרשוין שטאָלץ אַ פּיר געטון מיטן איינציקן אויג איבער דער שטוב.

— מיסטער סמיט האָט אָפּגעגעבן זיין שטוב פאַר דער שול — האָט אַריינגעוואָרפן רעווערענד פעלדמאַן און אָנגעוויזן אויפן איינאויגיקן פאַרשוין. — ער איז דער פּרעזידענט פון דער שול.

מיסטער סמיט האָט פאַרפלאָכטן זיינע קורצע, קליסקעדיקע פינגער אויפן בויך, און זיין פאַרקייכט קול האָט זיך נחתדיק געשמאָלצן:

— צ׳אָלרייט, צ׳אָלרייט!... מען טוט וואָס מען קאָן...

דער ראַביי האָט מיט אַ שטרענגן בליק אַרומגענומען די

טונקעלע שטוב, איבער וועלכער עס איז געשטאַנען אַ געדיכטער, בייסיקער ריח פון רוי האָלץ און לעדער. ער האָט אָנגעקוקט די יידן, וואָס האָבן זיך צונויפגעקוועטשט אין אַ קופּקעלע און נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פונם ראַביי. זיי זענען געווען אָנגעטון ווי גאָלד־גרעבערס, אין געקעסטלטע, וואָלענע העמ־דער אין הויכע, שווער־אָנגעקאָוועטע שטיוול און מיט העל־פאַרביקע טיכלעך אַרום די העלזער. אויף זייערע טונקל־אָפּגע־ברענטע פּנימער איז געלעגן אַ שווערקייט. זיי האָבן זיך שטיל געסודעט צווישן זיך, און די אַראָפּגעלאָזטע מויל־ווינקלען מיט פלייצשיקע קנייטשן אַרום האָבן זיך געצויגן מיט אומרו.

— אָ וועלל, דאָס איסט די שול... — האָט דער ראַביי ביטולדיק אַ שאָקל געטון צו זיך מיטן קאָפּ. — ננאַ... ניכט וויכטיק...

מיסטער סמיט האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש אַ טאַץ מיט כיבוד, עטלעכע פלאַשן ביר און גלעזער. דער עולם איז געוואָרן אויפגעלעבט און גענטער זיך גענומען צושאַרן צום טיש מיט אויסגעצויגענע הענט.

— העי, חברה, נישט געכאַפּט! דרך־ארץ פאַרן ראַביי!

— האָט מיסטער סמיט באַפעלעריש אויסגעשריגן. ער האָט וויכטיק, מיט ישוב־הדעת אָנגעגאָסן די גלעזער ביז אַרויף, אַז די שוים האָט אַזש גענומען איבערלויפן, און רעוורענד פעלד־מאַן האָט זיך אַרויפגעשטעלט אַ גלאָז אויף דער דלאָניע ווי אַ קידוש־בעכער, פרום צוגעמאַכט די אויגן און מיט אַ געמאָסטן קול, איבערקלייבנדיק וואָרט ביי וואָרט און שאָקלענדיק זיך ווי ביים דאַווענען, גענומען זאָגן:

— אין נאָמען פון אַלע יידן אין דער שטאָט...

— היר, היר!... — האָט אים מיסטער סמיט גלייך איבער־געהאַקט מיט זיין פאַרקיילכטן היתוך־הדיבור. ער האָט הויך אויפגעהויבן אַ גלאָז ביר, קונציק עס אַ דריי געטון אין דער האַנט און זיך ברייט צעזונגען:

— הי איס אַ דזשאָללי גוד פעללאָו...

— ניכט וויכטיק, ניכט וויכטיק!... — האָט דער ראַביי

אומגעדולדיק א פּאַכע געטון מיט דער האַנט. — דאָס ערשטע וועלן מיר אָפּדאַווענען בציבור. א גאָטעסדינסט איז ביי מיר די ערשטע זאַך.

די יידן האָבן זיך איבערגעקוקט מיט חידוש און הינ־טערוויילעכיץ זיך גענומען אַוועקשאַרן פון טיש.

— צ'אָלרייט, באָיס, מען דאַוונט! — האָט מיסטער סמיט גוט־ברודעריש צוגעוואונקען מיט זיין איינציקן אויג צו די יידן, און רעווערענד פעלדמאַן האָט א קלאַפּ געטון אין טיש מיט דער פלאַך פון זיין האַנט.

— שאַ, שאַ, מען דאַוונט!

די יידן האָבן זיך אָן חשק צוריק צוגעשאַרט צום טיש, געברומט אונטער דער נאָז און פון דער זייט באַטראַכט דעם ראַביי, ווי ער וויקלט זיך פרום איין אין א טלית, וואָס רעווערענד פעלדמאַן האָט אים דערלאַנגט.

און אַזוי שוין יעדן טאָג. ראַביי קאָהען האָט נישט גע־וואוסט פון קיין חכמות. ער האָט געהייסן אַרויסרוימען פון דער שול די פּאָליצעס מיט די סחורות, דעם נישט־געהובלטן טיש און אַריינגעשטעלט א לייטישן ארון־קודש און אַן עמוד. יעדן אינדערפרי האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט מיטן רעווערענד פעלד־מאַן אויף דער גאַס צונויפצוזאַמלען אַ מנין צום דאַווענען און אויפּס כוח געשלעפּט פון די קראָמען די יידן אין שול אַריין. אין די שבתים האָט ער געהאַלטן לאַנגע און וויכטיקע דרשות אויף זיין אָפּגעהיטענעם אָקספאָרדער ענגליש און נאָכן דאַווענען זיך אַוועקגעשטעלט אין דער טיר, דערלאַנגט יעדן ייד באַזונ־דער די האַנט, געוואונטשן גוט־שבת און מיטגעגעבן גאָטס ברכה. ער האָט איינגעפירט אַ בוך, אין וועלכן ער האָט גענוי פאַרשריבן די נעמען פון אַלע יידן אין דער שטאָט און אַרויס־געהאָנגען פאַר דער שול אַ גרויסע שילד מיט אַן אויפשריפט אויף ענגליש און אויף לשון־קודש: בית הכנסת „נצח ישראל" דק"ק וואָטלהילל.

רעווערענד פעלדמאַן האָט אָנגעקוואָלן פון ראַביי און פון זיינע פירונגען. ער איז אים נאָכגענאַנגען ווי א שאָטן, געקוקט

אים אין די אויגן אריין און אויפגעכאפּט זיין מינדסטן וואונק. יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט פון אים געהערט, האָט ער מיט א גרולה געטראָגן צום בלינדן סמיט.

— וואָס זאָגט איר נישט צו אונזער ראַביי? א „דזשודעין סאָסייטי" וויל ער מאכן — האָט ער דערציילט מיט התפעלות. — ער וויל רופן א מיטינג פון דער „קאָנגרעגיישן" און מאכן אַן אַפּיל.

— „דזשודעין סאָסייטי", „קאָנגרעגיישן"... וואָטלהילל ווערט אַ לייט, האַ, רעוורענד פעלדמאַן?... — האָט סמיט אַן איבערגענומענער געקנייטשט זיין אונגערקע־נאָז, און געשאָקלט התפּעלותדיק מיטן קאָפּ.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער ראַביי האָט גערופן אין שול אריין א מיטינג פון דער „קאָנגרעגיישן". גערופן האָט ער אַלע יידן פון דער שטאָט לויטן בוך, וואָס ער האָט איינגעפירט, און סמיט, א יום־טובדיק אויסגעפּוצטער אין א נייעם הארטן קאַפּעלוש פון אַן אויסטערלישער. העל־ברוינער קאָליר, איז געזעסן אויבן־אָן מיט א גלאָק אין דער האַנט, השיבותדיק געקוקט ארום זיך מיטן זעעוודיקן אויג און קאָמאַנדעוועט מיט זיין צעקייכטן חיתוך־הדיבור:

— אָרדער פּליז!... איר זייט אויף א מיטינג, חברה. דער ראַביי וויל רעדן, שטילער זאָל זיין!...

דער ראַביי האָט גערעדט לאַנג און מיט היץ. ער האָט גערופן די יידן „קינדער פון ישראל" און „מיינע הויכגעשעצטע ברידער", און געציקלט די ווערטער מיט א באַזונדערער יום־טובדיקייט. פון א לאַנגן בויגן פּאַפּיר האָט ער ארויסגעלייענט די פּונקטן פון דער „דזשודעין סאָסייטי", וואָס דאַרף קודם־כל זען צו באַזאָרגן קהל מיט אַ ריכטיקער שול.

— היר, היר! — האָט דער עולם געשריגן און געהאַט ביז גאָר הנאה, וואָס דער ראַביי רופט זיי „מיינע הויכגעשעצטע ברידער".

— אָרדער, אָרדער! שטיל זאָל זיין! — האָט סמיט א צעיאַכמערטער געקלונגען מיטן גלאָק און כסדר געקוקט אַרויף

און אַראָפּ דאָס שוואַרצע דעקל איבערן בלינדן אויג. — אַרויס מיטן פּונקטן, חברה! געלט אַהער, אויב איר ווילט אַ שול! אָט דאָס איז פון מיר, ריינער גאָלד־זאַמד! — האָט ער מיט אַ טראַסק אַ וואָרף געטון אויפן טיש אַ לעדערנע טאָרבע.

— ה״י אָנצעס זהב טהור פון פּרעזידענט מיסטער סמיט!

— האָט מיט אַ חזניש דריידל אויסגעזונגען רעוורענד פעלד־מאַן. דער ראַביי האָט פּאָרזיכטיק, מיט די שפּיצן פינגער אונ־טערגעהויבן די טאָרבע און זי געוואויגן אין דער האַנט מיט אַ צעשוואומען שמייכעלע אויף די ליפּן.

מיסטער סמיט האָט מיט ברען זיך גענומען צו דער שול. אַן אויסגעפּוצטער אין זיין נייעם, ברוינעם קאַפּעלוש איז ער צוזאַמען מיטן רעוורענד פעלדמאַן גאַנצע טעג אַרומגע־גאַנגען איבער די קראָמען צו די יידן, זיי גערופן אויף אסיפות, געזאַמלט געלט און געשריבן קוויטאַנציעס מיט אַ קורץ בליי־שפּיצל אין זיינע קליסקעדיקע פינגער. יעדן פאַר־נאַכט האָט ער געטראָגן צום ראַביי דאָס אָנגעזאַמלטע געלט. דער ראַביי האָט עס קיינמאָל נישט געוואָלט נעמען אין דער האַנט אַריין, נאָר מיט אַ זייטיקער, כלאחר־ידיקער באַוועגונג אָנגעוויזן, מען זאָל עס אַוועקלייגן אויפן טיש, און דערביי אַ וואָרף געטון מיט אַ צעטראָגן קול:

— אָ יעס, געלט... מען דאַרף רופן וועגן דעם אַ מיטינג...

איידער קהל האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין געשטאַנען אַ נייע שול אויף דער שענסטער גאַס אין שטאָט, וואו עס האָבן געוואוינט די פּני אין גרויסאַרטיקע הייזער מיט אויפגעפּוצטע גאַניקעס און הויכע באַלקאָנען. דער ראַביי האָט די שול גע־לאָזט שטעלן לויטן מוסטער פון די רייכע לאַנדאַנער טעמפּלען מיט טורעמדיקע קופּאָלן און הויכע געזימסן איבער די קיילעכ־דיקע, קאָלירטע פענסטער. ער האָט אויסגעשריבן ספרי־תורות פון דער הייליקער שטאָט צפת, אויסגעפּוצט די שול מיט טייערע מעבל פון אויסלענדיש האָלץ, מיט קאָסטבאַרע זשי־ראַנדאָלן און מנורות, שווערע פלושן און טעפּיכער.

די יידן זענען געווען שטאָלץ מיט דער נייער שול. זיי

האָבן באַקומען מער חשיבות ביי זיך אַליין, אויסגעטון די גראָבע, וואָלענע העמדער און־געקאָוועטע שטיוול, און געקומען אין שול אַריין מעשה באַלעבאַטים אין האַרטע קאַפּעלושן און הויכע קעלנער מיט שניפּסן. מיסטער סמיט האָט אַראָפּגענומען פונם בלינדן אויג דאָס שוואַרצע דעקל און געטראָגן ברילן מיט טונקעלע גלעזער. ער האָט נישט געשריגן ווי אַמאָל, נאָר גערעדט דייטשמעריש, ווי דער ראַביי, מיט אַ טיף, פאַר־לייבעצט ביי־קול:

— וועל, וויר האבען שאָן איינע ריכטיקע שול, גאָט־זיי־דאַנק!...

רעווערענד פעלדמאַן האָט שוין מער נישט געדאַרפט שלעפּן די יידן אין שול אַריין צו אַ מנין. די שול איז צו יעדן דאַווענען געווען פול מיט מתפּללים אַפילו אין די פּראָסטע וואָכן־טעג. פאַרן ראַביי אָבער איז דאָס נישט געווען גענוג. ער האָט גע־לאָזט אַראָפּברענגען פון מעלבורן עטלעכע עלטערע, אָרעמע יידן און איינגעפירט אין דער שול אַ שטענדיקן, געדונגענעם מנין, ווי עס פירט זיך אין אַלע גרויסע שולן אין ענגלאַנד.

אַזוי־אָ האָט דער ראַביי אָוועקגעשטעלט די שול אויפן ברייטן שטייגער און געפירט די קהילה מיט אַ פעסטער האַנט. אַ חוץ דער „דזשודעין סאָסייטי” האָט ער אויפגעשטעלט נאָך חברות: אַ לינת הצדק, אַ ביקור־חולים, אַ חסד של אמת. אין דער שול האָט זיך שטענדיק גערודערט און געקהלט. רעווערענד פעלדמאַן האָט געהאַט גאַנצע טעג אַרומצולויפן איבער דער שטאָט מיט פאַרשידענע קהלשע שליחותן, געווען פאַרטון מיט אַרבעט, און זיינע שעפּסענע אויגן האָבן צעטראָגן געפינטלט. זינט מען האָט אויפגעשטעלט די נייע שול, האָט ער זיך געקליידט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רעווערענד: אין אַ שוואַרצן, אַלפּאַגענעם ראָק און אין אַ שטייפן קאָלנער פאַרמאַכט פון הינטן. דאָס פלושענע בערדל האָט ער אָפּגעשוירן און בלויז אויף דער שפּיץ גאָמבע געלאָזן אַ קליין שפּראָצעלע האָר ווי אַ לעצל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין קנאָדערן צווישן די פינגער. ער האָט זיך עפּעס געפילט נישט ניהאַדיק אינם גאַנצן

טומל, און גאַר טומלדיק איז געוואָרן אין דער שטאָט, זינט עס האָט זיך באַוויזן איינער, הערריי גאָלדסטאָן, אַ יונגערמאַן פון ליווערפול, און גענומען מאַכן פאַר דער שול טאַנץ־בעלער און „פּאַרטיס". ער איז געווען אַ קליין־געוואַקסן, נישט אָנ־זעעוודיק פאַרשווינדל מיט אַ רויט, צעשיילט פּנים, ווי ער וואָלט עס כסדר געריבן מיט אָנגעזייפטע בערשטן, און זיינע וואַסערדיקע אויגן מיט אויסגעקראָכענע ברעמען און וויעס האָבן געהאַט אַ פאַרשטאַרטן, נאַקעטן בליק ווי ביי אַ פיש. דערפאַר האָט ער געהאַט אַ געשליפן צינגל צום רעדן און איז באַלד געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער אין דער שול, זיך געמישט אין קהלשע זאַכן און אומעטום געהאַט אַ דעה. דער ראַביי האָט אים שטאַרק מקרב געווען, זיך אַרומגעטראָגן מיט אים גוט־ברודעריש געאָרעמט און געהאַלטן אַ וועלט פון זיינע בעלער און „פּאַרטיס", וואָס צוליב זיי האָבן די יידן אויפגעהערט צו גיין אין די שפּיל־הייזער און ביר־שענקען, און די שול האָט אַ חוץ דעם אַריינגעקראָגן אַ שיינע מטבע.

רעוורענד פעלדמאַן האָט געוואָרפן אַן אומהן אויפן ליווער־פולער יונגענמאַן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרליידן זיינע נאַ־קעטע אויגן און זיין גיך, לופטיק גענגל, ווי ער וואָלט גע־טאַנצט. אַממערסטן האָט אים געאַרט, וואָס דער ראַביי מאַכט פון אים אַ גאַנצע מציאה און טראָגט זיך מיט אים גוט־בר־דעריש אַרום, ווי ער וואָלט געווען מי יודע ווער...

— וואָס איז די גדולה מיט אים? מען האָט, ברוך השם, אויפגעשטעלט די שול אָן זיינע „האָפּקעס", כ'לעבן... ס'איז בלאָף די גאַנצע מעשה, זאָג איך, מער נישט ווי בלאָף! — האָט ער זיך טיילמאָל אַראָפּגערעדט פון האַרץ פאַרן בלינדן סמיט. סמיט אָבער פלעגט וויכטיק שנייצן זיין אוגערקע־נאָז, אַריבערקוקן איבער די ברילן מיטן איינציקן אויג און אַ ברום טון מיט זיין הייזעריק, צוגעדושעט קול:

— צ'אָלרייט, רעוורענד פעלדמאַן! אַזוי פירט זיך היינט אויף דער גאַנצער וועלט...

רעוורענד פעלדמאַן איז טאַקע געווען גערעכט. גאָלדסטאָן

האָט געררודערט אין דער שול, ווי לאַנג עס איז געווען ביי וואָס צו רודערן. כל זמן מען האָט געשאַרט דאָס גאָלד, יידן זענען נתעשר געוואָרן פון די מסחרים מיט די גאָלד־גרעבערס און נישט געזשאַלעוועט דעם פונט פאַר דער שול, האָט ער זיך געריבן אַרום ראַביי און געווען פאַרטון אין קהלשע עסקים. עס האָבן זיך אָבער אָנגערוקט אַנדערע צייטן. דאָס גאָלד אין די גרובנס האָט זיך אָנגעהויבן אויסלאָזן, און פרנסה איז געוואָרן וואָס אַמאָל קאַרגער און שווערער. די יידן האָבן גענומען קרעכצן אויף די שלעכטע צייטן און נישט געגעבן פאַר דער שול מיט אַ ברייטער האַנט ווי אַמאָל. דעמאָלט האָט מען גאָלדסטאָנען אויפגעהערט צו זען אין דער שול, און דעווורענד פעלדמאַן האָט זיך געפּאַטשט אין בויך אַריין:

— אַבי איך קאָן זיך אויף די דאָזיקע לייט! אַז עס איז לײדיק אין דער קהלשער שיסל, זעט מען אים נישט פאַר די אויגן, דעם ליווערפּולער בלאָפער!...

נישט בלויז גאָלדסטאָן, נאָר אַ סך אַנדערע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן פון דער שול. די צייטן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. דער גאָלד־פיבער האָט זיך איינגעשטילט און אין דער שטאָט איז געוואָרן טויט. די מענטשן, וואָס האָבן אַמאָל מהנותווייז געצויגן אַהער אין פּאָסט־וואַגאָנען איבער ווילדע וועגן, האָבן גענומען זיך פונאַנדערפאָרן, זוכן גליקן ערגעץ אַנדערש... די גאַסן, ערשט נישט לאַנג פול מיט לעבן און געפּילדער, זענען געלעגן ווי אויסגעשטאָרבענע, און עס האָט זיך איבער זיי געצויגן אַ וויסטקייט. האָט זיך אַמאָל געוויזן אַ גאָלד־גרעבער, איז ער געגאַנגען מיט זייטיקע, שמאָלע טריטעלעך, אַריינגעשמעקט אין יעדער קראָם און זיך לאַנג געדונגען ביים פאַרקויפן די פאָר גאָלד־שטויבעלעך, איינגע־וויקלט אין אָן אַ שיעור פאַרברודיקטע שמאַטקעלעך און פאַר־שטעקט טיף־טיף אינם בוזים.

— וואָטלהילל איז אָפּגעפאָרן... זיך אויסגעלאָזט דאָס שמאַלץ־גרוב! — האָבן די יידן יאושדיק געצויגן די פּלייצעס, פאַרפאַקט דאָס ביסל האָב־און־גוטס און שטיל, נישט מאַכנדיק

זיך וויסן איינער פאַרן צווייטן, אַוועק, ווי זיי וואָלטן געלאָפן פון אַ מגפה.

דער בלינדער סמיט האָט גאַנצע טעג זיך געדרייט איבער די גאַסן, זיך צוגעקוקט, ווי די שטאָט שטאַרבט אָפּ, און גע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף די קראָמען מיט פאַרקלאַפּטע פענסטער. און שווערע שלעסער אויף די טירן. די עלטער האָט זיך שוין אָנגעהויבן אָנרוקן אויף אים. זיין קיילעכדיקער בויך איז אַראָפּגעהאָנגען ווי אַן אָנגעשטאָפּטער זאַק און זיך שווער געשאָקלט ביים גיין. דאָס פּנים ביי אים איז געווען פול מיט לויזע טאָרבעלעך הויט, און די טונקעלעברילן זענען קרומלעך געריטן אויף זיין אונגערקע־נאָז, וואָס האָט זיך זיקנהדיק אַראָפּ־געלאָזט און ווי אַ האָק אַריבערגעהאָנגען איבער די ליפּן. מיטן איינציקן אויג, אַ מיד־אָנגעלאָפּנס, מיט טונקעלע אָדער־צווייג־לעך אויף די ווייסלען, האָט ער געקוקט פון דער בריל אָפּער אויפן רעוורענד פעלדמאַן און געטענהט מיט אַן אויסגע־טרוקנט, געמאַטערט קול:

— אַ בייז געלויף אויף זיי... זאָלן זיי לויפן געזונטערהייט! איך ריר מיך נישט פון אָרט. גענוג געוואַנדערט אויף מיין לעבן, ביליוו מי!

אָבער אויך ער האָט סוף־כל־סוף געמוזט אַוועק. איינמאָל אינדערפרי, באַלד נאָכן דאַוונען, האָט ער אומדרייסט אָנגע־קלאַפּט אין דער קאַנצעלאַריע־טיר און אַריינגעגאַנגען צום ראַביי. דער ראַביי האָט אים אויפגענומען מיט אַ ווירדיק, דין שמייכעלע, צוגעמאַכט דאָס ספר, אין וועלכן ער האָט געהאַט אַריינגעקוקט, זיך גלייך געמאַכט אויפן קאָפּ די יאַרמעלקע און אים געבעטן זיצן.

סמיט האָט זיך זייטיק אַוועקגעזעצט אויפן ברעג שטול, לאַנג זיך געווישט די הענט אָן די קני און גערעדט מיט אַ געדריכט, שליימיק קול:

— איך בין געקומען זיך געזעגענען, ראַביי! די קינדער זעען נישט דאָ פאַר זיך קיין תכלית... ווילן אַוועק, און דווקא איך זאָל מיטפאָרן מיט זיי...

— סערטענלי, מיסטער סמיט... אַ משפּחה דאַרף זיך האַלטן צוזאַמען. ס׳איז גלייך, וואָס איר פֿאָרט מיט. — האָט דער ראַביי וויכטיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— ס׳איז שווער אָוועקצופֿאָרן... אַ האַלב לעבן אָפּגעלעבט אויף אַן אָרט, יעדעס שטיינדל איז היימיש... — האָט סמיט געדרוקט די ברילן אַרויף און אַראָפּ און די טאָרבעלעך הויט אויף זיין פּנים האָבן גענומען ציטערן. ער איז שטיל געבליבן, אָפּגעזיפּצט און נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — די שול איז מיר אַממערסטן אַ שאָד, ראַביי! אַלע צעפֿאָרן זיך, כּמעט נישט געבליבן קיין יידן אין שטאָט... וואָס וועט זיין דער סוף?... — האָט זיין קול זיך געבראָכן ווי צום וויינען.

דער ראַביי האָט צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און אָנגעשטעלט אויף סמיטן אַ פּאָר אויגן, ווי ער וואָלט אויף אים געקוקט פֿונדערווייטנס. ער האָט טרוקן אָפּגעהוסט, און דער האַלז ביי אים האָט זיך אָנגעגווידערט.

— המ... פֿאַר דער שול איז דאָ, ווער ס׳זאָל זאָרגן... איר קאָנט זיין רואיק, מיסטער סמיט! — האָט ער זיך שטייף אָנגעשפּאַרט אויפֿן אָנלען פֿון דער שטול און צוריק געעפֿנט דאָס ספֿר.

אין דער שול איז געוואָרן וואָס אַמאָל לייִדיקער און שטילער. עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל דאָרט רודערן און קהלן זיך. זעלטן עמיץ האָט זיך געוויזן אין דער שול אפילו צו אַ שבתדיקן דאַווענען, סיידן אַמאָל אַ קדיש־זאָגער, און דעם ראַביי איז כּסדר אויסגעקומען צו דאַווענען בלויז מיטן געדונגענעם מנין. ער האָט זיך איינזאַם אַרומגעדרייט אין דער שול־קאַנצעלאַריע, יעדן טאָג ברוגזדיק אַראָפּגעריסן אַ פּריש בלעטל פֿון קאַלענדאַר און מיט קרומע בליקן געקוקט אויפֿן רעוורענד פֿעלדמאַן, וועלכער איז עובר־בטלדיק אַרומגעקראָכן איבער דער שול מיט שלאַבעריקע, מידע טריט, כּסדר עפּעס אַריינגערעדט אין זיך און אַרומגענישטערט מיט זיינע שעפּסענע, קורצזיכטיקע אויגן. ער האָט זיך צוריק פֿאַרלאָזן אַ באָרד, וואָס האָט זיך וואָליק געקאָלטנט אויף זיינע איינ־

געפאַלענע באַקן, און דער רעוורענדישער אַלפּאַגענער ראָק מיט אַ גלאַנציק־פאַרשוויצטן קאָלנער איז לויז אַראָפּגעהאָנגען פון זיינע אונטערגעהויבענע, הויקערדיקע אַקסלען. דער ראַביי האָט, קוקנדיק אויף אים, זיך בייז געצופּט די וואָנסעס און פאַר כעס גערעדט דייטשמעריש צו זיך אַליין:

— זאָ וואַס! גאָטט אין היממעל!

פון דער אַמאָליקער קהילה איז שוין כמעט קיינער נישט געבליבן. די שול איז געשטאַנען אין דער שטילער גאַס צווישן ווילד־צעוואַקסענע פּאַלמעס מיט אויפגעשויבערטע קעפּ און פאַרוואָרלאָזטע הייזער מיט אַלט־מאָדישע טורעמלעך און באַלקאָנדלעך. דער טינק פון די הייזער אָפּגעשיילט, טיר און פענסטער פאַרקלאַפּט — איז די גאַס געלעגן אַ שטויביקע, אַ בית־עולמדיקע, און איבער איר האָט זיך שווער געטורעמט די שול מיט די בייכיקע קופּאָלן. די קייל־עבדיקע שול־פענסטער מיט די הויכע געזימסן האָבן בלינד געקוקט מיט די קאָלירטע שויבן ווי דורך טונקעלע ברילן אויף הויכע, הויקערדיקע נעז.

יעדן אינדערפרי און פאַרנאַכט האָבן די יידן פון געדונגענעם מנין, אַלטע און איינגעהויקערטע, זיך געשאַרט אין שול אַריין מיט קליינע, געהיטענע טריטעלעך, ווי זיי וואָלטן געקומען פון ערגעץ ווייט מיט אַ וויכטיקער שליחות. ראַביי קאָהען האָט שטייף געשפּרייזט איבער דער גאַס אין זיין לאַנגן, שוואַרצן מאַנטל, פאַרקנעפּלט ביז אַרויף אויף אַלע סנעפּ, און מיטן ראַבייאישן צילינדער שטרענג אַראָפּגערוקט ביז איבער די אויגן. זיינע טריט זענען געווען שטרענגע און געמאָסטענע, און די אויגן, אומבאַוועגלעך געווענדעט פאָראויס, האָבן געקוקט האַרט און גלאָזיק.

ג.

עס איז שוין געווען אַ שטיק נאָך האַלבן טאָג, און דער ראַביי איז אַלץ נאָך געזעסן ביים שרייב־טיש מיט אַ שווער־אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ. דער זייגער האָט אָפּגעקלאַפּט די סעקונדעס טיף־אָטעמדיק, מיט אַ מידן קרעכץ. דער רעגן אין

דרויסן האָט אויפגעהערט, און די ווינטערדיקע נאָכמיטאָג־זון האָט אַריינגעגאָסן דורכן פענסטער אַ פייכטן און קילן אָפּשיין, וואָס האָט זיך געלייגט אויף די ווענט אין מאַט־געלע, משופּעדיקע פּאַסן.

עס האָט זעלטן געטראָפן, אַז דער ראַביי זאָל פאַרזיצן איבער די צוויי באַשטימטע אַמט־שעהן, פון צען ביז צוועלף. ער האָט שטרענג, מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט אָפּגעהיטן דעם פעסטן סדר, לויט וועלכן ער האָט אַלע יאָרן געפירט די שול. היינט אָבער האָט עפּעס מיט כוח אים צוריקגעהאַלטן און נישט געלאָזט אַוועקגיין. די גמרא איז געלעגן פאַר אים אָפן, נאָר זיינע רעיונות זענען נישט געווען ביים לערנען. ער האָט געטראַכט וועגן דער שול, וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן, וועגן די יידן פון מנין, וואָס זענען צוליב אַ גאָרנישט גרייט צו לאָזן די שול אויף הפקר. ער האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ דיק קאָנטאָ־בוך מיט אַ גאָלדענעם מגן־דוד אויסגעפּרעסט אויף די טאָוולען. אין דעם בוך האָט ער געפירט די חשבונות פון דער שול. ער האָט פּאַמעלעך געמישט די שטייפע, קנאַקעדיקע בלעטער מיט געדיכט־פאַרשריבענע ציפערן און יאושדיק גע־דרייט מיטן קאָפּ. דער חשבון האָט נישט אויסגעטראָגן די הוספה, וואָס דער מנין האָט פאַרלאַנגט. ער וועט מוזן אָפּשפּאָרן פון זיינע הוצאות און לעבן קאַרגער, כדי ווייטער צו קענען האַלטן דעם מנין. און אפשר וועט גאָט העלפן, דער מנין וועט זיך לאָזן איבעררעדן פון רעוורענד פעלדמאַן און באַשטיין אויף די אַלטע שכירות?... ער אַליין וועט מאָרגן באַלד נאָכן דאַווענען פּרוּאוון אַ רעד טון מיט די יידן. וועט זיך לאָזן עפּעס אויפטון, איז גוט, אויב נישט, מוז ער זיך אונטערנעמען צו טראָגן די פאַרגרעסערטע הוצאות. ער וועט נישט דערלאָזן, אַז די שול זאָל צוליב געלט בלייבן, חלילה, פאַרשעמט...

ער האָט פרום אָפּגעזיפצט. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט גובר געווען אין זיך דעם כעס אויפן מנין. אזיהו גבור, הכובש את יצרו — האָט ער זיך דערמאָנט דעם פּסוק אין פּרק און גאָטספאָרכטיק פאַרגלייזט די אויגן. ער האָט זיך אויפ־

געשטעלט פון אָרט, אָנגעטון דעם מאַנטל און דעם צילינדער, אָבער אוועקגעגאַנגען איז ער אַלץ נישט. אַ שפּאָר ביסל צייט האָט ער זיך געדרייט איבער דער קאַנצעלאַריע, איבערגעסדרט די ספרים אין דער שאַנק, גלייכגעשטעלט אויפן טיש דאָס שרייב־געצייג, אַראָפּגעווישט אַ פּאָדים שפּינוועבס פון דער וואַנט און צוגעגאַנגען צו אַ שמאָלער, הויכער טיר פאַרהאָנגען מיט טונקעלע פּלוש־פּאָרטיערן. די טיר האָט געפירט פון דער קאַנצעלאַריע גלייך אין שול אַריין. ער האָט פּאַמעלעך געעפנט די טיר. עס האָט אים אַ שלאָג געטון אַקעגן אַ טיפע, פאַרגליווערטע שטילקייט. דורך די קאָלירטע שויבן אין די קיילעכדיקע פענסטער זענען געפאַלן ליכט־פלעקן פון אַלערליי קאָלירן אויף די אַלטע, טונקל־האָלציקע שול־בענק, זיך געשפּיגלט אין די מעשענע שטאַנגען אַרום דער בימה און זיך משונהדיק גע־פלאָכטן מיט די פאַרביקע מאָלערייען אויף די ווענט. דער מזרח מיטן הויכן עמוד און די ברייטע טרעפּ, געדעקט מיט טונקל־רויטן פּלוש, וואָס האָבן געפירט צום ארון־קודש, זענען געווען איינגעטון אין אַ געדיכטן בין־השמשות. פון די הויכע סופיט־געוועלבן האָט זיך געטראָגן אַ קילע טונקלקייט, פון וועלכער עס האָט שוואַך אַרויסגעגלימערט דאָס ציטערדיקע פלעמל פון נר־תמיד. דער ראַביי איז געשטאַנען אין דער שול מיט אַראָפּגעלאָזענע אַקסלען, אַריינגעטאָטעמט אין זיך די טונקעלע שטילקייט, און איבער זיינע ברעמען איז געלעגן אַ שווערקייט ווי נאָך אַ לאַנגן, מידן שלאָף.

צומאָרגנס אינדערפרי זענען די יידן פון מנין געקומען אין שול גענויער ווערן, ווי עס האַלט מיט דער הוספה. זיי זענען געשטאַנען אין אַ קופּקע ביי דער טיר, אונטערגעקרעכצט מיט פּייכטע, נישט־אויסגעשלאָפענע קולות, געשמאַרעט מיט די נעז און זיך כסדר איבערגעוואונקען מיט סודותדיק־אָנגע־צויגענע פּנימער. געוויינלעך פלעגן זיי זיצן פון אויבן־אָן אויף די סאַמע ערשטע בענק, אָבער היינט האָבן זיי זיך עקשנותדיק געהאַלטן נעבן דער טיר, נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט, כאָטש רעוורענד פעלדמאַן האָט זיי געהאַלטן אין איין בעטן:

— קומט ווייטער, יידן! וואָס שטייט איר ביי דער טיר ווי פּרעמדע?...

ער איז געווען אָנגעטון אין אַ בריטון, שוואַרצן קיטל ביז צו די קנעכלען, און אויפן קאָפּ איז אים שלאַבעריק געלעגן אַ אַכט־קאַנטיקער, צעקנאָדערטער ספּאָדיק פון אויסגעקראָכענעם סאַמעט. ער האָט זיך געדרייט אַ צעטראָגענער אַהין און צוריק, רחמנותדיק געפּינטלט מיט די אויגן אויפן מנין און זיך געריסן שטיקער פונם וואָליקן בערדל. אַ גאַנצן פרימאָרגן טענהט ער שוין איין מיט די יידן, רעדט מיט גוטן און מיט בייזן, און זיי רירן זיך נישט אַוועק פון דער טיר און האַלטן זיך ביים זייע־ריקן:

— וואָס איז מיט דער הוספה, וואָס?...

— די וועלט וועט דאָך מאַכן פון אייך ס'גרעסטע געלעכ־טער! — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן — ווי פּאַסט עס פּאַר עלטערע יידן אַזאַ זאַך? פירן גאָר אַ ברוגז מיט דער שול?... וואָס טוט זיך מיט אייך?

— יאָ ברוגז, נישט ברוגז! אָן הוספה שטעלט מען זיך נישט דאַווענען! — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די יידן מיט אַ פאַרדומפּעצט קול און מיט אַ פּנים ווי אויפגעלאָפן פון צאָן־ווייטיק.

אַ זקן מיט הויך־אונטערגעהויבענע, שפּיציקע אַקסלען, צווישן וועלכע עס איז געווען אַריינגעקוועטשט אַ קליין קעפּל מיט אַ ווייך, נאַקעט פּנים ווי ביי אַ טומטום, האָט פון דער זייט אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן דעם רעוורענד פעלדמאַן. ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שיטער, אָנציינגיק געלעכטער, און זיין אָפּשטייענדיקע אונטערשטע ליפּ, וואָס איז שמאַטעדיק אַראָפּגעהאָנגען איבער דער גאָמבע, האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ שנאָבל פון אַ טשייניק.

— כ'מיין, כי, כי, כי, איר האָט זיך אומזיסט אויסגעפּוצט אין אייער ספּאָדיק, מיסטער רעוורענד! עס וועט שוין היינט קיין מנין נישט זיין, כי, כי!...

— און אַז עס וועט נישט, האָט אייך שוין ס'גאַנצע

גליק געטראָפן, האַ, ר׳ ברוך? — האָט דער רעוורענד מיט רוגזה זיך אַ צי געטון צום אַלטן — אַזאַ אַלטער „דאָסער” און רעדט אויף! אַ חרפּה און אַ בושה!...

— טע, טע, נישט גערודערט, מיסטער רעוורענד! אַנישט גייען מיר שוין אַוועק, און פּטור אַן עסק! — האָט זיך אַרויסגערוקט אַ שמאָלער, איינגעצויגענער פּאַרשוין מיט אַ קוויטשיק קולעכל. ער האָט געהייסן סעם סאָנשיין, נאָר צוליב זיין קולעכל האָט מען אים גערופן מיט אַ ווייבערשן צונאָמען „סאָנטשע”. ער איז געווען דער רעדל־פירער פון מנין, גערויכערט אויסלענדישע סיגאַרעטן פון אַ גלאַנציקער פּושקע מיט אַ נאַקעטער פרוי אויסגעקריצט אויפן דעקל, און שטענדיק, אפילו אין מיטן דאַווגען, געגאַשט צוקערלעך מיט אַ שאַרפן מיענטע־ריח. ער האָט געטראָגן העל־פּאַרביקע, ענג־געפּאַסטע מלבושים פון עפּעס אַ פּאַרצייטיקער מאָדע, און עס האָבן זיך דורך זיי שאַרף אַרויסגעשניטן די ביינערדיקע שפּיצן פון זיין דאַרן גוף. זיינע פלינקע, גרינלעכע אויגן האָבן געקוקט שפּיציק, מיט אַ שיקל, ווי ער וואָלט עמיצן אָט־אָט כאַפּן ביי דער האַנט אין אַ גנבה. די יידן האָבן געציטערט פאַר אים, געהאָרכט אַלץ, וואָס ער האָט זיי געהייסן, חניפהדיק געשנאָרעט ביי אים די אויסלענדישע סיגאַרעטן און די מיענטע־צוקערלעך און זיך גוט־ברודעריש געריבן אַרום אים. הינטער די אויגן האָבן זיי אויף אים אויסגערעדט, וואָס אין דער קאָרט, דערציילט צווישן זיך, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ קרימינאַלניק, אַן אַנטלאָפענער פון סיביר, און חידושדיק געשאָקלט אויף אים מיט די קעפּ:

— שוין איינמאָל אַ העכט, סאָנטשע! באַהיט זאָל מען ווערן זיך איינצורייסן מיט אים... מ׳איז נישט זיכער מיטן לעבן!...

דער רעוורענד איז געוואָרן אָנגעצונדן פון סאָנטשעס רייד. ער איז צוגעלאָפן צו די יידן מיט פונאַנדערגענומענע הענט, און די ברייטע, אַראָפּהענגענדיקע אַרבל פון זיין שוואַרצן קיטל האָבן זיך צעפּאָכעט ווי פלאַכטעס.

— נו־יאָ, סאָנטשע קאָן באַשטיין! וואָס אַרט עס אים,

דעם טריפהנעם האַלז, צי יאָ שול, צי נישט? — האָט ער זיך געווענדעט צו די יידן — אַ שיין פּנים וועט איר האָבן, אַז איר לאָזט זיך פון אַזאַ איינעם פירן ביי דער נאָז!...

— הי, הי... — האָט סאָנטשע זיך צעלאַכט מיט אַ קוויטש — פון ראַביי וועט מען זיך לאָזן פירן... ער וועט שוין אַזוי פאַרפירן, מען זאָל דאַוונען ביי אים אינגאַנצן אומזיסט, הי, הי, הי!...

— כ'לעבן, מיסטער סאָנשיין איז גערעכט. וואָס האָבן מיר טאַקע פון אונזער דאַוונען? נישט צום לעבן און נישט צום שטאַרבן... — האָט זיך אַריינגעמישט זעליג הירש, אַ מרה־שחורהדיקער ייד מיט אַ פּאָר קיילעכדיקע אויגן האַרט ביי די זייטן נאָז ווי ביי אַ סאָווע. דער ראַביי האָט אים אַרויסגעפּאָדערט פונעם יידישן מושב־זקנים אין סידנעי, ווען איינער אַ ייד פון מנין איז אַוועקגעשטאָרבן. כאָטש ער איז שוין אַ שיינע פּאָר יאָר געווען אין מנין, האָבן די יידן נאָך אַלץ אים געהאַלטן פאַר אַ פרעמדן און נישט אַריינגענומען אים אין דער חברותא. זיי האָבן אים פיינט געהאַט און געחוזקט פון אים, ווייל ער האָט געטריי געדאַוונט, נישט אַדורכגעלאָזט אַ וואָרט פון די תפילות און לאַנג געצויגן די „אמנס" און „ברוך־שמוס".

— אויך מיר אַ מענטש! האָט מורא אָפּצונאַרן דעם ראַביי מיט אַ וואָרט!... — האָבן זיי אויף אים געבורטשעט, ווען ער פלעגט לאַנג און געשמאַק זיך שאָקלען ביי דער שמונה־עשרה.

— און איר אויך, מיסטער זעליק, האַ? — האָט דער רעווערענד אים אָפּגעמאַסטן מיט אַ באַדוערנדיקן בליק — געדאַרפט אייך דערוויף צו ברענגען אַזש פון סידנעי!... געוואַלד, ייד, וואָס טוט זיך מיט אייך, וואָס ווילט איר אויספירן? אַז מען וועט פאַרמאַכן די שול, וועט שוין זיין גוט? עס וואַרטן אויף אייך גרויסע פאַרדינסטן, אַנדערע ביזנעס, מ'שטיינס געזאָגט... פאָלגט מיך, יידן, זאָל בלייבן ביים אַלטן! די שול האָט נישט קיין געלט, דער ראַביי רייסט זיך אַוועק דעם ביסן פון מויל, אַבי אייך צו האַלטן. זאָל צוליב אייך אַ מקום־קדוש נישט ווערן פאַרשעמט, חלילה...

— און אַז מיר וועלן בלייבן פאַרשעמט, איז רעכט? דער ראַביי וועט זיך טאַקע מיינען, אַז שוין, אָן אים זענען מיר אויס. זאָל ער וויסן, אַז מיר האָבן אויך עפּעס אַ דעה! — האָט דעם רעווערענד איבערגעשלאָגן מאיר סעגאַל, אַ ייד אָנגעטון קרועה־בלויה, מיט אַ פּיר־עקיק, שווער פּנים און מיט פאַרשלאָפענע, אַרויסגעזעצטע אויגן, וועלכע ער האָט שטענדיק געהאַלטן האַלב־צוגעמאַכט הינטער דיקע, ווי אַזיפּגעשוואָלענע אויגן־הייטלעך. — דאַרף ער אונז האָבן, זאָל ער קומען צו אונז, רעדן אַ מענטשלעך וואָרט, און נישט האַלטן זיך אין גרויסן, האַ, יידן? — האָט ער אויפגעהויבן זיין שווער פּנים צום מנין.

— סערטענלי, וואָס די מעטער וויט הים? — האָט מיט אַ האַרט, פאַררויכערט קול זיך אָנגערופן אַ הויכברוסטיקער פאַרשוין מיט אַ הילצערנער האַנט, אויף וועלכער ער האָט געטראָגן אַ צעדריוולטע העַנטשקע פול מיט לעכער, וואָס דורך זיי האָט זיך אַרויסגעזען דאָס נאַקעטע, פון פּאָליר אָפּגעריבענע האָלץ פון די פינגער. ער האָט גערעדט אַ טיף־פאַרצויגענעם, פויערישן ענגליש און גענעסן מאָלצייטן ביי דער „סאַלוויישן אַרמי”. אין מנין האָט מען אים גערופן דזשיממי און כמעט נישט געהאַלטן אים פאַר קיין ייד.

— דזשיממין קומט אויך אַ רעשט צו צאָלן! — האָט בטולדיק דער רעווערענד אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — כ'וואָלט וועלן וויסן, צי ביי דער „סאַלוויישן אַרמי” רעדט ער זיך אויך אַזוי ברייט! קושט אוודאי דעם יויזל דאָרטן פאַרן ביסל טריפות. אַזאַ איינעם, אסור צי מען מעג מצרף זיין צו אַ מנין. אומזיסט נעמט ער געלט ביי דער שול.

— דאָס געלט, וואָס מען צאָלט דאָ, מי יודע... — האָט זיך אָנגערופן ר' ברוך.

— געלט, געלט, נאָר געלט! — איז דער רעווערענד אויפגעקאָכט געוואָרן, אַזש דאָס וואָליקע בערדל זיינס האָט זיך אונטערגעהויבן. — שוין צייט אויף אייך, אין אייערע יאָרן,

צו טראַכטן וועגן אַ תּכלית, מיט וואָס צו קומען אויף יענער וועלט, ר׳ ברוך!

— דערווייל בין איך נאָך אַ לעבעדיקער מענטש, כי, כי,

— האָט דאָס גאַנצע פּנים ביים אַלטן זיך צונויפגעקאָרטשעט אין אַ בייז געלעכטערל. — מילא, צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, אַז איך וועל שוין נישט זיין קיין „הינער״, וועל איך בײנאַכט קומען אין שול אַריין און אומזיסט דאַוונען מיט די מתים. כ׳זאָג אייך צו, איינגאַנצן אומזיסט! כ׳וועל קענען באַשטיין, כי, כי!...

— עס פעלט מיר נישט אײן! — האָט סעגאַל אַרויפגע־צויגן די אָנגעשוואָלענע אויגן־הייטלעך, און זיינע אויגן האָבן זיך אַרויסגעקייקלט מיט זייער גאַנצער קיילעכדיקער בולטקייט. — נאָכן טויט, אַז עס זאָל האַלטן ביים דאַוונען, האָב איך מיר אַ שול אין דער היים, אין סטאַשעוו!

— אוודאי! — האָט דער עולם זיך צעליאַרעמט און געוואָרן אויפגעלעבט. — אוודאי אין דער היים, צווישן אייגע־נע, וואָס דען? נאָכן טויט לאָבט מען פונם ראַביי קאָהען מיט זיין שול, מיט זיין גאַנץ אויסטראַליע צוזאַמען!...

— געהערט דיבורים! — האָט דער רעוורענד זיך אַ שאַר געטון אַ דערשראָקענער אויף צוריק און אַרומגענומען די שול מיט אַ גיכן, מהומהדיקן בליק. — מיט מתים זיך גאָר אַריינגעלאָזט! כ׳מיין, מיט מתים וואָלט שוין גלייכער געווען צו האָבן צו טון, איידער מיט אייך.

— מיט וואָס זענען מיר אַנדערש, ווי מתים? אונזער לעבן, מ׳שטיינס געזאָגט, הייסט אויך געלעבט?... — האָט זעליק הירש טרויעריק אָפּגעזיפצט און אויסגעשטעלט אויפן רעוורענד זיינע קיילעכדיקע סאָווע־אויגן.

דער עולם איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. פון צווישן די טונקל־רויטע פּאָרטיערן אויף דער טיר, וואָס האָט געפירט פון דער קאַנצעלאַריע אין שול אַריין, האָט זיך באַוויזן דער ראַביי. ער איז געווען אָנגעטון פונקט ווי דער שמש, נאָר אין אַ ברייטערן קיטל און אַ העכערן ספּאָדיק, אַ זיידענעם, מיט אַ טראַלז

אויפן שפּיץ. אויף די אַקסלען האָט ער געטראָגן אַ שמאָל טליתל ווי אַ האַנטוך. ער האָט אַ קוק געטון אויף די פּאָ־דערשטע בענק, וואו ער איז געוועזן געוואוינט צו זען יעדן טאָג דעם מנין, און געבליבן שטיין. ער האָט מיט אַרויפגעצויגענע ברעמען זיך אַרומגעקוקט איבער דער שול, אויף אַ רגע אָפּ־געשטעלט דעם בליק אויף דער קופּקע יידן ביי דער טיר און זיין פּנים איז געוואָרן שטייף. מיט געמאָסטענע, פעסטע טריט איז ער צו צום עמוד, אַ צי געטון דאָס טליתל מיט ביידע הענט און גענומען בלעטערן אין דעם גרויסן, חזנישן סידור מיטן גאָלדענעם שניט, וואָס איז געלעגן אויפן עמוד. אַן אָנגע־שפּאַנטע שטילקייט איז געהאָנגען איבער דער שול, און ווען ער האָט אָנגעהויבן דאַוונען, האָט זיין קול זיך אַדורכגע־קייקלט אין דער שטילקייט מיט אַ ווידער־קול. דער מנין האָט שווייגנדיק זיך אַ רוק געטון נענטער צו דער טיר. דעם ראַביי־זענען די ווערטער געבליבן שטיין אין מויל. זיין גוף האָט זיך איינגאַנצן אָנגעשטייפּט, און פון די ברייטע קיטל־אַרבל אַרויס האָבן וויים אַ בלענד געטון זיינע פינגער, וואָס זענען געווען מאָדנע צעשפּרייט ווי ביי אַ קליין קינד. רעווערענד פעלדמאַן האָט שווייגנדיק געוואונקען צום מנין, געבעטן זיך מיטן בליק, געפּאָכעט מיט די פליגלדיקע אַרבל פון זיין קיטל, און דאָס פּנים האָט זיך ביי אים געקרומט ווי צום וויינען.

דער מנין האָט אָבער עקשנותדיק געשוויגן. סאָנטשע האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאָראויס מיט צעשפּרייטע הענט און ביז געשיקלט אַרום זיך מיט די אויגן. די יידן האָבן זיך געהאַלטן אין איין רוקן הינטערווייַלעכיז צוריק און כמעט שוין געשטאַנען אין דער טיר. איין זעליק האָט צעטומלט געוואָרפן מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן, זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און גענומען שטופּן זיך פאָראויס.

— איך וועל דאַוונען... זיי וועלן מיך פאַרמסרן אין מושב־זקנים... וואו וועל איך זיך אַהינטון, ווי איז מיר?... — האָט ער געמורמלט צום עולם מיט אַ צעשראָקן קול.

סאָנטשע האָט אים צוריקגעהאַלטן, אָפּגעמאָסטן אים מיט

אַ רציחהדיקן בליק און הינטן אַרום אים אַ קנייפּ געטון מיטן גאַנצן כוח. זעליקן האָט פון ווייטיק זיך אַזש פאַרהאַקט דער אָטעם, און ער איז צוריקגעטרעטן.

דער ראַבּיי האָט אויפסניי אָנגעהויבן דאַוונען. דאָס קול ביי אים האָט זיך געבראָכן און געפלאַטערט מיט אונטערגע־האַקטע פליגל איבער דער שול. דער רעוורענד איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט מיטגעדאַוונט. ער האָט אויסגעשריגן די „אמנס” מיט אַ בהלהדיק, פאַרכליניעט קול, וואָס האָט די שטילקייט געמאַכט נאָך טיפער און אָנגעצויגענער. דער ראַבּיי האָט שווער אָנגעשפּאַרט די הענט אויפן עמוד און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דאָס צעפלאַטערטע קול זיינס האָט מיט די לעצטע כוחות זיך געריסן אין דער שטילקייט אַריין און פאַרבלאָנדזשעט אָפּגעהילכט צווישן די הויבע, טונקעלע געוועלבן.

ער האָט געהאַלטן ביי שמונה־עשרה. ער האָט זיך אַ שאָקל געטון, געמאַכט אַ טריט אויף צוריק און געבליבן שטיל. די שטילקייט האָט זיך נאָך נידעריקער און געדיכטער אַראָפּגעלאָזט איבער דער שול. דער ראַבּיי איז געשטאַנען אַ פאַרשטייפּטער מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף צוריק. די פאַלדן פון זיין קיטל זענען אַראָפּגעהאָנגען שווער און גלייך ווי אויסגעהאַקט אין שוואַרצן שטיין. דער מנין האָט אין דער שטילקייט זיך אָנגע־הויבן אומרואיק צו באַוועגן און צו שושקען צווישן זיך מיט אַ צעטומלטן, פאַרשטיקטן פליסטער. דער ראַבּיי האָט ראַפּטום זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום מנין. די ברעמען און די וואָנסעס זענען ביי אים געווען ווילד אויפגעשויבערט און די אויגן פאַרלאָפן מיט רויטקייט.

— אַרויס פון דאַנען! אַלע אַרויס! — האָט ער אויס־געשריגן מיט אַ כאָרכלדיק קול. ער האָט זיך אַ וואַקל געטון, צאַפּלדיק אויפגעהויבן די הענט און הינטערווײַלעכץ אַנידער־געפאַלן אויף דער ערד.

— געוואַלד, יידן!... וואָס האָט איר געטון? איר האָט דאָך אים דערהרגעט!... — האָט דער רעוורענד אַ שריי געטון נישט מיט זיין קול און צוגעלאָפן צום אָוועקגעפאַלענעם ראַבּיי.

## ד.

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג. אין דער שול האָט מען מער נישט גערעדט. ראַביי קאָהען איז אָבער פּונקט ווי פריער יעדן פרימאָרגן, גענוי אין דער זעלבער צייט, געגאַנגען אין שול אַריין. די טעג זענען געשטאַנען ווינטערדיקע, נאַסע. איבער די גאַסן האָבן זיך געטראָגן ווינטן, געפּאַטשט אין פּנים מיט פּלאַכטעס רעגן און געריסן די פאַרקלאַפּטע טיר און פענסטער פון די פּוסטע הייזער. דער ראַביי איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע, געבראָכענע טריט, געציטערט מיטן קאָפּ, און די אַקסלען האָבן זיך שפּיציק ביי אים געהויקערט. ער האָט זיך שטאַרק געעלטערט אין די עטלעכע טעג. ער איז געוואָרן קלענער, איינגעשרומפּן, אין די גלידער איז אים אַריין אַ לויזקייט, און ער האָט גע־שפּירט, ווי דאָס בלוט גיסט זיך שיטער און לאַנגזאַם אין זיינע אָדערן. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צונויפנעמען די מחשבות. זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זיין מוח און זיך געשיט ווי זאַמד צווישן די פינגער. בלויז די אויגן זענען ביי אים געבליבן די אייגענע, מיטן שאַרפן, פויגלשן אָפּגלאַנץ ווי פריער, און גייענדיק איבער דער גאַס, האָט ער זיי געהאַלטן אָן אַ פינטל צו טון געווענדט צו דער שול, וועלכע איז מיט די בייכיקע קופּאָלן און הויכע געזימסן איבער די פענסטער געשטאַנען ווי אַ שווערע פעסטונג.

ער האָט אַראָפּגענומען פון דער קאַנצעלאַריע־טיר דאָס אַלטע, אָפּגעריבענע שילדל מיט דער אויפשריפט וועגן די אַמטלעכע אויפנעם־שעהן און אָנגעקלאַפּט צוויי נייע, גרויסע שילדן, איינע אויף דער קאַנצעלאַריע־טיר און איינע אויף דער טיר אין דרויסן. פאַרן אַריינגיין אין דער שול איז ער יעדעס מאָל געבליבן שטיין, לאַנג באַטראַכט דעם נייעם שילד, און דער קאָפּ ביי אים האָט דערביי שטאַרק געציטערט, ווי אָנגעהאָנגען אויף אַ שפּרינגפעדער.

ער איז יעדן טאָג אויסגעזעסן די צוויי שעה ביים שרייב־טיש אין דער קאַנצעלאַריע ביז צו דער מינוט. ער איז געזעסן

שטייף, מיט אן אָנגעשטרענגט פּנים, און נישט פאַרגונען זיך אפילו אַריינצוקוקן אין אַ ספר, עס זאָל נישט הייסן, אַז ער איז נהנה פון דער צייט, וואָס געהערט צו דער שול. ער איז געזעסן מיט הויך־אונטערגעהויבענע אַקסלען, לאַנג און טיף געצויגן דעם אָטעם, ווי ער וואָלט געשלאָפן. דורך דער וואַנט האָט ער געהערט דעם רעוורענד פעלדמאַן, ווי ער דרייט זיך אַרום איבער דער שול, פּוצט מיט דער קער־באַרשט די אויס־געריבענע טעפּיכער און פאַרקייכט זיך יעדע רגע מיט אַ טרוז־קענעם, צעבּרעקלטן אַסטמע־הוסט. ער האָט זיך איינגעהאָרכט מיט אויפגעשפּיצטע אויערן צו זיין יעטוועדער באַוועגונג, ווי ער שאַרט שלאַבעריק די פיס, קרעכצט שטיל אין זיך אַריין נאָך יעדן פאַרהוסטן זיך, און ווי ער נישטערט כסדר אַרום ביי דער טיר און האָרכט אַריין אין דער קאַנצעלאַריע. זינט ער איז אַוועקגעפאַלן אין דער שול, קוקט דער רעוורענד אויף אים מיט רחמנותדיק־צעפינלטלטע אויגן ווי אויף אַ מסוכן, און דרייט זיך אַרום אים מיט אַזעלכע פאַרזאָרגטע, צעפּלאָנ־טערטע טריט, ווי ער וואָלט אָט־אָט זיך געכאַפּט אים צו ראַ־טעווען. וואָס וויל ער, דער פעלדמאַן? וואָס האַלט ער זיך אין איין דרייען אַרום אים? ער, ראַביי קאָהען, קאָן זיך אַליין אַן עצה געבן און דאַרף נישט מען זאָל אים כסדר נאָכקוקן. אַז עס האָט זיך שוין יאָ אַזוי געמאַכט, קיין מנין איז נישטאָ, וויל ער גלייכער בלייבן מיט דער שול איינער אַליין, אינגאַנצן איינער אַליין...

דעם רעוורענד פעלדמאַן איז עס געגאַנגען אין לעבן מיט דער שול. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם ראַביי, נאָך קיינמאָל נישט געזען אים אַזוי פאַרביסן, אַזוי עקשנותדיק־צוריקגעצויגן. מען זאָל פון אַ מענטש נישט הערן אַ וואָרט! זיצט זיך אין דער קאַנצעלאַריע, רירט זיך נישט פון אָרט און רק ער שווייגט, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַ אימה.

ער איז געווען אינגאַנצן צעטראָגן, דער רעוורענד. זינט דער ראַביי האָט פאַרטריבן דעם מנין, האָט זיך איבער דער שול צעלייגט אַ מוראדיקע שטילקייט. די שול האָט אים אויס־

געזען עפּעס גרעסער און לײדיקער. ער האָט אָנגעהויבן צו באַמערקן אַזעלכע זאַכן, וואָס פריער האָט ער זיי קײנמאָל נישט געזען: שטיקער שפּינוועבעכץ אין די געוועלבן פון סופיט, שפּאַלטן אין די ווענט, דאָ און דאָרט ריסן אין די טעפּיכער, לויז־געוואָרענע ברעטער אין די שול־בענק. דאָס ליכט אין נר־תמיד האָט געפלעמלט אַזוי דין און ציטערדיק, ווי עס וואָלט געהאַלטן ביים אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם. איינעם אַ פרײ־מאָרגן, ווען ער האָט אויפגעשלאָסן די שול, איז אַ שטשור אַראָפּגעשפּרונגען פון בעלעמער און נעלם געוואָרן צווישן די בענק.

— שוין... עס הויבט זיך אָן... — האָט עס אים אַ זעץ געטון אין האַרצן אַריין.

דעם אייגענעם טאָג איז ער גלייך פון דער שול געלאָפן צו סאָנטשען. ער האָט געוואוינט אויף אַן אָפּגעלעגן, ענג געסל מיט אָרעמע, צעהויקערטע הייזלעך איינס אויפן אַנדערן, און געהאַט דאָרט אַ קליין, חושכדיק געוועלבל אָרומגעשטעלט מיט פּאָליצעס, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעסדרט בייכיקע גלאָז־סלאָיעס מיט פאַרשוויצטע צוקערלעך און האַלב־צעשמאָל־צענע שאָקאָלאַדקעס. אין געוועלב איז געזעסן אַ מיידל, אַ פּאַרזעניש, מיט אַ שפּיציקן הויקער, וואָס איז איר אַרויס־געוואַקסן גלייך פון נאַקן אַרויס, און זיך קאַרבירט די האָר מיט אַ מאַשינקע ביים פלאַם פון אַ טריפנדיק ליכטל. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ גלאַנציק, זיידן קלייד פון אַ שרייענדיק־רויטער קאָליר מיט אָן אַ שיעור בענדלעך און שלייפעלעך. איר איינ־געצויגן, ביינערדיק פּנימל מיט אַ פּלאַטשיקן שטערן ווי אַ ברעטל, איז געווען אָנגעפּודערט און אָנגעשמינקעוועט, און אויסגעזען ווי ביי אַ נייער ליאַלקע ערשט פון דער שאַכטל אַרויס. ביים רעוורענדס אַריינקומען האָט זי ווי אַ פויגל אויס־געצויגן איר פאַרשפּיצט קעפּל, אָפּגעמאָסטן אים מיט אַ פּאָר פלינקע, גרינלעכע אויגן, און מיט אַ שניידיק קול, ווי מען וואָלט געקריצט אויף גלאָז, אים אַ פרעג געטון, וואָס ער וויל.

דער רעוורענד האָט גלייך נישט געענטפערט. ער איז גע־

שטאַנען אַביסל אַ צעמישטער און קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם אין דער הלשותדיקער, זיסלעך־קלעפּיקער לופט, וואָס איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיטן אָנגעזענקטן ריח פון מיידלס קאַרבירטע האָר. זי איז גיך, ווי אויף גומענע פּיסלעך אויפגע־שפּרונגען פון אָרט. דער הויקער האָט זיך ביי איר געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און איר דינע נאָז האָט זיך אָנגעשפּיצט ווי אַ מעסער־קלינגל.

— דעדדי! דעדדי!... — האָט זי אַרויסגעגלאָזט אַ משונה־דיקן קוויטש, און אין געוועלב איז אין איין אָטעם אַריינ־געלאָפן סאָנטשע. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ פּיטש־נאָסן, ווייבערשן פאַרטוך, און אויף זיינע הענט מיט אַרויפגעשאַרצטע אַרבל האָט זיך געבלעזלט אַ געדיכטע זייף־שוים. ער האָט דער־זען דעם רעוורענד, גיך אַראָפּגעכאַפּט פון זיך דעם פאַרטוך און גענומען ווישן די איינגעזייפטע הענט.

— רעוורענד פעלדמאַן! אַזאַ גאַסט!... — איז ער געוואָרן אינגאַנצן צעטומלט. ער איז צוגעגאַנגען צום מיידל, צערטלעך זי אַרומגענומען מיט איין האַנט און איר אַ קוש געטון אין קאָפּ.

— דאָס איז דער רעוורענד פון אונזער שול, טעכטערל, רעוורענד פעלדמאַן! — האָט ער מיט ליבשאַפט איר געגלעט די האָר.

זי האָט ברוגזדיק אַ וואָרף געטון מיטן קעפּל און די קאַר־בירטע האָר, וואָס האָבן זיך געלייגט אין קליינע, דינע קריי־זעלעך, האָבן זיך צעשאָקלט ווי שפּרינגפעדערן.

— צום רעוורענד פעלדמאַן דאַרף מען זיין גוט, טייער קינד! — האָט ער זי לייכט אָנגענומען פאַר דער גאָמבע. — דער רעוורענד וועט פאַר דיר געפינען אַ באָי פאַר אַ חתן, אַ שיינעם און אַ רייכן, כי, כי, כי... — האָט ער צו איר אַראָפּ־געבויגן דעם קאָפּ און געטריי אַריינגעשמייכלט אין די אויגן אַריין.

— נאָו, נאָו, נאָו! — האָט זי אַ קוויטש געטון מיט

רוגזה, זיך אַרויסגעריסן פון פּאָטער און מיט געהיפּעטע פויגל־טריטעלעך אַרויסגעלאָפן פון געוועלבל.

— זי שעמט זיך, די בת־יחידקע מײַנע! אַן אײדל קינד, אַ געזונט אויף איר קעפּעלע! — האָט סאָנטשע מיט צעשײַנטע אויגן איר נאָכגעקוקט און נחתדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אַ פײַן מײדל — האָט דער רעווערענד זיך אָנגערופן מיט אַ שיטער שמײכעלע.

— אָך, רעווערענד פעלדמאַן, עקסקיוז מי! אַזאַ גאַסט, און איך נעם אים אויף אין שאָפּ!... קומט אַרײַן אינעווייניק, אין שטוב, פּליז! — האָט סאָנטשע בחיפּזונדיק גענומען אַראָפּלאָזן די פאַרשוואַרצטע אַרבל פון העמד און צעטראָגן גע־בלינצלט מיט די שיקלדיקע אויגן.

— ס'איז אָלרײַט, מיסטער סאָנשײַן, כ'וועל זיך נישט לאַנג זאַמען... כ'בין געקומען בלויז וועגן מנין... ס'הייסט, פרעגן ווי האַלט עס מיט אײַך... — האָט דער רעווערענד גערעדט מיט אַ פאַרקנײטשט קול.

— וואָס איז דאָ צו פרעגן?... אַז איר זענט שוין געקומען צו מיר, וועל איך אײַך, ווי אַ גאַסט, אויסזאָגן דעם אמת: עס טוט אונז באַנג דאָס גאַנצע עסק...

— איר מיינט עס אויף אַן אמת? — האָט דער רעווערענד געפרעגט מיט אַ פריידיקן ציטער אין קול.

— נו יאָ... מ'זאָל האָבן געוואוסט, אַז עס וועט זיך ענדיקן אַזוי־אָ, וואָלט מען גאָרנישט אָנגעהויבן!

— הייסט עס, עס בלײַבט ביים אַלטן? דער מנין איז ווייטער מנין, האַ? — האָט דער רעווערענד זיך אַלץ נישט געקאָנט צוגלויבן.

— שור! אַפילו מאָרגן זענען מיר גרייט צו קומען אין שול אַרײַן.

— אַזוי, אַזוי... איך זאָג אײַך, מיסטער סאָנשײַן, איר האָט מיר אַראָפּגענומען אַ שטיין פון האַרצן! דער ראַביי וועט זיך פרייען... — האָט דער רעווערענד פאַר גדולה זיך אַזש פאַרכליניעט מיט די ווערטער.

א שטיק צייט האָבן זיי ביידע געשוויגן, נישט געוואוסט, וואָס צו רעדן צו זיך. דער רעוורענד איז געווען אינגאַנצן צע־טראָגן, זיך געצופּט דאָס קאָלטנדיקע בערדל און פאַרלוירן אַריינגעשמייכלט אין זיך. סאָנטשע האָט זיך כסדר געווישט זיין שפּיציקן, פּליכעוואַטן קאָפּ, שטאַרק געשיקלט מיט די אויגן און לסוף זיך אָנגערופן מיט אַ פאַרזאָרגט קול:

— וואָס זאָל מען טון מיט דזשימטין, רעוורענד פעלדמאַן? ער איז שוין אינגאַנצן אַריינגעקראָכן צו דער „סאַלוויישן אַרמי“. מען האָט אים אָנגעהאָנגען אַ פּויק אויפן בויך, און ער שלעפּט זיך אַרום איבער די גאַסן מיט זייער מוזיק.

— מילא, כל זמן ער איז אַ ייד, נישט איבערגעביטן פּ׳רענדל, מעג ער זיין אין מנין — האָט דער רעוורענד אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — צווייטנס, האָט מען נישט קיין אַנדערן אויף זיין אָרט. צוליב אים, דעם טריפהניאַק, וועט מען דאָך נישט לאָזן די שול אָן אַ מנין, ווי מיינט איר?

דער רעוורענד איז אַוועק פון סאָנטשען מלא שמחה. ער האָט זיך נישט געריכט, אַז ער וועט אַזוי לייכט מיט אים אַדורכ־קומען, און עס האָט אים אַביסל פאַרדראָסן דערויף. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט דאַרפן אַוועקלייגן ביי אים אַ שפּאָר ביסל כוח, ביז ער וועט עפּעס אויספּועלן, און צום סוף, גאָרנישט... סאָנטשע אַליין בעט זיך איין! טאַקע געמיינט, אַז ער איז מי יודע וואָס פאַר אַ חברהמאַן... אומזיסט פאַר אים זיך געשראָקן!

— ווייס איך וואָס... דאָס הויקערל זיינס מאַכט אים אויסצודרייען, דעם גאַנצן קנאַקער! — האָט ער ביטולדיק גע־קוועטשט מיט די אַקסלען.

אַהיימגעקומען איז ער אָן אויפגערוימטער, זיך ברייט אַוועקגעזעצט צום טיש און מיט אַפּעטיט גענעסן דאָס שפּעטע מיטאָג, וואָס דאָס ווייב האָט אים ברוגזדיק דערלאַנגט. זי איז געווען אַ הויכע, דיקלעכע פרוי, שטייף איינגעצוויגן אין אַ קאָר־סעט, פון וועלכן עס האָט גדלותדיק אַרויסגעשפּאַרט איר הויכער בוזים מיט אַ ווייס, געפּאַלדעוועט הערצל. זי האָט געטראָגן אַ

הויף־פּאַרקעמטע פּריזור, וואָס איז געווען אַרומגעשטאָכן פון אַלע זייטן מיט קאַמען און שטייף, ווי אַ ספּאָדיק, געזעסן אויף איר קאָפּ. קיין גרויס שלום־בית האָט ער מיט איר נישט געהאַט. זי איז געווען פון אַ יחוסדיקער, יאַהודישער משפּחה, אַ קרובה פון די אַדעלאַידער מאָנטעפיאָרעס, און געקומען איז זי קיין וואָטלהילל, כדי צו טון אַ שידוך מיטן ראַביי קאָהען. די באַלע־באַטים פון שטאָט האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט טענות אויפן ראַביי, וועלכער איז געווען אַ בחור, און לויט זיינע פּירוּנגען האָט מען געזען, אַז ער טראַכט גאַנץ ווינציק וועגן חתונה־האָבן. מען האָט אים גערעדט פאַרשידענע שידוכים ,און ער האָט גע־האַלטן אין איין דרייען מיט דער נאָז: ס'איז נישט פאַר אים. ווען מען האָט אָבער אים אָנגעהויבן רעדן די מיסס מאָנטע־פּיאָרע, איז ער געבליבן אין אַ פאַרלעגנהייט. דער נאָמען מאָנ־טעפיאָרע האָט זיך נישט געלאָזט סתם אַזוי אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. ער האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער, אָבער זאָגן „ניין" האָט ער נישט געהאַט קיין דרייסטקייט, און מען האָט זי מיט גרויס פּאַראַד אַראָפּגעבראַכט קיין וואָטלהילל אויף קהלס חשבון. עס האָט זיך געשלעפּט מיטן שידוך אַ שפּאָר שטיקל צייט. דער ראַביי האָט געהאַלטן אין איין אָפּלייגן און זיך מיישב־זיין, און מיטאַמאָל געגומען טענהן חרטה: דער שידוך געפעלט אים נישט! עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום טענות, דער ראַביי האָט זיך איינגעשפּאַרט, ניין און ניין, און פון שידוך איז גאָרנישט געוואָרן.

צוריקשיקן די מיסס מאָנטעפיאָרע מיט גאָרנישט האָט עפּעס נישט געפּאַסט פאַר קהל, און מען האָט אָפּגעמאַכט זי חתונה צו מאַכן פאַרן רעוורענד פעלדמאַן. נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען אויסצופירן דעם שידוך. מיטן רעוורענד איז מען ווי עס איז אַדורכגעקומען. כאָטש ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן ראַביי און געטראַכט צו בלייבן ווי ער אַ בחור, איז אָבער די מיסס מאָנטעפיאָרע געווען פאַר אים אַ צו גרויסער נסיון. אַ וואַזשנע משפּחה, אַ שיינער נדן, און ער האָט זיך געלאָזט צורעדן. מיט איר איז שוין געווען אַביסל שווערער. איר

איז נישט אָנגעשטאַנען דער שידוך מיט אַ פּראָסטן רעוורענד, דערצו נאָך אַ „פּאַרעינער". עס איז איר אָבער געגאַנגען אין אַמביציע. זי האָט אים געוואָלט ווייזן, דעם ראַביי, אַז עס גייט איר נישט אַזוי שטאַרק אין לעבן מיט אים, אַז ער איז ביי איר נישט מער מיוחס פאַרן רעוורענד, און זי האָט איינגעשטימט אויפן שידוך.

מיסס מאָנטעפּיאָרע, אַזוי האָט זי זיך ווייטער גערופן נאָך דער חתונה, האָט זיך געהאַלטן אַנטקעגן מאַן אין גרויסן. זי האָט געפירט אַן אייגן, זעלבשטענדיק לעבן, געשלאָפן אין אַ באַזונדערער שטוב און געהאַט אַ ביזנעס פאַר זיך: אַ קליין, ציכטיק געוועלבל אָנגעשטעלט מיט בלומען־טעפּ און פּאָרצעלייענע צאַצקעס און מיט געשניצטע גלאָז־שענק, אין וועלכע עס זענען אין גלייכע, פּינקטלעכע רייעס געשטאַנען ביכער, וואָס זי האָט אַרויסגעבאָרגט צום לייענען. עס איז געווען אַ בכבודיקע און איידעלע פּרנסה, און זי האָט פאַרדינט מער ווי דער מאַן אירער אין דער שול. זי האָט נישט געוואָלט נעמען פון אים קיין געלט אויף צו פירן די באַלעבאַטישקייט. ער האָט איר געצאָלט פאַרן עסן און שלאָפן אַזויפיל־און־אַזויפיל אַ וואָך, ווי אַ באָרדער.

קיין קינדער פון אים האָט זי נישט געהאַט. זי האָט זיך אַרומגעדרייט אין די שטובן אַ שווייגנדיקע און אַ ברוגזע, און ס'האָט זיך פון איר געטראָגן אַ ריח פון קאַמפּאָר און געקראָכמאַליעטער וועש. צום מאַן האָט זי גערעדט געציילטע ווערטער, און בעתן רעדן אַרויפגעזעצט אויף דער פּאַרדיסענער, פּליישיקער נאָז אירע גאָלדענע קוועטש־ברילן, וואָס זענען געהאָנגען אויף אַ זיידן שנירעלע צוגעשטאָכן צום בוזים.

פאַרן בליק אירן דורך די ברילן האָט ער געציטערט אימת־מוות. אירע וואַסערדיקע גרויע אויגן זענען הינטער די גלעזער אויסגעקומען מאָדנע גרויס און פּלאַטשיק, ווי צוויי זילבערנע קנעפּלעך, און געקוקט אויף אים מיט אַזאַ פאַרביסנקייט, אַז עס האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון. היינט אָבער, נאָכן שמועס מיט סאָנטשען, האָט ער אין זיך געפילט אַ תקיפות, ער האָט

זיך געווישט ביים עסן די וואָנסעס מיט דער האַנט, געפּאַטשט די ליפּן און געקנעטן קייקעלעך ברויט צווישן די פינגער. ער האָט געוואוסט, אַז זי קאָן דאָס נישט פאַרליידן, און געפּילט אויף זיך איר פאַרביסענעם בליק. דאָסמאָל אָבער האָט ער נאָך איר נישט געפרעגט, און מיט אַ גלייכגילטיק קול, סתם־אַזוי, אַ זאָג געטון:

— אַ שווער שטיקל אַרבעט היינט געהאַט! אַז ער טוט נישט ־פון דאַנען ביז אַהער, דער ראַביי... אַלץ ליגט אויף מיין קאָפּ!...

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט חידוש, אַרויפגעזעצט אויף דער נאָז די ברילן, זיי צוריק אַראָפּגענומען, געדרייט מיטן הויך־פאַרקעמטן קאָפּ און נייגעריק אויפגעשפּיצט די אויערן.

— וואָס די מעטטער? איך האָב עפּעס געהערט, אַז אין דער שול איז טראַבל. מען דערציילט אין דער שטאָט...

— ס'איז אַלץ אָלרייט! נישטאָ קיין שום טראַבל... — האָט ער איבערגעשלאָגן די רייד, זיך איינגענעצט די שפּיצן פינגער אין דעם זילבערנעם מים־אחרונים שיסעלע, פאַרמאַכט די אויגן און גענומען בענטשן אויף אַ קול.

זי האָט זיך אויפגעשטעלט, גדלותדיק אַ דריי געטון מיט דער פּלייצע, אָפּגעמאָסטן אים מיטן בליק דורך די ברילן און שטרענג געזאָגט:

— שוין די צווייטע וואָך קריג איך נישט מיין וואָכן־געלט, רעווערענד פעלדמאַן! וועלל, וואָס וועט זיין?

— נו, נו, נו... — האָט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן ווייטער געבענטשט און פאַרמוהט זיך געצופּט דאָס בערדל.

צומאָרגנס איז דער רעווערענד מיטן שפּראַץ אויף טאָג שוין געווען אין שול. ער האָט פּלייסיק געריבן מיט דער באַרשט די טעפּיכער, געווישט דעם שטויב פון די שול־בענק און גע־פּוצט די מעשענע שטאַנגען אַרום בעלעמער, אַז זיי האָבן אַזש געפינקלט אינם פאַרווישטן פרימאָרגן־ליכט. די שול האָט צוריק באַקומען איר פריערדיקן, בכבודיקן אויסזען, די שטילקייט האָט מער נישט געשראָקן, און פון די הויכע סופית־געוועלבן

האָט זיך געטראָגן אַ פּייערלעכע, גאַסטפּאַרכטיקע ערנסטקייט. זוען ער האָט דערהערט, אַז דער ראַביי איז אָנגעקומען און אַריין צו זיך אין דער קאַנצעלאַריע, האָט ער אָנגעטון דעם דעוורענדישן קיטל מיטן ספּאָדיק, וואָס ער האָט זיי נישט געטראָגן זינט דער מנין האָט אויפגעהערט צו קומען אין שול אַריין, און הויך, מיט דרייסטקייט אָנגעקלאַפּט אין דער קאַנצעלאַריע־טיר.

ער האָט הרחבהדיק אָפּגעהוסט, זיך געגלעט מיט ישוב־הדעת דאָס בערדל און שטאָלץ געפּינטלט מיט די שעפּסענע אויגן דעם ראַביי גלייך אין פּנים אַריין.

— מיטן מנין איז אָלרייט, ראַביי! איך האָב גערעדט מיט די יידן. זיי באַשטייען אויף די אַלטע שכירות!...

דער ראַביי איז געזעסן אַ שוויגנדיקער מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ. ער האָט געאָטעמט טיף און לאַנגזאַם און געהויבן די ברעמען אַרויף און אַראָפּ ווי איינער, וואָס איז שטאַרק פאַרטון אין די מחשבות. ער האָט נאָכלעסיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געזאָגט מיט אַ גלייכגילטיק, הויל קול:

— נעוועך מאַינד, פעלדמאַן... מען וועט אויסקומען אָן מנין...

דער רעוורענד איז געבליבן שטיין אָן לשון. דאָס פּנים האָט זיך ביי אים מהומהדיק אויסגעצויגן און די גאָמבע מיטן פאַרקאָלטנטן בערדל האָט גענומען ציטערן. אויף אַזאַ תשובה האָט ער זיך נישט געריכט. ער האָט געוואוסט, אַז דער ראַביי זעט נישט גערן, ווען ער מישט זיך צופיל אין די שול־ענינים. פון די ערשטע מינוטן, זינט דער ראַביי איז געקומען קיין וואָטלהילל, לאָזט ער אים נישט אויפהויבן דעם קאָפּ. ער האָט אים פון אַ רעוורענד געמאַכט פאַר אַ פּראָסטן שמש, נישט צוגעלאָזט אים צום עמוד אָפּצודאַוונען אַ שחרית אין אַ פּראָסטן וואָכן־טאָג אפילו, געהאַלטן אים שפּלדיק צוגלייך מיט די געדונגענע מנין־יידן און גערעדט צו אים פּונקט ווי צו זיי, נישט אַנדערש, נאָר דייטשמעריש. ער האָט תמיד געזען וואָס זווינציקער זיך מיט אים צו באַהעלפן, ווי ער וואָלט געווען אַ

פּרעמדער אין דער שול. אָפּגעווען מיט אים אַזויפיל יאָרן צוזאַמען, אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע צייטן, גוטע און שלעכטע, שטענדיק געווען געטריי דער שול, געטון אַלץ, וואָס דער ראַביי האָט פון אים פאַרלאַנגט — האָט ער זיך פאַרדינט ביי אים אַ בעסערע מערכה... פאַרוואָס וויל דער ראַביי מיטאַמאָל נישט דעם מנין? בכן עס איז נישט אָנגעלייגט ביי אים זיין טרחא? בכן ער קאָן נישט פאַרליידן, וואָס ער, פעלדמאַן, טוט עפּעס אויף אייגענער אחריות, אָן דעם ראַביים באַפעל?

דער רעוורענד האָט מיט פאַרדראָס אויפגעהויבן די אויגן צום ראַביי. דער ראַביי איז געזעסן אַ מיד־איינגעהויקערטער, און דער קאָפּ האָט זיך ביי אים לויז געטרייסלט, ווי ער וואָלט געדרימלט. די הויט אויף זיין ביינערדיק פנים איז אַראָפּגעהאַנגען אין ווייכע, צעווירענע פעלדלעך אַרום דער גאָמבע און אונטער די אויגן. ערשט איצט האָט דער רעוורענד דערזען, ווי דער ראַביי איז געוואָרן דורך די עטלעכע טעג געעלטערט. אפילו די ווייסקייט פון זיינע ברעמען און וואָנסעס איז נישט געווען די זעלבע וואָס אַמאָל און אָפּגעשלאָגן מיט אַ שטרויאיקער, טרוקענער געלקייט, ווי פאַרלעגענער פלאַקס.

דער רעוורענד האָט שווייגנדיק געקוקט אויפן ראַביי. דער פאַרדראָס איז פון אים אינגאַנצן אָפּגעטרעטן. אַ שווערקייט האָט זיך איב געלייגט אויפן האַרץ, און ער האָט אַ טיפן זיפץ געטון:

— סערטענלי... מיר וועלן אויסקומען אָן מנין. מיר דאַרפן נישט קיין מנין... — האָט ער זיך שטיל אָנגערופן מיט אַ לויז, נאָכגיביק קול.

דער ראַביי האָט נאָך מידער איינגעהויקערט די פּלייצעס. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, בלויז דער קאָפּ האָט זיך ביי אים אַ שטאַרקערן שאָקל געטון. ביים רעוורענד האָט פון אָט דעם שאָקל זיך פונאַנדערגעשפרייט אַ טרוקנקייט אין האַלז. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער פּראָסט־פּשוט צוגעגאַנגען צום ראַביי, אָנגענומען אים פאַר דער האַנט און זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים מיט פּונקט אַזעלכע איינגעהוי־

קערטע פּליִיצעס, און פּונקט ווי ער דרימלענדיק געטרייסלט מיטן קאָפּ און געשוויגן. סתם אַזוי שטיין און שווייגן האָט ער אָבער נישט געקאָנט. ווערטער האָבן זיך געריסן פון אים שווער און אָנגעשטרענגט, ווי יעדעס וואָרט וואָלט אים וויי געטון:

— צו זאָגן דעם אמת, אין וועלכער שול דאַווענט מען יעדן טאָג? אפילו אין מעלבורן, אין דער גרויסער סינאַגאָגע, דאַווענט מען בלויז שבתים און יום־טובים, נישט מער...

ביים ראַביי האָבן די ברעמען זיך האַרכנדיק צונויפגעצויגן. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט דעם רעווערענד מיט אַן אויפגעגלאַנצטן בליק. דאָס האָט אים צוגעגעבן חשק ווייטער צו רעדן:

— דער ראַביי איז גערעכט, וואָס ער וויל נישט דעם מנין... — האָט ער זיך אַביסל צוגעבויגן צום ראַביי. — אוודאי, איידער אַזאַ מנין, איז שוין גלייכער גאָרנישט! אַזעלכע יידן איז אַן עבירה אַריינצולאָזן אין שול. מיט מתים, האָבן זיי געזאָגט, זאָלן מיר דאַווענען, מיט מתים, כע, כע...

— אַ? מיט מתים? — האָט דער ראַביי אויפגעשפּיצט די אויערן, און דאָס קול האָט ביי אים אַזש אַ זינג געטון.

— יעס, יעס, מיט מתים, כע, כע!... דעם אַלטן ר׳ ברוכס אַ חכמה! געמיינט ער וועט מיך דערמיט איינגאַנצן איבערשרעקן... — האָט דער רעווערענד שוין גענומען רעדן גאָר האַפּערדיק און דערציילט, ווי מאיר סעגאַל קליִיבט זיך נאָכן טויט אַריבערצוכאַפּן אַהיים, קיין סטאַשעוו, צו דאַווענען דאָרטן מיט די מתים ביינאַכט אין דער שול.

— איך האָב זיי טאַקע געזאָגט, די יידן, אַז מיט טויטע איז שוין גלייכער צו האָבן צו טון, איידער מיט זיי — איז דער רעווערענד געוואָרן וואָס אַמאָל באַרעדעוודיקער. — זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האָבן די שול איינגאַנצן אין די הענט און קאָנען זיך אויסביטן אַליז, וואָס וועט זיי איינפאַלן. איך האָב זיי געוואָרנט, אַז זיי וועלן חרטה האָבן. זיי האָבן מיך נישט געוואָלט הערכן, און איצט באַדויערן זיי. זיי וואָלטן איצט

גערוען צופֿרידן, מען זאָל זיי צוריקנעמען אויף די אַלטע שכירות און אפילו פֿאַר ווינציקער...

דער רעוורענד איז שטיל געבליבן. ער האָט געזען, אַז דער ראַביי האָרכט זיך קוים צו צו זיינע רייד. די אויגן ביי אים האָבן זיך פֿאַרצויגן מיט אַ פֿאַרטראַכטער מאַטקייט און בלאָנ־דזשענדיק געקוקט אַרום זיך. זיין קאָפּ, אַריינגעצויגן צווישן די איינגעהויקערטע אַקסלען, איז געווען מיד פֿאַרבויגן אויף אַ זייט. אונטער זיינע וואָנסעס האָט זיך געוויקלט אַ שוואַך, פֿאַרשלאָפֿן שמייכעלע. מיטאַמאָל האָט ער אויפֿגעהויבן די ברעמען, אָפּגעמאָסטן מיטן בליק דעם רעוורענד פֿון אויבן אַראָפּ און זיך שטיל צעלאַכט:

— מתים, כע, כע, כע! מתים...

פֿון ראַביס געלעכטערל איז דעם רעוורענד אַדורכגעלאָפֿן אַ פֿראָסט איבערן רוקנביין, ווי מען וואָלט אים אַ שמיר געטון מיט אַ נאַסער באַרשט אויף דער נאַקעטער פּלייצע.

ה.

רעוורענד פעלדמאַן איז אַרומגעגאַנגען אָן קאָפּ. דער לעצטער שמועס מיטן ראַביי האָט אים אינגאַנצן צערודערט. זייע צעפֿלאָסן, אומזינק געלעכטערל האָט אים אָן אויפֿהער גערוישט אין די אויערן און אויפֿגערודערט אין אים שווערע און טונקעלע פֿאַרגעפֿילן. ער האָט גענומען שטאַרקער נאָכקוקן דעם ראַביי. יעדן אינדערפֿרי האָט ער אים אָפּגעוואַרט פֿאַר דער שול, נאָכגעגאַנגען אים מיט די אויגן, ווי ער שלעפּט זיך מיט אונטערגעבראָכענע טריט, טרייסלט מיטן קאָפּ און רעדט עפּעס אין זיך אַריין מיט אַזאַ דין און פֿאַרביסן שמיי־כעלע אויף די ליפּן, וואָס מען זעט עס נאָר ביי מרה־שחורה־ניקעס. אַ פּאָר מאָל האָט ער אָפּגעשטעלט דעם ראַביי, געוואָלט אים אַדורכפֿירן אויף אַ שמועס, אָבער דער ראַביי האָט אים נישט געענטפֿערט, בלויז שטאַרקער געטרייסלט מיטן קאָפּ און געקוקט אויף אים מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק, ווי ער וואָלט פֿאַר אים געווען אינגאַנצן אַ פֿרעמדער.

דער רעוורענד איז געווען פאַרצווייפלט. עס איז אים שוין נישט געגאַנגען אַזוי ווייט וועגן דער שול, ווי וועגן ראַביי. וואָס זאָל ער אָנהויבן צו טון? זאָל ער זיך אַזוי צוקוקן מיט פאַרלייגטע הענט, ווי עס גייט איין אַ מענטש אים אין די אויגן? עס איז דאָך נישט הפקר אַ וועלט!... ער וועט לויפן צו די פּאָר באַלעבאַטים, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין שטאָט, און מאַכן אַ געוואַלד: היתכן! זאָלן זיי כאָטש איינמאָל אַ וואָך, פון שבת צו שבת, קומען אין שול אַריין. עס איז נאָך דאָ מיסטער מענדעלסאָן, דער אַלטער גודמאַן מיטן זון, מיסטער טעפּער, מיסטער גאָלדסטאָן — דער ליווערפּולער בלאָפער, מיסטער ליוויי. ער וועט אויך מוזן זען, אַז סאַנטשע און נאָך איינער פון געדונגענעם מנין זאָלן קומען, כדי עס זאָל זיין אַ פולער מנין. זאָל מען כאָטש איין מאָל אַ וואָך אָפּדאַווענען בציבור ווי עס געהער צו זיין. די שול וועט נישט בלייבן אינגאַנצן הפקר, און אויך דער ראַביי וועט ווערן אויפגעריכט, צוריקקריגן דעם קוראַזש און ווידער ווערן אַ מענטש...

דאָס ערשטע האָט ער ביי זיך געמאַכט זיך אַדורכצורעדן מיט גאָלדסטאָונען, וועלכער איז איצט געווען אַ וויכטיקער באַלעבאָס, איינער פון די גרעסטע גבירים אין שטאָט. ער איז נישט אַנטלאָפן ביי דער ערשטער בהלה ווי אַנדערע. גראָד זוען עס האָבן זיך געמאַכט די שלעכטע צייטן, האָט ער זיך אַ נעם געטון צו ביזנעס. אַלע אין שטאָט זענען אַרומגעגאַנגען אין קאָפּ, געזוכט אַ וועג וואָס גיכער צו אַנטלויפן, און גאָלדסטאָון האָט אין דער מהומה דערווייל אָפּגעלעקט אַ ביינדל. ער האָט געמעקלט ביים פאַרקויפן די הייזער און די קראָמען, געדרייט, געמסחרט, און עס איז אים געגאַנגען. ער איז געוואָרן רייכער פון טאָג צו טאָג, אַריינגעקריגן אין זיינע קליינע, ווייכע הענטלעך אַ האַלבע שטאָט און גענומען שפּילן די גרויסע ראָלע. ער האָט אָפּגעדונגען אויפן גאַנצע לעבן די ערשטע „שטאָט" אין דער שול, אויפן סאַמע מזרח, געלאָזט אויסבעטן די באַנק מיט אַ ווייך, פּלושן געזעמס און אָנקלאַפּן אויפן שטענדער צוויי זילבערנע פּלעטלעך מיט זיין נאָמען, איינס אויף ענגליש און

איינס לשון־קודש. ער איז געקומען אין שול אַריין בלויז אין די ימים־נוראים און טיילמאָל אין אַ יום־טוב. פונדעסטוועגן האָט ער אָנגעזאָגט דעם רעוורענד, ער זאָל נישט לאָזן קיינעם זיך אוועקזעצן אויף זיין אויסגעבעטער באַנק, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר געשטאַנען ליידיק און געבליאַסקעט שטרענג און וויכטיק מיט די זילבערנע פּלעטלעך אין דער טונקלקייט פון דער שול.

רעוורענד פעלדמאַן האָט אים פיינט געהאַט פונקט ווי אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען ער, גאָלדסטאָון, איז נאָך געווען אַ מאַכער אין דער שול, גערודערט מיט זיינע „האָפּקעס" און געקראָכן דעם ראַביי אונטער די נעגל. מיט די יאָרן איז די שנאה צו אים נאָך מער געוואַקסן. זינט ער איז אַריין אין די פּעדערן, האָט ער נישט געזען פאַר זיך די וועלט. קיין גלייך וואָרט האָט ער נישט גערעדט צו אַ מענטש. זיינע אויגן מיט די אויסגעקראָכענע ווייעס האָבן באַקומען אַ חלבדיק, פאַרשוואומען גלענצל, און געגאַנגען איז ער מיט אַזעלכע לופטיקע און שמאָלע שפּרייזעלעך, ווי ער וואָלט נישט פאַרגונען דער ערד זיינע טריט.

אין שול פלעגט ער קומען אַן אויסגעפּוצטער אין אַ שלוין־ראָק מיט ברייטע זיידענע קלאַפּעס און אין אַ הויכן צילינדער, וואָס האָט געגלאַנצט ווי בלעך. איידער ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, האָט ער שטענדיק פריער אַ טאַפּ געטון מיטן קליינעם פינגער דאָס אויסגעבעטע געזעס און זיך אַרומגעקוקט איבער דער שול מיט אַזאַ פּנים, ווי ער וואָלט געהאַלטן ביי צעגיסן זיך. דער ראַביי פלעגט זיך שטאַרק איבערנעמען ביי זיין אַריינקומען, וויכטיק אָנגווידערן דעם האַלז און בריהש אָנשטעלן דאָס קול אויף די הויכע אָקטאַוועס, ווי אַמאָל אין די יונגערע יאָרן. ער האָט יעדע רגע צוגעטראָגן דעם קאַמערטאָן צו די אויערן, ביים מינדסטן שאָרך אין דער שול געוואָרפן הינטן אַרום בייזע בליקן אויף די יידן פון מנין. דעם רעוורענד האָט עס אונטערגעהויבן צוזעענדיק, ווי גאָלדסטאָון שווימט

מיט די אויגן איבער דער שול און פארציט די ליפּן אין א דין, געמאַטערט שמייכעלע, ווי איינער זאָגט:

— מנע, אַן עסק פאַר מיינעטוועגן...

דער רעוורענד האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, ביז ער האָט ביי זיך געקאָנט פועלן צו גיין צו גאָלדסטאָונען, ער האָט אָבער נישט געזען פאַר זיך קיין אַנדערע ברירה. גאָלד־סטאָון איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט צוריק־שטעלן די שול אויף די פיס. ער האָט געהאַט א גרויסע דעה ביי די איבעריקע באַלעבאַטים. ער האָט געדאַרפט נאָר לאָזן פאַלן א וואָרט, וואָלטן זיי געקומען אין שול אַריין נישט נאָר יעדן שבת, נאָר אפילו יעדן טאָג. וואָס ער איז, איז ער, גאָלד־סטאָון, אָבער אַז ער וועט דערהערן, וואָס עס האָט זיך פאַר־לאָפן אין דער שול און ווי עס האַלט מיטן ראַביי, וועט ער זיך אוודאי אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ און אים העלפן ביי די איבעריקע באַלעבאַטים ביים צונויפשטעלן א מנין אויף יעדן שבת.

גאָלדסטאָון האָט אויפגענומען דעם רעוורענד ווי אַן איי־גענעם און היימישן מענטש אין דעם קליינעם קאַבינעט־צימערל ביי זיך אין דער היים. אינם קאַבינעטל, מיט ווענט באַשלאָגן ביז אין דער העלפט אַריין מיט טונקעלן צעדער־האָלץ, זענען געשטאַנען צוויי ברייטע אייזערנע קאַסעס. פון סופית איז נידעריק אַראָפּגעהאָנגען אונטער א גרינער שיין אַן אָנגעצונ־דענער נאַפט־לאָמפּ, כאָטש עס איז נאָך געווען אין דרויסן טאָג, און געשפּרייט אַרום זיך א געדיכטע און אַביסל א סודות־דיקע ליכטיקייט. גאָלדסטאָון איז געזעסן אין אַ טיפן פאָטעל, אין וועלכן זיין קליין, רירעוודיק גופל האָט אויסגעקוקט ווי אינגאַנצן אַריינגעזונקען צווישן די הויכע אָנלענס, און עס האָט זיך בלויז אַרויסגעזען זיין רויט־צעשיילט פּנים מיט די נאַקעטע, חלבדיק־גלאַנציקע אויגן. ער האָט זיך צופרידן געריבן די הענט, געשמייכלט מיט די אויגן ווי איינער, וואָס ריכט זיך צו הערן עפּעס א גוטע בשורה, און מיט א ליב, נחתדיק שמייכעלע גענומען אויספרעגן, וואָס עס הערט זיך אין דער־שול, און וואָס עס מאַכט דער ראַביי.

## פ. גאָלדהאַר

דער רעווערענד האָט זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ פריינט־לעכער אויפנאַמע. גאָלדסטאָון איז געווען עפּעס אַזוי צוגעלאָזן און אין זיין קול איז געווען אַזויפיל דערוואַרטונג צו הערן אַלדאָס גוטס, אַז דער רעווערענד האָט נישט געהאַט קיין האַרץ צו דערציילן אים אַלץ, ווי ער האָט ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט. ער האָט שיטער אָפּגעזיפצט, זיך אַ וויש געטון מיטביידע הענט דאָס בערדל און אויסמיידנדיק אָפּגעענטפערט:

— וועלל, יו נאָו, וואָס זאָל מען הערן?...

— איז דאָך אָלרייט, הע, הע! — האָט גאָלדסטאָון אָנגע־קוואָלן — אויפן ראַביי קאָן מען זיך פאַרלאָזן מיט דער שול, בילִיוו מי...

— יעס, יעס... — האָט דער רעווערענד פאַרלוירן צוגע־באָמקעט, און פלאָנטערנדיק זיך אין די רייד גענומען דערציילן, ווי אַזוי די שול איז געבליבן אָן מנין און ווי עס האַלט מיטן ראַביי.

— דער ראַביי איז אינגאַנצן אויס מענטש... — האָט ער שווער געצויגן די ווערטער. — ער וועט עס נישט איבער־האַלטן!... וואָלט כאָטש יעדן שבת געווען אַ מנין...

אויף גאָלדסטאָונס פּנים האָט זיך אָנגערוקט אַ שטרענג־קייט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און אַ צעטראָגענער גענומען לויפן איבער דער שטוב און זיך קלאַפּן מיט ביידע הענט איבער די היפּטן.

— טעררִיבל, טעררִיבל!... אַזעלכעס זאָל געשען! דאָס איז אויף דער וועלט נישט געהערט געוואָרן! אַזאַ סקאַנדאַל! און צו מיר קומט מען וועגן אַ מנין!... מיט אַלע צרות קומט מען צו מיר! — האָט ער געשריגן און זיינע אויגן האָבן געפלאַמט מיט רוגזה.

דער רעווערענד האָט זיך איינגעקאָרטשעט, שולדיק גע־פינטלט מיט די אויגן, און דאָס קול האָט הכנעהדיק ביי אים געציטערט:

— וואָס זאָל מען טון? באַשערט אַן אומגליק...

— המ... אַן אומגליק! אַן אומגליק! — האָט גאָלדסטאָון

בייז אַריינגעבראָכן אין זיך און יאושדיק געדרייט מיטן קאָפּ.

ער האָט זיך צוריק אָוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, מיד פאַרמאַכט די אויגן און ישוב־הדעתדיק גענומען פּייקלען מיט די פינגער אויפן אָנלען פון פּאָטעל.

— וועל, מען מוז זען עפּעס צו טון, רעווערענד פעלדמאַן!

— האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַן אָנגעצויגן קול. ער האָט אַרויס־גענומען פון דער בוזים־טאַש אַ טשעק־ביכל, שטרענג אָנגע־קוקט דעם רעווערענד און מיט אַ טיפן זיפץ גענומען אויס־שרייבן אַ טשעק.

— יעס, יעס! מען מוז טון פאַר דער שול אַלץ, וואָס מען קאָן! קיין זאַך טאָר נישט זיין צו שווער! — האָט ער מוסרדיק־פרום געשאָקלט צום רעווערענד מיטן ווייז־פינגער און אים דער־לאַנגט דעם אויסגעשריבענעם טשעק.

דער רעווערענד איז אַוועק פון גאָלדסטאָונען מיט אַן אַראָפּ־געזונקענעם קאָפּ. ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס מיט פּאַ־מעלעכע, מידע טריט, און איבער די פיס זענען אים געלאָפן פינטעלעך. דער טשעק איז אים געלעגן אין דער טאַש ווי אַ שווער, האַרט שטיק בלעך. ער האָט אים אַרויסגענומען פון דער טאַש און באַטראַכט דאָס קאָלירטע פּאַפּירל מיט גאָלדסטאָונס קיילעכדיקער און פעטער האַנטשריפט, וואָס האָט ביי אים אויסגעזען פונקט אַזוי זאַט און נחתדיק־צעשוואָומען ווי זיינע הילבדיקע אויגן. ער האָט צעקנייטשט אין דער האַנט דאָס פּאַ־פּירל מיט אַזאַ רציחה, אַז ער האָט אַזש פאַרקוועטשט די אויגן. ער וועט עס צעררייסן, פאַרברענען, עס זאָל קיין זכר דערפון נישט בלייבן! ניין, דעם טשעק וועט ער נישט צעררייסן. פאַרוואָס זאָל ער אויסברענגען דעם ראַביי געלט? ער וועט מאָרגן אינ־דערפרי אַריינגיין צו אים אין דער קאַנצעלאַריע און אים אָפּ־געבן דעם טשעק, און איינוועגס וועט ער אים אויך געבן די שליסלען פון דער שול. ער וועט אים זאָגן: אָט זענען די שליסלען, ראַביי! איך האָב נישט צו וואָס מער צו קומען אין דער שול אַריין. מען דאַרף מיך דאָ מער נישט האָבן...

# 9. גאָלדהאַר

און אפשר זאָל ער אים גאָרנישט זאָגן? ער וועט בלויז אוועקלייגן די שליסלען און דעם טשעק אויפן טיש און אוועקגיין. בלויז „גודבאַי” וועט ער זאָגן און אוועקגיין.

עס האָט אים אָנגענומען אַ רחמנות אויף זיך אַליין. ער האָט אַ שטיק צייט זיך געדרייט איבער די שטילע און ליידיקע גאַסן, דעם קאָפּ טיף אַריינגעצויגן צווישן די אַקסלען. אַ פאַרגעלט שטיקל פּאַפּיר פון אַ צייטונג האָט זיך געטראָגן אין דער לופט מיטן ווינט, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט צווישן די פאַרשלאָסענע, עלנטע הייזלעך. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פונם מאַנטל, טיף פאַרשטעקט די הענט אין די אַרבל אַריין, און די אויגן האָבן אים געבריט ווי צום וויינען.

אהיימגעקומען איז ער שפּעט פאַרנאַכט. אין הויז איז קיינער נישט געווען. דאָס ווייב איז, אַפּנים, נאָך נישט געקומען פון אירע ביזנעס, כאָטש אַלעמאָל אין דער צייט איז זי שוין לאַנג געווען צוריק אין דער היים. דער רעוורענד איז געווען דערפון שטאַרק צופרידן. נאָך זי פעלט אים היינט צו זיין געמיט! ביז זי וועט קומען, וועט ער דערווייל אַליין עפּעס איבערבייסן און פאַרשפּאָרן צו האָבן אויף זיך אירע ברוגזע, באַברילטע אויגן, מיט וועלכע זי שאַרט אים צו די לעצטע צייט, זינט ער צאָלט נישט קיין וואָכן-געלט, דאָס ביסל עסן.

ער איז צו צום שפּייז-שענקל. עס איז געווען פאַרשלאָסן. ער האָט אַ ריס געטון דאָס טירל איין מאָל, צוויי מאָל, עס האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט פּרובירט צו עפענען אַ צווייט טירל, אַ שופלאָד. אַלץ איז געווען פאַרמאַכט. עס האָט אים באַשלאָגן אַ היץ. זי פאַרשליסט פאַר אים דאָס עסן! זי איז בכיוון נישט אַהיימגעקומען, ווייל זי וויל אים מער נישט געבן קיין עסן אָן וואָכן-געלט. אויף איר איז אַלץ צו גלויבן!... ער האָט מיט רציחה אויפגעבראָכן דאָס שענקל און אומגעוואַשענערהייט, אַזוי ווי ער איז געשטאַנען, גענומען גלייך פון שענקל אַרויס רייסן שטיקער ברויט און קעז. דער ביסן איז אים

אָבער געבליבן שטיין אין האַלז. אין דער שטוב איז געהאָנגען אַ שטייפע, דראָענדיקע שטילקייט. ער איז געשטאַנען פאַרן אויפגעבראָכענעם שענקל און צעטומלט געקוקט אַרום זיך. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים געוואָרפן. עס האָט זיך אים אַליץ געדאַכט, אַז ער הערט דעם ווייבס טריט. ער האָט גיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל און אַרויס פון שטוב.

ער איז געגאַנגען איבער דער גאַס און נישט געזען, וואו עס טראָגן אים די אויגן. אין קאָפּ האָבן זיך אים געמישט די רעיונות. וואָס וועט דאָס ווייב זיינס טענהן, ווען זי וועט דערזען דאָס אויפגעבראָכענע שענקל? ווי אַזוי וועט ער זיך איצט ווייזן פאַר איר? וואָלט ער נאָר געהאַט עפּעס אַ ב־ירה, וואָלט שוין זיין פוס מער אין דער שטוב נישט אַריינגעשמעקט. וואו זאָל ער זיך אַהינטון, צו וועמען גיין? שיין האָט ער אויסגעפירט, רעוורענד פעלדמאַן, צו אַ תכלית געקומען, אַז אָך און וויי...

עס איז צוגעפאַלן די נאַכט. דער הימל, אַ שוואַרצער און אַ טיפער, איז געווען אינגאַנצן באַשפּריצט מיט שטערן ווי מיט גאָלדענעם מאָן און אַראָפּגעאָטעמט מיט אַ געדריכטער, ברוגזדיקער שטילקייט. אַליץ אַרום, די פינסטערע און ליידיקע גאַסן, די הייזלעך, וואָס האָבן זיך געהויקערט איינס איבערן אַנדערן און זיך אַריינגעשניטן אין דער טונקלקייט מיט די מישופּעדיקע דעכער, איז אים אויסגעקומען ווייט און אומהיימיש, ווי ער וואָלט געווען ערגעץ אין אַ פרעמדער שטאָט. ער האָט זיך געדרייט גאַס־איין, גאַס־אויס, קוים געשלעפּט די פיס, און אין קאָפּ האָט זיך אים נאָכאַנאַנד געבאָמבלט ווי אַ צינגל אונטער אַ גלאָק:

— אַליץ אויס... אַליץ אויס...

אין דער שטילקייט פון דער גאַס האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעריסן אַ הילכיק געזאַנג און אַ געקלימפּער פון טאַצן און פּויקן. עס איז אַדורכגעגאַנגען אַ פּראָצעסיע פון דער „סאַלוויישן אַרמי" מיט שטורקאַצן אין די הענט, און די צעפלאָסענע, פאַררויכערטע פלאַמען האָבן געטאַנצט אין דער פינסטער

און צעוואָרפן איבער דער גאַס אויסגעצויגענע שאָטנס, וואָס זענען געשפּרונגען איינער איבערן אַגדערן און זיך געשאָקלט אויף די מויערן צום טאַקט פון דער מוזיק. דער רעוורענד האָט זיך אויפגעשטעלט, לאַנג געקוקט נאָך דער פּראָצעסיע און אויפן רעיון איז אים געקומען דזשיממי. אים איז וואויל, דזשיממין, האָט ער זיך געטראַכט. איז נישט די שול, האָט ער כאָטש די „סאַלוויישן אַרמי“. יעדער איינער, דער מינדסטער, האָט עפּעס, האָט זיך זיין שטיקל תכלית. סאָנטשע האָט דאָס הויקערל זיינס און דאָס צוקער־געוועלבל; זעליק הירש — דעם מושב־זקנים אין סידנעי, מאיר סעגאַל — זיין שול אין סטאַ־שעוו... בלויז ער, פעלדמאַן, איז אינגאַנצן הפקר: נישט קיין היים, נישט קיין קינד, קיין רינד!...

עס האָט זיך אים דערמאָנט דער פרימאָרגן אין דער שול, ווען דער ראַביי איז אַוועקגעפאַלן. יעדעס פּיצל איז אים געשטאַנען קלאָר פאַר די אויגן, ווי אויסגעשניצט, און אין די אויערן האָט געקלונגען דער שמועס מיטן מנין וואָרט ביי וואָרט: סאָנטשעס טענות, דעם אַלטן ברוכס, מאיר סע־גאַלס. אפשר זענען זיי טאַקע גערעכט, די יידן? די אמתע היים איז, וואו מען ווערט געבוירן! אין דער פרעמד וואָגלט אַ מענטש בלויז אָפּ דאָס ביסל יאָרן, און נאָכן טויט, קאָן זיין, ציט עס צוריק אַהיים, צווישן אייגענע... ער, פעלדמאַן, געדענקט כמעט גאָרנישט פון דער אַלטער היים. אַזוי פיל יאָרן זענען שוין אַוועק... יאָשע האָט ער דאָרט געהייסן, יאָשע... דאָ רופן אים אַלע רעוורענד פעלדמאַן, אפילו דאָס אייגענע ווייב זיינס...

— יאָשע, האַ? יאָשע... — האָט ער הויך צו זיך געזאָגט, און דער נאָמען זיינער האָט אים אויסטערליש אַ קלונג געטון אין די אויערן. עס האָט אים אָנגענומען אַ שרעק פאַרן אייגע־נעם קול. אין קאָפּ האָבן זיך אים אָנגעהויבן מישן די רעיונות. ער האָט דערפילט אין דער פינסטער טריט הינטער זיך, גנבהשע, קילע טריט. ער האָט גענומען האַסטיק שפּרייזן און זיך גע־לאָזט גיין צו דער שול. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, צו

וואָס ער גייט אַהינצו. ער האָט אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט די שליסלען פון דער שול, וואָס זענען געלעגן אויסגעוואָרעמטע ביי אים אין טאַש, און זייער וואַרעמקייט איז דורך די פינגער זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן לייב. די גאַס, וואו עס איז געשטאַנען די שול, איז געווען נאָך פינסטערער און שטילער פאַר די אַנדערע גאַסן. דער הימל האָט דאָ אויסגעזען אַזוי הויך, אַז די שטערן זענען געווען ווי פאַרהאָנגען אין דער לופט און געבלינצלט מיט אַ דינעם, ציטערדיקן שיין ווי אָפּגעשליפענע. די ווילד־צעוואַקסענע פאַלמעס ביי די זייטן טראָטואַרן זענען געשלאָפן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, און פון צווישן זיי האָבן זיך שוואַרץ אַרויסגעטורעמט די בייכיקע קופּאָלן פון דער שול.

ער איז צו צו דער שול און געבליבן שטיין מיט אַ פאַרגליווערטן אָטעם. אין דער שול איז געווען ליכטיק און אויפן פענסטער האָט זיך שטיל געוויגט אַ שאָטן.

— מתים!... — האָט אים אַ זעץ געטון אין קאָפּ אַריין. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער די פיס זענען אים געוואָרן ווי חעלצער. ער האָט נישט געקאָנט אָפּווענדן דעם בליק פונם פענסטער, אויף וועלכן עס האָט זיך געוויגט דער שאָטן מיט אַזאַ דבקות און שטילקייט, אַז די צערודערטע רעיונות ביים רעוורענד האָבן זיך איינציקווייז גענומען אָפּזעצן און עס האָט אים אַרומגענומען אַ רואיקייט ווי אַ וואַרעם און שוואַרץ וואָלן געוואַנד.

ער איז צו צו דער טיר. זי איז געווען אָפן. מיט ווייכע טריט, ווי ער וואָלט געגאַנגען באָרוועס, איז ער אַריין אינעווייניק. אַלע לאָמפּן זענען געווען אָנגעצונדן ווי אין אַ יום־טוב, און ביים עמוד איז געשטאַנען ראַביי קאָהען אָנגעטון אין זיין יום־טובדיקן קיטל פון ווייסן אַטלאַס און אין אַ הויכן, ווייסן ספּאָדיק מיט אַ גאָלדענעם טראָלז אויפן שפּיץ.

דער רעוורענד איז געשטאַנען אַ ווייל און ישוב־הדעתדיק

## פ. גאָלדהאַר

געשאָקלט צו זיך מיטן קאָפּ. אויף זיין פּנים האָט זיך צעלייגט
אַ ווייכער, סאַמעטענער שמייכל. ער איז צו צום שטענדער, וואו
ער האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן זיינע זאַכן, לייכט, מיט די
שפּיצן פינגער איט געעפנט און אַרויסגענומען פון דאָרט דעם
רעוורענדישן קיטל מיט דער אַכט־קאַנטיקער, צעקנאָדערטער
יאַרמעלקעלע און זיי אָנגעטון אויף זיך, נישט אַראָפּנעמענדיק
אויף קיין רגע דעם בליק פונם ראַביי.

# אין א שטילער גאס

אַז עס קומט אין די שפּעטע נאָכמיטאָג־שעהן, שטייען שוין די פּאָר יידישע פּרעסערס אין דער זאָקן־פאַבריק פון דער פירמע „ליוויי האָזשערי מילס" קוים אויף די פיס. פון די ברייטע, שוואַרץ־פּאַראיילעצטע פּרעסן יאָגט אָן אויפהער א גע־דיכטע, קאָכעדיקע פּאַרע. די פּרעסערס, אינגאַנצן פאַרשוויצטע, אין די בלויזע אונטערהעמדלעך אויף די צעפּאַרעטע לייבער, האַלטן אין איין רוקן צווישן די הייסע שטאָלענע פּלאַטן לאַנגע הילצערנע פורעמס מיט אַרויפגעצויגענע זאָקן. די פּרעסן רוען נישט דעם גאַנצן גייענדיקן טאָג, רייסן פון די הענט די שווערע פורעמס און לאָזן נישט אָפּכאַפּן אויף א רגע דעם אָטעם. די פּאַרע יאָגט און יאָגט, וואָס אַמאָל הייסער און געדיכטער, דרייט זיך קנוילנווייז איבער די קעפּ פון די פּרעסערס און לאָזט זיך פּאַוואָליע אַראָפּ נידעריקער און נידעריקער. א ברוינער, קלע־פּיקער נעפּל הילט אַרום אַלץ מיטאַנאַנד, די פּרעסערס און די פּרעסן, אַז מ'זעט גאָרנישט אַרויס. מיסטער ליוויי, דער באַס, כאַפּט יעדע ווײַלע דורכן פענסטערל פון זיין אָפיס א פלינקן, צעטראָגענעם בליק אין דער זייט פון די פּרעסן. דורכן פענסטערל קען ער זען יעדעס פיצל, וואָס עס טוט זיך אין דער פאַבריק. ער דאַרף זיך אפילו נישט א ריר טון פונם טיפן לעדערנעם פאָטעל, אין וועלכן זיין קליין, דאַר גופל איז איינגענורעט, קוים וואָס מ'זעט אים. ס'איז גענוג, אַז ער הויבט בלויז אויף די אויגן צום אָפיס־פענסטערל, ער זאָל זען פאַר זיך די גאַנצע פאַבריק ביזן ווייטסטן ווינקעלע. די זאָקן־מאַשינען, אויסגע־שטעלט אין גלייכע רייעס, גלאַנצן מיט די שטאָלענע קעפּלעך, וואָס דרייען זיך מיט א פלינקן, פאַרהאַוועטן געערויש, כאַפּן הונגעריק אַריין די פאַרשידנקאָלירקע פעדים צווישן די שפּיציק־

**אויסגעשטשירעטע נאָדלען, און שלאַנקע, געפּודערטע שיקסלעך** דרייען זיך אַרום מיט אָפֿענע שערן אין די הענט און שניידן אַראָפּ פֿון די מאַשינען די פּאַרטיקע זאַכן, איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן. אַליין איז מיסטער ליוויי אַ קליינער, אַן איינגעשרומפּענער, הויט און ביין, מיט אַ גערונצלט פּליכל צווישן די שמאָל־פּאַרשפּיצטע, קינדערישע אַקסלען. דערפֿאַר אָבער זענען אַלע ביי אים אין דער פֿאַבריק שלאַנק און הויך־געוואַקסן. ער פֿילט זיך, קוקנדיק אויף זיינע מענטשן, עפּעס אָנזעעוודיקער און השובער ביי זיך אַליין. ער האָט ליב צו זען דורכן אָפּיס־פֿענסטערל די הויכע, געשיקטע שיקסעס, ווי זיי שמייען אַרום די מאַשינען. זייערע ווייסע, מיידלשע הענט פֿלאַטערן ווי געפֿאַנגענע פֿייגעלעך אין דעם געפֿלאָנטער פֿון פֿעדים. די גאַנצע פֿאַבריק הוזשעט און יאָגט, די טראַנסמיסיעס דרייען זיך מיט אַ הילכיק געפּאַטשעריי, די מאַשינען זשומען און ס'טרייסלען זיך ביי זיי אינם גרויסן געאייל די שטאָלענע געדערים. און דאָס אַלץ איז זיין, יאָגט פֿאַר זיינעטוועגן... „ליוויי האָזשערי מיללם", כע־כע!...

אָבער אַז ער גיט אַ קוק צום ווינקעלע, וואו ס'אַרבעטן די פּרעסן, ווערט ער אומרואיק, צעטראָגן. די גערדיכטע פּאַרע פֿאַרשטעלט אַלץ, ער קאָן דאָרט גאָרנישט זען. ס'דאַכט זיך אים, אַז מ'טוט דאָרט גאָרנישט, מ'באַלעמוטשעט. מ'קאָן זיך דען פֿאַרלאָזן אויף די יידעלעך? מיט יידן איז גוט קוגל צו עסן, דאַטס אָל!... זאָל זיך נאָר ענדיקן די מלחמה, וועט ער זיי אַלע משלח זיין. ער דאַרף נישט קיין בית־המדרש ביי זיך אין פֿעקטערי... מיסטער ליוויי דרייט זיך אומרואיק אויפֿן פּאָטעל, ער קאָן נישט איינזיצן אויפֿן אָרט. ס'טראָגט אים צום ווינקעלע פֿון די פּרעסן, אַ קוק צו טון, וואָס עס טוט זיך דאָרט. ער לאָזט זיך מיט דראָבנע טריטעלעך אַריין אין פֿאַבריק־זאַל, שאַרט פֿלינק מיט די קורצע, דינע פֿיס, און די שטייף־געפּרעסטע הויזן באָמבלען זיך אויף זיי ווי לײדיקע. אָבער אין מיטן וועג בלייבט ער שטיין. ס'ווייזט זיך אים אויס, אַז אַלע אין דער פֿאַבריק קוקן אים נאָך: אַהאַ, ס'ציט דעם באָס

צו זיינע לאַנדסלייט, די „דזשום״... גייט ער שוין נישט ווײַ־טער, קוקט זיך מיט וויכטיק־פּאַרצויגענע ברעמען אַרום איבער דער פאַבריק. און גלייך וואַקסט אויס לעבן אים דער „פאָרמען״ דזשים אין אַ ווייסן אַרבעטס־כאַלאַט און מיט אַ גראָבער רויִ־טער בלייפעדער אונטערן אויער.

— וועל, דזשים, עווריטינג אָלרייט? — גיט מיסטער ליווי אַ שווים מיט די אויגן איבער דער פאַבריק און פאַרדרייסט דאָס געדונצלטע פּליכל אַרויף צו דזשימען. ער דערלאַנגט אים קוים ביז צו דער ברוסט.

— אָלרייט, — שאָקלט דזשים מיט זיין בלאָנדן פּאָמאַ־דירטן קאָפּ, וואָס גלאַנצט ווי אַ מעשענע קויל.

— המ... — ברומט מיסטער ליווי אונטער און כאַפּט אַ זייטיקן בליק צו די פּרעסן. דזשים גיט כיטרע אַ פינטל מיט די בלויע, שוימיקע אייגעלעך. ער פאַרשטייט דעם באָס אויפן זואונק און שפּאַנט האַסטיק צו די פּרעסן.

— האַרדי אָפּ, באָים! — שרייט ער אַריין אין דער גע־דיכטער פּאַרע, אַז מיסטער ליווי זאָל הערן, און אַ ווײַלע שפּע־טער, ווען מיסטער ליווי לאָזט זיך גיין צוריק אין אָפיס אַריין, וואַרפט ער צו אַביסעלע שטילער, מיט אַ ממזרישן וואונק:

— העי, דזשערוזאַלעם! הייל היטלער!

— ברעך ס׳געניק, אַנטיסעמיטניק! גאָו טו העלל! — ענטפערן אים אָפּ די פּרעסערס, און דער „בלינדער״ סעם גיט טרויעריק אַ שאָקל מיטן קאָפּ:

— נאַדיר אַ יידישע פעקטערי, מ׳שטיינס געזאָגט... אוי, גלות, גלות!...

ער טוט אויס די גאָלדענע קוועטש־ברילן, וואָס ווערן אים כסדר פאַרלאָפן מיט פּאַרע, און ווישט זיי איבער מיט אַ טרוי־קענעם זאָק גלייך פון דער פּרעס אַרויס. ער האַלט זיי אַ ווײַלע צווישן זיינע איידעלע, בלאַסע פינגער אַנטקעגן דעם ליכט פונם עלעקטרישן לעמפּל, וואָס טוקט זיך אין דער הויך אין דער פּאַרע מיט אַ נעלן, צעשמירטן אָפּשיין, און ער זיפצט שווער אָפּ. ער זיפצט תמיד, ווי נאָר ער נעמט פוצן די ברילן. עס דער־

מאָנט זיך אים דעמאָלט דאָס גוטע לעבן, וואָס ער האָט געהאַט אין דער היים. ער איז דאָרט געווען אַן אינקאַסענט ביים „מזרחי״, זיך אַרומגעדרייט מיט אַ לעדערנער טעקע אונטערן אָרעם און געווען אַ חשוב ביי מענטשן.

— גלייכסט די קאַנטרי, האַ, סעמעלע? שוין איינמאָל אַ קאַנטרי... — גיט וואָוילעריש אַ פּאַרקוועטש אַן אייגל טשאַרלי דער „עקטער״. ער איז אַ גאַנצער מאַכער אין יידישן טעאַטער, וואָס שפּילט אַמאָל אין אַ שבת אין קאַרלטאָן האָלל, און האָט ליב זיך צו באַווייזן ביי דער אַרבעט מיט אַקטיאָרישע שטיקלעך. ער פאַרשאַרצט דאָס פּליישיקע פּלאַטש־נעזל, טוט פריילעך אַ רייב די הענט איינע אין דער אַנדערער, און די מידע פּרעסערס ווערן אויפגעלעבט, — טשאַרלי הויבט שוין אָן זיינע קונצן... ס׳וועט באַלד ווערן לעבעדיק, מ׳עט קאָנען אָפּכאַפּן אויף אַ רגע דעם אָטעם. זיי ווינקען צו טשאַרלין אויפן הויכן מלך, וועלכער שטייט אָפּגערוקט אביסל אָן אַ זייט ביי אַ לאַנגן, בלעכערנעם טיש און לייגט צונויף אין שטויסן די אויסגעפּרעסטע זאַכן. ער אַרבעט דעם גאַנצן טאָג אַ שווייגנדיקער, אַ טיףפאַרטראַכטער, און די פּרעסערס ווייסן, אַז דאָס טראַכט ער כסדר וועגן דעם ווייבל זיינעם, וואָס איז געבליבן שטעקן ביי היטלערן אין וואַרשע. אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים קנאַפּ אין זינען. איצט אָבער, ווי ס׳חלשן די הענט פאַר מידקייט און מ׳קאָן קוים דערציען דעם טאָג אַרבעט ביזן סוף, דערמאָנט מען זיך מיטאַמאָל, אַז ס׳איז דאָ אַ מלך אויף דער וועלט. מ׳קוקט אויף אים פון אַלע זייטן, און ביי טשאַרלין טאַנצן די טיפע, מייזענע אייגעלעך מיט אַ פריילעך בלישטשל.

— כ׳וועל אַרבעטן אַ נומער, צ׳עט עפּעס זען — ווינקט ער זיך ממזריש איבער מיט די פּרעסערס און לאָזט אַריין אין דער פּאַרע אַ קוויטש מיט אַ נאָכגעמאַכט, ווייבעריש קול:

— מיילאָ־אָ־ך, מיילאָך!... — קרימט ער איבער דאָס וואַרשעווער לשון, און מלך גיט זיך אַ כאַפּ ווי אַן אָפּגעבריטער, דרייט זיך האַסטיק אויס און קוקט זיך צעטומלט אַרום אין דער ברוינער פּאַרע.

— האַ?...

— כי, כי... — לאַכט טשאַרלי — ס'חלומט זיך אים כ'ווייבעלע אין פּוילן... זי מוז זיין אַ ביוטי, איי בעטשע...

— אוי, אַן אַקט, בילעטן צו נעמען! — קוועלן די פּרע־סערס אָן פון טשאַרלים חכמה, און אפילו דער מרה־שחורהדי־קער ר' עליע קאָן זיך נישט איינהאַלטן און גיט אַ שמייכעלע אינם גרויליקן קמץ־בערדל אַריין. די פּרעסערס רופן אים „ר' עליע מיט די פּייפּערס" צוליב די פּעק צייטונגען, וואָס ער טראָגט מיט זיך שטענדיק אַרום. בעתן „לאַנטש" סדרט ער אוים די צייטונגען אַרום זיך, זאָטלט אָן אַ פּאָר קיילעכדיקע האָרן־ברילן אויף דער הויכער,ביינערדיקער נאָז און לייענט עולם די נייעסן פון דער מלחמה. ער לייענט מיט אַ פּאָר פּאַרן טרויעריק, צעצויגן קול, ציט שווער און פּאַוואָליע די ענגלישע ווערטער, און יעדע רגע רייסט זיך פון אים אַרוים אַ צעבראָ־כענער זיפץ:

— אוי, גאָטעניו, טאַטע־פּאָטער...

ער לייענט ווייטער, שאָקלט צו מיטן קאָפּ און יעדעס מאָל, ווען ער קומט צו צום וואָרט היטלער, גיט ער אַ קוק אויפן עולם פון הינטער די ברילן אַפער, פאַרגלאָצט די אויגן ווי אַן עוף ביים טרינקען און זאָגט מיט אַ פרום קול:

— ימח שמו וזכרו!

און די פּרעסערס ענטפערן אָפּ:

— אמן!

דער הויכער מלך שטייט די גאַנצע צייט אָפּגעזונדערט אין זיין ווינקעלע און האָרכט זיך שווייגנדיק צו צו די נייעס. ער לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון ר' עליען און די ביינערדיקע קין־באַקן רוקן זיך ביי אים כסדר אַריין און אַרוים, אַריין און אַרוים. ווען ר' עליע ווערט פאַרטיק מיטן לייענען און דער עולם שטעלט זיך צוריק צו דער אַרבעט, שאַרט זיך מלך זייטיק צו אים צו און פרעגט שטיל מיט אַ פאַרלייגט קול:

— און פון וואַרשע איז גאָר נישטאָ קיין נייעס, ר' עליע?

— וואו וואַרשע, ווען וואַרשע... ס'אַ שעכטהויז, גוטער ברודער, נישט קיין וואַרשע! וואָס פאַר אַ נייעס קאָן שוין זיין פון דאָרטן, מ'שטיינס געזאָגט... — צעפּירט ר' עליע יאָושדיק די הענט. מלך לאָזט שטום אַראָפּ דעם קאָפּ און גייט פּאַמעלעך צוריק אויף זיין אָרט צום בלעכערנעם טיש. ר' עליע קוקט אים נאָך און צופּט זיך שווייגנדיק דאָס קמץ־בערדל. ס'איז אים אַ ביטער רחמנות אויפן יונג, און ווען טשאַרלי מיט די פּרעסערס נעמען מלכן צוהאַלטן מיטן ווייבל זיינעם, גייט ער צו צו אים און גיט אים גוט־ברודעריש אַ קלעפּל אויף דער פּלייצע:

— ווייס איך וואָס... אַ חברה לצים, פּוסטע קעפּ... אַ דאגה האָסטו מיט זיי!

מלך מורמלט עפּעס שטילערהייט אין זיך אַריין. ער דרייט זיך אויס צו די שטויסן זאָקן אויפן טיש און נעמט זיך צוריק צו דער אַרבעט. אָבער די אַרבעט גייט אים נישט. זיינע קנאָביקע הענט פליען איבערן טיש, פּלאָנטערן זיך צווישן די זאָקן. ער טרעט איבער פון איין פוס אויפן צווייטן און קוים וואָס ער שטייט איין אויפן אָרט. אַלץ פאַלט אים פון די הענט. ער דערשלעפּט קוים מיט צרות ביז צו דער מינוט, ווען דזשים, דער „פאָרמען" גיט צו וויסן דעם עולם מיט זיין ברייט־צעצויגן קול: „טיימס אַפּ". מלך באַלעמוטשעט נישט קיין איבעריקע רגע, וואַרפט אין איילעניש אַרויף אויף זיך דאָס רעקל און לאָזט זיך הענדום־פּענדום אַרויס פון דער פאַבריק.

אין דרויסן, פאַר דער פאַבריק, בלייבט ער שטיין אַ רגע, ווישט זיך איבער מיט אַ קויטיק נאָז־טיכל דאָס פאַרשוויצטע פּנים און לאָזט זיך מיט איילִיקע טריט גיין אַהיים. ער פאַרגינט זיך נישט צו וואַרטן אויף אַ טראַמוויי, אַזוי טראָגט עס אים אונטער. ס'איז אים איבעריק יעדע רגע. ער יאָגט פאָרויס אויף זיינע לאַנגע פיס, זעט פאַר זיך גאָרנישט און שטויסט זיך אין געאייל כסדר אָן אויף מענטשן. אָבער וואָס נענטער ער קומט צו צו דער גאַס, וואו ער וואוינט, אַלץ מער ווערן זיינע טריט

פּאַמעלעכער און שווערער. ער דערזעט פונדערווייטנס דעם רויטן שפּיציקן דאַך פון זיין הייזל. עס שטייט זינט דער מלחמה אָנגעגרייט פאַר זיין ווייבס וועגן, וואַרט אויף איר און וואַרט...

ער קוקט אויפן הייזל פונדערווייטנס און שאַרט פּאַמעלעך מיט די פיס, קוים וואָס ער שטעלט די טריט.

— שכנא, וואו לויפסטו? — רעדט ער צו זיך — וואָס האָסטו צו פאַרשפּעטיקן? די גרויסע גדולות, וואָס וואַרטן אויף דיר, אָך־און־וויי!...

ער שלעפּט זיך טריט נאָך טריט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איבער דער שטילער גאַס. אַ טיפער, ווייכער שאָטן איז אויסגעלייגט ווי אַ שטיק סאַמעט אין דער קרום און שניידט פונאַנדער די גאַס אין צוויי העלפטן, אַ ליכטיקע און טונקעלע. די רויטע שינדל־דעכער פון די צוויי רייעם הייזער אויף ביידע זייטן גאַס גלאַנצן ווי פאַרצעלייענע אינם פייערדיקן אָפּשיין פון דער זון, וואָס האָט זיך שוין ביז אין דער העלפט געזעצט הינטער די דעכער, און בלויז אַ פייערדיק רעפטל קילט זיך אויפן נידעריקן, פאַרנאַכטיקן הימל. די גאַס ציט זיך אַ מנוחה־דיקע, אַ טיף־פאַרשלאָפענע, ווי ס׳וואָלט ערשט געווען פאַר־טאָגס. די הייזלעך מיט די געפּוצטע, גלייך־געשווירענע פראָנט־גערטנדלעך שטייען פאַרדרימלט מיט אַראָפּגעצויגענע ראָלעטן איבער די פענסטער. מ׳זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש, ס׳איז שטיל, און מלכס טריט הילכן אָפּ אויפן בעטאָנענעם טראָטואַר מיט אַ שאַרפן, בלעכערנעם ווידערקלאַנג. ער דערנענטערט זיך צו זיין הייזל, וואָס הויקערט זיך יתומדיק אונטערן שיפּן אָפּ־דעכל פון דער וועראַנדע. אַ טויבע, פּוסטע שטילקייט יאָגט פון די פאַרהעמערטע טיר־און־פענסטער, ווי ס׳וואָלט דאָ קיינער נישט געוואוינט. ער עפנט די דראָטענע פורטקע און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן, צי ס׳איז דאָ עמיץ נישט געווען. אָבער אַלץ איז פונקט ווי אינדערפרי, ווען ער איז אַוועק צו דער אַרבעט. בלויז אויפן פענסטער ליגט אַ פאַרטרוקנט ברייטל, וואָס דער בעקער האָט איבערגעלאָזט. מלך כאַפּט אַ קוק אינם בריוו־קעסטל, אָבער עס איז ליידיק ווי געוויינטלעך. ער ווייסט גאַנץ

גוט, אַז ער האָט נישט פון וועמען צו קריגן קיין בריוו, און ס'איז נישטאָ קיינער, וואָס וועט צו אים קומען. פונדעסטוועגן, אַז ער קומט אין אָוונט אַהיים פון דער אַרבעט, קוקט ער זיך יעדעס מאָל גוט אַרום אין אַלע זייטן מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ — — טאָמער יאָ... עס דאַכט זיך אים דעם גאַנצן טאָג, בעת ער שטייט ביים בלעכערנעם טיש אין דער פאַבריק, אַז עפּעס וואַרט דאָ אויף אים אין דער היים, עפּעס איז אומגעריכט געקומען, און דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים מיט אַ באַהאַלטענער האָפנונג יעדעס מאָל, ווען ער קומט צו צום שטילן, עלנטן הייזל.

ער שליסט אויף די טיר, וואָס עפנט זיך מיט אַ דינעם, זשאַווערדיקן סקריפּ, און עס שלאָגט אים אַנטקעגן פון די טונקעלע שטובן אַרויס אַ טיפע, פאַרטייעטע שטילקייט. דאָס גלאַנציקע, העל־קאָלירטע מעבל סטאַרטשעט אַרויס פון דער טונקלקייט שטייף און קאַנטיק ווי אין אַ מעבל־געשעפט. אַן איבערגעשטאַנענער שטויביקער ריח הענגט שווער אין דער לופט. אויף אַלעם ליגט אַ גרויער, מאָכיקער שטויב, וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט איבערן טאָג. מלך פּראַלט אויף די פענסטער און די טירן, דאָס הויז זאָל זיך אַביסל איבערלופטערן. ער בייסט אויף דער גיך עפּעס איבער און נעמט זיך צו רוימען די שטובן, צו ווישן דעם שטויב פונם מעבל. כאָטש ס'איז נאָך ליכטיק אין דרויסן, צינדט ער אָן אין אַלע שטובן די עלעקטרי, ס'זאָל זיין אַביסל היימלעכער. די עלעקטרי שפּיגלט זיך שאַרף אָפּ אינם מעבל, מיניעט זיך אין דער העלער פּאָליטור און לויפט מיט דינע, גאָלדענע שנירלעך לענגאויס די קאַנטן. מלך פּוצט דאָס מעבל, ווישט פאָרזיכטיק אַראָפּ דאָס מינדסטע שפּרענקעלע, אַזש אַלץ נעמט פעבלען מיט אַ גלאַנץ פון נייקייט ווי ערשט פון געשעפט אַרויס. ווען דאָס ווייב וואָלט געזען די שיינע, אויסגעפּוצטע שטובן, וואָס ער האָט דאָ אָנגעגרייט פאַר אירעטוועגן, ווי זי וואָלט זיך דאָס געפרייט, געשפּיגלט זיך אין יעדער זאַך... זי האָט אַזוי געחלשט צו האָבן העל מעבל... אַז ער פלעגט מיט איר אַמאָל פאַרבייגיין פאַר שטשערבינסקיס מעבל־געשעפט אויף דער קרולעווסקע, האָט זי נישט געקאָנט

צופּרייסן די אויגן פון שויפּענסטער, וואו ס'איז געווען אויס־געשטעלט אַ שלאָף־צימער פון העלן בעזש. אירע אויגן האָבן אַזש געפינקלט, קוקנדיק אין שויפּענסטער אריין.

— זע נאָר, מלך, די סיפּיאַלקע — פלעגט זי חנוודיק פאַרליגן אויף אַן אַקסל איר שיינעם קאָפּ מיט די צעכוואַליעטע, ברוינע האָר — זע נאָר אַ „צוש"! ס'אַ שאַנקייט צו קוקן... כ'וואָלט געגעבן אַלץ אין דער וועלט פאַר אַזאַ מעבל!

— וועסט נאָך האָבן העלער מעבל, אַ סך שענער ווי דאָס. פאַרלאָז דיך אויף מיר, גוטשע — פלעגט ער איר צוזאָגן. זינט ער האָט אויף איר געלייגט אַן אויג, האָט ער איר געהאַלטן אין איין צוזאָגן גאָלדענע גליקן, געמאָלט איר פייגל אין דער לופטן. און זי, די שיינע וואַרשעווער פאַננע, ר' מרדכי איזש־ביצקיס טאָכטער, האָט אים געקוקט גלייך אין מויל אריין... ער האָט זי, דער אָרעמער קאָנסקע־וואָליער בעל־מלאכה־יונג, גענומען מיט די שיינע ריידעלעך זיינע. אנדערש וואָלט זי זיך גאָרנישט אומגעקוקט אויף אים, כאָטש ער איז געווען אַ שטיקל אייגענער ביי ר' מרדכין אין שטוב. ר' מרדכי האָט זיך אָנגע־הערט אַ ווייטע משפּחה, עפּעס אַ שני־שבשלישי, מיט מלכס מאַמען. זי האָט זיך זייער געיחוסט מיט דער ראָזיקער משפּחה־שאַפט און גערופן ר' מרדכין נישט אַנדערש, נאָר דער פעטער מרדכי פון וואַרשע. אַמאָליקע יאָרן, נאָך אין פּאָניעס צייטן, איז ר' מרדכי געשטאַנען מיט אַ גרויס געשעפט פון שניידער־צודאַטן אויף דער גענשע און געווען אַ ייד — אַ גביר. ביים פּאָליאַק אָבער איז ער אינגאַנצן אַראָפּ. די שטייערן און די קריזיסן האָבן אים אויסגעשטעלט פאַר אַן אָרעמאַן. פונם גרויסן כוחר איז ער געוואָרן אַ „קאָלעקטאָר" פון לאָטעריע־צעטלען, אַרומגעגאַנגען צו די אַמאָליקע קונים זיינע, די טאַנדעטניקעס, און זיך איינגעבעטן ביי זיי מיט אַן אַכטעלע „לאָס". אָבער ביי מלכס מאַמע אין קאָנסקע־וואָליע איז ער נאָך אַלץ געווען דער שיינער גביר, דער מיוחס, און יעדעס מאָל אין אַן עת־צרה, ווען דער דלות האָט שוין גאָר צוגעדריקט, פלעגט זי גאָר נישט אויפהערן פון אים צו רעדן:

— כ׳על מיר אויסטון ס׳שעם־היטל און שרייבן צום פּע־טער מרדכי קיין וואַרשע. ר׳וועט מיך נישט לאָזן פאַלן, נישקשה. כ׳דאַרף נאָר אַ פּיפּס טון, און כ׳בין אַ געהאָלפענע!

אָבער זי האָט עפּעס נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אויס־צוטון דאָס שעם־היטל און צו בעטן הילף ביים פּעטער מרדכי. דערפאַר, אַז מלך האָט גענומען טראַכטן וועגן אַ תכלית און געוואָלט אַוועק פון פּוילן אין דער גרויסער וועלט אַריין, האָט זי גאָרנישט געוואָלט הערן דערפון. זי האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז ער זאָל נישט פאָרן אינערגעץ, נאָר קיין וואַרשע צום פּעטער מרדכי.

— וואו וועסטו זיך לאָזן אין דער וועלט אַריין — האָט זי געטענהט — האָסט דאָך משפחה אין וואַרשע, דעם פּעטער מרדכי! אַז מ׳האָט אַזאַ משפחה ווערט מען נישט פאַרפאַלן, מ׳דאַרף נישט זוכן קיין גליק ווייס איך וואו...

מלך האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און אַוועק קיין וואַר־שע. דאָס ערשטע האָט ער אויפגעזוכט דעם פּעטער מרדכי. ער האָט געוואוינט ערגיץ אין פּראַגע אויף אַ דריטן שטאָק. מלך איז אַריינגעקומען אין אַ נידעריקע, טונקעלע שטוב, ענג אָנגעשטעלט מיט שווערע, אַלט־פרענקישע קאָמאָדעס און שענק מיט מעשענע לייבן־פּיסקלעך אויף די טירן. אויף אַלעם אין שטוב איז געלעגן אַן אָפּגעריבענער יורדישער גלאַנץ. די הויכע שענק האָבן זיך קרומלעך געהויקערט מיט די שיף־אַרונטער־געבויגענע גזימסן אונטערן צו נידעריקן פאַרקאָפּטשעטן סופיט. ביים טיש איז געזעסן אַן עלטערער ייד אין אַ צעקנאָדערטע סאַ־מעטן קאַפּל אויפן קאָפּ און מיט אַ פּאָר מידע, שווער־באַברעמ־טע אויגן. ער האָט זיך פרום געשאָקלט איבער אַ גמרא און בעת מעשה פאַוואָליע געמישט אַ שאַרף גלאָז טיי מיט אַ גראָב פּענעצל ציטרין. דאָס איז געווען דער פּעטער מרדכי. ער האָט פון דער זייט אָפּגעמאָסטן מלכן מיטן בליק, מבינותדיק באַטראַכט זיין שטייפן, פּראָווינצער אַנצוג און כלאחר־יד אַ פרעג געטון:

— נו, יונגערמאַן, וואָס זאָגט איר גוטס?

מלכן איז געוואָרן שטאַרק נישט ניחא פון ר׳ מרדכיס כלאחר־ידיק קול און פונם פלינקן בליק, מיט וועלכן ער האָט אים אָפּגעמאָסטן. ער האָט אומדרייסט, מיט אַ שטאַמלדיק קול געזאָגט ווער ער איז. ר׳ מרדכי האָט אים אויפסניי גענומען באַטראַכטן פון קאָפּ ביז פיס, געקייעט אַ שפּיצל פון זיין לאַנ־גער, שיטערלעכער באָרד און געקנייטשט דעם שטערן:

— נו יאָ, כ׳ווייס שוין — האָט ער דערמאָנענדיק זיך גע־געבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ — דעם זיידן דיינעם, מלך־בערן עליו־השלום, געדענק איך עפּעס יאָ... דאַכט זיך אויפן ישוב געווען, אַ פּאַכטער, האַ?

— יאָ, יאָ... כ׳היים אויך מלך, נאָכן זיידן, זאָל זיין אָפּגעשיידט — האָט מלך אונטערגעכאַפּט מיט אַ היימיש, משפּחהדיק קול.

ר׳ מרדכי האָט אים לויז אָפּגעשטעקט אַ שלום־עליכם מיט ווייכע שפּיץ־פינגער, פרום אָפּגעזיפצט און זיך צוריק פאַר־טיפט אין דער גמרא.

— זיץ — האָט ער געגעבן אַ ברום אין דער באָרד אַריין און, נישט אויפהויבנדיק די אויגן פון ספר, אַריינגערופן אין דער צווייטער שטוב אַריין:

— גוטשע, דערלאַנג אַ גלאָז טיי צום טיש.

גוטשע האָט אַריינגעבראַכט אַ גלאָז טיי אויף אַ טאַץ, פּונקט אַזאַ שאַרפּס און מיט אַ גראָב פענעצל ציטרין, ווי עס איז געשטאַנען פאַר ר׳ מרדכין און זיך געקילט.

— ס׳אַ קרוב, ערשט געקומען פון קאָנסקע־וואָליע — האָט ר׳ מרדכי אַליין נישט אָפּווענדיק די אויגן פון ספר ווידער אַ ברום געטון.

גוטשע האָט לייכט געגעבן אַ שאָקל מיט איר שיינעם, ברוינעם קאָפּ האָר. זי האָט זיך קוים פאַרגונען אַ קוק צו טון אויף מלכן און שווייגנדיק, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, אוועק־געשטעלט פאַר אים ס׳גלאָז טיי. ער האָט איר געוואָלט זאָגן אַ שיינעם דאַנק, אָבער ס׳קול זיינס איז געווען אַזוי שווער און גערדיכט, אַז ר׳האָט קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסקריגן,

און אײדער װאָס־װען איז זי מיט שמאָלע, מײדליש־צעװיגטע טריטעלעך, װאָס האָבן געפּיקלט מיט די הויכע אָפּצאַסן פּלינק און שאַרף, מיט גרויס־שטאָטישער גדלות, אַרויס פון שטוב.

מלך איז אַװעק פון ר׳ מרדכין װי אַן אָפּגעשמיסענער. אויף אַזאַ ברוך־הבא האָט ער זיך נישט געריכט. פונדעסטװעגן איז ער אין אַ פּאָר טעג אַרום װידער אַרויפגעקומען. ס׳האָט אים געצויגן צו ר׳ מרדכיס שטוב. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אַרויסשלאָגן גוטשען פון קאָפּ. ער האָט כסדר געזען פאַר זיך איר אײדל, מאַט פּנים, דעם טיפן גלאַנץ אין אירע שײנע װײן־אויגן. מ׳האָט זיך אויף אים כמעט װי נישט אומגעקוקט, קוים אַ װאָרט צו אים גערעדט. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט אײנהאַלטן, און נישט־װאו, נישט־װען פלעגט ער זיך אַרויפכאַפּן צו ר׳ מרדכין, אָפּזיצן אַ שטיקל צײט שװײגנדיק בײם טיש און זיך בריען מיט דער טײ, װאָס גוטשע פלעגט אים שװײגנדיק יעדעס מאָל דערלאַנגען. מיט דער צײט אָבער האָט מען זיך אָנגעהויבן צו אים צוצוגעװאוינען און ר׳איז דאָרט געװאָרן אַן אָפּטער אײנגײער. ר׳ מרדכי פלעגט אים טײלמאָל אַ פרעג טון, װאָס ער מאַכט, װי עס גײט אים עפּעס אין װאַרשע. מלכן איז געגאַנגען גאָרנישט פויגלדיק. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערשלאָגן צו אַ שטעלע בײ זײן פאַך, קאַמאַשן־שטעפּערײ. ער פלעגט אַמאָל אַרײנכאַפּן אַ טאָג אַרבעט פאַר אַ האַלבן לוין בײ אַן אָרעמען לוין־שטעפּער און קוים פאַרדינט אויף צו דערהאַלטן זיך בײם לעבן. װיפיל ער האָט נישט געקאַרגט, זיך געזשאַלעװעט דעם ביסן, האָט ער כסדר געמוזט אײנצערן פונם ביסל געלט, װאָס ער האָט געהאַט מיט זיך נאָך פון דער הײם. פאַר ר׳ מרדכין האָט ער אָבער געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ גרויסן פאַרדינער, דערצײלט פון פראַנצויזישע געמזעס, פון טײערע בעלגישע זאַמשן, װאָס גײען פאַר שװערע טויזנטערס אַדורך דורך זײנע הענט. ר׳ מרדכי פלעגט אים אויסהאָרכן מיט גרויס כװנה און זיך פּאַװאָליע גלעטן די באָרד.

— װאָדען, אַ מלאכה איז אַ מלוכה — פלעגט ער צו־

באַמקען און זיך טאַפּן בעת מעשׂה ביי דער בוזים־קעשענע, אונטערזיפצן אין דער שטיל און נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת אַרויסציען אַן אָנגעשטאָפּטן, צעריבענעם טייסטער.

— וואָס איז מכוה אַן אַכטעלע, מלך? וואָלסט געווען אַ בעלן, האַ? — פלעגט ער מכלומרשט דרך־אגבדיק אַ וואָרף טון און עפענען דעם טייסטער, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגע־שפּאַרט פאַרשידנקאָליריקע לאָטעריע־צעטלען.

— ס'שפּילט אַ ראָלע... כ'קאָן נעמען אַ גאַנצן צעטל, אַז ס'האַלט שוין דערביי — האָט מלך זיך שטענדיק געשטעלט ברייט און גערעדט אויפן הויכן קול, אַז גוטשע אין דער צווייטער שטוב זאָל הערן.

ר' מרדכי פלעגט צעטומלט אַ פּאָכע טון מיט די שווערע ברעמען. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרקויפט ביי זיינע טאַנדעט־שניידערס אַ גאַנצן צעטל מיטאַמאָל. אַפילו אַ בידנע אַכטעלע פלעגט אים מיט צרות אָנקומען אָפּצושטופּן. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאַרגינען אַזאַ גוטן פּדיון, און פון וועמען? פון אַ פּראָווינצער סמאָלע־קאָפּ דאָרט...

— נו, נו, אַ פערטעלע וועט אויך זיין גענוג פאַר דייַ־נעטוועגן — פלעגט ער פּשרהדיק אָוועקמאַכן מיט דער האַנט — מ'דאַרף נישט צופיל איינרייסן אויף אַמאָל. אַז דער אויי־בערשטער וועט העלפן, קען מען פון אַ פערטעלע אויך באַ־גליקט ווערן.

ער פלעגט מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט אַרויסציען פון טייס־טער אַ צעטל, האַלטן אים אַ ווײַלע צווישן די פינגער און פון אונטער די ברעמען אָפּער אַ קוק טון אויף מלכן. דערנאָך פלעגט ער כאַפּן אַ זייטיקן בליק אין דער צווייטער שטוב אַריין, וואו גוטשע איז געווען, און ווידער צוריק צו מלכן, אַזוי עטלעכע מאָל.

— כ'וויים... גאָטס באַהאַלטענע דרכים... — פלעגט ער טיף אַ זיפץ טון — נו, מילא...

מלך האָט נישט דערעסן, אָפּגעקומען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט און יעדן פאַרדינטן גראָשן געטראָגן צו ר' מרדכין, גע־

## פ. גאָלדהאָר

האַלטן אין איין נעמען ביי אים פערטעלעך. ר׳ מרדכי איז געוואָרן מיט אים גאָר היימיש, געגעבן אים אויף אַ שבת צו מיטאָג און זיך געהאַלטן מיט אים נאָענט, משפּחהדיק. אויך גוטשע איז געוואָרן צו אים צוגעלאָזענער, גערופן אים „קוזין״ און ביים קויפן אַ צעטל פלעגט זי אים העלפן זוכן אַ מזלדיקן נומער.

— זאָל דער קוזין נעמען אַ נומער מיט אַ זיבן, ס׳איז מזלדיק — פלעגט זי אַליין אויסזוכן אין פאָטערס טייסטער אַ צעטל פאַר מלכס וועגן און בלאָזן דערויף מיט אירע וואַרעמע מיידליש־אָנגעקוואָלענע ליפּן — פו, פו, זאָל זיין מיט גליק...

מלך פלעגט געלאַסן נעמען דאָס צעטל צווישן צוויי פינגער, נאַכלעסיק עס שטופּן אין וועסטל־טעשל אַריין און מאַכן פאַר גוטשען דעם ברייטן אָנשטעל.

— ס׳לוינט זיך נישט צו מאַכן קיין צימעס מיט אַ פערטעלע. כ׳בין נישט בדלות, אַז ס׳וועט פאַרשפּילן — האָט ער ברייט געטענהט — געלט איז ביי מיר בלאָטע...

גוטשעס צוגעלאָזנקייט האָט אים צוגעגעבן קוראַזש און ער האָט זיך גענומען שדכענען צו איר. ר׳ מרדכי האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און גלייך באַשטאַנען אויפן שידוך. קיין נדן האָט ער גוטשען נישט געהאַט צו געבן. ער האָט געזען, אַז דער יונג חלשט נאָך איר, איז גרייט זי צו נעמען ווי זי גייט און שטייט, אָן אַ גראָשן געלט. נישט אַנדערש, ס׳אַ זיווג באַשערט פון הימל... וואָדען, גלאַט אין דער וועלט אַריין וועט זיך פּלוצעלינג אויסזוכן עפּעס אַ קרוב פון קאָנסקע־וואָליע, אַזש ר׳ מלך־בערס ע״ה אַן אייניקל? ר׳איז טאַקע געוועזן אַ פּשוטער ייִד, מלך־בער, אַ פּראָסטער גוט־מאָרגן, אָבער אַ פרומער, אַ גרויסער ירא־שמים... אַפנים, ר׳איז זיך דאָרט אויבן מטריח...

— זעסט דאָך מן השמים, אַ באַשערטע זאַך — האָט ער געטענהט צו גוטשען, וואָס האָט גערדייט מיט דער נאָז אויפן שידוך. ס׳איז נישט אָנגעשטאַנען דער קאָנסקע־וואָליער יחוס. אָבער מלך איז נישט אָפּגעטרעטן פון זייניקן. ער האָט

געקערט וועלטן, צוגעזאָגט איר ס׳טעלערל פון הימל און אַזוי לאַנג אין איר אַריינגעטענהט, ביז זי האָט זיך געלאָזט איבער־רעדן, און מ׳האָט געשטעלט אַ חופּה.

אָבער באַלד נאָך דער חתונה האָט זי געזען, אַז זי איז אַריינגעפאַלן. פון די גאָלדענע גליקן, וואָס מלך האָט איר צוגע־זאָגט, האָט זיך אויסגעלאָזט אַן אָרעם, פאַרשוואַרצט לעבן. מלך האָט איר צוגעטיילט יעדן גראָשן, קוים פאַרדינט אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט. ער האָט זיך אַליין נישט געקאָנט דער־שלאָגן צו אַ שטענדיקער שטעלע און פונקט ווי פאַר דער חתונה געהאַלטן אין איין אַרומלויפן צו די קאַמאַשנמאַכערס, אָפּגעריבן די שוועלן ביי די אָרעמע „כאַלופּניקעס״, געשנאָרעט ביי זיי אַ טאָג אַרבעט. גוטשע האָט שטילערהייט געשלעפּט דעם דלות, נישט גערעדט קיין הויך וואָרט. אָבער מלך האָט געזען, ווי זי גריזשעט זיך, גייט אײַן פון טאָג צו טאָג. אירע פולע, וויניקע אויגן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל פינסטערער און ס׳האָט זיך אָפּט אין זיי געצונדן אַ הארט בלישטשל ווי אַ פרישער שניט אין בליי. דאָס בלישטשל האָט מלכן געבריט, ר׳האָט איר נישט געקאָנט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. פון צייט צו צייט פלעגט ער שטילערהייט אַראָפּנעמען פונם שווער־אויסגעהאָרעוועטן געלט אַ פּאָר גילדן און דערלאַנגען גוטשען.

— כ׳האָב געכאַפּט אַ פאַרדינסטל פון דיר האַנט אַוועק, נעם עס צו, גוטשע, פונדרעווע דיר עפּעס — האָט ער מיט געמאַכטער ברייטקייט איר דערלאַנגט דאָס געלט. זי האָט דערפאַר איינגעקויפט וואַזאָניקלעך, פאָרצעלייענע צאַצקעס און געסטראָיעט דאָס אָרעמע, איינשטוביקע דירהלע.

— כ׳האָב אַזוי ליב שיינע זאַכן, ס׳איז מיין חיות... — האָט זי זיך געשפּיגלט אין די צאַצקעס, געהאַלטן זיי אין איין פּוצן און וואַשן, און אירע אויגן האָבן דערביי געלויכטן מיטן טיפן, ווייכן גלאַנץ פון אַמאָל.

— וועסט ביי מיר האָבן פון שענסטן און בעסטן, וואָס דיין האַרץ וועט נאָר גלוסטן! ס׳וועט נאָך קומען די צייט, נישט געזאָרגט... — האָט ער, ווי פאַר דער חתונה, זי געפּאַשעט

מיט צוזאָגן, גערעדט ברייט, מיט האָפּערדיקייט. אָבער אין האַרצן איז ער געווען ביי זיך זייער געפאַלן. די צייטן זענען געוואָרן גאָר ביטער, צו קריגן אַ טאָג אַרבעט איז אים אָנגעקומען וואָס אַמאָל שווערער. אין דער שטוב האָט געגומען פייפן דער דלות און גוטשע האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ שאָטן, זיך געגעסן לעבעדיקערהייט. ס׳איז אים ענג געוואָרן די וועלט. ער האָט ווידער גענומען טראַכטן וועגן פאָרן אין דער וועלט אַריין. ס׳האָט זיך דעמאָלט גערודערט אין וואַרשע מיט אַ ניי לאַנד, אויסטראַליע, וואו מענטשן שאַרן גאָלד אין די גאַסן. מלך האָט אין לעדער־פאַריין געהערט דערציילן נסים פונם נייעם לאַנד. די קאַמאַשן־שטעפּערס, וואָס האָבן זיך, פּונקט ווי ער, אַרומגעדרייט ליידיק, האָבן צווישן זיך געשמועסט, אַז אַ בעל־מלאכה כאַפּט מען אויף מיט ביידע הענט, קאַמאַשן־שטעפּערס ווערן דאָרט אָפּגעגילדט. דער מינדסטער מענטש דאָרט פאָרט אַרום אין אַן אייגענעם אויטאָמאָביל און יעדער איינער האָט אַ הויז פאַר זיך ווי אַ פּריץ. ער האָט־די אַלע גליקן איבער־דערציילט פאַר גוטשען, גערעדט מיט אַזאַ ברען, ווי ער וואָלט דאָרט אַליין געווען און אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן. אויך גוטשע האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אָן דעם נייעם לאַנד. זי האָט גאָרנישט באַלעמוטשעט און גענומען אַרויספאַרקויפן אַלץ פון שטוב. זי האָט פאַרזעצט דאָס איינ־ציקע בריליאַנטל, וואָס איז איר נאָך פאַרבליבן פון די גוטע צייטן, ווען איר פאָטער איז געווען אויף דער מדרגה, צוזאַמענ־געקראַצט וואו נאָר אַ גראָשן אויף די הוצאות פאַר מלכן. זי האָט פּונקט ווי ער געברענט, ער זאָל שוין וואָס גיכער אַוועק אין דעם גאָלדענעם לאַנד אַריין. אָבער אַז עס האָט זיך גענומען דערנענטערן די צייט, ווען מלך האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן, האָט זי זיך מיטאַמאָל דערשראָקן פאַרן ווייטן, פרעמדן לאַנד. זי בלייבט דאָ נאַקעט און בלויז, ווער ווייס ווי לאַנג זי וועט זיך דאָ דאַרפן מוטשען איינע אַליין, האָט זי געוויינט פאַר מלכן, געקוקט אים שרעקעוודיק אין די אויגן אַריין.

— זיי נישט קיין קינד — האָט זי מלך געטרייסט — איי־

דער דו ווערסט זיך אומקוקן, וועל איך דיר אַרויסשיקן אַ שיפּס־קאַרט מיט פּאַפּירן. וואָס מיינסטו, ס׳שפּילט דאָרט אַ ראָלע אַ שיפסקאַרט אין אויסטראַליע? אַז מ׳זאָגט, מ׳שאַרט דאָרט גאָלד אין די גאַסן, דער פונט איז בלאָטע...

אָבער קיין גאָלד אין די גאַסן האָט מלך נישט געשאַרט אין אויסטראַליע. אמת, מ׳האָט אים צוזאַמען מיט די איבעריקע יידן, וואָס זענען מיט אים געפאָרן, גאָר פיין אָפּגעוואַרט ביי דער שיף מיט גרויסאַרטיקע, גלאַנציקע אויטאָס. אַ ברייטער פּאַרשוין אין אַ פּאָר ווייסע הויזן אויפן אָפּשטייענדיקן בויך — דער פּרעזידענט פון דער יידישער וועלקאָם־סאָסייעטי — האָט זיך שטאַרק געפּאָרעט מיט די עמיגראַנטן, געהאָלפן אָפּ־נעמען די קופערטס מיטן באַגאַזש און יעדן איינציקן אויסגע־פרעגט, פון וואַנען ער קומט, וואָס פאַר אַ פאַך ער האָט.

— ביסט אַ שניידער, איז אָלרייט — האָט ער אָלעמען „געדוצט״ און גערעדט מיט אַ פאַרצויגן ניגונדל, אַז מ׳האָט קוים פאַרשטאַנען אַ וואָרט. ווער ס׳איז נישט געווען קיין שניידער, דעם האָט ער ביטולדיק אַוועקגעמאַכט מיט זיין שמאַלציק־געלער, צעווירענער האַנט און געקנייטשט די ליפּן:

— נאָך אַ האָקער אין דער קאַנטרי...

— איך בין אַ קאַמאַשן־שטעפּער, אַ וואַרשעווער פאַכמאַן — האָט זיך מלך געשטופּט צו אים, גערעכנט, אַז ער וועט אים אויפכאַפּן מיט ביידע הענט.

— נאָ גוד, אַ האָקער! — האָט אים יענער פלינק אָפּגע־פּאַרטיקט און זיך אפילו נישט אומגעקוקט אויף אים.

מיטן זעלבן „נאָ גוד״ האָט מען אים אויך אָפּגעפּטרט אין דער וועלקאָם־סאָסייעטי, וואו ר׳איז טאָג נאָך טאָג געלאָפן, מ׳זאָל אים שאַפן אַרבעט. די מאַכערס פון דער סאָסייעטי האָבן אים יעדעס מאָל אויפסניי אויסגעפרעגט די זעלבע קשיות: ווי אַלט ער איז, צי איז ער אַ בחור, צי אַ באַווייבטער, צי האָט ער עפּעס געלט. מלך האָט אויף אַלעם געענטפערט גלאַטיק ווי אַ מזמור, אריינגעוואָרפן אַן ענגליש וואָרט — „יעס״, „נאָ״ — מ׳זאָל זען, אַז ער איז נישט קיין פאַרשלאָפענער. אָבער

אַז מ׳האָט אים געפרעגט, וואָס זיין פאַך איז, האָט ער אַ גע־פּאָלענער ביי זיך געשטאַמלט:

— אַ... אַ קאַמאַשן־שטעפּער...

— נאָ גוד, מ׳דאַרף דאָ נישט קיין קאַמאַשן־שטעפּערס — האָט מען אים יעדעס מאָל געענטפערט דאָס אייגענע.

— יידן, כ׳האָב אַ ווייב אין דער היים! — האָט זיך מלך געבעטן מיט טרערן אין קול, נישט געוואָלט אָפּטרעטן, ביז מ׳האָט אים געגעבן אַ בריוו צו דער פירמע „ליוויי האַזשערי מילז״ און אָנגעזאָגט, אַז ר׳זאָל קיינעם נישט געבן דעם בריוו, נאָר דעם מיסטער ליוויי אין דער האַנט אַריין.

— ר׳איז אונזערס אַ מעמבער, מיסטער ליוויי, יו אַנדער־סטענד? — האָט מען אים געזאָגט.

מיסטער ליוויי אָבער האָט אפילו נישט געוואָלט צונעמען דעם בריוו פון מלכס הכנעהדיק־אויסגעשטרעקטער האַנט. ער האָט בלויז פונדערווייטנס אַ קוק געטון אויפן קאָנווערט און בייז אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ.

— כ׳דאַרף נישט קיינעם, כ׳האָב גענוג „הענט״.

— כ׳האָב איבערגעלאָזט אַ ווייב אין דער היים, גיט אַ ייד אַ טשענס — האָט מלך הכנעהדיק זיך געבעטן און גע־שטופּט אים דעם בריוו פון דער סאָסייעטי אין די הענט אַריין.

— אַ ווייב, האַ? און איך האָב נישט קיין ווייב, נאָ סער!

— האָט מיסטער ליוויי זיך אויפגעכאַפּט פון פּאָטעל, און זיין גערונצלט פּליכל איז געוווען פייער־פלאַם. — איינער אַליין האָב איך געסטראָגלט, אויסגעריסן געוואָרן... ס׳האָט מיר קיי־נער נישט געגעבן קיין טשענסעס!... מיט די צען פינגער מיינע האָב איך מיך אַליין אַרויפגעאַרבעט, איינער אַליין... — האָט ער געזערדט פלינק, מיט אַ פאַרכליניעט קול און אויפגעהויבן צו מלכן זיינע דינע, קינדערישע הענטלעך, געפּאַכעט מיט פונאַנדערגעשפּרייטע פינגער אין דער לופטן. זיין קליין, איינ־געשרומפּן גופל האָט איצט אַנטקעגן מלכס הויך־אויפגעשאָ־סענער געשטאַלט אויסגעזען נאָך קלענער, איינגעשרומפּענער. ער איז שטיל געבליבן, שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, און

מיט זיינע בולטע, אויסגעוועפּטע אויגן, וואָס · זענען לויז געַ־זעסן אין די ביינערדיקע אויגן־לעבער, אַז אַט־אָט פאַלן זיי אַרויס, האָט ער געקוקט אויף מלכן, געמאָסטן זיין הייך פון קאָפּ ביז פיס. מלך איז געשטאַנען אַ צעטומלטער, און זיינע גרויסע, קנאָכיקע הענט זענען אומבאַהאָלפן אַראָפּגעהאָנגען מיטן בריוו פון דער סאָסייעטי צווישן די פינגער. מיסטער ליוויי האָט אים שווייגנדיק באַטראַכט, זיך געווישט דאָס פּליכל און פּאַוואָליע, ווי ער וואָלט זיך אַליין נישט געטרויט די ווערטער, געזאָגט:

— דאַזן מעטמער... פאַלט אריין אַן אַנדערש מאָל, אפשר וועט זיך עפּעס מאַכן, יו נאָו...

און ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מלכן אַ לויפעניש צום מיסטער ליוויי. מיסטער ליוויי האָט מיט פאַרזשמורעטע אויגן יעַ־דעם מאָל אויפסניי געמאָסטן מלכס הויכע געשטאַלט, זיך געווישט דאָס פּליכל, און מיט אַ קול פול אָנצוהערעניש געטענהט:

— כ'וואָלט אייך אפשר צוגענומען, אָבער ביי מיר צאָלט מען פולע ווייִדזשעס. כ'האָב פיינט מאַנקי ביזנעס...

— כ'דאַרף נישט קיין ווייִדזשעס, כ'האָב אַ ווייב אין דער היים... — האָט מלך ווי אַן איינגעהזרטן פּזמון אים יעדעם מאָל געענטפערט דאָס אייגענע, און מיסטער ליוויי האָט ישוב־הדעתדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— וועלל, וועלל... מ'וועט געבן אַ ייד אַ טשענס. קומט אריין אַן אַנדערש מאָל, מ'וועט שוין זען...

מלך האָט זיך קוים מיט צרות, נאָך אַ צייט לויפן און איינבעטן זיך, אריינגעקריגן צו מיסטער ליוויי אין דער פאַבריק. ער האָט געטריי געהאָרעוועט ביים בלעכערנעם טיש לעבן די פרעסן. די טעג האָבן זיך געצויגן לאַנג און פּאַמעלעך אין דער געדיכטער, קלעפּיקער פאַרע. ער האָט געאַרבעט ווי אין אַ טשאַד, פאַרלוירן דעם חשבון פון די טעג און בלויז געלעבט מיט די פרייטיקס, ווען ער האָט געקריגן דאָס פאַרקלעפּטע קאָנ־ווערטל מיט די „ווייִדזשעס". ער האָט געציטערט איבער יעדן גראָשן, פונקט ווי אין וואַרשע זיך נישט פאַרגינען דעם ביִמן

און געטריי. געזאַמלט פאַר גוטיטען אויף אַ שיפסקאַרט. ער האָט זי כסדר געהאַט אין זינען, נאָכאַנאַנד געטראַכט וועגן דעם טאָג, ווען זי וועט קומען צו אים צו פאָרן. ער האָט זיך באַצייטנס אַרומגעזען וועגן אַ הייזל, אַ געפּוצטס, מיט אַ פאָרנט־גערטנדל, גענומען מעבל אויף אויסצוצאָלן, און דווקא טייערס, פון גאָלדיק־העלער קאָליר, אַזוי ווי גוטיטע האָט ליב געהאַט. ער האָט זיך פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ אַריבער, נישט געוואוסט, ווי אַזוי ער וועט מיט זיינע „ווײדזשעס” אַרויסקריכן פון די חובות. ער האָט גענומען זיך אַביסל צוריק־האַלטן מיטן שיקן אַ שיפסקאַרט. ווי לאַנג גוטשע איז נישטאָ, קאָן ער איינציען דעם פּאַסיק, זיך אויסצאָלן מיט קישקע־געלט. ס'האַרץ איז אים אויסגעגאַנגען נאָך גוטשען, ס'איז געווען פאַר אים אַן אָפּקומעניש יעדער טאָג, וואָס ער איז געווען פון איר אָפּגעשיידט. אָבער ער האָט אַלץ גענומען פאַר ליב, אַבי זי זאָל קומען צום גרייטן. ער האָט זיך באַצייטנס געפרייט מיט איר פרייד, ווען זי וועט דערזען דאָס שיינע הייזל, די אויסגע־פּוצטע שטובן מיטן טייערן מעבל. זי וועט שטיין אַ פאַר־גאַפטע, זיך גאָרנישט קאָנען זאַט אָנקוקן מיט די אַלע שיינע זאַכן, וואָס ער האָט פאַר איר אָנגעגרייט, און אירע אויגן וועלן לייכטן פאַר פרייד מיטן טיפן, ווייניק גלאַנץ ווי אַמאָל, אין די מיידלשע יאָרן.

— זעסט, גוטשע, דאָס אַלץ איז דיין — וועט ער איר זאָגן און ביי דער האַנט זי אַרומפירן פון שטוב צו שטוב, ברייט אויפפראַלן פאַר איר איין טיר נאָך דער צווייטער — ס'אַלץ פאַר דיינעטוועגן...

אָבער גוטשען איז נישט געווען באַשערט די פרייד. ער האָט אַזוי לאַנג באַלעמוטשעט מיטן שיקן די שיפסקאַרט, אָפּ־געלייגט פון טאָג צו טאָג, ביז ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה. צווישן די פּרעסערס ביי מיסטער ליוויי אין דער פאַבריק האָט מען אַ שטיק צייט פריער שטאַרק גערעדט וועגן מלחמה. אָבער ר' עליע „מיט די פּייפּערס” האָט די אַלע רייד אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ער האָט זיך ביטולדיק געקרומט אין זיין אַליין־

ווייסערישן קמץ־בערדל אריין, געצייכנט מאַפּעס מיטן פינגער אויף דער דלאָניע, צעלייגט די פּאָליטיק אויף טעלערלעך:

— עט, בלאָטע... — האָט ער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — מ'עט אים צעמאַזשען אויף קרעפּל־פלייש איינס־צוויי, דעם ימח־שמו! מיט יידן איז ער אַ גאַנצער קנאַקער. די וועלט אָבער ליגט, ברוך־השם, נישט אין קימפּעט. ר'סטראַשעט בלויז, דער ימח־שמו, ס'איז נישט מער ווי פּיסק־מלאכה, האָרכט מיך!

— אוודאי פּיסק־מלאכה, וואָדען... — האָבן די פּרע־סערס, און אויך מלך בתוכם, מיטגעהאַלטן מיט ר' עליען. פונדעסטוועגן האָט מלך גענומען שטאַרק אונטעראיילן מיט די פּאַפּירן, זיך געבאָרגט געלט אויף רעכטס און אויף לינקס, כדי אויסצוקויפן די שיפסקאַרט, אָבער ביז מלך האָט זיך אויסגעגראַבלט, איז געקומען די ידיעה, אַז היטלער איז אַריין קיין פּוילן. דעם פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען ס'איז אָנגעקומען די ידיעה, איז מלך געשלאָפן אַ טויט־מידער נאָך אַ גאַנצער וואָך אַרבעט. מיטאַמאָל האָט אים אויפגעוועקט אַ טומל. פון דער גאַס, וואו מ'האָט קיינמאָל קיין שאָרך נישט געהערט, האָבן זיך געטראָגן מענטשלעכע קולות, טירן האָבן געקלאַפּט, ס'האָבן זיך געהערט לויפנדיקע טריט. מלך איז אַ דערשראָקענער אַראָפּ פון בעט, אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די הויזן און אַרויס אין דרויסן. איבער דער גאַס איז געלאָפן אַ צעשויבערט שייגעצל מיט אַ פּאַק צייטונגען אונטערן אָרעם און געוואָלדעוועט:

— עקסטראַ! עקסטראַ!

מלך האָט געכאַפּט אַ צייטונג. דאָס וואָרט „וואָר" האָט מיט גרויסע אותיות אַראָפּגעשריגן פון בלאַט. מלך האָט געקוקט דערויף אַ מבולבלער, גאָרנישט געקאָנט קומען צו זיך. די גאַס אַרום האָט זיך געצונדן מיט ליכטיקע פענסטער. פירקאַנטיקע פאַסן ליכט פון אויפגעפּראַלטע טירן האָבן גע־טאַנצט איבערן פינסטערן ברוק. מענטשן, האַלב־אויסגעטוענע, מיט פאַרשלאָפן־צעשויבערטע קעפּ האָבן זיך געזאַמלט אין קופּקעלעך און געפּאָכעט מיט פונאַנדערגעשפּרייטע צייטונגס־בלאַטעס, וואָס האָבן זיך מהומהדיק געוויגט אין טונקעלן

חלל. מ׳האָט הויך גערעדט צווישן זיך, און די רייד האָבן זיך שטומפּיק אַריינגעשניטן אין קילן, ביינאַכטיקן חלל אַריין. אַ הינטל מיט אַ פאַררייסן ווײדל האָט זיך מיט אַ געבילעריי געטראָגן אַהין און צוריק איבער דער גאַס. אַן איינגעהאַלטן מיידליש געלעכטערל האָט זיך דראָבנע צעקייקלט אין דער לופט. מלך איז געשטאַנען איינער אַליין לעבן זיין הייזל. ער האָט געוואָלט צוגיין צו די מענטשן, אויסרעדן צו עמיצן אַ לעבעדיק וואָרט. אָבער ס׳האָט פון זיי געשלאָגן אַ פרעמדקייט. זייערע קולות האָבן זיך ווי פון ערגעץ ווייט דערטראָגן צו מלכן. ער איז געשטאַנען אַ פאַרלוירענער, ווי ער וואָלט דאָ אַהער פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן, און אין קאָפּ האָט אים נאָכאַנאַנד געקלאַפּט ווי מיט אַ העמערל:

— ס׳אַלץ אויס...

צווישן די פרעסערס אין דער פאַבריק האָט זיך געקאָכט מיט דער מלחמה: אַזאַ אומגליק, אַזאַ בראָך! מ׳האָט געקרעכצט אויף די יידישע צרות, באַוויינט דאָס ביסל יידן אין דער היים, און ר׳ עליע האָט יעדן טאָג בעתן „לאַנטש״ צוזאַמענגענומען אַרום זיך דעם עולם און אויפן קול געלייענט די נייעס פון דער מלחמה. ער האָט געלייענט פּאַוואָליע, מיט קאָפּ, פאַרזיכטיק געצײלט די ענגלישע ווערטער איינס נאָך איינס, און ביי יעדן וואָרט, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, איז ער געבליבן שטיל אַ ווײלע, אַרויפגעשאַרצט די ברילן אויפן שטערן און געקוקט אויף טשאַרלין.

— טשאַרלי, ביסט דאָך עפּעס אַ גאַנצער קנאַקער אויף ענגליש, טאָ גיב־זשע אַ קוק, וואָס מען מיינט דאָ. נאָר פּושער נישט, מאַך נישט קיין פּוילע שטיק... ס׳איז לעבנס־זאַכן...

טשאַרלי האָט בריהש אַ צי געטון די הויזן אַרויף, און זיינע פלינקע אייגעלעך זענען געלאָפן איבער דער צייטונג.

— עקסטערמינייישן... דעסטראַקשן... אַניהילייישן... — האָט ער געלייענט וואָרט ביי וואָרט, און ר׳ עליע האָט יאושדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— עקסטערמינייישן... דעסטראַקשן... ווײ איז צו אונז!

אוי, אונזערע יידן נעבעך אין דער היים... מ'דאַרף דאָך שרייען געוואַלד אין די גאַסן, און דאָ קומט מען אָפּ מיט אַ „דעסטראַקשן", און פּטור...

מלך האָט אַ שווייגנדיקער, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ זיך צוגעהאָרכט צו די נייעסן. ס'האָט זיך אים נאָכאַנאַנד געדאַכט, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ר' עליע לייענט, איז וועגן גוטשען: זי איז פאַרשפּאַרט אין געטאָ, ווערט געיאָגט און געפּייניקט, מען סמט זי מיט גאַזן... ס'האָט זיך אים געעקט די וועלט. ער האָט זי אויף אַ רגע נישט געקאָנט אַרויסשלאָגן פון געדאַנק. ביי דער אַרבעט האָט ער אין שווערע קרעכצן פון די פּרעסן רק געהערט איר נאָמען: גוטשע... גוטשע... ער איז געשטאַנען ביים בלעכערנעם טיש אַרומגעהילט מיט פּאַרע, און אין דער פּאַרע האָט כסדר געשוועבט פאַר אים איר פּנים. אָבער עס איז געווען פאַרווישט, צעשוואומען ווי די פּאַרע־קנוילן, וואָס האָבן זיך אים געדרייט פאַר די אויגן. ער האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט זען קלאָר, לעבעדיק. ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן, געוואָלט אַרויסרופן איר בילד אין דמיון, אָבער אויך אין זיין דמיון איז זי געשטאַנען אַן אומקלאָרע, אַ צעשוואומענע, און ווען ער פלעגט אומגעריכט דערהערן טשאַרלין, ווי ער רופט אים מיט אַ ווייבעריש קול: מיילאָך! פלעגט אים אַרומ־כאַפּן אַ ציטער פון קאָפּ ביז פיס. ער האָט שוין מער נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט. די אַרבעט איז אים געפאַלן פון די הענט. ס'האָט אים געיאָגט אַהיים אין דעם שטילן הייזל אַריין. אַלץ איז דאָרט געשטאַנען גרייט פאַר גוטשען, געוואַרט, אין דער שטילקייט פון די אויסגעפּוצטע שטובן, אינם העלן גלאַנץ פון מעבל איז געלעגן פאַרטייעט אַ בענקשאַפט, און אין דער בענקשאַפט האָט מלך געפילט אַ היימישקייט, אַ נאָענט־קייט. אַלץ דאָרט איז געווען אירס. ביי יעדן פיצל, וואָס ער האָט געקויפט אין דער באַלעבאַטישקייט אַריין, האָט ער זי געהאַט אין זינען, זיך מישב געווען מיט איר. ער האָט מיט געטריישאַפט אָפּגעהיטן יעטוועדע זאַך אין הויז און יעדן פאַרנאַכט, ווען ר'איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט ער גע־

פּוצט און גערוימט די שטובן, געהאַלטן אַלץ פריש און ניי.
אין דער נייקייט פון די זאַכן איז געווען ווי עפּעס אַ צוזאָג,
אַ טיף־באַהאַלטענע טרייסט.

אַז ער איז פּאַרטיק געוואָרן מיטן רוימען, האָט ער זיך
לאַנג, מיט שטילע, געמאָסטענע טריט געדרייט פון איין שטוב
אין דער צווייטער, זיך געשפּיגלט אינם ביסל באַלעבאַטישקייט.
אַממייסטן האָט ער ליב געהאַט זיך צו דרייען אין דער
שלאָף־שטוב. דאָרט איז אַלץ געווען פּונקט ווי אין שוי־פענסטער
ביי שטשערבינסקין אויף קרולעווסקע. דאָס ברייטע טאָפּל־בעט
מיטן הויכן קאָפּ־שטיק איז געשטאַנען אין דער שיף, איבערגע־
דעקט מיט אַ גאָלד־זיידענער קאָלדרע. אויףביידע נאַכט־טישלעך
ביי די זייטן בעט האָבן וואַרעם געלויכטן צוויי נאַכט־לעמפּלעך
מיט אַבאַזשורן פונם זעלבן גאָלדענעם זייד ווי די קאָלדרע
און זיך איבערגעקוקט אינם גרויסן, געשליפענעם שפּיגל פון
דער טואַלעטע, אין דער גאָלדיק־העלער פּאָליטור פונם מעבל.
אַלץ אַרום האָט זיך געמיניעט מיט אַ גאָלדענעם אָפּשיין, זיך
געטוקט אין גאָלד. ס'האָבן בלויז געפעלט אויף דער טואַלעטע
די צוויי גאָלדענע לייכטערלעך מיט די געפלאָכטענע ראָזאַ ליכט,
אַז אַלץ זאָל זיין אויף אַ האָר פּונקט ווי ביי שטשערבינסקין.

— ס'וועלן זיין גאָלדענע לייכטערלעך אויך, כ'וועל איר
נישט זשאַלעווען, גוטשען — האָט מלך הויך געזאָגט, ווי ער
וואָלט צו עמיצן גערעדט. עס איז אים איצט געווען עפּעס
לייכט אויפן האַרצן. ער האָט זיך בנעימותדיק, מעשה באַלעבאָס,
געדרייט איבער די אויסגעפּוצטע שטובן. אַלץ אַרום האָט
ציכטיק, מיט אַ יום־טובדיקן גלאַנץ געבלאַנקט אינם שאַרפן
עלעקטרישן ליכט. עס האָט זיך אים איצט אין דער יום־טוב־
דיקער אויסגעפּוצטקייט אַרום גאָרנישט געלייגט אויפן רעיון,
אַז גוטשע איז אַזוי ווייט פון אים, אַז זי איז ביי היטלערן
אין די הענט און שטייט אויס די אַלע צרות און פּלאָגן,
וואָס ר' עליע לייענט פון זיי כסדר אין די בלעטער. אַ באַהאַלטן
מחשבהלע האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין מוח, אַז זי האָט
זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער מלחמה, זי איז ערגעץ

אויפֿן וועג צו אים, אַ ליאַדע טאָג און זי איז דאָ...

אַ טיפֿע שטילקייט איז געווען צעגאָסן איבערן גאַנצן הויז, געוויִעט פֿון יעדן ווינקעלע אַרויס. מלך האָט לייכט און ווייך געשטעלט די טריט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אויפֿצו־רודערן די שטילקייט אַרום. ער האָט געקוקט אויף די שיינע זאַכן, אַ גלעט געטון אַ בענקל, אַ שאַפֿע, און פֿון אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך צוגערירט, האָט געשלאָגן אַ ליבע וואַרעמקייט, ווי ער וואָלט אָנגערירט עפּעס אַ זאַך פֿון גוטשען. עס האָט זיך אים איצט אַזוי גוט און לייכט געטראַכט וועגן איר, ווי זי וואָלט געווען ערגעץ דערנעבן. ער האָט מיט אַ פֿאַרטאַיעטן אָטעם זיך איינגעהאָרכט אין דער שטילקייט. דאָס מינדסטע שאָרכעלע האָט אים אַדורכגענומען מיט אַ ציטער, ווי ער וואָלט זיך אָט־אָט געריכט אויף איר, אָט־אָט און זי קומט אים אַנט־קעגן פֿון אַ זייטיקער שטוב אַרויס... אַלץ אַרום האָט געשפּיגלט, געגלאַנצט, געווען פֿול מיט דערוואַרטונג. ס'האָט זיך מלכן אַלץ געדאַכט, אַז ער הערט גוטשעס טריט, אָט צעפּייקלען זיך איבערן הויז אירע הויכע אָפּצאַסן... און שוין שפּעט אין דער נאַכט, ווען ר'איז געלעגן אין בעט אַ האַלב־פֿאַרשלאָפֿענער, האָט זיך גוטשעס געשטאַלט נאָכאַנאַנד געטראָגן פֿאַר זיינע אויגן. ער האָט זי געזען פּונקט ווי דעמאָלט, ווען ר'איז ס'ערשטע מאָל אַרויפֿגעקומען צו ר' מרדכין: אַ ווייטע און אַ שטאָלצע, מיטן דינעם שמייכעלע אויף די איידל־אָפּגעצויגענע באַקן, מיטן ברוינעם, צעכוואַליעטן קאָפּ האָר שטאָלץ אַרויפֿגעהויבן. ער האָט זיך געדרייט אין בעט, נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. דאָס גאַנצע הויז איז פֿול געווען מיט אַ ביינאַכטיק גראַבלעריי, מיט צוגעדושעטע שאָרכן. זיי האָבן זיך געטראָגן פֿון די ווענט, פֿון מעבל, פֿון אַלע ווינקעלעך, ווי ס'וואָלט זיך עמיצער אַרומ־געדרייט. און אין דער פֿינסטערניש, וואָס האָט געדיכט און שוואַרץ ווי סמאָלע זיך געגאָסן פֿון איין שטוב אין דער אַנ־דערער, געפּלייצט דורך די אָפֿענע טירן, האָבן נאָכאַנאַנד אים געפּייקלט אין די אויערן גוטשעס טריט, אים כסדר אויפֿגע־ריסן פֿון שלאָף...

# לאַנדסלייט

## א.

ווען הענעך בוטשער האָט דערהערט די נייעס, אַז דאָס שטעטל זיינס, זשאַרנעוו, איז הרוב געוואָרן אין דער מלחמה, האָט ער זיך נישט אָנגערופן מיט קיין וואָרט. ער האָט בלויז פּאַמעלעך אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פאַרשאַרצט דעם ברייטן, ביינערדיקן שטערן, און זיין פּנים מיט די הויכע קינבאַקן, וואָס זענען אָפּגעשטאַנען, ווי צוויי אָנגעלאָפענע ביילן, האָט זיך שאַרף און מהומהדיק אָנגעשפּיצט.

— נו יאָ, כ'האָב געוואוסט, אַז אזוי וועט זיין דער סוף — האָט ער זיך ערשט נאָך אַ שפּאָרן שווייגן אָנגערופן מיט אַ שווער, פאַרלייגט קול — וואָדען, כ'האָב נישט געוואוסט.

ער האָט שוין געהאַט אַזאַ טבע, אַז אַלץ האָט ער געוואוסט פריער־אויס. ער איז געווען אַ מענטש אַ פּאַמעלעכער, אַ שווע־רער און אַ גרויסער תקיף ביי זיך. וואָס עס האָט זיך נישט געזאָלט מאַכן, פלעגט ער זיך קיינמאָל נישט איבערנעמען, נישט היצן זיך, און תמיד האָט ער געהאַט די אייגענע טענה:

— כ'האָב געוואוסט, אַז אַזוי וועט זיין דער סוף, וואָדען, כ'האָב נישט געוואוסט...

ס'ווייב זיינס, פייגע־צירל, אַ קליינע און אַ דאַרע, מיט אַ שמאָל, איינגעצויגן פּנימל ווי אַ קעפּל קנאָבל, און מיט פלינקע, צעשרויפטע אייגעלעך, וואָס האָבן נישט געקאָנט איינ־שטיין אויף אַ רגע, פלעגט פאַר מענטשן זיך קלאָגן אויף אים:

— אַז דער מענטש האָט אַ ווייסע לעבער... ס'אַרט אים גאָרנישט, טוטס אים עפּעס — פלעגט זי זיך באַקלאָגן און רחמנותדיק איינציען אירע דינע ליפּעלעך אָן אַ טראָפּן בלוט.

די נייעס וועגן זשאַרנעוו האָט זיך הענעך דערוואוסט פון זיין זון, סעמען, וועלכער האָט פון אומגליק געלייענט אין דעם ענגלישן בלאַט. עס איז געווען אין אָוונט נאָכן עסן. די אָוונטיקע המימה האָט מיט אַ קאָכעדיקן אָטעם אַריינגעזעצט דורכן אָפענעם פענסטער, איבער וועלכן די גאַרדינען האָבן זיך ביסיק געבלאָזן פון דעם הייסן ווינטל, וואָס האָט פאַמעלעך, מיט אַ טרוקענעם, פאַפירענעם שאָרך געגראַבלט צווישן די ברייט־צעפּאַטלטע, פאַרשטויבטע קעפּ פון די פאַלמעס אין דרויסן. הענעך איז געזעסן ביים טיש מיט אַראָפּגעלאָזטע שעל־קעס, געטרונקען שאַרפע, קאָכעדיקע טיי איין גלאָז נאָכן צווייטן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ סגולה קעגן דער היץ, און גע־מאַכט די „בילס" מיט סידין, דער טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר פערצן מיט אַ צעפלאַמט קלייען־פּנים און מיט האַרטע, געדיכטע האָר, וואָס זענען איר כסדר געפאַלן איבער די אויגן. פונם קאָכעדיקן טיי, פון דער שווערער, צעפּאַרעטער לופט אין דער שטוב, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פעטע, צוגע־ריישטע ריחות פונם ערשט אָפּגעגעסענעם מאָלצייט, האָבן זיך הענעכן אַזש געשטעלט גרייפּעלעך שוויים אויפן פּנים. ער האָט געפּרייכט פון אָנגעגעסנקייט און מיט גרויסע, פליישיקע הענט, וואָס זענען שטענדיק געווען ביי אים רויט ווי אָפּגע־פּרוירן, פאַמעלעך געמישט דאָס צעשיטע קאָנטאָ־בוך מיט די פאַרוויקלטע שפּיצן.

— פאַרשרייב, סידי: מיסים קעפּלען, דריי פונט שפּאָנדרע און אַ לונג־און־לעבער, צוויי און אַ האַלבן שילינג — האָט ער דיקטירט מיט אַ פאַרשלאָפן קול, זיך געווישט מיט דער האַנט דעם שוויים פון פּנים, פון קיילעכדיק־אָנגעפּאַקטן קצבישן קאַרק און זיך געקרימט: — מענטשן האָבן דאָס איינשיט... דריי פונט שפּאָנדרע מיט אַ לונג־און־לעבער... מ'איז אָנגע־שטאָפּט מיט געלט, משוגע־דייך, און מ'פרעסט לונג־און־לעבערס, שנאָרעוואַטע...

ער האָט דערביי געוואָרפן אויף סעמען פלינקע, צעטראָ־גענע בליקן, נישט־גיחאדיק זיך געדרייט אויף דער שטול און

באַהאַלטענערהייט אַ קוק געטון צום ווייב אין דער קיך אַריין. זי איז דאָרט געווען פאַרטון מיט וואַשן דאָס געשיר. זי האָט הויך געקלומפּערט מיט די טעלערס און לעפל, און אירע שמאָלע, שפּיציקע אַקסלען האָבן זיך פאַרשמאַיעט געהויבן אַרויף און אַראָפּ, ווי זי וואָלט זיך מיט עמיצן געקריגט. הענעך האָט עטלעכע מאָל געכאַפּט בגנבה אַ קוק אויף איר און אַוועקגעשאַרט פון זיך דאָס קאָנטאָ־בוך.

— האָסט נאָר גוט געלייענט, סעם? ס׳זאָל טאַקע זיין זשאַרנעוו? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— שור, ס׳איז זשאַרנעוו! — האָט סעם זיך אַ כאַפּ־אויף געטון. ער איז געזעסן ביים צווייטן עק טיש אַן אַריינגעטוענער אין בלאַט און זיך געצופּט די רויט־אָנגעשוואָלענע יצר־הרע־קרעצעלעך, מיט וועלכע ס׳פּנים איז אים געווען אינגאַנצן באַשיט. ער האָט צוגעשאַרט צום פאָטער די צייטונג און געטייטלט מיטן פינגער — אָט־אָ־דאָ האָסטו: זשאַרנעוו. די נאַצים האָבן אינגאַנצן חרוב געמאַכט, מיט דייוו־באָמבערס, יו סי... — האָט ער אַן איבערגענומענער זיך אַזש פאַרכליניעט מיט זיין טיף, הויל קול, וואָס האָט זיך נאָך כסדר געריסן מיט אַ ייִנגלעריש קוויטשעלע.

— סי, שמי... אַ גדולה אויף דיין קאָפּ, יויקל! — האָט הענעך, גאָרנישט ווי זיין טבע איז געווען, זיך אויפגעקאָכט און אָפּגעמאָסטן סעמען מיט אַ רציחהדיקן בליק. אויף זיין געשריי איז פייגע־צירל אַריינגעלאָפן פון דער קיך מיט אַ נאַסן טעלער אין דער האַנט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אירע צעשרויפטע אייגעלעך און מיט אַ דערשראָקן קול געפרעגט:

— וואָס שרייסטו, הענעך? — האָט זי געפינטלט מיט די אויגן — וואָס איז געשען? רעד אַ וואָרט, גזלן איינער!

— פרעג אים, דעם תכשיט דיינעם! — האָט הענעך בייז אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ אויף סעמען. ער האָט גענומען די צייטונג אין דער האַנט אַריין, און כאָטש ער האָט נישט געקאָנט לייענען, לאַנג געקוקט אויפן אָרט, וואָס סעם האָט אים אָנגעוויזן. ער האָט שווער אָפּגעזיפצט, און אָן אַ וואָרט אַרויסצו־

דעדן, פּאַרזיכטיק צונויפגעלייגט די צייטונג און זי באַהאַלטן צו זיך אין דער קעשענע אַריין.

הענעך האָט די צייטונג אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. ער האָט זיך כסדר געטאַפּט ביי דער בוזים־קעשענע, וואו זי איז געווען טיף פאַרשטעקט, און האָט זיך נאָר געמאַכט אַ ליידיקע מינוט אין דער בוטשער־שאָפּ, האָט ער זי אויסגעלייגט אויפן טיש און געגלאָצט מיט די אויגן אויף דער אומפאַר־שטענדלעכער שריפט. דאָס וואָרט „זשאַרנעוו", וואָס סעם האָט אים געוויזן, האָט יעדעס מאָל, ווי נאָר ער האָט געעפנט די צייטונג, זיך גלייך אַ וואָרף געטון אים אין די אויגן אַריין. עס האָט היימישלעך אַרויסגעקוקט פון צווישן די געדיכט־אָנגע־פּיקעוועטע פרעמדע אותיותלעך. די שיף־קאַנטיקע „זעט" איז אים אויסגעקומען ענלעך צום זשאַרנעווער קלויסטער מיטן פּאַרדיסענעם, שפּיציקן טורעמל. די „עי" האָט אים דערמאָנט ר' בונם אייכנערם, דעם שטעטלדיקן גבירס הויז מיטן רויטן אָפּדעכל איבער דעם קיילעכדיקן גאַניקל. די „ראַבל־יו" צום סוף האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון קראָשטשיצקים אַפּטייק מיט דער גלעזערנער טאָפּלט־טיר און מיט די ברייטע שוי־פענסטערס, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעגלאַנצט די גרויסע גלעזערנע באַניעס מיט קאָלירטע וואַסערן, רויט, גרין און בלוי. ער האָט אין שווייגעניש געקוקט אין דער צייטונג אַריין, און איז גראָד אין שאָפּ אַריינגעקומען אַ היימישער קונה, אַ זשאַרנעווער לאַנדספּרוי, האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ לאַנגן, טרויעריקן בליק פון אונטער די ברעמען אַפּער, געטייטלט מיט אַ פינגער אויף דער צייטונג און געזיפצט:

— געהערט די בשורה, האַ? נישטאָ מער זשאַרנעוו, אויס זשאַרנעוו...

— געהערט, געהערט — האָבן די ווייבער מיטגעזיפצט מיט הענעכן, רחמנותדיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און פאַר־צויגן די פּנימער מיט אַ פרום־ווייבעריש נעבעכל. דאָס האָט הענעכן אינגאַנצן צענומען. ער איז געוואָרן גאָר צוגעלאָזן צו די ווייבער און געקוקט אויף זיי מיט אַ היימישלעך שמייכעלע,

## 9. גאָלדהאָר

וואָס האָט זיך ווייך געלייגט אַרום זיינע האַרטע, קורץ־פאַר־שווירענע וואָנסעס און זיך דין געקנייטשט אַרויפצו־צו, ביז די סאַמע אַרויסגעסטאַרטשעטע קינבאַקן.

בלויז די מיסים קעפּלען איז געווען די איינציקע, וואָס האָט גאָרנישט געהערט פון אומגליק. זי איז, ווי איר שטייגער, אַריינגעפאַלן אין שאַפּ אַריין אַ פאַרסאָפּעטע, אויסגעפּוצט אין אַ טייערן פוקסענעם קאָלנער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין אַראָפּגליטשן פון איר הויך־אָפּשטייענדיקן בוזים, און אין אַ מאָדיש, סאַמעטן, רויט היטעלע, פאַרטראָגן אַרויפגעשאַרצט אויפן שפּיץ קאָפּ. אירע קיילעכדיקע, פולע אויגן האָבן באַלד, ווי זי האָט נאָר איבערגעטרעטן די שוועל, גענומען לויפן איבער די אָפּגעשונדענע זייטן פליישׁ אויף די שטאָלענע האָקעס אַרום די ווענט. זי איז נישט איינגעשטאַנען אויף אַן אָרט, גע־גראַבלט צווישן די פליישן מיט אירע ווייכע, מאַניקירטע הענט־לעך, באַטאַפּט און באַשמעקט יעדעס פּיצעלע. זי איז געבליבן די זעלבע מלכהלע „פּליאַק" פּונקט ווי אין דער היים, אין זשאַרנעוו, ס'זאָל פעלן אַ האָר. כאָטש זי האָט זיך אַרויפגע־אַרבעט אין דער נייער מדינה, געוואָרן אַ גאַנצע ליידי און זיך געפּוצט אין עסיק און אין האָניק, האָט זי נישט געקאָנט זיך אָפּגעוואוינען פון איר אַלטער טבע זיך צו דינגען איבער יעדער פּענע און זיך אַרומצורייסן מיט הענעכן צוליב אַ מאַרך־ביינדל אויף צולאָג. זי האָט פּונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן אַליין נאָך ליב געהאַט איינצוהאַנדלען מציאות, אָנצוקויפן מילצן און לונג־און־לעבערס, ס'זאָל זיין וואָס ביליקער און גיין אַ סך אויף דער וואָג.

הענעך האָט דערפאַר געטראָגן אויף איר אַ האַרץ, און אַ סך מאָל, ווען זי פלעגט שוין צופיל אַרומגראַבלען צווישן די פליישן און פול מאַכן די שאַפּ מיט אירע דינגעניש, האָט אים אָנגענומען אַ השק איר אַ שמיר צו טון איבערן פּנים מיט אַ פּלאַבטע פליישׁ אויפן היימישן, קצבישן שטייגער. דער עיקרשט אָבער האָט ער אויף איר געבערנט, וואָס אַ שטיק צוליב איר איז נישט געוואָרן פון שידוך, וואָס ער האָט געהאַלטן ביים

אויספּירן צווישן דעם מיסטער פּיליפּ הימען מיט טעמערלען, ר' בונם איכנערס איינציקער טאָכטער. ער האָט צוליב דעם געפּירט מיט איר אַ שטילן ברוגז, נישט אומגעקוקט זיך אויף איר, ווען זי פּלעגט אַריינקומען אין שאָפּ אַריין, און בייז איר צוגעוואָרפן נישט־פּאַרפּאַקטערהייט די לונג־און־לעבערס, וואָס זי האָט תמיד איינגעהאַנדלט. ער האָט רעבט קיין גלייך וואָרט צו איר נישט גערעדט.

דאָסמאָל אָבער האָט ער גלייך ביי איר אַריינקומען אַרויס־געצויגן די ציימונג פון דער קעשענע און זייטיק, מיט אַ שפּיצל פון אויג אַ קוק געטון אויף איר. ער האָט פּאַוואָליע אויסגע־לייגט די ציימונג אויפן טיש און מיט אַן אָנגעצויגן קול אַ וואָרף געטון סתם־אַזוי אין חלל אַריין, עס זאָל נישט הייסן, אַז ער מיינט זי, די מיסים קעפּלען.

— נישטאָ מער זשאַרנעוו... אויס זשאַרנעוו...

— האַ? וואָס? — איז מיסים קעפּלען געבליבן שטיין אַ צערודערטע, מיט פאַנאַנדערגענומענע הענט, און דער פּוק־סענער קאָלנער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון אירע אַקסלען ביז צו דער פּאָדלאָגע. זי האָט אָנגעשטעלט אויף הענעכן אַ פּאָר ברייט־אויפגעריסענע, צעשראָקענע אויגן, וואָס האָבן אים אַזש פאַרנומען ביים האַרץ.

— אויף היטלערס הענט געקומען, אַז אַך־און־וויי... אַלץ חרוב געמאַכט, קיין שטיין אויף אַ שטיין נישט געלאָזט... — האָט הענעך ווייטער גערעדט אין חלל אַריין, אָבער זיין קול איז שוין געווען ווייכער, צוגעלאָזענער. די מיסים קעפּלען האָט אַלץ געגלאָצט אויף אים מיט אויפגעריסענע אויגן, גאָרנישט געקאָנט קומען צו זיך, און מיטאַמאָל האָט זי אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און זיך צעוויינט אויפן קול:

— וואָס מיינע אויערן הערן... מיין זשאַרנעוו, נעבעך... — האָט זי געחורבנט, און אין אירע אויגן האָבן זיך געשטעלט גרויסע, קיילעכדיקע טרערן, ווי גלעזערנע פּאַטשערקעס.

— מיסים קעפּלען, מלכהשי קרוין! — איז הענעך אינ־גאַנצן אַ צעגומענער אַפּער פון הינטערן טיש און צוגערוקט

צו דער מיסיס קעפּלען אַ בענקל. ער האָט זי פאָרזיכטיק אָנגע־נומען פאַר דער האַנט און איר געהאָלפן אַוועקזעצן זיך. דער גאַנצער פאַרדרוס אויף איר, וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעקליבן, איז אינגאַנצן אַוועק, ווי מיט דער האַנט אַראָפּגענומען. ער איז געשטאַנען איבער איר, געקוקט איר אין די פאַרוויינט־אָנגע־שוואָלענע אויגן אריין און זי געטרייסט:

— באַשערט געווען אַן אומגליק... מילא, וואָס קאָן מען טון.

## ב.

הענעך האָט איצט אָנגעהויבן צו האַלטן אַ וועלט פון דער מיסיס קעפּלען. ער האָט זי יעדעס מאָל, ווען זי איז געקומען אין שאָפּ אריין, באַגעגנט מיט אַ היימישלעך שמייכעלע, ווי גאָר אַן אָנגעלייגטן גאַסט. ער האָט איר אינגאַנצן פאַרגעסן די מעשה מיטן שידוך, כאָטש דער שידוך איז אים דווקא געגאַנגען אין לעבן. פון ערשטן טאָג, זינט ער איז געקומען קיין אויס־טראַליע און זיך געזען מיט מיסטער פיליפּ היימען, פאַר וועלכן ער האָט געבראַכט גרוסן פון דער היים, האָט ער זיך פאַר־לייגט אויפן שידוך. מיסטער היימען איז געשטאַנען מיט אַ דריי־שטאָקיקער שניידער־פאַבריק אין פלינדערס־ליין און גע־שפּילט די גרויסע ראָלע. פונדעסטוועגן האָט ער מיט הענעכן געהאַט אַ גאַנצע גדולה, אים אויפגענומען ביי זיך אין אָפּיס ווי אַ היימישן מענטש, אַן אייגענעם, און זיך געהאַלטן אין איין אויספרעגן וועגן דער היים, וועגן זשאַרנעוו, צי עס שטייט נאָך די אַלטע פּלומפּ מיטן פאַרזשאַווערטן לייבן־פּיסק אין מיטן מאַרק, צי דער שטאָט־משוגענער, וואָווע, לויפט נאָך אַלץ אַרום יעדן פאַרטאָג איבער די גאַסן, פּאָכעט מיט די הענט ווי מיט פליגל, קרייט ווי אַ האָן און געוואַלדעוועט מיט אַ באַנומען קול:

— קוקורעקו! ראַטעוועט, מ׳וויל מיך שעכטן! קוקורעקו...

— וועלל, וועלל, וועלל, דאָס איינגענע זשאַרנעוו ווי געווען, פּונקט ווי אין מיינע צייטן, עקזעקטלי — האָט מיסטער היימען

אָנגעקוואָלן און זיך געריבן די ווייסע, פולע הענט מיט שוואַרץ־האָריקע קישעלעך אויף די פינגער. זיינע אויגן הינטער די־דיק־רעמלדיקע ברילן האָבן געגלאַנצט מיט אַ פאַרשוואומען גלענצל, ווי זיי וואָלטן זיך געטונקט אין בוימל. דער טעלעפאָן אויפן ברייטן, גרין־געדעקטן שרייב־טיש, האָט יעדע פאָר רגעס געקלונגען און געהאַלטן אין איין איבעררייסן דעם שמועס. מיסטער היימען האָט אַ פאַרטראָגענער זיך געכאַפּט צום טרייבל און אַריינגערעדט עפּעס אויף ענגליש מיט אַ געדיכט, וויכטיק קול. אויף הענעכן האָט דער ברייטער שרייב־טיש, מיסטער היימענס וויכטיק קול אָנגעיאָגט אַ נישט־ניחאדיקייט. ער האָט זיך כסדר אונטערגעהויבן פון דעם טיפן, לעדערנעם פאָטעל, און אונטערגעהוסט מיט אַ וויין, פאַרשולדיקט הוסטל:

— כ'בין אייך אפשר מטריח, האַ? כ'זע, איר זענט פאַרנומען, וועל איך קומען אַן אַנדערש מאָל...

— נעווערמיין, ר' הענעך, זיצט! די ביזנעס וועלן נישט אַנטלויפן — האָט מיסטער היימען אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און גוט־ברודעריש געשמייכלט צו הענעכן.

הענעך איז געבליבן זיצן מיט אַ קרום, פאַרלוירן שמייכעלע, און די אָפּשטייענדיקע קינבאַקן האָבן ביי אים געפּלאַמט. ער האָט זיך אַליין געקליבן צו דערציילן מיסטער הייִמאַנען, אַז זיין פאָטער, בעריש שניידער, איז מסוכן קראַנק. אַ גאַנצן ווינטער איז ער אָפּגעלעגן אין בעט, געשפּיגן מיט בלוט, און זוען ער איז פאַרן אוועקפאָרן געקומען זיך מיט אים געזעגענען, האָט ער אים נישט דערקענט, אַזוי איז ער געעלטערט געוואָרן פון דער קרענק. מ'האָט אים קוים אַרויסגעזען פון צווישן די קופּעס נישט־איבערגעצויגענעם בעטגעוואַנט, און דאָס פּנים זיינס מיט דער ברודיק־גרויער, אויפגעשויבערטער באָרד, וואָס איז אָפּגעשטאַנען מאָדנע קרום, ווי אַ פליגל ביי אַ טויטן עוף, איז געווען געל און ווי אויסגעקנעטן פון קיט. דערזעענדיק הענעכן, האָט ער זיך גענומען דרייען אין בעט, זיך גלייך געמאַכט מיט אַ שוואַכער, ציטערדיקער האַנט די פאַרפּעדערטע

יאַרמעלקע אויפן קאָפּ און קוים אַרויסגעקריגן פון זיך מיט אַ פאַרהוסט, כריפּעדיק קול:

— הייסט עס, דו פאָרסט טאַקע, הענעך... זאָל דיר זיין מיט מזל, פאָר געזונט. דאָרט איז שטענדיק וואַרעם, אַ מחיה, נישטאָ קיין ווינטער, אַזוי האָט מיין פישל געשריבן. כ'וואָלט דאָרט אויפגעריכט געוואָרן, ווי מיינסטו, הענעך?

— ווּעסט נאָך אויך פאָרן, בעריש, נישקשה. כ'וועל מיט אים רעדן, מיט פישלען, ווי נאָר כ'וועל אַהינקומען, קאָנסט דיך אויף מיר פאַרלאָזן — האָט אים הענעך צוגעזאָגט.

— נו יאָ, געטראָפן ס'אָרט פון רחמנות! ער וועט זיך דאָרט שטאַרק איבערנעמען מיטן קראַנקן טאַטן, דער פאַרך־קאָפּ — האָט זיך אָנגערופן דער שוואַרצער נאָטע, בערישס עלטסטער זון, וועלכער איז געזעסן צופוסנס אויפן הולהם בעט און מיט אַ פּויעריש קנייפּיקל זיך פאַוואָליע געשניטן די נעגל פון די הענט אין אַ פּאַפּירל אַריין, ס'זאָל, חלילה, קיין פּיצעלע נאָגל נישט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. ער האָט מיטן אַרבל געהאַלטן אין איין אַוועקווישן די שוואַרצע, געפּאַקטע באָרד, וואָס איז אים ווי אַ לעבעדיקע געקראָכן איבער די הענט. זינט דער טאַטע איז אים קראַנק געוואָרן, האָט ער אינגאַנצן געלאָזט אויף הפקר זיין שניט־קראָם מיט די ליידיקע פּאָלי־צעס און גאַנצע טעג אָפּגעזעסן ביים טאַטנס בעט און געוואַרט, ס'זאָל קומען עפּעס אַ הילף פון פישלען. ער האָט געשריבן צו אים לאַנגע קלאָג־בריוו, אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבערן חרובן טאַטן, שיקן עפּעס געלט, מ'זאָל אים ראַטעווען, אָבער פון פישלען איז גאָרנישט געקומען, אפילו נישט אַ פּאָר ווער־טער, ווי ער וואָלט אין וואַסער אַריין.

הענעך האָט עפּעס נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך צו דערציילן דעם מיסטער היימען וועגן זיין טאַטנס קרענק, וועגן דעם דלות אין דער שטוב. ער האָט זיך גאָרנישט צוגעגלויבט, אַז דאָס איז ער טאַקע, דער אייגענער פישל פאַרך, ווי מ'האָט אים גערופן אין דער היים. ער האָט אים געדענקט ווי אַ דער־שראָקן, פאַרהוקעט יינגל מיט אַ פאַרשמאָלצן היטל, נידעריק

אַראָפּגעצויגן איבער די אויערן, מ'זאָל אים נישט ארויסזען זיין אומריינעם קאָפּ. בעריש, כאָטש אַן אָרעמער.שניידער, איז געווען אַ ייד אַ לערנער, געפּאָרן צום וואָרקער רבין, און עס איז אים געגאַנגען אין לעבן, אַז די קינדער זאָלן נישט בלייבן ביי דער שניידערישער מלאכה. ער האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט זיי אויסצושטעלן פאַר סוחרים, פאַר באַלעבאַטישע מענטשן. בלויז פישלען האָט ער פון אַלע קינדער צוגעשטעלט צו דער מלאכה און זיך תמיד בייז געצופּט די באָרד, צוקוקנדיק ווי ער זיצט ביי דער מאַשין אַן איינגעהויקערטער, אַ שטילער, מיטן היטל אַראָפּגעצויגן איבער די אויערן.

— גיי, מאַך אים פאַר אַ מענטש מיט אַ „יאַימער" אויפן קאָפּ... כ'האָב מיך מיט וועמען צו באַווייזן, מ'שטיינס געזאָגט — האָט ער יאושדיק געברומט אין דער באָרד אריין.

הענעך האָט נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון מיסטער היימען. ער האָט געקוקט אויף זיין פּול, גרויס פּנים מיט די בלוי־אויסראַזירטע באַקן, אויף זיינע געמאָסטענע תנועות, אויף דעם וויכטיקן, פאַרטוענעם בליק פון זיינע אויגן הינטער די דיק־רעמלדיקע ברילן. ער האָט זיך דערפילט אקעגן אים פּלאַ־כשיק און זיך געשעמט מיט די קלאָגעדיקע גרוסן, וואָס ער האָט פאַר אים געהאַט. ער איז געזעסן אַן הכנעהדיקער, מיט אַן אָפּגענומענעם לשון און נישט געוואוסט וואו אהינצוטון די רויטע, פאַרשוויצטע הענט, וואָס האָבן ווי שטיקער רוי פלייש אַרויסגעשפּאַרט פון די צו קורצע אַרבל פון זיין היימיש טאַג־דעט־רעקל.

הענעך איז אַוועק פון פישלען אַ דערשלאָגענער, מיט אַ שווער האַרץ. ער האָט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, פאַרוואָס ער האָט אים גאָרנישט דערציילט וועגן קראַנקן טאַטן זיינעם, ווי אַזוי מען קוקט זיך אויס די אויגן נאָך אַ שטיקל הילף פון אים. עס האָט אים פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט זיך אַזוי איבערגענומען מיט פישלס גבירישקייט און מורא גע־האַט פאַר אים צו עפענען דאָס מויל. פאַר די אויגן איז אים

כסדר געשטאַנען דער אַמאָליקער פישל פון זשאַרנעוו מיטן איינגעהויקערטן, שניידערישן פּלייצעלע, מיטן פאַרשמאָלצענעם היטל איבער די אויערן, און אַז עס איז צווישן די לאַנדסלייט געקומען וועגן אים צו רייד, האָט ער אים אינגאַנצן אוועק־געמאַכט מיט דער האַנט. ער האָט ביטולדיק געקוועטשט די אַקסלען און אים גערופן נישט אַנדערש ווי מיט זיין אַלטן צונאָמען — פישל פאַרך.

— ווייס איך וואָס, פון וועמען מען מאַכט אַ צימעס — האָט ער געטענהט — ווער עס קען אים נישט, פישלען... אַ גאָר־נישט שבגאָרנישט, פאַרך בלייבט פאַרך!

— זיין פאַרך אַלע יידן געזאָגט — האָבן די לאַנדס־לייט זיך צוגעוואונטשן און גענומען דערציילן וועגן פישלס עשירות, וועגן זיינע גרויסע ביזנעס. אַ מענטש שפּילט יענע גרויסע ראָלע, איז אַן איינגייער אין די רייכסטע הייזער און מ׳שלאָגט אים אָפּ די שוועלן מיט די שענסטע שידוכים, סאַמע שמאַלץ. ער אָבער דרייט אויף די בעסטע שידוכים מיט דער נאָז. אַ מענטש פון זיין שניט האָט זיך וואָס איינצורעדן, נישקשה...

— ער האָט דאָך אַ „סוויטהאַרט", ער פירט אַ ליבע מיט מלכהלע „פּליאַק" — האָט זיך אַריינגעמישט דער חבר מעקס מיט די גראָבע וואָנסעס, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איין דרייען צווישן די פינגער, זיי זאָלן אויסזען ווי ביי סטאַלינען. ער איז געווען ביי זיך אין גרויסן מיט זיין שלאָסערישער מלאכה און ליב געהאַט זיך צו באַווייזן מיט זיינע שווערע, אויסגע־האָרעוועטע הענט: מיט די לאַנדסלייט האָט ער נישט געהאַט קיין שלום, כסדר זיך מיט זיי אַרומגעריסן און אויף צו־להכעיס זיי גערופן ביי די אַלט־היימישע נעמען און צונעמען. יעדן איינעם האָט ער אַריינגעזאָגט וואָס אין דער קאָרט, קיינעם נישט געשאַנעוועט.

— מ׳וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט אייך, דאַנט יו וואָררי — פּלעגט ער ביי אַ ליאַדע־וואָס סטראַשען — דער חבר סטאַלין

שלאָפט נישט... זאָל נאָר קומען אונזער צייט, וועט מען אייך שוין מאַכן פאַר אוים קאַפּעלוש־מאַכערס.

די לאַנדסלייט האָבן געטראָגן אויף אים אַ האַרץ־פאַר זיין אַריי־זאָגן יעדן איינעם, און אים געגאַנגען אויסן וועג. זיי האָבן נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין גרויסע מחזקות. דאָסמאָל אָבער האָבן זיי פון אים גאָר אָנגעקוואָלן און אים נאָך איבערגעהאָלפן:

— אַלץ הייסט אַ ליבע, ס׳איז ביי זיי פּוצעניו־מוצעניו... ער וואָלט שוין לאַנג מסתמא אַ שידוך געטון, ווען נישט מלכהלע. אז ער איז פאַרקאָכט אין איר, איז שייך צו זאָגן...

הענעכן האָט די מעשה מיט דער ליבע ווינציק געאַרט. אדרבא, עס איז אים געפעלן געוואָרן פון פישלען, וואָס ער איז נישט קיין פאַרשלאָפענער... אויך ער, הענעך, איז אַמאָליקע יאָרן, איידער ער האָט חתונה געהאַט, נישט געווען קיין צדיק אין פּעלץ. וואָלט זיך נאָר פישלען געמאַכט דער אמתער גוטער שידוך, עפּעס אַ רעכטע זאַך, וואָלט ער מלכהלען שטיין געלאָזט מיט דער גאַנצער ליבע. אַבי ער, הענעך, קען זיך אויף אַזעלכע זאַכן, איז ער געווען פעסט ביי זיך און עס איז אים אַדורכ־געפלויגן אַ רעיון אַ טאַפּ צו טון ביי פישלען, וואָס ער וואָלט אַזוי געטענהט, ווען מ׳שלאָגט אים אָן עפּעס אַ היימישן גוטן שידוך, אַ שטייגער מיט ר׳ בונם אייכנערס בת־יחידקע. דער איינפאַל איז אים אַליין אויסגעקומען עפּעס משונה־ווילד. בעריש שניידער און ר׳ בונם אייכנער זאָלן גאָר ווערן מחותנים... נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן פון אַזאַ מחותנימשאַפט, כ׳לעבן... אָבער דווקא די משונהדיקייט דערפון האָט הענעכן נישט גע־לאָזט צורו, זיך אָן אויפהער געפּלאָנטערט ביי אים אין מוח. און טאָמער יאָ? היינטיקע צייטן קאָן מען גאָרנישט וויסן. ר׳ בונם אייכנער איז שוין היינט נישט דער אייגענער וואָס אַמאָל. ער איז נאָך טאַקע דער שיינער באַלעבאָס, און אַז ער באַווייזט זיך אין גאַס מיט זיין אָפּגעהאַלטן, גבירישן גענגל און מיט זיין בלאָנדער, גלייך צעקעמטער באָרד, וואָס גלאַנצט ווי אַ טייער שמויסן פוטערל, טראָגט מען אים פון אַלע זייטן

אונטער דעם שײַנעם גוט־מאָרגן. און ער, ר׳ בונם אײַכנער, שווימט מיט אַ פּאַרטוענעם בליק איבער די חושבדיקע, קבצני־שע פּנימער און ברומט אין זײַן שײַנער, שמויסענער באָרד אַרײַן בהפֿזונדיק, אויפֿן דײַטשמערישן שטײגער, וואָס ער האָט גע־בראַכט פֿון די קאַרלסבאַדער בעדער:

— ג׳מאָיען, ג׳מאָיען...

אין שטעטל אָבער האָט מען שטילערהייט געשמועסט, אַז ביי ר׳ בונמען איז די לעצטע צייטן עפּעס נישט פֿויגלדיק. אין זײַן גאַרבערײַ, פֿון וועלכער אַ האַלב שטעטל פֿלעגט ציען חיונה, האָט עפּעס אָנגעהויבן צו ווערן שטיל, און מ׳זעט דאָרט צו אָפּט זיך דרייען קאָלעצקין, דעם גראָבן קאָמאָרניק. מ׳האָט זיך בסוד־סודות דערציילט, אַז וואַרשע האָט ר׳ בונמען אָנגע־זעצט די אמתע אפּותיקאָ, אין די שווערע טויזנטער, אַזוי ווייט, אַז ער האָט נישט געקאָנט סילוקן דעם נדן, וואָס ער האָט צוגעזאָגט טעמערלען, און ס׳איז צוליב דעם אָפּגעגאַנגען דער שידוך, וואָס זי האָט געהאַלטן ביים טון מיט איינעם אַ „גע־ענדיקטן" פֿון ראַדאָם.

וואָס מער העניך האָט געטראַכט וועגן שידוך, אַלץ מער האָט זיך אים די זאַך געלייגט אויפֿן שכל. ער האָט נישט באַ־לעמוטשעט, און שוין אויף צומאָרגנס איז ער געווען ביי פֿיש־לען, כדי זיך אַדורכצורעדן מיט אים וועגן שידוך. פֿישל האָט אים דאָסמאָל שוין אויפֿגענומען אַביסל קעלטער, מיט ווינציקער גדולה. ער האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ לאַנגן, פֿאַמעלעכן בליק פֿון אונטער די דיק־רעמלדיקע ברילן אָפּער, ווי ער וואָלט אים גאָרנישט געקענט. ער איז געזעסן ביים ברייטן, גרינעם שרייב־טיש אַ פֿאַרטוענער אין שטויסן פּאַפּירן און קורץ אַ וואָרף געטון:

— וועלל...

ער האָט נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפֿער זיך צוריק פֿאַרטיפֿט אין די פּאַפּירן און זיך אויסגעדרייט צו הענעכן מיט זײַן פּולן, אויסראַזירטן קאַרק, וואָס האָט זיך געלייגט אַרום דעם שטײף־געפּרעסטן קאָלנער מיט אַ טיפֿן, ברוגזדיקן פֿאַלד. ווען

ער האָט אָבער דערהערט פון הענעכן וועגן שידוך, האָט ער עט־לעכע מאָל געכאַפּט אויף אים פון דער זייט אַ קוק, שטיל אָפּגעהוסט און זיך פּאַוואָליע צו אים אויסגעדרייט.

— ר׳ בונמס טאָכטער מיינט איר, דעם פון דער גאַר־בערייִ? כע, כע... — האָט ער געזאָגט מיט אַ צעמישט גע־לעכטערל, און דאָס גאַנצע פּנים איז אים אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ טיפער רויטקייט.

פישלס פאַרלוירנקייט האָט הענעכן צוגעגעבן קוראַזש. ער האָט געזען, אַז ער האָט מיטן שידוך געטראָפן אין פּינטל אַריין. ער האָט זיך היימישלעך, מיט הרחבה צוגעזעצט אויפן לעדערנעם פּאָטעל, האַרט קעגן פישלען, און מיט ברען גע־נומען רעדן.

— וואָדען, כ׳וועל קומען אָנשלאָגן סתם עפּעס אַ שידוך, פאַרדרייען אַ קאָפּ גלאַט אין דער וועלט אַריין? ס׳אַ שידוך, ווער מיר גוטס גינט! אַ קלייניקייט ר׳ בונם אייכנערס טאָכ־טער, אַן איינציק, אָפּגעציטערט קינד... היינט די משפּחה, דער יחוס... — האָט ער געטענהט, און פישל האָט אים געהאָרכט אין שווייגעניש, מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ. ס׳זענען פאַר אים אויפגעשוואומען די אַמאָליקע יאָרן אין דער היים, ווען דער טאַטע פלעגט אים מיטנעמען אָפּצוטראָגן אַ ניי־אויפגענייט מלבוש פאַר ר׳ בונמען. ער פלעגט מיטן טאַטן הכנעהדיק שטיין אין דער טונקעלער פאָדער־שטוב מיטן מלבוש, איינגעוויקלט אין אַ קלאָר ליילעך, און בגנבה כאַפּן דורך דער אָפענער טיר אַ קוק אין די גבירישע שטובן מיט די ברייטע, דעמבענע קרע־דענצן. פון די שטובן האָט תמיד געשמעקט מיט ליכטיקייט, מיט יום־טוב, און אין דער ליכטיקייט פלעגט טיילמאָל פאַר־ביישוועבן טעמערל אויף אירע לייכטע, מיידלש־געטאָקטע פיס און מיט די העלע, געלאָקטע האָר, וואָס האָבן ווי גאָלד גע־שיינט אַרום איר קאָפּ. פישל האָט קיינמאָל רעכט איר פּנים נישט אָנגעזען, אָבער אירע לייכטע, מיידלשע פיס, איר גאָל־דענער קאָפּ, האָבן זיך אים אַ שטעל געטון פאַר די אויגן. ער האָט געשלונגען הענעכס יעדעס וואָרט, געקראָגן אַלע קאָ־

לירן אויפן פנים. אָבער דער אויפגעקומען־גבירישער האָנע־זיינער האָט אים נישט געלאָזט גלייך, אויף דער הייסער מינוט צופאַלן צום שידוך. ער האָט זיך ישוב־הדעתדיק געריבן מיט זיין פולער, ווייסער האַנט די גאָמבע, אונטערגעהוסט דורך דער־נאָז מיט אַ פאַרטראַכט הוסטל און געזאָגט:

— כ׳ווייס, מ׳דאַרף זיך איבערלייגן... כ׳וועל מיך נאָך מיישב זיין.

* * *

פישל האָט זיך אָבער לאַנג נישט מיישב געווען. אין עטלעכע טעג אַרום איז אוועק קיין זשאַרנעוו אַ בריוו פון הענעכן צו ר׳ בונם אייכנערן. אין בריוו האָט הענעך געשריבן וועגן פישלס גבירישקייט און געגעבן אָנצוהערן, אַז אויב ס׳זאָל האַלטן דערביי, וואָלט עס פאַר טעמערלען געווען אַ גלייכער שידוך. עס וואָלט איר נישט געפעלט ביי פישלען פון קיין פויגל־מילך. הענעך האָט דעם בריוו געשריבן אויף פישלס פירמע־בויגנס מיטן בילד פון דער דריי־שטאָקיקער, ברייט־פענסטערדיקער פאַבריק אויף פלינדערס־ליין, און מיט דער פירמע געדרוקט אין געדריידלטער מאָנאָגראַם־שריפט: „פיליפ היימען ענד קאָ.״ אויף הענעכס עצה, האָט אויך פישל אָהיימגע־שריבן און געשיקט געלט פאַרן טאַטן, אַ שיינע מטבע, ס׳זאָל אָנמאַכן אַ קאָך אין זשאַרנעוו. עס האָט גאַרנישט לאַנג גע־דויערט, און ס׳איז אָנגעקומען פון שוואַרצן נאָטע אַ גדולהדיקער בריוו וועגן דעם דערהאַלטענעם געלט און אויך מיט אַ גרוס פון ר׳ בונמען, אַז ער האָט זיך אויף פישלען שטאַרק נאָכ־געפרעגט, געוואָלט וויסן פון אים אַלץ בפרטיות. הענעך האָט פון גרוס אַ סך געדרונגען און גוט־ברודעריש געקלאַפט פישלען איבער דער פלייצע:

— ס׳גייט אַ גאַנג, פישל... וואָדען, כ׳האָב נישט געוואוסט פריער־אויס? ס׳שדכנות־געלט איז ווי ביי מיר אין דער קע־שענע. אסור, צי כ׳פאַרקויף עס מיט אַ פענע היזק...

אין אַ שטיקל צייט אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוו פון ר׳ בונמען אַליין. ער האָט מיט אַ סוחריש־געצוקטן כתב און מיט

אַ סוהריש־פֿאַרשטעלט לשון געשריבן צו הענעכן, אַז עס איז אים שווער צו פּועלן ביי זיך צו לאָזן זיין איינציק קינד אין דער וועלט אַריין. עס איז אָבער אַפּנים שוין אַזוי באַשערט, מסתמא איז אַזוי צום גוטן. וועגן שידוך און וועגן פֿישלען איז אין בריוו נישט געווען קיין איינציק וואָרט, וואָס פֿישלען האָט עס אַביסל פֿאַרדראָסן. דערפֿאַר האָט ער זיך שטאַרק געפֿרייט מיטן גרוס, וואָס טעמערל האָט צוגעשריבן, און דווקא אויף ענגליש: „גריטינגס פֿראָם טאַמאַראַ אייכנער”.

— זי איז אָלרייט,, זי קען — האָט ער מבינותדיק באַטראַכט טעמערלס דין און איידל געשריפֿטס, און הנאהדיק געשמייכלט אין די אויסראַזירטע באַקן אַריין.

— אוודאי קען זי, הערסט אַ מעשה! — האָט הענעך אונטערגעכאַפּט — ר׳ בונם אייכנערס טאָכטער זאָל נישט קאָנען, ס׳איז גוט געווען...

נאָך טעמערלס גרוס האָט פֿישל זיך גלייך גענומען אויסצואַרבעטן פֿאַר איר פּאַפּירן, און צוזאַמען מיט די פּאַפּירן האָט ער אויך געשיקט די שיפֿסקאַרטע ערשטע קלאַס. ער האָט נישט געזשאַלעוועט דעם פֿונט. צווישן די זשאַרנעווער לאַנדסלייט האָט זיך שטאַרק געקאָכט מיטן שידוך, און אין טאָג, ווען טעמערל האָט געדאַרפֿט אָנקומען, זענען זיי אַלע ווי איין מענטש געקומען צו דער שיף זיי באַגעגענען. ס׳האָט זיך אַפֿילו צוגעשטעלט דער מיסטער דזשעק קנעסטער, אַ קליין זשוואַווע מענטשל, אָנגעטון ספּאָרטסמעסיק אין אַ רויט־געשטרייפֿטן „בלייזער” און מיט גרינע זון־ברילן, וואָס זענען האַפּערדיק געריטן אויף זיין פֿאַרשאַרצט פֿייגן־נעזל. ער איז געקומען קיין אויסטראַליע מיט לאַנגע יאָר צוריק, נאָך אין פּאָניעס צייטן און זיך געהאַלטן פֿאַר אַ גאַנצן ענגלענדער. ער האָט גערויכערט אַ געבויגענע אַלט־פֿאַרקוילטע ליולקע, געשטעלט אויף „רייסעס” און געווען אויסגעקאָכט אין אַלע ספּאָרטן. גערעדט האָט ער נאָר ענגליש, מיט אַ גערדיכט, טיף־פֿאַרצויגן ביי־קולכל. אַפֿילו די פּרנסה, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן, איז געווען אַן אמתדיק ענגלישע. ער האָט

געהאַלטן אַ „פּאַב" אין אַ פּאַרוואָרפֿענער געגנט, ווו עס האָבן אײנגאַנצן קיין ייִדן נישט געוואוינט. קיין גרויס פּרנסה האָט ער פֿון „פּאַב" נישט געהאַט. ער האָט געהאַלטן אין איין געבן ביר אויף קרעדיט, מעשה אמתער „ספּאָרט", און געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. אָבער געפּירט האָט ער זיך זייער האָנאָראָווע. ער האָט געקוקט אויף די לאַנדסלייט פֿון אויבן אַראָפּ, גע־האַלטן זיי פֿאַר גרינע און עס האָט אים שטאַרק געאַרט, וואָס זיי מאַכן אָן אַ טומל אין פּאָרט, האַלטן זיך אין אַ קופּקעלע און טייטלען מיט די פֿינגער אויף דער שיף, וואָס האָט זיך נעפּלדיק געהוידעט אין דעם ווייטן גלאָזיק־גרינעם חלל. הענעך דאָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פֿון דער שיף, געשאָקלט צו זיך מיטן קאָפּ און מיט זיין קלוג, אַליז־ווייסעריש־שמייכעלע געטענהט צו די לאַנדסלייט:

— אַ וועלטעלע, מנע... ר' בונם אייכנערס טאָכטער איז שוין אויך אין אויסטראַליע, שיינע צייטן דערלעבט, האַ?... ס'וועט נישט לאַנג געדויערן, און מ'וועט דאָ ר' בונמען אַליין אויך האָבן, פֿאַרלאָזט זיך אויף מיר.

— שור, עפּעס רעכטס וועט זיך נישט דערהאַלטן אין יוראָפּ. אַ בעסערער מענטש אַנטלויפֿט פֿון דאָרט פֿריער, צי שפּעטער, ביליוו מי! — האָט זיך אָנגערופֿן מיסטער קנעסטער מיט זיין טיף־פֿאַרצויגן ביי־קולכל און וויכטיק, פֿון אונטער די גרינע ברילן אַפּער געקוקט אויף די לאַנדסלייט.

די שיף האָט זיך וואָס אַמאָל העכער אַרויסגעהויבן פֿון דער ווייטקייט אַרויס, פֿון מינוט צו מינוט געוואַקסן אין די אויגן און שווער ווי אַ שטיק באַרג, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון ברעג, זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען אין פּאָרט אַריין. עס האָבן זיך שוין אָנגעזען די מענטשן אויף דער שיף. זיי האָבן זיך געשטופּט אויף די דעקן, געשריגן צום ברעג אַראָפּ. דער עולם אין פּאָרט האָט צוריקגעענטפֿערט, געפּאָכעט אויף דער שיף אַרויף מיט טיכלעך, מיט קאַפּעלושן, מיט די בלויזע הענט. די מיסים קעפּלען האָט אין געטומל זיך געכאַפּט איבערצובינדן דעם זיידענעם שלייף אויפֿן קעפּל פֿון איר מיידעלע, וואָס האָט

געהאַלטן אַ גרויסן בוקעט בלומען אין די דינע הענטלעך.

— נעטטישע, דאַרלינג, זאָלסט געדענקען צו זאָגן „וועל־קאָם מיס אייכנער", פאַרגעס נישט — האָט זי אַריינגערעדט אין קינד אַריין און פאַר גרויס צעטראָגנקייט זיך נישט גע־קאָנט קיין עצה געבן מיט דעם זיידענעם שלייף, וואָס האָט זיך איר געפּלאָנטערט אין די הענט.

פישל האָט זיך אין גאַנצן געטומל געהאַלטן פונדערווייטנס. אַ יום־טובדיק אויסגעפּוצטער, מיט אַ האַרטן נייעם קאַפּעלוש אויפן קאָפּ, איז ער געשטאַנען אָפּגערוקט אָן אַ זייט נעבן זיין גרויסאַרטיקן בלויען אויטאָ און ווי קיינמאָל גאָרנישט געפירט אַ שמועס מיט אַ הויכן, לאַנג־פּנימדיקן פּאָרט־באַאַמטן. ער איז געווען שטאַרק פאַרטון אין דעם שמועס, וויכטיק געצויגן די אַקסלען אַרויף און אַראָפּ, און געהאַלטן אין איין מכבד־זיין דעם באַאַמטן מיט פּאַפּיראָסן פון זיין שיינער, גאָלדענער פּאַפּיראָסן־טאַש. ערשט ווען די שיף האָט צוגעשלאָגן צום ברעג, האָט ער זיך פּאַוואָליע און ווי פאַרחידושט אַרומגעקוקט, זיך אָפּגעזעגנט מיטן באַאַמטן, און מיט געלאַסענע, אָפּגעמאָס־טענע טריט צוגעגאַנגען צו די לאַנדסלייט. פון דער שיף האָט מען שוין אַראָפּגעלאָזט דאָס בריקל, און דער עולם האָט זיך געננומען שטופּן מיט אַ געפּילדער, זיך געריסן וואָס גיכער אַרויפצוקריגן זיך אויף דער שיף. בלויז פישל האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט אַלעמען איבערגעוואַרט, און ערשט ווען ס'איז שוין געוואָרן ליידיקלעך, איז ער נישט געאיילט, מיטן קאַפּעלוש אין דער האַנט, אַרויף אויפן דעק.

ער האָט גלייך מיטן בליק דערכאַפּט טעמערלען, כאָטש מ'האָט זי קוים אַרויסגעזען פון צווישן עולם, וואָס איז גע־שטאַנען אַרום איר אין ענגן קרענצל. זי האָט געקוקט אַרום זיך מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן, געשמייכלט צו אַלע מיט צע־עפנטע ליפּן און געהאַלטן אין איין איבערלייגן פון איין האַנט אין דער צווייטער דעם גרויסן בוקעט בלומען, וואָס די קליינע נעטטי האָט איר שוין באַוויזן צו דערלאַנגען. פישל איז נענ־טער צו צום קרענצל, און הענעך האָט אים מחותנדיק אַ נעם

געטון אונטערן אָרעם און צוגעפּירט האַרט צו טעמערלען.

— מ׳דאַרף דאָך אייך נישט לייגן קיין פינגער אין מויל אַריין, כע, כע... — האָט ער געזאָגט מיט אַ ברייט, נחתדיק שמייכעלע, און ס׳ווייב זיינס, פייגע־צירל, האָט אַ צעשיינטע געקוקט אויף טעמערלען, און פון גרויס איבערגע־נומענקייט האָבן זיך איר אַזש געשטעלט טרערן אין די אויגן. זי האָט אַ שטיק צייט, נאָך פאַר דער חתונה, געדינט ביי ר׳ בונם אייכנערן אין הויז, און איצט, קוקנדיק אויף טעמערלען, האָט זי נישט געקאָנט איינהאַלטן די טרערן.

— מענטשן ליבע, כ׳געדענק זי, ווען זי איז געווען אַ פּיצל, אַ שוועלבעלע... זי האָט זיך דאָך אויף מיינע הענט געכאָוועט!

— האָט זי מיט אַן איבערגענומען קול דערציילט פאַרן עולם.

פישל איז געשטאַנען נעבן טעמערלען אַ צעטומלטער. זיין שטענדיקע זיכערקייט האָט זיך איצט פון אים אינגאַנצן אָפּגעטון. ס׳איז אים געווען ענג פון די נייגעריקע בליקן אַרום. טעמערל, אַ קליינע און אַ דיקלעכע, מיט הייסע פלאַמען אויפן קיילעכדיק־פולן פּנים, האָט געקוקט אויף אים מיט אַ צערו־דערט שמייכעלע. אַ צעשויבערט פלעכטל פון אירע בלאָנדע האָר האָט אומבאַהאָלפן אַרויסגעשפּאַרט פון אונטער דעם ביליקן, טראָפּישן שטרוי־הוט, איינגעהאַנדלט אויפן וועג. פישל האָט זיך פאַר איר שטייף פאַרנייגט און דערלאַנגט די האַנט.

— טאַמאַראַ אייכנער — האָט זיך טעמערל אויפן היי־מישן שטייגער פאַר אים פאָרגעשטעלט, און איר קליינע, קילע האַנט האָט זיך ווייך, מיט נאָכגיביקייט אַריינגערוקט אין פישלס ברייטער, וואַרעמער דלאָניע. ער האָט מיטאַמאָל צוריק אין זיך דערפילט זיין שטענדיקע זיכערקייט. מיט אַן איינציקן, פלינקן בליק האָט ער זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט מיט אַ שטיל, חשיבותדיק קול:

— האַו דו יו דו, פּליז טו מיט יו...

— וואָס מיינען זי? — האָט טעמערל נישט פאַרשטאַנען און פאַרלוירן אים געקוקט אין די אויגן אַריין.

ביי פישלען איז דאָס פּנים געוואָרן שטייף. ער האָט זי

נאָכאַמאָל אָפּגעמאָסטן מיטן בליק פון קאָפּ ביז די פיס און קורץ אַ זאָג געטון:

— צ׳אָלרייט... .

הענעך האָט פון פישלס קול, פון זיין אָנגעצויגן פּנים דערקענט, אַז עפּעס איז נישט גלאַטיק. ס׳גייט נישט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. צווישן די לאַנדסלייט איז געוואָרן שטיל. קיינער האָט קיין וואָרט נישט גערעדט. בלויז די מיסים קעפּלען האָט נישט איינגערוט. זי האָט געבלינצלט מיט אירע רונדיקע, פולע אויגן און זיך כסדר געדרייט נעבן טעמערלס באַגאַזש.

— וואָס האָבן זי דאָ, מיס אייכנער? — האָט זי געטייטלט אויף אַ היימישן קויש, איבערגעצויגן מיט זאַק־לייוונט, און געשנאָבלט די רויט־געפאַרבטע ליפּן — כ׳האָב שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ „פאַני” קויש, זינט כ׳בין אוועק פון דער היים.

— כ׳האָב דאָ בעטגעוואַנט — האָט טעמערל געזאָגט — פוכענע איבערבעטן.

— גאָר איבערבעטן... ווער דאַרף דאָ פוכענע איבערבעטן?

— האָט די מיסים קעפּלען זיך פאַרקרימט, ווי זי וואָלט דערשפּירט אָנגעברענטס, און מיט אַ דין־פאַרצויגן שמייכעלע אַ קוק געטון צו פישלען, וועלכער איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקער, מיטן קאַפּעלוש שטיף אַראָפּגעצויגן איבערן שטערן. הענעך האָט זיך ווייך צו אים צוגעשאַרט און שטיל, מיט אַ צוגעלייגט קול געפרעגט:

— ווי געפעלט אייך עפּעס טעמערל? אַן איידל קינד, נישט ווי די אויסטראַלישע פלאַטער־קעפּ, האַ?

— אַ היימיש קעלבל, אַ גרינע — האָט פישל זיך אַ רייב געטון די שפּיצן פינגער, ווי ער וואָלט זיי אָפּגעטרייסלט פון שטויב, און זיך אויסגעדרייט צו הענעכן מיט דער פּלייצע.

ג.

פון שידוך איז גאָרנישט געוואָרן. הענעך האָט געאַרבעט מעשים. גערעדט מיט פישלען אַהין און אַהער, געלאָפן צו די לאַנדסלייט און זיך געקאָכט, אַז מ׳טאָר נישט דערלאָזן, ס׳זאָל

פאַרשעמט ווערן אַ יידישע טאָכטער, און נאָך דערצו אַ זשאַר־נעווער קינד. ס'האָט אים אָבער גאָרנישט געהאָלפן. פישל האָט נישט געוואָלט הערן פון שידוך. מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז די מיסים קעפּלען האָט אין דעם אַ חלק, אַז ס'שטעקט דערין איר קאָפּ, וואָרום פישל האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז מ'האָט אים איגנאַנצן אָפּגענאַרט.

— ס'איז נישט פאַר מיינעטוועגן — האָט ער געצויגן די אַקסלען — זי איז „אָלד פעשן". אַן אויסשטייער האָט זי מיר געבראַנגט, פּוכענע איבערבעטן... קיין וואָרט ענגליש קאָן זי נישט, די גרינע, און געשריבן האָט זי צו מיר דווקא אויף ענגליש, געוואָלט מיך בלאָפן. פיליפּ היימאַנען אָבער בלאָפט מען נישט, נאָ סער!

טעמערל איז געווען אינגאַנצן אויס מענטש. זי האָט כסדר געוויינט און אַ פאַרוויינטע אַרומגעגאַנגען פון איין לאַנדס־מאַן צום צווייטן, זיך געווישט די רויט־אָנגעשוואָלענע אויגן מיט אַ דין, באַטיסטן נאָז־טיכל און געקלאָגט, אַז מ'האָט זי אומגליקלעך געמאַכט. זי האָט געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן דעם גוטן לעבן, וואָס זי האָט געהאַט אין דער היים און אויסגערעדט אויף אויסטראַליע, וואָס אין דער קאָרט: ס'אַ וויסטע העק, אַ מענטש איז דאָ קיין מענטש נישט, מען ווערט פאַרפאַלן ווי אין אַ תהום... אָבער וועגן צוריקפאָרן קיין זשאַרנעוו האָט זי נישט געוואָלט הערן. מ'וועט אין דער היים מאַכן פון איר ס'גרעסטע געלעכטער, זי וועט נישט קאָנען אויפהויבן די אויגן פאַר בושה. אַלץ אין דער וועלט וועט זי ליבערשט טון, זי זאָל אפילו וויסן צו גיין דינען אין די הייזער, אַבי נישט צוריקצופאָרן.

— דער טאַטעשי און די מאַמעשי וועלן דאָס נישט איבער־האַלטן — האָט זי געוויינט אין באַטיסטענעם טיכעלע אַריין, און וויפיל די לאַנדסלייט האָבן זי נישט געטרייסט, איר צוגע־זאָגט, אַז מ'וועט איר העלפן, מ'וועט געפינען פאַר איר עפּעס אַ בכבודיקע אַרבעט, האָט זי פון גאָרנישט געוואָלט הערן. זי האָט זיך געהאַלטן ביי איין זאַך, אַז נישט אַנדערש נאָר זי

וועט ווערן אַ דינסט. ס׳לעבן אירס איז סיי־ווי־סיי אַ פאַר־שפּילטס, ס׳איז איר שוין אַלץ איינס...

די לאַנדסלייט האָבן געצויגן אויף איר מיט די פּלייצעס, הינטער די אויגן געלאַכט פון איר, ווי זי רעדט „טאַטעשי, מאַמעשי" און רייסט זיך דווקא צו ווערן אַ דינסט. אויך הענעך האָט גענומען קוקן אויף איר פון אויבן אַראָפּ. ווען ער וואָלט זי נישט געקענט פון דער היים, וואָלט ער אסור געגלייבט, אַז דאָס איז זי טאַקע, ר׳ בונם אייכנערס טאָכטער, אַ קינד פון אַזאַ גביריש הויז. ער האָט אין האַרצן אפילו אָנגעהויבן צו געבן פישלען גערעכט, וואָס ער האָט חרטה אויפן שידוך. אַז עס איז נישטאָ מיט וועמען צום טיש צו גיין, נאָר ס׳באַ־וויינט זיך, האָט ער זי אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ס׳האָט אים פאַרדראָסן אויף איר, וואָס זי האַלט אין איין רעדן וועגן גיין דינען. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי וויל דערמיט אַ שטאָך טון זיין פייגע־צירלען, וואָס איז אַמאָל געווען אַ דינסט. ער האָט דערפאַר געטראָגן אויף איר אַ בייז האַרץ און זיך אויפגעהערט אינגאַנצן צו מישן אין שידוך, נישט געוואָלט זיך מער איינרייסן פאַר אירעטוועגן.

אָבער זינט ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זשאַרנעוו איז חרוב געוואָרן אין דער מלחמה, האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן שידוך. דער געדאַנק וועגן חרוב־געוואָרע־נעם שטעטל האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע. עס האָט זיך אים גאָרנישט געקאָנט לייגן אויפן שכל, אַז עס איז שוין מער נישטאָ קיין זשאַרנעוו אויף דער וועלט. ער האָט זיך בסדר געזען אין דער היים, אויף די שמאָלע, בלאָטיקע געס־לעך מיט די אָפּגעדראַפּעטע הייזלעך, וואָס האָבן זיך היימיש־לעך געטוליעט איינס צום אַנדערן, געקראָכן איינס אויף ס׳אַנ־דערע מיט די הויקערדיקע, מאָכיקע דעכער, ווי אַ טשאַטע הינער אויסגעזעצט אויף אַ סיעדעלע. די נידעריקע, טונקעלע פענסטער האָבן טרויעריק, מיט פאַרזאָרגטקייט אַרויסגעקוקט אין דרויסן אַרוים אויף די פאַרהאָרעוועטע, חושכדיקע יידן, אויף די צעיווירענע ווייבער מיט אויסגעקראָכענע, צעפּאָרענע

שייטלען איבער די מאַנסבילישע-גערונצלטע שטערנס. ס׳אַ פרייטיק אין שטעטל. דער טאָג איז אַ טריבער מיט אַ שווערן, גראָבן אָנגעפּעלצטן הימל. ס׳קלייבט זיך אויף אַ לאַנגן, האַרבסטיקקאַלטן רעגן, אָבער אין חלל הענגט אַן ערב־שבתדיקע לויטערקייט. פון די צעיאַכמערט־אויפגעפּראַלטע טירן שמעקט אַרויס מיט צימערינג, מיט קלאָרער, געמאַנגלטער וועש, און ס׳טראָגט זיך אַ האָפערדיק געקלאַפּעריי פון האַק־מעסערס איבער די פיש־ברעטלעך. ביי זאַנוול פעלדשער אין דער ראַזורע איז פול געפּאַקט. חברה יונגען מאַכן זיך שיין לכבוד שבת, ראַזירן זיך די האַרטע, שטעכיקע באַקן, שערן זיך אונטער די פּעסטע, וואויל־יונגערישע קאַרקן. פון דער ראַזורע הילכט מיט געלעכטערס, מיט געשרייען, וואָס מישן זיך כסדר מיט דעם משונענעם וואָוועס הייזעריק, באַנומען קול: קוקורעקו, קוקורעקו! זאַנוול נעמט אים אַריין צו זיך יעדן פרייטיק אויף אַ גאַנצן טאָג און הייסט אים קרייען, ס׳זאָל זיין היימלעכער פאַר די געסט. ר׳ ידידיה, דער וויין־ייד, וועלכער טראָגט פאַנאַנדער יעדן פרייטיק קידוש־וויין איבער באַלעבאַטישע הייזער, אַז ער גייט פאַרביי זאַנוולס ראַזורע מיטן בייכיקן, געפלאָכטענעם גאָנשער אין דער האַנט, שפּייט ער פרום אַוועק אָן אַ זייט און וויקלט זיך ענגער איין אין דעם צייגענעם כאַלאַטל, וואָס איז ביי אים תמיד פאַרקנעפּלט ביז צו דער גאָמבע, מ׳זאָל נישט אַרויסזען קיין פּיצל פון זיין לאַנגער, ברייט־צעפּעכערטער באָרד. אַמאָל האָט ער זיך זייער געגרויסט מיט דער שיינער באָרד זיינער, כסדר זי געגלעט מיט ביידע הענט. זינט אָבער די האַלערטשיקעס האָבן זי אים אָפּגעשניטן מיט שטילעטן, האַלט ער זי תמיד באַהאַלטן אונטערן כאַלאַטל און פאַרשטעלט זי פאַר דער ליכטיקער שיין אפילו צווישן יידן. ער איז דעמאָלט, נאָכן אומגליק, אַ גאַנץ יאָר אַרומגעגאַנגען מיט אַ פאַטשיילע אַרום דער נאַקעטער, צעשניטענער גאָמבע, זיך באַגראָבן פאַר חרפּה, און פון דעמאָלט אָן ציטערט ער איבער דער באָרד זיינער, היט זי פאַר אַן עין־הרע...

העניך זיפצט שווער אָפּ, ס׳גייט אים נישט איין די

זועלט. ער קאָן זיך זשאַרנעוו גאָרנישט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַרויס. די ברייטע, גלאַנציק־געפּלאַסטערטע לייגאָן־סטריט, וואו ער האָט געהאַט די בוטשער־שאָפּ, איז פול מיט אַ פרעמדן, זשומעדיקן געטומל, וואָס טראָגט זיך אָן אויפהער אונטער די נידעריקע, טראָפּישע אָפּדעכער לענג־אויס די טראָטואַרן. עס יאָגט אויף אים מיט אַן אומהיימלעכקייט פון די איטאַליענישע אויבסט־קראָמען מיט שטויסן באַנאַנעס, הויך אָנגעלייגט פאַר די אָפענע טירן, פון די גריכישע „פיש־ענד־טשיפּ־שאָפּס", וואָס בלינצלען אין דער גאַס אַריין מיט נאַס־פאַרלאָפענע שויב־פענסטער, פון וועלכע עס קוקן אַרויס ווי פון אונטערן וואַסער אויסטערלישע פיש־קעפּ מיט בינטלעך גרינס אין די טויט־אויפגעריסענע פּיסקעס. עס קומט אים אַלץ אויס ווילד־פרעמד, ווי ער וואָלט נאָך דאָ קיינמאָל נישט געווען. אפילו אין דער אייגענער בוטשער־שאָפּ בלאָזט אויף אים מיט אַ פרעמדקייט. די הויכע, ווייס־געמאָלטע ווענט מיט די גלאַנציק־געפּוצטע פלייש־האָקעס אַרום, די ניקלנע זייגער־וואָג, די עלעקטרישע קיל־מאַשין, וואָס האַלט אין איין ברומען, אין איין בייזערן זיך, גררר... גררר... — אַלץ אַרום זעט ביי אים אויס ווי אַ חלום, אַ פאַרבלענדעניש. עס שטייט אים כסדר פאַר די אויגן זיין אָרעמע זשאַרנעווער יאַטקע, דאָס גאַנצע יאַטקע־געסל און די גוטע ברידער זיינע, די שווער־פלייציקע, תקיפותדיק־פּאַמעלעכע קצבים און די תמיד פאַרשמאַיעטע גענדזלערס מיט פעדערן אין די בערד, אויף די האַרט־פאַרשמאָלצענע קאַפּאָטעס. זיי, די גוטע ברידער, האָבן אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם, ווען ער האָט זיך געקליבן אוועקצופאָרן פון זשאַרנעוו, און מלך „קישקע", וואָס האָט געהאַט די יאַטקע אַקעגנאיבער העגעכן, האָט פון אים גאָר געמאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. מלך איז געווען דער אמתער חברה־מאַן, אַ ווילדער שלעגער, און מ'האָט אויף אים געזאָגט, אַז מיט זיין קורצער, קלאָציקער האַנט, אויף וועלכער ס'האָט געפעלט דער מיטלסטער פינגער, קאָן ער אוועקלייגן אַן אָקס מיט איין קלאַפּ. אין שטעטל האָט מען גע־ציטערט פאַר זיין גבורה, און קיין שוחט האָט זיך נישט איינ־

נעשטעלט טריפה צו מאַכן ביי אים אַ בהמה. די ווייבער, פון די מער באַלעבאַטישע, זענען נישט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין יאַטקע. ער איז געווען אַ קנאַפּער לייזער, תמיד אַרומ־נעגאַנגען אָן אָנגעדרודלטער און ברוגז געווען מיטן גאַנצן יאַטקע־געסל. ער האָט אפילו נישט געוואָלט זיין אין דער חברה־קצבים, וואָס האָט יעדן שבת געפּראַוועט מלווה־מלכּהלעך מיט אַ פעסל ביר פון חנא שענקער. יעדעס מאָל, ווען מ'פלעגט שבת נאָכן טשאָלענט טראָגן מיט גרויס פּאַראַד דאָס גראָבע ביר־פעסל אין דער חברה אַריין, האָט זיך מלך באַלד דערנאָך געוויזן אין דער גאַס מיט אַ פעסעלע ביר אויפן אַקסל און מיט אַ מעשענער שענק־פּלומפּ אונטערן אָרעם. דאָס פעסל פלעגט ער אוועקשטעלן נעבן בעט און אין די גאַטקעס פּאַמעלעך זופּן דאָס ביר איין גלאָז נאָכן צווייטן. קיינעם אין דער שטוב האָט ער נישט געלאָזט טועם זיין פון דעם ביר, און איינער אַליין פלעגט ער פאַרטיק מאַכן דאָס פעסעלע, אַ פאַרייכנדיקער, מיט אַ פול־אָנגעפּלומפּטן בויך פלעגט ער אַנידערפאַלן אויפן בעט און אויפכאַפּן זיך ערשט אויף צומאָרגנס אַ בייזער, מיט טונקל־אָנגעגאָסענע אויגן, אַוועקשטעלן זיך פאַר דער יאַטקע און שעלטן די קצבים, אַז זיי רעדן פון אים אָפּ די קונים. אַמ־מייסטן האָט ער זיך געוואַשן צו הענעכן. מיט פינסטערע אויגן פלעגט ער אַריבערקוקן צו אים אין דער יאַטקע, און ווי נאָר עס איז אַריין צו הענעכן אַ קונה, פלעגט ער מיט זיין געדיכט ביר־קול געוואַלדעווען איבער דער גאַנצער גאַס:

— קוקטס אים נאָר אָן, דעם שיינעם מענטש, אַ רוח אין זיין גנב אַריין! ער טאַפּט די ווייבער אין די זאַדיקעס, קריכן זיי צו אים!

אָבער ווען הענעך האָט געהאַלטן פאַרן אוועקפאָרן, איז מלך אַריין צו אים אין דער יאַטקע, זיך אָנגענומען מיט ביידע קלאָציקע הענט פאַר די באַקעס און אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ לאַנגן, חוזקדיקן בליק פון אונטן אַרויף און צוריק פון אויבן אַראָפּ.

— וואָס איז אויף דיר געקומען, וואו טראָגט עס דיך אין

דער וועלט אַריין, יאָלדטשיסקע דו? אַ מדינה אָנגעקריגן, „בעסראַליע”, מנע... — האָט ער געקוועטשט די שווערע, ברייטע אַקסלען. — טוסט נישט גלייך, הענעך, האָרך אַ גוטן ברודער. אונזער ס׳גאָל זיצט אויפן תחת, האָט פיינט אַרומצו־טראַסקען זיך איבער דער וועלט, צווישן פּרעמדע. ס׳אַן עסק פאַר די שניידער־וואַנצן, די לייבטע קעפּ, נישט פאַר אַ קצב, אַ גאַש־בראַט.

— ער האָט שוין איינמאָל אויסגעפירט, מלך „קישקע”, אַז אָך־און־וויי... אַ שיין פּנים וואָלט איך איצט געהאַט, ווען כ׳בליב אין דער היים, כ׳האָרך אים, דעם צעלייגער... — האָט זיך הענעך געטרייסט, אָבער די טרייסט איז אים נישט איינגעגאַנגען. ער האָט זיך געפילט שולדיק אַנטקעגן מלכן, אַנטקעגן דעם גאַנצן יאַטקע־געסל, ווי ער וואָלט געהאַט עפּעס אַ חלק דערין, וואָס דאָס שטעטל איז חרוב געוואָרן. אויך אַנטקעגן טעמערלען האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פילן שולדיק. די מעשה מיטן שידוך האָט אים נישט געגעבן קיין רו, גע־לעגן אים ווי אַ שטיין אויפן האַרץ. און איינמאָל, ווען די מיסים קעפּלען איז געקומען אין שאָפּ אַריין, און עס איז גראָד קיינער דערביי נישט געווען, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און צו איר אַ זאָג געטון:

— מיסים קעפּלען, וואָס וועט זיין דער סוף מיט טעמער־לען, כ׳מיין מיטן שידוך? מ׳דאַרף זען עפּעס צו טון, ס׳איז דאָך נישט קיין יושר...

— וואָס קאָן מען טון? — האָט די מיסים קעפּלען אונ־טערגעהויבן אירע קיילעכדיקע אַקסלען און אָנגעשנאָבלט די געפּאַרבטע ליפּן. — מיסטער היימען איז זייער „פּעטיקעלער”. ער גוסטירט אין ליבע און טעמערל געפעלט אים נישט. ס׳איז זיינע ביזנעס...

— וואָס הייסט ס׳איז זיינע ביזנעס? און מיר וואו זענען?

— האָט הענעך אָפּגעענטפערט מיט אַן אָנגעצויגן קול — היינ־טיקע צייטן שפּילט מען זיך נישט, מ׳וואַרפט זיך נישט מיט קיין מענטש, און דערצו נאָך מיט אַן אייגענעם, פון זשאַרנעוו.

מיר זענען דאָך עפּעס היימישע מענטשן, מיסיס קעפּלען, מיר דאַרפן געדענקען, וואו מיר האַלטן אין דער וועלט!

די מיסיס קעפּלען האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן. זי איז געשטאַנען אַ צערודערטע, נישט געקוקט הענעכן גלייך אין די אויגן, און שווייגנדיק, אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, איז זי מיט פלינקע, צעפּלאָשעטע טריטעלעך אַרויס פון שאָפּ.

זי האָט זיך אינגאַנצן אויפגעהערט צו ווייזן אין שאָפּ. הענעכן האָט שוין באַנג געטון, וואָס ער האָט זיך מיט איר אַריינגעלאָזט, אומזיסט זיך קאַליע געמאַכט דאָס מויל. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום איז זי אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין שאָפּ אַריין אַ פאַרפלאַמטע, מיטן סאַמעטענעם היטעלע הויך אַרויפגעשאַרצט אויפן שפּיץ קאָפּ, און כאָטש אין שאָפּ איז פול געווען מיט ווייבער, האָט זי גדולהדיק, מיט אַ פאַרסאָפּעט קול, קוים וואָס זי האָט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, אַרויסגעפּלאַצט:

— ר׳ הענעך, ס׳איז אָלרייט! מיסטער היימען באַשטייט אויפן שידוך.

צווישן די ווייבער איז געוואָרן אַ גערודער. זיי האָבן אַרומגערינגלט די מיסיס קעפּלען, פאַרוואָרפן זי מיט קשיות, געגווידערט אַלע מיטאַמאָל, און די מיסיס קעפּלען האָט אינ־גאַנצן אַ צענומענע זיך אַזש פאַרכליניעט מיט די רייד.

— כ׳האָב מיט אים נישט געמאַכט קיין גרויסע קונצן, מיט פּיליפּן — האָט זי דערציילט מיט אַן איבערגענומען קול — מיין גאַנץ שווער געמיט האָב איך צו אים אויסגעלאָזט. אַז זינט דעם אומגליק מיט זשאַרנעוו גיי איך אַרום אינגאַנצן אָן קאָפּ. רק ׳עס חלומט זיך מיר פון דער היים, און אַלין אין חלום איז אויסגעמישט, זשאַרנעוו און אויסטראַליע, אַז כ׳ווייס אַליין נישט וואו כ׳בין אויף דער וועלט. די מאַמע, זאָל זיין אָפּגעשיידט, קומט מיר כסדר צו חלום. זי טראָגט דעם שוואַרצן שבתדיקן שאַל אויפן קאָפּ און אין די הענט האַלט זי אַ בלוי שטערצל. ווי קומט פּליצטאַלבן אַהער אַ שטערצל? — טראַכט איך אין חלום און ס׳נעמט מיך אָן אַ שרעק, אַזש עס שלאָגן מיך אַנגסטן...

די מיסים קעפּלען האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, זיך אַ ווייש געטון מיט אַ פינגער איבערן מויל און שווער אָפּגעזיפצט:

— כ׳בין שוין אינגאַנצן אויס מעגטש, ביליוו מי... כ׳האָב מורא פאַר די חלומות, ס׳לעבן גייט מיר נישט איין. אפשר איז עס, האָב איך אָנגעהויבן איבערצוקלערן צוליב טעמערלען? ווער ווייס, צי זי איז נישט געבליבן קיין יתומה, צי זי האָט נאָך טאַטע־מאַמע אויף דער וועלט... מ׳טאָר איר נישט טון קיין עוולה, האָט איך געטענהט צו פיליפן, זיך געבעטן ביי אים רחמים, ער זאָל מיר אַראָפּנעמען אַ שטיין פון האַרץ און שטעלן מיט טעמערלען אַ חופּה. מיר פאַרזינדיקן זיך אַקעגן זשאַרנעוו, כ׳האָב מורא, האָב איך געוויינט פאַר אים ווי אַ קליין קינד. איך וועל עס איבערקרענקען, ס׳וועט אויסגיין צו מיין קאָפּ... ער האָט זיך נעבעך געדרייט ווי אַ וואָרים, פור פיליפ, אָבער איך האָב אים נישט אָפּגעלאָזט. וואָס מיינט איר, כ׳פרעג אַ סך נאָך אים, דעם גאַנצן מיסטער פיליפ היימען? אַז דער מענטש פאַלט מיר איבער די הענט, אַלץ אין דער וועלט וועט ער מיר נאָכגעבן. כ׳האָב טאַקע געהאַט מיט אים אַ שווערן דזשאָב, אָבער ס׳מייניקע האָב איך אויסגעפירט: ס׳וועט זיין אַ חתונה.

— אַלץ הייסט אַ חתונה — האָט הענעך זיך אינגאַנצן געשמאָלצן — ס׳וועט שוין זיין די אמתע זשאַרנעווער חתונה, מיטן גאַנצן קנאַק! איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

## ד.

הענעך האָט זיך שטאַרק געפּאָרעט אַרום טעמערלס חתונה. מ׳האָט געגרייט די חתונה אין גרויסאַרטיקן „וויקטאָריאַ האָל", אויף דעם גאָר ברייטן שניט. פישל האָט זיך אפילו געקרימט, נישט געוואָלט האָבן דעם גאַנצן טראַסק. ער האָט וויכטיק געבלאָזן די בלוי־אויסראַזירטע באַקן און געטענהט, אַז דער קאָפּ שטייט אים נישט צו קיין ברייטע שמחות, ס׳איז מלחמה אויף דער וועלט. ער קאָן יוצא־זיין מיט אַ שטילער חופּה אין

דער יאַהודישער סינאַגאָגע און מיט אַ קליינער, היימישער „פּאַרטי”. ס'וועט זיין שאַ־שטיל און בכבודיק.

הענעך האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. ס'איז אים געגאַנגען אין לעבן, אַז די חתונה זאָל זיין אַ גבירישע, אַ פרייליכע, און דער עיקרשט האָט ער זיך געקאָכט, אַז מ'זאָל בעטן אויף דער חתונה דעם גאַנצן עולם, אַלע זשאַרנעווער לאַנדסלייט, קיין איינער זאָל נישט פעלן.

— זאָלסט מיר נישט פאַרשעמען די לאַנדסלייט, פישל. וועמען האָבן מיר, מ'שטיינס געזאָגט, אַנישט דאָס ביסל היימישע מענטשן — האָט ער איינגעטענהט מיט פישלען, „גע־דוצט” אים מעשה מהותן און שטאַרק אָבטונג געגעבן ביים צעשיקן די גאָלד־געדרוקטע חתונה־קאַרטן, אַז מ'זאָל, הלילה, אָן קיינעם פון די לאַנדסלייט נישט פאַרגעסן. אפילו וועגן חבר מעקס האָט ער געדענקט, כאָטש פישל האָט זיך מיט אַ געבייזער פון אים אָפגעשאָקלט. ער האָט נישט געוואָלט הערן זיין נאָמען.

— כ'האָב צו דעם מענטש די „נידל”. כ'וויל נישט האָבן מיט אים קיין ביזנעס — האָט ער זיך ברוגזדיק געבלאָזן — נאָך ער פעלט מיר צו דער שמחה, ער זאָל מיר דאָס פנים פאַרשוואַרצן! מ'קאָן אים נישט ברענגען צווישן מענטשן, אַז יעדן איינעם שפּרינגט ער אין די אויגן אַריין.

— ער איז אַ לאַנדסמאַן, אַ מהותן פונקט ווי אַלע — איז הענעך געשטאַנען פאַרן חבר מעקס שטאָל־און־אייזן, און אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז מ'האָט אים געבעטן אויף דער חתונה מיט אַלע צוגלייך.

אַז עס איז אָבער געקומען אויף דער חתונה, און הענעך האָט דערזען דעם חבר מעקס, ווי ער שפּאַנט זיך ברייטלעך, מיט צעוויגטע טריט אַריין אין דעם גרויסאַרטיקן „וויקטאָריאַ האָל”, האָט ער גלייך חרטה באַקומען, וואָס ער האָט זיך אַזוי געריסן אים צו פאַרבעטן. אין דער אַרומיקער יום־טובדיקייט, אין דעם ליכטיקן, גאָלדענעם שיין, וואָס האָט זיך געגאָסן פון די קרישטאָלענע זשיראַנדאָלן, האָט דער חבר מעקס אויסגעזען וואָכעדיק־פּראָסט מיט זיין שווערן טראָט, מיט די גראָבע,

פּיכטלעכע וואָנסעס אויפן שווערן פּנים. די געסט, יום־טובדיק אויסגעפּוצטע אין סמאָקינגען מיט טיף־אויסגעשניטענע וועסטן, אין בלאַנקענדיקע, שטייף־געפּרעסטע העמדער, האָבן אָנגעפּולט דעם זאַל מיט אַ פריילעך, זשומענדיק גערויש. די ווייבער אין די דעקאָלטירטע באַל־קליידער, מיט בריליאַנטענע שפּילקעס אין די גלאַנציק־פּאַרקעמטע פריזורן, האָבן זיך פאַרביק געמיניעט צווישן עולם. ס'האָט געשמעקט מיט פּערפומען און זיידנס, די לופט האָט אַזש געציטערט פון דעם העלן עלעקטרישן ליכט.
מיסטער קנעסטער, אין אַ הויכן צילינדער און מיט ווייסע הענטשקעס אויף די הענט, האָט זיך מיט זיינע זשוואַווע פּליי־צעלעך גערדרייט איבערן זאַל און שטאַרק אָכטונג געגעבן, צי עס ווערט אַלץ געפירט לויט דער עטיקעטע, אויפן ענגלישן שטייגער. ער האָט געפּאָכעט מיט די רונדיק־אויסגעשניטענע פּאָלעס פון זיין פראַק און אויפגענומען יעדן איינעם פון די אָנקומענדיקע געסט מיט אַ יום־טובדיק שמייכעלע אויף די ליפּן. נישט־וואו, נישט־ווען האָט ער זיך זייטיק אַ שאַר־צו געטון צום מיסטער קעפּלען, וועלכער איז געזעסן אויבן־אָן נעבן חתן־כלה און געשמאַק געזייגט אַ דיקן ציגאַר, וואָס ער האָט פאַמעלעך געקאָלערט פון איין מויל־ווינקל אין צווייטן. ביי יעדן צי פון ציגאַר איז ער זיך פאַרגאַנגען אין אַ הוילן, לייכעצדיקן הוסט. זיינע ברייטע, רונדיק־געהויקערטע פּלייצעס האָבן זיך דערביי געטרייסלט אַרויף און אַראָפּ, און דאָס פּנים ביי אים, אַ פולס און אַ גוידערדיקס, האָט זיך אָנגעגאָסן מיט אַ טיפער רויטקייט. מ'האָט דעם מיסטער קעפּלען זעלטן געזען צווישן מענטשן. ער האָט זיך כסדר געדאָקטערט, כסדר אַרומ־געפאָרן אין פּענסיאָנאַטן און סאַנאַטאָריעס, אָבער דאָס האָט אים גאָרנישט געשטערט צו פירן זיינע גרויסע ביזנעס. ער האָט געהאַלטן אין איין טעלעפאָנירן פון די פּענסיאָנאַטן צו זיך אין דער פאַבריק אַריין, פונדערווייטנס געקאָמאַנדעוועט מיט די מענטשן און געוואוסט פון יעדן פּיצעלע, וואָס עס טוט זיך אין די ביזנעס. מ'האָט שטילערהייט פון אים אָפּגע־חוזקט צוליבן ווייבל זיינעם, דער מיסיס קעפּלען, וואָס ער

לאָזט זיך פון איר פירן ביי דער נאָז און ווייסט גאָרנישט פון אירע לינקע ליבעס. אָבער אין די אויגן האָט מען אים געהנפעט, מענטשן האָבן זיך געריבן אַרום אים, און אפילו די גאָר בכבודיקע געסט, וואָס זענען געזעסן אויבן־אָן צוזאַמען מיט אים, כאָטש אַליין שיינע גבירים, מאַנופעקטשערערס, האָבן זיי פונדעסטוועגן חניפהדיק געקוקט אים אין די אויגן אַריין און צוגעבאָמקעט צו יעדן וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון זיין בריוט, פליישיק מויל צוזאַמען מיט בלויע רעדעלעך רויך פונם ציגאַר.

— שמאַליץ, יו נאָו, פאַר שמאַליץ דאַרף מען זיך היטן — האָט ער געפּרייכט מיט זיין פאַרהוסט קול און געהאַלטן אין איין אַוועקרוקן פון זיך די טעלערס, אָנגעלייגט מיט כיבוד. דער עולם האָט אים געהאָרכט מיט גרויס ערנסטקייט און דרך־ארצדיק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

דער חבר מעקס איז אַ שפּאָרע ווילע געשטאַנען אין דער אָפענער טיר פון זאַל. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ער האָט פּאַוואָליע, מיט אַ וואוילעריש־צוגעמרו־זשעטע אייגל באַטראַכט דעם אויסגעפּוצטן, יום־טובדיקן עולם און בעת־מעשה זיך געלאָסן געדרייט אַ שפּיץ פון דער וואָנסע. ער האָט דערביי געהאַט אַ מינע פון איינעם, וואָס האָט פיינט זיך צו לאָזן שפּייען אין דער קאַשע אַריין. הענעך האָט זיך אַביסל דערשראָקן פאַר אָט דער מינע. מער פעלט אים נישט, נאָר עס זאָל אים איצט איינפאַלן צו פאַרטשעפּען די לאַנדסלייט, זיך אַ צעלאָז טון מיטן שאַרפן צינגל זיינעם, ווי עס איז זיין שטייגער. ער קאָן דאָ אָנמאַכן דאָס אמתע פייער, שפּילט זיך מיטן חבר מעקס. הענעך האָט גאָרנישט באַלעמוטשעט, זיך פלינק אויפגעכאַפּט פון אָרט און אַדורכגעשטופּט זיך צווישן עולם גלייך צו מעקסן צו. ער האָט אים גענומען אונטערן אָרעם, צוגעפירט צום טיש און געמאַכט פאַר אים אַן אָרט נעבן זיך.

— מנע, כ׳בין דאָ גוט אַריינגעפאַלן, ווי אַ יון אין דער סוכה — האָט מעקס אַ ברום געטון אין די וואָנסעס אַריין

— זשאַרנעוו האָט זיך דאָ גוט אויסגעאַרבעט אין אויסטראַ־ליע... שעפּסט נחת פון די לאַנדסלייט, האַ, הענעך?

— מילא, דאָס איז געבליבן פון זשאַרנעוו, מער גאָר־נישט. אַז מ׳איז צווישן אייגענע מענטשן איז אויך גוט... דו קוק נישט אויף קיין גליקן, מאָטל, און לאָז דיר וואוילגיין, כ׳איז דאָך עפּעס אַ זשאַרנעווער חתונה! — האָט הענעך גוט־ברודעריש אים גערופן ביי זיין אַמאָליקן זשאַרנעווער נאָמען, געוואָלט אים איינגעמען מיט דער גוט־ברודערישקייט. — נעם עפּעס אין מויל אַריין, מאָטל, פּאַרזוך אַן אמתדיק זשאַר־נעווער מאָן־קיכל. ס׳איז מיין פייגע־צירלס אַרבעט, ס׳האָט דעם גוטן היימישן טעם — האָט ער מיט ברייטקייט אונטער־גערוקט אַ טעלער געבעקס. דער טעלער אָבער האָט זיך אים פּאַרטשעפּעט אָן די ענג־אָנגעשטעלטע קלאָשן און גלאָזוואַרג, וואָס האָט זיך מהומהדיק צעקלונגען, און ביים טיש איז גע־וואָרן אַ שטיקל גערודער. פון אַלע זייטן האָט מען גענומען קוקן, ווי ער פּאָרעט זיך מיטן טעלער און די קיכלעך צעפּאַלן זיך איבערן טיש. פייגע־צירל, וואָס איז געזעסן דערנעבן, האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט און גענומען גלייכשטעלן דאָס אומ־געפאַלענע גלאָזוואַרג. אירע שוואַרצע, פלינקע אייגעלעך האָבן געשפּריצט אויף הענעכן מיט פייער.

— זיץ־איין, רודער נישט אַרום! ביסט דאָ נישט אין זשאַרנעוו... — האָט זי שטיל אַ וואָרף געטון הענעכן דורך די ציין, און צו די געסט, ביים טיש, האָט זי ווייבעריש־חנעוודיק פאַרלייגט אויפן אַקסל דעם קאָפּ מיט די פריש־אָנדולירטע לעקעלעך און ליבלעך געשמייכלט:

— אוי, די מאַנסבילן, די מאַנסבילן... זיי זענען ווי די קליינע קינדער, די מאַנסבילן.

הענעך איז געבליבן זיצן אַן אָפּהענטיקער. ער האָט קוים טועם געווען פון די מאכלים, וואָס ענגלישע קעלנערקעס מיט ווייסע, געשטייפטע הייבלעך אַרום די קעפּ האָבן געהאַלטן אין איין צוטראָגן צו די טישן. ס׳האָבן פריילעך געקלימפּערט די גאָפּל־מעסער, פון די בייכיקע וויין־פלאַשן האָבן הילכיק

געשאָסן די ארויסגעצויגענע קאָרקעס. די מיסים קעפּלען, אָנ־געטון אין אַ קורץ שפּיצן־שערצל איבער דעם גאָלד־זיידענעם קלייד, האָט אַ פּאַרטראָגענע זיך געדרייט ארום די געדעקטע טישן, געבאַלעבאַטעוועט מיט די קעלנערקעס און געבליאַסקעט מיט די ברילאַנטענע רינגלעך אויף די פינגער. זי איז געווען די הויפּט־מחותנתטע אויף דער חתונה, אָן אויפהער זיך ארומגעפּאָרעט מיט פאַרפלאַמטע באַקן און אירע אויגן האָבן פייכט און יום־טובדיק געגלאַנצט. יעדע פּאָר רגעס האָט זי מיט אַ טענצלדיק געגגל זיך דערנענטערט צו טעמערלען, מיט אַ דין געלעכטערל איר עפּעס געשושקעט אין אויער אַריין און געשאָקלט אויף פישלען מיט אַן אויפגעהויבענעם פינגער.

— יו נאָוטי באָי — האָט זי צו אים צוגעשמייכלט. און טעמערל האָט, פאַרוואָרפנדיק דעם כלה־שלייער אויף די אַקסלען, זיך געטוליעט צו פישלען און אים גלייך געמאַכט די ווייסע רויז, וואָס איז געווען אַריינגעשטאָכן אין דער זיידענער לאַץ פון זיין פראַק. איר קיילעכדיק־פול פּנים האָט זיך העל גע־דרויטלט.

— לײדים ענד דזשענטעלמען, אָרדער פּליז! דער ראַביי גייט בענטשן! — האָט זיך דערהערט מיסטער קנעסטערס כיף־פאַרצויגן קול. ער האָט הויך געקלימפּערט מיט אַ לעפעלע אין אַ גלאָז אַריין, געפאָכעט מיט די הענט אין דער לופטן און געטייטלט מיט אַ פינגער אויף זיין הויכן צילינדער. דאָס האָט געהייסן, אַז מ׳דאַרף זיך צודעקן די קעפּ. די געסט האָבן בהלהדיק גענומען כאַפּן וואָס אונטער דער האַנט, אַ טאַשן־טיכל, אַ סערוועטקע און אַבי־ווי אַרויפגעלייגט אויף די בלויזע קעפּ. בלויז דער חבר מעקס האָט זיך נישט גערירט. ער איז געזעסן מיט שטייף־אונטערגעהויבענע פּלייצעס און זיך ברוגזדיק געבלאָזן. הענעך האָט אים גענומען טאָרען מיט אַן עלנבויגן, געוואונקען צו אים, אָבער ס׳האָט גאָרנישט גע־האָלפן.

— כ׳האַלט נישט דערפון, טו מיר עפּעס — האָט זיך דער חבר מעקס בייז געבלאָזן — כ׳פרעג נישט נאָך זיי.

דער ראַביי האָט לייכט אָפּגעהוסט אין דער האַנט אַריין און מיט זיינע דיקלעכע, ווייסע פינגער פּאָרזיכטיק אַראָפּגע־צויגן דאָס פלאַכע יאַרמעלקעלע, וואָס ער האָט געטראָגן הויך אַרויפגעשאַרצט ביז סאַמע קאַרק צו, אַז מ'האָט עס גאָרנישט אָנגעזען הינטער זיין הויך־פּאַרקעמטן געקרייזלטן „יעזש". ער איז נישט געווען קיין פּאַרקנייטשטער, דער ראַביי, זיך געקליידט פּינקטלעך, מיט אָפּגעהיטנקייט און זיך געפירט צווישן מענטשן פריי, היינטוועלטיק. אויף זיין רונדיק, גלאַט־ראַזירט פּנים מיט די דין־פּאַרשווירענע, שוואַרצע וואָנסעלעך, האָט תמיד גע־שוועבט אַ לייכט, צוגעלאָזן שמייכעלע, ווי איינער זאָגט: אַבי מיר פּאַרשטייען זיך, נישט אמת?...

ער האָט געזאָגט דאָס בענטשן מיט אַ פול, זינגעוודיק קול, הזניש געדריידלט די ווערטער, און זיינע טונקעלע, שמייכ־לענדיקע אויגן האָבן פול מיט נחת פּאַוואָליע געבלאָנדזשעט איבערן זאַל, ווען זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן חבר מעקס מיטן בלויזן קאָפּ, איז זיין קול געוואָרן שטילער. ער האָט געגנומען זאָגן כאַפּעדיק, געשלונגען די ווערטער, אָבער דאָס שמייכעלע איז נישט אַראָפּ פון זיינע ליפּן. עס האָט זיך אים נישט געלוינט צוליב עפּעס איינעם דאָרט אָנצומאַכן אַ געררו־דער און צו פּאַרשטערן אַ שיינע, גבירישע שמחה. דער גאַנצער עולם האָט געקוקט אויף מעקסן, מ'האָט זיך שטיל אָנגעהויבן צו שושקען פון אַלע זייטן, און הענעך האָט נישט געוואוסט, וואו אַהינצוטון די אויגן פּאַר חרפּה:

— מאָטל, צאַפּ מיר נישט דאָס בלוט, טו עפּעס אָן אויפן קאָפּ, זיי אַ גוטער ברודער, טו מיר צוליב — האָט ער זיך שטיל געבעטן ביי מעקסן. מעקס האָט אים זייטיק אָפּגע־מאָסטן מיט אַ פינסטערן בליק און אַ מורמל געטון אונטער דער נאָז:

— מילא, דיר צוליב, זאָלסט וויסן... נאָך זיי פרעג איך נישט — האָט ער שטיל געמורמלט און אַרויפגעלייגט אַ פּאַפּירענע סערוועטקע אויפן קאָפּ.

דער ראַביי האָט אָפּגעבענטשט און צוריק אַרויפגערוקט

דאָס יאַרמעלקעלע הינטער די הויך־פּאַרקעמטע האָר. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, פּאַרטראַכט געקוקט אויף די נעגל פון ביידע הענט און גענומען האַלטן אַ ספּיטש. ער האָט גערעדט וועגן די הייליקע אבות, אייברעהעם, אייזעק און דזשייקאָב, וועגן דער גרויסקייט פון יידישן פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַזעלכע וויכטיקע מענטשן, און וועגן דעם חתן, מיסטער פיליפּ היימען. ער האָט אין ספּיטש כסדר אַריינגעפלאָכטן פּסוקים פון דער תורה, און ביים אַרויסזאָגן די הייליקע ווערטער געהאַלטן פרום אַראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך פאַרזיכטיק געטאַפּט דאָס יאַרמעלקעלע מיט די שפּיצן פינגער. ער האָט אויך אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט וועגן דער מלחמה, מיט אַ טיף, פייערלעך קול אַרויסגערעדט די נעמען פון קינג דזשאָרדזש און פון טשערטשילן, און ביטולדיק אַוועקגעמאַכט היטלערן מיט דער האַנט. ער האָט אים נישט דערמאָנט ביים נאָמען, בלויז מיט אַ שמייכעלע אים גערופן:

— דהאַט פּייפּערהענגער, יו נאָו...

— היר, היר! — האָט אונטערגעכאַפּט מיסטער קנעסטער און אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט. דער גאַנצער עולם איז געוואָרן אויפגערוימט און מיטגעפּאַטשט, און דער מיסטער קעפּלען האָט מיט זיין פאַרהוסט קול אויסגערופן:

— שור, אַ פּייפּערהענגער, דהאַטס אָל! — האָט ער געדרייט מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן, און זיינע גרויסע באַקן, וואָס זענען לויז אַראָפּגעהאָנגען איבער דעם שטייפן קאָלנער מיטן ווייסן שניפּס, האָבן זיך שיטער געטרייסלט.

הענעך האָט געקוקט פון אונטער די ברעמען אַפּער אויף די לאַנדסלייט, אויף פישלען, וועלכער האָט געלאַנצט אויבן־אָן מיט זיין שפּאָגל־נייעם צילינדער, וואָס איז אים לייכט און אַביסל אָן אַ זייט געזעסן אויפן קאָפּ, ווי אַ געוויינלעכער קאַפּעלוש. ער האָט מיט ערנסט־צוזאַמענגעצויגענע ברעמען זיך איינגעהאָרכט אין ראַביים ספּיטש, נישט אַדורכגעלאָזט קיין איינציק וואָרט און געזעסן מיט אַ האַלבער פּלייצע צו טעמערלען, ווי שוין אַ לאַנג־חתונה־געהאַטער, וואָס מאַכט נישט

מיטן ווייב קיין גרויסע צערעמאָניעס, טעמערל האָט זיך דווקא געהאַלטן אין איין טוליען צו אים, אומדרייסט געזוכט מיט די אויגן זיין בליק, און אויף אירע ליפּן איז געלעגן אַן אָנגעצויגן שמייכעלע. הענעך האָט שטיל אין זיך אַ זיפץ געטון. ער האָט געקוקט אויף טעמערלען און נישט אַראָפּגענומען פון איר דעם בליק. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, געזעסן אינגאַנצן שטיל מיטן שלייער איבערן פּנים און באַהאַלטענערהייט מיטן שלייער זיך אַ וויש געטון די אויגן. הענעכס פּנים האָט מיטאַמאָל אויפגעלויכטן.

— די כלה וויינט! — האָט ער מיט אַ שטיל קול זיך אָנגערופן צום עולם ביים טיש און זיך אַ רייב געטון די הענט. קיינער ביים טיש האָט אים נישט געענטפערט. ער האָט לייכט אָנגערירט מיט עלנבויגן דעם חבר מעקס, וועלכער איז געזעסן אַן אָנגעכמורעטער, מיטן סערוועטקעלע אַראָפּגערוקט איבער אַן אויער. אַזוי ווי ער האָט עס אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ, אַזוי איז עס נאָך אַלץ געלעגן, כאָטש דער גאַנצער עולם איז שוין לאַנג געזעסן מיט בלויזע קעפּ.

— מאָטל, גיב נאָר אַ קוק אויף דער כלה — האָט ער אים געמינטערט מיטן עלנבויגן — זע, זי וויינט... נו, וואָס זאָגסטו איצט צו זשאַרגעוו, האַ, מאָטל?

אָבער אויך מעקס האָט אים גאָרנישט געענטפערט. ביים טיש איז געווען שטיל. דעם ראַביים קול האָט זיך רחבותדיק געגאָסן איבערן זאַל, און די לופט האָט געציטערט פונם שאַרפן ליכט, וואָס האָט געפלייצט פון די זשיראַנדאָלן.

# א לוויה

ר׳ אַלטערס טויט האָט אָנגעמאַכט אַן אמתן קאָך אויף דראַמאָנד סטריט. פון באַלד אינדערפרי האָבן זיך יידן געדרייט פאַרן שטאָקיקן, ברוין־באַמאָלטן הויז, וואו ר׳ אַלטער איז גע־ווען איינגעדונגען, און צעטומלטע געקוקט אויף דער פאַרמאַכ־טער גלאָז־טיר, וואָס האָט מיט די מאַטע שויבן בייז אַראָפּגע־גלאַנצט פונם הויכן גאַניק, אַרומגעצוימט מיט פאַרזשאַווערטע, פון אַלטקייט צעקרומטע שטאַכעטן. אין דער טיר האָט זיך עטלעכע מאָל באַוויזן מיסיס מעק־קאַרטי, די באַלעבאָסטע, אַ ברייט־צעגאָסענע פרוי מיט אַ רויטער שלאָף־קופּקע, גע־שטריקט פון וואָל, אויפן קאָפּ, און מיט שטרענג־צוזאַמענגע־צויגענע אויגן באַטראַכט די יידן, וואָס האָבן זיך טומלדיק געדרייט אויף דער גאַס. דערזעענדיק זי האָבן זיך די יידן אַ לאָז געטון צו דער טיר, געמאַכט צו איר מיט די הענט, און מערקעל, דער ליטוואַק, אַ שמאָל, רירעוודיק פאַרשוינדל מיט אַרויסגעזעצטע אויגן, וואָס די אַפּלען ביי זיי האָבן כמעט אָנגערירט די גלעזער פון זיינע גרויסע, שוואַרץ־רעמלדיקע ברילן, האָט זיך געשטופּט פאָראויס און פאַרמעכיעט געדרייט מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן. ער איז געווען צווישן עולם דער ענגליש־קענער, און מיט אַן אָנגעצויגן קול וויכטיק געטענהט:

— מיסיס מעק־קאַרטי... עקסקיוז מי... פּליז...

ביי מיסיס מעק־קאַרטי האָט זיך דאָס רויטע קופּקעלע בייז אַ טרייסל געטון. זי האָט אָפּגעמאָסטן מערקלען מיט אַ בליק פון אויבן אַראָפּ און נישט זאָגנדיק קיין וואָרט פאַרהאַקט די טיר פאַר זיין נאָז. די יידן האָבן זיך איבערגעקוקט, געצויגן די אַקסלען און אונטערגעקרעכצט:

# אַ לוויה

— אַ שיין פּנים האָט מען דאָ, מ׳שטיינס געזאָגט...

— מילא, יידן זענען אין גלות, שייך צו זאָגן... אומעטום ס׳אייגענע... — האָט ביטולדיק אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט משה האָקער, אַ ייד מיט אַן אָפּגעצערט, לומדיש פּנים און מיט אַ נייעם קאַפּעלוש, וואָס איז אים אומגעלומפּערט געשטאַנען אויפן שפּיץ קאָפּ ווי אַ יאַרמעלקע.

עס זענען אָנגעקומען נאָך יידן. די שטילע, פאַרשלאָפענע דראַמאָנד סטריט, מיט די לאַנגע רייעס אָפּגעדראַפּעטע, חושכ־דיקע הייזלעך, וואָס שטייען צוגעטוליעט איינס צום צווייטן, הינטער שמאָלע גאַניקלעך, פאַרוואָקסענע מיט ווילד־גראָז, איז געוואָרן פול מיט אַ צערודערטן טומל. די יידן האָבן אבלדיק זיך איבערגעשאָקלט מיט די קעפּ, זיך געזאַמלט אין קופּקעלעך, און משה האָקער האָט אַ פאַרזאָרגטער זיך געדרייט צווישן עולם, זיך געריבן די הענט און אַריינגעטענהט אין זיך מיט אַ גמרא־ניגון:

— נו יאָ...אָ...אָ... אויסטראַליע... אומעטום טרעפט ער, דער מלאך־המוות, נו יאָ...

— מנע! מ׳שטיינס געזאָגט די גאָלדענע מדינה... — האָט דער עולם צוגעבאָמקעט און געוואָרפן טרויעריקע בליקן אויפן ברוינעם הויז מיט דער מאַט־באַגלאָזטער טיר.

דער הויכער פּיוול איז אָנגעקומען אַ צעיאַכמעטער, ברייט געשטעלט די טריט אויף זיינע לאַנגע פלאַט־פיס און די פאַר־ריסענע, פלייִשיקע נאָז איז ביי אים געווען פאַרשאַרצט אין קליינע, בייזע פעלדלעך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ פּאָר שפּילקעדיקע, פלינקע אויגן, אין וועלכע עס האָט געטאַנצט אַ להכעיסדיק בלישטשל, און זיך צעלאָזט איבער דער גאַנצער גאַס מיט זיין ברייטן חיתוך־הדיבור:

— נו, יידן, וואָס זאָגט איר איצט? עס קומט אויף מיינע רייד! מ׳זע׳מיר דאָ מיאוס אַריינגעפאַלן! אַ מדינהלע, שוין איינמאָל, האַ?

ער האָט צווישן עולם דערקנסט מערקלען. צווישן זיי

ביידע האָט זיך געפירט אַ פאַרביסענע מלחמה. מערקעל האָט זיך אַריינגעדרייט אויף אַ גוטן „דזשאָב“, געווען אַ פאַרדינער און געהאַלטן פון דער „קאַנטרי“ אַ וועלט... ער אָבער, פּיוול, לאַכט פון די גוטע פאַרדינסטן. אים איז נישט ניהא די „קאַנטרי“, מען זאָל אים אפילו אָפּגילטן!

— „גלייכסט“ די מדינה, ליטוואַק? האַ? — פלעגט ער זיך כסדר טשעפּען צו מערקלען. — מאַכסט אַ לעבן!...

— פאָר זיך צוריק, אַז עס געפעלט דיר נישט! — פלעגט מערקעל זיך נישט לאָזן. — קיינער האַלט דיך נישט צו, פאָר זיך געזונטערהייט...

פּיוול האָט זיך מיט אַן אימפּעט אַ לאָז געטון צו מערקלען, אָנגעכאַפּט אים מיט זיינע לאַנגע, ביינערדיקע הענט פאַר די לאַצן, געטרייסלט אים מיטן גאַנצן כוח און געשריגן גלייך אין פּנים אַריין.

— רעד איצט, ליטוואַק, אדרבא! אין דר'ערד מיט דיין „דזשאָב“, מיט די גוטע פאַרדינסטן!... ווי „גלייכסטו“ איצט די מדינה, זאָג? אַ רוח אין דיין ליטוואַק־גנב אַריין!...

— לאָז מיך אָפּ'עט, משוגענער! — האָט זיך מערקעל געריסן פון זיינע הענט, פאַרלוירן געפּינטלט מיט די אַרויסגעזעצטע אויגן הינטער די שוואַרץ־רעמלדיקע ברילן, און זיין שמאָל גופל האָט זיך נעבעכדיק געבאָמבלט אין פּיוולס הענט. — באַשערט אַן אומגליק, אַ מענטש איז געשטאָרבן... וואָס קאָן מען טון?

— באַשערט, מנע... — האָבן די יידן בייז נאָכגעשפּעט.

— אַ שיין באַשעעניש צו שטאַרבן דאָ־אָ, אין דעם וויסטן העק, אַז אָך־און־וויי!...

אין גאַס האָט זיך מיט אַ וויי כן, גומענעם געוויש אַריינגעגליטשט אַ טונקל־בלויער אויטאָ און האַסטיק, מיט אַ טיפּן, באַסאָון סקריפּ פון די געהאַמעוועטע רעדער זיך אָפּגעשטעלט ביים קרענצל יידן. פון אויטאָ איז אַראָפּ אַ שמאָלער יונגער־מאַנטשיק מיט דינע שוואַרצע וואָנסעלעך און געדיכטע קריי־זעלעך האָר, וואָס האָבן זיך ווי פּראָפּנציערס געדריידלט פון

אונטערן האַרטן קאַפּעלושל אַפּער. ער האָט זיך דערנענטערט צו די יידן מיט גיכע, ווייבערישע טריטעלעך און גענומען מיט אַ פּאַרכלינעט קול עפּעס רעדן צו זיי אויף ענגליש. די יידן האָבן געפּינטלט מיט די אויגן, געהויבן די אַקסלען און צעטומלט געדרייט אויף אַלע זייטן מיט די קעפּ.

— מערקעל!... וואו איז ער דאָס, דער ליטוואַק? אַז מ׳פאַרשטייט נישט קיין וואָרט!

מערקעל האָט זיך אַרויסגעשטופּט פון קרענצל, זיך גלייך געמאַכט די ברילן און אויסגעשטעלט אויפן יונגענמאַנטשיק אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן. דער יונגערמאַנטשיק האָט פונאַנדער־גענומען די הענט און געריידט מערקלען גלייך אין פּנים אַריין:

— העוורעאו קעדישאָו, יו נאָו... העוורעאו קעדישאָו... — האָבן זיך די וואָנסעלעך ביי אים געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און די לשון־קודשדיקע ווערטער האָבן זיך גערדיכט ווי אָנגעשוואָלענע אַראָפּגעקייקלט פון זיינע ליפּן.

— פון דער חברה־קדישא! — האָט מערקעל מיט אַ וויכטיק קול צו וויסן געטון דעם עולם.

— יעס, יעס, העוורעאו קעדישאו... — האָט זיך דערהערט אַ נידעריק, שווער קול פון אויטאָ אַרויס, און עס איז אויסגעשטיגן אַ דיקלעכער, שטייפער מענטש מיט אַ גרויס פּנים און מיט אַ געגאָלטער, קאַנטיקער גאָמבע, וואָס איז ווי אַן אָפּדעכל אוועקגעשטאַנען איבערן גלאַנציק־ווייסן קאָלנער, פאַרמאַכט פון הינטן ווי ביי אַ גלח.

— דער ראַביי סטאָון!... — האָט מען זיך דרך־ארצדיק געשושקעט צווישן עולם, און מערקעל איז געוואָרן אינגאַנצן אַ צעפּלאַטערטער. די שמאָלע פּלייצע האָט זיך ביי אים שפּיציק אונטערגעהויבן און די אויגן הינטער די דיקע גלעזער האָבן אויפגעגלאַנצט מיט התפּעלות. ער האָט זיך צוגעשאַרט צום ראַביי, זיך געניגט פאַר אים און מיט ביידע הענט געוויזן אויפן ברוין־באַמאָלטן הויז:

— היר, ראַביי סטאָון, היר...

דער ראַביי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום יונגען־

מאַנטשיק פון דער הברה־קדישא, אוןביידע האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צום הויז צו. מערקעל איז געלאָפן פאָראויס מיט אַ הויך־פאַרשפּיצטער פּלייצע, יעדע רגע זיך אומגעקוקט מיט צעשיינטע אויגן אויפן ראַביי, און צוקומענדיק צו דער מאַט־באַגלאָזטער טיר, הויך, מיט תקיפות אַ זעץ געטון אין דעם שווארצן, אייזערנעם טיר־קלאַפּער.

— וואַ־וואַ, ראַביי סטאָון אַליין איז געקומען... — האָט מיסטער פרענקעל, אַ ברייטער ייד מיט אַ קיילעכדיק בייכל, פאַרהידושט געצמאָקעט מיט די פלײשיקע ליפּן. ער איז געווען דער „אַלרייטניק" צווישן די גרינע, געהאַט זיין אייגנס אַ הויזן־פאַבריקל מיט אַכצן „הענט" און זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיקל דעה־זאָגער ביים עולם. ער האָט צענומען מיט די פינגער דאָס צוויי־שפּיציקע געלע בערדל אויף ביידע זייטן גאָמבע, און דער קורצער, שמאַלציקער האַלז האָט זיך ביי אים וויכטיק אָנגע־גוידערט: — אַבי איר זאָגט: אויסטראַליע... אָט זעט איר, ראַביי סטאָון אַליין האָט זיך מטריח געווען. אַ מענטש האָט פונדעסטוועגן דאָ מער „אוואַזשעניע" ווי אין דער היים!...

— אַ וואַזשנע מציאה, ראַביי סטאָון! אַ „גאַליבראָדע", קען קיין יידיש וואָרט נישט אַרויסרעדן, אויך מיר אַ רב... — האָט משה האָקער אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און ביטולדיק פאַרקנייטשט די ליפּן.

— און דער פאַרדרייטער קאָלנער זיינער? ס'וואָלט גע־פּאַסט פאַר אַ גלח, כ'לעבן... מען שמועסט, יאַקבי ער גייט אין „טשערטש" און האַלט דאָרט דרשות פאַרן גייעס! — האָט מיט אַ סודותדיק קול אַריינגעוואָרפן שמעון לוויוויטשער, אַ ייד — הויט און ביין, מיט אַ פּאָר צעשראָקענע, ביסטרע אייגע־לעך ווי ביי אַ מייזל. ער האָט געהאָקט מיט פּאַפּיראָסן, אַן איינ־געהויקערטער זיך אַרומגעשלעפּט איבער יידישע הייזער מיט זיין קליין, אָפּגעריבן וואַליזקעלע סחורה און שטענדיק געהאַט אַ פולן בויך מיט נייעסן. פון אַרומגיין איבער די יידישע הייזער האָט ער געוואוסט, וואָס עס קאָכט זיך ביי יעדן איינעם אין טעפּל, און דער עולם אויף דראַמאָנד סטריט האָט זיך געקוויקט מיט

זיינע מעשהלעך, וועלכע ער פלעגט דערציילן מיט אַ טונקל, איינגעצויגן קול, און כאָטש מען האָט אים נישט שטענדיק געגלויבט, פונדעסטוועגן האָט מען געשלונגען יעדעס וואָרט זייגס און הידושדיק געשאָקלט מיט די קעפּ:

— וואָס דאָ קאָן זיך אַלץ פּאַרלויפן!... ישוין איינמאָל אַ מדינה!...

מיסטער פרענקעל האָט אָפּגעמאָסטן שמעונען מיט די אויגן פון אויבן אַראָפּ, און זיינע פליישיקע באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן. עס איז אים נישט אָנגעשטאַנען זיך אריינצולאָזן אין אַ שמועס מיטן פּאַפּיראָסן־האָקער, וועמען ער פלעגט טייל־מאָל אויס רחמנות געבן צו לייזן אַ שילינג, און ער האָט זייטיק אַ וואָרף געטון אין חלל אריין:

— טשערטש־שמערטש... ווייס איך וואָס! אַבי מען לאָזט לויפן די צונג...

— א נפקא־מינה... סיי־ווי האָט דאָס יידישקייט דאָ אַ פּנים, אַז אָך־און־ווי... — האָט משה האָקער שווער אָפּגעזיפּצט.

— ס׳הייסט, ס׳האָט נישט קיין פּנים? — האָט מיסטער פרענקעל גענומען רעדן בייזער. — און גענעראַל מאָנאַש? אין דער היים האָט מען אויך געהאַט אַזעלכע יידן, האַ?

דער הויכער פייוול האָט ברייט צעשטעלט זיינע פלאַטפּיס און זיך אָנגענומען פאַר די באָקעס.

— קוקט אים נאָר אָן, דעם אויסטראַלישן מליץ־יושר! אַ גאַנצער קנאַקער דאָ געוואָרן, מיטן גענעראַל מאָנאַש צוזאַמען חזירים געפּאַשעט! — האָט ער אויפן הויכן קול געטענהט צום עולם, און דער עולם האָט אים אונטערגעהאָלפן:

— אַ צעלייגער אַ גאַנצער!

— דעות וועט ער אונז זאָגן!

— אַ „מאַניופעקטשערער”, איין קליניקייט!

די יידן זענען מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. פונם הויז איז אַרויסגעקומען ראַביי סטאון מיטן יונגעגמאַנטשיק פון דער חברה־קדישה, און הינטער זיי האָט מערקעל אַ פאַרמעכיעטער נאָכגעטענצלט. אויף זיינע שטעקלדיקע פיס. דער עולם האָט

זיך אַ לאָז געטון צו אים, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, אָבער ער האָט בהלהדיק אַ וואָרף געטון מיט די הענט, געשווינד זיך אויסגעדרייט פון קרענצל און גענומען נאָכיאָגן דעם ראַביי מיטן יונגענמאַנטשיק. ער איז צוזאַמען מיט זיי איינגעשטיגן אין טונקל־בלויען אויטאָ, און ווען דער אויטאָ האָט שוין גענומען רירן פון אָרט, האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענסטערל און מיט אַ השיבות אין קול מודיע געווען דעם עולם:

— היינט נאָכמיטאָג וועט זיין די לוויה.

* * *

צו דער לוויה איז געקומען אַ גרויסער עולם. די גרינע האָבן זיך צוגעשטעלט אַלע ווי איין מאַן. דאָס איז געווען זייער ערשטע לוויה אין דער נייער מדינה. די האָקערס און די מאַרק־שטייערס האָבן געלאָזט שטיין אַלע געשעפטן, און אויך די שניידערס האָבן אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אויף זייערע „דזשאָבס" און גוטע פאַרדינסטן. די דראַמאָנד סטריט איז געווען שוואַרץ מיט מענטשן. עס איז געשטאַנען אַ חמימה־דיקער נאָכמיטאָג. פון קלאָר־צעשיינטן הימל האָט געשלאָגן אַ ליכטיקייט און אַ היץ, און אין דער דינער, צעגליטער לופט האָט זיך שאַרף אַריינגעשניטן דער מינדסטער שאָרך, יעדעס וואָרט, וואָס מען האָט געלאָזט פאַלן. דער עולם האָט זיך גע־דרייט אויף און אָפּ מיט שווערע, פאַרזאָרגטע טריט, זיך געקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַריין און שטילערהייט גע־שושקעט צווישן זיך:

— די גאָלדענע גליקן דאָ... כדאי געווען אַהערצוקומען...

עס האָבן זיך געיאָוועט אויך עטלעכע ווייבער אויסגע־פוצט לוויהדיק אין שוואַרצע שאַלן אויף די קעפּ און מיט פרום־אויסגעצויגענע, ווי אין עסיק אויסגעווייקטע פּנימער. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין אַ באַזונדער קרענצל, גערעדט צווישן זיך מיט צוגעדרושעטע, פאַרוויינטע קולות, און די מיסים עקמאַן פון כשרן בוטשער־שאָפּ, אַ הויכע, ביינערדיקע יידענע מיט אַ מאַנסבילישן געשטעל, האָט אַלע פאָר רגעס אַ פּאַטש געטון אין די ברייטע הענט מיט שוואַרץ־אַרומגעריזשעטע נעגל, און

איר קול האָט זיך געריכט געטראָגן איבער דער גאַנצער גאַס:
— וויי, וויי! אין דער היים געלאָזט אַן אלמנה מיט יתומים!...

צווישן עולם האָבן זיך שטייף אַרומגעדרייט עטלעכע פּני פון דער „קאָנגרעגיישן". זיי זענען געקומען צו דער לוויה אין זייערע גלאַנציקע, געדעקטע אויטאָס, וואָס זענען געשטאַנען רחבותדיק צעוואָרפן איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס און גביריש געבלאַנקט מיט זייער לאַקירטער בייכיקייט ווי פעטע זשוקעס. די פּני האָבן געלאַסן און מיט ישוב־הדעת גע־שטעלט די טריט, געריכט און לייכעצדיק אַריינגעהוסט אין זיך און קרומלעך, אַבי אָפּצוקומען, געשאָקלט מיט די קעפּ אויף די הכנעהדיקע באַגריסונגען פון די גרינע. הערריי גודמען, דער רייכער „האָלסעילער", וואָס האָט געגעבן די האָקערס סחורה אויף קרעדיט און זיך געהאַלטן מיט זיי היימישלעך, מעשה אייגענער מענטש, האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן עולם אַ צעיאַכמעטער, געצווינגן די פּלייצעס אַרויף און אַראָפּ און גע־טענהט מיט זיין פול, גווידערדיק קול:

— וואָט־דו־יו־מין געשטאָרבן? ערשט יענע וואָך האָב איך מיט אים גערעדט; נו גיי וויים... אוי, גרינע, גרינע!...

— מילא, מאַ, וואָס קאָן מען טון? ס'אַ גאָט־זאַך, מיסטער גודמען! — האָט מיט אַן אומבאַהאָלפן שמייבעלע, ווי אַ פאַרשולדיקטער, הכנעהדיק אָפּגעענטפערט משה האָקער.

אַ שוואַרץ־לאַקירטער, לענגלעכער אויטאָ מיט אַ רייך־גע־שניצטן קאַסטן פון הינטן איז פּאַמעלעך אַריינגעפאָרן אין דער גאַס אַריין. צווישן עולם איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. עס האָט אַ יאָג געטון מיט אַ קילער טונקלקייט. אײ דער לופט האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ שטילער, צעשראָקענער פּלאַטער. די יידן האָבן זיך ענגער צוגעשאַרט איינער צום צווייטן און געוואָרפן זייטיקע, צעטומלטע בליקן אויפן שוואַרצן אויטאָ. ביים רעדל איז געזעסן אַ גוי אין אַ שוואַרץ היטל מיט אַ ברייטן גלאַנציקן דאַשעק. ער האָט שטייף געהאַלטן די שוואַרץ־באַהענטשקעטע הענט אויפן רעדל, און זיין גרויס, פּיר־קאַנטיק פּנים האָט

אויסגעזעזן ווי אַ שטיק פּאַרפּרוידן טייג. ביים הויכן פּייוול זענען די אויגן פלינק אַרומגעלאָפן אין די טיפע אויגן־לעכער. ער האָט נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט, געוואָרפן מיטן קאָפּ אויף אַלע זייטן און זיך געשושקעט מיטן עולם:

— אַ מבין אביסל אויף אַן עגלה! אַ „מאָטעקאַר” מיט אַ גויאישן קוטשער גאָר!

— אַ מדינה!... אַ גוי זאָל גאָר פירן אַ יידישע לוויה! — האָט משה האָקער זיך אָנגערופן מיט אַ שווער קול.

— מען מאַכט דאָ חוזק פון אונז, צי וואָס? ס'זעט דאָך אויס ווי אַ גויאישע „באַסעלע”, להבדיל! — האָט פּייוול שוין העכער אויפגעהויבן דאָס קול מיט אַ ירגזון.

— ס'טייטש! היתכן! ס'איז טאַקע ווי אַ הוזק!... — האָט מען זיך גענומען קאָכן צווישן עולם און זיך אַ לאָז געטון צו מיסטער גודמען מיט טענות.

— וואָט־סע־מעטער, יידן? האָט ער ברוגזלעך געפרעגט.

— ווי קומט עפּעס אַ גוי צו אַ יידישער לוויה? — האָט אויך מיסטער פרענקעל איצט מיטגעהאַלטן מיטן עולם. ער האָט אויפגעהויבן דאָס צוויי־שפּיציקע בערדל צו מיסטער גוד־מען און אַריינגעשטעקט מעשה תקיף די גראָבע פינגער פון ביידע הענט אין די וועסטל־קעשענעס.

— אַ מאַניופעקטשערער זאָל אַזוי רעדן? ס'פּאַסט נישט, מיסטער פרענקעל! דאָ אין דער קאַנטרי פירט מען זיך אַזוי, יו אַנדערסטענד?...

— נישט געדאַכט זאָל זי ווערן, די קאַנטרי! — האָט פּייוול אויסגעשפּיגן מיט כעס.

צווישן די פּני איז געוואָרן אַ גערודער. זיי האָבן אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן מיט אויפגעריסענע אויגן, אָנגעצויגן די פּנימער און בייז געוואָרפן מיט די קעפּ.

— אַ חוצפּה פון גרינע... זיי זידלען די קאַנטרי! די קאַנטרי געפעלט זיי נישט!

— זאָלן זיי פאָרן צוריק אַהיים! ווער דאַרף זיי דאָ? —

האָט מיסטער גודמען זיך געקאָכט מיט זיין גוידערדיק קול. — בלויז טראָבל האָט מען פון זיי, ראטס אָל!

— קאַטערזשאַנעס, אַנטיסעמיטן! — איז דער עולם אַרויס פון די כּלים און גענומען שרייען אויפן הויכן קול, און ווער ווייסט, צו וואָס עס וואָלט דערגאַנגען, ווען נישט מערקעל, וועלכער איז אַ פּאַרסאָפּעטער אָנגעקומען מיטן געקרייזלטן יונ־גענמאַנטשיק פון דער חברה־קדישא און נאָך צוויי עלטערע יידן אין פאַרשמאָלצענע, האַרטע קאַפּעלושן הויך אַרויפגע־שאַרצט איבער די שטערנס. זיי זענען געגאַנגען שווייגנדיקע, מיט גיכע, פאַרטראָגענע טריט און נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם גלייך צו צום הויז, וואו עס איז געווען דער מת. דער עולם איז צוגעלאָפן צו מערקלען, זיך געשטופּט צו אים פון אַלע זייטן און פאַרוואָרפן מיט קשיות: וואו איז ער אַלץ געווען, ווי אַזוי איז עס צוגעגאַנגען, וואָס האָט ראַביי סטאָון געזאָגט?

— רעד אַ וואָרט, מערקעל, דערציילן! — האָט מען זיך ביי אים געבעטן און געקוקט אין די באַברילטע אויגן אַריין.

— באָלד... לאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם! — האָט מערקעל אַ פּאַרטראָגענער געסאָפּעט און מיט ביידע הענט זיך געפּאָכעט איבערן פּנים. ער האָט דערזען פונדערווייטנס די פּני, וועלכע האָבן זיך ברוגזדיק אָפּגערוקט אָן אַ זייט און געוואָרפן הינטן אַרום בייזע בליקן צום עולם צו. ביי מערקלען האָבן זיך די אויגן גדולהדיק צעפינטלט. ער האָט אויסגעצויגן דעם שמאָלן, פויגלשן האַלז און מיט אַ פאַרגאַפּט שמייכעלע גענומען שאָקלען צו זיי מיטן קאָפּ. ער האָט געוואָלט צוגיין צו זיי, אָבער פּיוול האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַן אַקסל און שאַרף אַדורכגעזיפּט צווישן די ציין:

— שטיי־איין, ליטוואַק... קריך נישט, וואו מען דאַרף נישט!

אַרום הויז איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ געדראַנג. אין דער מאַט־באַגלאָזטער טיר, וואָס איז געשטאַנען הפקרדיק צעפּראַלט ווי אַן אויפגעבראָכענע, האָבן זיך באַוויזן די חברה־קדישא־

ליַיט מיט אַ שוואַרץ־איבערגעדעקטער מיטה אויף די אַקסלען. זיי האָבן זיך קרומלעך, מיט איין זיַיט פּלייצע קוים אַדורכ־געשטופּט דורך דער ענגער טיר און געשווינד, מיט געהיפּעטע טריטעלעך, ווי עמיץ וואָלט זיי נאָכגעיאָגט, צוגעטראָגן די מיטה צו דער עגלה. צווישן די וויַיבער איז געוואָרן אַ יללה. די מיסים עקמאַן האָט מיט פונאַנדערגענומענע הענט זיך געוויגט אין דער ברייט און זיך פאַרגאַנגען אין אַ צעצויגענעם תחינה־ניגון:

— די אלמנה, נעבעך... די יתומים!...

— וואָס שריַיען זיי די וויַיבער? — איז מערקעל געוואָרן אינגאַנצן צעטראָגן און נישט־ניחאדיק געוואָרפן מיטן קאָפּ אויף אַלע זיַיטן. — ס'איז נישט אין דער היים... דאָ גייען נישט קיין וויַיבער צו לוויות!

— וויים איך וואָס... — האָט פּייוול מיט ביטול פאַר־קנייטשט די פלײשיקע נאָז. — מען פּייפט אויף די היגע מאָדעס! זאָלן זיי וויינען, די וויַיבער! ס'איז אונזער לוויה!

ער האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך די חברה־קדישא־ליַיט, וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט ביַי דער עגלה מיט דער מיטה. ער האָט אונטערגעשטעלט אַ געבויגענע פּלייצע, בריהש צעפּירט די הענט, און די מיטה האָט זיך מיט אַ טרוקענעם, הילצערנעם סקריפּ ארייַנגעגליטשט אין דער שוואַרצער טיפקייט פון דער עגלה. דער עולם האָט זיך גענומען צושאַרן צו דער עגלה מיט פּאַמעלעכע, לוויהדיקע טריט. איבער דער גאַס האָבן ווייך, ווי גרויסע ווערים, זיך אָנגעהויבן רירן די בייכיקע אויטאָס פון די פּני, זיך איבערגערופן מיט קורץ־אָפּגעהאַקטע, פאַר־זשאַווערטע קולות פון די טרומייטערס, ווי זיי וואָלטן זיך גע־בייזערט. די עגלה האָט שווער אַ סקריפּ געטון, זיך צעכאָרכלט מיטן מאָטאָר און גערירט פון אָרט. משה האָקער האָט אַבלדיק אָנגעשפּאַרט די הענט אויפן טירל, און דער איבעריקער עולם, מענער און וויַיבער אויסגעמישט, איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן. די עגלה האָט זיך אַ וויג געטון אין דער ברייט און גענומען פאָרן גיכער. דער עולם האָט געפּרואווט נאָכיאָגן די עגלה, און פרענקעל, ביַי וועמען דער קיילעכדיקער בויך האָט זיך געהויבן

אַרויף און אַראָפּ פון שנעלן לויפן, האָט מיט אַ פּאַרקייכטן אָטעם געגומען נאָכשרייען:

— העי, סטאָפּ! סטאָפּ! ס'טראָגט אים, דעם ערל... אַ בייז געאייל אויף אים!...

די עגלה איז געפאָרן וואָס אַמאָל געשווינדער און איבער־געלאָזט הינטער זיך דעם עולם יידן. זיי זענען געבליבן שטיין אין מיטן גאַס מיט אויפגעריסענע, צעטומלטע אויגן. פאַרביי האָבן זיך אַדורכגעטראָגן איינער נאָכן צווייטן די אויטאָס פון די פּני, געפּאַטשט מיט די גומענע רעדער איבערן ברוק און פאַרשוואונדן הינטער אַ ראָג נאָך דער עגלה. פּייוול האָט פאַר־לייגט די הענט אויפן בוזים, באַטראַכט דעם עולם מיט אַ קרומלעך שמייכעלע אויף איין זייט מויל און מיט אַן איינגע־צויגן ביי־קולכל געטענהט צום עולם:

— נו, וואָס זאָגט איר נישט דערצו?... מ'האָט אונדז אָנגעפּיפן, האַ?...

— סדום!... ס'איז אויף דער וועלט נישט געהערט געווען!... — האָט משה האָקער זיך געקאָכט און געוואָרפן מיט די הענט.

מיסטער פרענקעל האָט נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם פון נאָכלויפן די לוויה. ער האָט שווער געפּרייכט מיט אַן אָפן מויל, און דאָס צוויי־שפּיציקע בערדל האָט זיך ביי אים צע־שויבערט און אַראָפּגעהאָנגען פון דער גאָמבע ווי אַ צעדריוולט שמאַטקעלע.

— אַזאַ בזיון!... — האָט ער קורץ־אָטעמדיק געסאָפּעט מיט אויפגעבלאָזענע, פאַרפלאַמטע באַקן. — ער האָט זיך מיט די עלנבויגנס אַרויסגעשטופּט פונעם קרענצל יידן און מיט אַ צעקאַטשעטן בויך זיך געלאָזט לויפן לענגאויס דער גאַס. — מ'עט זיי וויזן!... ס'איז נישט הפקר אַ וועלט!... — האָט ער לויפנדיק געפּאָכעט אין דער לופט מיט אַ געביילטער פויסט.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און ער איז געקומען אָנצופאָרן מיטן גראָבן ביל אין אַ הויכן, צעטראַסקעטן לאַסט־אויטאָ. ביל, אַ ברייט־געפּאַקטער, רויט־פּנימדיקער פאַרשוין

## 9. גאָלדהאָר

מיט אַרויסגעזעצטע וואַסערדיקע אויגן און שטענדיק מיט אַ גראָבן, פון סלינע דורכגעווייקטן ציגאַר צווישן די ליפּן, איז געווען אַ היימישער מענטש צווישן דעם עולם גרינע. ער האָט אין זיין צעטראַסקעטן אויטאָ געפירט פאַר די מאַרקעט־שטייערס זייערע פּעק סחורות אין מאַרק אַריין און הוץ דעם אויך אַליין אַביסל אונטערגעהאַנדלט מיט פאַרשידנערליי ראַמשן און באָווּ־לען. ער פלעגט ברענגען אויפן מאַרק אַן אויסגעמישטע קראָם פון קנעפּ, שנאַלן, צעפּלאָנטערטע פּעק פאָדים, אַלטפרענקישע פרויען־היטן, שפּיגעלעך, גומענע אָפּצאַסן, אַלץ צוזאַמענגע־וואָרפן אין אַ קופּע אויף דער ערד און שרייען מיט אַ פאַר־רויכערט, גאָרגלדיק קול:

— מעציעס, לײדיס און דזשענטלמען! בעסט קוואַליטי! מאַזעלטאָפ!...

די יידן האָבן אָנגעקוואָלן פון זיינע יידישע ווערטלעך און געדרונגען, אַז נישט אַנדערש, ער מוז זיין אַ ייד. אַז מען פלעגט מיט אים פאַרפירן אַ שמועס וועגן דעם, פלעגט ער איבערוואַרפן דעם ציגאַר פון איין זייט מויל אין דער צווייטער, אויסשפּייען מיט אַ שפּריץ און זיך ברייט צעלאַכן:

— מאַמזער... האַסענע... מיסעמעשונע... כאָ, כאָ, כאָ!...

מיסטער פרענקעל איז אַראָפּגעקראָכן פון אויטאָ. דער קאַפּעלוש איז ביי אים געווען אַרויפגערוקט אויפן שפּיץ קאָפּ. ער האָט מיט אַ פינגער אַראָפּגעשאַרט די טראָפּנס שוויים, וואָס זענען אים געדיכט געשטאַנען אויפן שטערן, און אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ צום אויטאָ צו:

— זעצט אייך אויף! מיר פאָרן צו דער „סעמעטרי”, אויף מיינע הוצאות!...

— און די וויבער? — האָט מערקעל אויסגעשטעלט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן. — וויבער טאָרן דאָך נישט גיין אויף קיין לוויות!...

— מיט די וויבער! איך פרעג נישט ביי קיינעם! איך באַצאָל! — האָט פרענקעל ברייט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

דער עולם האָט זיך טומלדיק און שטויסנדיק זיך אַרויף־געדראַפּעט אויפן אויטאָ, וואָס האָט גענומען קרעכצן און שאָקלען זיך, ווי ער וואָלט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי פאָרן, צי ניין. בילל האָט געמייסטרעוועט ביים רעדל, געאַרבעט מיט די הענט און די פיס, ביז דער אויטאָ האָט זיך אַ ריס געטון, זיך צעהוסט מיטן גאַנצן אינגעווייד און גערירט פון אָרט.

אָנגעקומען צו דער „סעמעטרי" איז צווישן עולם געוואָרן אויפסניי אַ קאָך. אויף דער „סעמעטרי", ווי ווייט דאָס אויג האָט געקאָנט דערלאַנגען, האָט מען געזען בלויז מצבות מיט צלמים און הייליקע פיגורן, וואָס האָבן שטרענג, מיט קלויס־טערדיקער פייערלעכקייט אַרויסגעקוקט דורך די שטאַכעטן פון הויכן פּאַרקן. אַרום פּאַרקן זענען ווי הינער געווען אויסגע־זעצט אַ פּאָר אַלטע פרויען מיט קוישן בלומען, וואָס זענען ווי קאָלירטע פּאַפּירלעך געווען אָנגעהויפט איינס אויפס אַנדערע. דער עולם האָט זיך פאַרלוירן געדרייט ביים טויער פון דער „סעמעטרי", געקוקט דורך די שטאַכעטן אויף די צלמים, וואָס האָבן זיך שאַרפקאַנטיק אַריינגעשניטן אין שטילן חלל אַריין, געהויבן די פּלייצעס און געהאַט טענות צו פרענקלען.

— וואו האָט מען אונז פאַרפירט? ס'איז דאָך אַ „צמענטאַזש"!

— כ'זאָל אַזוי וויסן פון בייז... — האָט פרענקעל יאושדיק צענומען די הענט און צו צום גראָבן בילל, וועלכער איז זיך געזעסן ברייט צעשפּאַרט אינם אויטאָ און נחתדיק געצמאָקעט מיט די ליפּן זיין פאַרסלינעטן ציגאַר. — די דזשואיש סע־מעטרי, יו נאָו, גראָבער קאָפּ איינער! — האָט ער בייז צו אים געמאַכט מיט די הענט, און דער עולם האָט אים אונטער־געהאָלפן:

— יעס, יעס, דהי דזשואיש סעמעטרי!

— מאַזעלטאָפ, מאַזעלטאָפ! — האָט בילל כיטרע פאַר־קוועטשט אַן אויג און הינטן אַרום געטייטלט מיטן גראָבן פינגער אויף די באַצלמטע מצבות.

— און אפשר איז דאָס טאַקע דער בית־עלמין? אַ קשיה

אויף אויסטראַליע... — האָט פּיוול מיט אַ שפּיציק שמייכעלע פאַרשאַרצט די נאָז און זיך געוויגט אויף זיינע לאַנגע פלאַט־פים.

— נאָר ער חכמעט זיך, פּיוול! — האָט דער עולם זיך אָנגעבייזערט אויף אים — אַ מענטש זאָל שטענדיק האָבן ליצנות אין זינען!

— אַ קשיה אויף אַ מעשה... — האָט זיך שמעון לוויווי־טשער אָנגערופן מיט זיין איינגעצויגן קול, און אָנווייזנדיק אויף עטלעכע אויטאָס, וואָס זענען שיטערלעך געשטאַנען צע־וואָרפן ביי די זייטן גאַס, פאַרחידושט געפינטלט די מייזענע אויגן — די „מאָטעקאַרס" קומען מיר אויס עפּעס היימיש. כ׳וואָלט געשוואוירן, אַז דאָרט־אָ שטייט מיסטער גודמענס „ביואיק", און דערנעבן מיסטער סוויטמענס נייער „דאָדזש". אָנגעזעצט אויף פינף טויזנט פונטלעך און זיך געקויפט אַ „דאָדזש", דער גנב!...

— כ׳מיין, אַז שמעון איז גערעכט — האָט פרענקעל גישט־ניהאַדיק אַביסל צוגעגעבן. — נישט אַנדערש, דער בית־עלמין דאַרף דאָ ערגעץ זיין. — ער האָט מיט ישוב־הדעת זיך אַ וויש געטון די צוויי שפּיצן פון זיין בערדל און אַ מאַך געטון צו מערקלען מיטן קאָפּ: — דו ביסט דאָך עפּעס אַ קנאַקער אויף ענגליש, טאָ גיב־זשע אַ פרעג ביי מענטשן. זאָלסט זיך פרעגן אויף דער „דזשואיש סעמעטרי", הערסט?

מערקעל האָט וויכטיק זיך צורעכט געמאַכט די ברילן אויף דער נאָז, אַ דריי געטון מיט דער שמאָלער פּלייצע און פאַרשמאַיעט געגנומען אַרומהאָפּקען אויף זיינע דינע פיס איבער דער גאַס. ער האָט אָפּגעשטעלט איין פאַרבייגייער, אַ צווייטן, געוואָרפן מיט די הענט, און דער עולם האָט אים נאָכגעקוקט פונדערווייטנס, ווי ער טענהט זיך אויס מיט די מענטשן, און אים באַוואונדערט מיט קנאה:

— אָן אייזערנע גבורה פון אַ ליטוואַק... ער וועט אויפן פייער נישט פאַרברענט ווערן!

# אַ לוויה

מערקעל איז צוריקגעקומען מיט אַ לאַנג פּנים און אומ־באַהאָלפן אויסגעשפּיצט אַן אַקסל.

— גיי ווייס... — האָט ער זיך געקוועטשט — אַלע זאָגן, אַז דאָ איז די „דזשואיש סעמעטרי"...

— מילא, מען וועט אַריינגיין, וועט מען זען — האָט פרענקעל אָפּגעפּסקנט. — אפשר איז דורך דאָנען דער וועג צום בית־עלמין.

— ווייס איך וואָס... — האָט משה האָקער אומגעדולדיק אַ וואָרף געטון מיט אַ געדריכט קול. — אויף אַ „צמענטאַזש" זועל איך קריכן! כ'בין נישט משוגע...

— וואו־דען וועט מען גיין? אַ ברירה האָט מען?... — האָט פרענקעל מיט אַ טענה זיך צעלאָזט אויפן הויכן קול. — איז מען שוין דאָ, איז ממה נפשך, גיט מען אַ קוק!

די יידן האָבן מיט פּאָרזיכטיקע, ווייכע שפּרייזעלעך אויף די שפּיצן פינגער איבערגעטרעטן די מערמעלנע שוועל ביים טויער פון דער „סעמעטרי". עס האָט אויף זיי אַ יאָג געטון מיט אַ פייערלעכער, שטייפער שטילקייט. צלמים און שטיי־נערנע פיגורן האָבן האַרט און ווייס אַרויסגעבלאַנקט פון צווישן דעם טונקעלן, געקרייזלטן גרינס פון די בוימער אַרום און אַרום. די שפּעטע נאָכמיטאָג־זון, וואָס איז ווי צעשניטן אויף האַלב, נידעריק געלעגן אויפן ראַנד פון הימל, האָט אָנגעגאָסן די שטילע לופט מיט אַ געדריכטן, רויטלעכן אָפּשיין. דער עולם האָט שווייגנדיק געשטעלט די טריט, שרעקעוודיק זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און דער ברייטער, זאַמדיקער וועג צווישן די אַלייען האָט טרוקן געקנאַקט אונטער די פיס זוי מיט אַ געבייזער: וואו גייט איר? וואו גייט איר?... מער־קעל, וועלכער איז געגאַנגען פאָראויס, האָט יראת־הכבודיק אַראָפּגענומען פון קאָפּ דעם הוט, און נאָך אים האָבן אויך די איבעריקע נאָך אַ שטיקל ישוב־הדעת איינציקווייז אַנט־בלויזט די קעפּ.

— אויף אַ „צמענטאַזש" צו זוכן אַ יידישע לוויה, מנע...

— האָט משה האָקער בייז אונטערגעברומט און מיט חשד געוואָרפן פון דער זייט אַפּער קרומע בליקן אַרום זיך.

— ווער ווייסט, וואו מיר פאַרקריכן דאָ! אַז עס נעמט נישט קיין סוף!... — האָט עולם אָנגעהויבן ווערן אומרואיק און זיך האַרט צוגעשאַרט איינער צום צווייטן ווי שעפּסן.

אין דער טיפער, פאַרנאַכטיקער שטילקייט האָט זיך דער־הערט אַ לויז געראַויש פון טריט. פון צווישן דער געדיכטער טונקלקייט פון די בוימער האָבן שוואַרץ אַרויסגעשלאָגן מענטש־לעכע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך שאָטנדיק געצויגן אין אַ שיטערער, געשלענגלטער שורה.

— אַ „פּאַגזשעב”! — האָט דער עולם זיך אַ כאַפּ געטון אויף צוריק און זיך איבערגעקוקט מיט גרויסע אויגן.

— מכלכל חי־י־ים בחסד... — האָט זיך פּלוצטאַלבן דערהערט אַ צעצויגן, טיף געזאַנג. דער עולם האָט זיך מהומהדיק אַ ריס געטון און מיט צעפּלאָנטערטע טריט זיך געלאָזט פאַר־אויס. צוקומענדיק נענטער האָבן זיי דערזען דעם ראַביי סטאָון, אָנגעטון אין אַ שוואַרצן לאַנגן קיטל מיט אַראָפּהענגענדיקע אַרבל און אין אַ הויכן, שפּיציקן ספּאָדיק אויפן קאָפּ. ער איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע, צעוויגטע טריט, די הענט פאַרלייגט הויך אויפן בוזים, און געציקלט מיט זיין טיף־ברוסטיק, שווער קול:

— מחיה מתי־י־ם ברחמים רבי־י־ם...

הינטער אים זענען געגאַנגען די חברה־קדישא־לייט מיט דער איבערגעדעקטער מיטה אויף די אַקסלען. נאָך זיי האָבן געשפּאַנט מיט אָנגעבלאָזענע, פאַרטועגע פּנימער די פּני און פּרום צוגעשאָקלט מיט די קעפּ צום טאַקט פון ראַביי סטאָונס געזאַנג.

— די לוויה!... — איז דער עולם ראַפּטום געבליבן שטיין מיט אַנטבלויזטע קעפּ, פאַרגעסנדיק אין דער מהומה צוריק אָנצוטון די היטן. ראַביי סטאָון האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט צוזאַמענגעצויגענע ברעמען באַטראַכט דעם עולם

יידן. ער האָט באַדויערנדיק אַ שאָקל געטון צו זיך מיטן קאָפּ און גענומען ווייזן מיט אַן אויסגעצויגענעם פינגער אויף זיין ספּאָדיק, אַז דער עולם זאָל אָנטון די היטן. ער האָט דערביי נישט איבערגעריסן דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך ווי אַליין פון זיך געדריוועלט פון זיין אָפן מויל. ער האָט אַ צי געטון מיט די אַקסלען, העכער פאַרלייגט די הענט אויפן בוזים און גענומען ווייטער שפּאַנען מיט געמאָסטענע, פרומע טריט. די יידן האָבן זיך זייטיק צוגעשאַרט צו דער לוויה און נאָכגעגאַנגען גאָר פון הינטן, האַלטנדיק זיך דרך־ארצדיק אַביסל פונדערווייטנס. די פּני האָבן בסדר צו זיי אויסגעדרייט די קעפּ, געקנייטשט די פּנימער און פאַרדראָסיק געשמאָרעט מיט די נעז.

די לוויה איז צוגעקומען צו אַ פרישן אויסגעגראָבענעם קבר. די צעגראָבענע ערד איז געווען אַ ווייסלעכע, אַ פעט־קלעפּיקע, ווי אַדורכגעקנעטן מיט אייל. דער עולם האָט שווייגנדיק, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זיך געשטעלט אַרום קבר. משה האָקער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אויפגעהויבן אַ שטיקל ערד. ער האָט עס צעריבן צווישן די פינגער, באַטראַכט עס מיט פאַרקלערטע אויגן און שטיל אַ קרעכץ געטון:

— אַ מאָדנע ערד דאָ... גאָר אַנדערש ווי אין דער היים...

— אַ דאגה... די ווערים וועלן סיי־ווי פרעסן! — האָט פרענקעל שווער אַ ברום געטון און אים אָנגעקוקט מיט פינסטערע אויגן.

מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בר־מנן אין קבר אַריין. ראַביי סטאָון האָט אויף דער גיך, מיטן אָטעם בלויז, אַרויס־געזאָגט פון אַן אָפן סידורל, פרום אָפּגעהוסט און גענומען אין די הענט אַריין אַ לאָפּעטע, וואָס האָט געשטעקט אין דער ערד נעבן קבר. ער האָט אָנגענומען אויפן סאַמע שפּיץ אַביסל ערד און פאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט געשיט זאַלץ, עס אַריינ־געוואָרפן אין קבר אַריין. ער האָט זיך אַרומגעקוקט צווישן עולם, אָפּגעשטעלט דעם בליק אויף פּייוולען, וועלכער האָט

זיך מיט זיין הויכקייט אַרויסגעטיילט פון איבעריקן עולם, און אים דערלאַנגט די לאָפּעטע. פּייוול האָט אַריינגעשניטן די לאָפּעטע אין דער ערד אַריין און געבליבן שטיין מיט בלאָנ־דזשענדיקע אויגן. די יידן זענען געשטאַנען מיט פאַרשטייפטע פּנימער און געשוויגן. די ווייבער האָבן געציטערט מיט די קעפּ און געבלינצלט צו די מענער מיט אויגן, ווי זיי וואָלטן געוואָרט אויף עפּעס אַ צייכן, וואָס צו טון.

— וועל, וועל! — האָט דער ראַביי אונטערגעמונטערט פּייוולען — קאָם־אָן, איט איס עי מיצוואָ.

— איך קאָן נישט, יידן! — האָט פּייוול מיט אַן איבער־געבראָכן קול אַ זאָג געטון און אַרויסגעלאָזט די לאָפּעטע פון די הענט.

דער עולם האָט אַוועקגעדרייט די קעפּ. פרענקעל האָט שווער אָפּגעזיפצט, און די שפּיצן פון זיין בערדל האָבן גענומען ציטערן. די ווייבער, ווי זיי וואָלטן נאָר דערויף געוואַרט, האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שפּיציק, צעצויגן געוויין, וואָס האָט ווי אַ קלין זיך אַריינגעשניטן אין דער געדיכטער, פאַרנאַכטיקער טונקלקייט. דער עולם האָט פּאַמעלעך איינער נאָכן צווייטן זיך צוגעשאַרט צום קבר, אַריינגעוואָרפן אַביסל ערד, און משה האָקער האָט זיך געשטעלט זאָגן קדיש.

# אויף אַ פֿאַרם

סענדי אָ'ברייען, אַ הויכער אירלענדער מיט אַ לענגלעכער, מאָסיווער גאָמבע, אויף וועלכער עס איז ווי אַ מאָך געשטאַנען אַ ברודיק־געלבלעכער, נישט־ראַזירטער אָנוואוקס, האָט מיטן פוס אָוועקגעשאַרט אַ קופּע אָפּגעשונדענע, פֿאַרבלוטיקטע קראָליק־פעלעכלעך, וואָס ער האָט געהאַלטן ביים אַרויפציִען אויף דראָטענע רעמלעך צום טרוקענען. פֿון די פעלעכלעך האָט איבער דער ענגער, טונקעלער שטוב, מיט ווענט צונויפגעקלאַפּט פֿון רויע בעלקעס, זיך צעלייגט אַ יאַטקעדיקער, צעפּאַרעטער ריח און געקלעפּט זיך צום גומען ווי אַ שליים. אָ'ברייען האָט טיף אַ ציִ געטון דעם אָטעם און זיך אויפגעשטעלט מיט אַ שווערן קרעכץ פֿונם נידעריקן, איבערגעקערטן קעסטל, אויף וועלכן ער איז געזעסן פאַרטון אין דער אַרבעט. ער האָט פאַרוואָרפן די הענט אויפן נאָקן, זיך אויסגעלענגערט מיט דעם גאַנצער הויכקייט פֿון זיין ביינערדיקן, צעפלאָכטענעם גוף, און מיט אַ הנאהדיק־פאַרצויגענעם געניץ צוגעגאַנגען צום פענסטער.

אין דרויסן האָט דער טריבער, אויסטראַלישער האַרבסט־טאָג געהאַלטן ביים פאַרגיין. עס האָט אָן אויפהער געגאָסן אַ דינער, קאַלטער רעגן. דער גרוי־פאַרוואָלקנטער הימל איז שווער געהאָנגען איבער די דורכגעווייקטע, בלאָטיק־שוואַרצע פעלדער. עטלעכע שיטער־צעוואָרפענע פאַרם־הייזלעך האָבן זיך פאַרוואָרלאָזט געהויקערט אין דער ווייטקייט, און די בלעכערנע קעסלען, אין וועלכע די אויסטראַלישע פאַרמערס זאַמלען דאָס רעגן־וואַסער, זענען ווי בייזע שומרים געשטאַנען ביי יעדן הייזל און מיט זייער בייכיקער רונדיקייט קאַלט געגלאַנצט מיט אַ זשאַווערדיקן אָפּשיין אין דער רעגנדיקער גרויקייט אַריין. אַ סטאַדע שעפּסן האָט זיך געטונקלט פֿון דער ווייטנס, און די

ענג־צונויפגעטוליעטע וואָליקע שעפסן־רוקנס האָבן זיך הויקער־דיק געכוואַליעט, ווי אַ שטיק וואָלקן־פּלאַכטע פון הימל אַראָפּ. אַ פּאָר יתומריקע עקאַליפּטן האָבן זיך ווינסט געשאָקלט אַנטקעגן נידעריקן הימל מיט זייערע שיטערע צווייגן, און אין דעם נעריכטן רעגן האָט זיך אַלץ געזען, ווי דורך אַ גלעזערנער זיפּ, וואָס האָט כסדר געציטערט און זיך פאַנאַנדערגעבלאָזן אין ווינט.

אָ׳בריען איז אַ ווײַלע געשטאַנען בײַם פענסטער און מיט אָנגעכמורעטע אויגן אַרויסגעקוקט אין דרויסן.

— אַ ברודיק וועטער, — האָט ער אַ זאָג געטון, אָפּווישנדיק מיט זײַן שווערער, אָדערדיקער האַנט דאָס פאַר־לאָפענע פענסטער. — עס וועט, דאַכט זיך, רעגענען אַ גאַנצע נאַכט.

— ביי מיר שטייט דאָס גאַנצע פעלד אונטערן וואַסער, — האָט מיט אַ יאָושדיק קול געזאָגט סעם ראָטמאַן, אַ יידישער פאַרמער, אָ׳בריענס שכן, וועלכער איז געזעסן האַרט ביים קאַמין און פאַרזאָרגט געקוקט אויף דעם פייער, וואָס האָט מיט אַ וואַרעם־רויטן אָפּשיין זיך אָפּגעשלאָגן אויף זיין אויס־געצערט, ביינערדיק פּנים, אויף וועלכן עס האָבן זיך שוואַרץ געבערשטלט אַ פּאָר האַרטע, געדיכטע ברעמען.

— נישט קיין וואונדער, סעם, — האָט אָ׳בריען אים מוסרדיק געענטפערט. — כ׳האָב אייך כסדר געוואָרנט, אַז ס׳איז אומזיסטע אַרבעט עפּעס צו פאַרזייען. ס׳אָרט איז נידעריק.

— כ׳האָב אַליין גאַנץ גוט געוואוסט דערפון, — האָט אים סעם אומגעדולדיק איבערגעשלאָגן. — מיין אַרבעט איז מיר נישט קיין שאָד. עס גייט מיר וועגן עפּעס אַנדערש, סענדי.

— כ׳וויס, כ׳וויס! — האָט דער אירלענדער חוזקדיק אַ שמייכל געטון. — איר האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין אַ נאַרישע פאַנטאַזיע, נאָר איר וועט זיך אויסניכטערן מיט דער צייט, „נעוועד־מאַינד“...

— וואָס פֿאַר אַ פֿאַנטאַזיע איז עס? — האָט מיט היץ אויסגערופֿן כעם. — הונדערטער פֿאַמיליעס קאָן מען דאָ, אין דער געגנט באַזעצן. אַ פֿעט און פּרוכטבאַר לאַנד פּוסטעוועט דאָ. דער גאַנצער שטח כמעט ביז אַדעלאַיד איז פֿאַרנומען מיט שעפּסן־פֿאַרמעס. די שעפּסן קאָן מען אַריבערפֿירן העכער צו צפֿון אַרויף, און דאָ מאַכן פּלאַץ פֿאַר אַ גרויסן „סעטלמענט". וואָלטן מער פֿאַרמערס געטון ווי איך און זיך דאָ באַזעצט, וואָלט מען שוין געמוזט עפּעס טון אָפּצוציען ס'וואַסער.

— דאָס וואָלט זיך געלאָזט טון... — האָט אַ'ברייען ישוב־הדעתדיק געענטפֿערט, צוגייענדיק צום קאַמין און אויפֿשאַרנדיק דאָס פֿייער, וואָס האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ געלן פֿלאַם, פֿאַנאַנדערוייסנדיק די בין־השמשותדיקע טונקלקייט, אין וועלכער דאָס קליינע שטיבל האָט שוין אָנגעהויבן צו פֿאַרזינקען.

— דעריבער טאַקע האָב איך זיך באַזעצט דאָ אין דער ווילדערניש. כ'זאָל נאָר האָבן איין גוט געראָטעניש, און עס זאָל זיך ביי מיר אָפּשטעלן נאָר אַ קליין ביסל געלט, וואָלט איר שוין געזען, ווי דער גאַנצער יידישער „סעטלמענט" וואָלט אַהערצו געקומען צו לויפֿן. דעם יידישן „סעטלמענט" וויל איך אַהערצו ברענגען. וואָס פֿאַר אַ באָדן האָבן זיי דאָרט? לויטער זאַמד. דאָס באַמיסטיקן קאָסט זיי דאָך אָפּ אַ פֿאַרמעגן. די באַן גייט דאָרט אַדורך, מיינען זיי, אַז דאָס איז דאָס גאַנצע גליק. דאָס לאַנד אַרום דעם „סעטלמענט" איז טאַקע דעריבער טייער, און יעדער שפּאַן ערד איז שוין דאָרט פֿאַרנומען. נישטאָ קיין אָרט פֿאַרן „סעטלמענט" זיך פֿאַנאַנדערצושפּרייטן. און דאָ, אינגאַנצן אַ דריי מייל ווייטער, פּוסטעווען טויזנטער אַקער גוט און ביליק לאַנד. וואָלטן נאָר עטלעכע פֿאַרמערס אַהערצו געקומען, וואָלטן שוין די איבעריקע נאָכגעגאַנגען. נאָר איין מזלדיקן שניט איך זאָל האָבן, האָט איר דאָ גלייך אַ האַלבן יידישן „סעטלמענט".

דער אירלענדער האָט הידושדיק אָנגעקוקט סעמען.

— וואָס גייען אייך אַזוי שטאַרק אָן די יידן פֿון „סעטל־

מענט"? זיי טוען ווי זיי פאַרשטייען. וועמעס „ביזנעס" איז עס?

— וואָס הייסט, וועמעס „ביזנעס" דאָס איז? — האָט סעם זיך אויפגעבאַפּט און אין זיין שטים האָט זיך פאַרגנבעט אַן אָפּקלאַנג פון גמרא־ניגון, וואָס האָט מאָדנע פרעמד אָפּגעהילכט אין דעם גויאיש־רויען, פּוויערישן הלל פון דער שטוב. — נישט נאָר די יידן פון „סעטלמענט" וואָלט מען דאָ געקאָנט באַזעצן. עס וואָלטן אויך געקומען אַ סך יידן פון דער שטאָט. אַ גרויסן יידישן „סעטלמענט" וואָלט מען דאָ געקאָנט אויפבויען. קיין פּלאַץ פעלט נישט דאָ.

— שטאָטישע מענטשן, המ...! — האָט דער אירלענדער ביטולדיק אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען.

— הער אויף אַזוי צו רעדן, „דעדדי"! — האָט זיך נישט דרייסט אָנגערופן דזשין, אַ מיידל פון אַ יאָר ניינצן, וועלכע איז די גאַנצע צייט געזעסן שווייגנדיק ביים טיש און עפּעס געשטריקט פון רויטער וואָל. — דו דאַרפסט נישט רעדן אַזוי צו מיסטער ראָטמאַן!... ער וויל אויפטון אַ וויכטיקע זאַך. ער איז אַ פּיאָנער, אַ ריכטיקער אויסטראַלישער פּיאָנער. דו וואָלסט אים בעסער געהאָלפן אָנשטאָט אים אָפּצוקלאַפּן פון מוט.

— האָ, האָ, האָ! — האָט אָ'ברייען זיך ברייט פאַנאַנדערגעלאַכט. — דו נעמסט זיך צופיל אָן פאַר מיסטער ראָטמאַן, דזשין... עס איז פאַרדעכטיק... — האָט ער כיטרע אַ וואונק געטון צו סעמען. — „באַט נעווער מאַינד", מיסטער ראָטמאַן וויסט, אַז איך בין אים אַ גוטער פריינט. ער איז „דינקום" און אַזעלכע האָב איך ליב.

— האָסט מאָדנע ליב מענטשן, — איז דזשין ווייכער געוואָרן. — האָסטו עמיצן ליב, האַלטסטו אים אין איין זידלען און מוסר זאָגן. צו דער מאַמען, ווען זי האָט געלעבט, ביסטו אויך אַזוי געווען, און צו מיר ביסטו אויך אַזוי!...

— שאַר־אַפּ, מיידל! לערנען וויל זי מיך גאָר! — האָט דער אירלענדער מיט געמאַכטער שטרענגקייט זיך צעבייזערט, און נאָך אַ וויל שטילשווייגן מיט ברייטקייט צוגעגעבן: —

שטעל אוועק אויפן טיש אַ פלאַש „לאַגער”, וועלן מיר אויס־טרינקען מיט מיסטער ראָטמאַן אויף פריינטשאַפט. אַן אמתדיק וואָרט איז שטענדיק אַביסל הארב, ווי אַ גוט גלאָז ביר, נישט אמת, סעם?

דזשין האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס פון שטוב. אַ׳ברייען האָט איר נאָכגעקוקט מיט ליבנדיקע, צעשמייכלטע אויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אמתדיק „איריש” בלוט אין איר: קאָן נישט פאַרליידן קיין עוולה, און פאַר אַ רעכטן מענטש וועט זי זיך לאָזן דעם האַלז שניידן... פּונקט אַזוי ווי איך! — האָט ער אַ זעלבסטצו־פרידענער אַ קרעכץ געטון.

דזשין האָט אַריינגעבראַכט ביר און גלעזער. אַ׳ברייען האָט מיט פייערלעכקייט אָנגעגאָסן פאַר אַלע דריי און אויפהויבנדיק זיין גלאָז הויך אויסגערופן:

— „גוד לאַק”, סעם! איך ווינטש דיר אַ גוט געראָטעניש און טויזנטער יידישע פאַרמערס אַרום און אַרום. זאָל לעבן „איירלענד”!

ער האָט מיט הנאה אָפּגעזופּט פון גלאָז, מיט הרחבה זיך צעשפּאַרט אויף זיין שטול און קוקנדיק אַ ווייל אויף סעמען מיט אויפמערקזאַמקייט, גלייך ער וואָלט זיך פאַרנומען אים אַדורכצובליקן דורך־און־דורך, געזאָגט:

— מאָדנע מענטשן זייט איר, יידן! אומרואיקע, שטענדיק פאַרזאָרגטע, ערנסטע. פאַרוואָס נעמט איר נישט דאָס לעבן פשוט, אַזוי ווי עס איז? צו וואָס פאַרלאַנגען פון זאַכן, מער וויפיל זיי קענען געבן? אָט איר אַליין: איר זייט געוואָרן אַ פאַרמער, דאָס איז אָלרייט, זייט אַ פאַרמער. איר מאַכט אָבער פון אייערע פאָר אַקער לאַנד אַ גאַנצע פּאָליטיק. און דאָס ערגסטע, וואָס די פּאָליטיק איז ביי אייך דער עיקר, און די פאַרם גופא צוזאַמען מיט אייער גאַנצער אַרבעט נאָר אַ נעבן־זאַך. דאָס איז...

דזשין האָט מיט פאָרוואורף אַ קוק געטון אויף איר פאָטער. ער האָט דעם בליק אויפגעכאַפּט און מיטאַמאָל אָפּגע־

האַקט ,זיינע רייד. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ פּריש גלאָז ביר, עס אַריינגעזופּט אין איין אָטעם און אָפּווישנדיק זיך די ליפּן עטוואָס אָנגעשטרענגט געוואָרפן זיינע בליקן דאָ אויף סעמען, דאָ אויף זיין טאָכטער. עס איז געווען קענטיק, אַז ער שטרענגט זיך אָן עפּעס צו זאָגן.

— הערט סעם — האָט ער ענדלעך, אָנטוענדיק זיך אַ כוח, אויסגערופן: — איך האָב פאַר אייך אַ ביזנעס: מאַכט מיט מיר שותפות. עס איז אַ גוט יאָר אויף קראַליקעס. מען קאָן מאַכן געלט. איך וויל פון אייך גאָרנישט. העלפט מיר בלויז צו, מיר וועלן עס מאַכן „פיפטי־פיפטי". דער ווינטער רוקט זיך ערשט אָן, און ביזן זומער וועלן מיר ביידע האָבן מינדעסטנס צו צוויי הונדערט פונט אין טאַש. וואָס זאָגט איר דערצו?

סעם איז געוואָרן אַביסל צעטומלט.

— איך... איך ווייס אַליין נישט... — האָט ער אין פאַר־לעגנהייט געשטאַמלט. — מען דאַרף עס איבערקלערן... עס איז אַזוי פּלוצלונג...

— וואָס איז דאָ פאַראַן איבערצוקלערן? — האָט אָ'ברייען אומגעדולדיק אים איבערגעשלאָגן. — פון אייער פאַרמעריי, סעם, וועט גאָרנישט אַרויסקומען. איר מאַטערט זיך דאָ אומ־זיסט...

סעם האָט געמאַכט אַן אומגעדולדיקע באַוועגונג. דער אירלענדער האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און בעת מעשה אַ קוק געטון אויף דער טאָכטער. זי האָט באַמערקט זיין בליק און פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. זייגע אויגן האָבן אַ פינקל געטון מיט קלוגן, פאַטערלעכן מיטגעפיל און ער האָט אַ פעסטן דריק געטון סעמס האַנט.

— „קאָם־אָן, באָי"! — האָט ער גענומען צורעדינגלעך ווייטער רעדן. — זאָגט יאָ, און דאָס געשעפט איז שוין געמאַכט. אָט די אַלע פעלן, וואָס איר זעט דאָ אין שטוב, גייען אויך אַריין אין שותפות. איר האָט אַ גוטן „טשענס", סעם!

— איך ווייס אַליין נישט, וואָס צו זאָגן, — האָט סעם

פּאַרלוירן געשטאַמלט. — איך מוז זיך נאָך איבערלייגן. אַ שאָד מיר אָפּצולאָזן די פּאַרם, דעם אמת געזאָגט. איך האָב אַ סך אַרבעט אין איר אַריינגעלייגט, און עס איז אַ שאָד. איך וועל זיך נאָך מישב זיין.

אָ׳ברייען האָט אַן אַנטווישטער אָפּגעלאָזט סעמס האַנט. אין דער שטוב איז געבליבן הענגען אַן אומבאַקוועמע, אָנגעצויגענע שטילקייט. ער האָט אַ זייטיקן קוק געטון אויף דער טאָכטער, וועלכע האָט שטיל אַוועקגעדרייט פון אים דעם קאָפּ.

— זי איז פאַרליבט אין דעם „דזשו" נישט אויף אַ שפּאַס — האָט ער מיט ווייטיק געטראַכט — און ער? ווער קאָן דערגיין, וואָס אַ „דזשו" האָט אין זינען? מיט מיין אַריינמישן זיך, מיט מיין צושטיין צו אים, וועל איך, זעט אויס, גאָרנישט העלפן. איך באַליידיק בלויז דאָס מיידל דערמיט!...

סעם האָט אויף זיך שווער געפילט דאָס געשפּאַנטע שטילשווייגן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון אָרט און ווי פאַרשולדיקט זיך בלאַס אָנגערופן:

— צייט צו גיין. מען דאַרף די קו אויסמעלקן און אָנפּאַשן. זי וואַרט אויף מיר אַ הונגעריקע.

— איך זיץ און פּלוידער, — האָט זיך אויך אָ׳ברייען אויפגעכאַפּט מיט איבערגעטריבענער איילעניש פון זיין אָרט. — די דינגאָס מיט די פוקסן וועלן מיר דערווייל אויפפרעסן די געפאַנגענע קראָליקעס. קומט, סעם.

— יעדנפאַלס דאַנק איך אייך פאַר אייער פריינטשאַפט, סענדי, — האָט סעם אומדרייסט געזאָגט. — איך וועל אייער פאָרשלאָג גוט באַטראַכטן.

— צו יעדער צייט, סעם! מיין וואָרט בלייבט וואָרט.

סענדי האָט אַראָפּגענומען פון וואַנט אַ זאָטל, פאַרוואָרפן אים אויפן אַקסל, און מיט דער פרייער האַנט גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטון סעמען אויף דער פּלייצע.

— איר זייט אַ שווערער מענטש, סעם — האָט ער מיט אַ גוטמוטיקן פאָרוואורף געזאָגט — אָבער אַן ערלעכער זייט איר, און דאָס איז ביי מיר דער עיקר. „וועל, דזשין, טשיריאָ!"

— האָט ער זיך אויסגערדרייט צו דער טאָכטער. — דאָס עסן זאָל זיין אָנגעגרייט אויפן טיש, ווען כ'וועל זיין צוריק, געדענק. און אַ פלאַש ביר זאָלסטו אויך נישט פאַרגעסן, כע, כע!...

ביידע מענער זענען אַרויס פון שטוב. אַרויסגייענדיק האָט סעם נישט ווילנדיק זיך אומגעקוקט אויף דזשינען און געכאַפּט אויף זיך איר בליק, אַ פאַרבענקטן און אַ טרויעריקן.

* * *

סעם איז געווען בייז אויף זיך אַליין. ער איז אַן אָנגעקמורעטער געשטאַנען ביים איינציקן פענסטער פון זיין אָרעם, פון בלעך צונויפגעשלאָגן פאַרם־הייזל און אַרויסגעקוקט אויף דעם רעגנדיקן דרויסן, וואו עס האָט שוין אָנגעהויבן צוצופאַלן די נאַכט. אין דער אומגעלומפּערט־גרויסער, פּוסטער שטוב, וואָס האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ שטאַל, איז שוין געווען גוט פינסטער, און בלויז דאָס רויט־צעגליטע רייפל פון אַ פּרימוס־מאַשין, אויף וועלכער עס האָט זיך עפּעס געקאָכט אין אַ טעפּל, האָט בייז און דראָענדיק געגלאָצט אין דעם פינסטערן חלל אַריין. אין דער שטוב איז שווער געהאָנגען אַן אומהיימלעכע פּוסטקייט. פון די בלעכערנע ווענט און פון דאַך, איבער וועלכע עס האָט געדיכט און הילכיק געפּייקלט דער רעגן, האָט געבלאָזן מיט עלנט און פייכטער קעלט. דער פאַרנאַכט האָט דורכן פענסטער זיך געטונקלט וואָס אַמאָל שוואַרצער און געדיכטער, און ערשט ווען די שויבן זענען אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן, און די נאַכט אין דרויסן האָט אַלץ איינגעוויקלט אין חושך, איז סעם אָפּגעטרעטן פון פענסטער און ביים שיין פון דער ברענענדיקער פּרימוס־מאַשין אָנגעצונדן אַ קליין נאַפט־לעמפּל, וואָס האָט מיט זיין רויכיק פלעמל, אָנגעפילט די שטוב מיט אַ געלן, נעפּלדיקן ליכט.

סעם האָט מיט שווערע, פאַרזאָרגטע טריט גענומען שפּאַנען אַהין און צוריק איבער דער שטוב. ער האָט געטראַכט וועגן דזשינען. איר פּנים איז ווי לעבעדיק געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, און איר מיידלש־גלאַנציקער, פייכטער בליק האָט טיף

אַריינגעקוקט אין אים מיט מאָנונג און מיט בקשה צוזאַמען. ער האָט בולט פאַר זיך געזען אירע הייסע, זאַפטיק־אָנגעקוואָלענע ליפּן, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי ציטערן אין שטומען, פאַרחלשטן רוף:

— סעם, סעם!...

ער האָט געוואָלט אָפּטרייבן פון זיך דאָס דאָזיקע בילד און ער האָט מיט בייזקייט אויסגעשפּיגן אין חלל אַריין:

— וואָס טוט זיך מיט מיר, צו אלדי רוחות! אַ פּיאָנער בין איך, מ׳שטיינס געזאָגט, וויל בויען אַ ייִדישן „סעטלמענט“ און שפּיל גאָר ליבעס מיט אַן איירישער שיקסע!...

ער האָט שטייפער גענומען שפּרייזן איבער דער שטוב.

אַ פּאַרם מוז ביי אים זיין אַן אמת ייִדישע, מיט אַ ייִדישן הויז־געזינט, נישט אַנדערש, האָט ער צו זיך גערעדט אין געדאַנק. אַזיסט דאַרף ער דאָס גאַנצע עסק אויף כפּרות. צי דען האָט ער זיך פאַרקליבן דאָ אַהער אין דעם וויסטן העק, כדי צו כאַפּן אַ שיקסל? מער פעלט אים נישט... שטאַרק מוז ער ביי זיך זיין, קעמפן מיט זיך, פּונקט אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרגומען צו קעמפן מיט דער ווילדער אויסטראַלישער סטיכיע, און דאָס זייניקע מוז ער אויספירן: אַ פּאַרם און דווקא אַ ייִדישע, און נישט ערגעץ אַנדערש, נאָר טאַקע דאָ, אין דעם העק.

אויפן געדאַנק איז אים געקומען ראָזע זעלמאַן, פון ייִדישן „סעטלמענט“, די קלוגע, מיושבדיקע ראָזע. רזשין און ראָזע!... מער ווי אירע שיקסעדיקע, פאַרפירערישע חנדלעך, פון וועלכע ער לאָזט זיך פאַרדרייען אַ קאָפּ, האָט דען רזשין? ראָזע איז טאַקע נישט קיין שיינע, אָבער אַ ייִדישע טאָכטער איז זי. מיט איר וואָלט ער געקענט אויפבויען אַן אמתדיק ייִדישע פּאַרם, האָבן ייִדישע קינדער, און זיין אַרבעט וואָלט טאַקע געקאָנט האָבן עפּעס אַ ממשות, וואָלט באמת געלוינט.

ראָזע האָט אים גערן, דאָס ווייסט ער אויף זיכער. יעדעס מאָל, ווען זי זעט אים, שמייכלט זי צו אים וואַרעם און פריינטלעך, רופט אים „דו“, און ווען עס קומט אויס, אַז זיי זיצן איינער נעבן צווייטן, נעמט זי זיין האַנט אין אירער, און דאָס

פּנים רויטלט זיך ביי איר דעמאָלט אַזוי צניעותדיק, מיט אמתן ייִדישן חן. ער פאַרשטייט זי אָבער נישט אינגאַנצן. עפּעס גליטשט זי זיך כסדר אַרויס פון זיינע הענט. זי האָט אַוועקגע־שטעלט אַ מחיצה צווישן אים און זיך, און זי לאָזט אים בשום אופן נישט אַריבערטרעטן די דאָזיקע מחיצה. זי וואַרט אויף עפּעס, זי טראָגט עפּעס אין איר רעיון, דאָס איז קענטיק. אָבער וואָס? אפשר פילט זי אַרויס, אַז ער ליבט זי נישט, און זי איז דעריבער נישט אינגאַנצן זיכער מיט אים? ער האָט שוין עט־לעכע מאָל מיט איר געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס דערוועגן און זאָגן איר, אַז ער מיינט זי גאַנץ ערנסט, אַז ער איז אַ פּשוטער האָרעפּאַשניק און האַלט נישט פון די גרויסשטעטישע, סענטי־מענטאַלע ליבע־הנדלעך; אַז ער וויל זי האָבן פאַר אַ ווייב און זי ליבן מיט פּראָסטער ערלעכער ליבע אָן שום קונצן. זי אָבער לאָזט זיך נישט אַרויסקריגן אויף אַן אָפנהאַרציקן שמועס, רעדט מיט אים אויסמיידנדיק, מיט האַלבע ווערטער און האָט, קענטיק, מורא זיך צו אַנטשליסן אויף עפּעס באַשטימטס. מילא, וואָלט ער כאָטש געוואוסט, ווי ער האַלט מיט ראָזעס עלטערן, מיט די זעלמאַנס אַליין, וואָלט ער ראָזען פּשוט און גלייך געפרעגט: יאָ, אָדער ניין, און וואָלט אַ סוף געמאַכט צום גאַנצן עסק — אַהין, אָדער אַהער. זענען אָבער די זעלמאַנס אויך נישט צו פאַרשטיין. אַליין האָבן זיי געהאַלטן אין איין שיקן צו אים רעוורענד גאָלדמאַן, דעם שוחט פון „סעטלמענט", אַלס שדכן, און איצט זענען זיי זיך מישב. דער אַלטער זעלמאַן האָט אים די לעצטע צייט גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט צו באַמערקן, און אַז ער רעדט שוין יאָ מיט אים, רעדט ער זייטיק אַזוי און קאַרגט אַ וואָרט, ווי איינער זאָגט: אַרויסגעוואָרפענע רייד... און די זעלמאַנשע ווידער פּונקט פאַרקערט: איז לעצטנס געוואָרן צו אים גאָר חניפהדיק־זיס און פרעגט זיך אַרום אים, ווי זי וואָלט אים כסדר געמאַכט אָנצוהערעניש: אָבער גוטע פריינט קאָנען מיר דאָך סיי־ווי בלייבן...

די דאָזיקע רעיונות האָבן סעמען אָנגעפילט מיט ביטער־קייט. ער איז צו צו דער פּרימוס־מאַשין, אַראָפּגעדרייט דאָס

רווישנדיקע פּלעמל און אויסגעלייגדיקט דאָס הייסע טעפּל גע־קעכץ אין אַ טעלער אריין. עס האָט אַ שלאָג געטון צום סופיט מיט אַ געדיכטער, ווייסער פּארע. ער האָט גענומען עסן לאַנג־זאַם, אָן חשק, אָבער איינציקווייז האָט דאָס הייסע געקעכץ אים אָנגעוואַרעמט און אָנגעגאָסן זיין גוף מיט אַ שלעפּעריקער מידקייט. די אַרומיקע שטילקייט האָט שווער געפּרעסט אויף זיין געמיט. עס האָט אים אָנגעהויבן צו ווערן אומהיימלעך, און אַ נאָגנדיק געפיל פון איינזאַמקייט האָט זיך גענומען פאַנאַנדערשפּרייטן אין זיין ברוסט. ער האָט זיך שווער און מיט אַ קרעכץ אויפגעשטעלט און פון אַ פּאָליצע אַראָפּגענומען אַ פּראָסט ראַדיאָ־קעסטל מיט אַלט־מאָדישע האָרכערס אָנצוטון אויף די אויערן. ער האָט אָנגעשטעלט דעם אַפּאַראַט, און אַ שטילע, צוגעדושעטע מוזיק האָט שוואַך אָנגעהויבן זשומען אין די האָרכערס, גלייך זי וואָלט געקומען פון ערגעץ אַ ווייטער אַנדערער וועלט. דאָס האָט נאָך שאַרפער פאַרשפּיצט אין אים דאָס געפיל פון איינזאַמקייט, וואָס האָט פּשוט ביז פיזישן ווייטיק גענומען גראַבלען אין זיין האַרץ. דזשין איז אים ווידער געקומען אויפן געדאַנק, און ווי דאָס טרעפט אָפט ביי איינזאַמע מענטשן, האָבן זיך זיינע געדאַנקען באַלד פאַרקערפּערט אין בילדער. דזשינס געשטאַלט האָט ווידער אָנגעהויבן שווימען פאַר זיינע אויגן און רופן אים מיט איר בריענדיקן, מיידלש־גלאַנציקן בליק, אויפרודערנדיק אין אים אַן אומגערולדיקע, צאַפּלדיקע בענקשאַפט.

ער האָט מיט האַרץ אַוועקגעוואָרפן פון זיך די ראַדיאָ־האָרכערס און מיט פעסטע שפּרייזן ווידער גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב, ווי ער וואָלט וועלן אָפּטרייסלען פון זיך די קאָשמאַרנע געדאַנקען וועגן דזשינען. זיינע טריט האָבן שטומ־פיק און האַרט אָפּגעקלאַפּט אויף דער ערדענער פּאָדלאָגע. ער האָט צונויפגעביילט די פויסטן, דאָס פּנים האָט זיך ביי אים עקשנותדיק פאַרשפּיצט און זיינע בערשטלדיקע, געדיכטע ברע־מען האָבן זיך פאַרביסן צונויפגעצויגן אין איין האַרטן, גלייכן שטרייך.

## 9. גאָלדהאַר

נאָך היינט וועט ער אַהינגיין צו די זעלמאַנס. עס מוז נעמען איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף. די אומזיכערקייט, דאָס נישט ווּיסן, וואו ער האַלט אויף דער וועלט, מאַכט פון אים אַ תּל. זאָל ער וויסן, אַז עס איז אים באַשערט צו בלייבן איינזאַם, וועט ער זיך אָנטון אַ כּוח און איינבייסן די איינזאַמקייט מיט מער אַרבעט, מיט מער עקשנות. אָבער נאָכלאָזן וועט ער נישט, ער וועט זיך פעסט האַלטן. דאָס זייניקע מוז ער אויספירן, און אַז עס וועט נישט אַנדערש אים זיין באַשערט, וועט ער איינער אַליין אין דער בחורישער איינזאַמקייט אויפבויען די פאַרם. אַרבעט, אַרבעט! נאָר נישט אָפּשטיין! די פאַרם איז זיין מיסיע. אַלע חוזקן פון אים, די יידן פון „סעטלמענט", די אַרומיקע ענגלישע און כינעזישע פאַרמערס, און אפילו זיין שכן, דער שיכּור אָ'ברייען. אָבער להכעיס אַלעמען וועט ער דווקא דאָ, אין דער פאַרוואָרפענער ווילדערניש, צווישן פּוסטע שאָף־פעלדער, אויפבויען זיין פאַרם. ער איז אַ פּיאָנער, ווי דזשין זאָגט, אַ יידישער פּיאָנער, וואָס האָט אויף זיך גענומען אַ גרויסע, וויכטיקע מיסיע!

די דאָזיקע געדאַנקען האָבן סעמען צעוואַרעמט און אויפגעמונטערט. ער האָט אין איילעניש זיך גענומען איבערטון. ער האָט לאַנג גענעצט און געבאַרשט די נישט־געשווירענע, גע־דיכטע האָר, האַרט געריבן מיט זייף די שוואַרץ־פאַרהאָרעוועטע הענט און פאַרזיכטיק, מיט ישוב־הדעת געקליבן צווישן אַלטע, צעקנייטשטע קראַוואַטן, ביז ער האָט געפונען איינעם, וואָס האָט אויסגעזען אַביסל לייטישער און פרישער, נישט פאַרגעסן אַריינצולייגן אין ברוסט־טעשל אַ פרישׁ נאָז־טיכל, און איז אַרויס אין דרויסן אויף דעם וועג צום יידישן „סעטלמענט".

* * *

ביי די זעלמאַנס אין שטוב איז געווען טומלדיק און פול מיט מענטשן. עס איז געווען אַ שטיקל שמחהלע. דער אַלטער זעלמאַן האָט באַקומען אַ פּאָסטן אַלס שמש און בעל־קורא אין דער שול „אנשי צדק" אין מעלבורן, און ער האָט לכבוד דער

דאָזיקער געשעעניש פאַרבעטן צו זיך די יידישע שכנים פון „סעטלמענט".

דער עולם איז געזעסן אַרום טיש אַן אויפגערוימטער און טומלדיקער. מען האָט גערויכערט, געטרונקען טיי, געפּלוידערט, איבערשרייענדיק און איבערהאַקנדיק איינער דעם צווייטן, און די אַלטע זעלמאַנשע, א צעגאָסענע, קורצע יידענע, האָט אַ צעיאַכמערטע מיט פעט־גלאַנציקע, פלינקע אויגן אַרומגעשמייעט צווישן דעם עולם און כסדר יעדן איינעם אונטערגעשטופּט כיבוד:

— עסט עפּעס... נעמט עפּעס אין מויל אַריין...

דער אַלטער זעלמאַן איז געזעסן ביים טיש אויבן־אָן שוין מעשה שטאָט־מענטש אין אַ שטייפן קאָלנער און אין אַ פאַר־קנעפּלטער וועסט, אויף וועלכער עס האָט זיך באַלעבאַטיש געבאָמבלט אַן אַלט, אָפּגעריבן ,זייגער־קייטל. ער האָט לייט־זעליק געשמייכלט צו אַלע און געהאַלטן אין איין איבערדער־ציילן מיט אַ צופרידן, פייכט קולעכל, ווי אַזוי ער האָט באַקומען דעם פּאָסטן אַלס שמש.

— דער „דזשאָב", זאָג איך אייך, איז מיר אָנגעקומען מיט די גרינגע ווערים. נישט אַזוי לייכט איז זיך אַריינצודרייען אויף אַזאַ „דזשאָב". נאָר מיינט נישט, אַז איך האָב זיי שטאַרק געבעטן, געקראָכן אונטער די נעגל. לא ולא! מיט די לייט דאַרף מען וויסן ווי זיך אומצוגיין. זיי האָבן פיינט קריכערס, און, בעיקר, קבצנים, און נאָך מער האָבן זיי פיינט אַ יידן אַ טובה צו טון. איך האָב געהאַלטן אין איין איינטענהן מיט זיי, אַז פון דער פאַרם האָב איך פרנסה בריווח און שפּאָר אפילו אַ היפּשע מטבע. נאָר וואָס דען? צוליב די קינדער... וואָס טוט דען נישט אַ ייד צוליב קינדער?... אַזוי האָב איך מיט זיי געטענהט, און איר זעט דאָך, עס האָט טאַקע געהאָלפן.

— מזל דאַרף מען האָבן! אַז מ'האָט נישט קיין מזל, גילטן נישט קיין שום חכמות, — האָט מיט אַ פרום קול אַריינ־געוואָרפן דער רעוורענד גאָלדמאַן, אַ דערשלאָגענער ייד מיט

איינגעפאַלענע באַקן. — עס איז איך באַשערט געווען אַ גליק, מיסטער זעלמאַן.

— אַ גליק, מ'שטיינס געזאָגט, צו זיין אַ כלי־קודש ביי די שטאָטישע „יאַהודים“, און דערצו נאָך ביי די „אנשי צדק“ — האָט זיך אָנגערופן מיט אַ געדיכטע קול אַ געלער, שטרענגער ייד מיט אַ האַלב־פאַרקוילטער ליולקע אין מויל. — גלייכער צו גראָבן די ערד מיט דער נאָז אָט דאָ אויף דער פאַרם, איידער אָנצוקומען צו קהלשע פרנסות.

— ווייס איך וואָס! — האָט מיט ביטול אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אַ דריטער. — אַ מציאה די פאַרם... אַ שיינער תכלית, כ'לעבן. פאַר אַ דזשעק, אַ דזשים איז עס אַן ענין. ער האָרעוועט זיך אָן די זייטן אַ גאַנצע וואָך, און זונטיק זויפט ער זיך אָן מיט ביר. וואָס דאַרף אַזאַ איינער מער?

— אַ גלייכעניש — די פאַרם און די שטאָט! — האָט מיט אַן אַפּוטרופּסיש קול זיך אָנגערופן מיסטער זעלמאַן. — טויזנט מאָל להבדיל דאַרף מען זאָגן. וואָס האָט מען פון דער פאַרם מער ווי די פרעס? מען קאָן זיך בלויז אָנשטאָפּן די קישקע, מער נישט. לא על הלחם לבדו יחיה האדם... אַ ייד זוכט אַ תכלית, וויל עפּעס אויפטון אויף דער וועלט.

אין דרויסן האָט זיך פּלוצלונג צעבילט מיט אַ געבייזעריי אַ הונט. די זעלמאַנשע האָט אויפגעשפּיצט די אויערן און זיך אָנגערופן צום מאַן:

— עמיץ גייט. גיי אַרויס און נעם איין דעם כלב.

דער אַלטער זעלמאַן האָט אָן השק זיך אויפגעשטעלט פון אָרט, נאָר איידער ער האָט באַוויזן אָפּצוגיין פון טיש, האָט זיך געעפנט די טיר און אין שטוב איז אַריין סעם. ער האָט מיט זיך אַריינגעבראַכט די דרויסנדיקע קילע פרישקייט אין דער וואַרעמער שטוב. אויף זיינע אַקסלען און אויף זיין הוט האָבן געגלאַנצט רעגן־טראָפּנס. ער האָט אַביסל פאַרזשמורעט די אויגן נאָך דער דרויסנדיקער פינסטערניש און געבליבן שטיין אַביסל צעחושט פון דער טומלדיק־פולער שטוב מענטשן.

— אַ גאַסט, אַ גאַסט; — האָט מיט צעיאַכמערטער פריי־

דיקייט געגומען פֿאָרען זיך אַרום די זעלמאַנשע. — ראָזע, ראָזע! — האָט זי גענומען רופן אין קיך אַריין, — ברענג אַריין אַ שטול פֿאַר מיסטער ראָטמאַן. מיסטער ראָטמאַן איז געקומען! וואַ־וואַ, טאַקע אַ חידוש, ווי אַזוי עס איז שוין צו אייך אויף דער פֿאַרם דערגאַנגען די נייעס, טאַקע אַ חידוש! — האָט זי ווידער גענומען רעדן צו סעמען. — נאָר אויף אַ גוטן פֿריינט איז נישט צו פֿרעגן קיין קשיות, ער ווערט שוין געוואויר, נישט אמת, מיסטער ראָטמאַן?

— וואָס פֿאַר אַ נייעס? — האָט סעם איבערגעפֿרעגט אַביסל פֿאַרוואונדערט און פֿאַרשנדיק אַ קוק געטון אויף ראָזען, וועלכע האָט אים געבראַכט די שטול.

— דער טאַטע האָט באַקומען אַ פּאָסטן אַלס שמש אין מעלבורן, — האָט זי געענטפֿערט, אויסמיידנדיק זײַן בליק.

— מיר פֿאָרן נאָך היינטיקע וואָך אַוועק פֿון דער פֿאַרם. גוט, וואָס איר זייט געקומען זיך געזעגענען.

— זעצט אייך, מיסטער ראָטמאַן, זיצט! — האָט אים די זעלמאַנשע געבעטן. — אפֿשר אַ גלעזל טיי? נאָך אַזאַ וועג איז גוט אַ גלעזל טיי.

סעם האָט זיך אַוועקגעזעצט. פֿאַרזיכטיק האָט ער געזוכט מיט די בליקן ראָזעס אויגן, געוואָלט אַראָפּלייענען פֿון איר פּנים עפּעס אַ וואונק צו אים, אַ צייכן. איר פּנים איז אָבער געווען שטום און פֿרעמד. זי האָט געפֿילט אויף זיך סעמס פֿרעגנדיקע בליקן, און נישט אומקוקנדיק זיך אויף אים, איז זי באַלד צוריק אַריין אין קיך.

דער עולם יידן האָט זיך קנאַפּ וואָס אומגעקוקט אויף סעמען, גלייך ער וואָלט געווען אינגאַנצן אַ זייטיקער, אַ פֿרעמדער, און ווייטער, ווי קיינמאָל גאָרנישט, געצויגן דעם שמועס.

— ווען איך וואָלט געהאַט אַ „טשענס" צו קומען אין שטאָט אַריין, — האָט איינער פֿון די יידן אַ זאָג געטון מיט אַ זיפֿץ, — וואָלט איך שוין געוואוסט, וואָס צו טון. מען שמועסט,

אַז די העמדער־„מאַניופעקטשורערס” האָבן היי־יאָר אַ גאָלדע־נעם סעזאָן, שאַרן פּשוט ס׳געלט מיט די הענט.

— אויך מיר אָן אַרטיקל — העמדער, — האָט אים איבערגעהאַקט מיסטער זעלמאַן. — אַ גראָשנדיק אַרטיקל... אָט זאָקן, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. זינט מען האָט אַרויפ־געלייגט אַ צאָל אויף זאָקן, רייסט מען פּשוט די סחורה פון די הענט. מען אַרבעט בייטאָג און ביינאַכט.

— דער הויכער צאָל איז גאָרנישט אַזאַ מציאה, — האָט זיך אָנגערופן דער ערשטער ייד, — וואָרום אַ הויכער צאָל איז גוט פאַר די גרויסע לייט, פאַר די קאַרפּן־קעפּ. פאַרן קליינעם איז גלייכער, אַז סחורה איז ביליק. ער קאָן זיך דעמאָלט גיכער אַן עצה געבן פאַרן גרויסן פאַבריקאַנט, ווייל ער האָט קלענערע הוצאות, איז אים לייכטער צו פאַרקלאַפּן זיין ביסל סחורה, אַבי נאָר ביליקער!

דער שמועס אַרום מסחר איז געוואָרן וואָס אַמאָל לעבע־דיקער, היציקער. דער עולם האָט זיך צעוואַרעמט פונם דאָזיקן שמועס. מען האָט גערעדט וועגן יידישע פאַבריקאַנטן, וועגן באַנקראָטן, וועגן גרויסע געשעפטן... מען האָט זיך דערציילט וועגן די גרויסע פאַרמעגענער, וואָס די שטאָטישע יידן האַלטן אין איין מאַכן, וועגן נייע פאַבריקן און נייע אַרטיקלען, וועגן עקספּאָרט און אימפּאָרט, בענק, וואַלוטע און הויך־פינאַנס. מען האָט פאַרגעסן די אייגענע פאַרמעס, די קי און די שטאַלן, די סעדער און פעלדער, מען האָט געוואָרפן מיט ריזיקע סומעס, אויסגערעכנט אַלע גרויסע יידישע געשעפטסלייט פון מעלבורן און פון סידנעי, די אויגן האָבן זיך ביי אַלע לעבעדיק צעפלאַ־קערט און די פּנימער פיבערדיק צעהיצט. אפילו דער שטרענ־גער, שווייגנדיקער ייד מיט דער געלער באָרד האָט זיך צערעדט מיט זיין געדיכטן קול, און פאָכנדיק מיט דער אויסגעלאָשענער ליולקע אין דער האַנט גענומען דערציילן חידושים, ווי אַזוי מענטשן אַרבעטן זיך אַרויף פון גאָרנישט, מאַכן פאַרמעגענער און רודערן אַ וועלט.

— אַ קלייניקייט, אַזאַ סטאָנבערג — האָט ער דערציילט,

— געקומען צוזאַמען מיט מיר קיין אויסטראַליע, אויף איין שיף מיט אים געפאָרן. קיין גראָשן ביי דער נשמה האָט ער נישט געהאַט און אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט שמאַטעס. איך האָב פון אים געמאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער: אין אויסטראַליע שמאַטעס גאָר. ר׳מיינט ס׳איז ביאַליסטאָק. איך בין טאַקע געבליבן ביים געלעכטער און ווער פאַרשוואַרצט אויף דער פּאַרס, און ער, דער ביאַליסטאָקער שמאַטניק, שטייט היינט מיט אַ גרויסער שפּינעריי, קערט וועלטן, אַ גאַנצער מאַגנאַט געוואָרן.

— און פרענקל? און סעגאַל? און לעווין? — האָט אַ צוווייטער ייד געזאָגט מיט אַ שווערן זיפץ. — אַלע אין דער שטאָט אַרבעטן זיך אַרויף, קומען צו אַ תכלית. וואָס דען, ווי מיר דאָ אויף דער פּאַרס?

סעם איז געזעסן ביים טיש אַ שווייגנדיקער, נישט אַריינמישנדיק זיך אין שמועס. ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, ווי אַ נישט געבעטענער גאַסט. דער אַלטער זעלמאַן האָט ווי נישט געזען אים אינגאַנצן, און אויך די איבעריקע ביים טיש האָבן זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ראָזע האָט ווי אויף להכעיס זיך פאַר אים נישט געוויזן. ער האָט כסדר געוואָרפן זייטיקע בליקן אין דער ריכטונג פון דער קיך, וואו ראָזע האָט געהאַלטן אין איין קלימפּערן מיט געפעס, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט אין דעם דאָזיקן געקלימפּער אַ פּאַראַיבל, הלמאי ער זיצט נאָך דאָ און גייט נישט אַוועק. ער האָט שוין עטלעכע מאָל געוואָלט זיך אויפשטעלן און אַוועקגיין, נאָר ער האָט עפּעס נישט געהאַט קיין מוט דאָס צו טון.

— בעסער וועל איך שוין אויסזיצן ביזן סוף צוגלייך מיט אַלע, — האָט ער זיך געטראַכט. — זאָלן זיי נישט מיינען, אַז עס גייט מיר שטאַרק אין לעבן...

ער האָט גענומען זיך איינהאָרכן אין שמועס, געפּרואווט אַריינוואַרפן אויך זיינס אַ וואָרט, הויך אויפן קול, אַז ראָזע אין דער קיך זאָל אים הערן. ער האָט אפילו איינמאָל אָ הויכן לאַך געטון: זאָל זי וויסן, אַז דאָס גאַנצע עסק אַרט אים

נישט, אַז ער האָט זי קנאַפּ וואָס אין זינען. נאָר אינעווייניק אין אים איז געווען אַ שווערע, פינסטערע שטילקייט, וואָס האָט זיך נישט געלאָזן אויסמישן מיט דער אַרומיקער אויפגערוימ־טער טומלדיקייט. דאָס פּלוידערן פון די יידן איז אים וואָס אַ רגע געוואָרן מער דערווידער. ער האָט גענומען טראַכטן וועגן זיין שטילער, עלנטער פאַרם מיטן בלעכערנעם הייזל, און עס האָט אים אַ ציי געטון צוריק צו זיין בחורשער איינזאַמקייט, צו זיין שווערער, פאַרעקשנטער און אַלעמען להכעיסדיקער האָ־רעוואַניע. ער האָט זיך כמעט דערפרייט, ווען דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן צום אַוועקגיין. ער האָט מיט אַן איבער־געטריבענער האָפערדיקייט גענומען זיך געזעגענען מיט די זעלמאַנס, געוואונטשן זיי גליק, און דער אַלטער זעלמאַן האָט נאָך אַ שטיקל ישוב־הדעת אָפּגעמאָסטן אים מיט זיין בליק און אַפּוטרופּסיש אַ זאָג געטון:

— אַז איר וועט אַמאָל זיין אין שטאָט, פאַלט אַריין צו אונז, ס׳מאַכט נישט.

ראָזע איז צו אים אַרויס פון דער קיך. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט, אָנגעצויגן אַ שמייכל געטון, און קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אַריין, האָט ער איר געזאָגט:

— נו, ראָזע, איך ווינטש דיר אַלדאָס גוטס.

זי האָט קאַלט און גלייכגילטיק צוריקגעצויגן איר האַנט פון זיינער. איר בליק איז געווען ווי פאַרשטיינערט, דאָס פּנים אָנגעשטרענגט און אירע שטענדיק פולע, זאַפטיקע ליפּן זענען געווען האַרט צונויפגעצויגן. סעם איז אַ ווייל געשטאַנען נעבן איר אין פאַרלעגנהייט און לסוף מיט אַ טרוקן, איבערגעהאַקט קול געזאָגט:

— גוד באַי, מיס זעלמאַן.

ערשט דעמאָלט האָט זי אויפגעהויבן אויף אים אירע אויגן, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עפּעס האָט אין איר בליק אַ צוק געטון:

— גוד באַי, גוד באַי! — האָט זי שטיל געזאָגט.

* * *

סעם איז אַרויס אין דרויסן, ער האָט זיך געפילט ווי אָפּגעפּאַטשט פון דעם געזעגענען זיך מיט ראָזען. אויף אַזאַ סוף האָט ער זיך נישט געריכט. אַ בייזקייט אויף זיך אַליין האָט געקאָכט ביי אים אין האַרץ, און ער האָט מיט צונויפּ־געקוועטשטע ליפּן זיך אַליין נאָכגעשפּעט:

— מיס זעלמאַן!... מיס זעלמאַן!...

ער האָט פעסט און שטייף געשטעלט די טריט אויף דעם פינסטערן און ליידיקן שאָסיי. די נאַכט האָט זיך אַביסל אויסגעקלאָרט. דער רעגן האָט אויפגעהערט, און עס האָט גע־בלאָזן אַ האַרט, טרוקן ווינטל. די לבנה, אַ שפּיציקע און אַ דינע איז ווי אַ זילבערנער קינזשאַל שאַרף געהאָנגען צווישן די פאַנאַנדערגעריסענע וואָלקנס, וואָס זענען פון דעם לבנה־ליכט געווען באַזוימט מיט אַ פּערלמוטערנעם אפשיין. אַרום איז געווען מדבּרדיק־פּוסט און אור־שטיל. די עקאַליפּטוס־ביימער ביי די זייטן וועג זענען געשטאַנען שטומע און ערנסטע און זיך בלאַס געזילבערט מיט זייערע גלאַטע, ווייסלעכע שטאַ־מען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ריזיקע, פאַרשטיינערטע מענטשן־הענט אויסגעצויגן צום הימל אַרויף. אַ לאַנגזאַם, געמאָסטן קלאַפּעריי פון רעדער האָט זיך טעמפּ געטראָגן פון דער ווייט־קייט אַרויס, און סעמען איז געקומען אַנטקעגן אַ שווערער וואָגן פון אַן אינדישן האָקער, וועלכער האָט זיך פאַרשלאָפן געוויגט אויף דער קעלניע און אונטערגעזונגען אַ געדריידלטן, מזרח־דיקן ניגון, צושאָקלענדיק מיטן ווייסן טורבאַן אויף זיין קאָפּ. באַלד איז דער וואָגן צוריק פאַרשוואונדן אין דער ווייטקייט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך די שטילקייט נאָך סודותדיקער, נאָך ווילדער.

סעם איז וויטער געגאַנגען אין דער נאַכט אַריין. די ביינאַכטיקע שטילקייט האָט טיף אויף אים געאָטעמט. די פאַר־ביטערונג איז פון אים אָפּגעטראָטן און אין זיין ברוסט האָט זיך פאַנאַנדערגעפּליצט אַן אומעטיקע אַביסל און אַ יום־טובֿ־

דיקע פרידלעכקייט. אויף א פעלד פון דער ווייטנס האָט א געל, ציטערנדיק פלעמל ארויסגעוואונקען פון דער פינסטערניש, און ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו דעם פלעמל, האָט ער דערזען די שאָטנדיקע געשטאַלט פון א כינעזישן פארמער אין לויז־אראָפּהענגענדיקע מלבושים, וועלכער האָט מיט א לאמטערן אין דער האַנט זיך געפּאָרעט אַרום די בייטן גרינס, אויפרו־דערנדיק די דורכגעווייקטע ערד נאָכן לאַנגן רעגן. סעם האָט צוגעלייגט די האַנט צום מויל און גוט־ברודעריש א שריי געטון צום כינעזער:

— העללאָו דזשאָן!

— העללאָו באָסס! — האָט דער כינעזער צוריקגערופן מיט א דין עטוואָס הניפהדיק קולעכל, נישט אויפהויבנדיק זיך פון זיין ארבעט.

סעם האָט שוין געוואָלט פארקערעווען אויף א זייטן־וועג, וואָס האָט געפירט צו זיין פארם, ווי ער האָט דערהערט הינטער זיך דאָס קול פון זיין שכן, אָ'ברייען. ער האָט אים גערופן מיט זיין פול, גערדיכט ביר־קול. סעם האָט נישט ווילנדיק א ציטער געטון, אַן אומקלאָר, שווער פאָרגעפיל האָט זיך צע־פלאַטערט אין זיין ברוסט און ער איז געבליבן שטיין אין דער־וואַרטונג. אָ'ברייען איז צו צו אים רייטנדיק אויף א פערד. ער איז געווען באַהאָנגען מיט קראָליק־פעלעכלעך, וועלכע האָבן זיך נאָך פריש געטרויטלט מיטן רויען פלייש.

— א נאַכט ווי א גאָלד, נישט אמת, סעם? — האָט ער צופרידן און לוסטיק אויסגעדונערט מיט זיין שטארק קול.

— געהאַט א גוטן יאַגד? — האָט אים סעם צוריקגע־פרעגט.

— די קראָליקעס קריכן אין די פאַסטקעס, ווי א רוח! — האָט ער זיך ברייט פאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט אָפּגעבונדן פון זאָטל א טויטן פוקס און באַרימעריש מיט אים א פאָכע געטון פאַר סעמס אויגן.

— אָט דאָס איז אַ „גוד דזשאָב", נישט אמת? א פונט א גאַנצן וועט ער זיכער ברענגען. וואָלט איר אפשר אריינ־

גענאַנגען צו מיר? מיר וועלן אויסטרינקען לכבוד דעם פּוקס. ער איז עס ווערט, כאַ, כאַ!...

— צו שפּעט — האָט זיך סעם געקווענקלט.

— קאָם־אָן, בי אַ ספּאָרט! — איז דער אירלענדער אַראָפּ פון פערד און אָנגענומען סעמען פאַר דער האַנט.

זיי זענען ביידע אַריין צו אַ׳ברייענן אויף דעם הויף. די טיר פון הויז האָט זיך געעפנט און אין דעם ליכטיקן פיר־עק פון דער טיר האָט זיך באַוויזן דזשין.

— העללאָ, דער! — האָט זי פריידיק אויסגערופן און אַנטקעגנגעלאָפן דעם פאָטער, אָננעמענדיק דאָס פערד ביי דער צוים.

— איך האָב געבראַכט אַ גאַסט, אַ שפּעטן אפילו, אָבער אַ גוטן, — האָט אַ׳ברייען אָנגעוויזן אויף סעמען, וועלכער איז געבליבן שטיין עטוואָס פון הינטן. — אַ גאַסט געהערט צו דער באַלעבאָסטע, טאָ נעם זשע דו אים אויף, דזשין! — האָט דער אַלטער הרחבהדיק און צופרידן געטענהט. — איך וועל שוין אויסזאָטלען דאָס פערד.

אָ׳ברייען איז אַוועק מיטן פערד צום שטאַל. סעם מיט דזשינען זענען געבליבן אַליין אויף דעם הויף. זי איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַ שווייגנדיקע, נישט רירנדיק זיך פון אָרט. סעם איז צו צו איר. דאָס האַרץ האָט זיך אין אים גענומען וואַרפן און צום האַלז האָט זיך אים צוגעשפּאַרט אַ בריענדיקע טרוקנקייט.

— וועל, דזשין... — האָט ער קוים אַרויסגעקריגן פון זיך מיט אַ געדיכט, הייזעריק קול.

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשעמטן און אַביסל אַ פאַרשולדיקטן שמייכל. ער איז נענטער צוגעטראָטן צו איר און קעגן זיין אייגענעם ווילן זי אָנגענומען פאַר דער האַנט. ער האָט געפילט, ווי זי ציטערט אויף פון דער באַרירונג מיט איר גאַנצן לייב, און עס האָט אים מיטאַמאָל ווי פאַרגאָסן מיט אַ זידיקער כוואַליע. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. דאָס האַרץ האָט אין אים געהאַמערט.

— סעם... — האָט זי קוים אַ ריר געטון מיט די ליפּן, און אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ זאַפּטיקער פייכטקייט ווי פול אָנגעגאָסענע טרויבן.

פון דער ווייטנס האָבן זיך דערהערט אָ'ברייענס טריט, וואָס האָבן ווייך געפּאַטשט אויף דער דורכגעווייקטער ערד. דזשין האָט זיך אָפּגערוקט פון סעמען און געוואָלט ארויסנעמען די האַנט פון זייגער. ער האָט זי אָבער נישט אָפּגעלאָזט און נענטער זי צוגעצויגן צו זיך.

אָ'ברייענס טריט זענען מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. ער איז געבליבן שטיין אין דער פינסטער מיטן זאָטל אויף די אַקסלען און געקוקט אויף דער טאָכטער און סעמען. זיי זענען געשטאַנען האַרט איינער ביים צווייטן, און זייערע שאָטנס האָבן זיך געשוואַרצט אין דער טונקלקייט, ווי אויסגעגאָסן פון איין שטיק.

# דראַמאָנד סטריט

## (אַ פֿראַגמענט)

דראַמאָנד סטריט, אַן אָרעמע אַרבעטער־גאַס האַרט נעבן דער גרויסאַרטיקער, טומלדיקער „סיטי" פֿון מעלבורן, האָט אויפֿגענומען די יידישע וואַנדערער. די הייזער אין דראַמאָנד סטריט זענען אָרעמע און אַלטע, מיט פֿאַרזשאַווערטע בלעכערנע דעכער און אָפּגעקראָכענע מויערן. פֿון די אָפֿענע טירן שלאָגט אַ דעמפּיקער ריח פֿון שווייסיקן בעטגעוואַנט און אָרעם געקעכץ. די נידעריקע פֿענסטער, פֿאָרהאַנגען מיט ביליקע, אַלט־מאָדישע גאַרדינען און טונקעלע, צעריסענע ראָלעטן, קוקן טרויעריק און געדולדיק אויף דער שטילער גאַס אַרויס. אַ גאַנצן טאָג איז אויף דראַמאָנד סטריט פּוסט און לאַנגווייליק. זעלטן עס באַווייזט זיך אַ דורכגייער. פֿונם פּאָליציי־הויז, וואָס שטייט טיף אַריינגערוקט צווישן האַלב־פֿאַרדאַרטע ביימער, שאַרט זיך פֿון צייט צו צייט שטילערהייט אַרויס אַ טונקל־געקליידטער פּאָליציאַנט און ווערט תיכּף, ווי אַ סודותדיקער שאָטן, פֿאַרשוואונדן אין אַ זייטן־גאַס. פּונקט אַנטקעגנאיבער איז אַ שענק, וואָס איז ביז אין דער העלפֿט אַריין פֿאַרמויערט מיט גלאַנציקע, רויטע קאַפֿליעס. עס טראָגט זיך פֿון דאָרט אַן איינגעהאַלטן, שלעפֿעריק זשומען. פֿון דער סודותדיק־פֿאַרמאַכטער גלאָז־טיר פֿאַלט ווען־נישט־ווען אַרויס אַ שיכּורער גאַסט. דאָס אָנטועכץ אויף אים איז צעקנאָדערט, די באַקן קרענקלעך פֿאַרפֿלאַמט, און די אויגן זשמורען זיך ביי אים פֿון דעם בלענדעריקן טאָג־ליכט. ער קוקט זיך פֿאַרחידושט אַרום איבער דער ליידיקער גאַס, שאָקלט שכּורלעך מיטן קאָפּ און טראָגט זיך ערגעץ אָפּ מיט וואַקלדיקע

טריט אַ שווייגנדיקער, גלייך ער וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר דער ארומיקער שטילקייט. אַן עלטערע פאַרשוויצטע פרוי זיצט אויף דער שוועל פון אַ נידעריק הייזל און שיילט אַרויס גרינע אַרבעס פון האַלב־פאַרפוילטע שויטן אין אַ שיסל אַריין. דאָס פּנים ביי איר איז שכורלעך אויפגעשוואָלן, און איר קאָפּ איז געדיכט באַהאָנגען מיט שטיקלעך צייטונגס־פּאַפּיר, אַרום וועלכע עס זענען איינגעוויקלט אירע שמוציק־גרוילעכע האָר. די דאָזיקע פּרימיטיווע און היימישע אָנדולאַציע גיט איר קאָפּ צו דעם אויסזען פון אַ שוואַרץ־ווייסן אַנאַנאַס. ביי אירע פיס רייבט זיך חניפהדיק אַ הונגעריקע קאַץ, וועלכע שטעקט יעדע ווייַלע צו דאָס פּייכטע נעזל צו דער שיסל מיט די אַרבעס. אין מיטן גאַס שלאָפט הרחבהדיק אויסגעצויגן מיטן בויך אַרויף אַ קודלאַטער הונט, און עס דאַכט זיך, אַז אָט־אָט לייגן זיך אויך די הייזלעך אַוועק שלאָפן פאַרמאַטערט פון דער חמימהדיקער שטילקייט פונם לאַנגן טראָפּישן זומער־טאָג.

פאַרנאַכט־צו ווערט אויף דראַמאָנד סטריט אַביסל לעבעדיקער. דער עולם קומט אַהיים פון דער אַרבעט. עס קנאַקן מאָטאָציקלען, ראָווערן רוישן ווייך איבער דעם צעשמאָלצענעם אַספאַלט־ברוק. באַלעבאָסטעס יאָגן זיך מיט פּעקלעך אין די ענגע צוצוגרייטן אַן אייליק מאָלצייט פאַר די אַהיימגעקומענע מענער. קינדער מיט שמוציק, פאַרשוויצט נאַשוואַרג אין די ענגע יאָגן זיך מיט אַ ווילד געפּילדער איבער דער גאַס. איטאַליענישע אייז־קרעם־הענדלער אויף רויט־געפאַרבטע וועגעלעך מיט גאָלדענע אויפשריפטן פאַרהילכן די גאַס מיט זייערע קופּערנע גלאָקן. פון אַן אָפן פענסטער רייסט אַ גראַמאָפאָן מיט גרילצענדיקע קולות אַן אַלטן וואַלץ. אין דער שענק ווערט טומלדיק און פריילעך. עס טראָגט זיך פון דאָרט אַ הילכיק געלעכטער און אויפגערוימטע געשרייען. די גלאָז־טיר רוט נישט, מענטשן קומען אַריין און גייען אַרויס, און איבער דער גאַס טראָגט זיך פאַנאַנדער אַ שווערער ריח פון ביר. אויף די שוועלן פון די הייזער זיצן מידע, אָנגעהאָרעוועטע מענער, בלאָזן געמיטלעך פון די ליולקעס, פּלוידערן און קאָמאַנדעווען מיט די

ווייבער און קילן זיך האַלב־אויסגעטוענע אין דעם פאַרנאַכ־טיקל ווינטל די אָפּגעדעקטע, האָריקע ברוסטן און די ברוינע, מוסקולדיקע אָרעמס. אַ פּראָצעסיע פון דער „סאַלוויישן אַרמי" ציט דורך איבער דער גאַס מיט אַ פרום געזאַנג, באַגלייט מיט אַ קלימפּערן פון פּייקלעך, און ווערט פאַרשוואונדן אין דער דערנעבנדיקער קליינער „סאַלוויישן"־קירכע. עס צינדן זיך אָן די עלעקטרישע גאַסן־לאָמפּן און פאַרטרייבן דעם קורצן, טראָ־פּישן בין־השמשות. ביי דער שענק, וואָס איז שוין איצט פאַר־מאַכט, הויבט זיך אָן צונויפקומען יונגוואַרג. מען לאַכט, מען פּלירטעוועט, מען שפּילט אויף האַרמאָניקעס. די מיידלעך, דיק אָנגעפּודערטע, אין לייכטע, קורצע זומער־קליידלעך, גלאַנצן מיט זייערע לײַדנשאַפטלעכע, פייכטע אויגן אין דער פינסטער, און זינגען די שלאַנקע היפּטן צום טאַקט פון דער האַרמאָניקע־מוזיק. די בחורים שטעלן מענעריש אויס די ברוסטן, רויכערן וואַוולע־ריש ציגאַרעטלעך, פּרוּווּן זיך מיט די כוחות און שאַרן זיך וואָס אַמאָל האַרטער צו די מיידלעך. באַלד הויבן זיי פּאָרלעכ־ווייז אָן פאַרשווינדן אין מער פינסטערע ווינקלען, אין די שמאָלע דורכגענג צווישן די הייזער, און עס טראָגט זיך פון דאָרט ביז אין די שפּעטע שעהן אַ צוגעדושעט, תאוהדיק פליס־טערן. די שווערע טראָפּישע נאַכט הילט וואָס אַמאָל טיפער איין דראַמאָנד סטריט אין מידן שטילשווייגן און אין ווייכן, באַמעטענעם חושך.

אַזוי לעבט זיך שוין יאָרן לאַנג דראַמאָנד סטריט דאָס איינטאָניקע, שווערע לעבן פון אַרבעט, ביר און מגושמדיקע ליבע־ראָמאַנסן ביי דער רויט־געקאַפּליעטער שענק. אַמאָל האָט דראַמאָנד סטריט אַנדערש אויסגעזען. מיט לאַנגע יאָרן צוריק, נאָך אין די צייטן פון גאָלד־פיבער, ווען קיין אויסטראַליע האָבן געשטראָמט כלערליי אַוואַנטוריסטן פון אַלע עקן וועלט, איז דראַמאָנד סטריט געווען אַ יידישע גאַס. עס האָבן זיך דאָרט באַזעצט די ערשטע יידישע עמיגראַנטן, מערסטנס געקומענע פון ענגלאַנד און דייטשלאַנד. שפּעטער צו האָבן אָנגעהויבן צוקו־מען חלוקה־יידן פון צפת און ירושלים, ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן־

דעזערטירן און אַנטלאָפענע סיביר־פאַרשיקטע, וואָס האָבן גע־וואַנדערט דורך יאַפּאַן און כינע, יידן פון רומעניע, פון אונ־גאַרן, פון פוילן און גאַליציע. דראַמאָנד סטריט איז פאַרהילכט געוואָרן מיט בלערליי לשונות. עס האָבן זיך געעפנט יידישע שניידער־פאַבריקלעך און קראָמען. די גאַס האָט אויפגעלעבט. די יידן האָבן גערודערט, געמסחרט, געהאָרעוועט טאָג און נאַכט מיט ווייב און קינדער, נישט דערעסן און נישט דער־שלאָפן און געזאַמלט אַ פעני צו אַ פעני. עס זענען אוועק גוטע צייטן, די פאַבריקלעך האָבן זיך צעוואַקסן, פון די קראָמען איז געוואָרן אָנגעשטאָפּטע וואַרן־הייזער, יידישע ווייבער האָבן גענומען אויף זיך וואָס אַמאָל מער ליב און זייערע שוואַרצע, גרויסע אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ מאַטקייט פון וואויל־טאָג און צופרידנקייט. עס איז ענג געוואָרן אויף דראַמאָנד סטריט, די יידן האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערשפּרייטן איבער די אַרומיקע גאַסן פונם קארלטאָנער דיסטריקט און דערנאָך האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אריבערקלייבן אין דער מיוחסדיקער, נגידי־שער סט. קילדא, וואָס האָט זיך צעוואָקסן מיט ציכטיקע וויליעס ביים ברעג פון ים. די געשעפטלעך און פאַבריקן האָט מען גע־נומען איבערטראָגן אין דער „סיטי", און דראַמאָנד סטריט האָט איינציקווייז אָנגעהויבן אָפּשטאַרבן. מען האָט פאַרקלאַפּט די פאַבריק־פענסטער מיט ברעטער, אויף וועלכע מען האָט אָנ־געקלעפּט גרויסע מעלדונגען „טו לעט". אין די פאַרוואָרלאָזטע הייזער האָבן זיך פאַרקליבן אָרעמע אַרבעטער־פאַמיליעס, סיריאַ־נישע וועש־נייערס און אינדיאַנישע האָקערס. פונם גאַנצן יידישן טומל זענען פאַרבליבן עטלעכע אָרעמע יידישע מארק־שטייער און הענדלער מיט אַלטוואַרג, און נעבן אַ שטאַל, וואָס איז איבערגעבויט געוואָרן פון אַ פאַבריק, איז פאַריתומט געבליבן אַן אָפּגעלאָזן הייזל מיט ברודיק־פאַרשמירטע פענסטער, אויף וועלכע עס האָט זיך געזען אַן אָפּגעריבענע אויפשריפט אויף ענגליש: „התחיה", ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע.

און ווער ווייסט, אפשר האָט די דאָזיקע אָפּגעריבענע און פאַרגעסענע אויפשריפט אַ צי געטון קיין דראַמאָנד סטריט די

נייע, נאָכמלחמהדיקע כוואַליע פון יידישע עמיגראַנטן. דראַמאָנד־סטריט האָט ווידעראַמאָל אויפגעלעבט. אויף דער שטילער, פּוס־טער און אָרעמער גאַס, האָבן זיך אויפסניי, נאָך לאַנגע יאָרן אָנגעהויבן ווייזן מענטשן מיט אויסגעפּייניקטע פּנימער און טרויעריקע אויגן — יידן. קופּקעווייז, אָנגעטון אין נייע אַנצוגן, וועלכע האָבן נאָך אויף זיך געטראָגן די קנייטשן פון די ערשט אויסגעפּאַקטע רייזע־קופערס, און פון וועלכע עס האָט זיך נאָך געטראָגן דער ריח פון נאַפטאַלין, האָבן זיי מיט בלאָנדזשענדיקע, זוכנדיקע בליקן זיך אומזיכער געדרייט אויף דראַמאָנד סטריט, זיך אָפּגעגעבן איינער דעם אַנדערן שלום־עליכם, זיך פאַרשנ־דיק געקוקט אין די אויגן אַריין, זיך אויסגעפרעגט איינער דעם צווייטן מכוח פּרנסה און זיך געוויצלט איבער דער גאָלדענער מדינה „בעסראַליע". פון די פאַרהאַנגענע פענסטער און האַלב־געעפנטע טירן האָבן זיך געטראָגן פאַרדעכטיקע בליקן אויף די ניי־אָנגעקומענע, און איבער דראַמאָנד סטריט האָט זיך פאַנאַנ־דערגעטראָגן אַ שטילער, זשומענדיקער פליסטער: „דזשוס"!...

*  *  *

# אלטע פריינט

יעקב ווייסליצן

### א.

זינט מען געדענקט די ליגאַן סטריט, שטייט דאָרט דזשאָו בענדזשאַמינס פּאָון־שאָפּ — אַן אָפּגעריסן, הילצערן הייזל, שטום אַריינגעקוועטשט צווישן דעם יאַריד פון קראָמען און געפּילדער פון טראַמווייען, אויטאָס און מענטשן. די גאַס איז שטענדיק פול מיט טומל, שרייט מיט אַלערליי קאָלירן פון די שויפענסטער אַרויס און רייסט אויף די אויגן מיט צעפּלאַמטע ליכט־רעקלאַמעס — און בענדזשאַמינס הייזל שטייט דערצווישן אַ פינסטערס און אַ שווייגנדיקס מיט אַ סודותדיק פאַרמאַכטער טיר, איבער וועלכער עס הענגען ווי אַ סגל דריי קופּערנע, פון אַלטקייט פאַרגרינטע טעלערס. דאָס נידעריקע, פון יאָרן נישט געפּוצטע שויפענסטער איז אָנגעוואָרפן מיט אַ געמיש פון זאַכן: פאַרזשאַווערטע יעגער־ביקסן, אָפּגעשטשערבעטע פּאָר־צעלאַנען, אַלטע מלבושים, אייזנוואַרג, פאַרצייטישע נאַפט־לאָמפּן. אויף אַ דראָט אין מיטן פענסטער זענען אויפגעצויגן אַלט־מאָדישע ציבעלע־זייגערס און רינגלעך מיט גרויסע, פאַלשע בריליאַנטן. פון אַ ווינקל הענגען אַראָפּ אַ פּאָר אָפּגעבליאַקעוועטע רייט־הויזן און אַ ראָד פון אַ ראָווער, און פון צווישן זיי קוקט שאָטנדיק אַרויס אַ הייליק בילד הינטער אַ צעשפּאָלטן גלאָז. אויפן גאַנצן ביסל אַלטוואַרג ליגט אַ געדיכטער, קלע־פּיקער שטויב און אַ טרויעריקע אַלט־היימישקייט, וואָס בלייבט אויף זאַכן נאָך אַ לאַנגער באַרירונג פון מענטשלעכע הענט.

דזשאָו בענדזשאַמין איז אַ שווערלייביקער, צעיווירענער

פאַרשוין מיט אַ צעפּלאָסן, לויז פּנים און מיט אַ קאַלטנדיק פּרענזל ברודיק־גרויע האָר אַרום גרויסן, פליכעוואַטן קאָפּ. סיי זומער, סיי ווינטער דרייט ער זיך אַרום אַ האַלב־אָנגעטוענער, ווי ערשט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, אין אַ צעקנעפּלטער וועסט איבער דעם אָפּענעם העמד, פון וועלכן עס קריכט אַפּער די האָריקע באַוואָקסנקייט פון זיין ברוסט, ווי קלאָטשעס פון אַ צעריסענער קאַנאַפּע. די אַלטע, טאָרבלדיקע הויזן האַלטן זיך אין איין אַראָפּגליטשן פון זיין אויפגעלאָפּענעם בויך, און יעדעס מאָל ווען ער ציט זיי אַרויף, דעקן זיך אָפּ זיינע קלאָציקע, רויטע פיס, וואָס שטעקן אין אַ פּאָר צעפּאָרענע, ווייבערשע שטוב־לאַטשן.

זעלטן אַמאָל זעט מען דזשאָון אין דרויסן. ער לעבט אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער טומלדיקער גאַס. בלויז טייל־מאָל אין אַ גרויסער זומער־היץ, ווען די גאַנצע גאַס ליגט אַ צעבריטע און אַ פאַרחלשטע אָן אַ פּיצל שאָטן אונטער אַ צע־פּייערטן הימל, באַווייזט ער זיך אין דער טיר פון זיין שאָפּ און קוקט זיך פאַרשלאָפן אַרום מיט זיינע אויגן, רויט־צעפּרע־סענע פון טונקלקייט און שטויב.

באַלד רוקט זיך אונטער זיין שכן, איבי ראָזען, אַ פלינק, צעטראָגן מענטשל, וואָס האַלט אַ גאַלאַנטעריע־קראָם האַרט נעבן דזשאָוס שאָפּ. אינגאַנצן איז ער הויט און ביין מיט אַ פּאָר שפּיציקע קינבאַקן אויפן קליינעם, איינגעשרומפּענעם פּנים, וואָס האַלט זיך אין איין דרייען אַהין און צוריק אויף זיין שמאָל, גאָרגלדיק העלזל ווי אויף אַ שרויף. עס גייט אים נישט איבעריק געהויבן אין די ביזנעס, און שטענדיק לויפט ער אַרום אַ פאַרטראָגענער, וואו צו כאַפּן אַ גמילות־חסד. אין דער גאַנצער גאַס, אַפילו ביי די קריסטלעכע שכנים, איז ער פאַרשולדיקט איבערן קאָפּ. בלויז דזשאָון, מיט וועלכן ער וואווינט שוין כמה יאָרן אין שכנות, קאָן ער בשום אופן נישט איינבייסן. פון אַ „מאָנעי־לענדער״, און דערצו נאָך פון אַזאַ איינעם ווי דזשאָו, ווייסט ער, איז אַזאַ זאַך ווי אַ גמילות־חסד נישט צו דערוואַרטן. פונדעסטוועגן רעדט ער זיך איין, אַז

סוף־כל־סוף וועט ער אויך אים אָנקריגן, און מיט אַ היפּשער מטבע דערצו. ער, ראָזען, איז אַ מומחה אויף גמילת־חסדים, און זעצט ער זיך אָן אויף איינעם, וועט שוין יענער פון אים זיך נישט אַרויסדרייען. זאָל זיך נאָר אונטערדרוקן עפּעס אַ גע־לעגנהייט, וועט ער אויך דזשאָון אַריינקריגן, נישקשה. יעדעס מאָל, ווען עס מאַכט זיך אַ שעת־הכושר צו פּאַרפּירן מיט אים אַ שמועס, איז ער שוין דאָ ביי זיין זייט מיט אַ גדולהדיק שמייכעלע אויפן איינגעשרומפּענעם פּנים, און דאָס קול ביי אים שמעלצט זיך חניפהדיק אין דעם גאָרגלדיקן העלזל.

— העללאָ, מיסטער בענדזשאַמין, העללאָ! וועל, וועל, וואָס מאַכט מען עפּעס?

אָבער דזשאָו איז נישט פון די לייכטע מענטשן. ער לאָזט זיך בשום אופן נישט אַרויסקריגן אויף אַ שמועס. זיינע באַקן, וואָס זענען אָנגעבערשטלט מיט אַ ברודיק־בלוילעכן, נישט ראַזירטן אָנוואוקס לאָזן זיך ברוגזדיק אַראָפּ, ער גיט אַ בייזן שמאָרע מיט דער נאָז און ענטפערט נישט.

— וואָס זאָגט איר נישט צו די היצן, מיסטער בענדזשאַ־מין? — שטייט ראָזען נישט אָפּ. — זיי שטעלן דאָך בדיל־הדל, מאַכן אַ תל פון די ביזנעס!

אין דזשאָוס קורצן, צעגאָסענעם האַלז הויבט זיך אָן קייקלען אַ געדיכטער ברום, ווי עס וואָלט זיך דאָרט עפּעס געקאָכט. ער וואַרפט אַן אומגעדולדיקן בליק אַריין אין דער טונקלקייט פון זיין שאָפּ, גיט אַ שלעפּ אַרויף די הויזן מיט אַ פלינקער, געוואוינטער באַוועגונג, און אָן אַ וואָרט אַרויס־צורעדן לאָזט ער זיך צוריק אַריין אינעווייניק, פאַרהאַקנדיק הינטער זיך די טיר.

ראָזען בלייבט שטיין אַביסל אַ צעמישטער. ער פילט זיך אָבער נישט באַליידיקט. אדרבא, עס געפעלט אים דזשאָוס שווייגנדיקע אַנטשלאָסנקייט, און ער באַוואונדערט אים ווי אַ העלד, וועלכן ער קאָן בשום אופן נישט בייקומען.

— אַן אַלטער קורח, האָט דעם קאָפּ אויף דער רעכטער

זייט! — שאָקלט ער התפּעלותדיק מיטן קאָפּ נאָכן פאַרשוואונ־דענעם דזשאָו.

ער האַלט פון דזשאָון אַן עולם ומלואו. ער שאַצט אים אין די שווערע טויזנטערס אַריין. אַז עס קומט אים אויס צו רעדן וועגן דזשאָון, קלאַפּט ער זיך באַרימעריש איבער דער ברוסט, און דאָס קול זײַנס איז פול מיט וויכטיקייט:

— וועגן דזשאָו בענדזשאַמין זאָלט איר מיך פרעגן. עס האָט דען אַ שיעור, וויפיל ער פאַרמאָגט? אונז אַלעמען קאָן ער אָפּקויפן, כ׳לעבן, די גאַנצע לייגאָן־סטריט מיט אַלע ביזנעס צוזאַמען. שפּילט זיך מיט דזשאָו בענדזשאַמין!...

און מען גלויבט אים, ראָזענען. דזשאָוס אָפּגעזונדערטקייט האָט אין זיך עפּעס סודותדיקס, וואָס רייצט די פאַנטאַזיע בײַ אַלעמען אין גאַס. מען דערציילט זיך אויסטערלישע מעשיות וועגן זײַן עשירות, וואָס ער זאָל האַלטן פאַרשלאָסן אין די אײַזערנע קאַסעס בײַ זיך אין שלאָף־שטוב, וואו קיינער האָט נישט קיין צוטריט, און וועגן געהיימע אוצרות, וואָס ליגן כלומרשט באַגראָבן אונטערן דיל פון זײַן שאָפּ. כאָטש מען קאָן אים שוין אַזויפיל יאָרן, ווייסט נישט קיינער פון וואַנען ער קומט, צי ער איז אַ התונה־געהאַטער, אָדער נאָך אַ בחור, צי ער האָט ערגעץ משפּחה. זעלטן זעט מען, עמיץ זאָל צו אים קומען. פון דער אייביק פאַרמאַכטער טיר פון זײַן פאַון־שאָפּ טראָגט זיך אַן אומהיימלעכע פאַרבאָרגנקייט. באַוויַזט זיך אַמאָל פון דאָרט איינער פון זײַנע קליענטן (זיי שאַרן זיך שטענדיק אַרויס שטילערהייט פון דער טיר און מערסטנס זענען דאָס עלטערע, שוואַרץ־געקליידעטע פרויען מיט אויסגעווייקטע, אַלמנהדיקע פּנימער, און טיילמאָל אויך מאַנסלייט, אויסגע־פּראַנטעוועטע, מיט לויזע ליפּן און אויפגעשוואָלענע, נישט אויסגעשלאָפענע אויגן), ווערט אַ געקוקעריי פון די קראָמען, און מען שאָקלט מבינותדיק מיט די קעפּ:

— נו יאָ... אַזוי שאַרט מען דאָס געלט!...

— אַ חרפּה פאַר די גויים... וואָס זיי זאָגן אויף יידן, זענען זיי כשר געוועכט! — זאָגט זיך מיט אַ פּייכט זיפצעלע מיסטער

מאָרים, דער „האָלסעילער״, און גלעט זיך מיט צערטלעכקייט זיינע ווייכע, ווייבערישע הענטלעך.

די אלמנה בעלקין, אַ ברייט־צעגאָסענע און מיט שמאַלציקע גוידערס, קייקלט זיך שווער אַרויס פון איר „ספּאָקסטיטשינג״ שאָפּ. ווי נאָר עס מאַכט זיך אין גאַס אַ גערעדעכץ וועגן דזשאָון, דערשנאַפּט זי עס באַלד, מעג זי זיין ווי פאַרטון מיט אַרבעט אין איר שאָפּ. זי טראָגט אַן איינגעבאַקענע שנאה צו דזשאָון נאָך פון די צייטן, ווען זי האָט זיך צו אים געהאַט געשדכנט. געווען איז עס מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק, נישט לאַנג נאָכדעם ווי דער מאַן איז איר אָפּגעשטאָרבן. די לייגאָן סטריט האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דער אלמנה, נעבעך, און מען איז געפאַלן אויף אַ המצאה זי התונה צו מאַכן מיט דזשאָון. אַ מענטש איינער אַליין, גוט אוועקגעשטעלט, מיט אַן איינגעפּירט געשעפט. וואָס קאָן זיין גלייכער? זי האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון: ווי קומט צו איר דזשאָו בענדזשאַמין, אַזאַ פּראָסטע זאַך... איר מאַן איז דאָך געווען אַזאַ איידעלער און ציכטיקער מענטש, אַ געלערנטער, מיט אַ האַנטשריפט ווי גע־דרוקטס. האָט מען אָבער מיט איר איינגעטענהט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז זי האָט מסכים געווען אויפן שידוך. אַ גאַנצע נאַכט האָט. זי געוויינט אין קישן אַריין און צומאָרגנס געווען אויפן מאַנס קבר, געבעטן ביי אים מחילה.

אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך די זאַך מיט גאָרנישט. ווען מען איז געקומען צו דזשאָו בענדזשאַמין וועגן שידוך, האָט ער זיך לאַנג געקראַצט די קאָלטנדיקע האָר, געקוועטשט די פאַרשלאָפענע אויגן און געהויבן די אַקסלען.

— התונה האָבן, נו יאָ... מען דאַרף זיך איבערלייגן... מ׳וועט זען...

מען איז געגאַנגען צו אים, גערעדט אַהין און אַהער, דערציילט נסים וועגן דער מיסים בעלקין, ס׳אַ בריה זי איז, ס׳אַ סוחרטע, נישט קיין אויסבערענגערין ווי אַנדערע ווייבער, און דזשאָו האָט אַלץ געהאַלטן אין איין איבערלייגן זיך, ביז די שדכנים איז נמאס געוואָרן.

— ווער ווייסט אים דאָרט, דעם שמאַטניק... האָט אפשר גאָר אַ ווייב ערגעץ... ווער קאָן אַזאַ איינעם דערגיין? — האָט מען אויף דער לייגאָן סטריט אַ מאַך געטון אויף אים מיט דער האַנט, און פון שידוך איז געוואָרן אויס. די מיסיס בעלקין האָט פון דעמאָלט אָן געטראָגן אויף אים אַ האַס, און יעדעס מאָל, ווען אויף דער לייגאָן סטריט שמועסט מען זיך איבער וועגן דזשאָון, קייקלט זי זיך באַלד אַרויס פון איר שאָפּ, דאָס פּנים און די גוידערס פלאַמען ביי איר, און דער הויכער בוזים וויגט זיך האַסטיק אַרויף און אַראָפּ. זי שטעלט זיך אַוועק מיטן גאַנצן פאַרנעם פון איר ברייט־צעגאָסענער געשטאַלט האַרט נעבן דזשאָוס שאָפּ און שרייט אַריין צו אים דורך דער פאַר־מאַכטער טיר מיט אַ געדריידלטן, תחינהדיקן ניגון:

— אַלטער תרח, בלוטזויגער, אַ בראָך צו ד־י־י־י־ר! מאַך דיך איין מיט דיין געלט, שטיק אַלטוואַרג דו, ישו־י־י־י־ן וואָס דו ביסט! אַ בראָך צו דיינע יאָ־אָ־רן!

ב.

דער איינציקער, וואָס פלעגט אַמאָל האָבן אַ צוטריט צו דזשאָו בענדזשאַמין, איז געווען אייזעק גרין, אַן אויסגעצויגע־נער פּאַרשוין מיט צוויי אָנגעשפּיצטע, גלאַנציקע אייגעלעך, און מיט אַ הונגעריקן גאָרגל־קנאָפּ, וואָס האָט זיך כסדר גע־קייקלט אַרויף און אַראָפּ און געשלונגען שפּייעכץ. ער איז געווען אַ „ריעל־עסטעיטניק" און געהאַט הייזער איבער דער גאַנצער שטאָט. ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן אויף זיינע לאַנגע, ברייט־צעשטעלטע פלאַט־פיס און איינגעמאָנט דאָס דירה־געלט מיט אַ נעבעכדיק, פאַרוויינט קול. דאָס פּנים ביי אים איז געווען אַ פאַרדאגהטס, אַ זויערס, ווי עס וואָלט אים געקוועטשט אַן ענגער שוך, און שטענדיק האָט ער געהאַט אויף עפּעס זיך צו באַקלאָגן: די היצן טריקענען אים אויס די הייזער, צעפרעסן די ציגל און ס'געהילץ, די רעגנס שווענקען אים אונטער די פונדאַמענטן, די לאָקאַטאָרן מאַכן

אים איין דירה־געלט. ער האָט בסדר געחשבונט די היזקות, וואָס ער האָט אויסצושטיין, געווען אַ דם־שונא זיינע לאָקאַטאָרן, וואָס זיי נוצן אים אָפּ די הייזער און שטעלן אים בדיל־הדל.

אַממערסטן צרות האָט ער געהאַט פון זיינע הייזער אין אַ פאַרוואָרפן הינטער־געסל, וואו עס האָבן געוואוינט פּראָסטי־טוטקעס. ער האָט דאָרט שטענדיק געטראָפן אָפּגעדראַפּעטע, מיט וואַנצן־נעסטן באַפינטלטע ווענט, פון וועלכע די טאַפּעטן האָבן זיך געשיילט און אַראָפּגעהאָנגען אין לאַנגע, ברודיקע פלאַכטעס, צעבראָכענע טירן און אַרויסגעזעצטע פענסטער, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די שיכורע שלעגערייען צווישן די נקבות מיט זייערע אַלפאָנסן און געסט. די הייזער זענען געזונקען אין אָפּגעלאָזנקייט און געפוילט אין זנותיקן געשטאַנק. ווען ער פלעגט דאָרט אַהינקומען איינצומאָנען דאָס דירה־געלט, האָבן די נקבות אים אַריינגענומען אין אַ קרענצל, גע־מאַכט צו אים מיאוסע הנדלעך, געקיצלט אים דעם צאַפּלדיקן גאָרגל־קנאָפּ און צו אים געוואונקען מיט אויסגעלאַסענע העוויות.

— נאָ מאָנעי, דאַרלינג, נאָ, נאָ!...

— וואָס הייסט נאָ מאָנעי? — פלעגט אייזעק זיך אַזש פאַרכלינען. — איך בין אַן אַלטער, קראַנקער מאַן. פון וואַנען וועל איך נעמען צו לעבן?

די יונגע ריטאַ, אַן איטאַליענערין מיט אַ קאָפּ ווילד־געקרייזלטע האָר און מיט שוואַרצע רייפן אַרום די אונטער־געהאַקטע אויגן, פלעגט מיט אַ שטיפעריש געלעכטער אים אַרומכאַפּן, קושן אים גלייך אין די ליפּן און שטופּן אים אין מויל אַריין שאָקאָלאַד, אָדער אַ פּאַפּיראָס. די נקבות אַרום האָבן זיך געהאַלטן די זייטן פון לאַכן און געקוויטשעט מיט אויפגעריסענע מיילער:

— נעם זי פאַרן דירה־געלט, אַלטער, נעם זי!...

אייזעק איז געשטאַנען אין קרענצל אַ פאַרלוירענער, מיט אַ צעפלאַמט פּנים, געקוקט אַרום זיך מיט אומבאַהאָלפענע

אויגן, גאַריש אונטערגעשמייכלט, און לסוף יאושדיק אַ הויב געטון די פּלייצעס און אַוועק אין דירה־געלט.

נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן איז ער יעדן אָוונט געקומען צו דזשאָון און זיך אַראָפּגעזעצט פאַר אים פון האַריז, געווען אים שוואַרץ אויף ווייס, ווי מען שטעלט אים אויס פאַר אַן אָרעמאַן, און אַרויסשלעפּנדיק פון די בוזים־טאַשן צעקנייטשטע בויגנס פּאַפּיר, זיי פאַנאַנדערגעוויקלט אונטער דזשאָוס נאָז:

— נאַ, זע, ווידער שטייערן צו צאָלן! פאַר וואַסער, פאַר הכנסה, פאַרן פאַרמעגן, מ׳שטיינס געזאָגט. אַריינגעבראָקט לעבעדיק געלט אין די טויטע מויערן, און צאָל זיי נאָך צו. מען דייסט פון מיר לעבעדיקע שטיקער, דזשאָו! וואָס טוט מען? געוואַלד, וואָס טוט מען?

— וואָס קאָן מען טון? — פלעגט דזשאָו ענטפערן מיט אַ רחמנותדיקן זיפץ און אויסציען די קורצע, האָריקע הענט צו די פּלייצעס, וואָס זענען געווען פאַרלייגט ביזן אונטערן באַלקן מיט משכנות און אַלטוואַרג. — מיינסט, אַז מיר איז בעסער? אַ פאַרמעגן ליגט דאָ נישט אויסגעקויפט און פוילט, אַ תל ווערט פון אַלעם, אַ פּענע דערפון נישט אַרויסצוקוועטשן.

מיט אַ שיטער קרעכצעלע און שאָקלענדיק צו זיך מיטן קאָפּ פלעגט דזשאָו אַוועקזעצן זיך צום טיש, אַרויסנעמען פון שופלאָד אַן אַלטע צעריבענע טאַליע קאָרטן, וואָס איז געווען זאָרגפעלטיק איינגעוויקלט אין אַ סך פּאַפּירן, און זיינע אויגן האָבן אומרואיק גענומען נאָכלויפן אייזעקן, יועלכער האָט זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ און פאַרטראַכטערהייט אַריינגעברומט אין זיך.

— מירן מאַכן אַ „געים”, האַ? — פלעגט ביי דזשאָון זיך אַרויסקוועטשן אַ געדיכט, פאַרשמאָלצן הוסטל. ער האָט דערביי פלינק געמישט די קאָרטן, וואָס האָבן מיט יצר־הרעדיקן אַזאַרט געטראַסקעט צווישן זיינע פינגער.

— מירן מאַכן אַ „געים”, וואָס קאָן דאָ זיין? — האָט אייזעק זיך צוגעזעצט צום טיש מיט אַ נישט ניחאדיקן פּנים.

## ג.

דאָס שפּיל פּלעגט זיך ביי זיי פאַרציען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. זיי האָבן געשפּילט אויף גרויסע געלטער, אָבער קיין מזומן האָבן זיי זיך נישט געצאָלט. מען האָט געשפּילט אויף באָרג, אויף אָפּצושפּילן זיך, און ביידע האָבן זיי געפירט אַ גענויע בוכהאַלטעריע פון די קאָרטן־חשבונות, וואָס האָבן זיך געצויגן זינט לאַנגע יאָרן. דזשאָו פלעגט צום רוב זיין דער פאַרשפּילטער, און זיין חוב צו אייזעקן האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און געגרייכט אין די טויזנטערס אַריין. עס איז אים געגאַנגען אין לעבן אויסצוגלייכן דעם חשבון מיט אייזעקן, און יעדן אָוונט, ווען ער האָט זיך געזעצט שפּילן, האָט דאָס האַרץ זיינס געקלאַפּט מיט אַ באַהאַלטענער האָפנונג, אַז דאָס מאָל וועט זיך דאָס מזל איבערדרייען אויף זיין זייט. ער האָט געשפּילט אומגעדולדיק, מיט פאַרביסענעם אַזאַרט, און זיינע קורצע וואורשטלדיקע פינגער האָבן געציטערט, אויסוואַרפנדיק די קאָרטן.

אייזעק האָט דערפאַר געשפּילט געלאַסן און כלומרשט גלייכגילטיק, ווי איינער וואָס איז געוואוינט צו געווינען און נעמט זיך נישט איבער מיטן שפּיל. ער פלעגט מיט ישוב־הדעת אַרויסשלעפּן פון אַ הינטער־טאַש אַ געדיכט פאַרשריבן שטיקל פּאַפּיר, לאַנג אין באַטראַכט אַריינקוקן דערין און געשעפטס־מעסיק אַ זאָג טון:

— ווי האַלטן מיר עס מיט אונזער חשבון, הייסט עס? אָוואָ, שוין איבער דריי טויזנט פונט.

— דריי טויזנט פונט? — פלעגט זיך אַזש דזשאָו דערשרעקן.

— דריי טויזנט צוויי הונדערט זעקס און ניינציק פונט!
— פלעגט אייזעק לאַנגזאַם און ערנסט אַרויסציילן די ווערטער, צאַפּויקנדיק מיטן פינגער אויפן טיש, און שטילערהייט איבערחזרן פאַר זיך מיט הלומדיק־פאַרזשמורעטע אויגן: — דריי

טויזנט צוויי הונדערט זעקס און נײַנציק פּונטלעך, אַזאַ פּאַר־מעגן!...

— נישט געפּערלעך... — פּלעגט דזשאָו ביטולדיק צוריק־וואַרפן. — מיר וועלן נאָך שפּילן, נישקשה, איך לעב נאָך אויף דער וועלט.

דאָס שפּיל פּלעגט אין אָנהויב צוגיין שלאַבערדיק, אָן אינטערעס. אײַזעק האָט נאָך נישט באַוויזן אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם דרויסן. זײַנע רעיונות האָבן נאָך אַלץ געוואַנדערט איבער דער שטאָט. פאַר זײַנע אויגן האָבן זיך געפּלאָנטערט מענטשן, הײַזער און גאַסן, און אין די אויערן האָט געזשומעט דער הו־האַ פון אַ גאַנצן טאָג אַרומלויפן און אַרומהאַווען. ער פּלעגט אַרויסשלעפּן פון טאַש דעם האַלב־צעקוועטשטן פּאַפּי־ראָס, וואָס ריטאַ האָט אים געגעבן, פאַרזיכטיק אויסגלײַכן אים צווישן די פינגער פון די קנייטשן און פּאַמעלעך, מיט ישוב הדעת אים פאַררויכערן און פאַרציען זיך מיט טיפער הנאה, באַהערשט פון זיס־נאָגנדיקע געדאַנקען וועגן דער שיינער איטאַליענערין, וואָס האָט זיך געוויקלט פאַר זײַנע אויגן אין די בלוילעכע רויך־קנוילן.

— האָסט געהערט וועגן ראָטמאַנס באַנקראָט, דזשאָו? הונדערט טויזנט פונט... ס'איז דאָך אַ פאַרמעגן!

אָפּשפּילנדיק אַ ווײַל אין שווײַגעניש, פּלעגט ער זיך דער־מאָנען וועגן עפּעס אַנדערש:

— כ'האָב געהערט אין שטאָט, אין פּוילן איז שוין ווידער געווען אַ פּאָגראָם, וואָס זאָגסטו נישט דערצו?

— וואָס זאָל איך זאָגן? אַ נײַעס ביי דיר אַ פּאָגראָם אין פּוילן? — האָט דזשאָו אומגעדולדיק געקוועטשט די אַקסלען און אײַלנדיק גענומען צונויפשאַרן די צעוואָרפענע קאָרטן.

— האָסט געהערט אַ מעשה? די „פּייפּערס" שרײַבן שוין ווידער וועגן אַ מלחמה מיט רוסלאַנד. עס קאָן זיך מאַכן אַ נײַע וועלט־מלחמה — האָט אײַזעק אין אַ פּאָר מינוט אַרום ווידער גענומען דערציילן.

— מיר שפּילן אין קאָרטן, צי נישט? — האָט זיך דזשאָו

גענומען ברוגזן. — אַז שפּילן זאָל זיין געשפּילט, און דיר קריבן אַלץ נאַרישקייטן אין קאָפּ: מלחמות, פּאָגראָמען... וואָס גייט עס דיך אָן — האָט ער מיט אַ בייזן טראַסק געוואָרפן די קאָרטן.

— נו, יאָ... — האָט אייזעק נאָכגיביק אָפּגעזיפצט און אַנטשוויגן געוואָרן. איינציקווייז האָט ער זיך געלאָזן אַריינציען אין שפּיל, און זיינע ביינערדיקע פינגער האָבן האַסטיק גענומען קלעטערן צווישן די קאָרטן. די אויגן זיינע האָבן זיך אָנגעשפּיצט מיט אַ שאַרפן גלאַנץ, און איבער די איינגעפאַלענע באַקן האָט זיך פאַרצויגן אַ הייסע רויטקייט. אַ גנבהש שמייכעלע האָט זיך געוויקלט צווישן זיינע דינע, איינגעפאַלענע ליפּן. די קאָרט איז, ווי דער שטייגער, אים געגאַנגען, און עס האָט פון אים אַרויסגעשפּאַרט אַן איינגעהאַלטן, נחתדיק הוסטל:

— קכי, קכי, אַז געשפּילט זאָל זיין געשפּילט...

דזשאָו איז געזעסן אַן אָנגעצויגענער, אַ צעיאַכמעטער, געוואָרפן די קאַרטן און היים געפּרייכט מיט זיין שווערן, קורצן אָטעם:

— מנע, קאָרטן... עס גייט נישט! אַ האַנט מיט „שמאַטעס” און מיט „סמאַרקעס”, טו עפּעס אויף!...

יעדע קאָרט האָט ביי זיי געהאַט אַן אַנדערן צונאָמען: „שמאַטעס” האָבן זיי גערופן די קליינע קאָרטן, „סמאַרקעס” האָבן געהייסן אונטערס, „שיקסעס” — די אויבערס. אַ קעניג האָבן זיי גערופן „באָס”, און אַ טויז — „דזשאָן בול”. די קאָרטן זענען ביי זיי געווען ווי לעבעדיקע באַשעפענישן, יעטוועדע איינע מיט איר אייגענעם ווילן און אייגנאַרטיקע קאַפּריזן. זיי האָבן געוואוסט זיך צו באַהאַלטן, ווען מען האָט זיי אַממערסטן געדאַרפט. מען האָט געמוזט אומגיין זיך מיט זיי פאָרזיכטיק, דעליקאַט און אָנווענדן פאַרשידענע קונצן, זיי זאָלן קומען אין דער ריכטיקער צייט. עס זענען געווען קאָרטן נאַרישע און קלוגע, בייזע און גוטע. סיי דזשאָו און סיי אייזעק האָבן געהאַט צווישן די קאָרטן פאַוואָריטן, פריינט און שונאים. יעדע קאָרט, וואָס זיי פלעגן אַרויסוואַרפן, האָבן זיי

באַגלייט מיט צערטלדיקע אויסרופן, מיט בקשות און ווינטשע־וואַניעס. זיי האָבן גערעדט צו די קאָרטן מיט גוטן און מיט בייזן, זיי געליובט און געזידלט. און אַז עס איז געקומען אַרויסצושפּילן אַ שטיקל טרומף, האָבן זיי זיס־רחמנותדיק אונטערגעקרעכצט דערביי.

— נאַדיר אַ שיקסע, אייזעקל, פּרעס דיך אָן! — פּלעגט דזשאָו אַרויסוואַרפן אַ דאַמע מיט אַ ברייטן, גרויסמוטיקן זשעסט. — דו האָסט דאָך ליב שיקסעס...

— אוודאי האָב איך ליב, נאָר אייגענע, נישט קיין פרעמ־דע, קכי, קכי!... — פּלעגט אייזעק מיט זיין צעהוסט געלעכטערל אים צוואוואַרפן אַ קליינע קאָרט.

— הע, הע, דזשאָן בול, וואו האָסטו זיך ערגעץ באַהאַלטן? זע נאָר, ווי דאָס טייזעלע האַרץ איז אונטערגעקומען צו דער ריכטיקער מינוט... — האָט דזשאָו מיט הרחבה אַרויסגע־לייגט די רויטע טויז. — ווייז אים, דעם פּושער, וואָס דו קענסט!

געשטאָרבן, דזשאָו, געשטאָרבן! דאָס מאָל נישט געטראָפן, דזשאָו, קכי, קכי... געשטאָרבן דאָס טייזעלע האַרץ! — האָט אייזעק גיך אַריינגעכאַפּט די אַרויסגעוואָרפענע קאָרט.

— עס גייט נישט... — האָט דזשאָו מאַט און מיט אַנטוי־שונג אַרויסגעוואָרפן אַ פרישע קאָרט. די טויז האַרץ איז געווען זיין ליבלינג. ער האָט זיך געשפּיגלט אין איר, גערופן זי מיט צערטלדיקע נעמען, און געוואָרפן זי אויפן טיש נצחונדיק און מיט שטאָלצקייט, ווי אַ פאַרצייטישער ריטער די הענטשקע צו זיין קעגנער. די טויז האַרץ האָט געשפּילט ביי אים אַ וויכטיקע, געהיימנישפולע ראָלע. זי איז געווען אַ שטאָלצע קאָרט, וואָס נישט אַזוי לייכט האָט מען זי געקאָנט אַריינקריגן. זי איז שטענדיק געווען ערגעץ באַהאַלטן און פּלעגט אַרויסשווימען פון צווישן די קאָרטן מיט אַ מאָדנעם מאַיעסטאַט און באַלד צוריק פאַרשווינדן ווערן ווי אַ מיוחסדיקער גאַסט. אַז אייזעק פּלעגט זי קאָנען צונעמען ביי דזשאָון, האָט זיין גאַנץ פּנים זיך צונויפ־געשאַרט אין געדיכטע, דינע קנייטשעלעך און זיינע אייגגע־

פאַלענע ליפּן האָבן געמליאַסקעט מיט אַ נקמהדיק שמייכעלע:
געשטאָרבן, נעבעך, געשטאָרבן!... נישטאָ קיין יחסנים!...

אַזוי פלעגן זיי שפּילן זינט לאַנגע יאָרן טאָג נאָך טאָג ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין. די שעהן זענען שנעל געלאָפן אין דער נאַכטיקער שטילקייט און זיך לייכט געברעקלט צווישן די צעריבענע קאָרטן, ביז ביידע פלעגן זיי צוזאַמענפאַלן פון מידקייט, און די אַלטע, שיטערע בלוטן אין די האַלב־פאַרקאַלכטע אָדערן פלעגן האַמערן פאַרחלשט אין די שלייפן.

— נו, זאָל שוין זיין געזונג אויף היינט... — פלעגט אייזעק דער ערשטער זיך אויפשטעלן מיט אַ צעבראָכענעם קרעכץ און זיך אַרומוויקלען אין זיין שמאָלן, אויסגעריבענעם מאַנטל, איינהאַלטנדיק צווישן די ציטערדיקע ליפּן דעם קאַלטן שוידער, וואָס איז אים געלאָפן איבערן גאַנצן לייב.

דזשאָו פלעגט גאָרנישט ענטפערן, זיצנדיק אַ פאַרגליווערטער אויפן אָרט און גלאָצנדיק מיט די רויט־פאַרפלאַמטע אויגן, וואָס זענען געווען פאַרצויגן מיט אַ מאַטקייט ווי פאַרשיכורטע.

— דער חשבון האַלט שוין דריי טויזנט זעקס הונדערט און פערציק — האָט אייזעק געגישטערט אין דעם פאַרשריבענעם פּאַפּירל, פאָרזיכטיק עס צונויפגעקנייטשט און באַהאַלטן אין טאַש. — דריי טויזנט זעקס הונדערט און פערציק פונט, אַ קלייניקייט אַרויסצוזאָגן... — האָט ער אויפן וועג קרעכצנדיק אַריינגעחזרט אין זיך און, ענגער אַריינטוליענדיק דעם אויפגעשוידערטן גוף אין דעם שמאָלן מאַנטל, פאַרשלונגען געוואָרן אין דער קילער, ביינאַכטיקער פינסטערקייט.

ד.

מיטאַמאָל האָט אייזעק גרין אויפגעהערט צו קומען. אַדורך איין טאָג, צוויי טעג, דריי טעג, מען זעט אים נישט. דזשאָו אָבער האָט זיך ווינציק וואָס דערמיט איבערגענומען. עס איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן נאָכצוקלערן, טאָמער איז עפּעס געשען מיט זיין פריינט. אַ דאגה האָט ער מיט אים, דעם אַלטן שייסער... אנישט האָט ער ערלעך געשפּילט אין קאָרטן? אַ

מענטש זאָל כּסדר געווינען, זאָל זיך קיינמאָל נישט לאָזן כאַפּן, מוז עפּעס דערין שטעקן אַ קונץ. אַ נאַר איז ער, דזשאָו, געווען, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פון אים באַשווינדלען אַזויפיל יאָרן. איז טאַקע גוט, וואָס ער קומט נישט מער, פּטור געוואָרן פון דעם אָנשיקעניש...

אין האַרצן אָבער איז דזשאָו געווען אומרואיק. זיין לעבן האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטעלט אין אַ פעסטן סדר — ביי־טאָג ביזנעס, ביינאַכט קאָרטן, אַזוי טאָג נאָך טאָג זינט יאָרן. און דאָ מיטאַמאָל איז דער סדר צעשטערט געוואָרן. ער האָט נישט געהאַט וואו אַהינצוטון די ליידיקע אָוונטן און זיך אַרומ־געדרייט איבער די פינסטערע חדרים פונם שטילן, פוסטן הויז, לאַנגווייליק אַריינגעזיפצט אין זיך, און לסוף זיך פאַרקליבן צוריק אין שאַפּ אַריין און גענומען נישטערן צווישן די קופּעס אַלטוואַרג, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן אַ געדיכטער שטויביקער ריח.

— געלט, געלט!... — האָט ער היים אריינגעברומט אין זיך. — יעדעס ברעקעלע איז געלט, כע, כע, גאָלד מיט ברי־ליאַנטן...

מיט פאַרזיכטיקע, געגנבעטע טריט האָט ער זיך צוגעשאַרט צו דער אייזערנער קאַסע, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין אַ פינסטער ווינקעלע, לאַנג געדרייט מיט די שליסלען אין די טיפע שליסל־לעכער, און מיט אַן אָנגעשפּיצט שמייכעלע אויף די ליפּן האָט ער פּאַמעלעך אויפגערוקט די שווערע טיר און אָנגעהויבן אַרויסנעמען פּעקלעך פּאַפּיר־געלט. ער האָט דאָס געלט אויסגעסדרט אויפן טיש און אויף יעדן באַנקנאָט אויפ־געשריבן מיט קליינע אותיותלעך זיין נאָמען מיט דער דאַטע. דאָס איז געווען זיין בעסטער און ליבסטער צייט־פאַרטרייב. אויף יעדן שטיקל פּאַפּיר־געלט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט, האָט ער געמאַכט זיין צייכן, איידער ער האָט עס געלאָזן צוריק אין גאַנג אַריין. אַזוי האָט ער זיך געפירט אַלע יאָרן, און איז אַמאָל אַזאַ פּאַפּירל צוריקגעקומען אין זיינע הענט אַריין, האָט זיין פרייד נישט געהאַט קיין שיעור. ער האָט גע־

לאכט דערצו, אַרויסגעגלעט דערפון יעדעס קנייטשעלע און באהאַלטן עס אין אַ באַזונדערן שופלאָד אין זיין קאַסע. אזא געלט האָט ער שוין מער נישט אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט. עס האָט געהאַט פאַר אים אַ באַזונדערן ווערט, אַ טייערקייט, ווי עפּעס אַ הייליקע זאַך, וואָס קערט זיך נישט אָן מיט קיינעם אין דער גאַנצער וועלט, נאָר מיט אים אַליין.

ער האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריינגעאַרבעט אין די געלט־פּאַפּירלעך, געציקלט אויף זיי מיטן קלענסטן כתב זיין נאָמען, עס צונויפגעלייגט אין גלייכע קופּקעלעך און מיט אַ מיד, לייטזעליק שמייכעלע עס באַהאַלטן צוריק אין דער קאַסע.

— אָפּגעטון אַ שטיקל אַרבעט — האָט ער זיך געשמאַק צעגענעצט, און קראַצנדיק זיך די האָריקע ברוסט האָט ער זיך צוריק צוגעזעצט צום טיש, אַרויסגענומען פון שופלאָד דאָס פּעשל קאָרטן און אָנגעהויבן אויסלייגן אַ פּאַסיאַנס. דאָס איז אים אָבער באַלד נמאס געוואָרן.

— נישטאָ מיט וועמען צו מאַכן אַ ריכטיקע „געים" — האָט ער לסוף אויפגעריסן דאָס מויל אין אַ ברייטן, שלעפעריקן גענעץ. — דער רוח האָט אים גענומען, דעם אַלטן שווינדלער! זאָל ער גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר...

ער האָט נאַכלעסיק אַ שאַר געטון די קאָרטן אַוועק פון זיך, פאַרוואָרפן די הענט איבערן קאָפּ אַריבער און געבליבן זיצן פאַרגליווערט אין מידקייט. אַרום אים איז געשטאַנען אַ מאַסיווע שטילקייט, ווי אַ טונקעלע מויער. דער אומרו האָט ווידער אַ צאַפּל געטון ביי אים אין האַרצן. מיט אַ דינעם שווידער איבערן לייב האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון אָרט און מיט גיכע טריט, נישט אומקוקנדיק זיך, אַריין צו זיך אין שלאָף־שטוב.

אָבער שלאָפן האָט ער נישט געקאָנט. ער איז געלעגן אויפן רוקן אין זיין שמאָל, אַלט־בחוריש בעט, וואָס איז געווען קאַלט און מיט אַ שווערן, פייכטן ריח. מיט אויסגעגלאָצטע אויגן האָט ער געקוקט אין דער טיפער פינסטערניש אַריין. דורך די שטום־פאַרהאַקטע טיר און פענסטער האָט זיך פון

דרויסן אריינגעגראבלט דער סודותדריקער, ביינאַכטיקער טומל פון דער גאַס. פון צייט צו צייט האָט זיך געלאָזט הערן אַ האָפערדיק פּישטשען פון שטשורעס, וואָס האָבן זיך געראָיעט אינם אַלטוואַרג. אין זיין האַלב־פאַרשלאָפענעם מוח האָבן זיך געפּלאָנטערט אויסטערלישע רעיונות וועגן קאָרטן און וועגן געלט. גאַנצע שטויסן געלט האָבן זיך געהויבן ביזן באַלקן אַרויף, זיך געבלעטערט מיט אַ טרוקענעם קנאַק, און פון צווישן דעם געלט זענען אַרויסגעשוואומען קאָרטן־פיגורן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין ענדערן זיך: פון אונטערס זענען געוואָרן אויבערס, פון אויבערס מלכים, טייז, און דערנאָך האָט זיך אַלץ צונויפגעגאָסן אין איין מאַסע, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ ריזיקע טויז האַרץ, ווי אַן אויפגעשוואָלענער בויך.

— אייזעקל גנב פעלשט די קאָרטן... ער באַגזלט מיך!...

— האָט זיך אים געמישט אין קאָפּ. זיין פּעטע, באוואָקסענע ברוסט, אין וועלכער עס האָט טעמפּ געהאַמערט זיין מיט שמאַלץ פאַרלייגט האַרץ, האָט זיך געהויבן גיך און שווער אין אַ פאַרהאַקטן, אַפּאָפּלעקטישן אָטעם, ביז עס איז אים באַפאַלן אַ פינסטערער דרימל אָן חלומות. אין דער פרי איז ער אויפגע־שטאַנען אַן אויסגעמאַטערטער, באַשלאָגן פון קאָפּ ביז פיס מיט אַ קלעפּיקן שווייס.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבערן שאַפּ אַ צעטראָגענער מיט אַ שווימעניש אין קאָפּ. אַלץ איז אים געפאַלן פון די הענט. ער האָט כסדר געמאַכט טעותים אין די חשבונות, און ביי אַ קונה, אַן אויפגעפּוצטער, שמעקעדיקער דאַמע, וואָס האָט ביי אים פאַרזעצט אַ זייגערל, האָט ער איג־גאַנצן פאַרגעסן אַראָפּצורעכענען די צינזן. ער איז אַרויס פאַר דער שוועל פון שאַפּ, כדי צו כאַפּן אַביסל פרישן אָטעם און איינצושטילן די צעטראָגנקייט. דער טומל אין דער גאַס האָט אים אַ שלאָג געטון אַנטקעגן מיט אַ פריילעכן אימפּעט. מענטשן האָבן זיך געאיילט, פול־געפּאַקטע טראַמווייען האָבן זיך פאַר־בייגעטראָגן מיט געבראַזג, אַרום די געוועלבער האָט זיך געררו־

דערט. אַן אַלטער מאַטראָז איז אַדורכגעגאַנגען מיט אַ צעוויגטן טראָט, טראָגנדיק אַ שטייג מיט פּאָפּוגייען. צוויי אינדישע האָקערס אין ווייסע טורבאַנען האָבן זיך מיד געשלעפּט מיט זייער שווערן געפּעק איינגעוויקלט אין לייוונט אויף די פּלייצעס.

דזשאָו איז געלאָפן מיט די אויגן איבער דער גאַס, טיף אַריינגעטעמט אין זיך דעם טומל, און די גאַס איז אים אויסגעקומען מאָדנע ליב און היימיש. ער האָט צופרידן אַ שלעפּ געטון די הויזן אויפן בויך אַרויף און פאַרלייכטערט אָפּגעהוסט מיט אַ נחתדיק, פּייכט הוסטל.

באַלד אָבער איז אונטערגעקומען אייבי ראָזען מיט אַ צעשמייכלט, גרולהדיק פּנים און זיינע אויגן האָבן געבלינצלט מיט הניפּהדיקער גוטברודערישקייט.

— ווען מען זעט, ווען מען זעט!... העללאָ, מיסטער בענדזשאַמין, וואָס מאַכט מען עפּעס? אַ שאָק מיט יאָרן אייך נישט געזען. וואָס איז עפּעס מיט אייך, וואָס איר באַווייזט זיך גאָרנישט? כ'האָב שוין אָנגעהויבן איבערקלערן, אַז עפּעס איז מיט אייך. מען זעט אייך שוין לעצטנס גאָרנישט. אפילו אויף גרינס לוויה זייט איר נישט געווען.

— וועמענס לוויה? — האָט דזשאָו צעטומלט אַ פינטל געטון מיט די אויגן.

— ס'הייסט, וועמענס לוויה? אייזעק גרינס...

— האַ?...

— נו, יאָ, אייזעק גרינס. גלויבט מיר, איר ווייסט אפילו נישט, אַז ער איז געשטאָרבן.

— געשטאָרבן!... — האָט זיך פון דזשאָון אַ ריס געטון מיט אַ כאָרכל.

— אַלץ הייסט געשטאָרבן! מען שלאָגט זיך שוין אַרום איבער זיין ירושה. וואָס מיינט איר, מיסטער בענדזשאַמין, אַלע שטאַרבן, און אין קבר אַריין נעמט מען מיט זיך גאָרנישט מיט! — האָט אייבי מיט אָנצוהערעניש אים אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין.

דזשאָו האָט אומרואיק אַ שאָקל געטון מיט די ליפּן, און

זיינע קורצע פינגער האָבן בלאָנדזשענדיק גענומען טאַפּן די לופט. ער האָט אָנגעשטעלט זיינע רויטלעכע אויגן אויף איבין, און דער בליק זיינער איז געווען אַ גלאָזיקער, אַ צעשראָקענער. אַ שפּאָרע ווייל איז ער געשטאַנען אַזוי אַ פאַרגלאָצטער און דערנאָך האָט ער שווער אַ הויב געטון די אַקסלען און אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן מיט איילנדיקע טריט צוריק אַריין אין שאָפּ.

עס האָט אים מיטאַמאָל אַרומגענומען אַ מוראדיקע שטיל־קייט. די שאָפּ איז אים אויסגעקומען פינסטערער און גרעסער ווי תמיד. אין דער לופט איז געהאָנגען אַן אָנגעצויגנקייט. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיץ שטייט הינטער אים און קוקט אים נאָך. ער האָט זיך גיך אויסגעדרייט, און זיין בליק האָט מיט איין צאַפּל אַרומגעכאַפּט די שטילע שאָפּ. ער האָט אַ שאָקל געטון צו זיך מיטן קאָפּ, אַ וויש געטון מיט דער האַנט דאָס פּנים און פאַרקוועטשט די אויגן.

— געשטאָרבן, כע, כע!... — האָט אַ צעברעקלט געלעכ־טערל אויסגעקרומט זיינע ליפּן. — אָנגעפּיפּן דיר, אייזעקל... וועגן די דריי טויזנט זעקס הונדערט פונט מעגסטו שוין פאַר־געסן, כע, כע!

אָבער דאָס געלעכטערל זיינס איז איינגעזאַפּט געוואָרן אין דער שטילקייט, וואָס איז געשטאַנען אָנגעצויגן און דראָענ־דיק. ער האָט זיך גענומען דרייען איבער דער שאָפּ און גע־שטעלט ברייטע, האַסטיקע טריט, וועלנדיק אויפטרייסלען די שטילקייט אַרום. עס איז אים ענג געווען די לופט, ער האָט נישט געקענט אויפאָטעמען, און עס האָט אים צוריק אַ צי געטון אין דרויסן אַרויס. עס האָט זיך אים כסדר אויסגעוויזן, אַז עמיץ האָט זיך באַהאַלטן אין דער שאָפּ און קוקט אים נאָך. ער איז צו צו דער טיר, זי ברייט אויפגעפּראַלט און אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן. באַלד האָט ער זיך מישב געווען, צוריק פאַרמאַכט די טיר און צוגעגאַנגען צו דער קאַסע. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער זי אויפגעשלאָסן, אַרויסגערוטשט די קליינע שופלעדלעך מיט די פּעקלעך פּאַפּיר־געלט און עס גע־

גומען מהומהריק איבערציילן. דערנאָך האָט ער פון אַ קליין קעסטעלע אַרויסגענומען אַ לעדערן טאָרבעלע, פון וועלכן ער האָט אַרויסגעשיט אויף דער דלאָניע אַ הויפנדל בריליאַנטן. די בריליאַנטן האָבן כישופדיק אַ בלענד געטון מיט אַ שאַרפן, גע־שליפענעם גלאַנץ. דזשאָו האָט זיך שפּיציק צעשמייכלט, פאַר־זיכטיק איבערגעוואָרפן עטלעכע מאָל די בריליאַנטן פון איין האַנט אין דער צווייטער און דערנאָך איינס ביי איינס זיי צוריק אַריינגעציילט אין טאָרבעלע.

— ליגסט אין דער ערד, אייזעק, כי, כי... — האָט זיך זיין פּנים פאַרקרומט אין אַ כיטרע געלעכטערל. ער האָט צוריק פאַרשלאָסן די קאַסע, אַ גלעט געטון מיט ביידע הענט די קאַלטע, גלאַטיקע קאַסע־טיר און טיף אויפגעאָטעמט. ער איז אַריין אין קיך, זיך אָפּגעקאָכט זיין אָרעמען, איינזאַמען מאָל־צייט, וועלכן ער האָט אויפגעגעסן מיט אַפּעטיט, אָפּגעלעקט די ליפּן און, פּאַטשנדיק זיך איבערן בויך, צוריק אַריין אין שאָפּ, זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש צום שווערן קאָנטאָ־בוך און זיך פאַרטיפט אין חשבונות. ער האָט שוין מער נישט געקלערט וועגן אייזעקן.

ה.

אין שאָפּ איז אַריינגעקומען אַ קונה, אַ צווייטער. דזשאָו האָט אויפגעלעבט. ער האָט אויפן קול אַרויסגעציילט די באַנק־נאָטן פון דער קאַסע אַרויס, געקלימפּערט מיטן קליינגעלט, ביטולדיק געשמאָרעט אויף די בריליאַנטענע רינגלעך, וואָס מען האָט אים געבראַכט צו פאַרזעצן, געשריבן קוויטאַנציעס, גע־חשבונט, געפּאַקט, געקלעטערט אויף דער לייטער צו די הויכע פּאָליצעס מיט די פּעק משכנות און אַן אויפגערוימטער געשמאַ־יעט איבער דער גאַנצער שאָפּ. כאָטש עס איז נאָך געשטאַנען גרויסער טאָג אין דרויסן, האָט ער אָנגעצונדן די עלעקטרי. זאָל זיין ליכטיק, ס'איז ביזנעס, מען טאָר נישט זשאַלעווען — האָט ער גרויסמוטיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און מיט אַמאָל זיך צעלאַכט. עס האָט זיך אים דערמאָנט אייבי ראָזען.

דער קבצן האָט שוין געמיינט, מי יודע וואָס, כע, כע... אָבער נישקשה, דזשאָו בענדזשאַמין לעבט נאָך אויף דער וועלט, אַלעמען צו להכעיס! ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר פון דער שאָפּ, יעדע פּאָר מינוט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין דרויסן, און זיינע רויט־צעפּרעסענע אויגן האָבן געגלאַנצט וואוילעריש, מיט אַן אַרויסרוף.

אינגאַנצן רואיק אבער איז ער נישט געווען. אַ באַהאַל־טענער רעיון האָט זיך אַלץ געפּלאָנטערט אין זיין קאָפּ ווי אַ האָר, וואָס קריגט זיך אַריין אין מויל מיטן עסן. עס איז צוגע־פאַלן דער פּאַרנאַכט. פון די ווינקלען האָט אָנגעהויבן אַרויס־צוקריכן די אָוונטיקע פינסטערקייט און זיך צעלייגט מיט שוואַרצע שאָטנס איבער דער שאָפּ. ער האָט אָנגעצונדן די עלעקטרי אויך אין שוי־פענסטער, אַ זאַך, וואָס ער האָט זעלטן אַמאָל געטון, און זיך אַוועקגעשטעלט אין דרויסן פאַר דער געעפנטער טיר. הינטער זיך אָבער האָט ער געפילט די שטיל־קייט, וואָס איז געשטאַנען אין שאָפּ, און עס האָט זיך אים אויס־געוויזן, ווי עמיץ וואָלט זיך דאָרט געדרייט מיט שאָטנדיקע טריט.

ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען עס איז אָנגעקומען די טויבע דזשעסי. זי פלעגט צו אים קומען פון צייט צו צייט אויפרוימען דאָס הויז און אויסוואַשן די אָנגעקליבענע וועש. זי איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכע שיכורטע, און איר אויסגעצערט, געראונצלט פּנים, וואָס איז געווען באַוואָקסן ווי ביי אַ מאַנס־פּאַרשוין, איז שטענדיק געווען צעפלאַמט מיט אַ טונקעלער רויטקייט פון טרינקען. פון אירע אָפּגעריסענע, ברודיקע מלבו־שים האָט זיך געטראָגן אַ שווערער, איבערגעשטאַנענער ריח פון אַלקאָהאָל. זי האָט, ווי דער רוב טויבע, כמעט קיינמאָל נישט גערעדט און כסדר שווייגנדיק געגלאָצט מיט אירע אַרויס־געזעצטע, האַלב־משוגענע אויגן. אַלע אין גאַס האָבן זיך מיט איר געשפּאַט, גענומען זי צו די שווערסטע און מיאוסטע אַר־בעטן, און זי האָט גלייכגילטיק, ווי אַ גולם, אַלעמען געהאָרכט און געטון אַלץ, וואָס מען האָט זי נאָר געהייסן. אפילו קינדער

האָבן איבער איר באַלעבאַטעוועט, געשיקט זי אַ גאַנג, און אין די נעכט האָבן מענער זי געשלעפּט אין די פינסטערע הינטערגעסלעך און געטון איבער איר אַלערליי מיאוסקייטן.

קומען פלעגט זי צו דזשאָון, ווען זי האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף צו טרינקען. מיט שווימענדיקע אויגן און פאַרחלישט־צעעפּנטע ליפּן פלעגט זי שטיל עפענען די טיר און זיך הכנעהדיק אַריינשאַרן אינעווייניק. אין קיך האָט זי געהאַט איר ווינקעלע נעבן דעם שטענדיק קאַלטן, פאַרברודיקטן אויוון, וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט אַלטע, פאַרשטויבטע מעדיצינפלעשלעך און אָפּגעבראָכענע שטיקער אייזנוואַרג. דאָרט פלעגט זי זיך אַוועקזעצן, אַריינגנורען דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען און שאָקלען זיך אַהין און צוריק, ווי זי וואָלט געדאַווענט. זי האָט געקאָנט אַזוי אָפּזיצן שעהנווייז, ביז עס האָט זיך באַוויזן דזשאָו. דעמאָלט פלעגט זי זיך דערשראָקן אויפכאַפּן און צעטומלטערהייט זיך נעמען צו רייבן די דילן, אָדער וואַשן די שמוציקע וועש. דזשאָו איז געשטאַנען אַן אָנגעבלאָזענער און פון דער זייט איר שווייגנדיק נאָכגעקוקט, ווי' זי אַרבעט. ער פלעגט דערביי ברוגזדיק אונטערזיפּצן דורך דער נאָז און האַסטיק זיך רייבן די הענט. דזשעסי האָט געשפּירט אויף זיך זיין בליק און געהאָרעוועט, אַרויסשלאָגנדיק זיך פון די כוחות, און אירע ווייבעריש־ברייטע היפטן האָבן זיך אָנגעשטרענגט געוויגט אַרויף און אַראָפּ. דזשאָו פלעגט זי אַזוי באַטראַכטן אַ צייט אַוועק, נישט אַראָפּלאָזנדיק דעם בליק פון אירע צעהוידעטע היפטן. זיין פּנים פלעגט זיך דערביי אָנגיסן מיט אַ געדיכטער רויטקייט, און די אויגן זיך פאַרציען מיט אַ מאַטן, פאָרצעלייענעם אָפּגלאַנץ. פון מינוט צו מינוט איז זיין אָטעם געוואָרן האַסטיקער, הייסער, און לסוף פלעגט ער צוגיין צו איר מיט וואַקלענדיקע, ברייט־צעשטעלטע טריט, אַרויפּיאָגן אויף איר זיין צעפּרייכטן, בריענדיקן אָטעם און זיך אַ ריס טון צו איר מיט זיין גאַנצער באַלייבטקייט. זי פלעגט אים אָפּענטפערן מיט אַ צעקראָכן, טעמפּ געלעכטערל און נאָכגיביק געלאָזט מיט זיך טון אַלץ, וואָס דזשאָו האָט געוואָלט.

דאָס מאָל האָט דזשאָו זי באַגעגנט מיט אַ ברייטן, פריינט־לעכן שמייכל. זי האָט אים אָנגעקוקט צעשראָקן אַביסל און חידושדיק, מיט גיכע מויזן־טריטעלעך זיך אַריינגעשאַרט אין קיך. דזשאָו האָט פאַרשלאָסן די שאַפּ און באַלד נאָך איר נאָך. זי האָט, ווי געוויינלעך, געוואָלט זיך כאַפּן צו איר אַרבעט, אָבער דזשאָו איז שוין געווען נעבן איר און פאַרלוירן גע־פינטלט מיט זיינע רויט־צעפּרעסענע אויגן.

— דזשעסי, דזשעסי... וועסט בלייבן ביי מיר איבער־נאַכט? — האָט ער מיט אַ געדיכט, פאַרשליימט קול זי גע־פרעגט.

זי האָט נישט געענטפערט, אָבער אין איר צעשוואָומענעם בליק האָט אַ בליץ געטון מיט צעטומלטער פרייד. ער האָט זי אַרומגענומען, זיך צוגעטוליעט צו איר איינגעפאַלענער ברוסט, און זיינע לויזע, פליישיקע ליפּן זענען דורשטיק געלאָפן איבער איר פּנים. ער האָט אַריינגעלאַכט אין איר מיט אַ צעבראָקלט געלעכטערל, און פון זיין מויל האָט זיך געריסן אַ פיבערדיקער אָטעם:

— דזשעסי, בלייב מיט מיר... לאָז מיך נישט איבער אַליין...

דזשעסי האָט מיט צערטלעכקייט אים אַרומגענומען, גע־גלעט מיט אירע שווייסיקע, אויסגעהאָרעוועטע הענט זיינע באַקן, זיין קאָפּ און זיך געצויגן צו אים מיט אַן אָנגעשטייפטן, צע־פיבערטן גוף. ער האָט זי פעסטער אַרומגעכאַפּט. דער אָטעם איז אים געוואָרן כאָרכלדיק און טיף. זיינע פינגער האָבן צאַפּלענדיק פאַנאַנדערגעקנעפּלט אירע מלבושים און ער האָט דערשפּירט איר נאַקעט, וואַרעם לייב.

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, ווען ער האָט זי אָפּגעלאָזט. אין זיינע ביינער איז געלעגן אַ מידקייט, און די באַקן זענען ביי אים שלאַבעריק אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט זיך שלעפּעריק געריבן די נישט־ראַזירטע גאָמבע און מיט ליידיקע בליקן געוואַנדערט איבער דער קיך. דזשעסי איז געשטאַנען

אין ווינקל ביים אויוון, זיך געפּאַרעט מיטן אָנטועכץ און זייטיק געקוקט אויף דזשאָון. זי האָט שטילערהייט עפּעס אַריינגערעדט אין זיך, לאַנג געקנעפּלט און געוויקלט אַרום זיך די מלבושים, און ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן, איז זי צוגעגאַנגען צו דזשאָון, אויסגעשטעלט אויף אים אירע טויבע, גלעזערדיקע אויגן, שטום אַ מאַך געטון מיט די ליפּן, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס זאָגן און נישט קענען, און לסוף יאושדיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אוועק מיט שאַרנדיקע, פּאַמעלעכע טריט.

דזשאָו איז געבליבן אַליין. די שטילקייט האָט אויף אים אַ יאָג געטון פון אַלע זייטן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, ווי די ווענט אין דער ענגער קיך וואָלטן זיך פאַנאַנדערגערוקט, איבערלאָזנדיק אַ פּוסטקייט אַרום. ער האָט געשטעלט אַ טריט, צוויי, און די טריט האָבן אָפּגעהילכט פרעמד, מיט אַ ווידערקול. ער איז אַרויס פון דער קיך און אין איילעניש אַריין אין שאַפּ. דאָ האָט ער זיך דערפילט אַביסל פעסטער ביי זיך. ער האָט אַ קוק געטון אויף דער אייזערנער קאַסע, אויף די פּאָליצעס מיט די פּעק אַלטוואַרג און זיך אַוועקגעזעצט צום טיש. ער איז גע־ווען שלעפעריק, אין מוח איז געלעגן אַ שווערקייט, אָבער עפּעס אַ באַהאַלטענער פּחד האָט אים צוריקגעהאַלטן פון שלאָפן גיין. ער האָט זיך טיף, מיטן גאַנצן אָטעם צעגענעצט, און קוים אָפּגעבנדיק זיך אַ דין־וחשבון, וואָס ער טוט, אַרויסגענומען פון שופלאָד דאָס פּעשל קאָרטן. ער האָט זיי מעכאַניש גענומען טאַלירן און אויסוואַרפן, ווי ער וואָלט געשפּילט מיט עמיצן אַ צווייטן, און אויפדעקנדיק טרומף, געעפנט די קאָרטן. זיינע פאַרשלאָפענע אויגן האָבן אויפגעגלאַנצט. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אין האַנט אַזאַ גוטע קאָרט.

— כע, כע, וואָלט איך אייזעקן געוויזן היינט אַ שפּיל... די הויזן וואָלט איך אים אויסגעטון! — האָט ער זיך ברייט צעשמייכלט און געעפנט די קאָרטן, וואָס ער האָט אויסגעוואָרפן אַנטקעגן זיך. ער האָט גענומען שפּילן פאַר זיך און פאַרן מכלומרשטן צווייטן צד. עס איז שוין איינמאָל געווען אַ שפּיל! יעדע קאָרט האָט ער געשלאָגן, גענומען איין לעז נאָך צווייטער,

געציילט אויפֿן קול די אַרייַנגענומענע אויגן, געחשבונט דאָס בלומרשט געוואונענע געלט, נצחונדיק אויסגעוואָרפֿן אַ קאָרט נאָך אַ קאָרט, הויך געלאַכט און כסדר אַרייַנגעחזרט אין זיך:

— אָט אַזוי לערנט מען בלק... דאָס הייסט געשפּילט!

מיטאַמאָל איז ער געבליבן זיצן מיט אַן איבערגעהאַקטן אָטעם. ער האָט אויסגעשפּילט זייַן בעסטע קאָרט, די טויז האַרץ, און גענומען מהומהדיק זוכן צווישן די קאָרטן פֿון זייַן פֿאַרגעשטעלטן קעגנער. וואָס איז דאָס? צי האָט ער געמאַכט אַ טעות? די טויז האַרץ איז דאָך אַ פֿאַרשפּילטע!...

— געשטאָרבן, כי, כי, כי! געפֿאַלן אַ קרבן נעבעך!... — האָט ער מיטאַמאָל דייטלעך דערהערט אייזעקס הייזעריק קול.

ער האָט ברייט אויפֿגעריסן די אויגן. אויפֿן שטערן זענען אים אַרויסגעטרעטן געדיכטע, בוימלדיקע שווייס־טראָפּנס. דאָס פּנים זייַנס האָט זיך צונויפֿגעקרומט פֿאַר שרעק, און דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן ווי אַ האַמער, האַסטיק, שווער און מיט אַ טעמפּן ווייטיק.

— געשטאָרבן, כי, כי... — האָט נישט אויפֿגעהערט צו זשומען אין זייַנע אויערן. — געשטאָרבן!...

די קאָרטן זענען אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון דער האַנט. ער האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון, איבערצוכאַפּן דעם אָטעם. די שטילקייט איז געהאָנגען איבער אים אַ געדיכטע, אַ דרוק־ענדיקע. ער האָט געוואָלט אויפֿשרייַען, זיך אָפּרייסן פֿון אָרט, אָבער זייַן קעל איז געווען אייַנגעקוועטשט ווי מיט אַ צוואַנג, און דער גאַנצער גוף ווי אָנגעגאָסן מיט קאַלט בליי.

— געשטאָרבן... — האָט ער שטום, מיטן אָטעם בלויז אַ זאָג געטון, און זייַן קאָפּ איז ווי אַן אונטערגעהאַקטער קלאָץ אַראָפּגעפֿאַלן צו דער ברוסט.

# מכירת יוסף

אַמאָל אין אַ פּריוואַט־צונאַכטס, נאָכן עסן, האָב איך באַמערקט, ווי די מאַמע מיינע סודעט זיך עפּעס מיטן טאַטן און האַלט דערביי אין איין קוקן אין מיין זייט. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס סודעט מען זיך וועגן מיר. ווי תמיד אין אַזעלכע פאַלן, האָב איך מיך געמאַכט געפּגרט, מכלומרשט זיך פאַרטיפט אין פּענימאָר קופּערס ראָמאַן, וואָס איך האָב נראָד געהאַלטן אין לייענען.

איך האָב בעת־מעשה געזען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר.

איבער דער שטוב איז געווען אויסגעגאָסן די ליבע פּריוואַטיק־צונאַכטיקע שטילקייט; די שבתדיקע ליכט אין דער געזילבערטער קאַנדעלאַבּרע האָבן שוין געהאַלטן ביים דערברענען; די פלעמלעך האָבן זיך פרום געשאָקלט און ס׳האָבן זיך פון זיי געצויגן דינע געדריידלטע שנירלעך רויך. דער טאַטע איז געזעסן אַ שווייגנדיקער, געקנאָטן דאָס שפּיציק פאַרשוירענע בערדל און זיך איבערגעוואונקען מיט דער מאַמען. ער האָט עטלעכע מאָל אַ קוק געטון אויף מיר, געשמייכלט אין בערדל אַריין און צום סוף מיר געגעבן אַ זאָג:

— וואָלסט אוודאי געוועין אַ בעלן צו זען די מעשה מיט יוספן און זיינע ברידער?

איך האָב זיך אין דער ערשטער מינוט נישט געכאַפּט, וואָס דער טאַטע מיינט, אָבער באַלד האָט די מאַמע מיט איר גוט שמייכעלע מיר קלאָר געמאַכט:

— מען וועט דיך היינט מיטנעמען אין טעאַטער אַריין, מען שפּילט „יוסף אין עגיפּטן״.

— געדענק אָבער, זאָלסט זיין אַ מענטש — האָט דער טאַטע אביסל שטרענג צוגעגעבן.

— אין טעאַטער מוז מען זיך אויפפירן לייטיש, נישט אַרומשאַלטעווען, ווי דו האָסט ליב.

צו מיין פרייד איז נישט געווען קיין שיעור. איך בין נאָך קיינמאָל אין קיין טעאַטער נישט געווען, און דאָ מיטאמאָל — איך גיי אין טעאַטער! איך האָב מיט אַ טראַסק צוגעקלאַפּט קופּערס ראָמאַן, אויפגעשפּרונגען פון אָרט און גענומען טאַנצן און שרייען:

— הוראַ, איך גיי אין טעאַטער אריין, הוראַ...

— נאַ דיר מיינע מענטשן צו גיין אין טעאַטער, ס'האָט מיך גוט געטראָפן — האָט דער טאַטע מכלומרשט בייז גע־שאָקלט אויף מיר מיטן קאָפּ, און די מאַמע האָט ליבלעך אונ־טערגעשמייכלט און געקוקט אויף מיר מיט אַ שטילן באַהאַרצטן בליק.

וואָס איך האָב געזען אין טעאַטער, געדענק איך היינט גאָרנישט. דערפאַר אָבער געדענק איך זייער גוט, אַז באַלד צומאָרגנס האָב איך פאַר אַלע קינדער פון אונזער הויף דער־ציילט וועגן מיין טעאַטער־גיין און געמאַכט מיט זיי אַ פּלאַן אָפּצושפּילן „מכירת־יוסף” מיטן גאַנצן קנאַק, פּונקט ווי אינם ריכטיקן טעאַטער.

חברה האָט זיך אָנגעכאַפּט אין מיין פּלאַן. באַלד ווי דער שבת איז נאָר אַוועק, האָבן מיר זיך גענומען צו אונזער טעאַ־טער; צוזאַמענגעקראַצט אַביסל געלט און איינגעקויפט גלאַנ־ציק־קאָלירטע פּאַפּירן, שטעקעלעך, בענדער. מיר האָבן פון די פּאַפּירן געמאַכט כלערליי ספּאָדיקעס, שפּענצערס, פון די שטעקעלעך אויסגעשניצט שווערדן, געקלעפּט, געמייסטרע־וועט, און ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק געוואָרן, האָבן מיר זיך גענומען צו די בילעטן. בילעטן, האָב איך, מעשה טעאַטער־מענטש, געטענהט צו דער חברה, איז דער סאַמע עיקר אין טעאַטער, אָן בילעטן הויבט זיך גאָרנישט אָן. אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט דאָס געשעפט מיט דער וואוינונג צוזאַמען, איז

## 9. גאָלדהאַר

מיר לייכט אָנגעקומען אונטערצוהויבן דעם טאַטנס אַ פּעקל וויזיט־קאַרטן. די קאַרטן האָבן איך געשטעמפּלט מיטן טאַטנס פירמאָוועון שטעמפּל אויף רוסיש: „יאַ. גאָלדהאַר, סקלאַד פאָר־טיער אי פּלושעוויך איזדעלי". כ'האָב זיי אויסגענומערירט און אויפגעשריבן די פּרייזן פון איינס ביז דריי קאָפּיקעס. דאָס זענען געווען די בילעטן, וואָס כ'האָב צעטיילט צווישן דער חברה, מען זאָל זיי פאַרקויפן. מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז פאַר די בילעטן דאַרפן מיר אַריינגעמען ביז אַכציק קאָפּיקעס, און מיר וועלן נאָכן טעאַטער קענען מאַכן דעם אמתן לעבן, זיך אָנגאַשן פאַר אַלע צייטן.

מיטן פאַרקויפן די בילעטן איז אָבער צוגעגאַנגען שווער־לעך. בעלנים צו זען אונזער טעאַטער זענען דווקא געווען אַ סך, אָבער צו באַצאָלן דערפאַר געלט, אויף דעם האָט זיך קיינער נישט געקוואַפּעט. בלויז איין־איינציקן בילעט האָבן מיר פאַרקויפט, און דער קונה איז געווען יוזשעק, דעם סטרוזשס שיינגעצל פון אונזער הויף. יוזשעק, כאָטש אַ גויאיש קינד, האָט גערעדט יידיש ווי אַ וואַסער. ער האָט קיין אַנדערע חברים אַ חוץ יידישע נישט געהאַט. וואָרום נישט נאָר אונזער הויף, נאָר אויך די גאַנצע גאַס איז געווען אַן אמתדיק־יידישע. יוזשעק האָט זיך געבאָוועט צווישן אונז, זיך געשפּילט מיט אונז אין פּאַלאַנט, בלינצעלעך, מלך־מאַרש, און שפּילנדיק זיך מיט אונז צוזאַמען, האָט ער נישט נאָר איבערגענומען אונזער לשון, נאָר אויך אונזערע תנועות און געוואוינהייטן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געוויזן אין דרויסן אין בלויזן קאָפּ, אום שבת האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט גיין באָרוועס און אפילו געשוואוירן האָט ער זיך — „ווי כ'בין אַ ייד".

יוזשעק האָט מיט דעם בילעט, געקויפט פאַר אַ קאָפּיקע, זיך אַרומגעטראָגן ווי מיט אַן אוצר. אַ קאָפּיקע איז ביי דעם אָרעמען סטרוזש־קינד געווען אַ מטבע, און יעדן טאָג האָט ער אונז געמינטערט, זיך כסדר נאָכגעפרעגט, ווען עס וועט שוין זיין דאָס טעאַטער.

— ס'קאָסט מיך אַ קאָפּיקע, וויל איך עפּעס זען פאַר

מיין געלט — האָט ער מיט אַ וויינענדיק קול געמאָנט און גע־שמאָרעט מיטן פּוילישן, שאַרף־פּאַרריסענעם נעזל.

מיר האָבן אים געהאַלטן אין איין אָפּשטופּן מיטן טעאַטער פון טאָג צו טאָג, אַלץ געמיינט, אַז עס וועט זיך נאָך לאָזן פאַרקויפן אַביסל בילעטן, מ׳זאָל כאָטש צוריקמאַכן די הוצאות, וואָס די פּאַפּירן און שטעקעלעך האָבן אונז אָפּגעקאָסט. מיט די בילעטן האָט זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. מיר האָבן אַראָפּגעלאָזט פון מקח — אַ גראָשן אַ בילעט — און ס׳האָט אויך נישט געהאָלפן. און דאָ יאָגט אונז יוזשעק נאָך, ער וויל שוין צוריק די קאָפּיקע, אויב מען ווייזט אים נישט דאָס טעאַטער. די קאָפּיקע זיינע האָבן מיר שוין לאַנג געהאַט פאַר־טאַכלעוועט און קיין אַנדערע צוריקצוגעבן האָבן מיר נישט געהאַט. איז באין ברירה, האָבן מיר זיך אין איינעם אַ נאָכ־מיטאָג צוזאַמענגענומען, גערופן יוזשעקן, און אַלע האָבן מיר זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן בוידעם מיט די קאָלירטע ספּאָדיקעס און שווערדלעך, כדי אָפּצושפּילן פאַר אים דאָס טעאַטער. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט?

מיר האָבן אויפן בוידעם געפונען אַן אַלטע האַלב־צע־שאָטענע באַליע און זי איבערגעקערט מיטן דעק אַרויף. דאָס האָט געדאַרפט זיין די בינע. מיר האָבן זיך אויסגעפּוצט אין די ספּאָדיקעס, אָנגעהאָנגען אויף זיך די שווערדלעך און זיך אויסגעשטעלט אויף דער באַליע אין אַ ראָד. דאָס האָבן מיר געוויזן יעקב אבינוס זין. איך, אַלס רעדל־פירער, בין געשטאַנען אין אַ זייט און מיט אַ זינגענדיק קול אויסגערופן די נעמען פון יעקבס זין:

— ראובן, שמעון, לוי, יהודה...

נאָך יעדן אויסגערופענעם נאָמען האָט זיך אַרויסגערוקט פון רעדל אַן אַנדער יינגל און געוויזן עפּעס אַ קונץ, אויף וועלכער ער איז געוועזן אַ ספּעציאַליסט. איינער האָט פאַרדרייט די אויגן און מיט זיי געשיקלט, אַ צווייטער האָט געקרייט ווי אַ האָן, אַ דריטער האָט זיך געשטעלט אויף די הענט, מיטן קאָפּ אַראָפּ. יוזשעק האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון אונזער פאַר־

שטעלונג. זיינע פלינקע, טיף־איינגעזעצטע אייגעלעך האָבן שטאַרק געגלאַנצט און ער האָט קוים געקענט איינשטיין אויף אַן אָרט. ער האָט אויך געוואָלט ווייזן, וואָס ער קען און געפּיפן דורך צוויי פינגער אַזש דער גאַנצער בוידעם האָט געהילכט.

ער איז שטיל געוואָרן, ווען איך, אַלס יוסף, בין אין דעם פאַפּירענעם פאַרשידן־קאָלירטן העמדל צו צו דער באַליע און מיט אַ טרויעריקן ניגון גערופן:

— מיינע ברידער, יעקב אבינו האָט מיך געשיקט צו אייך!

חברה האָט מיט אַ געפּילדער מיך גענומען אָפּשטופּן פון דער באַליע. מען האָט ווילד געפּאָכעט אויף מיר מיט די הילצערנע שווערדלעך און געוואַלדעוועט:

— אַוועק פון דאַנען, פּאַשאָל וואָן!

— מ׳וועט אים אַריינוואַרפן אין ברונעם! זאָלן אים די שלאַנגען פרעסן!

יוזשעק האָט געקוקט אויף דער שפּיל מיט אַן אויפגעריסן מויל. אין די אויגן זענען אים געשטאַנען טרערן. ער האָט זיך געבעטן מיט אַ וויינענדיק קול:

— טוטס נישט אַזוי, ס׳וועט אים וויי טון! מ׳טאָר נישט...

דאָס האָט דער חברה צוגעגעבן מער היץ און די געוואַלדן זענען געוואָרן נאָך גרעסער:

— פאַרקויפן אים! צו די ישמעאלים זאָל מען אים פאַרקויפן! — האָט מען מיך גענומען שלעפּן און אַראָפּרייסן פון מיר דאָס פאַפּירענע העמדל.

דאָ האָט זיך די שפּיל מיטאַמאָל איבערגעריסן. חברה האָט זיך ערשט איצט אַרומגעזען, אַז מ׳האָט אינגאַנצן פאַרגעסן צוצוגרייטן שפּילערס פאַר די ישמעאלים. וואָס טוט מען?

— זאָל יוזשעק זיין אַ ישמעאלי — איז איינער פון אונדז געפאַלן אויף אַן המצאה.

די המצאה איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. מ׳האָט צוגערופן יוזשעקן, אים אַרויפגעזעצט אַ פאַפּירענעם ספּאָדיק אויפן

קאָפּ, איבערגעדרייט זיין רעקל אויף דער לינקער זייט, מיט דער פּאַטשעווקע אין דרויסן. יוזשעק איז געווען אויפן זיבעטן הימל און פאַר גרויס התפעלות ווידער גענומען פייפן דורך צוויי פינגער.

— דו דאַרפסט נישט פייפן — האָבן מיר אים געזאָגט

— דו דאַרפסט בלויז פרעגן וויפיל יוסף קאָסט און אים אָפּקויפן.

— כ'וויל נישט, מ'זאָל אים פאַרקויפן. ס'איז מיר אַ רחמנות אויף אים — האָט יוזשעק צוריקגעענטפערט און געפינטלט מיט די אויגן.

— דו ביסט איצט אַ ישמעלי, מוזט אים קויפן — האָבן מיר אים אַריינגעקנעלט — אזוי שטייט בפירוש אין חומש.

— כ'וויל נישט זיין קיין „שמיילי". זאָל אַן אנדערער זיין אַ „שמיילי" — האָט זיך יוזשעק איינגעעקשנט און ברוגזדיק זיך גענומען בלאָזן.

— ווער דען זאָל זיין אַ ישמעלי, אנישט דו! אַ ישמעלי איז דאָך אַ גוי, פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט, גויאישער קאָפּ דו! — האָבן מיר זיך אַלע געקאָכט און גענומען גיין מיט בייזן.

— כ'בין נישט קיין גויאישער קאָפּ! כ'וויל נישט זיין קיין „שמיילי"... כ'דאַרף נישט אַזאַ טעאַטער! גיטס מיר אָפּ מיין קאַפּיקע! — איז יוזשעק אַרויס מיט אַ געוויין, אַראָפּגע־וואָרפן פון זיך דעם פּאַפּירענעם ספּאָדיק און אַ ברוגזער אַנטלאָפן פון בוידעם אַראָפּ.

צווישן אונז איז געוואָרן שטיל. דער לאַנגער, טיפער בוידעם, וואָס האָט תמיד געהאַט ביי אונז אַלע חנען, געצויגן מיט זיין שטילער, סודותדיקער טונקלקייט, האָט איצט אויף אונז אָנגעוואָרפן אַן אומהיימלעכקייט. ס'איז אונז געוואָרן טרויעריק, און מיר האָבן שטילערהייט, איינער נאָכן אנדערן זיך אַראָפּגעשאַרט פון בוידעם נאָך יוזשעקן נאָך.

# אין הדר אריין...

— זאָל ער נאָר אָנהויבן גיין אין הדר אריין... איך וועל שוין אים צושטעלן אַ בענקעלע, זאָ וואר איך לעב...

אזוי האָט מיך תמיד געסטראַשעט די מומע דינה און געקוקט אויף מיר בעת מעשה דורך אירע קוועטש־ברילן אויפן שוואַרצן שנירעלע. אירע קיילעכדיקע אויגן האָבן הינטער די ברילן אויסגעזען גרויס און פלאַטשיק ווי צוויי קאָפּיקעס.

די מומע איז געווען די נגידתטע אין דער משפּחה. זי איז שטענדיק, אפילו אין אַ פּראָסטן אינדערוואָכנס, געווען אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרץ זיידן שפּיצן־קלייד מיט אַ ווייס „הערצל" און מיט אַ הויכן פישביין־קאָלנער, איבער וועלכן איר טאָפּלטע גאָמבע האָט זיך געליינט מיט אַ פולן גווידער ווי אַ טאָרבעלע מעל. גערעדט האָט זי מיט אַ טיף, געדיכט קול ווי ביי אַ מאַנסביל און בסדר געבראָקט דייטשמעריש: זאָ וואָס, יאוואָל, אבער־וואָ... איך האָב זי געמוזט רופן נישט אַנדערש נאָר „טאַנטע". און אַז די עלטערן פלעגן מיך אַמאָל אין אַ שבת, צי יום־טוב, מיטנעמען צו איר צו־גאַסט, האָב איך געמוזט קושן איר האַנט. איך פלעג פּרוּוון זי אָפּנאַרן און בלויז צולייגן צו איר האַנט דעם שפּיץ נאָז און טון אַ טשמאָקע מיט די ליפּן. זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט גענאַרן און ווייטער געשטופּט מיר צום מויל איר האַנט, וואָס איז געווען שווער און קאַלט ווי אַ טויטע זאַך. איך האָב נישט געוואָלט נאָכגעבן און באַדיי איר אַ לעק געטון די האַנט, אַבי זי זאָל ביי מיר נישט אויספירן. אָבער זי האָט נאָך פעסטער צוגעשטופּט די האַנט צו מיינע ליפּן און געבאַסעוועט מיט איר געדיכט קול:

— ווי זאָ קושסטו אַ טאַנטע, אבער דאָך!...

האָב איך שוין באין ברירה איר געמוזט געבן אַן אמתן קוש,

און זי האָט אַ שיינענדיקע זיך איבערגעוואונקען מיט טאַטע־מאַמע און גאָר אָנגעקוואָלן:

— אַ בראַווער יונגע, זאָ וואר איך לעב.

טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשמאָלצן, געקליבן נחת, און איך בין געשטאַנען ווי אַן אָפּגעשמיסענער, זיך געשעמט צו קוקן זיי אין די אויגן אַריין. איך האָב געוואוסט, אַז זיי האָבן פּונקט ווי איך נישט ליב די מומע. הינטער די אויגן האָבן זיי זי גערופן „ר׳ דינהלע צאָץ", און אַז דער טאַטע פלעגט אַמאָל דאַרפן אָנקומען צו אירם אַ טובה, באָרגן ביי איר אַ גמילת־חסד עטלעבע קערבלעך, איז אים ענג געווען די וועלט. ער האָט זיך געדרייט אַ צעטראָגענער איבער דער שטוב, זיך גע־צופּט דאָס בערדל און זיך געבעטן ביי דער מאַמען:

— כ׳לעבן, ס׳וואָלט געווען אַ יושר, אַז דו זאָלסט גיין צו איר. זי פּאַרצאַפּט מיר ס׳בלוט, בנאמנות...

— כ׳בעט דיך, שלייער מיר נישט אָן דיין דינהלע צאָץ — האָט זיך די מאַמע אָפּגעשאָקלט — זי איז דאָך דיר אַ לייבלעך געשוועסטער־קינד, דיין וואַזשנע משפּחה...

— כ׳פאַרקויף דיר ס׳משפּחהשאַפט אין קרן, הערסט אַ מעשה — איז שוין דער טאַטע אַרוים מיט אַ געבייזער, און עס האָט זיך ווי דער שטייגער אָנגעהויבן אַ קריגעריי און אַ דינגעניש, ביז די מאַמע האָט געכאַפּט אויפן קאָפּ אַרויף די שוואַרצע שבתדיקע שאַל און אַוועק צו דער מומען.

— אוי, ס׳איז מיר ביטער, אַז כ׳דאַרף אָנקוקן איר פּרצוף — האָט די מאַמע ביים אַוועקגיין געזיפצט און עס האָט מיך אָנגענומען אַ גרויס רחמנות אויף איר. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אין מיין דמיון, ווי די מאַמע שטייט דאָרט ביי דער מומען אַ פאַרציטערטע און מוז קוקן איר גלייך אין פּנים אַריין, טאָר נישט אַראָפּלאָזן פון איר קיין אויג, און זי, די מומע, גווידערט די גאָמבע מיט איר מאַנסבילִיש קול:

— אַבער דאָך... אַבער דאָך...

און דאָ זע איך גאָר, ווי די מאַמע שטייט אַ צעשמייכלטע, שנורעוועט ווייך די ליפּן, און דער טאַטע שמעלצט זיך איינגאַנצן,

דייבט צופרידן די הענט. עס נעמט מיך דעמאָלט אָן א חשק אַ געשריי צו טון: ר׳ דינהלע צאַ־ן! אָבער דער מומעס שווער קול, אירע קיילעכדיקע, באַברילטע אויגן נעמען ביי מיר אָפּ דאָס לשון, און אפילו שפּעטער, ווען מען זיצט ביים שיינעם געדעקטן טיש, אָנגעשטעלט מיט שבתדיקן כיבוד, האָב איך מורא צו לאָזן די פּאַרע פון מויל. פונדערווייטנס ווינקט צו מיר דער בייכיקער, מעשענער סאַמאָוואַר, וואָס שטייט מיוחסדיק אויף אַ באַזונדער טישל לעבן דעם פענסטער און וואַרפט גיל־דענע „שפּיגעלעך" אויף די ווענט, אויפן סופיט. איך האָב ליב צו קוקן אין זיין גלאַנציקער בייכיקייט אַריין. מיין פּנים שלאָגט זיך אין אים אָפּ אַ צעצויגנס אין דער ברייט, און די נאָז צוגעפּלאַטשט ווי אַ קרעפּל, קריכט אוועק אין אַ זייט אַזש צום אויער צו. די גאַנצע שטוב מיט די וואַזשנע טונקעלע שאַפעס און שווערע קאָמאָדעס באַקומט אין סאַמאָוואַר אַ משונהדיקע מראה. אַלץ זעט דאָרט אויס צעקרימט און אָפּגע־ריסן פון די שטענדיקע פעסטע ערטער, אַלץ שטייט אין דער לופטן אויף אַ משקולת, און מיר דאַכט זיך, אַז די שאַפעס און קאָמאָדעס קוקן אויף מיר פון סאַמאָוואַר אַרויס און לאַכן.

— מ׳מאַכט דיך צום נאַר, יונגעלע, כע, כע...

איך חלש צוצוגיין צום סאַמאָוואַר, אָבער איך ווייס, אַז כ׳וועל באַלד כאַפּן פון דער מומען אַן אָפּשניט. זי קאָן נישט ליידן, ווי איך מאַך מינעס, שפּיגלענדיק זיך אין סאַמאָוואַר, און אַז כ׳פּלעג זיך בלויז דערנענטערן צו אים, פלעגט זי תיכף דופן פונדערווייטנס מיט אַ געבייזער:

— אַוועק פון סאַמאָוואַר! איך האָב נאָך אַזאַ שפּיל־קאַ־נימאַלס געזען... אַ יונגע זאָל זיך אַזוי נאַריש מאַכן, קרימען דאָס פּנים ווי אַ פּיצעלע קינד...

מילא, לאָז איך צופרידן דעם סאַמאָוואַר און פאַרקוק זיך אויף דעם גרויסאַרטיקן הענג־לאָמפּ מיט די געשליפענע, דריי־קאַנטיקע גלעזלעך. אין די גלעזלעך שפּילן זיך קליינע רעגנ־בויגנדלעך, פלעמלען זיך רויט און גרין און בלוי, און וואו איך גיב נאָר אַ דריי דעם קאָפּ, דרייען זיך גלייך מיט די רעגנ־

בוינגנדלעך און פלאַמען אויף מיט נייע קאָלירן. אַז מען קוקט דורך אַזאַ גלעזל אויף דער זון, צינדט זיך דער גאַנצער הימל אָן מיט קאָלירטע פייערן, ווערט איין שטיק פייערדיקער רעגנ־בויגן, אַז עס פאַרכאַפּט דאָס אויג. ווען איך קאָן מיך צוקריגן צו דער לאָמפּ און צולקחנען כאָטש איין גלעזל, ווער וואָלט זיך צו מיר געקאָנט גליכן! כ׳וואָלט גאַנצע טעג רק געקוקט אויפן הימל, געמאַכט רעגנבויגנס, וויפיל מיין האַרץ וואָלט גע־גלוסט... וואָס איז אָבער די פעולה, אַז די מומע זיצט פונקט אַקעגנאיבער מיר, און אַז איך כאַפּ בלויז אַ קוק צו דער לאָמפּ אַרויף, באַגעגן איך גלייך אירע גרויסע, פלאַטשיקע אויגן, וואָס קוקן שטרענג דורך די ברילן, און מיר דאַכט זיך, אַז זי ווייסט מיינע זינדיקע געדאַנקען... בלייב איך שוין זיצן שאַ־שטיל, גיב נישט קיין ריר מיט קיין אבר, און די מומע, זי קוועלט פון מיר אָן.

— אָט אַזוי האָב איך ליב, אַז אַ יינגעלע איז אַרטיק, זיצט ביים טיש ווי אַ מענטש — זאָגט זי און דערלאַנגט מיר פון קלאָש אַראָפּ אַ זשמעניע נים. כ׳נעם צו די נים און רוף זיך נישט אָן מיט קיין וואָרט, כאָטש איך ווייס, אַז כ׳דאַרף זאָגן אַ שיינעם דאַנק. איך שפּיר אויף מיר דער מומעס וואַרטנ־דיקע אויגן, אָבער איך מאַך מיך נישט וויסן און שווייג אויף צו להכעיס.

— נו, נו, — נעמט מיך די מומע מינטערן — וואָס זאָגט מען, אַז אַ טאַנטע גיט עפּעס?

— זאָג אַ שיינעם דאַנק — העלפט מיר אונטער די מאַמע מיט אַ מאָדנע ווייך, הכנעהדיק קול, אָבער איך הענג אַראָפּ דעם קאָפּ און רוף מיך גאָרנישט אָן.

— וואָס זיצסטו ווי אַ שטיק גלאָמפּ? פאַרוואָס דאַנקסטו נישט דער מומען? — מישט זיך שוין אַריין דער טאַטע מיט אַ בייז קול.

אָבער איך שווייג. עס ווערט מיר ענג אין האַלז און איך שפּיר, אַז זאָל איך אַצינד נאָר עפענען דאָס מויל, וועל איך אַרויספּלאַצן מיט אַ געוויין. כ׳האַלט מיך איין מיט אַלע כוחות

און פאַרביים די ליפּן. אָבער דער טאַטע נעמט זיך צו מיר גאָר שטרענג:

— מ׳רעדט דאָך צו דיר, וואָס שווייגסטו? זאָג אַ דאַנק, נו, אַ סוף שוין!

— איך ק...ק...קאָן נישט... — קריג איך קוים מיט צרות פון מיר אַרויס און די טרערן שטיקן מיך אין האַלז.

ביי דער מומען גווידערט זיך אָן דאָס פּנים. זי גיט אַ טרייסל מיט דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן מיט אירע באַברילטע, פּלאַטשיקע אויגן. זי נעמט מיך אַדורך מיט איר בליק.

— נו, נו, זאָל ער נאָר אָנהויבן גיין אין חדר, וועל איך שוין צושטעלן פאַר זיינעטוועגן אַ בענקעלע! זאָ וואַר איך לעב, כ׳וועל צושטעלן אַ בענקעלע... — סטראַשעט מיך די מומע, און דאָס וואָרט חדר וואַרפט אויף מיר אָן אַ שרעק. איך הער עס אָפט, דאָס דאָזיקע וואָרט, און עס זאָגט מיר נישט אָן קיין גוטס. אפילו דער גוטער ר׳ מעכל „קלאַפּ״, וועמען איך האָב ליב ס׳לעבן, אַז ער לאָזט אַמאָל פאַלן אַ וואָרט וועגן חדר, נעמט מיך אָן אַ פּחד. ר׳ מעכל פלעגט אָפט קומען צו אונז אין שטוב אַריין מאַכן מיטן טאַטן אַ שאַך. ער איז געווען אַ הויכער, ביינערדיקער ייד מיט אַן אויסגעקראָכן בערדל, וואָס איז בינטלעכווייז געוועזן צעוואָרפן איבער זיין פּנים, אַ בינטעלע אויף דער גאָמבע, אַ בינטעלע אויף די באַקן, אַ בינטעלע ביי די אויערן, און יעדעס בינטעלע באַזונדער האָט זיך ביי אים געטרייסלט, ווי נאָר ער פלעגט עפענען דאָס מויל צום רעדן. און רעדן האָט ער דווקא ליב געהאַט אַ סך. דערפאַר האָט מען אים גערופן מיטן צונאָמען „קלאַפּ״. אממייסטן איז ער געווען באַרעדעוודיק בעת שפּילן שאַך. דעמאָלט האָט זיך דאָס מויל נישט פאַרמאַכט ביי אים אויף אַ רגע. ביי יעדן צוג האָט ער געהאַלטן גאַנצע דרשות, גערוקט די „שטוקעס״ אַהין און אַהער, געאַרבעט מיטביידע הענט און גערעדט מיט אַ גמרא־ניגון:

— אָט אַזוי קאָכט מען די לאָקשן... אַז מען קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער... וועל איך מאַכן אַ ראָכאַדע, וועט

ער מיר, דער ראַזבאָיניק, אונטערקומען מיט דער מלכה. מאַכט רש״י, קריך נישט וואו מען דאַרף נישט...

— לאָמיר שוין זען אַ צוג, אַ סוף, אַן עק... — טרייבט אים אונטער דער טאַטע. אָבער ר׳ מעבל האָרכט אים ווי די וואַנט און טוט זיך ס׳זייניקע.

— נאָר נישט געכאַפּט... אַז מ׳כאַפּט, קריגט מען איבער די הענט געקלאַפּט — ציט ר׳ מעבל ווייטער זיין גמרא־ניגון און גיט באַדעכטיק, קוים מיט די שפּיצן פינגער אַ רוק אַ „שטוקע״. ער אָטעמט טיף אָפּ ווי נאָך אַ שווער שטיקל אַרבעט. ער הויבט אויף דעם קאָפּ און קוקט זיך אַרום איבער דער שטוב מיט פאַרחלומטע אויגן, ווי ער וואָלט נאָך דאָ קיינמאָל נישט געווען. אָבער אַז ער דערזעט מיך, גיט זיך זיין שיטער־באַבערדלט פּנים אַ צעשמייכל, און אַלע באָרד־בינטעלעך שמייכלען מיט.

— קום אַהער, ווייסער הברהניק, אַהערצו נענטער — רופט ער מיט אַ פינגער און גיט אַ פּריילעכן וואונק. — גיב נאָר אַ קוק צו מיר אין דער קעשענע אַריין, ס׳עפּעס דאָ פאַר דיינעטוועגן.

איך קריך אַריין מיט דער האַנט אין דער קעשענע פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע און נעם אין איר נישטערן און גראַבלען. די קעשענע ביי אים איז אַ טיפע און אַ פייכטלעכע און פול מיט קלעפּיקע קרישקעלעך. איך מוז אַריינשטעקן די האַנט ביז איבערן עלנבויגן, ביז איך דערגרונטעווע מיך ביז אַראָפּ און דערטאַפּ קוים מיט צרות אַ גראָבע „ווערעל״־שאָקאָלאַדע, וואָס איז שוין האַלב־צעשמאָלצן פון וואַרעמקייט און אינגאַנצן אַרומ־געקלעפּט מיט קרישקעלעך.

— וואָס טוט זיך מיט אייך, ר׳ מעבל, ר׳זאָלט מיר געזונט און שטאַרק זיין — רופט זיך אָן מיין מאַמע, ווען כ׳נעם רייבן די שאָקאָלאַדע אויףביידע באַקן. — איר מאַכט מיר אַ תל פון קינד, ר׳וועט זיך פאַרפּאַטשקען דעם מאָגן...

— נישקשה, נישקשה... — מאַכט ר׳ מעבל אַוועק מיט דער האַנט — כל זמן ער גייט נישט אין חדר אַריין, זאָל ער

לעבן אַ גוטן טאָג. ער איז דאָך אַ קינד, קומט אים אַ נאַש, כ'איז זיין צייט...

ער ווינקט צו מיר מיט אַ פריילעך אייגל, אָבער מיר איז גאָרנישט פריילעך אויפן האַרצן. שוין ווידער חדר... די מומע דינה מיטן חדר, און ר' מעכל מיטן חדר. עס שטעלט זיך מיר אַוועק פאַר די אויגן דאָס קליינע, איינגעהויקערטע רבילע, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געווען ביי אונז אין שטוב און זיך שטילערהייט געסודעט מיטן טאַטן, וואַרפנדיק אויף מיר פון דער זייט אַ קרומלעכן בליק מיט זיינע האַלב־פאַר־זשמורעטע, רויטע אויגן. ער איז געזעסן נידעריק אָנגעבויגן אויף אַ שפּיץ בענקל, געדרייט אַ גראָבן שטעקן צווישן צוויי פינגער, צוגעמאַכט אין אַ רינגעלע, און מיט אַ הייזעריק צו־דרינגלעך קול עפּעס אַריינגערעדט אין טאַטן אַריין.

— אַהאַ, דאָס איז ער טאַקע, דער בחור, קיין עין־הרע — האָט ער געטייטלט אויף מיר מיטן שטעקן און אַ שאָקל געטון צו מיר מיטן קאָפּ. — קום אָקאָרשט אַהער, בחורל — האָט ער מיך גערופן — קום אַהער צום רבין, האָב נישט קיין מורא. ווי הייסטו, בחורל?

— פּנחס.

— פּנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן — אַ וואַזשנער נאָמען, פון חומש אַרויס... ווילסט לערנען חומש, גיין אין הדר אַריין?

— ניין!

— כי, כי, ביי מיר וועסטו שוין גיין, נישקשה... — האָט ער זיך שטיל צעלאַכט מיט זיין הייזעריק קול און די אויגן האָבן זיך ביי אים צוגעזשמורעט אין צוויי שמאָלע, רויטע שפּעלטעלעך.

עס איז מיר געוואָרן שטאַרק נישט ניחא פונם דאָזיקן געלעכטערל. אַ שטיק צייט איז עס מיר נאָכגעגאַנגען, געזשומעט מיר אין די אויערן. אַז איך האָב בלויז דערהערט דאָס וואָרט „חדר", האָט זיך מיר גלייך אַוועקגעשטעלט פאַר די

אויגן דאָס רבילע, ווי ער זיצט אָנגעבויגן אויפן בענקל, טייטלט אויף מיר מיטן גראָבן שטעקן און לאַכט:

— כי, כי... וועסט גיין אין חדר אריין, כי, כי...

איינמאָל אינדערפרי, כ'האָב געהאַלטן אין מיטן עסן אָנ־בייסן, איז אין שטוב אריינגעקומען אַ הויך־אויפגעשאָסענער בחור אין אַן אויסגעוואַקסן צייגן כאַלאַטל און מיט אַ פּאָר גראָבע, צעפּאָרענע שטיוול אויף די פיס. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב מיט אַ פּאָר בולטע, געל־ווייסלדיקע אויגן און מיט אַ הויל, צוגעלעגערט קול געזאָגט:

— גוט מאָרגן, כ'בין דער בעלפער.

— אוי, דער בעלפער! — האָט די מאַמע אויסגערוקט אַ דערפרייטע. זי האָט גענומען שמאַיען אַרום מיר, אַרומ־געווישט מיין פּנים מיט אַ נאַס האַנטוך, גלייך געמאַכט מיר דאָס היטל אויפן קאָפּ און מיר געגעבן אַ קוש אין שטערן.

— וועסט גיין אין חדר אריין, מיין קינד, לערנען די הייליקע תורה — האָט זי מיט אַ פרום קול געזאָגט.

— איך וויל נישט גיין אין חדר אַריין, כ'האָב מורא!..

— בין איך אַרוים מיט אַ געוויין, זיך געריסן פון דער מאַמעס הענט. ס'האָט מיר אָבער גאָרנישט געהאָלפן. דער בעלפער איז צו צו מיר און מיך אָנגענומען מיט אַ פּאָר פעסטע הענט, וואָס האָבן גרויס און אומגעלומפּערט אַרויסגעסטאַרטשעט פון די צו קורצע אַרבל פון זיין כאַלאַטל. איידער איך האָב מיך אומגעקוקט, האָט ער מיך שוין געהאַלטן אויף זיינע פּליי־צעס „קאָפּיטשעלע" און אַרויסגעטראָגן פון דער שטוב אַרויס. ער האָט מיך פעסט געהאַלטן אין זיינע הענט. איך האָב מיך דערפילט קליין און נעבעכדיק אויף זיינע ברייטע, האַרטע פּלייצעס. די ווייבע, געדיכטע קרייזעלעך אויף זיין נישט־גע־שוירענעם קאַרק האָבן מיר געקיצלט דאָס פּנים. דער האַרבער, שווייסיקער ריח פון זיין לייב האָט זיך מיר שווער געלייגט אויפן אָטעם, געקרעלט מיר אין האַלז. איך האָב פּרובירט זיך

אויסצורייסן פון זיינע הענט, זיך געוואָרפן און געדריגעט מיט די פיס און געשריגן איבער דער גאַנצער גאַס מיט אַ באַנומען קול:

— געוואַלד, ראַטעוועטס! מ׳נעמט מיך אין חדר אריין!...

אָבער קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט. ס׳זענען געגאַנגען מענטשן אויף דער גאַס, געשפּאַנט גלייכגילטיק ווי קיינמאָל גאָרנישט און מיינע געוואַלדן האָבן קיינעם נישט געאַרט. בלויז אַ קיילעכדיק־געפּאַקטער, ברייט־בערדיקער ייד מיט אַ יאַמשן שטעקעלע אין דער האַנט האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ שאָקל געטון מיט דער באָרד און מיר געגעבן אַ קיצל מיט דער סקיווקע פון זיין שטעקעלע אונטער די פּאַכוועס.

— פע, יינגעלע, נישט שיין... מ׳דאַרף גיין אין חדר אַריין, לערנען מיט חשק — האָט ער געזאָגט מיט אַ ברייט, בנעימותדיק קול און זיך געלאָזן אַוועק זיין וועג.

דאָ האָב איך זיך ערשט אויפסנייע צעיאָמערט. ס׳האָט מיך אָנגענומען אַזאַ אומבאַהאָלפנקייט און אַזאַ ביטערער יאוש, אַז די געשרייען האָבן זיך געריסן פון מיין האַלז אַליין פון זיך, כ׳האָב זיי גאָרנישט געקאָנט אָפּשטעלן, און ווען עס איז צו צו אונז אַ דאַמע, אַ קריסטין, מיט אַ גאָלדן צלמל אויפן האַרץ און אויסגעפּוצט אין אַ ברייטן שטרויענעם הוט מיט אַ וויי־סער וואוואַלקע־איבערן פּנים, האָב איך שוין געהעשעט מיט די לעצטע כוחות, מיט אַ הייזעריק, צעריסן קול.

— צאָ טאָ זנאַטשי? ביעדנע דזשעצקאָ! — האָט די דאַמע געשריגן אַ צעקאָכטע אויף פּויליש און געפּאָכעט פאַרן בעלפערס פּנים מיטן רויטן זון־שירעמל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט. דער בעלפער האָט מיך גלייך אַראָפּגעלאָזט און מיט גרויסע צעפּינטלטע אויגן געקוקט אויף מיר.

— דזשעצקאָ דאָ חדר... — האָט ער אומבאַהאָלפן גע־שטאַמלט האַלב יידיש און האַלב פּויליש מיט אַ ווייך הכנעהדיק קול פּונקט ווי ביי דער מאַמען, ווען זי פלעגט רעדן צו דער מומע דינה. זיין גרויס צעוואַקסן געשטאַלט איז מיטאַמאָל גע־וואָרן קליין, שרעקעוודיק איינגעצויגן אין די אַקסלען.

— צי אַפּ... נעם די פיס אויף די פּלייצעס... — איז מיר פאַרביינעלאַפן אין קאָפּ. איך האָב זיך אָבער נישט געריהרט פון אָרט. איך בין פונקט ווי דער בעלפער געשטאַנען אַ פאַר־טאַמלטער און מיט אויפגעריסענע אויגן געגלאָצט אויף דער דאַמע, וואָס האָט מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים געשריגן און בייז געפאָכעט מיטן שירעמל. דאָס גילדענע צלמל אויף איר האַרץ האָט זיך אַזש מיטגעטרייסלט פון כעס. דער בעלפער איז גע־שטאַנען פאַר איר אַן איינגעקאָרטשעטער, געשטאַמלט מיט אַ צעשראָקן קול און פאַרלוירן געמאַכט מיט די הענט. איך האָב געקוקט אויף דער דאַמע, נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון צלמל, וואָס האָט זיך געבאָמבלט אויף איר האַרץ, זיך גע־וואָרפן מיט רציחה, און אַז זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט און מיר געוואָלט געבן אַ גלעט איבערן קאָפּ, האָב איך זיך האַסטיק אָפּגערוקט און זיך צוגעטוליעט צום בעלפער. כ'האָב אים אָנגענומען פאַר דער האַנט און זיך שטיל געבעטן בײַ אים:

— בעלפער, כ'האָב מורא... לאָמיר גיין, גיכער...

דער בעלפער האָט הינטערווײַלעכטס, מיט קליינע, טאַפּנ־דיקע טריטעלעך זיך אָפּגערוקט פון דער דאַמע און גיך, ווי מ'וואָלט אים נאָכגעיאָגט, גענומען שפּרייזן פאַראויס. איך האָב אים פעסט געהאַלטן בײַ דער האַנט, זיך געטוליעט צו אים און ווי אַ קוציקל געלאָפן בײַ זײַן זײַט מיט אים אין חדר אַריין...

# דער קאמף*)

אין וו., א קליין שטעטל אין דרום־אויסטראַליע, זענען איבער די גאַסן געווען אויסגעקלעפּט גרויסע, שרייענדיקע אַפישן מיט אַזאַ אינהאַלט:

סענסאַציע! סענסאַציע!

ערשטער אויפטריט אין אויסטראַליע פון פענאָמענאַלן אַבאָריגענעם גבור אַרנאָלד קירקאַ קעגן פרעד ווהייט, טשעמפּיאָן פון דרום־אויסטראַליע.

באַזאָרגט אייך באַצייטנס מיט בילעטן! לאָזט נישט אַדורך אַזאַ געלעגנהייט! גאַנץ וו. מוז זען דעם סענסאַציאָנעלן קאַמף — די הויפּט־אַטראַקציע פון דעם רינג־קאַמף טורניר אין וו.

די דאָזיקע מודעה האָט אָנגעמאַכט אַן אמתן קאָך אין וו., פאַרן פאַרוואָרפענעם פּראָווינץ־שטעטל, וואָס איז געלעגן אַן ערך צוואַנציק מייל פון דער באַן־ליניע, איז דאָס געווען אַ זעלטענע סענסאַציע, און אין אָוונט, ווען דער קאַמף האָט געזאָלט פאָרקומען, איז דער פּראָוויזאָריש־אויפגעשטעלטער צירק געווען איבערגעפּאַקט. מען האָט זיך געשטופּט קאָפּ אויף קאָפּ. אומעטום, וואו מען האָט נאָר געקענט אוועקשטעלן אַ פוס, צי אָנכאַפּן זיך מיט אַ האַנט, האָט געווימלט מיט מענטשן. ברייט־פּלייציקע פאַרמערס מיט אָדערדיקע העלזער, און זאַטע, פון דער זון אָפּגעברענטע פּנימער, בלייכע מרה־שחורהדיקע נאָלד־זוכער מיט הונגעריקע בליקן, לוסטיקע און הפקרדיקע שעפּסן־שערער, אָפּגעריסענע, שמוציקע האָזן־כאַפּערס, פרויען, קינדער — זענען געווען אויסגעמישט אין אַ ווימלענדיקער, צונויפגעפּרעסטער מענטשן־מאַסע, וואָס האָט אָנגעפילט דעם

*) איינע פון די פריסטע דערציילונגען.

חלל מיט אַ זשומענדיקן געפּילדער. די לופט איז געווען אַדורכ־געזאַפּט מיט אַ שאַרפן, זויערלעכן ריח פון ביר, טאַבאַק און מענטשלעכע ליבער. דער גאַנצער צירק איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן, פייכטן נעפּל פון אויסגערעמפּטן שוויים, הייסע אָטעמס און טאַבאַק־רויך. די שטאַרקע עלעקטרישע רעפלעק־טאָרן האָבן אין דעם אַרומיקע נעפּל געוואָרפן אַ צעשמירטן, מאַטן אָפּשיין, ווי אין שוויץ־באָד.

אַלעמענס פּנימער זענען געווען צעיאַכמערט פון היץ און אויפרעגונג אין דערוואַרטונג פון קאַמף. מען האָט לעבהאַפט געפּלוידערט, געלאַכט, געקנאַקט ניסלעך און גערויכערט. מען האָט זיך געהאַלטן אין איין וועטן, ווער ס׳וועט געווינען דעם קאַמף, און יעדע ווייל איז אין אַן אַנדער ווינקעלע אויסגעבראָכן אַ געשלעג איבער אַ שטיקל פרייען פּלאַץ. אינם טומל האָט זיך קוים געהערט דער דזשעז־אָרקעסטער, וואָס האָט אָן אויפ־הער געגרילצט מיט די פּויקן און סאַקסאָפאָנען.

אויף דער אַרענע האָבן זיך, ווי דורך אַ וואָלקן געשאָטנט די צונויפגעפלאָכטענע קערפּערס פון צוויי ט־ראַנגיקע אַטלעטן, וועלכע האָבן פאַרפולט די צייט ביזן אויפטריט פון די טשעמ־פּיאָנען. קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. דאָס פייפן פון דעם „רעפערי”, דאָס פּלאַטשיקע, ווי ביי אַ קאַטשקע, קול פון דעם אויסרופער, דאָס קלינגען פון דעם גאָנג, האָבן איבעריק און פאַריתומט אָפּגעהילכט אינם אַרומיקן געפּילדער. דער עולם איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער אומגעדולדיק, און ס׳האָט אַלץ אָפטער זיך געהערט אַן אויפגערעגט טופּען מיט די פיס און דראָענדיקע אויסרופן:

— קירקאַ!... ווהייט!...

אַן אַלטער, קיילעכדיקער עקס־מאַטראָס אויף קרומע, רעוומאַטישע פיס מיט אַ קורצער, איבערגעבראָכענעטער ליימער־נער ליולקע צווישן די ברווינע, פערדישע ציין האָט יעטוועדע ווייל געקוקט אויף זיין ציבעלע־זייגער און, אַרומקוקנדיק זיך אויף זיינע שכנים, זיך געבייזערט מיט אַ טיפן, רויען באַס:

— ווען וועלן זיך, צו אַלדי רוחות, שוין באַווייזן די

טשעמפּיאָנען? ס'איז דאָך שוין נאָך צען אַזייגער. זיי וועלן נישט האָבן קיין צייט זיך אפילו צו דערוואַרעמען!...

— שרעקט אייך נישט, אַלטער ים־וואָלף! — האָט אים געטרייסט אַ הויכער פּאַרמער מיט לאַנגע וואָנסעס. — אונזער טשעמפּיאָן וועט אַיינס־צוויי זיך אָן עצה געבן מיטן אונגאַר. שפּילט זיך עפּעס מיט ווהייטן...

— נעווער מיינד, באָס! קירקאַ איז נישט אַבי־ווער. כ'האָב אים היינט אינדערפרי געזען אָנקומען מיטן באָס. אַן אמתער העלפאַנט, אַן אימה אויף אים צו קוקן... — האָט זיך אַריינגעמישט אַ פּאַרם־אַרבעטער מיט אַן אויסגערונען אויג.

— הי, הי. קירקאַ! — איז אונטערגעשפּרונגען אַן אויסגעפּוצטער איטאַליענער מיט שוואַרצע, פּאָמאַדירטע וואָנסעלעך. צען צו איינס שטעל איך אויף אים!... ווער נעמט אָן?...

— נאָק אָף, בלאַדי דאַיגאָ! אוודאי דיינס אַ לאַנדסמאַן, אָט דער קירקאַ!... — האָט זיך דערהערט אַ קוויטשענדיקע, האַלב־שכורע שטים.

— ווער איז אַ בלאַדי דאַיגאָ? — האָט זיך אויפגעקאָכט דער איטאַליענער. — ווער איז אַ בלאַדי דאַיגאָ, סאַקראַמענטאָ! — האָט ער איבערגעחזרט און דראָענדיק אַריינגעשטעקט די האַנט אין טאַש.

— נאָך אַ מעסער קריכסטו, דו שמוציקער הונט! — איז באַלד אונטערגעקומען אַ געשטופּלטער פּאַרשוין מיט שמאָלע, באַנדיטישע אויגן און צוגעשטעלט אַ פויסט צום איטאַליענערס נאָז.

די קריגעריי איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן פון הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן און באַגייסטערטע אויסגעשרייען:

— אָט זענען זיי! הוררעי!

אויף דער אַרענע האָבן זיך באַוויזן צוויי ריזיקע אַטלעטן, איינגעהילט אין זיידענע, העל־פאַרביקע שלאָפּרעק. דער אויסרופער, אַן אויסגעצוויגענער, בלאַסער פּאַרשוין מיט אַ צעקנייטשט פּנים, ווי אַ פאַרלעגענער עפּל, אַנגעטון אין אַ קעלנע־

דישן פאַרפעטסטן פראַק, האָט פייערלעך אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און מיט זיין קאַטשעדיקער שטים אויסגעזונגען:

— קאַמף אין אַכט רונדן צווישן דעם טשעמפּיאָן פון דרום־אויסטראַליע פרעד וואַייט און דעם באַרימטן אונגאַרישן אַטלעט אַרנאָלד קירקא.

די לופט איז ווידעראַמאָל פאַרהילכט געוואָרן מיט געשרייען:

— הו, העי, הורעי!...

ביידע אַטלעטן האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די שלאָפּרעק, גיכט געאיילט זיך דערנענטערט איינער צום צווייטן און, אָנקוקנדיק זיך מיט שאַרפער אויפמערקזאַמקייט זיך דערלאַנגט די הענט. פון זייערע גלאַסענע, צוריקגעהאַלטענע באַוועגונגען איז געווען צו זען, אַז זיי טרעפן זיך צונויף צום ערשטן מאָל.

עס האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער, הילכיקער פייף, אַ צייכן אָנצוהייבן דעם קאַמף. די אַטלעטן האָבן זיך ארומגעכאַפּט מיט זייערע שטאַרקע מוסקולדיקע הענט. דער קאַמף האָט צוגעזאָגט צו זיין אַ לעבהאַפטער און שפּאַנענדער. פרעד וואַייט איז געווען אַ הויכער בלאָנדין מיט אַ מעכטיקער ברוסט און אַ גראַציעזן, ווי פון שטיין אויסגעטאָקטן קערפּער. זיינע באַוועגונגען זענען געווען לייכט און געשיקט און זיין טריט עלאַסטיש און פעסט. קירקא דאַקעגן איז געווען אַ שווער־גופּיקער, פליישיקער פאַרשוין מיט אַ דרייפאַכן קאַרק און אַ בייזפיר־עקיק פנים. איבער זיין מאַסיוון קערפּער האָבן זיך ווי קנופּן געקנוילט הויקערדיקע מוסקולן, וואָס האָבן זיך געפלאָכטן און געשלענגלט ביי דער מינדסטער באַוועגונג.

אין אָנהויב האָבן זיי געקעמפט גלאַטן און פאָרזיכטיק, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אויספּרובירן איינער דעם צווייטנס כוחות. וואַייט האָט מיט געשיקטע באַוועגונגען לייכט מאַנעווּרירט אַרום דעם אונגאַר, וועלכער האָט כמעט נישט רירנדיק זיך פון אָרט, קאַלטבלוטיק און אָן אָנשטרענגונג אָפּגעשטויסן אים פון זיך. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך געשפּילט,

## 9. גאָלדהאָר

נאָר דער המון האָט אין שטילשווייגן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעקוקט צו יעטוועדער באַוועגונג זייערער.

צווייטע רונדע, דריטע רונדע. דער קאַמף האָט אָנגעהויבן ווערן היציקער און ליידנשאַפטלעכער, די באַוועגונגען האַסטיקער און מער אָנגעשטרענגט. ווהייט האָט גענומען אַטאַקירן דעם אונגאַר. לייכט ווי אַ קאַץ האָט ער זיך געדרייט אַרום קירקאַן, דאָ צושפּרינגענדיק צו אים מיט אַ בליציקער שנעלקייט און פאַרוואַרפנדיק מיט אַ פּלוצלונגדיקער באַוועגונג אַרום אים זיינע לאַנגע געשיקטע הענט, דאָ אָפּשפּרינגענדיק פון אים מיטן וואונק פון אויג, כדי אויסצומיידן אַ געפערלעכן אָנגריף. דער אונגאַר איז כסדר שטיל געשטאַנען אַ שווערער און אומגעלומפּערטער און מיט קנאַפּע, אָפּגעהאַקטע באַוועגונגען יעדעס מאָל פון זיך אָפּגעשטופּט זיין קעגנער. נאָר איינציקווייז האָט ער זיך אויך אָנגעהויבן צו דערהיצן און גענומען העפטיק אָנצוגרייפן ווהייטן, אַטאַקירנדיק אים מיטן גאַנצן אימפּעט פון זיין גוף. זייערע קערפּערס האָבן זיך צערויטלט און באַדעקט געוואָרן מיט שווייס. ווהייט האָט פאַרגיכערט דעם טעמפּאָ פון זיין אַטאַק, און מיט אַ שפּילעוודיקער לייכטקייט אים יעטוועדע ווייל איבעראַשט מיט אַ פרישן קונציקן מאַנעוור. דער אונגאַר האָט קוים באַוויזן מיטצוהאַלטן מיט ווהייטס פלינקן און האַסטיקן טעמפּאָ און עס איז אים וואָס אַמאָל שווערער אָנגעקומען זיך צו פאַרטיידיקן.

דער המון איז וואָס אַמאָל מער מיטגעריסן געוואָרן מיטן קאַמף. די אויגן האָבן זיך ביי אַלעמען צעפלאַקערט און עס האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן איבערן צירק הייזעריקע, פאַרהאַקטע אויסגעשרייען און הילכיקע פייפעריען. פערטע רונדע, פינפטע, זעקסטע רונדע. דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט אויף אַן אמת. ביידע ריזן זענען אַריין אין ברען און אויפגעהעצט פונם טומל און כסדרדיקע אויסגעשרייען פונם המון זיך געראַנגלט מיט רציחהדיקער פאַרביסנקייט. פון ביידע האָט זיך דער שווייס געגאָסן טייכנווייז און זייער כאָרכלענדיקער אָטעם האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן זאַל. דער אונגאַר האָט אָנגעשטרענגט

דעם גאַנצן כוח פון זיינע מעכטיקע מוסקולן און זיך ווילד און בייז געוואָרפן אויף וואהייטן, וועלכער האָט קענטיק אָנגעהויבן אָפּצושטיין. זיינע באַוועגונגען האָבן פאַרלוירן דעם פריערדיקן אימפּעט און בליציקע שנעלקייט, און ער האָט אָנגעהויבן אויס־מיידן צום פאַרדרוס פון המון זיין קעגנער. קירקאָ איז געוואָרן וואָס אַמאָל ווילדער. זיין גאַנצער גוף איז געוואָרן רויט ווי אַ פייער, זיינע קליינע, בייזע אויגעלעך האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַן אומהיימלעכן, בלוט־דורשטיקן גלאַנץ, און זוראָפּבויגנדיק עטוואָס דעם קאָפּ, ווי אַ צעיושעטער אָקס, זיך רציחהדיק אַ וואָרף געטון אויף וואהייטן, וועלכער האָט זיך ווי אַ שלאַנג געדרייט צווישן דעם אונגאַרס אָרעמס. פּלוצלונג, צו אַלעמענס איבערראַשונג, האָט וואהייט מיט אַ בליציקן, גאַרצווייפלטן שפּרונג זיך אַרויסגעכאַפּט אויף קירקאָס אַקסלען, און פאַר־פלעכטנדיק פעסט די פיס אַרום זיין בויך, מיט ביידע הענט אַרומגעקלאַמערט זיינע אַקסלען. קירקאָ האָט זיך פונם דאָזיקן פּלוצלונגדיקן אָנגריף אַזש אַ וואַקל געטון אויף זיינע העלפאַנ־טישע פיס, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט אָט פאַלט ער אונטער דער דאָזיקער טאָפּלטער אומאַרמונג.

איבערן זאַל האָט זיך דורכגעטראָגן אַן איינגעהאַלטענער, באַגייסטערטער געמורמל. עס האָבן זיך דערהערט אַפּלאָדיס־מענטן און פריידיקע אויסגעשרייען:

— בראַוואָ, וואהייט! בראַוואָ...

קירקאָן איז קוים־קוים נאָך אַ וויטיקלעכן, יאושדיקער אָנשטרענגונג געלונגען זיך צו באַפרייען פון זיין משא, און פּלוצלונג, קיינער האָט נישט געזען ווי דאָס אַזוי איז געשען, אָנגעכאַפּט וואהייטן פון אונטן, און אויפהויבנדיק אים הויך איבערן קאָפּ, אַ וואַרפן שליידער געטון אים צו דער ערד. נאָר איידער ער האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן, איז וואהייט ווי אַ באַלעם צוריק אויפגעשפּרונגען אויף די פיס און געבליבן שטיין קאָמפּלוסטיק און גרייט.

דער המון האָט פאַרהילכט דעם זאַל מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און פאַרטויבנדיקע געשרייען:

בראַוואָ, פּרעד! הוררעי, הוררעי!...

זיבעטע רונדע, אַכטע רונדע.ביידע אַטלעטן זענען שוין געוועזן אויסגעמאַטערט ביז גאָר. זיי האָבן אינגאַנצן געציטערט פון אָנשטרענגונג, האַלטנדיק זיך קוים אויף די פיס. קראַמפּ־האַפט אַרומגעוויקלט איינער אַרום צווייטן האָבן זיי מיטן גאַנצן יאוש פון לעצטן ביסל כוחות זיך געראַנגלט ווי אין עפּעס אַ ווילדן שגעון. רויטע און דערשוויצטע מיט זייערע צונויפגע־פלאָכטענע קערפּערס, פון וועלכע עס האָט אַזש געשלאָגן אַ פּאַרע, האָבן זיי אויסגעזען ווי אַן אויסטערלישע חיה, פון וועל־בער מען האָט לעבעדיקערהייט אַראָפּגעשינדן די פעל. דער המון האָט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם אַ פאַרציטערטער זיך צוגע־קוקט צום דאָזיקן פאַרצווייפלטן געראַנגל. די סעקונדן האָבן זיך געצויגן לאַנגזאַם און אָנגעשטרענגט. איבערן זאַל איז געהאָנגען אַ שווערע, געפּרעסטע שטילקייט. עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס דערשטיקטע כאָרכלען פון די אַטלעטן, וועלכע האָבן, נישט אַרויסלאָזנדיק איינער דעם צווייטן פון די צונויפגעקלאַ־מערטע אָרעמס, זיך אומגעוואָרפן אויף דער ערד און זיך גע־וואַלגערט ווי אַ משונהדיקער פליישׂ־קנויל אינם זאַמד פון דער אַרענע. זייערע מוסקולן האָבן זיך געקנוילט אין ווייטיקלעכער אַגאָניע, און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ ליאַדע מאָמענט בלייבט איינער פון זיי ליגן אַ מאַכטלאָזער און באַזיגטער. די שטילקייט איבערן זאַל איז געוואָרן וואָס אַ רגע שווערער, אימהדיקער און האָט זיך געלאָזט פּשוט אָנטאַפּן מיט די הענט.

מיטאַמאָל האָט זיך דער אונגאַר אויפגעכאַפּט פון דער ערד מיטשלעפּנדיק מיט זיך וועהיטן און געהאַלטן פעסט איינ־געשלאָסן זיין נאַקן צווישן די אָרעמס. וועהיט האָט זיך אַ ריס געטון אין פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג, אָבער די קלאַמערן אַרום זיין נאַקן האָבן זיך נאָך פעסטער צונויפגעפלאָכטן. זיין געזיכט האָט זיך באַדעקט מיט אַן אַשיקער בלייכקייט און אויף זיין שטערן האָבן אַרויסגעשלאָגן שווערע, פעטע שוויים־טראָפּנס, ווי אייל. ער האָט ווידעראַמאָל פּרובירט זיך אַ ריס צו

טון, נאָר אומזיסט. ער האָט אָנגעהויבן ציטערן איבערן גאַנצן לייב, ווי אַ געפּענטעטער פויגל און פון גרויס אָנשטרענגונג האָט פון זיין נאָז אַ שטראָם געטון אַ כוואַליע געדיכט, טונקל בלוט. זיינע פיס האָבן ווי אונטערגעהאַקטע זיך אָנגעהויבן צוזאַמענ־ברעכן אונטער אים, און אין מאַכטלאָזער אָנשטרענגונג האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ שווערער זיפץ אויף יידיש:

— אוי מאַמע...

קירקאַ איז געבליבן אַ פאַרציטערטער: זיין קעגנער רעדט יידיש, מאַמע־לשון?... ניין, ער האָט געמוזט פאַרהערן, עס האָט זיך אים בלויז אַזוי אויסגעוויזן... נאָר דער שטילער, יידישער קרעכץ האָט אים נאָך געקלונגען אין די אויערן און פאַרקלעמט זיין האַרץ מיט אַ מאָדנע וואַרעם און אומרואיק געפיל.

און אין דעם מאָמענט האָט ער דערפילט, ווי די קלאַמערן אַרום זיין נאַקן ווערן מיטאַמאָל לויז. ער האָט זיך אַ ריס געטון און געבליבן פריי. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אונגאַר גרייט זיך צו וואַרפן אויף אים. ער איז אָבער געבליבן שטיין אַ געליימטער — אויף אים האָבן שמייכלענדיק געקוקט אַ פּאָר טרויעריק־מילדע, קלוגע יידישע אויגן...

דער צעווילדעוועטער המון איז אויסגעבראָכן אין אַ ווילדן טומל. מען האָט געטופּעט מיט די פיס, געפייפן און געררעוועט מיט הייזעריקע, בלוטדורשטיקע קולות:

— קאָם אָן! פייט! געט הים! קאָם אָן!

דער גאַנצער צירק האָט זיך אַזש געטרייסלט פונם אומ־געצוימטן, פאַרטויבנדן געפילדער. אַ ים פון צעפלאַמטע אויגן און צונויפגעביילטע פויסטן האָבן געמאָנט, געפאָדערט, גערופן צום קאַמף. נאָרביידע יידן האָבן זיך נישט גערירט פון אָרט. זיי זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן און שטיל געשמייכלט צו זיך...

# די שרפה

## (אַ נישט פאַרענדיקט קאַפּיטל פון ראָמאַן)

אַן ערך אַ יאָר פאַר זיין טויט האָט פּ. גאָלדהאַר זיך פאַרמאָסטן צו שרייבן אַ גרעסערן ראָמאַן פון יידישן לעבן אין אויסטראַליע. די האַנדלונג פון דעם ראָמאַן קומט פאָר אין אַ קליינער פּראָווינץ־שטאָט אין אויסטראַליע, באַוואוינט פון גויים. דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג איז דער איינציקער יידישער תושב אין דער שטאָט. גאָלדהאַר האָט בלויז באַוויזן אָנצושרייבן צוויי פראַגמענטן. אין איין פראַגמענט שילדערט גאָלדהאַר דעם ייד, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער הויפּט־העלד פון דער דערציילונג און אין צווייטן פראַגמענט שילדערט ער די סביבה און דאָס שטייגער־לעבן פון דער אויסטראַלישער שטאָט.

זינט עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה און מ'האָט צוגע־נומען דאָס ביסל יונגוואַרג אין דער אַרמיי אַריין, איז דאָס שטעטל אינגאַנצן ווי אויסגעשטאָרבן. אויך פאַר דער מלחמה, אין גילדענעם גוטן, איז דאָס שטעטל געווען אַ שטילס, אַ פאַר־וואָרפענער העק. עס איז געלעגן אויפן געלן, שטויביקן שאָסיי, וואָס האָט מיט אַ וויטן אומוועג געפירט איבער ווימערא קיין דרום־אויסטראַליע. די שיטער־צעוואָרפענע הילצערנע הייזלעך מיט נידעריקע, ברוין־פאַרזשאַווערטע דעכער פון געקאַרבטן בלעך האָבן זיך טונקל געהויקערט אויף ביידע זייטן שאָסיי, וואָס האָט זיך געצויגן מיט זיין געלן אויסגעבויגענעם רוקן אין דער ווייטקייט אַריין און פאַרפאַלן געוואָרן אין דער שיטערער געפעלדיקער בלויקייט פון האָריזאָנט, צווישן פוסטע, געל־פאַרבוי־

גענע שטחים פּאַשע־לאַנד און ברייט־אויסגעשפּרייטע פּלאַכטעס פעלד וואָס האָבן זיך געבערשטלט מיט נידעריקן, זאַמדיק־ברוינעם ווייץ. וואו־נישט־וואו האָבן זיך פון די געלע און ברוינע פלאַכן אַרויסגעהויבן טונקעלע קופּקעס בוש און עס האָבן וויסט געסטאַרטשעט איינצלנע עקאַליפּטן מיט שטייפע בלעטער־בעזימלעך און קנאָכיקע שטאַמען, אַזוי צעהויקערט און צעקרומט, ווי עס וואָלט זיי ווייי געטון דאָס וואַקסן. טייל פון דיביימער זענען געשטאַנען אינגאַנצן נאַקעט און שוואַרץ־פאַרקוילט פון בוש־פייערן און דאָס שיטערע געפלעכט פון די טויטע צווייגן האָט זיך געשטרעקט צום הימל, ווי הענט מיט אָפּגעהאַקטע פינגער. שטיקער בוש און פעלד זענען געקראָכן אין סאַמע שטעטל אַריין, רחבותדיק זיך געשפּרייט צווישן איין הייזל און צווייטן און פאַרוויַעט דאָס גאַנצע שטעטל מיט דער הפקרער שטילקייט פון פּוסטע שטחים.

די באַן איז דאָ אַדורכגעגאַנגען בלויז איין מאָל אַ מעת־לעת. זי האָט זיך אַריינגעריסן אין דער שטעטלדיקער שטילקייט מיט אַ געפּייפעריי און געפּילדער און זיך אָפּגעשטעלט אַ קאָכע־דיק־צעיאַכמערטע אויף אַ פּאָר געציילטע מינוטן ביי דעם פּאַר־שלאָפענעם הילצערנעם וואָקזאַלעכל. אָבער אויך די פּאָר מינוט איז זי געשטאַנען ווי אויף שפּילקעס. דער שוואַרץ־פאַררויכער־טער לאָקאָמאָטיוו האָט שווער געדעכעט און געשפּריצט מיט רויך און פּאַרע, ברעמזעס האָבן זשאַווערדיק געקרעכצט, מילך־קאַנען האָבן געקלימפּערט און דער גאַנצער ברודיק־רויטער פאַרשטויבטער צוג האָט געשריגן מיט אייזערנע קולות, זיך געהיצט און געבייזערט, ווי עס וואָלט אים איבעריק געווען יעדע רגע, וואָס ער באַלעמוטשעט דאָ אין אַזאַ וויסטן העק. סענרי מעקדוגאַל, דער אויפזעער פון דער סטאַציע, איז אַ פאַרמעקעטער געלאָפן אויף און אָפּ איבערן פּעראָן, וואָס איז געווען אינגאַנצן פאַרוואַקסן מיט הויכן שטרויאיק־פּאַרדאַרטן ווילד־גראָז. ער האָט זיך אָקאָרשט אויפגעכאַפּט פונם שווערן בייטאָגיקן דרעמל, און דאָס פאַרשוויצטע פליישיק־פולע פּנים זיינס מיט אָנגע־לאָפענע קישעלעך אונטער די אויגן איז אויף איין זייט געווען

רויט־פאַרפלאַמט און צעקנאָדערט פון שלאָף. ער פלעגט יעדן טאָג זיך צושפּאַרן אויף דער האַרטער צעראַטעוועטער זאָפּקע אין דעם ענגן אָפּיס־שטיבל און כאַפּן אַ געשמאַקן דרעמל, און דאָס דווקא אין דער צייט, ווען דער צוג האָט געדאַרפט אָנקומען. עס איז ביי אים געווען אַ מין ספּאָרט, אַ בדיהשקייט זיך אויפצוכאַפּן אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען עס האָט זיך שוין פון דער ווייטנס דערטראָגן דאָס פייפן פונם אָנקומענדיקן צוג, און צו באַווייזן פּונקט צו דער רגע אָנצושטעלן די סיגנאַלן און איבערצורוקן די געלייזן. ער האָט זיך געדאַרפט שטאַרק איילן, יאָגן פון זיך די קישקעס אַרויס, עס זאָל נישט געשען עפּעס אַ מכשול מיטן צוג. אָבער גראָד דאָס איילעניש איז אים געווען צום האַרצן. ער האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגעדרייט פּוסט־און־פּאַס אויף דער שטילער סטאַציע, נישט געוואוסט וואו זיך אַהינצוטון פאַר לײדיק־גיין, האָט ער אין די פּאָר מינוט, וואָס די באַן איז געשטאַנען אויף דער סטאַציע, געוואָלט אַריינפּאַקן וואָס מער יאָגעניש און האַוועניש, שפּירן דעם טעם פון נישט האָבן קיין צייט. ער האָט זיך געטראָגן אַהין און צוריק פון איין עק פּעראָן ביזן אַנדערן, גערודערט, אַרומקאָמאַנדעוועט און מיט אַ פּעקל פּראַכט־פּאַפּירן אין דער האַנט געטריבן די הינער, וואָס ער האָט געהאָדעוועט אין דער פּראַכט־קאַמער, וועלכע איז שטענדיק געשטאַנען פריי און געפּוסטעוועט. פּונקט אַצינד אין דער גרעסטער גערמאַטשקע האָבן זיי זיך אַרויסגעקריגן פון דער קאַמער און זיך געפּאָרעט מיט אַ פּאַרשמאַיעט קוואָקעריי צווישן דעם הויכן ווילד־גראָז אויפן פּעראָן. סענדין איז געווען אַ חרפּה פאַר די פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט דורך די וואַגאָן־פענסטער. וואָס וועלן זיי טראַכטן פון דער סטאַציע, וואו עס קריכן פראַנק און פריי אַרום און עס פּאַשן זיך הינער, גלייך ערגעץ אויף אַ פּאַרם? ער האָט אויף זיי ווילד געפּאָכעט מיט די פּראַכט־פּאַפּירן, געיאָגט זיי מלא רציחה, און אויף דער סטאַציע איז געוואָרן אַ מהומה פון די צעשראָקענע עופות, וואָס זענען געלאָפן אין אַלע זייטן מיט

א בהלהדיקער קוואַקעריי און געפּאַטשט מיט די פליגל, אַזש פעדערן זענען געפלויגן אין דער לופטן.

דער טומל און גערודער אויף דער סטאַציע האָט זיך גע־הערט איבערן גאַנצן שטעטל און אַביסל אויפגערודערט די שטילקייט אַרום. דורך דער פּוסטער, פאַרשלאָפענער גאַס האָט אין א וואָלקן־שטויב פאַרבייגעפּאַטשט דער צוויי־רעדערדיקער דזשינקער מיטן אַלטן טאַם, דעם שטעטלדיקן פּאָסט־פירער. ער האָט זיך געאײַלט צו דער באַן מיטן זעקל פּאָסט און אונטער־געיאָגט די הויכע, ביינערדיקע שקאַפע, געשמיסן זי מיט די לייצעס איבערן רוקן און הויך געשנאַלצט מיט דער צונג. די שטיקלעך פראָפּן, אָנגעהאָנגען אויף שטריקלעך אַרום זיין אַלט־פאַרפעטסטן, צעפאַרענעם קאַפּעלוש, כדי אָפּצויאָגן די פליגן פון פנים, האָבן משוגעהדיק אונטערטאַנצט און זיך געוואָרפן פון גיכן פאָרן. דאָס פערד האָט געטרייסלט מיטן לאַנגן קאָפּ, געשפּיצט און געדרייט די אויערן און אומגעשיקט געפלאָנטערט מיט די האָריקע, גראָב־קנעבלדיקע פיס. עס איז נישט געווען געוואוינט זיך צו איילן. טאָם האָט אויף זיינע טעגלעכע רונדעס, ביים צונויפנעמען און פאַנאַנדערפירן די פּאָסט אין דער געגנט אַרום שטעטל זיך גאַנצע טעג געשלעפּט אויפן דזשינקער איבער די הויקערדיקע וועגן, וואָס האָבן זיך געשניטן צווישן די שטילע, אויסגעשפּרייטע פעלדער. ער האָט זיך נישט געיאָגט, געפאָרן טריט ביי טריט און מיט אַ שיטער, זקנהדיק־צעציטערט ביי־קולכל געצויגן די בוש־לידער, וואָס ער האָט געדענקט פון די אַלטע צייטן, ווען ער האָט געטריבן פי איבער די ווילדע, מדברדיקע שטחים פון באַרקליים לאַנד אויפן וויטן צפון. אַ שטילקייט איז געלעגן איבער די פעלדער. אַ פויל ווינטל האָט קוים געאָטעמט און פאַוואָליע געקעמט דעם שיטערן ווייץ, וואָס האָט אונטערגעשטעלט די האָריקע קעפּלעך אונטערן מינדסטן בלאָז און זיך ציטערדיק געכוואַליעט, דאָ טונקל און דאָ העל, ווי אַ פּלושענע באַרווע. דער הימל אין דער הויך, אַן סימן פון אַ וואָלקנדל, איז געווען אַדורכגענומען מיט אַ הייסן בליאַסק און אויסגעזעען דין און בראָכיק, ווי פון גלאָז. עס האָט פון אים

## 9. גאָלדהאַר

אַראָפּגעפּלייצט אַ לויטערע און שאַרפע בלויקייט, אַז עס האָט אַזש געשטאָכן די אויגן. אויך די שטילקייט אַרום איז געווען שאַרף און לויטער און דין אויפגעציטערט פונם גיבן, אָפּגעהאַקטן פייפן פון עפּעס אַ פויגל, וואָס האָט זיך אַלע ווײַלע געלאָזט הערן פון צווישן ווײַץ אַרויס. דאָס פערד האָט קוים געשטעלט די פיס, זיך געשלעפּט מיט אַ נידעריק־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און נאָכאַנאַנד געפאָכעט מיטן ווײַדל, וואָס איז געגאַנגען אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, ווי דער אומרו פון אַ זייגער. דער דזשינקער האָט זיך פּאַוואָליע געהוידעט אויפן הויקערדיקן וועג און פאַרוויגט טאָמען אין אַ לײַכטן, האַלב־וואַכן דרימל. ער האָט אינגאַנצן אָפּגעלאָזט די לייצעס. דאָס פערד האָט גוט געקאָנט דעם וועג און אַליין פון זיך געוואוסט צו בלײַבן שטיין לעבן די ביימער בײַם וועג, וואו עס זענען געווען אָנגעקלאַפּט די הילצערנע פּאָסט־קעסטלעך, שוואַרץ און צעפּלאַצט פון זון און רעגן, מיט אויפגעפּראַלטע טירלעך, וואָס האָבן זיך געבאַמבלט אויף לויז געוואָרענע פאַרזשאַווערטע זאַוויאַסעס. טאָם האָט דורך די אָפענע טירלעך פון דער ווײַטנס געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אין יעדן קעסטל. ער האָט שוין געהאַט זײַנע סימנים, לויט וועלכע ער פלעגט מיט איין קוק גלײַך דערקענען יעדן בריוו, פון וועמען ער איז און וואוהין ער גייט. די בלויע לופט־פּאָסט־בריוו זענען ווי דער שטייגער געווען פון דעם איטאַליענער טאָני, וואָס אַרבעט בײַ סימפּסאָנען אויף דער פאַרם. ער שרײַבט אָפט אַהיים צו זײַן ווײַב אין דעם סיצילישן שטעטל סאַנטאַ דזשיאודיטאַ. אַלעמאָל ווען טאָם נעמט זײַנס אַ בריוו אין דער האַנט אַרײַן, טוט אויף אים אַ ווײיע פון דעם נאָמען סאַנטאַ דזשיאודיטאַ מיט אַ פרעמדקייט און ווײַטלענדישער סודותדיקייט. עס קומט אים אויס שטאַרק חידושדיק, וואָס טאָני, אָט דער גוטער־ברודער מיטן וואוילן שמייכעלע אין די טיפע, לוסטיק־פאַרזשמורעטע אייגעלעך און מיט די וואַרעם־פאַרברוינטע, שווערע פאַרמער־הענט, וואָס ער האָט ליב אָפּצושטעקן יעדן איינעם, מיט וועמען ער באַגעגנט זיך, זאָל זיך גאָר אָנקערן מיט ערגעץ דאָרט אַ סאַנטאַ דזשיאודיטאַ...

— סאַנטאַ דזשיאַודיטאַ, ביי גאָש... ווער קאָן זיי דערגיין, די דייגאָס — באַטראַכט טאָם מיט חידוש טאָנים בריוו פון אַלע זייטן, שאָקלט מיטן קאָפּ, און די שטיקלעך פּראָפּן, וואָס הענגען אַרום זיין קאַפּעלוש, שאָקלען זיך מיט, ווי זיי וואָלטן זיך אויך געחידושט און צוגעבאָמקעט: ביי גאָש... ביי גאָש...

פּונקט אַזוי דערקענט ער לויט דעם קונציק־אויסגעציקלטן אַדרעס אויפן קאָנווערט די בריוו פונם צעדרייטן איירישמען אָ׳קאָנאָר. אַז טאָם געפינט אין קעסטל זיינס אַ בריוו, שטויסט ער זיך גלייך אָן, אַז דאָס שרייבט ער שוין ווידער, דער איריש־מען, צו דער „האַרוועסטער קאָמפּאַני״ קיין מעלבורן וועגן עפּעס אַ נייער מאַשין. ער איז משוגע פּאַרקאָכט אין מאַשינעריע, און וואו נאָר עס קומט אויף עפּעס אַ נייער מין טראַקטאָר, צי תבואה־שניידער, מוז ער דאָס האָבן ביי זיך אויף דער פאַרם. עס וואַלגערן זיך ביי אים אַרום און זשאַווערן קופּעס מאַשינען, אָבער עס איז אים אַלץ ווינציק. טאָם ווייס שוין פריער אויס, אַז ווען עס נעמען גיין בריוו צווישן אָ׳קאָנאָרן און דער „האַר־וועסטער קאָמפּאַניע״, וועט נישט לאַנג געדויערן און ער וועט קומען אין שטעטל אַריין אויסגעפּוצט אין די זונטיקדיקע מלבושים, כדי צו מאַכן אַן „אָווערדראַפט״ אין דער באַנק צוליב עפּעס אַ ניי שטיק מאַשינעריע, וואָס ער קלייבט זיך איינצוהאַנדלען. איידער ער גייט אין דער באַנק אַריין, האָט ער ליב צוערשט אָפּצוטרעטן ביי דעם ייד שייפער, וואָס האַלט אין שטעטל דעם „דזשענעראַל סטאָר״, און צו דערציילן אים די חידושים פון דער נייער מאַשין. ער רעדט מיט היץ, צייכנט אויס אויפן טיש מיט אַ קריידל דעם גאַנצן פּלאַן פון דער מאַשין, מאַכט שטרייכן און רעדלעך, מעקט און שמירט, און זיין האַרט, ביינערדיק פּנים, וואָס איז פול מיט בערגלעך און גריבער, ווי אַ וועלטשענע נוס, צערויטלט זיך, איז פול מיט ברען.

— אָט דאָס הייסט אַ דערפינדונג, דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק — היצט ער זיך און שיט מיט גוזמאות — ס׳אַ גאָלד־גרובן, נישט קיין מאַשין! אין איין סעזאָן וועל איך

מיר אויסשלאָגן טאָפּלט וויפיל זי קאָסט, און מיט אַ סמיטשיק אַריבער, איז מיין נאָמען נישט אָ׳קאָנאָר!

שייפערן גייען זיינע רייד אין איין אויער אריין און פון צווייטן אַרויס. ער קאָן זיין משוגעת, אָבער ער מאַכט זיך נישט וויסן און שאָקלט צו מיטן קאָפּ צו זיין יעדן וואָרט. ער איז דער איינציקער ייד אין שטעטל, וויל ער לעבן מיט אַלע בשלום, נישט איינרייסן מיט קיינעם.

— יעס, שור... — באַמקעט ער צו צו אָ׳קאָנאָרס גוזמאות און אָ׳קאָנאָר קלאַפּט אים אַ צופרידענער איבער דער פּלייצע:

— מיט אַזאַ מענטש האָב איך ליב צו רעדן, אַ מענטש וואָס פאַרשטייט אַ ביזנעס, כע, כע... — קוועלט ער אָן און לאָזט זיך האָפּערדיק, פול מיט קוראַזש גיין אין דער באַנק אַריין...

טאָמען איז אַ רחמנות אויף אָ׳קאָנאָרן. ער ווייסט, אַז ער וועט ביטער אָפּשניידן. ער פאַרשולדיקט זיך איבערן קאָפּ אַריבער, באָדט זיך וואָס אַמאָל מער אריין אין חובות, און דער סוף וועט זיין, אַז די באַנק וועט פאַרקויפן די פאַרם זיינע מיט אַלע מאַשינען „אונטערן האַמער”... טאָם האָט יעדעס מאָל, ווען עס קומט אים אין דער האַנט אָ׳קאָנאָרס אַ בריוו צו דער „האַרוועסטער קאָמפּאַני”, חשק אים צו באַהאַלטן, אַוועקוואַרפן ערגעץ אויפן פעלד, עלעהיי ס׳ווערט פאַרפאַלן אַ בריוו... ער שלאָגט זיך אַ היפּשע ווײַלע מיט דער דעה, וואָס צו טון מיטן בריוו, דרייט אים צווישן די פינגער אַהער און אַהין און לסוף רוקט ער אים צו זיך אין פּאָסט-זעקל אַריין.

— נישט מיינע ביזנעס... פּאָסט איז פּאָסט, כ׳דאַרף טון ס׳מייניקע — בורטשעט ער אונטער דער נאָז און נעמט זיך צו די פּעקלעך, וואָס ער קויפט אַלעמאָל איין אין שטעטל פאַר די פאַרמערס. עס איז נישטאָ דער טאָג ער זאָל נישט געפינען אין די פּאָסט-קעסטלעך צעטעלעך מיט געלט איינגעוויקלט אין פּאַפּיר, ער זאָל ברענגען פון שטעטל דעם אַ פּעקל טיי, יענעם אַ פונט טשוועקעס, אַ קענדל נאַפט, אַ פלעשל ריצן-אייל. ער פירט שטענדיק ביי זיך אין וועגעלע צוגלייך מיט דער פּאָסט, וואָס ער

דאַרף באַזאָרגן צו די פּאַרמערס, אַ גאַנצע קראָם פּעקלעך, פּור־דעלעך און פלעשלעך. ער לאָזט דאָס אַלץ איבער אין די קעמערלעך און דאַרף האַלטן קאָפּ נישט צו פאַרטוישן די יוצרות. עס קומט אים אויס צו באַלעמוטשען ביי יעדן קעסטל אַ צייט אַוועק ביז ער לייגט אויס די זאַכן אַזוי ווי עס געהער צו זיין, די טיי זאָל נישט אָנציען פון נאַפט, די בריוו זאָלן נישט ווערן פאַרפעטסט און אויסגעשמירט. ער סדרט אַלצדינג אויס פּאַוואָליע און מיט קאָפּ, ער יאָגט זיך נישט.

אָבער ווען ער פירט די פּאָסט צו דער באַן האָט ער מיינט צו באַלעמוטשען. דעמאָלט יאָגט ער אויף וואָס די וועלט שטייט. אַז ער הערט פון דער ווייטנס דאָס סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו, דעם געבראַזג און געקלימפּער, וואָס טראָגט זיך פון דער סטאַנציע, דאַכט זיך אים תמיד, אַז די באַן האַלט שוין ביים רירן פון אָרט, אַ ליאַדע רגע און ער האָט זי פאַרשפּעטיקט. ער טרייבט דאָס פערד אויף וואָס די וועלט שטייט און דער דזשינגקער הויבט אויף דער גאַס אויף אַ שטויב, וואָס וויקלט זיך גראָב און געדיכט, גלייך די ערד וואָלט זיך גערויכערט.

באַלד דערנאָך ווי עס טראָגט זיך פאַרביי טאָמס דזשינגקער, צעקלינגט זיך דאָס גלעקל איבער דער דראָטענער מאַסקיטאָן־טיר פון שייפּערס „דזשענעראַל סטאָר“, און אין דער געעפנטער טיר באַווייזט זיך מיסטער שייפּער, אָנגעטון אין אַ לייבן צייגענעם שטויב־מאַנטל. דאָס קלייבט ער זיך אַצינד צוצוגיין צו דער באַן אַ קוק צו טון, צי עס איז אָנגעקומען פאַר אים עפּעס סחורה פון מעלבורן. אויף אים וואַרט שוין אין דרויסן אויף דעם שטול־וועגעלע בערטי, דאָס פאַרזעעניש מיט אַ רייזעדיקן גרויסן וואַסער־קאָפּ, באַוואָקסן מיט קורצע שעפּסענע קרייזעלעך, און מיט אַן איינגעשרומפּן הויקערדיק גופל, פון וועלכן עס הענגען לויז אַראָפּ משונה־לאַנגע און איינגעדאַרטע הענט און פיס, וואָס ציטערן אין די געלענקן, ווי די לאַפּקעס ביי אַ שפּין. זיינע עלטערן, די היטשקאָקס, האַלטן אַ בוטשער־שאָפּ אַקעגן איבער שייפּערס קראָם, און שייפּער, מעשה שכן, גייט צו אים צו און גיט אים היימישלעך אַ גלעט איבערן קאָפּ. אויף בערטיס

פּנים, וואָס זעט אויס ווי אָנגעשוואָלן און האָט אַ האַרטן, טרו־קענעם גלאַנץ ווי אַ ברי, צעגיסט זיך אַ גדולהדיק שמייכעלע. ער ציט אויס זיין ציטערדיק הענטל אין דער ריכטונג פון דער באַן און שטאַמלט קוים מיט צרות אַרויס מיט אַ גראָב, שטאַר קול, וואָס פּאַסט זיך גאָרנישט צו זיין פּיצעלע גופל:

— הו, הו, בע... בע... בערטי... הו, הו...

דאָס מיינט ער אויף זיין שטומען לשון, אַז ער וויל מ׳זאָל אים צופירן צו דער סטאַציע. עס איז ביי אים אַ גאַנץ גליק, אַז ער זעט די באַן. ער שיינט אינגאַנצן קוקנדיק, ווי זי רודערט און טראַסקעט. יעדן קלאַפּ פון די וואַגאָנעס, וואָס שטויסן זיך איינער אין צווייטן מיט די אייזערנע טעלערס, און יעדן שנאָרך פון לאָקאָמאָטיוו, ווען ער גיט אַ שפּריץ מיט קאָכעדיקער פּאַרע, באַגלייט ער מיט אַ הילכיקן הו־הו און דאָס גאַנצע גופל טרייסלט זיך ביי אים פאַר גרויס גדולה. געווײנלעך הערט מען נישט פון אים קיין פּיפּס. גאַנצע טעג זיצט ער אָפּ אין זיין ווינקעלע אין דער היים אויף אַ קויקע פון אַלטע, צעריסענע קאָלדרעס, וואָס די מוטער שפּרייט פאַר זיינעטוועגן אויס אויף דער ערד. ער זיצט מיט די פיס פאַרלייגט אונטער זיך, גלאָצט מיט פאַר־חושטע אויגן אין חלל אַריין און קנעט זיך דאָס ווייכע פלייש. ער זיצט אַזוי אָפּ שעהן לאַנג, גיט זיך נישט קיין ריר פון אָרט. אָבער ווי נאָר ער דערהערט, אַז די באַן איז אָנגעקומען, שאַרט ער זיך געשווינד אַראָפּ פון דער קויקע און נעמט זיך דרייען אַרום און אַרום איבער דער שטוב און רופן מיט אַ וויינענדיק קול אין בוטשער־שאָפּ אַריין צו דער מוטער, זי זאָל אים אַרויספירן אין דרויסן. זי שטייט ביים געלט־שופלעדל אַ שטיפלעך אַנגעצויגענע צוליב די ענג־געפּאַסטע און טיף־אויס־געשניטענע לייכטע קליידלעך פון שרייעוודיק־העלער קאָליר, וואָס זי טראָגט תמיד, סיי זומער און סיי ווינטער. איר ווייך, פולכנע לייב צייכנט זיך בולט, מיט אַלע ווייבערישע רונדקייטן דורך די ענגע קליידער און שפּאַרט יצר־הרעדיק אַרויס פון די טיפע אויסשניטן. זי איז אַ שיינע, מיט אַ קאָפּ געדיכטע בלאָנדע לאָקן און מיט אַ פולן, קיילעכדיק פּנים היפּשלעך צוגע־

פארבט. אירע גרויסע און גלאַנציקע בלויע אויגן, וואָס זי האָט נאָכאַנאַנד ברייט אויפגעריסן, כדי זיי זאָלן אויסזען נאָך גרע־סער, האָבן אַביסל אַ פאַרהידושטן, אויסגעגלאָצטן בליק, ווי ביי אַ ליאַלקע. אָבער אַז זי דערהערט בערטין, ווען ער רופט זי מיט זיין ווייַנענדיק קול, ציען זיך גלייך ביי איר די אויגן צונויף און נעמען פלינק און אומרואיק פינטלען. אָבער זי שטייט אויף איר אָרט ווי קיינמאָל גאָרנישט. זי שפּירט אויף זיך דעם זייטיקן בליק פון איר מאַן, וועלכער אַרבעט ביים נידעריקן אַדורכגע־פּעטסטן פלייש־קלאָץ און צעפּערטלט מיט זיינע קצבישע כלים אַ זייט פלייש. ער מאַכט זיך נישט הערן בערטיס קול און טוט זיך ווייטער גלאַסן זיין אַרבעט. אָבער זי ווייסט, אַז דאָס איז בלויז אַן אָנשטעל. ער הערט שוין גוט בערטים קול, ער האָט עס פיינט, און זי זעט פון דער ווייטנס, לויט ווי עס פליט אין זיין האַנט דאָס ברייטע פאַרבלוטיקטע מעסער, אַז ער האָט קוים אין זיך איין די רציחה, וואָס קאָכט אין אים. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, אַז בערטי איז נישט זיין קינד, ער כאָוועט ביי זיך אין שטוב אַ ממזר. ער האָט נישט איבעריק קיין צוטרוי צו זיין שיין ווייב און טראָגט זיך אַרום מיט פאַרדאַכטן, אַז זי איז אים נישט געטריי און האָט צו טון מיט פרעמדע מענער. אַז תמיד פוצט זי זיך און פודערט זיך און אויף יעדן מאַנסביל שטעלט זי אויס אירע ליאַלקעדיקע אויגן, מאַכט הנדלעך, נאָר זי וויל געפעלן. אַז עס קומט דער שבתדיקער טאָג, ווען די פאַרמערס פון דער אומגעגנט קומען אין שטעטל אַריין איינקויפן אויף אַ גאַנצע וואָך, און דער עיקר אַ הוליע טון ביי דזשענקינסאָנען אין דער ביר־שענק, דעמאָלט קאָן מען זי מיט קיין צוואַנגען נישט איינהאַלטן אין שאָפּ. אין שטעטל רודערט זיך, ס'איז לעבעדיק. אַלט־מאָדישע פאָרדלעך אויף הויכע, שמאָלע רעדער און באַדעקט מיטן געלן שטויב פון וועג, טראָגן זיך אויף און אָפּ מיט אַ גרילצן און שנאָרכן פון די טראָמייטערס. דזשינקערס און בריטשקעס מיט אויפגע־שטעלטע בוידן, מחמת דער בלענדנדיקער זון, שטייען אויף ביידע זייטן גאַס, מיט די פערד צוגעבונדן צו די סלופּעס, וואָס

שפּאַרן אונטער די נידעריקע, שיף־אָנגעבויגענע אָפּדעכער אי־בער די עטלעכע שטעטלדיקע קראָמען. די פערד, אויסגעפּוצט לכבוד דער רייזע אין שטעטל אַריין אין בעסטן געשפּאַן מיט גלאַנציק־געניקלטע קנעפּ און קאָלירטע טראָלזן, שפּיצן שרע־קעוודיק די אויערן אין דעם אַרומיקן טומל און צעבלאָזן מיט אומרואיקע נאָזלעכער די פּאַשע, וואָס שטייט פאַר זיי אין אָפענע זעקלעך. אויף דעם שמאָלן, שטויביקן טראָטואַר שפּאַנען טומל־דיק און אויפגערוימט פּאַרם־אַרבעטער אין שטייף־געפּרעסטע ברייטע ספּאָרט־הויזן, וואָס ברעכן זיך אין די קנייטשן איבער די שרייעוודיק־געלע ברייטנעזיקע שיך. אַלץ איז איינגעהילט אין שטויב און גערודער. די מיסיס היטשקאָק קאָן נישט איינ־שטיין ביים געלט־שופלעדל. עס ציט זי צום טומל אין דרויסן, אין אַלע ווייַלע גיט זי זיך אַ פּודער איבער דאָס פּנים און כאַפּט זיך אַרויס פאַר דער טיר. עס אַרט זי גאָרנישט, וואָס אין שאָפּ איז פול מיט קונים און איר מאַן דאַרף זיך צעריסן אויף שטיקער, באַדינענדיק זיי איינער אַליין. דורך דעם דרויסנ־דיקן טומל דערטראָגן זיך צו אים נאָכאַנאַנד פרעמדע מאַנסבי־לישע קולות, וואָס גריסן מיט גרויס העפלעכקייט צו זיין ווייב:

— העלאָו, מיסיס היטשקאָק! האַו דו יו דו, מיסיס היטש־קאָק, — הערט ער יעדעס מאָל אַן אַנדער קול, פול מיט דער איבערגעטריבענער און אַביסל צודרינגלעכער העפלעכקייט, וואָס מענער ווייזן אַרויס צו שיינע פרויען. אָט די העפלעכקייט פאַר־דריסט היטשקאָקן, פירט אים אַרויס פון די כלים. ער איז איי־פערזיכטיק, און ווען ער שעמט זיך נישט פאַר פרעמדע מענטשן, וואָלט ער זי ביי די האָר צוריק אַריינגעשלעפּט אין שאָפּ אַריין. אָבער נאָך מער אַרט אים איר היים, ברוסטיק קול, מיט וועלכן זי ענטפערט אויף די מענערישע באַגריסונגען. עס האָט אין זיך אַ פאַרבליניעטן נאָכקלאַנג, ווי זי וואָלט וועלן עפּעס זאָגן, נאָר זי כאַפּט זיך כסדר צוריק, דערזאָגט נישט. פונקט אַזוי רעדט זי אויך צו בערטין. אַלעמאָל ווען זי גיט אים צו עסן, ציט זי טוט אים אָן, און אפילו אַז ער איז פאַרברודיקט און זי

דאָרף אים אונטערווישן, פּיעשטשעט זי אים און קושט אים און רופט אים מיט צערטלדיקע נעמען:

— בערטסי, בויסי... — רעדט זי צו אים פּאַרצויגן, ווי ער וואָלט געווען אַ פּיצעלע קינד, און בערטי פּיעשטשעט זיך, שטאַמלט עפּעס אויף זיין האַלב־שטומען לשון און לאַכט מיט אַ הויל, גולמדיק געלעכטערל: כאָ, כאָ! היטשקאָק שפּרינגט אַזש פון דער הויט, הערנדיק זיי ביידע, בערטיס געלעכטערל און דעם ווייבס הייס, פאַרכלינעט קול. דעמאָלט ווערט אים עפּעס מאָדנע דערווידער איר מאַמעדיקע געטריישאַפט. עס דאַכט זיך אים ווי זי וואָלט אין אים געפּעלשט יעדעס מאָל, ווען זי רירט זיך צו צו בערטין און נעמט אים צערטלען און גלעטן.

— ס'פּאַרזעעניש! נעם אים אַוועק פון מיינע אויגן! — צישעט ער דורך די ציין, און דאָס צישעניש איז פול מיט אַזוי פיל שנאה, אַז דאָס ווייב דערשרעקט זיך אַזש. זי האָט מורא ער זאָל נישט אַמאָל אָפּטון בערטין קיין שלעכטס. זי היט זיך דעריבער מיט איר ליבשאַפט צו בערטין, ווען דער מאַן איז דערביי, און אַז בערטי רופט צו איר אין בוטשער־שאָפּ אַריין מיט זיין וויינענדיקן, אומבאַהאָלפענעם קול, מאַכט זי זיך נישט וויסן און לאָזט אים שרייען אַזוי לאַנג, ביז דער מאַן פאַרלירט ס'געדולד און גיט ברוגז צו איר אַ וואָרף:

— וואָס שרייט ער דאָרט? גיי אַריין, פאַרמאַך אים ס'מויל.

אָבער זי יאָגט זיך נישט. זי גיט ליכט אַ צי מיט אַן אַקסל, פאַרעט זיך אַ ווייל ביים שופלעדל און גייט ווי אָן חשק אַפּער פון הינטערן טיש. זי שטעלט נישט געאיילט די טריט, וויגט פאַוואָליע מיט די היפטן און קוקט אויף דעם מאַן מיט אויפּגעריסענע תמעוואַט־גרויסע אויגן, ווי איינער זאָגט:

— אַ מענטש לאָזט נישט צורו, יאָגט און טרייבט...

אָבער ווי נאָר זי טרעט אַריבער די שוועל אין שטוב אַריין און דערזעט בערטין, וואַרפט זי אַראָפּ פון זיך אַלע אָנשטעלן. אין אירע אויגן צינדט זיך אָן אַ היים, לעבעדיק פייערל און זי

לויפט מיט אימפּעט צו צום פאַרזעעניש. זי כאַפּט אים אַריין אין אירע אָרעמס, דריקט אים צו צום בוזים און קושט מיט הייסע אָנגעקוואָלענע ליפּן זיין פּנים, זיין קאָפּ.

— קינד מיינס, אָרעם שעפעלע... — רעדט זי מיט אַן איינגעהאַלטענעם פליסטער, אַז דער מאַן אין בוטשער־שאָפּ זאָל נישט הערן. בערטי אָבער רייסט זיך פון אירע הענט. ער הערט די באַן, ווי זי קלאַפּט און טומלט אויף דער סטאַציע, און ער שלעפּט די מוטער מיט כּוח צו צום שטול־וועגעלע, זי זאָל אים אַרויספירן אין דרויסן.

זי זעצט אים אַרויף אויפן וועגעלע און פירט אים אַרויס אויף דער גאַס. זי פאָרט מיט אים אָפּ עטלעכע טריט און איילט גלייך צוריק אין שאָפּ אַריין. זי חלשט צו פאָרן מיט אים ווייטער, צוצופירן אים דעם גאַנצן וועג ביז צו דער באַן. זי ווייסט ווי שווער עס קומט אים אָן אַליין מיט די אייגענע כּוחות צו פירן דאָס וועגעלע. אָבער זי האָט מורא פאַרן מאַן, זי וויל נישט צופיל איינרייסן מיט אים. ער קאָכט שוין אוודאי און זידט, ציילנדיק יעדע מינוט, וואָס זי גיט זיך אָפּ מיט בערטין. זי לאָזט אים איבער אויף דער גאַס און ער נעמט פאָרן איינער אַליין. ער אַרבעט מיטן קאָרבעלע, וואָס דרייט די רעדער, אָבער מיט זיינע איינגעטרוקנטע, האַלב־געליימטע הענט קאָן ער קוים רירן דאָס וועגעלע פון אָרט. ער האָרעוועט שווער און ביטער, אַרבעט מיט אַלע כּוחות און דאָס גאַנצע גופל ציטערט ביי אים פון אָנשטרענגונג. דאָס וועגעלע שלעפּט זיך קוים אויפן זאַמדיקן טראָטואַר און באַלד בלייבט עס אינגאַנצן שטיין. בערטי זיצט אַ באַשלאָגענער מיט שווייס און קאָן קוים כאַפּן דעם אָטעם. ער האָט נישט קיין כּוח צו רירן דאָס וועגעלע ווייטער אַ טריט.

אָבער לאַנג בלייבט ער אַזוי נישט שטיין. ווער עס זאָל נישט פאַרבייגיין, אַז מ׳דערזעט בערטין, ווי ער מאַטערט זיך אויף זיין וועגעלע, גייט מען צו צו אים און מ׳העלפט אים, מ׳פירט אים אונטער אַ שטיקל וועג. אויך שיפער שטייט נישט

אָפּ פון אַלע, און כאָטש ער טרעפט אים טאָג נאָך טאָג גייענדיק צו דער באַן, נעמט ער אים אַלעמאָל מיט זיך מיט און שטופּט געטריי דאָס וועגעלע דעם גאַנצן וועג צו דער באַן און פון דער באַן צוריק. עס איז אים פריקרע צו קוקן אויף זיין צע־קרומט, ציטערדיק גופל און עס שלאָגט אים טיילמאָל צום האַרצן פונם זיסלעך־איבערגעשטאַנענעם, קראַנקן ריח, וואָס מ'שפּירט פון אים. דאָך טוט עס אים גרויס הנאה, וואָס בערטי האָט מיט אים אַזאַ גדולה און באַגעגנט אים שטענדיק מיט זיין ברייטן שמייכעלע פול פרייד. מיט דעם דאָזיקן שמייכעלע קויפט אים בערטי איינגאַנצן אָפּ. ער איז דאָ מיט זיין ווייב און טאָכטער די איינציקע יידישע פאַמיליע אויף וויטע מיילן אַרום, און ער פילט זיך פרעמד אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל, וווייט פון יידן, פון אַ היימישן מענטש. אָבער פון בערטיס שמייכעלע נעמט אים אַרום עפּעס אַ וואַרעמקייט און ער פילט זיך, קוקנדיק אויף אים, ווי אַ שטיקל איינגענער אין שטעטל. עס דאַכט זיך אים, אַז אויך די מענטשן, וואָס גייען פאַרביי און זעען ווי ער שטופּט בערטיס וועגעלע, שאָקלען צו אים מיטן קאָפּ גאָר גוט־ברודעריש און קוקן אויף אים מיט אַן אָפן צוגעלאָזן שמייכעלע, גאָר אַנדערש ווי תמיד.

בלויז באָב דזשענקינסאָן, דער אייגנטימער פון האָטעל, וואַרפט אויף אים אַ ממזריש קוקעלע פון זיינע בולטע, רויטלעך־פאַרלאָפענע אויגן. ער איז אַ דיקער און אַ ברייטער, מיט אַ פול מילציק פנים און ברייטע פליישיקע אויערן. אין מיטן טאָג, ווען עס זענען נישטאָ קיין טרינקערס און ער האָט נישט וואָס צו טון אין האָטעל, שטייט ער פאַר דער טיר אין אַ צעקנעפּלט וועסטל איבערן טיף־אויסגעשניטענעם אונטערלייבל. פון דער וועסטל־טאַש הענגט אַראָפּ אַ גראָבע, גאָלדענע קייט, וואָס מען זעט בלויז אַזעלכע אויסגעהאָנגען אין די פאַון־שאָפּס. ער שטייט מיט די נאַקעטע, טונקל־פאַרוואָקסענע הענט פאַרלייגט אויפן בוזים און פּיפּקעט אַ צעווייקט פּיצל ציגאַר, וואָס ער וואַרפט מיט געניטשאַפט איבער פון איין מויל־ווינקל צום צווייטן, און אַז ער זעט עמיצן פון ווי ווייט אויף דער פּוסטער,

פאַרשלאָפּענער גאַס, כאַפּט ער קונציק אַריין אין די פינגער
דאָס פּיצעלע ציגאַר און רופט מיט אַ ברייט הייזעריקלעך קול:

— קיפּין' וועל, מעיט?...

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

## אַ ווייטערדיק קאַפּיטל פון ראָמאַן

די נאַכט איז געווען אַ דומפּיקע, אַ הייסע. מיסטער פלינקער האָט זיך געדרייט אויפן געלעגער אין אַ שווערן האַלב־שלאָף און געווען אינגאַנצן באַגאָסן מיט אַ קלעפּיקן שווייס ווי אַ שליים. די לופט אין דער געדיכטער, צעפּאַרעטער פינסטער־ניש האָט געבריט און זיך שווער געלייגט אויפן אָטעם. די ווענט, דער סופיט, די מאַסיווע מעבל־שטיק, וואָס האָבן זיך שוואַרץ געהויקערט אין דער פינסטער, האָבן אַרויסגעאָטעמט פון זיך די היץ, מיט וועלכער עס האָט זיי אַדורכגענומען דער לאַנגער, המימהדיקער זומער־טאָג. אַ מאָסקיט האָט זיך גע־טראָגן אין צעפּאַרעטן חלל, געשניטן די לופט ווי מיט אַ שאַרף, דין זעגל און זיך געדרייט איבער מיסטער פלינקערס קאָפּ מיט אַ צעצויגן, וויינענדיק זשומען. מיסטער פלינקער האָט געהאַלטן אין איין וועקן זיך פון שלאָף, פאַרחלשט געלעקט דעם פאַר־טרוקנטן גומען און אין קאָפּ ביי אים האָט זיך געמישט דער טומלדיקער הו־האַ פונם גאַנצן שבתדיקן טאָג אין דער „דריי־פּערי סטאָר". די „דרייפּערי סטאָר" איז געווען די איינציקע אין שטעטל און יעדן שבת איז ביי מיסטער פלינקערן געווען אַן אמתער יאַריד. קונים האָבן זיך געדרייט אַריין און אַרויס. די טיר, באַשלאָגן מיט אַ דראָטענער מאָסקיטן־נעץ, האָט זיך נישט פאַרמאַכט אויף קיין רגע, שווער געקרעכצט אויף די זאַוויאַסעס, און דאָס גלעקל איבער דער טיר האָט כסדר געקלונגען, זיך געריסן ווי אַ באַנומענס. זאָקן, קליידער, וועש האָבן זיך גע־

מיניעט מיט אַלערליי קאָלירן אין מיסטער פּלינקערס פּאַרשלאָ־פענעם דמיון, נישט געלאָזט איינרוען, פּנימער האָבן זיך גע־טראָגן פאַר די אויגן און אין די אויערן איז געשטאַנען אַ גע־רויש פון מענטשלעכע קולות און אַ דינער, פריילעכער געקלימ־פּער פון זילבער־געלט. איבער דעם גערויש האָט זיך געטראָגן דאָס פאַרטועגע קול פון דער טאָכטער, סוזי, וועלכע האָט זיך געפּאָרעט הינטערן לאַנגן טיש מיט די אָנגעוואָרפענע שטויסן סחורה, פלינק און געשיקט געוויקלט די פּעקלעך און געגלאַנצט אויף די קונים מיט אירע זאַפּטיקע, טונקעלע אויגן.

„דזשינדזשער" אַרטי, אַ הויכער יונג מיט אַ זומער־באַ־שפּרענקלט און לאַנג, אַריינגעבויגן פּנים ווי אַ האַלבע לבנה, און מיט געלבלעכע, דיק־אָנגעפּאָמאַדירטע האָר, וואָס האָבן גע־גלאַנצט ווי מעש, איז געשטאַנען נעבן טיש אַנטקעגן סוזין, וועלכע האָט געהאַלטן ביים פאַרפּאַקן פאַר זיינעטוועגן אַ פּעקל. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ פּאָר ווייסע, שטייף־געפּרעס־טע הויזן און אין אַ זיידן העמדל מיט קורצע אַרבל, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט זיינע לאַנגע, געל־באַוואַקסענע הענט, אויסגעטאַטואירט מיט אַנקערס און שלאַנגען. ער האָט געשמייכלט מיט זיינע ביסטרע, בורשטינענע אויגן און שטי־לערהייט עפּעס אַריינגעטענהט אין סוזין, אַריבערבויגנדיק זיך צו איר איבערן טיש. זי האָט אַפּערגעקוקט צו אים מיט אַ קלוג, זייטיק שמייכעלע, לייכט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און פאַר־טראַכטערהייט געוויקלט אַרום פינגער דאָס שטריקל, מיט וועלכן זי האָט געהאַלטן ביים אַרומבינדן דאָס פּעקל.

מיסטער פּלינקער האָט פון דער ווייטנס, מיט איין אויג, אָפּגעשאַצט דאָס שפּאָרע פּעקל, וואָס „דזשינדזשער" האָט איינ־געהאַנדלט ביי דער טאָכטער, און ווי עס איז געווען זיין טבע ווען ער איז געווען צופרידן פון אַ גוטן פדיון, געגומען ווישן מיטן גרינעם שנופּטוך דעם בלאַסן, פאַרשוויצטן פּליך. די מיסיס פּלינקער אָבער איז געשטאַנען ווי אויף שפּילקעס. דאָס פּנים ביי איר האָט געפלאַמט, זי האָט צעטראָגן געוואָרפן די אויגן אַרום זיך און געטרייסלט מיטן קאָפּ ווי אַ צעשראָקענע הון:

— הערשל, גיב נאָר אַ קוק! וואָס וויל ער, דער שייגעץ?
— האָט זי געצופּט דעם מאַן ביים אַרבל און מיט איינגעצויגענע ליפּן, ווי זי וואָלט עפּעס געגאַנגט, אַריינגערעדט אין אים מיט אַ הייזעריקלעך, פאַרוויינט קול: — וואָס וויל ער פון קינד האָבן? ביסט בלינד, הערשל, צי וואָס?

ער האָט זיך גאָרנישט אָנגערופן. אין שאָפּ איז געווען פול מיט מענטשן, האָט ער נישט געוואָלט מאַכן מיט איר קיין טענות. אַ יידענע, מאַלע וואָס זי רעדט... „דזשינדזשער" איז אַ גוטער קונה, האָט אַ לייכטע האַנט און גיט גראָב צו פאַרדינען. אַזאַ קונה, אַז ער מאַכט זיך אַ געלעכטערל, איז מילא, ס'איז ביזנעס...

דעם ווייבס צודרינגלעך קול האָט אָבער איצט, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, אים געגעבערט אין מוח, נישט געלאָזט צורו. אפשר איז זי טאַקע גערעכט? מיט אַזאַ חברהמאַן ווי „דזשינדזשער" איז גלייכער נישט צו מאַכן זיך קיין געלעכטער־לעך. ער האָט אַ מיאוסן נאָמען אין שטעטל. טאָג און נאַכט ליגט ער אַקעגנאיבער ביי דזשענקינסאָנען אין דער ביר־שענק, שכורט מיט די פאַרמער־יונגען און טרעלט ביי זיי אויס דאָס שווער־פאַרהאָרעוועטע געלט אויף „רייסעס" און „סוויפּס". מען קאָן גוט אין שטעטל דאָס קליינע נאָטיץ־ביכעלע זיינס געבונדן אין רויטן לעדער מיט אַ גאָלדענעם שניט. ער שרייבט דערין אַריין מיט אַ דינער, דאַמסקער בלייפעדער די געוועטן, וואָס ער נעמט אָן. די פאַרמער־יונגען האָבן עפּעס נישט קיין צוטרוי צו דעם שיינעם ביכעלע מיט דער דאַמסקער בלייפעדער. זיי קוקן מיט חשד אויף זיינע לאַנגע, זומער־באַשפּרענקלטע פינגער, ווי ער פאַרשרייבט פלינק, קוים מען דערכאַפּט מיטן אויג, דאָס געלט, וואָס ער נעמט ביי זיי צו און לאָזט עס נישט געציילטער־הייט אַראָפּ צו זיך אין טאַש. זיי פּינטלען אויף אים פאַרדעכטיק מיט די אויגן און רעדן מיט שווערע, פאַרלייכעצטע קולות:

— האָסט נאָר ריכטיק פאַרשריבן, „דזשינדזשער"? אַ פונט — צען צו איינס...

— ס'איז פאַרשריבן אָלרייט! אַ פונט געווינט צען... —

פּאַרקוועטשט „דזשינדזשער" אַן אויג, באַהאַלט דאָס ביכעלע אין דער בוזים־טאַש און קלאַפּט זיך וואוילעריש איבער דער ברוסט. אָבער קיין געלט זעט מען שוין פון אים נישט צוריק. ביי „דזשינדזשערן" געווינט מען קיינמאָל נישט. אין ביכעלע ביי אים איז שטענדיק אַזוי פאַרשריבן, אַז ער בלייבט תמיד דער געוואונענער. שטענדיק האָט ער מיט די פאַרמער־יונגען צוליב דעם מחלוקות, נישט איינמאָל קומט צו געשלעגן, און די שכורע געשרייען פון דזשענקינסאָנס שענק פאַרהילכן די גאַנצע גאַס. די שטעטלדיקע מענטשן גייען פאַרביי דער שענק מיט שטייפע, ברוגזדיקע טריט, קרומען זיך און קוקן זיך איבער מיט באַדויערנדיקע בליקן פון אונטער די ברעמען אַפער. מיס־טער פלינקערס שכן, דער בוטשער מעקענזי, שטעקט אַרויס זיין ברייטן, קורץ־געשוירענעם קאָפּ פון זיין שאָפּ אַרויס און רייבט זיך פאַרמעכיעט די רויטע, קלאָציקע הענט. עס ציט אים אַריבער, אין דער שענק אַריין, די הענט שוויצן ביי אים כבנותדיק, און ער וואָלט זיי מיטן לעבן אַביסל צעפּירט אין דעם געשלעג, געוויזן דער חברה, וואָס ער קאָן. אָבער עס פּאַסט אים נישט פאַרן שכן זיינעם, דעם „דזשו", וועלכער איז אויך אַרויס פאַר דער טיר און שמייכלט ביטולדיק אונטער אויף די געוואַלדן, וואָס טראָגן זיך פון דער שענק אַרויס. מעקענזי פאַרשטעקט די קלאָציקע הענט אונטערן פאַרבלוטיקטן בוטשערישן פאַרטוך מיט די וויים־בלויע שטרייפן, די קיילעכ־דיקע, פעט־פאַרלאָפּענע אויגן, וואָס ליגן אַרומגעבעט מיט לויזע קיישעלעך הויט, גיבן זיך אַ דריי דאָ צו פלינקערן, דאָ אַריבער צו דער שענק, און ער צעלאַכט זיך נישט־ניהאדיק מיט די צוויי גלייכע, ווי אָפּגעזעגטע פאַלשע ציין, וואָס בלאַנקען מיט אַ טויטער, פאַרצעלאַנענער ווייסקייט פון צווישן די ליפּן אַרויס:

— „דזשינדזשער" מאַכט שוין ווידער זיינע מאָנקי־ביז־נעס, כע, כע!...

דער שלאָף איז אינגאַנצן אַוועק פון מיסטער פלינקערן. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן זיך צו פאַרנעמען אויף טאָג. דורכן פענסטער האָט זיך אַריינגעגאָסן אַ שיטערער, גרוי־צע־

שוואומענער אָפּשײַן, וואָס האָט זיך גליווערדיק געשפּיגלט אין די פּאָלירטע קאַנטן פון דער ברייטער דעמבענער שאַנק און זיך געלייגט מיט נעפּלדיקע פלעקן איבערן ווייסן סופיט. מיסטער פלינקער האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, אַ פּאָר מאָל אַ פּינטל געטון מיט די אויגן, ווי ער וואָלט זיך מיישב געווען, צי זאָל ער זיי עפענען, צי נישט, און פון דער זייט אַ קוק געטון צום ווייב, וועלכע איז געלעגן אַ שלאָפנדיקע נעבן אים אין בעט. איר קליין, איינגעצויגן פּנים איז געווען ווי איבערגעווישט מיט אַ פעטקייט, און די גרוילעכע האָר זענען אין דיקע קאָלטנס געווען צעוואָרפן אויפן קישן. זי האָט טיף און פּאַמעלעך גע־אָטעמט דורך די צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן, אַרום וועלכע עס זע־נען געלעגן צוויי טיף־איינגעשניטענע, פאַרזאָרגטע קאַרבן, וואָס האָבן לייכט געציטערט ביים אָטעמען, ווי זי וואָלט זיך איינ־געהאַלטן פון וויינען. ער האָט אַ שפּאָר ביסל צייט געקוקט אויף איר מיד, פאַרעלטערט פּנים, אַ שאָקל געטון צו זיך מיטן קאָפּ און מיט אַ שיטער, איינגעהאַלטן זיפצעלע אַראָפּ פון בעט. ער האָט שטילערהייט, כדי נישט איבערצואוועקן דאָס ווייב, זיך אָנגעטון און אויף די שפּיצן פינגער זיך אַרויסגעשאַרט פון שלאָף־שטוב.

איבערן גאַנצן הויז איז געלעגן אַ געדיכטע, פאַרטאָגיקע שטילקייט. דער נייער, אויפגעוואַכטער טאָג האָט שוין אַריינ־געשיינט דורך די פענסטער מיט שיפע, ציטערדיקע שטראַלן, וואָס האָבן זיך שאַרף אַריינגעשניטן אינם פרימאָרגנדיקן, פאַרטאָגיקן הלל, זיך געלייגט אויף די ווענט מיט צעפלאַמטע, גאָלדענע פּאַסן און אָנגעזאָגט, אַז דער טאָג קומט ווידער אַ הייסער, אַ צעפייערטער. מיסטער פלינקער איז אַרויס אין דרויסן אָפּצוכאַפּן אַביסל דעם אָטעם נאָך דער שווערער חמימהדיקער נאַכט. די לאַנגע שטילע גאַס, וואָס פון איר איז באַשטאַנען דאָס גאַנצע שטעטל, האָט זיך שוין געבאָדן אין זון, זיך געצויגן אין דער ליכטיקער ווייטקייט אַריין און זיך צונויפ־געגאָסן מיטן געלן, שטויביקן רוקן פונם שאָסיי קיין מעלבורן. די עטלעכע קראָמען, די שיטער צעוואָרפענע הילצערנע הייזלעך

זענען געשטאַנען פּאַרזונקען אין טיפער, וונטיקדיקער שטילקייט, זיך געטוליעט צווישן די איבערגעפּלאָכטענע שאָטנס פון די הויכע עקאַליפטן מיט צעפּאַטלטע קעפּ און געשלאָפן מיט פאַר־האַקטע טירן און לאָדנס אונטער די רויטע, גלעזערנע דעכער, וואָס האָבן זיך געהויבן איבער זיי ווי שפּיציקע, הויכע ספּאָ־דיקעס. אַן איינזאַמער פויגל האָט פון ערגעץ אַ בוים אָראָפּגע־רופן אין דער שטילקייט אַריין מיט אַ פאַרכליניעט קול, וואָס האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער פון אַ פלעשל מיט אַ שמאָל העלזל. מיסטער פלינקער האָט טיף אָפּגעאָטעמט און אַ האַרבער, אָנ־געזענקטער ריח פון אַ ווייטער וואַלד־שרפה האָט אים אַ קיצל געטון אין דער נאָז. ער האָט זיך פאַרקרומט און מיט דער דלאָניע איבער די אויגן זיך פאַרקוקט אין דער ווייטקייט אַריין, וואו איבערן שוואַרצן, געקרייזלטן פּאַס וואַלד איז גע־שטאַנען אַ שיטערער, צעקראָכענער רויך, וואָס האָט זיך פּאַ־וואָליע און פויל ווי אַ נעפּל געצויגן צום לויטערן הימל אַרויף.

— אַ מדינה, לא עלינו, ס׳ברענט!... — האָט מיסטער פלינקער יאושדיק אַ הויב געטון די פּלייצעס און צוריק אַריין אינעווייניק. ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און זיך געשטעלט דאַווענען אין דער רייך־אויפגעפּוצטער פראָנט־שטוב מיטן ווייכן, פּלושענעם מעבל און מיטן רויטן, געבלימלטן דיוואַן אויף דער פּאָדלאָגע. ער האָט אַרויסגענומען דעם אַלטן, ריפּ־סענעם טלית־זאַק פונם גלעזערנעם ביכער־שענקל, אין וועלכן עס זענען אין גלייכע רייען געווען אויסגעשטעלט די גאָלדענע רוקנס פון סוזים ענגלישע ביכער. סוזי האָט געהאַלטן דאָס שענקל פאַר אירס, כסדר געהאַט טענות צום פאָטער, פאַרוואָס ער לייגט דאָרט אַוועק זיינע „זאַכן", און שטענדיק פאַרשטופּט דעם טלית־זאַק אויף דער סאַמע אונטערשטער פּאָליצע צווישן שטויסן פּאַפּירן און אַלטע זשורנאַלן. מיסטער פלינקער איז מיט אַ קרומען בליק אַדורכגעלאָפן איבער די בייכיקע, גאָלדענע ביכער־רוקנס, אָנגעטון דעם בריווחדיקן, פאַרגעלטן וואָלענעם טלית און די תפילין און מיט פרום־פאַרמאַכטע אויגן שטילער־

הייט, מיט די ליפּן בלויז, פאַמעלעך געגומען ציילן די ווערטער פון די תּפילות.

קיין איבעריק פרומער איז מיסטער פּלינקער נישט געווען. נאָך אין דער היים, אין זדונסקע־וואָליע, ווען ער איז נאָך געווען א בחור און געאַרבעט אַלס קעטן־שערער, איז ער שוין געווען א „קאָליע־געמאַכטער", געהערט צום בונדישן טעקסטיל־פאַריין, און אין די שבתים, זומער־צייט, פלעגט ער גיין מיט חברה שפּאַצירן אין שעראַדזער וואַלד, רויכערן פּאַפּיראָסן, עסן שניטקעס מיט שינקע און זינגען די בונדישע „שבועה". אין דער שטוב האָט ער צוליב דער מאַמע זיינער, דער אַלמנה, נאָך געפירט זיך יידיש, געדאַוונט יעדן טאָג, געמאַכט קידוש פרייטיק־צונאַכטס. די מאַמע, אין דער טיפער קופּקע פרום אַראָפּגערוקט איבער די אויערן, פלעגט יעדן אינדערפרי זיך דרייען אַרום אים מיט פויגלשע, פלינקע טריטעלעך און רחמנותדיק קוקן אויף אים מיט אירע אויסגעוויינטע, אַלמנהדיקע אויגן. זי האָט גוט געוואוסט, אַז דער „בנאָק" אירער איז א שמדניק, אַן אפּיקורס און זי האָט אים אָפּגעהיטן די נשמה, נישט אָפּ־געטרעטן פון אים.

— נו, און דאַוונען, הערשל? — פלעגט זי וויינענדיק פאַרציען דאָס שמאָלע, צעקנאָדערטע גאָמבעלע. — נישט מיר צוליב, נאָר צוליבן טאַטן דיינעם אין ליכטיקן גן־עדן... וואָס מיינסטו, ער זעט נישט אַלץ, ער ווייס נישט?... פאַרוואָס זאָלסטו אים מצער זיין?...

ווען ער איז אַוועק פון דער היים, חתונה געהאַט, זיך געלאָזט אין דער ווייטער וועלט אַריין, האָט ער זיך גענומען פירן אינגאַנצן פריי און דעם ריפּסענעם טלית־זאַק מיט טלית און תפילין יאָרן לאַנג נישט אָנגערירן פאַר די אויגן, געהאַלטן פאַרשטעקט אין דעם גרויסן רייזע־קויש צווישן אַלטע מלבושים און בעטגעוואַנט. זינט אָבער ער איז געקומען קיין אויסטראַליע און פאַרוואָגלט געוואָרן אין דעם וויסטן הענק צווישן בלויז גוים, האָט אים אָנגעהויבן ציען צו יידישקייט. די גאַנצע וואָך פלעגט ער זיין פאַריאָגט מיט די ביזנעס, פון אינדערפרי ביז שפּעט

בײַנאַכט געווען אויף די פֿיס, אַרומגעהאַוועט אין דער קראָם, איז אים ייִדישקייט קנאַפּ געלעגן אין זינען. איז אָבער געקומען זונטיק, צי אַ חגא, ווען די קראָם איז געווען פֿאַרמאַכט, איז אים נישט אײַנגעגאַנגען דאָס לעבן. דאָס שטעטל איז אין די זונטיקדיקע טעג געווען ווי אויסגעשטאָרבן, מען האָט קײַן לעבעדיקן מענטש נישט געזען אין גאַס, און אַפֿילו דזשענקינסאָנס שענק, וואו עס האָט שטענדיק געקאָכט ווי אין אַ ביגסטאָק, איז געשטאַנען פֿאַרזונקען אין שווײַגעניש מיט שמוץ־פֿאַרהאַקטע טירן און פֿענסטער. די שטילקייט איז געהאָנגען איבערן שטעטל אַן אָנגעצויגענע, אַ לויערנדיקע, פּונקט ווי אין דער היים אויף דער קלויסטער־גאַס, וואו ייִדן האָבן מורא געהאַט צו גיין, און אָנגעיאָגט אויף מיסטער פֿלינקערן אַ פֿרומען אומרו. ער האָט זיך געדרייט ביזן האַלבן טאָג איבער די שטובן אָנגעטון אין טלית און תפֿילין, געדאַוונט פֿרום, אויפֿן הויכן קול מיט אַ חזניש־געציקלטן ניגון. דאָס ווײַב פֿלעגט אין דער בלויזער האַלקע מיט צעשויבערטע האָר און בייז־אַראָפּגעלאָזטע באַקן ווי בײַ אַ קעמל זיך פּאָרען אין דער ווירטשאַפֿט, פּוצן דאָס שײַנע מעבל און די צאַצקעס, וואָס זי האָט זיך אָנגעשטעלט אין אַלע שטובן, און כסדר וואַרפֿן ברוגזדיקע, שיף־פֿאַרגלאָצטע בליקן אויף סוזין, וועלכע איז געזעסן אַרײַנגעגורעט אין אַ ווינקל אַ פֿאַרטועטע אין אירע ענגלישע ביכער, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איין לייענען. מיסטער פֿלינקערן האָט עס אין האַרצן הנאה געטון, וואָס די טאָכטער איז אַזוי פֿאַרקאָכט אין די ביכער. זי איז געווען אַ גרויסע ענגליש־פֿעגערין, אירע ביזנעס־בריוו האָבן געהאַט אַ שם צווישן די סוחרים, און צום אויסטענהן זיך מיט אַ קונה איז נישט געווען אירס גלײַכן. זי האָט זיך אײַנגעקויפֿט בײַ די קונים מיט איר שיין ענגליש מויל, געווען אין שטעטל אַן אייגענער מענטש, אויסגעקאָכט מיט אַלע. אין שטוב אָבער, מיט טאַטע־מאַמע, איז זי געווען ווי אַ פֿרעמדע, שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ שווײַגנדיקע, אַ פֿאַרטראָגענע, כסדר געווען אַרײַנגעטון אין אירע ביכער, און אין די אָוונטן, ווען אין שאָפּ האָט זיך נאָר געמאַכט אַביסל שטילער,

פלעגט זי ערגעץ אוועקגיין און פאַרפאַלן ווערן אויף לאַנגע שעהן. טאַטע־מאַמע פלעגן בלייבן אַליין אין די שטילע שטובן, זיצן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין און זיך איינהאָרכן אין סלענסטן שאָרך, צי קומט זי שוין צוריק, און די מיסיס פלינקער מיט פלעמלעך אויף די שפּיצן באַקן האָט דעם מאַן געהאַלטן אין איין אָנווײַנען דעם קאָפּ:

— הערשל, וואָס וועט זיין דער תכלית? די מויד געפעלט מיר נישט, זאָג איך דיר... ס'האַרץ זאָגט מיר נישט אָן קיין גוטס!... לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען, כל זמן ס'איז צייט... געדענק מיינע רייד, הערשל!

— וואו וועסטו לויפן, בהמה? — איז מיסטער פלינקער נעקראָכן דעם ווייב מיט די פינגער אין פנים אַריין, אויסגעלאָזט צו איר דאָס שווערע געמיט. — מען וואַרט דאָך אויף דיר מיט די גילדענע גליקן ערגעץ אַנדערש, האָ? ווייניק בין איך שוין אויסגעריסן געוואָרן, אַרומגעשלעפּט מיך מיטן וואַליזקעלע, געקלאַפּט אין די טירן... כ'וויל נישט ווערן צוריק קיין האָקער, הערסט, כ'וויל נישט!...

מיסטער פלינקער האָט אַריבערגעצויגן דעם טלית איבערן פנים, זיך פרום צעשאָקלט און זיך צעדאַוונט אויפן הויכן קול. אָבער דער קאָפּ איז אים נישט געשטאַנען צום דאַוונען. ער האָט געטראַכט וועגן דער טאָכטער. זי איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי זי טענהט זיך אויס מיט „דזשינדזשערן", קוקט אויף אים מיט אַזאַ היימישלעך און סודותדיק שמייכעלע... עפּעס איז „דזשינדזשער" לעצטנס געוואָרן צופיל איינגייער אין דער קראָם, קויפט וואָס עס קומט אים אונטער דער האַנט און לאָזט זיך נישט באַדינען פון קיינעם, נאָר פון סוזין. עפּעס מוז דאָרט זיין צווישן זיי, ווער ווייס?... אז ס'איז די מויד נישט צו דערגיין, קיין וואָרט פון איר נישט אַרויסצוקריגן...

ער איז מיט שטילע, אויפגעשפּיצטע טריט צו צו סוזיס שטוב. די טיר איז געשטאַנען אַ פאַרמאַכטע, ווי זי וואָלט פון אינעווייניק געווען פאַרקלאַפּט אויף שווערע שלעסער, שטום און ברוגזדיק אויף אים געקוקט. ער האָט צוגעלייגט דאָס

אויער צו דער טיר, אַריינגעהאָרכט מיט אַן איינגעהאַלטענעם
אָטעם, געוואָלט אויפכאַפּן עפּעס אַ שאָרך, אָבער אינעווייניג
איז געווען אַזוי שטיל, פּונקט ווי עס וואָלט דאָרט קיין לעבע־
דיקער מענטש נישט געווען. עס־איז אים אויסגעקומען, ווי
זוי וואָלט געוואוסט, אַז ער שטייט הינטער איר טיר, האָרכט
אונטער, און זי ליגט אין בעט מיט אויפגעריסענע אויגן, גיט
זיך נישט קיין ריר, פאַרגינט זיך נישט קיין אָטעם צו מזן
און שווייגט אים צו להכעיס...

מיסטער פלינקער האָט יאושדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
נישט באַמערקט, ווי דער טלית האָט זיך פון איין זייט אַראָפּ־
געגליטשט פון אַקסל און די ציצית ליגן ווי צעדריוועלטע פּאָזיים
אויפן דיל און פּלאָנטערן זיך אים צווישן די פיס...

# צוריקגעקומען

## (אַ נישט פֿאַרענדיקטע דערציילונג)

עס איז שוין געווען שפּעט אין האַרבסט אַריין, ווען ביינעיש איז צוריקגעקומען פֿון בוכענוואַלדער לאַגער אַהיים קיין כמעלניק. דער טאָג איז געווען אַ קילער, אַ בלוילעך־פֿאַרנעפּלטער. אויפֿן פֿלאַכן האַרבסטיק־אָפּגעבליאַקעוועטן הימל האָבן זיך געשליבן שיטערע, ווייסלעכע וואָלקנס אין לאַנגע, גלייכע שורות, ווי מ׳וואָלט זיי צעשאַרט מיט אַ גראַבליע. די נידעריקע נאָכמיטאָגדיקע זון האָט זיך דורך זיי אַדורכגעשלאָגן אַ וואַסערדיקע, אַ צעשמירטע ווי אַ פֿאַרגאָסן אויג און בלינד אַראָפּגעקוקט אויפֿן שטעטל, וואָס איז געלעגן איינגעהילט אין אַ דינעם, ציטערדיקן נעפּל. די קרומלעכע, שמאָלע גאַסן, די הייזלעך מיט די טיף־אײַנגעהויקטע דעכער, פֿון אונטער וועלכע עס האָבן טריב אַרויסגעבליצט די נידעריקע, שמאָלע פֿענסטערלעך, האָבן דורך דעם נעפּל אויסגעזען מאָדנע שאָטנדיק און צעפֿלאָסן, ווי זיי וואָלטן געשוועבט אין חלל. אַזוי זעט מען זאַכן אין אַ חלום, און ביינעיש איז אַלץ אַרום טאַקע אויסגעקומען ווי אַ חלום. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט צוגלויבן, אַז ער איז אויף אַן אמת צוריק אין דער היים, זעט מיט די אייגענע אויגן די נוט־באַקאַנטע, היימישע געסלעך, ר׳ ירוחם קאַצאָוויטשעס שטאָקיקע מויער מיט די אָלעאַנדער־ביימלעך אויף דעם גרין־געמאַליעוועטן באַלקאָן; דעם מאַרק מיט דעם פֿאַרצייטישן געטורעמטן ראָטהויז מיט די וועטער־הענדלעך אויפֿן דאַך, וואָס האָבן זיך, ווי דאַמעס אין אַ קאַדריל, שטייף און וואַזשנע געדרייט אַרום און אַרום מיט הויכע, קיילעכדיקע גוידערס. ביינישן האָט איצטער אַלצדינג אויסגעזען אַזוי ווייט און פֿרעמד, געהאַט אַזאַ

חלומדיק־פארשוואומענע מראה, ווי א זעעניש, וואס ביי א ליאדע ווינטל וועט זיך אליין מיטאנאנדער צעקריכן ווי א רויך, נישט ווערן...

פאר זיינע אויגן האט פון דער ווייטנס אויפגעטויכט פונעם נעפל ארויס דאס אלטע היימישע הייזל, וואו ער האט אפגע־וואוינט אזוי פיל יארן און דארטן איבערגעלאזט ס'ווייב מיט די קינדער, ווען די דייטשן האבן אים אוועקגעפירט אין לאגער אריין. עס האט זיך טונקל ארויסגעהויבן מיטן הויקערדיקן גע־לאטעטן שינדל־דאך, פארוואקסן ארום די רינעס מיט א גלי־טשיקן, שימלדיק־גרינעם מאך, און פונקט ווי אליין ארום, אויס־געזען פרעמד און חלומדיק, געהויערט ווי א פארבלענדעניש אינם נעפלדיקן הלל. עס האט אים גלייך ביים ערשטן אנבליק פון הייזל ווי מיט צוואנגען פארקלעמט ביים הארץ פון א טונקל פארגעפיל: ווער ווייס צי ער האט נאך צו וועמען אהיימצו־קומען, צי עס איז נאך עמיץ פארבליבן אויף דער וועלט... ער האט געטריבן פון זיך די בייזע מחשבות, געוואלט זיך אויפס כוח איינרעדן, אז ס'ווייב מיט די קינדערלעך האבן זיך גערא־טעוועט פון די דייטשע הענט, ווארטן אויף זיין אהיימקומען. באלד־באלד און ער וועט זיי זען, האלטן אין די הענט דעם קליינעם שימעק מיט די ברייט־צעשטעלטע, לאבוזעוואטע, צע־פינקלטע אייגעלעך, טוליען צו זיך באשקען, דאס טעכטערל, גלעטן אירע העלע צעפלעך, איר קלוג, שפיציק נאמבעלע, און העניע, דאס ווייב זיינס, וועט פאר גרויס גדולה שטיין אינגאנצן א צעמישטע, נישט וויסן וואס צו זאגן און בלויז חזרן זיין נאמען:

— ביניש... ביניש...

ער האט געיאגט מיט אימפעט פאראויס און נישט אראפ־גענומען קיין אויג פון הייזל, געלאפן מיט אן אנגסטיקן בליק איבער די שווארצע, צעשיילטע שינדלען, איבער די פייכטלעך־גרינע געשוואלענע מאך־פלעקן ארום די רינעס, ווי ער וואלט געזוכט עפעס א באהאלטענעם צייכן, אן אנצוהערעניש, אז אפשר איז דאך געשען א נס און זיין ווייב מיט די קינדערלעך

האָבן זיך נעראַטעוועט פון די דייטשע הענט. אָבער דאָס חייזל, וואָס האָט אַזוי שלווהדיק און היימיש געשוועבט פאַר זיינע אויגן די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט אָפּגעשמאַכט הינטער די דראָטן פון טויטן־לאַגער, געקומען אים נאָכאַנאַנד צו חלום אין די נעכט, ווען ער איז געלעגן אין דעם שטינקענדיקן, נאַסן באַראַק אַ צעקאַטעוועטער פון די נאַציישע ראַפּניקעס און געהערט אין האַלבן שלאָף דאָס קרעכצן און יאָמערן פון די יידן אַרום, האָט איצינד שטום און פרעמד זיך אַרויסגעהויבן פון נעפּל, אומהיימלעך זיך געשניטן אַקעגן דעם נידעריקן האַרבסטיקן הימל, ניש'ט אָנגעזאָגט קיין גוטס...

פּונקט אַזוי אומהיימלעך־פאַרשוואומען און ווייט האָט אַלץ אַרום אויסגעזען אין ביינישעס אויגן אויך אין יענעם טאָג, ווען די דייטשן האָבן געמאַכט אין שטעטל די „אַקציע". זיי האָבן צונויפגעטריבן דאָס ביסל יידן אויפן מאַרק און מיט צעפלאַמטע, שמאַלציק־פאַרשוויצטע פּנימער זיך געטראָגן אַהין און צוריק אויף די שטייפע, הויך־באַשטיוולטע פיס, געשריגן, געקאַטעוועט מיט ראַפּניקעס און מיט ביקסן־קאָלבעס איבער די פּנימער, איבער די קעפּ. די יללות און געשרייען פון די ווייבער און קינדער זענען געגאַנגען ביזן הימל. מ'האָט זיי געהאַלטן אָפּגעזונדערט אויף דער צווייטער זייט מאַרק, נישט צוגעלאָזט צו די מאַנסבילן, וואָס זענען צעמזיקטע און פאַרהוקעטע אין איין טויט־שרעק געשטאַנען אויסמושטרירט אין גלייכע רייען, מיט די בידנע, אויף דער גיך צונויפגעפּאַקטע קלומיקלעך אין די הענט און געוואַרט מ'זאָל זיי אַוועקפירן מכלומרשט אויף אַרבעט. אין שטעטל האָט מען שוין גוט געוואוסט, וואָס עס הייסט אַזאַ גיין אויף אַרבעט, און די מאַנסבילן האָבן מיט שווערע, פאַרשטיקטע קולות זיך איבערגערופן מיט די ווייבער און קינדער אויפן אַנדערן עק מאַרק, זיך פון דער ווייטנס מיט זיי געזעגנט. בלויז ר' יחיאל־אלתר, וואָס האָט געשמט אין שטעטל פאַר אַ מקובל און גרויסן ירא־שמים, איז געשטאַנען שטיל, מיט דבקותדיק־פאַרקוועטשטע אויגן און אַ קול, בלויז באַוועגנדיק מיט די ליפּן, עפּעס „געזאָגט".

בייניש האָט דעמאָלט ווינציק געטראַכט דערפון, וואו מען וועט אים אוועקפירן און וואָס עס וועט מיט אים געשען. ער האָט געזען, ווי די צעיאָכמערטע דייטשן מיט די הייס־פּאַרלאָפענע, רציחהדיקע אויגן און הארטע פּנימער ווי אויסגעאַרבט פון לעדער, האָבן אָפּגעשטופּט באַשען די אָפּצעגערין און נישט צוגעלאָזט זי צו איר מאַן. אָבער באַשע די אָפּצעגערין, ביי וועלכער די שטעטלדיקע כלות פּלעגן קויפן אויסשטייערס אויף ראַטעס, האָט זיך דווקא געוואָלט אַדורכרייסן צו איר מאַן און אויפס כוח זיך געשטופּט פאַרביי די נאַצישע סאָלדאַטן. זי האָט זיי געוואָלט ווייזן, די דייטשן, אַז זי איז נישט סתם עפּעס אַ יידענע פון הינטערן אויוון אַפּער, האָט זי זיך טאַקע אויסגעפּוצט אין איר ברייטן פּלושענעם זשאַקעט און שוואַרצן זייַדענעם שאַל אויפן קאָפּ, פּונקט ווי אין די אַמאָליקע צייטן, ווען זי פּלעגט מיט דעם גרויסן חשבון־בוך אונטערן אָרעם גיין צו די קונים אויפמאָנען ס'אָפּצוג־געלט, און מיט דער זעלבער סוחריש־צעיאָכמערטער באַרעדעוודיקייט, מיט וועלכער זי פּלעגט אַזוי קונציק פאַרטשאַקען אירע קונים, פאַררעדן זיי די ציין, האָט זי אַצינד געטענהט צום הויכן געסטאַפּאָניק, וואָס האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג:

— נאָר אויף איין סעקונדעלע, ליבער הער אָפיציר, לאָססען זי מיך ביטע דורך... עס ווירד שוין גוט זיין, לעבן און לעבן לאַססען... — האָט זי אונטערקויפּעריש צו אים געוואונקען, גע־דוקט אים עפּעס אין דער האַנט אַריין און זיך זייטיק געשטופּט פאַרביי אים מיט איר קורצער ברייטלעכער געשטאַלט. דער געסטאַפּאָניק האָט זי כסדר צוריקגעשטופּט, מקיים פּסק געווען מיט דער קאָלבע איבערן קאָפּ און געשטויסן מיט די באַשטיוולטע פיס גלייך אין האַרץ אַריין מיט אַזאַ רציחה, אַז די ווייבער פון הינטן האָבן זי געמוזט אונטערכאַפּן, זי זאָל נישט אומפאַלן אויף דער ערד. דער שאַל, אַ צעפּליִקטער און אינגאַנצן אין צויטן, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר קאָפּ. דאָס צעשויבערטע שייטל איז פּאַסמעסווייז אַראָפּגעהאָנגען איבערן צע־בלוטיקטן פּנים. זי האָט זיך ווי אַ שכורע געוואַקלט פון די

שטויסן און קלעפּ, זיך קוים געקאָנט האַלטן אויף די פיס. די ווייבער אַרום האָבן זי געמוזט אונטערהאַלטן פון ביידע זייטן אונטער די אָרעמס, געווישט איר דאָס בלוט פון פּנים, צוגע־גלעט דאָס צעפּלייגענע שייטל. אָבער גלייך ווי זי איז אַביסל געקומען צו זיך, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון די קלעפּ, האָט זי צוריק אַרויפגעצויגן דעם צעפּליקטן שאַל אויפן קאָפּ און זיך אויפסניי צוגעשטופּט צום געסטאַפּאָניק.

— נאָר אויף איין סעקונדעלע... לעבן און לאָססען...

— האָט זי נאָך אַלץ געמיינט, אַז זי וועט אים קענען איינ־בויגן און געפּרואווט אַ וואונק טון צו אים. אָבער איר אויפגע־שוואָלן, צעבלוטיקט פּנים האָט זיך דערפון בלויז משונהדיק אויסגעקרומט אין אַ צעווייטיקטער גרימאַסע. איר קול האָט שוין נישט געהאַט קיין מענטשלעכן קלאַנג, זי איז שוין געווען אינגאַנצן הייזעריק און די ווערטער האָבן זיך געריסן פון איר מויל מיט אַ פאַרשטיקטן כאָרכל.

ביינויש האָט עס פון דער ווייטנס געהערט אַזוי צודרינגלעך און שאַרף, ווי זי וואָלט געשטאַנען לעבן אים און אַריינגעשריגן גלייך אין אויער אַריין. ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן פון איר די אויגן. ער האָט געזען, ווי זי קריכט דעם טויט גלייך אין די אויגן אַריין, ס'לעבן אירס הענגט אויף אַ משקולת. אַ ליאַדע מינוט און — דער געסטאַפּאָניק לאָזט איר אַ קויל אין קאָפּ אַריין, מאַכט מיט איר אַ גיכן סוף. אָבער די מינוט, וואָס ער האָט דערוואַרט פול מיט פּחד, האָט זיך געצויגן און געצויגן, ווידער אַ שטויס, ווידער אַ כמאַל מיט דער קאָלבע, און אין אַ ווייל שפּעטער הילכט שוין באַשעם קול ווידער אין זיינע אויערן, וואָס אַמאָל הייזעריקער, וואָס אַמאָל צעווייטיקטער...

דאָס האַרץ האָט אין אים געהאַמערט, זיך ווילד געוואָרפן, פּונקט ווי זיין אייגן לעבן וואָלט דאָ געשטאַנען אין קאָן. ער האָט קוים געוואוסט, וואָס אַרום אים טוט זיך, ווי דורך אַ נעפּל געזען ס'ווייב זיינס, וואָס האָט אים גערופן, געוויזן אים פון

דער ווייטנס דאָס זעקס־חדשימדיקע עופהלע, וואָס זי האָט געהאַלטן הויך אויפגעהויבן אין די הענט. איר קול איז קוים־קוים צו אים דערגאַנגען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

(דאָ ווערט די דערציילונג איבערגעריסן).

# פובליציסטיק

# יידישער אַנטיסעמיטיזם

## צי אַטאַקירט אונז דער אַנטיסעמיטיזם בלויז פיזיש?

מען האָט געגלויבט, — און מיט רעכט, — אַז נאָך דער מפּלה פון נאַצי־דייטשלאַנד וועט דער אַנטיסעמיטיזם איבער דער וועלט ווערן שוואַכער. דער אַטלאַנטיק־טשאַרטער און די כסדרדיקע פייערלעכע דערקלערונגען וועגן דער „נייער וועלט" פון פרייהייט און טאָלעראַנץ, וואָס וועט קומען נאָך דעם זיג איבער היטלערן, האָט אונז יידן געגעבן דעם בטחון, אַז עס וועט זיך אָנהויבן פאַר אונז אַ נייַ לעבן, פריי פון העצעס, פון אָפענע און באַהאַלטענע דיסקרימינאַציעס.

אָבער ווי עס ווייזט זיך אַרויס, שטייט פאַר אונז אויך איצטער די פראַגע פון אַנטיסעמיטיזם אין דער זעלבער שאַרפקייט און פונקט אַזוי אָנגעווייטיקט ווי פריער. כאָטש מען פאַרברענט היינט עפנטלעך אין פאַרשידענע דייטשע שטעט נאַצישע און אַנטיסעמיטישע ביכער, ווערן צו דער זעלבער צייט אין די „פרייע" לענדער לעגאַל געדרוקט און פאַרשפרייט אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן כלערליי אויסגאַבעס פון שענדלעכסטן יידן־העצערישן כאַראַקטער. און כאָטש מען האָט פון פאַרשידענע זייטן אָנגעווענדעט אַלע מיטלען און מען אַפּעלירט צו דער מלוכה, אַז מען זאָל פאַרבאָטן צו דרוקן און צו פאַרשפרייטן די דאָזיקע העצערישע מיאוסקייטן, האָט עס אַ קנאַפּע פּעולה.

עס איז נישט נויטיק אָנצוגעבן און אויסצורעכענען די אַלע סימפּטאָמען און פאַקטן פון די אַנטיסעמיטישע שטימונגען, וואָס באַהערשן אונזער לאַנד און אויך דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. יעדער ייד ווייסט עס און פילט עס אויף דער אייגענער

הויט, אפילו די ציטערדיקע יאַהודים, וואָס האָבן אַלעמאָל געוויינט צו קוקן מיט אָפּענע אויגן אין דער יידישער ווירק־לעכקייט אַריין און רק זיך געמיט צו מאַכן צו קליינגעלט די אַנטיסעמיטישע געפאַר, זעען שוין אַצינד ווי פאַלש עס איז אַזאַ שטרויסן־פּאָליטיק. אַמאָל, פאַר די ימי היטלער, האָבן זיי געלעבט מיט דער איינרעדעניש, אַז צו זייערע הויכע פענסטער וועלן נישט דערגרייכן די כוואַליעס פון שנאה, און אַז די אַנטיסעמיטישע העצערייען זענען בלויז געווענדעט קעגן די „פּאַרעינערס", וואָס ווייסן נישט ווי זיך צו האַלטן אין אַ ליי־טישער געזעלשאַפט און רייסן אויף די אויגן מיט זייערע „יידישע" פּירעכצן. אָבער די טראַגישע ווירקלעכקייט האָט די לעצטע יאָרן אַראָפּגעריסן די אילוזיע־שלייערן פון זייערע אויגן און זיי נעמען זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערן צום יידישן כלל אין קאַמף קעגן אונזערע שונאים. אמת, פרייען זיך צוליב דעם איז נישטאָ וואָס. אָט די איינינקייט אין קאַמף איז אַ קנאַפּער סימן פון געשטאַרקטער סאָלידאַריטעט פון אַ ברייטערן נאַציאָנאַלן פאַרנעם. זי איז גיכער אַ סימפּטאָם פון אונזער ביטערער יידישער מערכה, אַ באַראָמעטער, לויט וועלכן עס לאָזט זיך מעסטן די שנאה, וואָס רינגלט אונז אַרום. אָבער אַזוי איז שוין דער יידישער גורל. ערשט ווען דער חלף ליגט אויפן האַלז, ווערט ביי אונז אַ שטיקל אחדות, באַקומען מיר אַ פּנים פון אַ ווי־נישט־איז געאייניקטער מחנה.

אָבער דאָס איז בלויז אגב־אורחא. דער צוועק פון דאָ־זיקן אַרטיקל איז נישט אָפּצורעכענען זיך מיט אונזערע אַסי־מילאַטאָרן און יאַהודים. נישט היינט איז די צייט צו פירן חשבונות פון אַזאַ סאָרט, צו האָבן אין עמיצן דעם ניצוח, אַז מיר זענען עס די חכמים, די וויסערס. מיר לעבן היינט איבער אַ צייט פון טראַגישער אַנטשיידונג פון אונזער וויטערדיקן קיום אַלס פאָלק. מיטן אומקום פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום איז פון אונז אָפּגענומען געוואָרן דער הויפּט־קוואַל פון יידישער שעפערישקייט, פון לעבעדיקן יידישן פאָלקס־כוח. מיר האָבן פאַרלוירן אַ דריטל פון אונזער פאָלק, אַריטמעטיש אַ דריטל,

אָבער לויטן היטבון פון נאַציאָנאַלע ווערטן איז אונטערגעד
האַקט געוואָרן אונזער פאָלקס־שטאַם, דער סאַמע יסוד, אויף
וועלכן עס האָט זיך געשטיצט דער נאַציאָנאַל־יידישער קיום
איבער גאָר דער וועלט.

אָבער אונזער בראָך ענדיקט זיך נישט דערמיט. דאָס
בלוט פון די אומגעקומענע זעקס מיליאָן ברידער אונזערע,
האָט נאָך אַליין נישט פול געמאַכט דעם כוס פון יידישע ליידן.
אמת, היטלער, אונזער דם־שונא, איז שוין נישטאָ. מיר האָבן
דערלעבט דעם געגאַרטן מאָמענט פון זיין מפּלה. עס איז אָבער
געבליבן נאָך אים אַ פינסטערע ירושה פון יידן־האַס, וואָס
איז נאָך אַליין נישט געשטילט און דורשט נאָך מער יידיש
בלוט. אפילו פון די לענדער פון אייראָפּע, וואָס זענען אַזוי
שווער געפּרואווט געוואָרן פון נאַצישער אכזריות, קומען צו
אונז גרוסן, אַז אומעטום האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט הינ־
טער זיך צוזאַמען מיט חורבן און פאַרוויסטונג אַ געדיכטן אַנ־
טיסעמיטישן מישאַד. מיר ווייסן וואויל, וואָס עס זענען די
סיבות דערפון. די מיליטערישע מלחמה צווישן די דעמאָקראַ־
טיעס און פאַשיסטישע כוחות איז טאַקע פאַרענדיקט, אָבער
דער פּאָליטישער און סאָציאַלער קאַמף צווישן די צוויי כוחות
דויערט ווייטער, און כל זמן די פינסטערע מאַכט פון רעאַקציע
האָט נישט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם, וועט זי נישט
אויפהערן צו זייען פעלקער־האַס, אַנטיסעמיטיזם.

דערצו איז נאָך צוגעקומען דער זייער וויכטיקער פּסיכאָ־
לאָגישער פאַקטאָר, וואָס שטעלט אונז אין דער איצטיקער צייט
אַוועק פאַר דער אַנטיסעמיטישער געפאַר אין אַ באַזונדערס
אומגינסטיקער לאַגע. די נאַציס זענען באַגאַנגען קעגן אונז
אַזעלכע שענדלעכע מערדערייען און האָבן אָפּגעטון אַזעלכע
מעשים תעתועים, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכעניש אפילו
אין די פינסטערסטע צייטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע.
זיי האָבן אונז נישט בלויז פאַרפייניקט און אויסגעשאָכטן,
נאָר אויך אונז אַזוי מבזה געווען, אַזוי מיאוס אויסגעטיילט
פון אַלע פעלקער און ראַסן, אַז אונזער מענטשלעכע חשיבות

איז געפאַלן אין די אויגן פון דער וועלט. עס ליגט שוין אין דער טבע פון מענטש, אַז דער געשלאָגענער, דער קרבן, ווי אומשולדיק ער זאָל נישט זיין, רופט צו זיך אַרויס צוגלייך מיט רחמנות אויך ביטול און פאַראַכטונג בלויז צוליב דעם פאַקט פון זיין געשלאָגנקייט. פון מיינע יוגנט־יאָרן געדענק איך מיינס אַ באַקאַנטע, אַ מיידל, וואָס די קאָזאַקן האָבן זי פאַרגוואַלדיקט בעת אַ פּאָגראָם. וואָס קאָן נאָך זיין אַ מער אומשולדיקער קרבן? פונדעסטוועגן איז די באַציאונג צו איר מצד מיר און מיינע חברים געווען אַנדערש, ווי צו אַנדערע מיידלעך פון אונזער קרייז. צוזאַמען מיט דעם געפיל פון מיטלייד און איינזען צוליב דעם אומגליק, וואָס האָט מיט איר געטראָפן, איז אונזער באַציאונג צו איר געווען אויסגע־מישט מיט אַ באַהאַלטענעם ביטול. מיר האָבן אויף קיין רגע נישט געקאָנט פאַרגעסן די חרפּה, פון וועלכער זי האָט אַזוי אומשולדיק געליטן, און נישט ווילנדיק האָבן מיר אויף איר געקוקט פון אויבן אַראָפּ, זיך געברעקלט מיט איר.

פונקט אַזוי קוקט אויף אונז היינט די וועלט צוליב די סאַדיסטישע שענדונגען פון קערפּער און גייסט, וואָס מיר זענען אויסגעשטאַנען פון דייטש. לא די, וואָס ער האָט פאַרגאָסן אונזער בלוט, האָט ער אויך פאַרגוואַלדיקט אונזער מענטש־לעכע ווירדע, פאַראומרייניקט און פאַרשפּיגן אויף דעם צי־נישסטן אופן אונזער נאָמען. מיר זענען נישט דער איינציקער קרבן פון נאַצישער ווילדקייט, אָבער דער אַממייסטן געליטענער, דער אַממייסטן געשענדעטער, און אַז מ'הערט זיך בלויז צו, ווי עס רעדט היינט דער אַנטיסעמיט, ווי חוצפּהדיק און ציניש ער טרעט אויף קעגן אונז, ווערט קלאָר ווי ווייט דער נאַציזם האָט אונז פאַראומווירדיקט אין די אויגן פון דער וועלט. נע־בעכדיק איז יעדער קרבן, און וואָס מיאוסער און נידערטרעכ־טיקער עס איז די עוולה, וואָס ער האָט געליטן, אַלץ נידעריקער איז זיין געפאַלנקייט, אַלץ נישטיקער זיין אָנזען און חשיבות. דער שונא ישראל שפּילט טאַקע אויף אונזער געפאַלנקייט. ער האָט אויסגעטון דאָס שעם־היטעלע און ער פאַראַדירט מיט

זיין שנאה אינגאַנצן אָפּן, אָן פּייגנבלעטער. טויט־לאַגערן, מאַסן־אויסראָטונג זענען געוואָרן טאָג־טעגלעכע ווערטער אין דער אַנטיסעמיטישער שפּראַך, און עס שאָקירט נישט אַזוי שטאַרק זיי צו הערן. דאָס אויער און דער געדאַנק האָבן זיך שוין צוגעוואוינט צו זיי.

וואָס דאַרף מען ווייט גיין? אויך דאָ אין אויסטראַליע, וואו דער אַנטיסעמיטיזם האָט ערשט די לעצטע יאָרן גענומען אויפהויבן דעם קאָפּ, איז ער אָבער פול מיט דער גאַנצער גיפ־טיקייט און ברוטאַליטעט פון נאַציזם, און דאָס יידן־העצערישע בלעטל, די „ניו־טיימס", פאַרלאַנגט נישט אַנדערש, נאָר מען זאָל אַלע יידן פון אויסטראַליע פאַרשיקן אין אַ קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער אין צענטראַל־אויסטראַלישן מדבר און זיי דאָרט לאָזן אויסגיין פון הונגער און דורשט. עס איז אפשר נישט קיין גרויסער חידוש צו הערן פון „ניו־טיימס" אַזאַ באַרבאַ־רישקייט. אַ חידוש אָבער איז, וואָס קיינער האָט מיט קיין איינציק וואָרט נישט רעאַגירט דערויף. משמעות, אַז דער גע־דאַנק פון פולשטענדיקער אויסראָטונג פון יידישן פאָלק דער־שיטערט שוין נישט קיינעם, ער איז געוואָרן אַן ענין פון פאַר און קעגן, ווי אַלע אַנדערע געדאַנקען און אידייען.

אָט דעם דאָזיקן ביטערן אמת דאַרפן מיר זיך גוט אַריינ־נעמען אין זינען און לויט אים אָריענטירן אונזער קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער געפאַר. די ערשטע פּאָזיציע, וואָס מיר דאַרפן אין אָט דעם קאַמף זיך באַמיען צו געווינען, איז — אונזער מענטשלעכע ווירדע, וואָס דער נאַציזם האָט אַזוי דערנידעריקט און פאַרשמוצט. בלויז מיט ווען איבערצייגן די וועלט, אַז מיר זענען אומשולדיקע קרבנות פון האַס, בלויז מיט וועלן אויפווייזן די ליגנערישקייט און בייזוויליקייט פון די בלבולים, וואָס מען פאַרשפּרייט קעגן אונז, וועלן מיר אין בעסטן פאַל אַרויסרופן אַביסל רחמנות צו זיך, אָבער מיר וועלן דערמיט נישט צוריקשטעלן אונזער סטאַטוס אַלס מענטשן מיט מענטשן גלייך און נישט אויפהויבן אויף אַ האָר אונזער אָנזען אַלס פאָלק. וויפיל מען זאָל נישט אָנערקענען די וויכ־

טיקייט פון דער ארבעט, וואָס עס ווערט אָנגעפירט אין קאמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, טאָר מען אָבער נישט פארקוקן דעם פאקט, אַז די דאָזיקע ארבעט טראָגט צום גרעסטן טייל דעם כאראַקטער פון אַפּאָלאָגעטיק און שתדלנות. מיר וויסן דאָך גוט, אַז די אמתע סיבות פון אַנטיסעמיטיזם זענען אַמווינ־ציקסטן אָפּהענגיק פון די צי יענע איינגנשאַפטן אונזערע. דער אַנטיסעמיטיזם איז אַ כלי־זיין אין די הענט פון הערשנדיקן קלאַס, וועלכער נוצט אים, כדי צו דעמאָראַליזירן און צו דעזאָריענטירן די עפנטלעכע מיינונג און אָפּצולענקען די אומ־צופרידנקייט פון דער מאַסע אין אַ פאַלשער ריכטונג. דאָס איז אַן אַלטער, גוט באַקאַנטער אמת, וואָס מען דאַרף פאַר דעם יידישן לייענער וועגן דעם נישט מאריך זיין.

אָבער אויף איין כאַראַקטעריסטישן שטריך פון אַנטיסע־מיטיזם איז נויטיק זיך אָפּצושטעלן. אין אונזער גדאַנק זענען מיר די גאַנצע געפאַר פון דער אַנטיסעמיטישער פראָפּאַגאַנדע דערין, וואָס זי פארשמוצט אונזער נאָמען מיט בלערליי בלבולים און בייזע אויסטראַכטענישן. אָבער נישט אין דעם בלויז ליגט איר פינסטערער כוח. שוין דערמיט אַליין, וואָס זי ציט אַן איבערגעטריבענע אויפמערקזאַמקייט אין אונזער ריכטונג און זי האַלט אונז אין פאָקוס פון עפנטלעכן אינטערעס, שאַפט זי אַרום אונז אַן אַטמאָספער פון אומצוטרוי און פיינטשאַפט. דעמאָלט ווען מען האַלט אין איין טייטלען אויף אונז מיט די פינגער און עס זענען אויף אונז געווענדט די אויגן פון דער עפנטלעכקייט, זעען זיך אונזערע פשוטסטע מענטשלעכע איינגנשאַפטן ווי דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז. אונזערע נאָרמאַל־סטע האַנדלונגען, יעדער קער און ווענד, ווי גלייך נאַטירלעך זיי זאָלן נישט זיין, ווייזן זיך דעמאָלט אויס צו זיין גוזמאַדיק, אומגעווייגלעך און רייסן אויף די אויגן. שטעלט זיך בלויז פאָר: עס גייט אַ מענטש איבער דער גאַס, אַ מענטש גלייך מיט אַלע. ער איז אויסגעמישט מיט דער מאַסע, ער גייט זיך ווי קיינמאָל גאָרנישט, קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים. נאָר זאָל עמיצן איינפאַלן אָנצואווייזן אויף אים מיט די פינגער,

מאַכן אַרום אים אַ שטיקל טומל, און די גאַס הויבט אָן אויף אים צו קוקן. דעמאָלט וועט זיין אויסזען, זיין יעדער זשעסט מיטאַמאָל ווערן אויפפאַלנדיק און אויסקוקן עפּעס משונהדיק, אַנדערש ווי ביי אַלע מענטשן. האָ, האָ! קוקט אים נאָר אָן, ווי ער גייט, ווי ברייט ער שפּאַצירט זיך! ער מיינט טאַקע, די גאַנצע גאַס איז זיין! אוי, ער שנייצט גאָר אויס די נאָז... שוין איינמאָל אַ שנייצן! ווי אומעסטעטיש, ס'גייט זיך אָן אַ חלשות!

אָט די פאַרשאַרפטע אויפמערקזאַמקייט, וואָס דער אַנטי־סעמיטיזם ציט אויף אונזער זייט, האָט אין זיך פּונקט אַזויפיל העצערישן כוח, ווי די שענדלעכסטע בלבולים און ווילדסטע אויסטראַכטעניש. עס איז אַ ראַפינירט העץ־מיטל, וואָס שפּילט אויף אַ נאַטירלעכן מאַסן־אינסטינקט. מ'קאָן נאָך ווי עס איז קעמפן קעגן אַ בלבול און זיך פאַרטיידיקן קעגן אַ פאַלשער באַשולדיקונג, אָבער גיי האָב טענות צו אַ וועלט, הלמאי מען קוקט אויף אונז... גראָד פאַרקערט, זאָל מען נאָר ווייזן דעם קלענסטן צייכן, אַז מיר פילן אויף זיך די אויגן פון דער נישט־יידישער סביבה, וואָס רינגלט אונז אַרום, זאָל מען נאָר פאַראַטן דעם מינדסטן פאַרלאַנג אויסצומיידן די אַרומיקע אויפמערקזאַמקייט, וועט עס גלייך אַרויסרופן דעם נאַטירלעכן חשד, אַז מיר האָבן טאַקע עפּעס צו באַהאַלטן.

דאָס איז אַזאַ פּשוטער און אָפענער אמת, און דאָך ווי זווינציק מיר נעמען אים אין אַכט אין אונזער יידישן לעבן. די צוויי טויזנט יאָר גלות האָבן, דאַכט זיך, אונז געדאַרפט געבן גענוג דערפאַרונג, כדי צו פאַרשטיין, אַז די ערשטע אויפגאַבע אין אונזער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם איז צו שטאַרקן אין זיך דעם כוח פון ווידערשטאַנד, כדי נישט אַרונטערצופאַלן הינטער דער היפּנאָטישער ווירקונג פון מיליאָנען אויגן, וואָס זענען אָנגעשפּיזט אויף אונז. אָט דעם כוח קענען מיר נאָר האָבן, אויב מיר וועלן אָפּהיטן אין זיך דעם שטאָלצן פאָלקס־באַוואוסטזיין און דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלער חשיבות. קוים לאָזן מיר זיך באַהערשן פון דעם שרעקעוודיקן ווילן צו באַ־

האַלטן אונזער פּנים פון דער נישט־יידישער וועלט און אָפּצו־ווישן פון זיך יעדן סימן פון אַנדערשקייט, וואָס קאָן חלילה ציִען אויף אונז אַן איבעריקע אויפמערקזאַמקייט, דערגרייכן מיר בלויז אַ פאַרקערטע ווירקונג. אונזער שרעקעוודיקייט ווערט אויפפאַלנדיק און מען קוקט סיי־ווי אויף אונז מיט נאָך שאַרפערע אויגן און מיט מער אומצוטרוי. עס איז אַ פּסי־כאָלאָגישער כישוף־קרייז, אין וועלכן מיר ווערן וואָס אַמאָל מער פאַרדרייט און פאַרפּלאָנטערט. וואָס ווינציקער אָנזע־עוודיק מיר באַמיען זיך צו זיין, אַלץ מער קוקט מען אויף אונז, און וואָס מער מען קוקט אויף אונז, אַלץ ווייטער טרייבן מיר זיך אריין אין אַזאַ צושטאַנד פון צעטומלטקייט און שרעק, אַז מיר הויבן אָן אַליין אויף זיך צו קוקן מיט אַן איבערגע־טריבענער אויפמערקזאַמקייט און צו זען זיך אַליין מיט די אויגן פון אונזערע שונאים.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אָט דער צושטאַנד איז נישט בלויז געפערלעך דערמיט, וואָס ער שטעלט אונז מיט אונזער שוואַכ־סטער זייט אויף די פייַלן פון יידן־האַס, נאָר אויך דערמיט, וואָס ער פאַרקריפּלט אונזער יידישן זעלבסט־באַוואוסטזיין מיט די קרענקלעכע קאָמפּלעקסן פון מינדערווערטיקייט און פאַר־פאָלגונג. אָט די קאָמפּלעקסן צעפרעסן אונז פון אינעווייניק און זייער סכנה פאַר אונזער קיום איז אפשר גרעסער, ווי די דירעקטע ווירקונג פון די אַנטיסעמיטישע העצעס. אונזערע שונאים גיבן זיך אפשר גאָרנישט אָפּ קיין דין וחשבון דערפון, אַז דער האַס, וואָס זיי פאַרשפּרייטן קעגן אונז, פאַרדאַרבט אויך און פאַרווערימט אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם און ברענגט אריין דעמאָראַליזאַציע אין אונזער מחנה. אָבער מיר מוזן דאָס וויסן און נאָכאַנאַנד געדענקען, אַז דער קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמי־טיזם איז נישט בלויז אַ קאַמף כלפּי חוץ, נאָר פונקט אַזוי אויך אַ קאַמף פון אינעווייניק — קעגנצואווירקן דעם דעמאָ־ראַליזירנדיקן איינפלוס פון אַנטיסעמיטיזם צווישן אונז גופא.

# „יידישער אַנטיסעמיטיזם"

די נאָר וואָס פאַרענדיקטע מלחמה, וואָס כאָטש זי איז געווען דער עיקר אַ מלחמה פון מאַשינען און פון טעכנישער וויסנשאַפט, איז אויך גלייכצייטיק געווען אַ מלחמה פון נערוון, פון פּסיכאָלאָגישע כלי־זין. די קריגס־פירערס פון ביידע צדדים האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז מען קאָן שלאָגן דעם שונא נישט בלויז מיט פיזישן כוח, נאָר אויך מיט איינברעכן זיין מאָראַל, מיט שפּרייטן בהלה און דעפּעטיסטישע שטימונגען אין זיין מחנה. די פּאַפּירענע „באָמבעס", די מיליאָנען פלוג־בלעטער און אויפרופן, וואָס מען האָט געוואָרפן פון די קריגס־אַעראָ־פּלאַנען, האָבן אין זיך געהאַט אַ צעשטערונגס־קראַפט נישט ווינציקער, ווי די אמתע באָמבעס פון דינאַמיט און צעשפּאָל־טענע אַטאָמען.

אויך דער אַנטיסעמיטיזם איז אין אַ גרויסער מאָס אַ נערוון־מלחמה. אין פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך טיילווייז באַרירט דעם דאָזיקן אַספּעקט פון אַנטיסעמיטיזם און אָנגעוויזן, ווי שווער ער טרעפט אונז, שפּרייטנדיק צווישן אונז צערודע־רונג און צעטרייסלענדיק אונזער גייסטיקן גלייכגעוויכט. איך ווייס נישט, צי אונזערע שונאים גיבן זיך אָפּ אַ דין־וחשבון פון דער דאָזיקער זייט פון זייער קאַמף קעגן אונז, און צי איז ער אַ באַוואוסטזיניקע, אויסגערעכנטע טעכניק. זיי האָבן אָבער אין אָט דעם מין מלחמה אָפּגעהאַלטן גרויסע, ממש דער־צידירנדיקע נצחונות, און בלויז דערפאַר, וואָס מיר שטעלן נישט קיין שום ווידערשטאַנד. אונזער קאַמף קעגן דעם אַנטי־סעמיטיזם איז בלויז אַ קאַמף כלפּי חוץ. מיר גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכנונג, אַז די דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג פון דער פיינטלעכער סביבה אויף אונזער כאַראַקטער און מענטאַ־ליטעט איז פונקט אַזוי געפערלעך ווי די פיזישע צרות פון קלעפּ, וואָס מיר האָבן אויסצושטיין פון אונזערע שונאים. ביי־דע אַספּעקטן, סיי דער פיזישער און סיי דער מאָראַלישער, זע־נען געקנופּט און געבונדן. אונזער קאַמף קעגן דעם אַנטיסע־

מיטיזם איז לכתחילה אַ פאַרשפּילטער, אויב מיר וועלן זיך אונטער זיין ווירקונג לאָזן איינברעכן גייסטיק און פאַרלירן אונזער נאַציאָנאַלע ווירדע, אונזער שטאָלצן זעלבסטבאַוואוסט־זיין אַלס יידן און אַלס מענטשן. אינערלעך צערודערט און צעפּרעסן פון מינדערווערטיקע קאָמפּלעקסן, וועלן מיר זיין אַ לייכטער קרבן פאַר די יידן־העצערס. מיר מוזן קודם כל פּלעגן אין זיך די אינערלעכע פרייהייט און די מאָראַלישע זיכערקייט אין אונזערע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, וואָרום דאָס גיט אונז דעם גייסטיקן אָנשפּאַר אין קאַמף פאַר אונזער קיום. אין אָט דער זיכערקייט און פרייהייט זענען מיר ווי פּלעוועס אויפן ווינט, אַ צעריסענע און וויסנלאָזע מחנה אָן קאַמפּס־מוט און אָן כוח פון ווידערשטאַנד.

אונזער קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם דאַרף דעריבער גע־פירט ווערן גלייכצייטיק אויף צוויי פראָנטן, כלפּי חוץ און כלפּי פּנים. מיר דאַרפן האַרטעווען אין זיך דעם גייסטיקן ווידערשטאַנד קעגן דעם יידן־העצערישן סם, וואָס פאַרדאַרבט אויך אונזערע אייגענע נשמות. זייענדיק כסדר אַרומגערינגלט מיט פאַראַכטונג און שנאה און לעבנדיק אין שטענדיקער אומ־זיכערקייט אין אַ פרעמדער פיינטלעכער סביבה, איז נישט קיין וואונדער, וואָס דער ייד פילט זיך אָפּטמאָל איבעריק אויף דער וועלט און עס פאַרגנבענען זיך אין זיין האַרץ ספקות אין דער באַרעכטיקונג פון זיין עקזיסטענץ. נישט ווילנדיק שווימט אין זיין רעיון אויף די פראַגע: היתכן? אומעטום האָט מען אונז פיינט, אומעטום זענען מיר איבעריקע, אומגעע־בעטענע געסט, מען שלאָגט און מען רודפט אונז... איז טאַקע די גאַנצע וועלט אומגערעכט, און בלויז מיר גערעכט? אפשר זענען מיר טאַקע די שולדיקע און נישט אומזיסט ווערן מיר געהאַסט און געיאָגט...

דאָס זענען אַלטע, פּיינלעכע קשיות, וואָס יעדער ייד שטעלט זיך אַליין פון צייט צו צייט. נישט ווילנדיק נעמט ער זיך איבער מיט די רכילותן און בלבולים, וואָס די יידן־העצערס פאַרשפּרייטן וועגן אונז. נישט זעלטן קומט אויס פון יידן

גופא צו הערן אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע אַנטיסעמיטישע אויס־דרוקן, ווי: יידישע חוצפה, יידישער שאַכער־מאַכער, יידישע פּירעכצן... מיר קוקן אויף זיך אַליין מיט ביטול, מען איז זיך אַליין איבעריק און דערווידער, מען האָט פיינט יידישע תנועות, דאָס יידישע לשון. אפילו דער יידישער ראַסן־טיפּ ווערט ביי אונז אַן אָביעקט פון חרפה, מען שעמט זיך מיט דער „יידישער" נאָז און מען פאַראורטיילט צווישן זיך אַליין אונזער אַנדערשקייט, אונזערע פיזישע און פסיכישע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן.

אָט די משונהדיקע פאַרקריפּלונג פון דעם יידיש־נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין, דער ביטול און שנאה צו זיך אַליין איז אפשר די שעדלעכסטע און פיינלעכסטע דערשיינונג אין אונזער לעבן. עס איז אַ מין אייגענער „יידישער" אַנטי־סעמיטיזם, וואָס פרעסט זיך אַריין אין אונזערע הערצער און פאַרקרימט אונזער פסיכיק, אונזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. ער דריקט זיך אויס אָנהויבנדיק פון אַזעלכע אומשולדיקע און ווינציק־אויפפאַלנדיקע דערשיינונגען, ווי דאָס פאַרציען יידישע נעמען, זיי זאָלן קלינגען וואָס ווינציקער יידיש, ביז צו פול־שטענדיקער אַסימילאַציע און פאַרלייקענונג פון יידישן אָפּ־שטאַם. דער חותם פון מינדערווערטיקן נאַציאָנאַלן קאָמפּלעקס איז טיף איינגעקריצט אין דעם יידישן לעבן, און אפילו אונ־זער אידייען־וועלט, אונזער גייסטיקער אויסבליק איז נישט פריי פון אים. אַ סך נעגאַטיווע דערשיינונגען אין דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן און אויך פּאָליטישן לעבן האָבן זייער מקור אין דער געפאַלנקייט פון אונזער פאָלקס־געפיל, אין דעם פּחדנישן ווילן צו פאַרווישן אונזער אַנדערשקייט. מיר פאַר־לירן דעם נאַטירלעכן דראַנג זיך אויסצולעבן לויט די נייגונגען פון אונזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און צו פורעמען אונזער קיום אין הסכם מיט די גייסטיקע און מאַטעריעלע באַדערפעניש פון פאָלק. ווי יעדע „געצייכנטע" מינדערהייט, קוקן מיר אַרויף צו דער שטאַרקער, הערשנדיקער מערהייט, אימיטירן אירע מִנהגים און לעבנס־שטייגער און נעמען אויך איבער אירע

עטישע און סאָציאַלע מאָסן, וואָס שטייען אָפּטמאָל אין פול־שטענדיקן קעגנזאַץ צו אונזערע אינטערעסן און נויטן.

כדי דאָס קלאָרער צו אילוסטרירן, וועל איך ברענגען דעם ביישפּיל פון די השכלה־צייטן, ווען אויף דער יידישער גאַס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ געשריי: בילדונג! אוודאי, בילדונג איז אין תוך אַ שיינער, דערהויבענער באַגריף, אָבער די משכילים האָבן אים געפּריידיקט דער עיקר דערפאַר, ווייל די נישט־יידישע וועלט האָט אויף אונז געקוקט ווי אויף אַ פינ־סטער, פאַנאַטיש און צוריקגעשטאַנען פאָלק. אָבער ווי באַלד די גויים האָבן זיך געכאַפּט, אַז די יידן ווערן אַ דאַנק בילדונג געפערלעכע קאָנקורענטן אין די פרייע פּראָפעסיעס, און גענומען קוקן קרום אויף די יידישע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס שטופּן זיך אין די אוניווערזיטעטן, האָבן געוויסע יידישע פירערס גלייך גענומען רופן דאָס פאָלק צו פּראָלעטאַריזאַציע, צו ערד־אַרבעט. פּונקט ווי בילדונג, איז אויך ערלעכע האָרעוואַניע אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג. די צרה אָבער איז, וואָס עס הערשט ביי אונז די שעדלעכע נטיה צו מעסטן באַגריפן און דערשיי־נונגען נישט לויט זייער אַבסאָלוטן ווערט און נישט לויט זייער נוצלעכקייט פאַר אונזער קיום, נאָר לויט דעם, ווי פרעמדע שאַצן זיי אין באַצוג צו אונז. מיר קוקן נישט אויף זיך, ווי אויף אַ זעלבסטצוועק און מיר פאַרלירן בהדרגה דעם געזונטן נאַטירלעכן צוגאַנג צו ווערטן אין הסכם מיט אונזערע באַדער־פענישן און נויטן. עס ווערט ביי אונז אַטראָפירט דאָס נאָרמאַ־לע זעלבסט־געפיל און מיר קוקן אויף זיך און מעסטן זיך מיט פרעמדע אויגן. אַלץ וואָס די גויים געפעלט אין אונז, געפעלט אונז אויך, און וואָס זיי האָבן פיינט, האָבן מיר אויך פיינט.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל פון מיינע קינדער־יאָרן אין דער אַלטער היים. מען האָט ביי אונז אויפן הויף געכאַפּט אַ גנב, וואָס האָט ביי אַ שכן אַראָפּגעריסן פון דער טיר די בלעכענע צדקה־פּושקע. אַרום דעם גנב איז באַלד געוואָרן אַ געזעמל און נאָסקע קצב, אַ ייד אַ גיבור, האָט

אים געשלאָגן מכות רצח, צעמזיקט אים דאָס גאַנצע פּנים און געשריגן אַ צעקאָכטער:

— אַ ייד זאָל אָפּטון אזא זאַך! גנבענען צדקה־געלט! דערהרגענען וועל איך אים!

— ווײ איז מיר, ס'איז דאָך אַ יידיש קינד, נעבעך! גזלן איינער!... — האָט דערביי אַ יידענע געשלעפּט דעם קצב ביי די פּאָלעס און געוואָלט אים אַוועקרייסן פון גנב.

ייד... יידיש קינד... אין די דאָזיקע פּשוטע ווערטער דריקט זיך אויס אַ וועלט־אָנשויאונג פון אַ פּאָלק, אפשר אַ נאַאיווע און שמאָלע וועלט־אנשויאונג, אָבער דערפאַר אַן אייגענע און אַ גאַנצע. דער יידישער פּאָלקס־מענטש פון דער אַלטער היים האָט געלעבט אין זיין אייגענער גייסטיקער וועלט, געהאַט פעסטע, באַשטענדיקע מאָסן פון גוטס און שלעכטס, פון מיאוס און שיין. ער האָט אָפן געטראָגן זיין יידישקייט, נישט געליטן פון דעם קרענקלעכן און פאלשן שאַנד־געפיל צוליב זיין כאַראַקטעריסטישן אויסזען און געהאַט דעם מוט צו לעבן לויט זיין אייגענעם ווילן און געשמאַק, הגם ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ סביבה פון בלינדער שנאה און מיטל־אַלטערלעכער אומטאָלעראַנץ. דער געטאָ־ייד פון מזרח־אייראָפּע, דער חסיד מיט באָרד און פּאות און די יידענע מיט דער קופּקע צי שייטל אויפן קאָפּ, כאָטש זיי האָבן געלעבט אין אַן אָפּגע־שלאָסענער, ענגער וועלט, זענען זיי געווען פיל מענטשלעכער און אינערלעך פרייער, ווי די פאַרגעשריטענע, אַסימילירטע יידן פון מערב־אייראָפּע. דער היימישער, פּראָסטער ייד, וואָס האָט געטראָגן דעם גאַנצן גלות אויף זיינע הויקערדיקע, הכנעה־דיקע פּלייצעס, האָט אין זיך אָבער געהאַט אַ סך געוואַגטקייט און מוט צו קעמפן פאַר זיין יידישן כבוד און זיינע מענטשלעכע רעכט, וואָרום ער האָט געוואוסט צו וואָס ער לעבט און פאַר־וואָס ער ליידט. מיר חידושן זיך אָפּטמאָל אַליין: ווי שיקט זיך עס, וואָס יידן אין אַזעלכע נישט־דעמאָקראַטישע און אומ־טאָלעראַנטע לענדער ווי פּוילן אָדער רומעניע האָבן זיך געלעבט זייער אייגן פול לעבן, זיך אָנגעטון יידיש, גערעדט הויך יידיש־

אויף די גאַסן, געלייענט יידישע צייטונגען בפרהסיא און גאָרנישט קיין מורא געהאַט פאַר דעם רוצחישן פּאָגראָם־אַנטי־סעמיטיזם, וואָס האָט געבושעוועט אַרום זיי. מיר חידושן זיך און קומען אָפּטמאָל צו דעם פאַלשן אויספיר, אַז וואָלטן מיר יידן אין דעם פרייען אויסטראַליע צי אַמעריקע זיך געפירט אַזוי יידיש ווי אין דער היים, וואָלטן מיר דאָ אָנגעצונדן אַ פייער פון שנאה נאָך ערגער ווי אין מזרח־אייראָפּע. מיר פאַר־געסן אָבער דערביי דעם גרויסן אמת, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַמווינציקסטן אַ רעזולטאַט פון אונזערע פירעכצן און האַנדלונגען. מיר זענען בלויז אַ קרבן פון פּאָליטישן שאַנטאַזש און פון דעמאַגאָגישער העצע, מיט וועלכע די רעאַקציע באַמיט זיך אָפּצוהאַלטן די רעדער פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. אונזערע היימישע יידן האָבן אַ דאַנק זייערע גאַנצע נשמות און זייער שטאָלצן יידישן זעלבסט־באַוואוסטזיין געוועקט צו זיך אַ געוויסן דרך־ארץ מצד דער נישט־יידישער סביבה. מען האָט זיי געהאַסט, אָבער האַסנדיק אויך געוואוסט, אַז דער ייד איז גרייט צו ליידן פאַר זיינע אמתן, ער וועט גיין אויף קידוש השם פאַר זיין יידישן גלויבן, צי רעוואָלוציאָנערן אי־דעאַל. דאָס האָט געצוימט די אַנטיסעמיטישע שנאה, זי איז געוואָרן פּאַרמענטשלעכט און אויפגעהויבן צו דער מדרגה פון קאָנפליקט, פון קאַמף צווישן אַ גלייכן מיט אַ גלייכן.

די יידישע קיבוצים אין מערב־אייראָפּע און אויך אין די מעבר־לים לענדער, ביי וועלכע עס איז אַטראָפירט דאָס יידישע זעלבסט־געפיל, טראָגן אין זיך אַן אומווירדיקן פחד פאַר דער אַרומיקער וועלט. זייערע נשמות זענען געשטעמפּלט מיט דעם קאָמפּלעקס פון מינדערווערטיקייט, וואָס צעפרעסט זיי נישט בלויז אין נאַציאָנאַלן זין, נאָר דערנידעריקט אויך זייער מענטש־לעכן כבוד און ווירדע, און דעריבער קאָן די שנאה צו זיי זיין אַזוי האַרצלאָז און קאַלט ווי צו באַשעפענישן פון אַ נידעריקן מין. דווקא ווייל מיר דאָ קריכן אַזוי פון דער הויט צו געפינען חן אין די אויגן פון דער נישט־יידישער סביבה, ווייל מיר זוכן

צו געשטאַלטיקן און צוצופּאַסן אונזער לעבן אַזוי, אַז מיר זאָלן חלילה נישט אַרויסרופן קיין קרומע מינע ביי אונזערע נישט־יידישע שכנים, האָבן מיר ביי זיי אַזאַ קנאַפּע חשיבות. דאָס אומווירדיקע געפיל פון אונטערטעניקייט, דער ווילן נושא חן צו זיין ביי די „דזשענטיילס", שטעמפּלט דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין די מעבר־לים לענדער, און אויך דער יידישער אידייען־קרייז איז אַרומגעצייכנט מיט דעם עיגול פון אַפּאָלאָגעטיק, פון וועלכן ער קאָן נישט אַרויסגיין און זיך פונאַנדערשפּרייטן. אפילו דער הייליקער אידעאַל פונם אויפבוי פון ארץ־ישראל ווערט דאָ אין יידישע קרייזן באַטראַכט נישט אַזויפיל ווי אַ צוועק פאַר זיך אַליין, ווי אַ רעאַליזירונג פון יידישן היסטאָרישן תכלית, נאָר ווי אַ זאַך מיט וועלכער מען קאָן זיך הנדלען פאַר די אומות העולם, צו באַווייזן זיך פאַר דער וועלט מיט אויפּ־טוערישקייט, מיט בריהשאַפט. אַז עפּעס אַן אויסטראַלישער זעלנער פונם פראָנט אויפן נאָענטן מזרח האָט געבראַכט אַ פּאָזיטיווע מיינונג וועגן דעם יידישן קיבוץ אין ארץ־ישראל, האָט מען אים געמאַכט די אמתע וואַרע, געדרוקט אינטערוויוען אין די ייִדיש־ענגלישע צייטונגען, אים פאַרבעטן צו האַלטן רעפעראַטן און זיך געשמאָלצן פון נחת: מ'הערט אַ גוט וואָרט פון אַ קריסט, ס'איז ישועות ונחמות...

דער עיקר טרעט דער דאָזיקער שטריך אַרויס ביי די יאַהו־דישע ציוניסטן, וואָס טראַכטן גאָרנישט צו פאַרבינדן זייער גורל מיט אַ יידיש ארץ־ישראל, מיט דער אויפריכטונג פון יידישן פאָלק אין אַן אייגן לאַנד. עס איז בלויז ביי זיי אַ מיטל צו פאַרלייכטערן דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע, צו האָבן אַ פרייען צוטריט צום שמעלץ־טאָפּ, ווי אַ מינדערהייט מיט דעם סטאַטוס פון אַן אייגן היימלאַנד צוגליך מיט אַלע אַנדערע מינדערהייטן, ווי סקאַנדינאַוויער, פראַנצויזן, איטאַליענער. דע־ריבער איז דאָ טאַקע דער ציוניזם אַזאַ גייסטלאָזער, אָן אידיי־אישן שוואונג. און די גאַנצע אַרבעט פון דער יאַהודיש־ציוי־ניסטישער באַוועגונג קאָנצענטרירט זיך אויסשליסלעך אַרום דער פּושקע. עס ווערט נישט געפירט קיין שום קולטור־אַרבעט.

מען ציט נישט אריין די יוגנט אין דעם אינטערעסן־קרייז פון היינט־צייטיקע יידישע סאָציאַלע און גייסטיקע פּראָבלעמען, מען פּרובירט אפילו נישט צו פאַרשפּרייטן דאָס העברעאישע וואָרט, די העברעאישע ליטעראַטור. דער גאַנצער ציוניסטישער נאַציאָנאַליזם איז דאָ פּונקט ווי דער סינאַגאָגאַלער „דזשודאַיזם”: אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דעם טאָג־טעגלעכן יידישן לעבן, אַן אידייאישע אַבסטראַקציע, וואָס איז צו גאָרנישט מחייב און וואָס לייגט אַרויף אויף דעם יידישן יחיד דעם מינימאַלסטן עול פון ייד־זיין.

איך האָב מיך אַביסל ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דעם יאַהודישן ציוניזם, כאָטש ער דריקט אויס אין אַ מילדער פאָרם די אַפּאָלאָגעטישע איינשטעלונג פון די אַסימילירטע יידישע קיבוצים. וועגן די פּרינציפּיעלע באַוואוסטזיניקע אַסימילאַטאָרן איז דאָך אָפּגערעדט. זיי דערפירן אַט די איינשטעלונג צו אַזעלכע צינישע פאָרמען פון נאַציאָנאַלער פאַרלייקענונג און בלינדן האַס צו יעטוועדן אויסדרוק פון אונזער פאָלקס־מהות, אַז עס רייסט ממש אויף די אויגן. עס גייט מיר דער עיקר אויפצואווייזן, אַז כדי צו שטאַרקן די נאַציאָנאַלע מאָראַל און צו באַפרייען די יידישע נשמה פון די מינדערווערטיקע קאָמפּלעקסן איז ווינציק בלויז אַ פּאָליטישער אידעאַל פון אַ לאַנד, נאָר עס נויטיקט זיך קודם כל דער אידייאישער אידעאַל פון פולן יידישן מענטש. מיר דאַרפן קודם כל אויפוועקן ביי דעם ייד דרך ארץ צו זיך אַליין, צו אונזערע קולטורעלע ווערטן און צו אונזער פאָלקס־שטייגער. דער ציוניזם מיט זיין „שלילת הגלות”, מיט זיין ביטול־דיקער באַציאונג צו אַלץ אין יידישן לעבן מחוץ ארץ־ישראל און מיט זיין נעגאַטיווער שטעלונג צו יידיש און צו אַלע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען פון די יידישע גלות־קיבוצים, איז נישט על־פי אריינצוברענגען קיין דערהויבונג פון דעם יידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין צווישן די אַסימילירטע שיכטן. דער ציוניזם אין די אַלטע היימען איז געווען טיף אריינגעוואַקסן אין דעם יידישן מאַסן־לעבן. ער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ באַוועגונג, וואָס האָט געזוכט צו פאַרטרעטן

באַשטימטע גייסטיקע און סאָציאַלע אידייען פון יידישן זיין מיט נייע נאַציאָנאַלע ווערטן. אויב ער האָט געקעמפט קעגן יידיש, האָט ער אויף זיין אָרט געוואָלט געבן העברעאיש, אויב ער האָט פאַרניינט די גלות־קולטור, האָט ער זיך געמיט צו שאַפן אַ נייע העברעאישע קולטור. די הונדערטער "תרבות" און „יבנה" שולן אין פוילן, די העברעאישע ביבליאָטעקן אין יעדן שטעטל, די כאָרן, די ספּאָרט־קלובן ,געשאַפן דורך ציוני־סטישער איניציאַטיוו, זענען געווען גרויסע נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן אין יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע. איך בין נישט קיין ציוניסט, פונדעסטוועגן וועל איך נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט די ווירקלעכע דערגרייכונגען, וואָס דער ציוניזם האָט גע־האַט אין דעם גייסטיקן לעבן פון די יידישע קיבוצים אין דער אַלטער היים.

אָבער דאָ? דאָ פּאַסט זיך בשום אופן נישט אַריין די אַנטי־גלותדיקע קאָנצעפּציע פון ציוניזם. דעם היגן אַסימילירטן ייד איז אויך אָן אָט דער קאָנצעפּציע איבעריק און אפילו דער־ווידער יעטוועדער אויסדרוק פון אונזער נאַציאָנאַלער אייגנאַר־טיקייט, יעטוועדע פאָרם פון יידישן לעבנס־שטייגער. פאַר זיין אויסגעהוילטער נאַציאָנאַלער נשמה איז ממש סם יעדער סימן פון וואוקס פון וועלכע עס זאָלן נישט זיין ווערטן פון אונזער גייסטיקן האָב און גוטס. ער האָט אויך אין דעם העברעאיזם פיינט דאָס יידישע לשון און די נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק פון ציוניזם פרעמדט אים נאָך מער אָפּ פון דער יידישער ווירק־לעכקייט, פון דעם יידישן מאַסן־לעבן מיט זיינע סאָציאַלע און גייסטיקע פּראָבלעמען.

פאַרוואָס האָב איך גראָד טענות צום ציוניזם? קודם כל דערפאַר, וואָס ער איז איצט די איינציקע אָרגאַניזירטע פּאָלי־טישע מאַסן־באַוועגונג אין דער יידישער וועלט. אין זיינע הענט ליגט ממש דאָס האַרץ פון יידישן פאָלק. דעריבער טראָגט ער אַ גרויסע אחריות נישט בלויז פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל, נאָר אויך פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. דער ציוניזם האָט אויך דעם פּרעסטיזש אַלס דער אידייאישער טרעגער פון יידישן נאַ־

ציאָנאַלן גערעַנק, און זיין וואָרט האָט וואָג, חשיבות צווישן אַלע שיכטן פון יידנטום. אָן דער מיטהילף פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועלן נישט האָבן קיין ממשות אַלע באַמיאונגען אויסצוגלייכן די גייסטיקע פאַרקרימונגען פון דער יידישער פסיכיק, צו שטעלן אויף די פיס דעם צעטרייסלטן יידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין. ווי דערהויבן עס זאָל נישט זיין דער געדאַנק פון אהבת הארץ, איז אָבער דער געדאַנק פון אהבת ישראל, די ליבשאַפט פון דעם היימיש־יידישלעכן אין אונז, צו דעם יידישן קנייטש, צום יידישן וואָרט, צום יידישן ניגון דער ערש־טער פאָרבאַדינג צו דער גייסטיקער און פסיכאָלאָגיש־מאָראַלישער גאולה פון דעם צעוויטיקטן און צעפייניקטן יידישן פאָלק.

מיר לעבן היינט אין אַ צייט, אין וועלכער מיר זענען געצוואונגען אָנצושטרענגען אַלע אונזערע מאָראַלישע כוחות, כדי צו קאָנען איבערהאַלטן דעם טיפן גייסטיקן קריזיס פון דעם גרויסן פיזישן בראָך, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק מאַכט היינט אַדורך. דאָס פייער פון היטלערישן אויסראָטונגס־אַנטיסעמיטיזם איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אונטער די חורבות פון דריטן רייך. עס טליעט נאָך אומעטום, איבער דער גאַנצער וועלט און קאָן זיך אויפסניי צעפלאַקערן ביי דער קלענסטער געלעגנ־הייט. מיר דאַרפן זיין וואַך צו דער גרויסער געפאַר און אָנגורטן דעם גאַנצן כוח אין אונזער רשות זי צו באַקעמפן. דער גרעס־טער כוח אין דעם דאָזיקן קאַמף איז אונזער גייסטיקע איינ־שטעלונג, אַ גלייכער און געזונטער פאָלקס־באַוואוסטזיין, נישט צעפרעסן פון זעלבסט־ביטול און זעלבסט־שנאה. עס איז אַ שווערער, פאַרצווייפלטער קאַמף, וואָס מיר האָבן צו פירן אויף צוויי פראָנטן: כלפּי חוץ קעגן דעם אַנטיסעמיטישן העצער, און כלפּי פּנים קעגן אונזער אייגענעם יידישן „אַנטיסעמיטיזם", וועלכן מיר דאַרפן קודם כל אויסוואָרצלען פון אונזער מיטן, באַקעמפן אים מיט נישט ווייניקער עקשנות און ענערגיע, ווי דעם אויסנווייניקסטן שונא.

## פאָלקס־באַוואוסטזיין

איך שטעל מיר פאָר, אַז די לייענער וואַרטן שוין אַביסל אומגעדולדיק אויפן „שפּיץ", דאָס הייסט אויף פּראַקטישע אויספירן, ווי אַזוי מיר קאָנען זיך אַמבעסטן פּאַרטיידיקן קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּלאָג. אָבער די לייענער וועלן אין דעם פּרט בלייבן אַנטוישט. איך האָב נישט בדעה און עס איז אויך נישט אין מיינע מעגלעכקייטן צו געבן אַ פּאַרטיקן, קאָנקרעטן פּלאַן פון קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם. מיר דאַרפן צוערשט אַדורכמאַכן אַ טיפע פּסיכאָלאָגיש־מאָראַלישע רעוואָלוציע, אויסוואָרצלען פון אונזער סביבה דאָס געפיל פון שפלות, פון ביטול צו זיך אַליין, כדי צו קאָנען פירן דעם קאַמף פאַר אונזערע יידישע און מענטשלעכע רעכט מיט עפּעס אַן אויסזיכט אויף דערפאָלג. מיט אַ געבראָכענעם פאָלקס־ווילן און אַן טיפן גלויבן אין זיך אַליין וועלן מיר נישט זיין אימשטאַנד אַרויסצוקריגן פון זיך די געהעריקע מאָראַלישע כוחות, וואָס זאָלן לפּחות אונז גופא אימוניזירן קעגן דעם יידן־העצערישן סם. וואָרום כל זמן מיר זענען נישט פריי פון דער אומווירדיקער נטיה פון זעלבסט־ביטול און זעלבסט־האַס, גיבן מיר אַליין אַריין אין די הענט פון אונזערע שונאים דאָס געווער, מיט וועלכן זיי שלאָגן אונז. דער „יידישער אַנטיסעמיטיזם", אָנהויבנדיק פון דער הוזקדיקער באַצייכענונג פון יידיש אַלס „זשאַרגאָן" און ענדיקנדיק מיט דער ממש מאַזאָכיסטישער־שנאה פון די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן צו יעדן אויסדרוק פון דעם יידישן פאָלקס־מהות, איז דאָך אַ דירעקטע און בפירושע באַשטעטיקונג מצד אונז גופא, אַז נישט בחינם האָט מען אונז פיינט און מען פּלאָגט אונז. וואָס פאַר אַ מערכה קאָנען מיר שוין מ'שטיינס געזאָגט האָבן ביי פרעמדע, אַז ביי אונז גופא איז מען מפיים עפּעס אַ גראָבהויטיקן יאהודי, וואָס פילט זיך באַליידיקט הלמאי אונזער קאָנסיל צו באַקעמפן אַנטיסעמיטיזם שיקט אים צו אַן אויפרוף אין דער יידישער שפּראַך. און ראַביי דענגלאָו, וועלכער ברענט מיט „הייליקן" צאָרן קעגן

דעם ראַדיאָ־קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער, וואָס איז אָר־גאַניזירט געוואָרן דורך דעם זעלביקן קאונסיל? אָט אַזעלכע און אויך אַ סך, אַ סך שעדלעכע אויסברוכן פון שנאה און פאַר־אַכטונג צו גייסטיקע יידישע ווערטן אין אונזער אייגענער סביבה ווערן בײַ אונז, טאָלערירט בײַ אונז, טאָלערירט ווי נאָרמאַלע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע דערשיינונגען. אפילו די אומדערהערטע האַנדלונג פון דער יידישער „וועלפעיר סאָסייטי", וועלכע האָט סאַמע ערב דעם אויסברוך פון דער מלחמה מיט יאַפּאַן אונ־טערגעטראָגן אַ מסירהלע צו דער אויסטראַלישער רעגירונג און צונישט געמאַכט די באַמיאונגען אַרויסצוראַטעווען קיין אויס־טראַליע עטלעכע הונדערט יידישע פּליטים פון יאַפּאַן. אפילו אַזאַ טאַט פון בפירושן נאַציאָנאַלן פאַראַט מאַכט בײַ אונז אַ קנאַפּן רושם און געהערט צו דער אָרדנונג פון זאַכן. די שול־דיקע אין דער דאָזיקער מסירה האָבן צומאָל נישט אַרויסגערופן קיין סטיכישן פּראָטעסט צוליב זייער האַנדלונג, און זיי פאַר־נעמען ווייטער ווי קיינמאָל גאָרנישט די סאַמע בכבודיקסטע פּלעצער אין דער פירערשאַפט פון אויסטראַלישן יידנטום.

אָבער צו וואָס טייטלען מיט די פינגער אויף דער אָדער יענער אָרגאַניזאַציע, צי יחידים, אַז מיר אַלע, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, דאַרף געשטעלט ווערן צו אַ גרויסן היסטאָרישן משפט. אין משך פון פינף יאָר האָט היטלער מיט די שרעק־לעכסטע מיתות משונות געמאָרדעט אונזערע ברידער און שוועסטער, די קנאַפּע העלפט פון יידישן פאָלק איז אויסגעמעסטט און אויסגעשאָכטן געוואָרן, און מיר — די אַנדערע העלפט, זענען געשטאַנען אָפּהענטיק, מוטלאָז געזיפצט און מער ווי אַ רחמנותדיקע טרער האָבן מיר נישט געהאַט פאַר דעם מאוימ־דיקן חורבן פון דעם אייראָפּעאישן יידנטום. טאָג־איין, טאָג־אויס איז אין משך פון די פינף שרעקלעכע יאָרן צוגעגאַנגען אומאויפהערלעך די אויסראָטונג פון אונזער בלוט און פלייש, אַזאַ וויסטע תוכחה איז נאָך קיינמאָל נישט אויסגעגאָסן גע־וואָרן אויף קיין פאָלק, אָבער מיר, די שארית הפליטה אין די זיכערע און זאַטע מעבר־לים לענדער, האָבן זיך בשום אופן

נישט געקאָנט דערהויבן צו דער ערנסטקייט פון דער לאַגע. די הענט פון די קרבנות האָבן זיך פאַרצווייפלט געצויגן צו אונז, פון די טויט־לאַגערן און ברענענדיקע געטאָס האָבן זיך געריסן אַהער צו אונז די געשרייען פון די געפּייניקטע און געמאָרדעטע און גערופן אין די לעצטע מינוטן פון טויט־אַנגסט: ראַטעוועט! לאָזט אונז נישט אומברענגען! רודערט אויף די וועלט מיט אונזער אומקום, שרייט, שטעלט זיך איין פאַר אונז! און מיר? עס הויבט זיך פּשוט נישט אויף די האַנט צו שרייבן בפּרטיות וועגן דער נישטיקייט און קליינמוט, וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן אין משך פון די פינף בלוטיקע און שרעקלעכע יאָרן. יעדער איינער פון אונז פילט אינם האַרצן די גרויסע שולד און ווייסט קלאָר ביי זיך, אַז מיר האָבן אין דער צייט פון ביטערן נסיון געפעלשט צו אונזערע ברידער. ווי פאַרצווייפלט עס איז נישט געווען די לאַגע, זענען דאָך געווען מעגלעכקייטן אָפּצוראַטעווען כאָטש אַ טייל פון די אומגעקומענע מיליאָנען יידן, צענדליקער און אפשר אויך הונדערטער טויזנטער יידישע לעבנס האָט מען געקאָנט אַרויסרייסן פון די נאַצישע נעגל. דער ענגליש־יידישער פּובליציסט וויקטאָר גאָלאַנץ שרייבט אין זיין לעצטער בראָשור „נישטאָ אינערגעץ וואו זיי זאָלן אַנידערלייגן דעם קאָפּ", אַז עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פּראַקטישע פּלענער, וואָס אויב מען וואָלט זיי אַדורכגעפירט וואָלט מען געקאָנט אָפּראַטעווען אַ גרויסע צאָל קרבנות. ער גיט דערביי איבער אַ כאַראַקטעריסטישן אינצידענט:

„איך געדענק אַ דעפּוטאַציע צו אַ געוויסן מיניסטער, פון וועלכער אויך איך בין געווען איינער פון די פאַרשטייערס. ער איז געווען פול מיט אויפריכטיקן איינזען; ער האָט נישט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן געפּייניקט און געמאָרדעט ווערן אויף אַזאַ אופן; ער וועט טון אַלץ אין זיינע כוחות — „אין די מעגלעכע גרענעצן...", „אָפּהענגיק דערפון...", „פאַרשטייט זיך, אַז מען דאַרף אין זינען האָבן...", אָבער מען האָט קוקנדיק אויף אים געקאָנט זען, אַז עס טוט אים נישט ווי פערזענלעך, ווען ער טראַכט וועגן די עינויים פון די דאָזיקע מיליאָנען

מענטשן־ברידער זיינע. עס טוט אים נישט וויי אַזוי, ווי עס וואָלט אים ווײ געטון, ווען מען זאָל אַזוי פייניקן עמיצן, וועמען ער האָט ליב, אָדער אפילו עמיצן אַן אומבאַקאַנטן אונטערן סאַמע פענסטער פון מיניסטעריום פון ווייטהאָל. די דיסטאַנץ, די צאָל קרבנות, די צוגעוואוינהייט צו טראַכטן אין אַבסטראַקטע קאַטעגאָריעס — דאָס אַלץ איז געווען איבער די כוחות פאַר זיין באַגרענעצטער פאַנטאַזיע".

וואָלט גאָלאַנץ געווען מער אונזערס אַ מענטש, אַ יידישער ייד, און געוואוסט אַביסל בעסער, וואָס עס קאָכט זיך אין יידישן טעפּל, וואָלט ער די דאָזיקע ווערטער באַצויגן קודם כל אויף דעם יידישן כלל. „די דיסטאַנץ", „די געוואוינהייט צו טראַכטן אין אַבסטראַקטע קאַטעגאָריעס" האָבן אין דעם פאַר־דרעמלטן יידישן פאָלקס־געוויסן פאַרוואַנדלט אונזער גרויסן חורבן אין עפּעס ווייטע, אומרעאַלע געשעענישן. מיר האָבן עפּעס נישט געגנוג ווייטיקלעך געגומען דעם גאַנצן גרויל פון דער יידישער אויסראָטונג, און די מיליאָנען אומגעבראַכטע יידישע לעבנס האָבן נישט אויפגעטרייסלט אונזער האַרץ ביז די טיפסטע טיפענישן. אַנישט, ווי וואָלטן מיר געקאָנט אַזוי אַפּהענטיק און רעזיגנירט שטיין פאַר אַזאַ מוראדיקער קאַטאַ־סטראָפע, ווי עס האָט געטראָפן אונזער פאָלק? וואָלטן מיר אמתדיק, מיט דער פילבאַרקייט פון אַ ברידערלעך האַרץ גע־שפּירט די גרויסע פּיין פון די יידן אין אייראָפּע, וואָלט זיך פון אונדז אַרויסגעריסן אַזאַ ביטער געשריי, אַז די וועלט זאָל אויפגעציטערט ווערן. אפשר וואָלט געשען דער נס, אַז דאָס וועלט־געוויסן זאָל זיך אָפּרופן אויף דעם יידישן אומגליק און מען זאָל מיט כוח אָפּשטעלן דעם רוצחס הענט פון זיין בלוטיקער אַרבעט. עס איז דאָך אויף אונזער חלק אויסגע־פאַלן צו שרייען דאָס יידישע געשריי, אויפצורודערן די וועלט מיט דעם יידישן פאָלקס־חורבן. אונזער צער און פאַרצווייפ־לונג האָבן דאָך געדאַרפט זיין אַ שפּיגל, אין וועלכן די פעל־קער פון דער וועלט זאָל דערזען דעם טראַגיזם פון אַ פאָלק, וואָס קומט אום אין גאַז־קאַמערן און קאַלך־אויוונס. אויב דאָס

געוויסן פון דער וועלט איז געבליבן שטום און זיך נישט אָפּ־גערופן אויף די שרעקלעכקייטן, וואָס מען האָט געטון צו אונזערע ברידער, איז עס אין אַ גרויסער מאָס אונזער אייגענע שולד און די טויזנטער יידישע לעבנס, וואָס מען האָט געקאָנט ראַטעווען און נישט געראַטעוועט, דאַרפן ליגן אויף אונזער געוויסן פּונקט אַזוי ווי אויף דעם געוויסן פון די פעלקער, וואָס האָבן געקאָנט אָפּשטעלן די שחיטה און זי נישט אָפּגעשטעלט.

עס איז נישט מיין כוונה אויפצומישן עוולות, וואָס מען קאָן שוין מער נישט צורעכט מאַכן און צו גראַבלען סתם אין דער וועלט אַריין אין די בלוטנדיקע וואונדן פון אונזער פאָלק. אמת, וואָס געשען-איז געשען, און מען קאָן שוין נישט אויפוועקן די טויטע אין די קברים. אָבער מיר דאַרפן זיך אויפריכטיק אָפּגעבן אַ דין והשבון פון פאַרגאַנגענעם. עס איז נישט קיין פּרובטלאָז גריבלעניש אין דער אייגענער נשמה, אויב מיר ווילן זיך קלאָר מאַכן די סיבות פון אונזער אומבאַ־האָלפנקייט און אַפּאַטיע, ווען מען האָט געפירט צו דער שחיטה די מיליאָנען יידן פון איראָפּע. כאָטש עס זענען שוין קאַלט די פייערן אין די קרעמאַטאָריע־אויוונס פון מאַידאַנעק און טרעבלינקע און די מערדערס פון אונזער פאָלק שטייען פאַר׳ן ריכטער־טיש און מוזן ענטפערן פאַר די באַגאַנגענע ווילדקייטן און רציחות, זענען די פּראָבלעמען פון יידישן קיום פּונקט אַזוי טראַגיש פאַרשאַרפט ווי בעת דער מלחמה. דער אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן האָט איבערגעלאָזט אין דעם יידישן פאָלקס־גוף אַ וואונד, וואָס וועט זיך אפשר קיינמאָל מער נישט אינגאַנצן פאַרהיילן, און אויב מיר וועלן נישט אָפּטרייסלען פון זיך די אָפּהענטיקייט און נישט באַנייען אין זיך די וייטאַליש־קייט פון דער יידישער פאָלקס־נשמה, דראָט אונז די סכנה איינגעבראָכן צו ווערן פון דעם שווערן קלאַפּ, וואָס מיר האָבן געליטן מיטן אומקום פון דעם איראָפּעאישן יידנטום.

אָבער וואו זענען די קוואַלן, פון וועלכע מיר קאָנען שעפּן די כוחות, וואָס זאָלן שטאַרקן דאָס יידישן פאָלקס-האַרץ? וואו איז פאַרבאָרגן דער מקור פון אונזער גייסטיקער באַנייאונג?

פון וואַנען קאָן קומען די מאָראַלישע אָפּפרישונג, אין וועלכער מיר נויטיקן זיך אַזוי און וואָס זאָל אונז געבן צוריק אַ גלייכן און ווירדיקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, פריי פון שפלות און קרענקלעכער מינדערווערטיקייט.

דער ענטפער איז: די רעהאַביליטאַציע פון דעם יידישן מענטש אין זיינע אייגענע אויגן. דער ייד מוז קודם כל קריגן דרך־ארץ צו זיך אַליין און וויסן צו טראָגן אָפן, אָן פאַלשער שאַנדע זיין יידיש פּנים פאַר דער וועלט. עס מוז אין אונזער סביבה איינגעשטעלט ווערן דער באַוואוסטזיין, אַז די יידישע אַנדערשקייט איז נישט עפּעס אַ הויקער, וואָס פאַרמיאוסט אונז אין די אויגן פון די פעלקער, און אַז אונזער אייגנאַרטיקער לעבנס־שטייגער, אונזער אייגן יידיש לשון און קולטור זענען נישט קיין מניעות צו אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן מיט דער נישט־יידישער וועלט; נאָר פאַרקערט, אַז דאָס זענען אונזערע גרעסטע ווערטן, דורך וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך דאָס אייביקע און טיף־מענטשלעכע אין אונז. אין יעדער מין פאַרלייקענונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן מהות שטעקט אויך אַ פאַרלייקע־נונג פון דעם מענטש אינם ייד. אפילו די מער גשמיותדיקע אַנטפּלעקונגען פון דער יידישער אייגנאַרטיקייט: דער יידישער זשעסט, דער טיפּישער קנייטש אונזערער, דער כאַראַקטערים־טישער דריי מיטן גראָבן פינגער, ברענגען צום אויסדרוק אונ־זער אינעווייניקסטן תוך. די גויאישע וועלט האָט פאַרקאַריקאַ־טורירט די יידישע תנועה, די מעלאָדיק און דעם ריטם פון דעם יידישן לשון, אונז איבערגעקרימט מיט אַן „איי־וויי", מיט „טאַטעלע־מאַמעלע", און מיר האָבן אין אונזער געפאַלנקייט אויך גענומען וואַרפן אַן אומחן אויף דעם יידישן אַרט רעדן און תנועות און אפילו אויף דעם כאַראַקטעריסטישן יידישן ראַסן־טיפּ. דאָס מאָדערנע יידישע טעאַטער און די פּלאַסטישע קונסט, די קאָמפּאָזיציעס פון קריינין און בלאָך האָבן די יידישע תנועה און דעם יידישן קלאַנג געוויזן אין זייער אייגנ־אַרטיקער שיינקייט און אַרויסגעבראַכט פון זיי טיפן גייסטיקן תוך, פולווערטיקע קולטור־אינהאַלטן. דער עיקר אָבער האָט

די יידישע ליטעראַטור אַמבולטסטן אונטערגעשטראָכן דאָס מענטשלעכע אינם ייד און געוויזן די יידישע ווירקלעכקייט אין געלייטערטן ליכט פון דער גרויסער מענטשלעכער טראַגעדיע.

אין פלוג קאָן זיך אפשר אויסווייזן, אַז דאָס אויבן גע־זאָגטע האָט מער צו טון מיט פּראָבלעמען פון יידישער קול־טור־איינשטעלונג איידער מיט די ברענענדיקע נויטן פון אונ־זער יידישער ווירקלעכקייט. אָבער עס איז נישט אַזוי. אין דער באַציאונג צו די יידישע קולטור־ווערטן דריקט זיך אויך אויס די באַציאונג צו דעם יידישן מענטש, אונזער קולטור־איינשטעלונג איז דער טערמאָמעטער, מיט וועלכן עס לאָזט זיך אַמבעסטן מעסטן די טעמפּעראַטור פון דער יידישער פאָלקס־מאָראַל, פון אונזער גאַנצער נאַציאָנאַלער אָריענטירונג.

דער גרויסער יידישער חורבן פון אונזער צייט האָט אַמבולטסטן געוויזן, וואָס פאַר אַ טראַגישע רעזולטאַטן עס קאָנען קומען צוליב דער נעגאַטיווער באַציאונג צו אונזערע גייסטיקע ווערטן. די פאַרפרעמדונג פון די מעבר־לים קיבוצים פון דער יידישער שפּראַך און אַנדערע פאָרמען פון דער יידי־שער שעפערישקייט האָט איבערגעריסן די לעבעדיקע פעדים, וואָס האָבן געבונדן די יידן פון די נייע היימען מיט די יידישע קיבוצים פון אייראָפּע. די גייסטיקע אָפּפרעמדונג האָט אויך גורם געווען צו אַ פיזישער אָפּפרעמדונג, און דעריבער האָט דער גרויסער יידישער חורבן נישט געהאַט צווישן אונז דעם מעכ־טיקן אָפּקלאַנג, וואָס זאָל אונז באַוועגן צו גרויסע מעשים, דערהויבן אונז צו דער הויך פון די אויפגאַבן, ווי עס האָט פאַרלאַנגט די טראַגישע צייט. דער גרימצאָרן, אין וועלכן עס פאַלט אריין אַ ראַביי דענגלאָו, ווען ער דערהערט דעם קלאַנג פון אַ יידיש פאָלקס־ליד, און אַזעלכע פאַרעטערישע אַקטן, ווי עס איז באַגאַנגען די „וועלפעיר סאָסייטי", ווען עס האָט גע־האַלטן ביים ראַטעווען יידישע מלחמה־פליטים, האָבן דעם זעלביקן אורשפּרונג. הויבט מען אָן זיך צו שעמען מיט יידישער אַנדערשקייט און פיינט צו קריגן אונזערע גייסטיקע און פיזישע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן, הויבט מען אויך אָן פיינט צו האָבן

דעם יידישן מענטש און מען ווערט קאַלט צו יידישע **צרות**, טויב צו דעם יידישן ווייגעשריי.

דאָס פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם, און בעיקר פון זיין ווירקונג אויף דער יידישער פּסיכיק איז אַ פּראָבלעם מיט טיפע טראַגישע פאַרוויקלונגען, וואָס קומען צום אויסדרוק אַמבולטסטן אין צייטן פון שווערע קאַטאַסטראָפעס. מיר לעבן היינט אַדורך אַן איבערברוך, וואָס איז ענלעך צו דער עפּאָכע פון נאָך גזירת ת"ח. אין אונזער היינטיקן צעבראָכענעם געמיט קאָנען מיר זיך לייכט פאָרשטעלן די שטימונגען פון יאוש און מאָראַלישער צערודערונג פון דעם דעמאָלטיקן דור. די פאַלשע משיחים, שבתי צבי און יעקב פראַנק, האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע שטימונגען און געשפּילט נישט אַזוי אויף דער יידישער בענקשאַפט נאָך גאולה, ווי אויף דער גייסטיקער מידקייט, וואָס האָט באַהערשט דאָס יידישע פאָלק. די הפקרות, דער אָרגיאַסטישער סעקסואַליזם, וואָס האָבן באַגלייט די פאַלשע משיחישע באַוועגונג זענען געווען אַן אויסדרוק פון דעם פאָלקס־ווילן אַראָפּצואוואַרפן פון זיך די קייטן פון יידישקייט, אויפצורייסן די צוימען פון נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, מיינענדיק, אַז מיטן באַפרייען זיך פון די אָנגענומענע יידישע לעבנס־פאָרמען, וועט עס זיך אויך באַפרייען פון דעם שווערן גורל פון ייד־זיין. די כוואַליע פון שמד, וואָס ביידע פאַלשע משיחים האָבן גורם געווען, האָבן קלאָר באַוויזן, ווי שטאַרק עס זענען דעמאָלט געווען די שטימונגען מיט געוואַלד איבערצורייסן דעם יידישן המשך, אַ סוף צו מאַכן צו די נגישות און ליידן אפילו פאַרן פּרייז פון יידישן קיום. און ערשט מיטן קומען פון בעל־שם־טוב, וואָס איז געקומען מיט זיין גרויסער ליבשאַפט צום פאָלק און דערוואַרעמט דאָס חושכדיקע יידישע לעבן מיט דעם פלאַם פון אהבת ישראל, האָט דאָס קראַנקע, צעווייטיקטע יידישע פאָלקס־האַרץ גענומען ווידער שלאָגן מיט אַ נאָרמאַלן ריטם, און עס האָט אויפגעלעבט ביים פאָלק דער ווילן צו בלייבן יידן, וווייטער צו ציען דעם היסטאָרישן יידישן המשך.

אויך אונזער צעפּייניקטער און פאַרצווייפלטער דור דאַרף צוריק געפינען דעם וועג פון יידישן יחיד צום יידישן כלל. דער דאָזיקער וועג ליגט אין דער דערהויבונג פון דעם יידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין, אין אַ פאַרשטאַרקן דאָס יידישן פאָלקס־געפיל. דער מקור פון אונזער אויסלייזונג איז אין אונז גופא. מיר דאַרפן זיך באַפרייען פון דער קעגנזייטיקער שנאה און ביטול, וואָס צעפרעסן דאָס הארץ פון יידישן פאָלק און אויס־וואָרצלען פון זיך דעם אינעווייניקסטן גלות, דעם פּחדנישן ווילן צו באַהאַלטן אונזער אַנדערשקייט פאַר דער אַרומיקער וועלט, און אויב דאָס וועט אונז געלינגען, איז נישטאָ קיין כוח, וואָס וועט זיין אימשטאַנד אונז אומצוברענגען. מיר וועלן איבערלעבן אַלע צרות און דערלעבן די אמתע נייע וועלט פון באחרית הימים.

# יידיש — די שפּראַך פון יידישן גורל

עס קומט אונז אויס די לעצטע יאָרן, זינט עס איז אויף אונז געקומען די גרויסע בראָך, כסדר צו הערן און צו לייענען וועגן דער וויכטיקער ראָלע, וואָס עס שפּילן די יידישע עמיגראַנטישע קיבוצים אינם קולטורעלן לעבן פון יידישן פאָלק. פון די כלערליי געדאַנקען און מיינונגען וועגן דער דאָזיקער זייער וויכטיקער און זייער אָנגעווייטיקטער פראַגע לאָזט זיך אַרויסשיילן איין עיקר־געדאַנק, וואָס ווערט אויף די פאַרשידנסטע אופנים וואַריאירט און דאָס איז, — אַז צוליבן חורבן פון אונזערע אַלטע היימען דאַרפן די עמיגראַנטישע קיבוצים נעמען אויף זיך די גרויסע און הייליקע אחריות ווייטער צו שפּינען דעם פאָדים פון יידישער קולטור; אַז אונז, דער שארית הפּליטה, וואָס דער גורל האָט אָפּגעראַטעוועט פון היטלערישער פאַרניכטונג, איז איבערגעגעבן געוואָרן די הייליקע שליחות אויפצוהאַלטן דעם ווייטערדיקן גייסטיקן יידישן קיום.

אָט די באַהויפּטונג האָט אין זיך אַ סך אמת, אָבער נישט דעם גאַנצן אמת. אויב מיר דאָ אין אויסטראַליע, צי די אַנדערע קלענערע אָדער גרעסערע עמיגראַנטישע קיבוצים, גורטן זיך אָן צו יידישער קולטור־אַרבעט, נעמען מיר אויף זיך אַ נאַציאָנאַלע מיסיע פון גרויסער היסטאָרישער וויכטיקייט. און אויב מיר זענען אימשטאַנד עפּעס מתקן צו זיין, דאַרפן מיר קודם כל זען די דאָזיקע שליחות אין דער ריכטיקער פּערספּעקטיוו. מיר מוזן פאַר זיך האָבן אַ קלאָרן באַגריף וועגן אונזערע צילן, און וואָס איז פּונקט אַזוי וויכטיק, — וועגן די כוחות און מעגלעכקייטן, וואָס מיר האָבן אין אונזער רשות אויפן געביט פון יידישער קולטור־אַרבעט.

מיינער אַ פריינט האָט מיר דערציילט, אַז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען צוגענומען צו די זעלנער דעם פאָטער זיינעם און דעם איינציקן עלטערן ברודער. ער איז דעמאָלט אַלט געווען בסך־הכל אַ יאָר זיבן־אַכט. האָט ער זיך אַרויפגעשטעלט אויפן טיש און בקול רם געזאָגט: מאַמע, איצט בין איך דער מאַנספּאַרשוין אין דער שטוב. איך בין באַלעבאָס...

ס'אַ וויץ, וואָס פּאַסט זיך אפשר נישט אַריין אין דער בלוטיקער ערנסטקייט פון אונזער מצב. אָבער ער קומט מיר אָפּט אויפן זינען, אַז עס קומט מיר אויס צו הערן, ווי מיר, די מעבר־לים־יידן, פאַלן אָפּטמאָל אַריין אין אַ טאָן פון איבער־געטריבענער וויכטיקייט, ווען מיר נעמען רעדן וועגן אונזער איצטיקער גרויסער קולטור־שליחות, וועגן דער נאַציאָנאַלער אחריות, וואָס דער געשיכטלעכער גורל האָט אויף אונז אַרויפ־געלייגט. ווי ערנסט מיר זאָלן נישט שאַצן אונזערע באַמיאונ־גען אויפן יידישן קולטור־געביט, טאָרן מיר זיי נישט איבער־שאַצן. אמת, מיר טוען אויף אַ וויכטיקע זאַך דערמיט, וואָס מיר באַמיען זיך צו פאַרשטאַרקן די יידישע קולטור־פּאָזיציעס אין די לענדער, וואָס האָבן אויסגעמיטן די היטלערישע פאַר־ניכטונג. מיר דאַרפן זיך מער ווי ווען עס איז אָנשטרענגען צו פלעגן דאָס יידישע וואָרט און דערמוטיקן דאָס יידישע שאַפן. אָבער מיר דאַרפן דערביי נאָכאַנאַנד אין זינען האָבן איין זאַך: אַז דאָרטן, אין די יידישע געטאָס, אין די נאַצישע קאָנ־צענטראַציע־לאַגערן און טויט־פאַבריקן, אויף די מלחמה־פראָנטן אין סאָוועט־רוסלאַנד, און אין דער יידיש־פּוילישער אונטערערד אין די באַהעלטענישן פון וועלדער, וואו יידישע פּאַרטיזאַנען האָבן געפירט גערילאַ־קאַמפן, איז געשריבן גע־וואָרן אונזער יידישע געשיכטע. זי איז געשריבן געוואָרן מיט דעם מאַרטירער־בלוט פון פינף מיליאָן יידישע קרבנות. און בלוט, פאַרגאָסן בלוט שווייגט נישט. עס שרייט פון דער ערד אַרויס און מאָנט אַ תיקון פון אונז, די געבליבענע, וואָס דער גורל האָט אָפּגעשוינט פון היטלערס האַנט. כאָטש מיר

גיבן זיך אָפּ א דין־וחשבון פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אונז געטראָפן, איז עס בלויז א דין־וחשבון פון פאַקטן, פון צאָלן. דעם אינעווייניקסטן איבערברוך אין דער יידישער פאָלקס־נשמה, די טיפע אויפטרייסלונגען פון דעם יידישן פאָלקס־האַרץ, וואָס האָט אזוי מוראדיק געבלוטיקט אונטערן מעסער פון אויסראָטונג, איז שווער צו באַנעמען פאַר די, וואָס האָבן דעם אומגליק אַליין נישט מיטגעמאַכט. עס ליגט א טיפער פּסיכאָלאָגישער תהום צווישן אונז דאָ, און דעם יידישן פאָלק דאָרטן, אין דעם יאָמער־טאָל פון נאַצישע פּייניקונגען און אכזריותן. אָט דעם תהום דאַרפן מיר קודם־כל אַריבער־שפּאַנען, אַריינדרינגען מיט אונזער גאַנצן מהות אין די סאַמע טיפקייטן פון דעם צעפּייניקטן יידישן פאָלקס־האַרץ. אונזער ווייטערדיקער קיום קאָן נישט האָבן קיין שום זין און באַ־רעכטיקונג, אויב די מוראדיקע היסטאָרישע דערפאַרונג פון די יידן אין אייראָפּע וועט נישט ווערן דער קנין פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק, אויב מיר וועלן נישט טראָגן אין אונזערע הערצער דעם גרויסן געיאָמער פון דעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט. זאָל דער געיאָמער בלייבן אַן טיפערן אָפּהילך אין דעם יידישן פאָלקס־האַרץ, וועט דורך אונז פאַרלייקנט ווערן דער סאַמע יסוד פון אונזער עקזיסטענץ אַלס נאַציאָנאַלע גאַנצקייט. וואָס פאַר אַן אויסבליק אין אונזער צוקונפט אַריין קאָנען מיר האָבן, אויב מיר וועלן נישט דעם חורבן פון די יידישע קיבוצים אין אייראָפּע פאַראייביקן נישט בלויז אין אונזער היסטאָרישן זכרון, נאָר אויך אין אונזער פאָלקס־האַרץ? און פאַראייביקן דעם הורבן קאָנען מיר נאָר דורך דעם יידישן לשון, וואָס איז אָנגעזאַפּט געוואָרן מיט דעם בלוט און דעם געיאָמער פון אונזערע קדושים.

פאַר אונז דאָ איז יידיש אַן ענין פון פרייער ברירה, פון פאָלקס־סענטימענט. מיר פלעגן און צערטלען דאָס יידישע וואָרט אַלס אַן אויסדרוק פון א באַשטימטן נאַציאָנאַלן באַ־וואוסטזיין און אַלס סימבאָל פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט, פון יידיש־וועלטלעכן אויסבליק. דאָרט אָבער, אין די יאָמער־

טאָלן פון איראָפּע, האָט זיך דאָס יידישע וואָרט געריסן פון די סאַמע טיפעניש פון יידישן הארץ. אונזער גרויסער פאָלקס־חורבן האָט באַקומען זיין עכטסטן און אוממיטלבאַרסטן אויס־דרוק אין פשוטן מאַמע־לשון, אין יידישן יאָמער־געשריי!

די יידישע מאַמע, ווען מ׳האָט אכזריותדיק אוועקגעריסן פון איר די פּיצלעך קינדער, כדי זיי צו פאַרמוטשן און אויס־צוסמען, און ווען מען האָט פאַרשלעפּט אירע טעכטער אין סאָלדאַטישע שאַנד־הייזער — ווי אַזוי האָט געוויינט און גע־שריגן דעמאָלט די יידישע מאַמע? ווען יידן, פאַרהוקעטע און צום טויט איבערגעשראָקענע האָבן געגראָבן, אונטער די קלעפּ פון גומענע שטעקנס און ביקסן־קאָלבעס, מאַסן־קברים פאַר זייערע ברידער און פאַר זיך אַליין, לעבעדיקערהייט אין זיי באַגראָבן צו ווערן — וואָס פאַר אַ ווערטער האָבן זיי גע־ברומט אין זייערע אויסגעפּליקטע, פאַרבלוטיקטע בערד אַריין? וואָס האָבן צווישן זיך געשושקעט אין די שטומע, גרויליקע נעכט די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער יידישע קרבנות אויף די פאַרלייזיקטע געלעגערס אין מיידאַנעק און טרעבלינקע, וואו עס האָט אויף זיי געוואַרט דער טויט דורך גאַז און פייער? די דאָזיקע רייד און וויי־געשרייען, די גרויליקע טאָג־טעגלעכע איבערלעבונגען פון יידישן מענטש אין די נאַצישע גיהנומס — דאָס איז די גרויסע און טראַגישע פאָלקס־דערפאַ־רונג, וואָס דאָס יידישע וואָרט באַהאַלט אין זיינע קלאַנגען. דער פּאַטאָס פון העלדנטום און קידוש־השם קלינגט היינט אין דעם יידישן וואָרט מיט דעם טיף־טראַגישן אָפּהילך, מיט וועלכן עס האָבן אַמאָל געקלונגען די פלאַמיקע רייד פון אונ־זערע נביאים, אויב נישט נאָך העכער! אין אונזער פאָלקס־לשון איז אַריינגעשריגן און אַריינגעוויינט געוואָרן דער גאַנצער צער פון יידישן לעבן. עס איז אָנגעוויינט געוואָרן מיט דעם גרויסן געוויין פון אונזער פאָלק און עס פאַראייביקט אין זיך דעם גורלדיקסטן קאַפּיטל אין אונזער פיל־טויזנט־יעריקער געשיכטע.

די מלחמה איז שוין געענדיקט, אָבער מיר זענען נאָך

אַלץ אָפּגעריסן און ווייט פון דעם טרויעריקן איבערבלייבעכץ פון די יידישע קיבוצים, וואָס האָבן אויסגעטראָגן אויף זיך דעם גאַנצן גרויל פון יידישן פאָלקס-גורל. עס דערגייען דערווייל צו אונז בלויז שוואַכע אָפּהילכן פונם גרויסן יידישן חורבן אין איראָפּע. ווי שרעקלעך מיר שטעלן זיך נישט פאָר דעם חורבן, קאָנען מיר בלויז האָבן אַ בלאַסן און צעשוואומענעם שאָטן דערפון, וואָס עס האָט זיך דאָרט אין דער אמתן אָפּגע־טון. אָבער ווען מיר וועלן שוין וויסן דעם גאַנצן ביטערן אמת און האָבן אַלע גענויע פּרטים פון דער יידישער פאַרניכטונג, וועלן מיר אַלץ נישט זיין אימשטאַנד צו זען דעם גאַנצן פאַרנעם פון געשעענעם, אויב עס וועלן אונז בלייבן פרעמד די נשמהדיקע איבערלעבונגען פון אונזערע געליטענע ברידער. די ווילדע אכזריותן, די געטאָס, די טויט-לאַגערן, די מאַסן־אויסראָטונגען, דער גאַנצער גרויל פון דער היטלערישער ממשלה האָבן זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין דער פּסיכיק פון איראָפּעאישן ייד. אין טיגל פון צער און פּיין איז אויסגעגליט געוואָרן אַ נייער יידישער פאָלקס־באַוואוסטזיין, וואָס וועט אין משך פון דורות ווירקן אויף דעם יידישן גייסט און לייגן אַ טיפן חותם אויף אונזער וווּטערדיקן נאַציאָנאַלן קיום.

אָט דער נייער יידישער פאָלקס־באַוואוסטזיין קריסטאַ־ליזירט זיך און באַקומט זיין אמתדיקן נאַציאָנאַלן אויסדרוק אין יידישן וואָרט. אונזער מאַמע־לשון איז נישט בלויז גע־הייליקט געוואָרן אין יידישן ווײ־געשריי פון אונזער היינטיקער צייט, נאָר טראָגט אויך אין זיך די נייע בשורה פאַר אונז און פאַר אַלע קומענדיקע יידישע דורות. און אויב מיר ווילן, אַז די דאָזיקע בשורה זאָל אויך דערגיין אַהער צו אונז, אַז די גרויסע און טראַגישע פאָלקס־דערפאַרונג פון דעם איראָפּעאישן יידנטום זאָל ווערן אַ נאַציאָנאַלער קנין פון גאַנצן יידישן פאָלק איבער דער גאָרער וועלט, דאַרפן מיר מיט ציטער און פלאַטער אָפּהיטן אונזער מאַמע־לשון, האַלטן לעבעדיק און פריש אין אונזער מיט דאָס יידישע וואָרט, וואָס טראָגט אין זיך די קדושה פון

יידישער מאַרטירערשאַפט און די העלדישקייט פון די געטאָ־קאַמפן און פּאַרטיזאַנישע שלאַכטן.

יידיש, יידישיזם זענען ביז אַהער געווען קאַטעגאָריעס פון א באַשטימטער יידישער קולטור־איינשטעלונג. מ'האָט יידיש באַקעמפט און מ'האָט דורך יידיש געקעמפט אין נאָמען פון אידייאישע און פּאַרטייאישע פּרינציפּן. אָבער אין אָנבליק פון די גרויסע און טראַגישע געשעענישן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַדורכגעמאַכט אין דער לעצטער מלחמה, האָט די יידישע שפּראַך באַקומען אַ נייע, טיף־נאַציאָנאַלע באַדייטונג. פּונקט ווי די יידישע מאַסן אין פּוילן, רוסלאַנד, רומעניע זענען געווען די טרעגערס פון אונזער גאַנצער היסטאָרישער טראַגעדיע, אַזוי טראָגט אויך אין זיך דאָס יידישע מאַסן־לשון דעם יידישן וויי־געשריי, וואָס האָט באַגלייט אונזער פאָלק אין דער סאַמע ביטערסטער און פינסטערסטער צייט פון אונזער עקזיסטענץ. ווען עס איז הייליק דער דאָזיקער וויי־געשריי, דער מוז אויך האַלטן הייליק דאָס יידישע לשון. וואָרום כל־זמן יידיש וועט לעבן צווישן יידן, וועט ציטערן אין דעם יידישן פאָלקס־האַרץ דער פּאַטאָס און דער טראַגיזם פון יידישן קידוש־השם, וועט דער געשריי פון דעם פאַרגאָסענעם יידישן בלוט נישט בלייבן אומגעענטפערט.

# די פרעסע ביי יידן אין אויסטראַליע

## איבערבליק איבערן יידיש־ענגלישן און יידישן פרעסע־וועזן

## אויף דעם פינפטן קאָנטינענט זינט 1842

די פרעסע פון דעם יידישן קיבוץ אין אויסטראַליע האָט שוין הינטער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט פון קרוב 100 יאָר. זי איז אַנטשטאַנען כמעט גלייכצייטיק מיט דעם אויסטראַליש־יידישן ישוב און איז געווען פון די סאַמע ערשטע פאַקטאָרן אין זיין געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. זי האָט אָן שום ספק געשפילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע אין דער געשטאַלטונג פון דעם גאַנצן יידישן לעבן אויף דעם פינפטן קאָנטינענט. מען קאָן, נישט איבערטרייבנדיק, זאָגן, אַז די פרעסע איז נאָכגעגאַנגען דעם אויסטראַליש־יידישן קיבוץ ממש טריט נאָך טריט כמעט פון סאַמע אָנהויב פון זיין אַנטשטייאונג. ביידע שטעלן מיט זיך פאָר איין גאַנצקייט, און אויב מען וויל אַביסל טיפער אַריינדרינגען אין דעם תוך פון דעם היגן יידישן לעבן, קאָן מען זיך לחלוטין נישט באַגיין אָן אַ גרינטלעכער פאָרשונג פון דער אויסטראַליש־יידישער פרעסע. די לעצטע איז אויך אַ גאָר וויכטיקער דאָקומענט פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין אויסטראַליע און איז אין אַ סך פרטים דער איינציקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגן דער געשיכטע פון דעם היגן יידנטום.

די אויסטראַלישע יידן האָבן, צום באַדויערן, נישט אַרויסגעוויזן גענוג פאַרשטענדעניש נישט נאָר געהעריק אויסצופאָרשן, נאָר אפילו צונויפצוזאַמלען און צו פרעזערווירן די פאַרשידענע פעריאָדישע אויסגאַבעס, וואָס דערשיינען שוין ביי זיי אין משך פון אַ קנאַפן יאָרהונדערט. עס איז אין גאַנץ

אויסטראַליע נישט פאַראַן קיין איינציקע יידישע אינסטיטוציע, וואָס זאָל האָבן פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט פון אַ פּרעסע־אַרכיוו. אַ סך וויכטיקע און אינטערעסאַנטע אויסגאַבעס זענען אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען, און בלויז צופעליק און נאַכלעסיק געזאַמלטע קאָמפּלעטן פון די פריע אויסגאַבעס קאָן מען געפינען אין די אויסטראַלישע עפנטלעכע ביבליאָטעקן און מלוכה־אַרכיוון. עס איז דעריבער כמעט אוממעגלעך אַדורכצופירן אַ גרינטלעכע פאָרשונג פון דער אויסטראַליש־יידישער פרעסע. ביז איצט איז געמאַכט געוואָרן איין־איינציקער פרואוו אויף דעם דאָזיקן געביט. דאָס איז אַ קליינע בראָשור פון 15 זייטלעך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1931. די בראָשור איז אַ באַריכט פון אַ רעפעראַט וועגן דער יידישער פרעסע אין אויסטראַליע, וואָס דער יידיש־אויסטראַלישער פאָרשער, פערסי מאַרקס, האָט געהאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור סאָסייטי אין סידנעי. אין דער בראָשור ווערט איבערגעגעבן אַ קורצער, כראָניקאַלישער באַריכט וועגן דעם יידישן פּרעסע־וועזן אין אויסטראַליע. זי איז, ווי געזאָגט, די איינציקע אַרבעט אויף דעם דאָזיקן געביט און אין אונזער איצטיקן אַרטיקל שטיצן מיר זיך אויף איר אין אַ גרויסער מאָס, בפרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן די ערשטע אָנהייבן פון דעם אויסטראַליש־יידישן צייטונגס־וועזן.

שוין אַזוי פרי ווי אין יאָר 1842 האָבן די יידן אין אויסטראַליע געהאַט אַן אייגענעם פּרעסע־אָרגאַן מיטן נאָמען „די וואָיס אָוו דזשייקאָב". אייגנטלעך איז דאָס געווען אַ לאָנדאָנער אויסגאַבע, אַגב פון די סאַמע ערשטע ענגליש־יידישע פּרעסע־אָרגאַנען. זי האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין סעפּטעמבער 1841. ווען די ערשטע נומערן פון דער דאָזיקער אויסגאַבע זענען אָנגעקומען קיין סידנעי, האָט איינער, דזשאָרדזש מאָס, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין סידנעי אַן אויסטראַלישע אויפלאַגע פון דער זעלבער צייטונג. דער ערשטער נומער איז אַרויס דעם 27־טן מאַי 1842 אין גענוי דעם זעלבן פאָרמאַט, וואָס די לאָנדאָנער אויסגאַבע, כדי די לעזערס זאָלן קאָנען, ווי עס ווערט געזאָגט אין דעם ערשטן לייט־אַרטיקל, האַלטן ביידע

אויסגאַבעס צוזאַמען איינגעבונדן. דער סידנעיער „וואָיס אָוו דזשייקאָב" האָט געהאַלטן 8 זייטן און איז דערשינען אַלס אַ חודשדיקע אויסגאַבע. דער גרעסטער טייל אַרטיקלען און ידיעות איז געווען איבערגעדרוקט פון דער לאָנדאָנער אויפלאַגע, און בלויז עטלעכע כראָניק־נאָטיצן האָבן צוגעגעבן דער צייטונג אַ לאָקאַל־אויסטראַלישן כאַראַקטער. אין דעם ערשטן נומער ווערט אָנגעגעבן די צאָל יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אויסטראַליע, לויט דער מלוכהשער סטאַטיסטיק פון יאָר 1841. לויט אָט דער סטאַטיסטיק האָט די יידישע באַפעלקערונג אין אויסטראַליע געציילט 856 נפשות. 554 יידן האָבן געלעבט אין און אַרום סידנעי, און אין וויקטאָריע, וואָס האָט זיך נאָך דעמאָלט גערופט פּאָרט פיליפּ דיסטריקט, האָבן געוואוינט סך־הכל 57 יידן. דער סידנעיער „וואָיס אָוו דזשייקאָב" האָט נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום און זיך ליקווידירט נאָך דריי נומערן אין סעפּטעמבער 1842. אין דעם לעצטן נומער באַ־קלאָגט זיך דער אַרויסגעבער אויף דעם קנאַפּן אינטערעס, וואָס די אויסטראַלישע יידן האָבן אַרויסגעוויזן לגבי זייער ערשטער צייטונג, וועלכע האָט צוליב נישט גענוגנדיקער פינאַנסיעלער אונטערשטיצונג זיך נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

ערשט נאָך אַ הפסקה פון קנאַפּע 20 יאָר איז די אויסטראַ־ליש־יידישע פּרעסע אויפגעשטאַנען תחית המתים. אין יאָר 1861 האָט אין מעלבורן אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ צייטונג „די אויסטראַלעיזשן דזשואיש קראָניקל". עס איז אָבער פון דער דאָזיקער אויסגאַבע נישט פאַרבליבן קיין שום זכר, און עס זענען נישט פאַראַן קיין שום פּרטים וועגן איר.

אין מעלבורן איז אויך געבוירן געוואָרן דער דריטער פּרואוו פון אויסטראַליש־יידישן פּרעסע־אָרגאַן. דאָס איז געווען „די אויסטראַליען איזראַאיליט", אַ וועכנטלעכע אויסגאַבע אונטער דער רעדאַקציע פון סאַלאָמאָן דזשאָזעף. דער ערשטער נומער איז דערשינען אין 8 זייטן דעם 20־טן יוני 1871. אויך די צייטונג האָט נישט באַקומען קיין געהעריקע פינאַנסיעלע אונטערשטיצונג און האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן דעם 26־טן

יוני 1874 נאָך אַ נישט־רעגולערן דערשיינען פון 45 נומערן.

„די אויסטראַליען איזראַאיליט" איז פאַר דעם געשיכטע־פּעריאָד פון דעם יידישן קיבוץ אין אויסטראַליע אַ ווערטפולער און אינטערעסאַנטער דאָקומענט. עס געפינען זיך דאָרט אַ סך ידיעות פון היסטאָרישער וויכטיקייט, ווי למשל, די אויס־פירלעכע באַריכטן וועגן דער אַנטשטייאונג פון די ערשטע קהילות אין סענט־קילדא און אין סענדהאַרסט (בענדיגאָ). פון גאַנץ באַזונדערן אינטערעס זענען די ידיעות וועגן דעם אָנטייל פון דעם יידישן קיבוץ אין דעם פּאָליטישן לעבן אין אויסטראַ־ליע. עס ווערט דערציילט מיט אַלע פּרטים וועגן דער באַשטי־מונג פון דעם ייד שאול סעמיועלס אַלס אַ מיניסטער אין דער רעגירונג פון הענרי פּאַרקס, און דערביי ווערט אויך איבער־געגעבן ווי אַזוי די אויסטראַלישע עפנטלעכע מיינונג האָט אויפגענומען די דאָזיקע באַשטימונג. „די אויסטראַליען איז־ראַאיליט" ציטירט פון דער אַלגעמיינער פּרעסע: „ווידעראַמאָל איז די יידישע פּאַרטיי (!) אַן אָנערקענטע מאַכט אין דעם שטאַט און סימפּאַטיזירט גאָר שטאַרק מיט דער פּאַרטיי פון מר. קאופער און מר. ראָבערטסאָן. אָפּצואווענדן די דאָזיקע מאַכט פון דער אָפּאָזיציע און זי אויסנוצן פאַר אייגענע אינטערעסן איז געווען אַ פּאָליטישער מאַנעוור פון דעם דורכגעטריבענעם הענרי פּאַרקס. ער האָט גוט געוואוסט, אַז מר. סעמיועלס איז איינער פון די פירנדיקע פּאָרשטייער פון דעם יידישן קיבוץ און איי־נער פון זיינע אַממערסטן פּאַרטרוילעכע פּאָליטישע פירער. ער האָט דעריבער באַשטימט מר. סעמיועלס אַלס אַ פּאָרשטייער פון דער רעגירונג אָן פּאָרטפעל אין סענאַט.

צו די אויסגאַבעס פון גאָר גרויסן אינטערעס געהערט אָן שום ספק די ערשטע און וואַרשיינלעך אויך איינציקע יידיש־יוגנטלעכע אויסגאַבע אין אויסטראַליע, „די דזשואיש סקול־באָי". די דאָזיקע אויסגאַבע איז דערשינען אין יאָר 1873 אין עטלעכע נומערן לויט דער איניציאַטיוו פון די תלמידים פון דער „שבת־שולע" אין אַדעלאַיד. עס איז אָבער נישט פאַרבליבן קיין איינציקער עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער טשעקאַווער

אויסגאַבע, וואָס וואָלט געגעבן אַ גוטע געלעגנהייט זיך אַביסל צו באַקענען מיט דער אויסטראַלישער יידישער יוגנט פון יענער צייט.

אין יאָר 1875 האָט אין מעלבורן אָנגעהויבן דערשיינען אַ חודשדיקער ליטעראַרישער זשורנאַל א. נ. „די דייאַלעטיק". די אויפגאַבע פון אָט דעם זשורנאַל איז געווען צו פאַרעפנטלעכן די לעקציעס און רעפעראַטן, וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן אין דער מעלבורנער יידישער ליטעראַרישער סאָסייטי. דער זשורנאַל האָט אַ חוץ דעם אויך געבראַכט יידישע וועלט-נייעס און נאָטיצן פון יידיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אויסטראַליע. אויך די דאָזיקע אויסגאַבע האָט נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום און אויפגעהערט צו דערשיינען נאָך 7 נומערן. פּערסי מאַרקס גיט איבער אין זיין פריער דערמאָנטער בראָשור, אַז נישט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמיאונגען האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט קיין איינציקן פאַרבליבענעם עקזעמפּלאַר פון דעם „די דייאַלעטיק". צופעליק האָט ער אין אַן אַלטוואַרג-געשעפט אָנגעטראָפן אויף אַ געבונדענעם קאָמפּלעט פון דעם זשורנאַל, וואָס איז אַ דאַנק דעם געראַטעוועט געוואָרן פון פולשטענדיקער פאַרגעסנקייט.

צו די וויכטיקסטע יידיש-אויסטראַלישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס געהערט דער „דזשואיש העראָלד", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין מעלבורן אין דעצעמבער 1879 און דערשיינט ביזן היינטיקן טאָג. לכתחילה איז דער „דזשואיש העראָלד" דערשינען איין מאָל אַ חודש, אָבער גאָר אין גיכן איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוויי-וועכנטלעכער אויסגאַבע. די דאָזיקע צייטונג האָט פּרעטענדירט צו זיין דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם אויסטראַלישן יידנטום און אַלס אַזעלכער האָט זי געבראַכט ידיעות און באַריכטן פון אַלע יידישע קיבוצים אין אויסטראַליע און אויך פון ניי-זעלאַנד. עס זענען דאָרט אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן קאָרעספּאָנדענציעס פון ענגלאַנד און אַמעריקע און בכלל יידישע וועלט-נייעס. אין יאָר 1883 האָט דער „דזשואיש העראָלד" אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ

באַזונדערע סידנעיער אויפלאַגע, וואָס האָט זיך במעט מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון דער מעלבורנער אויסגאַבע. דער ערשטער רעדאַקטאָר פון „דזשואיש העראָלד" איז געווען דער רעוורענד פון דער סינאַגאָגע אין סענט־קילדא, בלאַובאַום, וועל־כער איז געווען אַ מאַן פון הויכער ייִדישער און אַלגעמיינער בילדונג און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ בעסערן ליטעראַ־רישן געשמאַק. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם „דזשואיש הע־ראָלד" אויף אַ לפי־ערך הויכער זשורנאַליסטישער מדרגה. דער „דזשואיש העראָלד" האָט נישט נאָר אינפאָרמירט די לעזערס וועגן וויכטיקע געשעענישן אין דער ייִדישער וועלט און גע־העריק רעאַגירט אויף זיי, נאָר איז אויך געווען וואַך צו די פאַרשיידענע דערשיינונגען און פּראָבלעמען אין דעם לעבן פון דעם אויסטראַלישן ייִדנטום.

אָט, למשל, געפינען מיר אין „דזשואיש העראָלד" פון יאָרגאַנג 1881 אַן אינטערעסאַנטן אָפּקלאַנג וועגן די פּאָגראָ־מען, וואָס האָבן צו יענער צייט געבושעוועט אין רוסלאַנד. די צייטונג האָט געבראַכט אויספירלעכע ידיעות וועגן די פּאָגראָם־געשעענישן און רעאַגירט אויף זיי אין בסדרדיקע אַרטיקלען און אויפרופן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס איז ממש אויפגע־שטורעמט געוואָרן די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג אין אויסטראַ־ליע. עס איז אונטערגענומען געוואָרן לטובת די פּאָגראָם־קרבנות אַ ברייטע הילפס־אַקציע, אין וועלכער דער „דזשואיש העראָלד" האָט גענומען אַ פירנדיקן אָנטייל. די אַקציע איז אַדורכגעגאַנגען מיט אַזאַ ריזיקן דערפאָלג, אַז זי קאָן פאַררעכנט ווערן צו די גרעסטע ייִדישע הילפס־אַקציעס, וואָס זענען ווען עס איז דורכ־געפירט געוואָרן אין אויסטראַליע. דער לאָרד מעיאָר פון מעל־בורן האָט אין אויגוסט 1881 גערופן אין טאַון־האָל אַ מאַסן־מיטינג פון דער אַלגעמיינער מעלבורנער באַפעלקערונג, און אין דעם מיטינג האָבן זיך באַטייליקט מיטגלידער פון פּאַרלאַ־מענט און די אָנגעזעענסטע בירגער. דער סיטי־קאָונסיל האָט אומזיסט אָפּגעגעבן די צימערן פון טאַון־האָל פאַר אַ זיץ־אָרט פון דעם הילפס־קאָמיטעט און די ענגליש־סקאָטישע באַנק האָט

איבערגעשיקט קיין לאָנדאָן דאָס געזאַמלטע געלט אינגאַנצן אומזיסט. אין מעלבורן איז לטובת דער אַקציע געזאַמלט גע־וואָרן איבער צוויי טויזנט פונט, אַ לפי־ערך ריזיקע סומע לויט דער דעמאָלטיקער קליינער יידישער באַפעלקערונג. דעם גרעסטן חלק אין דעם דערפאָלג און אין דעם ברייטן פאַרנעם פון דער אַקציע האָט געהאַט דער „דזשואיש העראָלד". די צייטונג איז אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאָגראָמען אַרויסגעקומען מיט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אין אויסטראַליע אַגראַר־קאָלאָניעס פאַר די פּאָגראָם־געליטענע יידן אין רוסלאַנד.

אויך אַנדערע אַלגעמיין־יידישע און לאָקאַל־יידישע פּראָ־בלעמען האָבן געפונען אין „דזשואיש העראָלד" אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג. עס איז דאָרט, למשל, אין דעם זעלבן יאָרגאַנג 1881 געפירט געוואָרן אַ ליידנשאַפטלעכע פּאָלעמיק וועגן דער יידישער יוגנט אין אויסטראַליע, און באַזונדערס וועגן די יידישע מיידלעך, אַז זיי דערווייטערן זיך פון דעם יידישן לעבן און ברענגען אַריין די אַסימילאַציע אין דער יידישער היים. אויך איז אויף די שפּאַלטן פון דער דאָזיקער צייטונג ברייט באַהאַנדלט געוואָרן דער גרים־פּראָבלעם, און מען מוז מודה זיין, אַז אָט דער ספּעציפישער יידיש־אויסטראַלישער פּראָבלעם איז מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק באַהאַנדלט געוואָרן אַ סך זאַכלעכער און ערנסטער, ווי עס טוען דאָס די וואָרט־פירערס פון דער יידיש־אויסטראַלישער פּרעסע ביים היינטיקן טאָג.

די עטלעכע געבראַכטעביישפּילן באַווייזן די הויכע גע־זעלשאַפטלעכע און זשורנאַליסטישע מדרגה, אויף וועלכער דער „דזשואיש העראָלד" האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין די ערשטע יאָרן פון זיין עקזיסטענץ. די צייטונג איז געוואָרן זייער באַליבט ביים גאַנצן יידישן כלל אין אויסטראַליע און האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין דעם היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

רעווערענד בלאַובאַום האָט געפירט די צייטונג ביז זיין טויט אין יאָר 1904. נאָך אים האָט די רעדאַקציע איבערגע־

נומען מר. מאָזעס, וועלכער האָט געהאַלטן דעם דאָזיקן אַמט ביזן יאָר 1911.

דער „דזשואיש העראַלד" דערשיינט ביזן היינטיקן טאָג, און דער איצטיקער רעדאַקטאָר איז זינט מער ווי אַ צענדליק יאָר ניומען ה. ראָזענטאַל, אַ באַקאַנטער זשורנאַליסט אין די ענגליש-יידישע קרייזן און דער אויסטראַלישער קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור.

אַן ערנסטער פּרוואו אויף דעם יידישן צייטונגס־געביט אין אויסטראַליע איז געווען „די אויסטראַלעיזשן היברו", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין סידנעי אין נאָוועמבער 1895 אונטער דער רעדאַקציע פון דזשאָזעף גאָלדשטיין און גרעוויל טרעגערטהען, אַ באַקאַנטער אויסטראַלישער פּובלי־ציסט און שריפטשטעלער, אַ קריסט. די צייטונג האָט אַ חוץ ידיעות און נאָטיצן פון יידישן לעבן אָפּגעגעבן אַ בכבודיקן פּלאַץ פאַר אַלגעמיינע ליטעראַריש־קינסטלערישע אָנגעלעגנ־הייטן, געדרוקט קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און אויך רעצענזיעס פון טעאַטער־פאָרשטעלונגען. די צייטונג איז געווען אַ דערגרייכונג אין דעם קינסטלערישן זין, אָבער זי האָט גאַנץ קנאַפּ אויסגענומען ביי די אויסטראַלישע יידן. נאָכדעם ווי דזשייקאָב גאָלדשטיין איז אַרויסגעטרעטן פון דער צייטונג, האָט זי דער פריער דערמאָנטער גרעוויל טרעגאַרטהען ווייטער אַרויס־געגעבן, צוציענדיק אַלס מיטרעדאַקטאָר דעם אַדוואָקאַט דניאל לעווי, וועלכער האָט שפּעטער געמאַכט אַ גרויסע פּאָליטישע קאַריערע און איז היינט זינט יאָרן דער „ספּיקער" אין דעם פּאַרלאַמענט פון ניי־זיד־וועילס. „די אויסטראַלעיזשן היברו" האָט זיך ליקידירט נאָך אַ יאָר עקזיסטענץ אין נאָוועמבער 1896.

גלייכצייטיק מיטן „אויסטראַלעיזשן היברו" האָט אין סיד־נעי אָנגעהויבן אַרויסגיין דער „היברו סטענדערד", וואָס עקזיס־טירט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. דאָס איז געווען אַ וועכנטלעכע אויסגאַבע פון אַכט זייטן און איז געווען געווידמעט כמעט אויסשליסלעך דעם קהילה־לעבן פון די יידן אין סידנעי. נאָכן

דערשיינען פון צוויי נומערן האָט דער „היברו סטענדערד" זיך פאַרמאַכט, נישט קענענדיק אַפּנים אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון „אויסטראַליעןשן היברו". אָבער נאָכדעם ווי דער לעצטער האָט זיך ליקווידירט, האָט דער „היברו סטענדערד" אויפסניי אָנגעהויבן צו דערשיינען און האַלט זיך ביזן היינטיקן טאָג.

הוץ דעם עקזיסטירנדיקן „היברו סטענדערד" אין סידנעי און דעם „דזשואיש העראָלד" אין מעלבורן דערשיינט היינט צו טאָג נאָך אַ דריטער אָרגאַן, „די וועסטרעיליען דזשודיען", אַ הודשדיקער זשורנאַל, וואָס גייט אַרויס אין פּערט, מערב־אויסטראַליע, שוין דאָס נייגטע יאָר. אין דער דאָזיקער אויס־גאַבע אַרבעטן מיט די בעסטע ענגליש־יידישע שרייבערישע כוחות אין .אויסטראַליע, און זי גיט אָפּ אַ סך אָרט פאַר ליטע־ראַטור און פּובליציסטיק. לאָקאַלע כראָניק און פּערזענלעכע נאָטיצן, וואָס פאַרנעמען געווייגלעך דעם אויבנאָן אין די אויסטראַליש־יידישע פּרעסע־אויסגאַבעס, ווידמעט דער „וועסט־רעיליען דזשודיען" אַן אומבאַדייטנדיקן פּלאַץ.

„די אויסטראַליען דזשואיש ניוס", וואָס דערשיינט וועכנט־לעך אין מעלבורן אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר, איז די, אין זייטן־פאַרנעם, גרעסטע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבע אין אויסטראַליע. זי דערשיינט צוזאַמען מיט דעם איינציקן אויסט־ראַלישן פּרעסע־אָרגאַן אין דער יידישער שפּראַך „די יידישע נייעס", און מיר וועלן זיך דעריבער גענויער אָפּשטעלן איבער דעם דאָזיקן וואָכנבלאַט, ווען מיר וועלן רעדן וועגן דער אויסט־ראַליש־יידישער פּרעסע אויף יידיש.

ס׳דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַ יידיש־ענגליש וואָכנבלאַט, „די אויסטראַליען דזשואיש קראָניקל", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין סידנעי אין יאָר 1930 און האָט זיך ליקווידירט נאָך אַן עקזיסטענץ פון אַ יאָר צייט. „די אויסטראַליען דזשואיש קראָניקל" איז געווען אַ גרויסע פאַרמעסטונג אויף דעם יידישן צייטונגס־געביט אין אויסטראַליע. די דאָזיקע צייטונג האָט אין קעגנזאַץ צו אַלע איבעריקע אויסטראַליש־יידישע אויסגאַבעס געטראָגן אַ מער וועלטלעכן כאַראַקטער און האָט זיך בכלל

באַמיט אַרויסגיין פון די ענגע ד׳ אמות פון לאָקאַלע פּאַראינ־טערעסירונגען, אַוועקשטעלנדיק זיך אויף אַן אַלוועלטלעך־יידישן שטאַנדפּונקט. די צייטונג איז געווען שיין אַרויסגעגעבן, מיט אַ סך אילוסטראַציעס און פאַרעפנטלעכט איבערזעצונגען פון דער מאָדערנער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור. זי האָט אויך געדרוקט רעפּראָדוקציעס פון יידישע בילדער און בכלל זיך געמיט צו באַקענען די לעזער מיט דער מאָדערנער יידישער קולטור און קונסט. „די אויסטראַליען דזשואיש קראָניקל" האָט זיך אָריענטירט אויסגעשפּראָכן ציוניסטיש, אָבער נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער ציוניזם אין אויסטראַליע פאַרנומען אַן אומבאַדייטנדיקע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע, און די צייטונג האָט נישט געפונען דעם געהעריקן אָפּקלאַנג מצד דעם היגן יידישן כלל. זי האָט זיך דעריבער פאַרמאַכט נאָך אַ קורצער איין־יאָריקער עקזיסטענץ.

עס איז נישט אויפן פּלאַץ אין אָט דעם אַרטיקל צו געבן אַ ברייטערע קריטישע אָפּשאַצונג וועגן דעם צושטאַנד פון דער יידישער אויסטראַלישער פּרעסע ביים היינטיקן טאָג. די אויפגאַבע פון דעם אַרטיקל איז צו געבן בלויז אַ געשיכטלעכן איבערבליק וועגן דעם יידישן פּרעסע־וועזן אין אויסטראַליע. דאָך קאָן מען נישט אַרויסגייענדיק פון די ראַמען פון אָט דער אויפגאַבע זאָגן, אַז די יידיש־אויסטראַלישע פּרעסע ביי איר איצטיקן צושטאַנד שטייט נישט אויף דער אַנטוויקלונגס־מדרגה, וואָס מען האָט געמעגט דערוואַרטן נאָך אַן עקזיסטענץ פון אַ קנאַפּן יאָרהונדערט. די היינטיקע יידיש־אויסטראַלישע צייטונגען זענען נישט אַוועקגעגאַנגען קיין סך ווייטער פון זייערע פאָרגייערס זינט 1842. הגם זיי האָבן אַלע אָן אויסנאַם געביטן זייער אַסימילאַטאָריש־יאַהודישע אָריענטאַציע און שטייען שטאַרק אונטערן איינפלוס פון ציוניזם, דאָך האָבן זיי נאָך אַלץ נישט באַוויזן אַרויסצוגיין פון די ענגע גרענעצן פון די לאָקאַלע קהילה־אינטערעסן. קולטורעלע אויפטרייסלונגען איבער דער גאַנצער יידישער וועלט ביים היינטיקן טאָג געפינען קוים אַן אָפּקלאַנג אויף זייערע שפּאַלטן.

* * *

א גאַנץ באַזונדער קאַפּיטל אין דעם צייטונגס־וועזן פון דעם יידיש־אויסטראַלישן קיבוץ פאַרנעמט די פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך. דער גערדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ פּרעסע־אָרגאַן אין יידיש האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַקטועל, ווען עס האָט מיט אַ יאָר 10-11 צוריק אָנגעהויבן שטראָמען אַהער אַ יידישע עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע און בעיקר פון פּוילן. עס זענען אָבער נישט געווען קיין שום טעכנישע מעג־לעבקייטן צו ברענגען אין לעבן אַזאַ זאַך. קיין יידישע דרו־קעריי איז דאָ נישט געווען און אַראָפּצובריינגען מעבר לים אַ יידישן דרוקער מיט יידישע שריפט איז געווען אַ צו שווערע און צו ריזיקאַלישע אונטערנעמונג. דער שרייבער פון די שורות, האָבנדיק אַביסל דערפאַרונג אַלס יידישער זשורנאַליסט אין לאָדזש, האָט צוזאַמען מיט עטלעכע ניי־אָנגעקומענע עמי־גראַנטן, פריינט פון געדרוקטן יידישן וואָרט, פּראָיעקטירט אַרויסצוגעבן אין מעלבורן אַ העקטאָגראַפירטע צייטונג אין יידיש. אָבער דער פּראָיעקט איז נישט צושטאַנדגעקומען, מחמת גראָד דעמאָלט, עס איז געווען דאָס יאָר 1927, האָט דער עמיגראַציע־שטראָם קיין מעלבורן געבראַכט אַהער אַ יידישן דרוקער, דוד אַלטשול. אַלטשול האָט איינגעזען, אַז עס איז דאָ פאַראַן פּלאַץ פאַר אַ יידישער צייטונג, ער האָט זיך אַריינ־גענומען אין גערדאַנק אָט אַזאַ זאַך אַדורכצופירן. ער האָט גע־בראַכט מיט זיך אַביסל יידישע שריפט, גענוג אפשר אויף אויסצוזעצן אַ חתונה־קאַרטע, און דערצו נאָך איז ער געווען אַ קנאַפּער פאַכמאַן אַלס זעצער. ער איז אָבער געווען אַזוי איבערגענומען מיט זיין גערדאַנק אַרויסצוגעבן אין אויסטראַליע אַ יידישע צייטונג, אַז קיין שום מניעות האָבן נישט געקאָנט אים אָפּשלאָגן פון זיין פּלאַן. ער האָט נישט גערוט, אָפּגעריבן די שוועלן ביי די איינפלוסרייכע יידן, געשטורעמט די קאָמי־טעטן פון די היגע יידישע אָרגאַניזאַציעס, מען זאָל אים העלפן אַדורכפירן זיין פּלאַן, אָבער אומעטום האָט מען אים באַגעגנט מיט אַ קנאַפּן ענטוזיאַזם. מען האָט געצווייפלט אין די עקזיס־

טענץ־מעגלעכקייטן פון אַ יידישער צייטונג אין אויסטראַליע, און בכלל איז דאָ דער געדאַנק וועגן אַזאַ זאַך געווען אַזוי פרעמד און ניי, אַז אפילו די פירער פון דער היגער אינסטיטוציע „קדימה", וואָס האָט געפירט אַ קולטור־טעטיקייט אין יידיש, האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושטיצן אַלטשולן אין זיינע באַמיאונגען.

אָבער אַלטשולס ענטוזיאַזם איז נישט אָפּגעקילט געוואָרן. ער האָט זיך דערשלאָגן צום רעדאַקטאָר פון „דזשואיש הע־ראָלד", נ. ראָזענטאַל, און ער האָט אים סוף כל סוף גע־ווירקט צו געבן אין זיין צייטונג אַ ביילאַגע אין יידיש. מיט זיין ביסל שריפט פון כל המינים און גרויסן האָט אַלטשול זיך גענומען צו דער אַרבעט, און אין אָנהויב 1928 איז דער „דזשו־איש הערעלד" דערשינען מיט אַ יידישער ביילאַגע פון איין זייטל. דער דאָזיקער יידישער „פיידזש" איז אַן אמתער קוריאָז פון זשורנאַליסטישן און דרוקערישן שטאַנדפּונקט. די עטלעכע נאָטיצן, וואָס זענען אַריין אין דער ביילאַגע, זענען געשריבן אין אַן אויסטערלישן דייטשמעריש־ענגליש־יידישן זשאַרגאָן, און נישט נאָר יענע נאָטיץ, נאָר יעדעס וואָרט באַזונדער איז געזעצט מיט פאַרשידנערליי שריפטן. די יידישע ביילאַגע אין „דזשואיש העראָלד" האָט זיך געענדיקט מיט דעם דאָזיקן ערשטן עקספּערימענט.

אַלטשול איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען. עס איז גראָד דעמאָלט אַנטשטאַנען אַ מחלוקה צווישן צוויי מעלבורנער רבנים, און אַזוי ווי איינער פון זיי האָט געהאַט אויף זיין זייט דעם „דזשואיש הערעלד", האָבן די אָנהענגער פונם צווייטן צד באַשלאָסן זיך איינצושאַפן אַן אייגענעם אָרגאַן. אַלטשול מיט זיינע צייטונגס־פּראָיעקטן איז גראָד געווען צו דער האַנט, און דעם 24־טן פעברואַר 1928 איז אין מעלבורן דערשינען אַ נייע צייטונג, אייגנטלעך די ערשטע יידישע צייטונג אין אויסטראַליע, אונטערן נאָמען „דער יידישער פּיאָנער". די צייטונג איז געווען האַלב אויף יידיש און האַלב אויף ענגליש. אויף דער הילע פון דעם ענגלישן טייל האָט דער רעדאַקטאָר,

דעוורענד לעאָפּאָלד גאַראַן, אָפּגעדרוקט זיין פּאָרטרעט מיט אַן אונטערשריפט אויף ענגליש: דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון „דער יידישער פּיאָנער". דער יידישער טייל האָט זיך אָנגעהויבן מיט „שהחינו" געדרוקט מיט גרויסע אותיות. כדי דער לעזער זאָל זיך קענען מאַכן אַ באַגריף, ווי „דער יידישער פּיאָנער" האָט אויסגעזען, וועלן מיר ברענגען דעם לייט־אַרטיקל וואָרט ביי וואָרט. אויך די אָרטאָגראַפיע וועלן מיר געבן אומפאַרענדערט:

ברוך

שהחינו וקימנו והגיענו

לזמן הזה.

מיט דעם אָנפאַנג פון דעם יודישען פּיאָנער בעטען מיר דאָס געהרטע פּובליקום אז זיי זאָלען אונז ענטשולדיגען פאַר דעם וואָס ער איז אין אַזאַ קליינעם פאָרמאַט ערשיענען וועיל כל התחלות קשות.

מיט דער ערשיינונג פון דעם יודישען פּיאָנער פאַנגט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אויסטראַליער יידן און מי קען גאַנץ ערנסט מאַכען די ברכה שהחינו און מיר האָפען אַז מיט דער הילף פון דעם געהרטען יודישען פּובליקום דאָס אינגיכען צו פאַרבעסערען.

אונזער אויפגאַבע איז אַריין צו ברענגען אין דיא הערצער פון אונזערע ברידער אונד שוועסטער דיא ליבע צום יודענטום.

און כדי צו ערוועקען אין זיי דעם גייסט וועלכעס זאָל ברענגען איין פאַראייניגונג פון אונזערע צו וואָרפענע יודען אין אויסטראַליען. מיר האָבען קיין צווייפעל נישט אַז דאָס יודישע פּובליקום וועלכע האָט געמאַכט דאָס לאַנד פאַר זייער היימאַט וועט בעגריסען דיזע ערשיינונג מיט באַגייסטערונג אונד וויא אויך שטיצען אונז אין אַזאַ נאַטהיגער אונטערנעהמונג מאַטעריעליש גייסטליך און וויסענשאַפט כדי צו געבען אונז אַ מעגליכקייט צו וואַקסען גרעסער אונד גרעסער. —

„דער יידישער פּיאָנער" איז נישט באַגריסט געוואָרן מיט

באַגייסטערונג, ווי עס האָבן זיך פאַרגעשטעלט די אַרויסגעבער און ער האָט זיך פאַרמאַכט נאָך דעם ערשטן דעביוט זיינעם.

די אומגעלונגענע פּרואוון פון „דזשואיש העראָלד" און פון „דער יידישער פּיאָנער" האָבן אָבער געהאַט אַ פּעולה: דער געדאַנק וועגן אַ יידישער צייטונג אין אויסטראַליע האָט אָנגעהויבן צו באַהערשן די פאַרשטייער פון דער יידיש־רעדנדיקער אינטעליגענץ אין אויסטראַליע, און עטלעכע פירער פון דער פריער דערמאָנטער „קדימה" האָבן געמאַכט אַן ערנסטן פּרואוו צו גרינדן אַ צייטונג אין יידיש. די איניציאַטאָרן דערפון, ד"ר א. פּאַטקין, הערש מינץ און א. נ. בר־כהן, האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ יידישן דרוקער אין סידנעי, מר. סטאָליאַר, וועלכער האָט אָפּגעקויפט אַביסל יידישע שריפט, וואָס איז אַ דאַנק אַלטשולס באַמיאונגען געבראַכט געוואָרן פון דייטשלאַנד, און מען איז צוגעטרעטן צו דער אויסגאַבע פון אַ יידישער צייטונג. עס זענען אָבער אַנטשטאַנען געוויסע שוועריקייטן, און דער גאַנצער פּראָיעקט האָט זיך געענדיקט מיט אַ געדרוקטן יידישן אויפרוף, וואָס דער איניציאַטיוו־קאָמיטעט האָט אַרויסגעלאָזן אין שייכות מיט דער געפּלאַנטער אויסגאַבע.

נאָך אָט די אַלע דורכגעפאַלענע פּרואוון האָבן אפילו די סאַמע הייסטע ענטוזיאַסטן אויפגעגעבן די האָפנונג פון אַ יידישער צייטונג אין אויסטראַליע. אַלטשול אָבער האָט שטילערהייט ווייטער געאַרבעט, כדי צו פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן. ער האָט ביסלעכוויז איינגעקויפט יידישע שריפט, אַראָפּגעבראַכט פון פּאַלעסטינע זיינעם אַ זון, אַ געניטן יידישן זעצער און דרוקער, און סוף כל סוף איז דעם 16־טן יאַנואַר 1931 אַרויס דער ערשטער נומער פון אַ יידישער צייטונג אין אויסטראַליע „אויסטראַליער לעבן". דער שרייבער פון אָט די שורות איז צוגעצויגן געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, וועלכע האָט אָנגעהויבן נאָרמאַל צו דערשיינען וואָך ביי וואָך. די ערשטע צוויי נומערן זענען אַרויס אין 4 זייטלעך פון קליינעם פאָרמאַט, אָבער דער דריטער נומער האָט שוין געהאַלטן 6 זייטן און דערנאָך זיך ווייטער פאַרגרעסערט ביז 8 זייטן.

דאָס „אויסטראַליער לעבן" איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך דעם לעזער־עולם. די רעדאַקציע האָט כסדר דערהאַלטן בריוו פון דאַנק און אָנערקענונג, און אַלס מיטאַרבעטער, נישט נאָר אין רעדאַקציע, נאָר אויך אין דער אַדמיניסטראַציע, זענען פרייוויליק צוגעטרעטן די בעסטע פאָרשטייער פון דער יידיש־רעדנדיקער אינטעליגענץ אין מעלבורן. אָבער פינאַנסיעל האָט די צייטונג געהאַט אַ קנאַפּן דערפאָלג. די צאָל אַבאָנענטן איז געווען גאָר אַ קליינע, און עס איז געווען זייער שווער צו באַקומען אַנאָנסן. נאָך די ערשטע צען נומערן איז די פינאַנסיעלע לאַגע געוואָרן ביז גאָר קריטיש, עס איז מיט דער מיטהילף פון דער „קדימה" געשאַפן געוואָרן אַ געזעלשאַפט־לעכער קאָמיטעט אַרויסצוהעלפן דער צייטונג פונם קריזיס. די יידישע אַמאַטאָרן־גרופּע, דער „פאַראיין יידישע בינע", האָט לטובת דער צייטונג אויפגעפירט שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס" און דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס „אויסטראַליער לעבן" זאָל ווייטער דערשיינען.

צוויי יאָר צייט איז דאָס „אויסטראַליער לעבן" דערשינען אָן איבעררייס, ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקענט זיך אויסקשטעלן פינאַנסיעל אויף אַ פעסטן באָדן. אַלטשול האָט ענדלעך זיך אַנטשלאָסן צו ליקווידירן די צייטונג, אָבער גראָד האָט זיך אונטערגערוקט אַ יידישער פינאַנס־מאַן, לאַזאַר רובינשטיין, וועלכער האָט אָפּגעקויפט די צייטונג און זי ווייטער אַרויסגעגעבן.

וועלנדיק פאַרפעסטיקן די צייטונג פינאַנסיעל, האָט רובינשטיין אָנגעהויבן צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דעם רעדאַקטאָר פון „דזשואיש העראָלד", ראָזענטאַל, וועגן פאַראייניקן ביידע צייטונגען. די אונטערהאַנדלונגען זענען דערפירט געוואָרן צו אַ גינסטיקן רעזולטאַט, און אין יאָר 1934 האָבן ביידע צייטונגען זיך צונויפגעגאָסן און אָנגעהויבן צו דערשיינען אַלס אַ וועכנטלעכע אויסגאַבע א. נ. „די דזשואיש וויקלי" מיט אַ יידישער ביילאַגע, „די יידישע וואָך". ביידע צייטונגען האָבן זיך דורך דער דאָזיקער פאַראייניקונג פאַרשטאַרקט, באַקומען

אַ ברייטן לעזער־קרייז און געוואָרן די גרעסטע יידישע פּרעסע־אויסגאַבע אין אויסטראַליע.

צוליב דעם אָבער, וואָס דער „דזשואיש העראָלד" איז געוואָרן דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דעם מעלבורנער „עדווייזאָרי באָרד" (קהילה־ראַט), און דאָס „אויסטראַליער לעבן" האָט געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן וועלטלעכן כאַראַקטער, זענען אויף דעם דאָזיקן באָדן אַנטשטאַנען שאַרפע סכסוכים צווישן די רעדאַקציעס פון דעם יידישן און פון דעם ענגלישן טייל פון דער צייטונג. דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער ביילאַגע, האָט סוף כל סוף זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַמט, און חיים רובינשטיין, דער פּאָטער פון דעם אַרויסגעבער, איז באַשטימט געוואָרן אַלס יידישער רעדאַקטאָר.

די חלוקי דעות זענען אָבער דורך דעם נישט באַזייטיקט געוואָרן. עס האָבן זיך נאָך דערצו אַריינגעמישט געלט־קאָנפליקטן, און ביידע צייטונגען האָבן זיך אין יאָר 1935 צוריק פאַנאַנדערגעטיילט. דער „דזשואיש העראָלד" האָט צוריק אָנגעהויבן צו דערשיינען אַלס דער אָפיציעלער קהילה־אָרגאַן, אָבער אָנשטאָט אַ צוויי־וועכנטלעכער אויסגאַבע, וואָס דער „דזשואיש העראָלד" איז געווען ביז דער פאַראייניקונג, האָט ער איצט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וועכנטלעכער, און אַזוי דערשיינט ער ביז איצט אונטער דער רעדאַקציע פון נ. ה. ראָזענטאַל.

ל. רובינשטיין האָט, נאָכדעם ווי ביידע צייטונגען האָבן זיך פאַנאַנדערגעטיילט, ווייטער אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג „די דזשואיש ניוס" מיט אַ יידישער ביילאַגע „די יידישע נייעס". די צייטונג האָט אַ ברייטן לעזער־קרייז און איז פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אויסטראַליע.

נ. ה. ראָזענטאַל האָט בעת דער צוזאַמענאַרבעט אין דעם „דזשואיש וויקלי" געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן, אַז דאָס יידישע געדרוקטע וואָרט קאָן זיין אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר אין דעם יידישן לעבן אין אויסטראַליע,

און ער האָט באַשלאָסן צו געבן אין דעם באַנייטן „דזשואיש העראָלד" אַ ביילאַגע אין יידיש. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען זענען אַלס מיטאַרבעטער צוגעצויגן געוואָרן מ. ראַוויטש און אויך דער שרייבער פון די שורות. אין אַפּריל 1936 האָט דער „דזשואיש העראָלד" אָנגעהויבן אַרויסצוגיין מיט אַ יידישער ביילאַגע פון 4 זייטן א. נ. „דער יידישער העראָלד". די ביילאַגע איז אָבער נאָך זיבן נומערן ליקווידירט געוואָרן מחמת פינאַנסיעלע טעמים.

אַ חוץ די אויסגערעכנטע פּרעסע־אויסגאַבעס אין דער יידישער שפּראַך דאַרף אויך פאַרצייכנט ווערן „די געזערד־טריבונע", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם מעל־בורנער „געזערד" אין יאָר 1931. די דאָזיקע אויסגאַבע האָט געהאַלטן 16 זייטן און געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם פּאָליטיש־ראַדיקאַלן כאַראַקטער. נאָך צוויי נומערן האָט „די געזערד־טריבונע" זיך ליקווידירט. דער „געזערד" האָט לעצטנס ווידער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל „דאָס נייע וואָרט". דער ערשטער נומער איז דערשינען אין מערץ 1937 און אַנטהאַלטן אַרטיקלען אין יידיש און אין ענגליש.

דאָס איז דער סך־הכל פון דעם יידישן פּרעסע־וועזן אין אויסטראַליע. פאַר אַזאַ קליינעם און ווייט פאַרוואָרפענעם יידישן קיבוץ איז אַזאַ סך־הכל נישט ווי צום ערגסטן.

# איבערזעצונגען

# פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור

פנחס גאָלדהאַר האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן פּלאַן איבערצוזעצן די בעסטע דערציילונגען פון דער אויסטראַ־לישער ליטעראַטור און אַזוי אַרום שאַפן אַן אַנטאָלאָגיע פון אויסטראַלישע שרייבער אויף יידיש. גאָלדהאַר האָט בלויז באַוויזן איבערצוזעצן די צען דערציילונגען, וואָס ווערן דאָ פאַרעפנטלעכט. כאָטש די אַנטאָלאָגיע איז נישט קיין פולע, נעמט זי אָבער אַרום כמעט אַלע וויכטיקע פאָרשטייער פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. מחמת דעם וואָס די אַנטאָלאָגיע איז נישט קיין פולקאָמע און צוליב אַ ריי אַנדערע טעכנישע סיבות ווערט זי נישט פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדער בוך און מיר שליסן זי איין, צוזאַמען מיט זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דער אויס־טראַלישער ליטעראַטור, אין פ. גאָלדהאַרס ליטעראַרישער ירושה.

**פ. גאָלדהאַר**

# די אויסטראַלישע ליטעראַטור

## א.

ווען איך וואָלט קיינמאָל אין אויסטראַליע נישט געווען און ס׳קומט מיר צופעליק אויס זיך צו באַקענען מיט דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, וואָלט זי, מיין איך, פאַר מיר געהאַט דעמזעלביקן אינטערעס פונקט ווי פאַר אַן אַלטן אויס־טראַלישן תושב. אמת, די ליטעראַטור אין אויסטראַליע איז נאָך לפי ערך גאָר יונג. זי האַלט זיך ערשט אין געשטאַלטיקן און האָט נאָך לעת־עתה נישט אַרויסגעגעבן קיין גרויסע, מרעיש־עולמדיקע ווערק. אָבער אַז מען באַקענט זיך מיט איר נענטער, אַנטפּלעקט זי באַשטימטע קוואַליטעטן, וואָס האָבן, פון אַ ברייטערער קולטור־פּערספּעקטיוו, אַ גאַנץ באַזונדערן אינטערעס. אויך פאַר אונז יידן איז זי אין כמה פּרטים אַן אָביעקט, אויף וועלכן עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן.

די אויסטראַלישע ליטעראַטור איז צוליב אַ רייע סיבות

— איך וועל זיך אויף זיי אָפּשטעלן אין ווייטערן לויף פון אַרטיקל — איינע פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע ליטעראַטורן, וואָס שאַפן זיך אין די לענדער פון דער אַזוי גערופענער נייער וועלט. אַ העלפט פון יידישן פאָלק לעבט היינט אין אָט די לענדער. די אַזיאַטישע מלחמה, וואָס האָט חרוב געמאַכט די גרויסע, מיליאָניקע יידישע קיבוצים אין אייראָפּע, רוקט אָט די דאָזיקע העלפט אַרויס אין פאָדערגרונט פון אונזער יידישן זיין. אַ סך פּראָבלעמען פון דער יידישער עמיגראַנטישער ווירקלעכקייט וואָלטן פאַר אונז געווען קלאָרער, ווען מיר וואָלטן בעסער פאַרשטאַנען די אינעווייניקסטע גייסטיקע פאַקטאָרן, וואָס באַווירקן דאָס לעבן אין די מעבר־לים־לענדער. אמת, זיי זענען זייער פאַרשידן, די דאָזיקע לענדער. פונם סובאַרקטישן קאַנאַדע ביזן סובטראָפּישן אויסטראַליע, פונם אַנגלאָ־זאַקסישן צפון־אַמעריקע ביזן לאַטייִנישן דרום־אַמעריקע איז אַ ווייטער מהלך נישט בלויז אין פשוטן פיזישן, נאָר אויך אין מעטאַפיזישן זין. אָבער עס איז דאָ אַ סך בשותפותדיקעס צווישן זיי. דער נאָמען „נייע וועלט" איז עפּעס מער ווי אַ געאָגראַפישע באַצייכענונג. אויך היסטאָריש און קולטורעל שטעלן די לענדער פון דער נייער וועלט פאָר מיט זיך אַ באַשטימטע גאַנצקייט. עס לאָזן זיך אין סך פּרטים ציען פּאַראַלעלן אין זייער געשטאַלטיקונג און געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

אויסטראַליע, און באַזונדערס די אויסטראַלישע ליטעראַטור, איז זייער אַ דאַנקבאַרער אָביעקט צו פאָרשן די טענדענצן פון דער קולטורעלער אַנטוויקלונג אויך פון אַנדערע נייע־וועלט־לענדער. קודם־כל איז אויסטראַליע מיט איר עטלעכע־און־ניינציק פּראָצענטיקער בריטישער מערהייט דאָס אַממערסטן איינהייטלעכע לאַנד אין דער נייער וועלט אין פּרט פון באַפעלקערונג. עס זענען דאָ אַמווינציקסטן פאַרגעקומען צוזאַמענשטויסן פון די פאַרשידענערליי קולטורן, וואָס דער ווייסער מענטש האָט אַריבערגעבראַכט פון אייראָפּע אין די זידלונגען מעבר־לים. עס לאָזן זיך דעריבער אין אויסטראַליע קלאָרער אָבסערווירן די אַקלימאַטיזאַציע־פּראָצעסן פון קולטור אויף עמיגראַציע.

אין די אַמעריקאַנער לענדער האָבן זיך כסדר געמישט קולטור־טראַדיציעס פון פאַרשידענע ראַסן און פעלקער, זיך געקאָכט אין־אַ בשותפותדיקן שמעלץ־טאָפּ. זענען דריבער נישט אַזוי קענטיק די פּראָצעסן, ווי אַזוי זיי האָבן זיך פאַרוואָרצלט אין פרעמדן באָדן. אַ וויכטיקער פאַקטאָר איז אויך די געאָגראַפישע ווייטקייט און אָפּגעזונדערטקייט פון אויסטראַלישן קאָנטינענט. עס פעלן די נאָענטע קאָנטאַקטן פון שכנותדיקע לענדער און די קעגנזייטיקע באַווירקונג פון שכנותדיקע קולטורן, אַזוי, אַז די אַריבערגעבראַכטע בריטישע קולטור־טראַדיציע האָט דאָ אָן שום זייטיקע איינפלוסן זיך איבערגעשטאַלטיקט אין אַ נייער קולטור. עס האָט צומאָל נישט געווירקט דער איינפלוס פון דער איינגעבוירענער באַפעלקערונג. די פרימיטיווע קולטור פון די ווילדע אויסטראַליער איז געשטאַנען צו נידעריק, אַז זי זאָל אויסאיבן עפּעס אַ ווירקונג אויף דעם בריטישן קאָלאָניסט. האָבן מיר טאַקע אין אויסטראַליע אַ קלאַסישן מוסטער פון אַ קאָלאָניזאַציע־לאַנד, וואו עס שפּיגלען זיך אָפּ קלאָרסטן אָפּ די נאַטירלעכע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן באַשטימט די געשטאַלטיקונג פון די איבערגעפלאַנצטע אייראָפּעאישע קולטורן אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער נייער וועלט.

## ב.

וואָס אייגנטלעך פאַרשטייט מען אונטערן באַגריף „אויסטראַלישע ליטעראַטור”? צי איז די אויסטראַלישע ליטעראַטור אַ זעלבשטענדיקע קולטור־שאַפונג, צי בלויז אַ לאָקאַלער אָפּצווייג פון דער ענגלישער ליטעראַטור? וועגן אָט דער פראַגע זענען דאָ חלוקי־דעות. ווען עס איז אין לאָנדאָן אין יאָר 1931 פאַרגעקומען אַן אויסשטעלונג פון אויסטראַלישע ביכער, האָט די „טיימס” קלאָר און אומצווייַדייטיק געשריבן:

„פון דער מאַסע מאַטעריאַל, וואָס מען רופט געוויינטלעך אויסטראַלישע ליטעראַטור, און פון די מוסטערן, וואָס מ'קאָן זען אין „אויסטראַלישן הויז”, איז אַמווינציקסטן אויסטראַליש דער טייל, וואָס פרעטענדירט אַממייסטן אויף ליטעראַטור.

ס׳איז אָן שום ספק א פּראָדוקט פון ענגלישן איינפלוס. כדי א ליטעראַטור זאָל זיין אויסטראַליש, דאַרף זי באַזיצן א צוגאָב פון נאָך קוואַליטעטן״.

דאָס איז זייער א כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג, באַזונדערס דער לעצטער זאַץ, וואָס רירט אָן די פראַגע פון קוואַליטעטן. אויך די אויסטראַלישע שרייבערס גופא, וואָס האָבן די פאַרשטענדלעכע אַמביציע צו זען די אויסטראַלישע ליטעראַטור, ווי אַן אומאָפּהענגיקן אויסטראַליש־נאַציאָנאַלן קולטור־פּראָדוקט און פּראָקלאַמירן ביי יעדער געלעגנהייט איר זעלבשטענדיקייט, אויך זיי זענען נישט אינגאַנצן זיכער ביי זיך וועגן די קוואַליטעטן, וואָס זייער שאַפן דאַרף האָבן, כדי צו זיין אמתדיק אויסטראַליש. עס זענען נישטאָ קיין פעסטע, שאַרף־געצייכנטע גרענעצן, וואָס טיילן פונאַנדער די אויסטראַלישע ליטעראַטור פון דער ענגלישער. און נישט בלויז בנוגע דער ליטעראַטור, נאָר אויך אין באַצוג צו באַזונדערע שרייבערס איז די באַצייכענונג אויסטראַליש זייער עלאַסטיש. אין דער אמתן: וואָס הייסט אַן אויסטראַלישער שרייבער? זאָל מען, למשל, נעמען די באַקאַנטע שריפטשטעלערין, הענרי הענדל ריטשאַרדסאָן. זי איז א געבוירענע אויסטראַליערין, אָבער זינט יאָרן לעבט זי און שאַפט אין ענגלאַנד, וואו מען באַטראַכט זי פאַר אַן אייגענער אין דער ענגלישער ליטעראַטור. אָבער גלייכצייטיק גילט זי אין אויסטראַליע פאַר אַן אמתע אויסטראַלישע שרייבערין. א פאַרקעטער פאַל — אַדאַם לינדסיי גאָרדאָן, וועלכער ווערט פאַררעכנט צו די וויכטיקסטע אויסטראַלישע דיכטער. ער איז געבוירן אין ענגלאַנד און אויפן דאָזיקן סמך האָט מען אים אין דער ענגלישער ליטעראַטור באַטראַכט ווי אַן אייגענעם ענגלישן שרייבער, און אָסקאַר ווײַלד האָט וועגן אים געשריבן ווי וועגן א כאַראַקטעריסטישן פאָרשטייער פון דער ענגלישער ליריק. די דאָזיקע טאָפּלטע אויסטראַליש־ענגלישע צוגעהעריקייט איז אַן אָפטע דערשיינונג אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. דער אויסטראַלישער שרייבער איז ענג פאַרבונדן מיטן ענגלישן שאַפן און ס׳איז שווער צו אַנטשיידן, וואו און ווען עס הויבט

זיך אָן און עס ענדיקט זיך זיין צוגעהעריקייט צו דער אויס־טראַלישער, אָדער ענגלישער ליטעראַטור. וואו ליגט די גרענעץ צווישן דיביידע ליטעראַטורן? וואָס זענען די סימנים, לויט וועלכע מ'קאָן שאַצן די אויסטראַלישקייט פון אַ שרייבער, און מיט וואָס פאַר אַ מאָס דאַרף מען מעסטן זיין שייכות צו דער אויסטראַלישער ליטעראַטור?

מיט אַזעלכע און ענלעכע פראַגעס באַשעפטיקט מען זיך זייער ערנסט אין די אויסטראַלישע ליטעראַטור־קרייזן, וואָרום די דעפיניציע פון אויסטראַלישקייט פון דעם באַזונדערן שריי־בער איז אויך די דעפיניציע פון דער אויסטראַלישער ליטע־ראַטור. פּראָפעסאָר מאָררים מיללער, איינער פון די וויכטיקסטע ליטעראַטור־פאָרשערס אין אויסטראַליע, ווידמעט אין זיין ווערק „די אויסטראַלישע ליטעראַטור" אַ באַזונדער קאַפּיטל דער פראַ־גע: „ווער זענען אויסטראַלישע שרייבערס?" ער באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע מיט גרויס אויספירלעכקייט און ברענגט ראיות פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, וועלכע איז אין די ערשטע סטאַדיעס פון איר אַנטוויקלונג געשטאַנען פאַר אַנאַ־לאָגישע פּראָבלעמען. מ'קאָן אָבער די אַנאַלאָגיע אָנווענדן נישט בלויז אין באַצוג צו אַמעריקע, נאָר בכלל צו אַלע לענדער פון דער נייער וועלט. דער פונדאַמענטאַלער אונטערשיד צווישן די ליטעראַטורן פון דער נייער און אַלטער וועלט ליגט קודם־כל אין דער שפּראַך. אין דער אַלטער וועלט געדייעט יעדע ליטע־ראַטור אין איר אייגענעם שפּראַכלעכן עלעמענט. אַזעלכע לענדער ווי סערביע און בולגאַריע, אָדער טשעכיע און דייטש־לאַנד זענען אין קלימאַט, אין לעבנס־שטייגער און אין כמה אַנדערע פּרטים אַ סך ענלעכער צו זיך, ווי עס זענען אויס־טראַליע און קאַנאַדע למשל. אָבער די דערמאָנטע איראָפּעאישע לענדער האָבן אייגענע שפּראַכן, וואָס האָבן זיך געשטאַלטיקט אין משך פון דורות און איינגעזאַפּט אין זיך די זאַפטן פון דער היימישער ערד. עס קומען דורך זיי צום אויסדרוק די דינסטע ניואַנסן פון רעגיאָנאַלער אייגנאַרטיקייט און זיי לייגן אַרויף אַן אייגענעם בולטן חותם אויף די ליטעראַטורן, וואָס שאַפן

זיך אין זיי. דער שרייבער האָט אין דער שפּראַך אַ פּאַרטיק געצייג, מיט וועלכן ער קאָן אוממיטלבאַר אַרויסברענגען די באַהאַלטנסטע קניטשעלעך פון זיין לאַנד און סביבה.

אַנדערש אָבער איז אויף די נייע קאָנטינענטן, וואו עס זענען נישטאָ קיין בולטע שפּראַכלעכע גרענעצן. איבער די ריזיקע שטחים פון צפון־אַמעריקע און אויסטראַליע דאָמינירט דאָס אייגענע ענגלישע לשון, פּונקט ווי שפּאַניש און פּאָרטו־גאַליש דאָמינירן אינם צענדליק לענדער פון צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע. די ליטעראַטורן אין די דאָזיקע לענדער אַנט־וויקלען זיך אין אַ שפּראַכלעכער אַטמאָספערע, אימפּאָרטירט פון דער פרעמד. זיי האָבן נישט דעם עכטן ספּעציפישן קלאַנג אַזוי ווי די ליטעראַטורן אין דער אַלטער וועלט. עס פעלט דער אוממיטלבאַרער אָרגאַנישער צוזאַמענהאַנג צווישן דער שפּראַך און באָדן. די ליטעראַטורן אין ביידע אַמעריקעס און אויס־טראַליע האָבן פאַר זיך געהאַט די שווערע אויפגאַבע צו אַקלי־מאַטיזירן דעם אימפּאָרטירטן שפּראַך־מיטל, אַריינצוטראָגן אין אים נייע טענער און ריטמען, צו פאַרהיימישן אים אין די עקזאָטישע לאַנדשאַפטן פון ווייטע קאָנטינענטן.

ס׳איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן וועגן אָט דעם פּראָ־בלעם מיט אַן אָנגעזעענעם אויסטראַלישן שריפטשטעלער, און תוך כדי דיבור האָב איך אים דערציילט וועגן אונזער יידישער ליטעראַטור, וואָס שאַפט זיך אין פּונקט פאַרקערטע באַדינ־גונגען. זי האָט איר אייגענע שפּראַך, יידיש, אָבער קיין לאַנד האָט זי נישט. דער שריפטשטעלער האָט זיך דערויף אָנגערופן:

— כ׳ווייס ווי שווער עס איז אייער יידישער גורל צוליב דעם, וואָס איר האָט נישט קיין אייגן לאַנד. פונדעסטוועגן בין איך אייך אַביסל מקנא. ביי דאָועלל אָ׳ריילי איז דאָ אַ דער־ציילונג, אין וועלכער ער שילדערט די פּיאָנערן, וואָס האָבן קאָלאָניזירט דעם אויסטראַלישן צפון. די געגנטן נאָענט צום ים האָבן זיי גערופן מיט ענגלישע נעמען, ווי: גלענברוק, דריפסטאָון, לאַקסלי. אָבער וואָס טיפער זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין, האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן דעם כישוף פון

דער אויסטראַלישער ערד און גענומען רופן די ווייטע, צעוואָר־פענע לאַגערן מיט ווילדע אויסטראַלישע נעמען: נאַררעמיני, מאַנדזשעריבאַר, באַלאַרינגאַר. אויך מיר, אויסטראַלישע שרייבערס, זענען אָפּטמאָל ווי יענע פּיאָנערן, ווען מיר ווילן זיך אַריינגראָבן אַביסל טיפער אין אונזער אויסטראַלישן מהות. דאָס זאַפּטיקע, היימישע ענגלישע לשון ווערט דעמאָלט אַזוי טרוקן און שטייף, אַז כאָטש נעם און שרייב „פּידזשין"־ענגליש.

דאָס אייגענע פּראָבלעם, אָבער פון אַן אַנדערן קוק־ווינקל, פון אַ קולטור־היסטאָרישן, ווערט אויך באַהאַנדלט פונם פריער־דערמאָנטן פּראָפעסאָר מאָררים מיללער אין זיין ווערק „די אויסטראַלישע ליטעראַטור". אַרומרעדנדיק די פּראַגע וועגן די אויסזיכטן און ווייטערדיקע מעגלעכקייטן פון ליטעראַרישן שאַפן אין אויסטראַליע, רירט ער אויך אָן די פּראַגע פון שפּראַך:

„מיר וויסן וואויל, וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער שניט עס איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אין ליטעראַטור־שפּייכלערס פון אייראָפּע, ווען די פעלקער האָבן פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַן אויסדרוקס־קראַפט עס ליגט אין דער איינגעבוירענער שפּראַך, און זיי האָבן זיך באַפרייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּראַך פון מיטלאַלטער — דעם לאַטיין פון די שולן. אויסטראַליע אָבער קאָן זיך נישט אָפּרייסן (פון ענגלישן לשון) אויפן זעלביקן אופן, יעדנפאַלס דערווייל נאָך נישט".

די ביידע אויבן־געבראַכטע מיינונגען קאָנען אפשר מאַכן דעם פאַלשן איינדרוק, אַז עס איז אין אויסטראַליע פאַראַן אַ געוויסע פאָרם פון אַ שפּראַכן־פּראָבלעם. דערפון איז להלוטין אָפּגערעדט. אויסטראַליע איז דורכאויס בריטיש און פלעגט מיט געטריישאַפט די בריטישע קולטור־טראַדיציע, וואָס איז דער סאַמע וויכטיקסטער און פונדאַמענטאַלסטער פאַקטאָר אין איר גייסטיקער געשטאַלטיקונג. אַ פאָלק אָבער קאָן נישט איבערטראָגן זיין קולטור־ירושה פון איין אָרט אויפן צווייטן, פּונקט ווי דער ווילדער אויסטראַליער פירט אַ ברענענדיק

פּייער אין זיין שיפּל פון איין לאַנגער אין־אַנדערן. דאָס קולטור־פייער דאַרף מען תמיד אָנצינדן מיט ניי האָלץ אויף נייער ערד. דאָס איז געשען אין אַמעריקע, דאָס איז געשען אין אויסטראַליע.

איך האָב אונטערגעשטראָכן די אויבערשטע פּאָר שורות נישט אַזוי צוליב זייער אינהאַלט ווי צוליב זייער מחבר. זיי געהערן צו דער באַקאַנטער אויסטראַלישער שרייבערין, מאַר־דזשאָרי באַרנאַרד. פאַר אַ יידישן לייענער זענען אַזעלכע גע־דאַנקען כלל נישט ניי. מיר ווייסן וואויל, וואָס עס הייסט פאַר אַ פאָלק צו וואַנדערן מיט זיין קולטור־ירושה איבער לענדער און קאָנטינענטן. מיר איבן זיך שוין אין דער דאָזיקער עובדא איבער צוויי טויזנט יאָר צייט. זיי זענען אָבער זייער כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַ בריטישן מענטש, וואָס זיין קולטור און היס־טאָרישע טראַדיציע שטייען אויף דעם פעסטן פונדאַמענט פון די דאָווער־פעלזן. ער שפּירט אָבער, אַז זיין פעלזן־פעסטע ברי־טישע טראַדיציע הויבט זיך אָן צו קרישלען, ווען ער טראָגט זי איבער אויף אַ נייעם באָדן. באַזונדערס שאַרף פילט ער עס אָפּ אין אויסטראַליע, וואו אַלץ איז אַזוי אַנדערש פונם היי־מישן ענגלאַנד. די בראשיתדיקע אויסטראַלישע סטיכיע, די ענדלאָזע סטעפּעס פון זאַלץ־בוש און ספּיניפעקס־גראָז, די זאַ־וויערוכעס פון רויטן מדברדיקן זאַמד — דאָס אַלץ האָט אויף דעם ענגלישן איבערוואַנדערער אַרויפגעלייגט אַ טיפן חותם, אַריינגעטראָגן אין זיין קילן נאָרדישן געמיט אַ הייסערן ריטם. דאָס נייע לאַנד האָט אים איבערגעפּורעמט און אויך די דורותדיקע קולטור־ירושה, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון זיין ענגליש מוטערלאַנד האָט אייניקוויז זיך גענומען ענדערן, אָננעמען אויסטראַלישע אייגנאַשאַפטן און אַריינצו־פּאַסן זיך אין דער אויסטראַלישער לאַנדשאַפט אריין.

אָט דער בהדרגהדיקער גילגול פונם ענגלישן איבער־וואַנדערער אין אַ ספּעציפישן אויסטראַלישן טיפּ, דער טיפער איבערברוך אין זיין בריטיש געמיט אונטערן איינפלוס פון דער־

אורטימלעכער אויסטראַלישער סטיכיע, און בכלל דער גאַנצער קאָמפּלעקס פון די טיפע נשמהדיקע פּראָצעסן, וואָס האָבן אויסגעשטאַלטיקט דעם אויסטראַלישן קיבוץ, האָבן זיך אויף אַ קלאָרן, אוממיטלבאַרן אופן אָפּגעשפּיגלט אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. זי האָט צוזאַמען מיטן קיבוץ אַדורכגעמאַכט די אַלע אומוואַנדלונגען, פון וועלכע עס האָט זיך אויסגעוויקלט דאָס אויסטראַליע, וואָס מיר האָבן היינט.

## ג.

פון די פאַרשידענע טענדענצן, וואָס דאָמינירן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, טרעטן אַמבולטסטן אַרויס: פּיאָנערישע טראַדיציע און דעמאָקראַטישע איינשטעלונג. פּיאָנערישע מאָטיוון זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר די ליטעראַטורן אין אַלע קאָלאָניזאַציע־לענדער, אָבער אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור טרעטן זיי אַרויס מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט. די סיבה דערפון ליגט אפּנים אין דער אַנדערשקייט פון דער אויסטראַלישער נאַטור מיט אירע אויסטערלישע היות און געוויקסן און בראשיתדיק־ווילדער לאַנדשאַפט. עס שטעקט אין דער אויסטראַלישער נאַטור עפּעס אַן אורטימלעכער סטיכישער כוח, וואָס לאָזט זיך נישט איינבערעבן און פאַרהיימישן, און נאָך 150 יאָר קאָלאָניזאַציע שטייט פאַר איר דער ווייסער מענטש נאָך אַלץ אין דער בחינה פון אַ פּיאָנער, וואָס ראַנגלט זיך מיט אומבאַצוואונגענע נאַטור־כוחות.

אָט דער געראַנגל שפּיגלט זיך שאַרף אָפּ אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. שוין די ערשטע שרייבערס פון דער צייט, ווען דאָס לאַנד איז נאָך געווען אַן ענגלישע פאַרשיקונגס־קאָלאָניע, ווי סייווערי און ראָוקראַפט, שילדערן אין זייערע ווערק די ווילדקייט פון דער אויסטראַלישער נאַטור. אין זיינע „דערציילונגען פון די קאָלאָניעס" (דערשינען אין 1843) מאָלט ראָוקראַפט אַ קלאָר, הגם קינסטלעריש רוי, בילד פון דעם לעבן פון די ערשטע קאָלאָניסטן. ער דערציילט וועגן בושפייערן, וועגן איבערפאַלן פון ווילדע אויסטראַליערס אויף די־

זוייסע זידלונגען, וועגן די שווערע נסיונות פון די ערשטע פּיאָנערן. אויך די שפּעטערדיקע שרייבערס פונם אַזוי גערופענעם קאָלאָניאַלן פּעריאָד שטרייכן נאָכאַנאַנד אונטער די אומגע־צוימטע ווילדקייט פון דער אויסטראַלישער נאַטור. די ליטע־ראַטור פון יענער צייט ברענגט צום אויסדרוק דאָס געפיל פון קאָנטראַסט צווישן דעם מילדן און געמיטלעכן ענגלאַנד און דער אומהיימלעכער, בראשיתדיקער סטיכיע פון אויסטראַליע. באַזונדערס בולט ווערט דער דאָזיקער קאָנטראַסט אַרויסגע־בראַכט אין דער דעמאָלטיקער פּאָעזיע, וואָס איז פול מיט שטי־מונגען פון אומעט און בענקשאַפט. דער דאָזיקער פּעריאָד ווערט ריכטיק באַצייכנט אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור־געשיכטע אַלס דער פּעריאָד פון די „גלות־פּאָעטן". זייערע וויכ־טיקסטע פאָרשטייערס זענען הענרי קענדעלל (1839—1882) און אַדאַם לינדסיי גאָרדאָן (1838—1870).

צוגלייך מיט דער געשריבענער ליטעראַטור, וואָס איז געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די ענגלישע ליטעראַטור־טראַדיציעס, האָט זיך געשאַפן אַ גאַנץ אַנדערער מין ליטע־ראַטור, וואָס איז דירעקט אַרויסגעוואַקסן פון דער אויסטראַ־לישער רוי־ערד. דאָס איז געווען אַ פאָלקס־ליטעראַטור פון לעגענדעס און לידער, וואָס אומבאַקאַנטע, אַנאָנימע מחברים האָבן געשאַפן אויף די פאַרמס אין הינטערלאַנד, אויף די ווילדע שטעגלעך אין דער געדיכטעניש פון בוש. אַרום ביי־נאַכטיקע לאַגער־פייערן, אין די ביר־שענקען פון די פאַרוואָר־פענע פאַרם־ און גאָלד־שטעטלעך האָבן זיך וואַנדערנדיקע שעפּסן־שערערס, גאָלד־זוכערס, פי־טרייבערס און טרעמפּס דער־ציילט מעשיות, פאַרצויגן אַ לידל, און אָט די ספּאָנטאַנע שאַ־פונגען, וואָס די אויסטראַלישע ערד האָט זיי געבוירן, זענען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, געוואַנדערט איבער דער לענג און ברייט פון קאָנטינענט, און איינציקווייז אָנגעהויבן אַריינ־צודרינגען אויך אין דער געשריבענער ליטעראַטור. עס איז אויפגעקומען אַ גרופּע שרייבערס אונטער דער אָנפירערשאַפט פון א. פ. אַרטשיבאַלד, רעדאַקטאָר פון באַקאַנטן סידנעיער

„ביולעטין”, וואָס האָבן אין זייערע שאַפונגען געגעבן אַ קינסטלערישן תיקון אָט דעם פּאָלקלאָר פון הינטערלאַנד. די דיכטערס פון דער „ביולעטין”־גרופּע, ווי „באַנדזשאָ” פּע־מערסאָן, אגילווי א. אַנד. האָבן געשאַפן אַן אייגנאַרטיקן ליטע־ראַטור־זשאַנר, די בוש־באַלאַדע. די בוש־באַלאַדע איז געווען דער ערשטער פּראָדוקט פון זעלבשטענדיקן אויסטראַלישן שאַפן. אירע דיכטערס האָבן, אין קעגנזאַץ צו די „גלות־פּאָעטן”, האָ־פּערדיק פּראָקלאַמירט זייער אויסטראַלישקייט. מיט זייער קו־מען אויף דער אַרענע איז די אויסטראַלישע ליטעראַטור אַרויף אויף אַ נייעם וועג. זי האָט זיך באַפרייט פון איר קאָלאָניאַלן כאַראַקטער און אָנגעהויבן אָננעמען אַן אייגענע נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע.

אויך די פּראָזע, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַריינצוזאַפּן אין זיך דעם פאָלקסטימלעכן שטייגער פון די בוש־לעגענדעס און איבערצונעמען די ווערטלעך און די אידיאָמאַטישע אויס־דרוקן פון אויסטראַלישן פאָלקס־מויל, האָט זיך פאַרקערעוועט אויף אַ נייעם וועג. אָנשטאָט די לאַנגע ראָמאַנען מיט אַ פאַר־וויקלטן סיפּור המעשה, מיט אויסטערלישע געשעענישן און ראָמאַנטישע געשטאַלטן פון העלדישע „בוש־ריינדזשעס” (אויס־טראַלישע בוש־באַנדיטן) און קאַטאָרזשניקעס, ווי עס זענען געווען די ווערק פון באָלדערוואוד, קלאַרק, איז אויפגעקומען די כאַראַקטעריסטיש־אויסטראַלישע קורצע דערציילונג. סיי אין פאָרם און סיי אין אינהאַלט איז זי אַן אייגנאַרטיקער אויס־טראַלישער פּראָדוקט. זי דערמאָנט מיט איר לויזער קאָנסטרוק־ציע און אינטימען שמועס־טאָן אָן די מעשיות, וואָס מ׳דער־ציילט זיך אַרום די לאַגער־פייערן ביינאַכט אין בוש, אָדער ביי אַ גוט־ברודעריש גלאָז ביר ביים טרינק־טיש אין אַ שענק ערגעץ אין דער „קאַנטרי”. דער מייסטער פון אָט דעם מין דער־ציילונג איז געווען הענרי לאָוסאָן.

לאָוסאָן (1867—1922) איז איינער פון די מערקווירדיק־סטע שרייבערס אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. ער איז געווען אַן אמתער אויסטראַלישער פאָלקס־מענטש, אויסגעוועזן

וואו אויסטראַליע האָט אַן עק און זיך תמיד געדרייט צווישן פּראָסטן פֿאָלק, געווען אַ גוטער ברודער מיטן פּשוטן עולם. ער האָט געקאָנט אַדורך און אַדורך אויסטראַליע און דעם אויסטראַלישן מענטש, פֿונם פּי־טרייבער אויף די ענדלאָזע פּליינען אין קווינסלענד ביזן לומפּן־פּראָלעטאַריער פֿון די ענגע סידנעיער הינטער־געסלעך. ער האָט זיי אַלע געשילדערט אין צענדליקער דערציילונגען, באַזונגען זייער גורל אין לידער מיט אַ טיפֿער ליבשאַפֿט און זעלטענער אויפֿריכטיקייט. ער איז געווען אַ בעל־מום, אַ טויבער, אָבער קיינער פֿון די אויסטראַ־לישע שרייבערס האָט נישט געהאַט אַזאַ גוט אויער פֿאַרן ריטם און כאַראַקטער פֿון אויסטראַלישן רעדנס־אַרט. זיין שרייבן האָט געשפּילט מיט אַלע חנען פֿונם אויסטראַלישן „סלענג", וועלכן ער האָט, פּונקט ווי מענדעלע דאָס יידישע מאַמע־לשון, דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה פֿון נאַציאָנאַל־קינסטלערישן אויסדרוק. כאָטש לאָוסאָן איז געקומען אין דער ליטעראַטור נאָך קנאַפּע הונדערט יאָר פֿון שריפֿטשטעלערישן שאַפֿן אין אויסטראַליע, איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַוועק־געשטעלט די היימישע ליטעראַטור אויף אירע אייגענע פֿיס. ער האָט מיט זיינע דערציילונגען אַריינגעבלאָזן אין דער אויס־טראַלישער פּראָזע אַ פֿרישן, לעבעדיקן אָטעם. ער האָט איר געגעבן אַן אייגנאַרטיקן אויסטראַלישן פּנים און אַ כאַראַקטע־ריסטישע דערציילערישע פֿאָרם. די אָפֿענע קאָנסטרוקציע און די אינטימע שמועס־פֿאָרם פֿון דער לאָוסאָנישער דערציילונג האָט אויך שטאַרק באַאיינפֿלוסט די געשטאַלטיקונג פֿונם אויס־טראַלישן ראָמאַן. דזשאָזעף פֿערפֿיס „אַזוי איז דאָס לעבן", וואָס ווערט באַטראַכט פֿאַר אַ קלאַסיש ווערק אין דער אויס־טראַלישער ליטעראַטור, באַשטייט פֿון לויז־געבונדענע בוש־דערציילונגען, אַדורכגעפֿלאָכטן מיט פּערזענלעכע דעראינערונ־גען און שמועסן וועגן שעקספּירן, געאָלאָגיע, פּאָליטיק. די נאַכלעסיקע קאָנסטרוקציע פֿון פֿערפֿיס ראָמאַן, זיין דרך־אגב־דיקער דערציילערישער טאָן און אויטאָביאָגראַפֿישע מאַניערע ווערט דורך דער קריטיק באַצייכנט ווי אַן אויסדרוק פֿון אויס־

טראַלישער אייגנאַרטיקייט און עכטקייט. אויך די ראָמאַנען פון רענדאָלף בענפאָרד, מיילס פרענקלין און פון אַ סך אַנדערע וויכטיקע אויסטראַלישע שרייבערס זענען פונם זעלבן כאַראַקטעריסטישן שניט.

לאָוסאָן האָט דער אויסטראַלישער ליטעראַטור געגעבן אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן אויסבליק. ביז אים האָבן די שרייבערס געזען אויסטראַליע דורך ענגלישע ברילן, אויפגעכאַפּט בלויז די עקזאָטיק פון לאַנד און געווען עמפּינדלעך אויף איר אַנדערשקייט לגבי דעם ענגלישן היימלאַנד. די בוש־באַלאַדיסטן פון „ביולעטין" האָבן מיט זייער דעמאָנסטראַטיווער פאָלקסטימלעכקייט אויסגעדריקט די ערשטע פרייד פון אַן אויפגעוואַכטן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און זיך פאַרשיכורט מיט דער אויסטראַלישקייט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די פאָלקס־שאַפונגען פון בוש. לאָוסאָן איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גענומען אויסטראַליע פשוט און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָן התנצלות און אָן איבערגעטריבענעם ווייזן מיטן פינגער: נאַט, זעט אונזער וואונדערלעך לאַנד! ער האָט געשילדערט אויסטראַליע און דעם אויסטראַליער אַזוי ווי זיי גייען און שטייען, און מיטן געזונטן אינסטינקט פון אַן אמתן קינסטלער אויסגעמיטן די שאַרפע פאַרבן פון עקזאָטישקייט און די אויפפאַלנדיקע אַנדערשקייט פון דער אויסטראַלישער נאַטור. ער האָט אין זיינע ווערק אַרויסגעבראַכט די נשמה פון לאַנד, דעם אינעווייניקסטן ריטם פון אויסטראַלישן לעבן.

לאָוסאָן האָט די יונגע אויסטראַלישע ליטעראַטור אַרויפגעפירט אויף דעם וועג פון אמתן נאַציאָנאַלן שאַפן, וואָס ווייזט דאָס אייביקע און אַלגעמיין־מענטשלעכע אין שפּיגל פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט. עס האָט זיך מיט אים אָנגעהויבן אַ תקופה פון שטאַרקן פונאַנדערבלי אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. עס האָבן זיך גענומען ווייזן ווערק פון ברייטערן פאַרמעסט, ווי די ראָמאַנען פון מיילס פרענקלין, באַרבאַראַ ביינטאָן, קעטרין פּריטשערד, וועלכע האָבן געגעבן ברייט־אַרומנעמענדיקע שילדערונגען פון דער אויסטראַלישער ווירק־

לעכקייט און געוויזן דער וועלט גישט בלויז דאָס אויסערלעכע פּנים, נאָר אויך דאָס וואַרעמע, צאַפּלדיקע האַרץ פונם ישוב. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט די טרילאָגיע „די מזלות פון ריטשאַרד מאַהאָני" פון דער באַקאַנטער שרייבערין מיטן מענערישן פּסעוודאָנים הענרי הענדל ריטשאַרדסאָן. די טרילאָגיע נעמט אַרום דעם פּעריאָד פון די פופציקער יאָרן, די צייט פון גאָלדפיבער אין באַלאַראַט, ביז די אַכציקער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דער דאָזיקער פּעריאָד איז געווען דער פאַמע שטורמישסטער אין דער אויסטראַלישער געשיכטע, אָבער ריטשאַרדסאָן שטרייכט קוים אונטער אין איר ווערק דעם היסטאָרישן הינטערגרונט און שילדערט ווינציק דעם אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער פון יענער טשעקאַווער עפּאָכע. איר קינסטלערישע אויג איז אָנגעשטעלט בעיקר אויף די מענטשן, וועלכע זי ברענגט אַרויס, און אויף זייערע איבערלעבונגען. די וויכטיקייט פון דער טרילאָגיע באַשטייט אין די גלענצנדיקע פּסיכאָלאָגישע אַנאַליזן און טיפן אַריינבליק אין מענטשלעכן כאַראַקטער.

אויך וואַנס פּאַלמער איז אַ שרייבער מיט אַ טיפן פּסיכאָלאָגישן אַריינבליק אין דער נשמה פון מענטש. אין זיינע ראָמאַנען: „דער מאַן האַמילטאָן", „די פאַמיליע סוויין", „מענטשן זענען מענטשלעך" שילדערט ער אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטן און לייגט דעם טראָפּ אויף אינעווייניקסטער מענטשלעכער איבערלעבונג. פּאַלמער האָט אויך צוזאַמען מיט די שרייבערס פון דער נאָך־לאָוסאָנישער תקופה, ווי די פּראָזאַיקער נאָרמאַן לינדסיי, קעטרין פּריטשערד, און די דיכטער קרים ברענגען, בערנאַרד אָ'דאָוד א. אנד. אַריינגעטראָגן אין דעם אויסטראַלישן שרייבן מער פאַרביקייט און פאַרשידנאַרטיקייט פון פאָרם און סטיל. לאָוסאָן און די „ביולעטין"־גרופּע האָבן אין זייערע ווערק געזוכט קודם־כל צו ברענגען צום אויסדרוק די קאָלעקטיווע אַספּעקטן פון דער אויסטראַלישער ווירקלעכקייט און צו געבן דער אויסטראַלישער ליטעראַטור אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. דער דור שרייבערס נאָך לאָוסאָ־

נען איז שוין געווען מער אינדיווידואַליסטיש. זיי האָבן דאָס קינסטלערישע אויג אָנגעשטעלט מער אויפן יחיד, אויף דער אינדיווידועלער איבערלעבונג און אין זייער שאַפן שאַרפער אונטערגעשטראָכן קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט. די אויס־טראַלישע ליטעראַטור איז טאַקע דורך זיי געוואָרן פילפאַרבי־קער און פאַרשידנאַרטיקער אין אויסדרוק און אין פאָרם.

די אויסטראַלישע ליטעראַטור ביים היינטיקן טאָג שטייט אונטערן איינפלוס פון דער סאָציאַל־רעאַליסטישער שיטה. אַ דאַנק דעם דאָזיקן איינפלוס באַמערקט זיך ביי די יינגערע שרייבערס אַ קענטיקער צוריקקער צו דער לאָוסאָנישער טראַ־דיציע. זיי האָבן צוריק אַריינגעפירט אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור די פשוטע שפּראַך, אַזוי ווי דאָס פאָלק רעדט. אויך די טעמאַטיק שעפּן זיי פון פשוטן, טאָג־טעגלעכן מאַסן־לעבן, און אין זייער שאַפן דאָמינירן, פּונקט ווי ביי לאָוסאָנען, די קאָלעקטיווע אַקצענטן אויפן חשבון פון יחידישער איבערלע־בונג. עלען מאַרשאַל און גייווין קעיסי זענען כאַראַקטערים־טישע פאָרשטייערס פונם יינגערן דור אויסטראַלישע שריי־בערס.

די אויסטראַלישע ליטעראַטור האָט, ווי מיר זעען, אַדורכ־געמאַכט פאַרשידענע עטאַפּן אין איר געשיכטע. איר וועג איז געווען אַ זיגזאַגישער און פאַרשידענע פאַקטאָרן האָבן אויף איר געווירקט אין פאַרשידענע צייטן. אָבער איין עיקר־דיקער פאַקטאָר — דער פּיאָנערישער — גייט ווי אַ רויטער פאָדים אַדורך דורך דער גאַנצער לענג פון איר אַנטוויקלונג. ס'איז כמעט נישטאָ קיין איינציקער שרייבער אין אויסטראַליע, וואָס זאָל אין זיינע ווערק אויף דעם צי אַן אַנדערן אופן נישט אַרויסברענגען דעם מאָטיוו פון פּיאָנערישקייט, די פאַרמעס־טונג פון מענטש קעגן די רויע כוחות פון נאַטור. ס'איז כאַ־ראַקטעריסטיש, אַז דער דאָזיקער שטריך טרעט אַרויס אַמ־בולטסטן נישט אַזוי ביי די פריע אויסטראַלישע שרייבערס, וואָס האָבן מיטגעמאַכט די פּיאָנערישע צייטן, נאָר דער ווייסער מענטש האָט געשטעלט די ערשטע טריט אויפן נייעם קאָנטי־

גענט, ווי דווקא ביי די שרייבערס, וואָס האָבן שוין פאַר זיך געהאַט אַ באַוואוינט לאַנד און איינגעפונדעוועטע קיבוצים. הענרי לאָוסאָן און די שרייבערס פון דער „ביולעטין"־גרופּע האָבן ערשט אמתדיק און אוממיטלבאַר אַרויסגעבראַכט דעם גאַנצן פּאַטאָס פון פּיאָנערישן געראַנגל, מיט וועלכן עס איז אַדורכגעדרונגען די געשיכטע פון אויסטראַלישן ישוב. אין די ווערק פון לאָוסאָן, דזשאָזעף פערפי, מיילס פרענקלין, באַרבאַראַ ברייגטאָן ווערט דער אויסטראַלישער מענטש נאָכאַנאַנד אָפּ־געשפּיגלט אויפן פאָן פון בוש און פון די ענדלאָזע שטחים טיף אין לאַנד, וואו די נאַטור־סטיכיע בושעוועט אומבאַצוואונ־גען און ווילד. אויך די מאָדערנע שרייבערס, ווי: פּאַלמער, דייוויסאָן, פּריטשערד, קיילי טענענט, קסייוויער הערבערט, גייווין קעיסי ווענדן כסדר אַוועק זייער בליק פון דעם רוישיקן לעבן אין דער גרויסער שטאָט, וואו עס איז קאָנצענטרירט דער גרעס־טער טייל פון דער אויסטראַלישער באַפעלקערונג, און מאָלן נאָכאַנאַנד אין זייערע ווערק דאָס ווייטע, פּוסטע הינטערלאַנד, וואו דער פּי־טרייבער, דער וואַלד־העקער און דער „סעלעקטאָר" (אַ פאַרמער אויף נישט קולטיווירטן קרוין־לאַנד) פירן אַן אומ־גלייכן, ביטערן קאַמף אַנטקעגן די עלעמענטן.

עס שטעלט זיך טאַקע די פראַגע: צי גייט די אויסטראַלישע ליטעראַטור אויפן ריכטיקן וועג? די אויסטראַליערס זענען אין זייער גרעסטער מערהייט שטאָט־מענטשן, און בלויז אַ קליינער טייל פון זיי לעבט אויפן לאַנד. אין דער גרויסער שטאָט וויקלט זיך פונאַנדער דאָס היינטצייטיקע לעבן מיט די אַלע פּלאָנטער־נישן און קאָנפליקטן, וואָס דער מאָדערנער שרייבער דאַרף באַלייכטן און פאַרענטפערן. צי אַנטלויפט נישט דער אויסטראַ־לישער שרייבער פון דער ווירקלעכקייט, צי טוט ער זיין שרייַ־בערישע פליכט, האַלטנדיק זיך כסדר ביי דער טעמאַטיק פון בוש?

אויף אָט דער פראַגע גיט די שוין פריער ציטירטע שרייבערין מאַרדזשאָרי באַרנאַרד פאָלגנדיקן ענטפער: „אונזער ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן און זיך געצאָוועט אין בוש.

מיר דענקען וועגן דעם טיפּישן אויסטראַליער, ווי פון אַ בוש־מענטש. דאָס איז דערפאַר, ווייל אונזערע שטעט זענען נישט אַנדערש פון די גרויסע שטעט איבער גאָר דער וועלט, אָבער אונזער בוש איז איינציקאַרטיק. עס איז דער בוש, וואָס שפּייזט און סטימולירט אונזער פאָלקס־פאַנטאַזיע, אפילו ווען מיר האָבן אים נישט פאַר די אויגן.

עס בעט זיך ממש אַן אַנאַלאָגיע צווישן דער יידישער ליטעראַטור מיט איר טעמאַטיק פון קליינשטעטל און דער אויס־טראַלישער ליטעראַטור מיט איר טעמאַטיק פון בוש. די ווער־טער פון באַרנאַרד פאַרענטפערט אויך די טענות, וואָס מען האָט אָפטמאָל צו אונזער יידישער ליטעראַטור, הלמאי זי שטייט נאָכאַנאַנד מיטן פּנים צום קליינעם שטעטל. אינם שטעטל איז דער טיפּיש־יידישער שטייגער און כאַראַקטער געקומען פולבלוטיק און גאַנץ צום אויסדרוק, פּונקט ווי דער אויסטראַלישער שטייגער און כאַראַקטער אין בוש.

ד.

אַ צווייטער עיקרדיקער שטריך אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור איז איר דעמאָקראַטישער כאַראַקטער. פּיאָנעריש־קייט און דעמאָקראַטישקייט זענען גלייך געווען אָנגעמערקט שוין אין די סאַמע פריע שפּראָצונגען פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן נאָך אין די ציַיטן, ווען דאָס לאַנד איז געווען אַן ענגלישע שטראָף־קאָלאָניע. ס'איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז פון די ערשטע פּיאָנערן פון ליטעראַרישן שאַפן אין אויסטראַליע זענען געווען פאַר־שיקטע, ווי מייקל ראָבינסאָן און הענרי סיוועריי. דאָס ווייזט, אַז די ערשטע שעפערישע אימפּולסן זענען געקומען פון סאַמע אונטן, פון אַ דערנידעריקטער און פאַרשטויסענער סביבה. דער אָנהויב פון דער אויסטראַלישער ליטעראַטור איז אין איר אורשפּרונג געווען אַ מאַניפעסטירונג פון דעמאָקראַטישן ווילן. די ווערק פון די פריע אויסטראַלישע שרייבערס, ווי „דער פרוש פון וואַן־דימענס לאַנד" פון אויבנדערמאָנטן סיוועריי,

אָדער טשאַרלז ראוקראָפטס „מעקברענדראָן דער קאַטאָרזשניק" האָבן געשילדערט דעם שווערן גורל פון די פאַרשיקטע און זענען געווען פול מיט פּראָטעסט קעגן אומגערעכטיקייט און אונטערדריקונג. קיין גרויסן קינסטלערישן ווערט האָבן נישט די דאָזיקע ווערק, אָבער זיי האָבן אַ באַדייטונג דערמיט, וואָס אין זיי זענען בולט אָנגעצייכנט די דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווע טענדענצן, לויט וועלכע עס האָט זיך געשטאַלטיקט די אויס־טראַלישע ליטעראַטור.

מיט דער קאַטאָרגע־עפּאָכע מאַכט מען זיך אין די אָפי־ציעלע און געזעלשאַפטלעכע קרייזן אַ קנאַפּן צימעס. מען שעמט זיך מיט דעם נישט־יחוסדיקן אָנהויב פון דער אויסטראַלישער געשיכטע, און די פאַרבליבענע דאָקומענטן פון יענער צייט, וועלכע קאָנען וואַרפן אַ פּגם אויפן אָפּשטאַם פון אַ סך פירנ־דיקע נעמען אין דער אויסטראַלישער געזעלשאַפט, ליגן טיף פאַרשטעקט אין די מלוכהשע ארכיוון, מען ברענגט זיי קיינמאָל נישט אויף דער ליכטיקער שיין. פאַר די אויסטראַלישע שריי־בערס אָבער האָבן די קאַטאָרגע־צייטן אַ באַזונדערן רייץ. עס אימפּאָנירט זיי דאָס הערויאישע און דאָס טראַגישע פון יענער עפּאָכע, אויף דער קאַנווע פון וועלכער עס לאָזן זיך שטאַרק אויסשפּילן די מאָטיוון פון סאָציאַלן יושר און פון קאַמף קעגן אונטערדריקונג.

די קאַטאָרגע־טעמאַטיק איז טאַקע ברייט אויסגענוצט גע־וואָרן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. פון די צאָלרייכע ווערק, אין וועלכע עס איז געשילדערט געוואָרן יענע עפּאָכע, פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט דער ראָמאַן פון מאַרקוס קלאַרק „פאַרמשפּט אויפן גאַנצן לעבן". דער ראָמאַן איז דערשינען אין 1870, אָבער ער איז ביזן היינטיקן טאָג געבליבן איינס פון די שטאַרקסטע און אַממייסטן געלייענטע ווערק אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. עס איז אַ ראָמאַנטישע געשיכטע פון אַן ענגלישן אַריסטאָקראַט, וועלכן מ'האָט אומשולדיק פאַר־שיקט אויף אייביקער קאַטאָרגע קיין טאַסמאַניע, און אויפן דאָזיקן פאָן שילדערט קלאַרק מיט שטאַרקע פאַרבן די גרויזאַמע

באהאנדלונג פון די פּאַרשיקטע מצד דער קאָלאָניאַלער אדמי־ניסטראַציע. עס איז אַ ווערק, פון וועלכן עס שרייט אַרויס דער פּראָטעסט קעגן מענטשלעכער אונטערדריקונג און ברוטאַלער מאַכט, און עס דערמאָנט אין אַ סך פּרטים וויקטאָר הוגאָס „לע מיזעראַבל".

פון די שפּעטערע שרייבערס, וואָס האָבן באהאנדלט די קאַטאָרגע־עפּאָכע, פאַרדינען באַזונדערס דערמאָנט צו ווערן: פּריים וואָראַנג, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט פינף בענדער דערציילונגען פון קאַטאָרגע־לעבן; דזשיימס ברענטאָן סטי־פענס, פירנדיקער דיכטער פון דער „ביולעטין"־גרופּע און מחבר פון דער עפּישער פּאָעמע „אַ קאַטאָרזשניק אמאָל", און דער שרייבער פון דער יינגערער גענעראַציע, ברייען פענטאָן, וועלכער האָט אין זיין ראָמאַן „לאַנד־דעראָבערערס" געשיל־דערט די אומברחמנותדיקע עקספּלאָאַטאַציע פון די פּאַרשיקטע בעת דער קאָלאָניזירונג פון קווינסלענד.

אַ צווייטער באַליבטער מאָטיוו אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור איז דאָס פּראָבלעם פון די „אַבאָרידזשינס", די ווילדע אויסטראַלישע אור־איינוואוינערס. אויך דער דאָזיקער מאָטיוו ברענגט צום שטאַרקן אויסדרוק דעם דעמאָקראַטישן און סאָציאַל־פּראָגרעסיוון גייסט, מיט וועלכן עס איז אַדורכ־געדרונגען דאָס אויסטראַלישע שרייבן. די מאַסנווייזע פאַר־ניכטונג און די דעגענעראַציע פון די אַבאָרידזשינס, וואָס די ווייסע קאָלאָניזאַציע האָט גורם געווען, איז מיט אַ טיפן מענטש־לעכן סענטימענט און אַ סך פאַרשטענדעניש אָפּגעשפּיגלט גע־וואָרן אין אַ רייע ווערק. דער אויסטראַלישער שרייבער טרעט נישט בלויז אַרויס אַלס פּאַרטיידיקער פון די שוואַרצע, נאָר ער באַמיט זיך אויך אַריינצודרינגען אין זייער אייגנאַרטיקער פּרימיטיווער פּסיכאָלאָגיע און אוועקצושטעלן דאָס פּראָבלעם פון שוואַרץ־ווייס אַלס פּראָבלעם פון מענטשלעכער גלייכקייט און ברידערלעכקייט. אַז מ'לייענט קעטרין פּריטשערדס הייס־אָטעמדיקן, פּאַטעטישן ראָמאַן „קונאַרדו", צי די האַרציקע שילדערונגען פון ענעאָס גאַן „די שוואַרצע פּרינצעסין" און

„מיר פון נעווער־נעווער לאַנד”, אָדער ק. הערבערטס ברייט־פּאַרמאָסטענעם ראָמאַן „קאַפּיקאָרניאַ”, זעט מען מיט וויפיל ערנסטקייט און ליבשאַפט די אויסטראַלישע שריפטשטעלערס גייען צו צום אָנגעווייטיקטן פּראָבלעם פון די אַבאָרידזשינס. די טראַגעדיע פון די קאָלירטע ראַסן, וואָס זענען צעטראָטן געוואָרן אונטער די אומברחמנותדיקע טריט פון דער ווייסער קאָלאָניזאַציע אויף די נייע קאָנטינענטן, איז אין דער אויס־טראַלישער ליטעראַטור אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אַזוי אמתדיק־נאַקעט און מיט אַזאַ טיף־מענטשלעכער פאַרשטענדעניש, וואָס איז שווער צו געפינען אין וועלכער עס איז אַנדערער ליטע־ראַטור פון די נייע־וועלט־לענדער.

ס'איז אָן שום ספק, אַז די אייגנאַרטיקע געשיכטלעכע אַנטוויקלונג פון אויסטראַליע, די טיפע פּאָליטישע און סאָ־ציאַלע אויפטרייסלונגען, וואָס דאָס לאַנד האָט אַדורכגעמאַכט צוערשט אַלס פאַרשיקונגס־קאָלאָניע און דערנאָך אַלס אַ קאָלאָ־ניאַלע פּראָווינץ, האָבן צוגעגעבן דער ליטעראַטור אַ פּראָגרע־סיוון קעמפערישן כאַראַקטער. דער „יוריקאַ”־אויפשטאַנד פון די גאָלד־גרעבערס אין באַלאַראַט, די גרויסע שטרייקן, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד אין די אַכציקער יאָרן, די קאַמפּן פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסטבאַשטימונג האָבן אינספּי־רירט דעם אויסטראַלישן שרייבער מיט אידייען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. קענדעלל, דער „זיידע” פון דער אויסטראַלישער דיכטונג, האָט געחלומט פון סאָציאַלער אוטאָפּיע און געגלויבט, אַז זי וועט פריער ווי אומעטום מקוים ווערן אויפן נייעם קאָנ־טינענט. דזשאָזעף פערפי האָט אין זיין ראָמאַן „אַזוי איז דאָס לעבן” געשריבן: „עס איז פאַראַן פון ערשטער מדרגה צו טאָלערירן סאָציאַלע אומגלייכקייט”.

בעיקר אָבער זענען די אידייען פון סאָציאַלער גערעכ־טיקייט און מענטשלעכער ברידערלעכקייט געקומען צום אויס־דרוק אין די ווערק פון הענרי לאָוסאָן. זיינע לידער און דער־ציילונגען אָטעמען מיט ליבשאַפט צו אָרעמע און פאַרשטוי־סענע. זיין קינסטלערישע פּערזענלעכקייט דערמאָנט שטאַרק

אַן גאָרקין. ער האָט קינסטלעריש פאַרקערפערט דעם אויסטראַ־לישן „נאַ דניע", די טרעמפּן, וואָס שלעפּן זיך אַרום אויף די ווייטע שטחים פון אויסטראַלישן הינטערלאַנד מיטן שלאָף־זאַק אויף די פּלייצעס און מיטן טראַדיציאָנעלן בלעכערנעם קענדל, דער „בילי", אין דער האַנט, און די חושבדיקע פּראָ־לעטאַרישע מאַסן פון די אָרעמע גרויסשטאָטישע הינטער־גאַסן. ער האָט דעם פּראָסטן מענטש, דעם שעפּסן־שערער, דעם קליינעם פּאַרמער פון די „סעלעקציעס" און דעם שטאָטישן פּראָלעטאַריער אָפּגעגעבן דעם אויבנאָן אין זיינע לידער און דערציילונגען. ער איז געווען אַ רעאַליסט, דער ערשטער אמתער רעאַליסט אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור, און האָט גע־געבן דער אידייע פון יושר און גלייכקייט אַ רעאַלן אויסבליק, אַוועקגעשטעלט זי אויף דער ברייטער סאָציאַלער באַזע פון אויסטראַלישן מאַסן־לעבן.

לאָוסאָנס אַפּאָטעאָזע פונם פּשוטן מענטש, זיין טיף געפיל פאַר יושר און גלייכקייט זענען געוואָרן טראַדיציע אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור. ס'איז שווער אָנצואווייזן אויף אַן אויסטראַלישן שרייבער, וועלכער זאָל האָבן פאַרראַטן די דאָ־זיקע טראַדיציע. אדרבא, די דעמאָקראַטישע אידייע ווערט דורך די שפּעטערדיקע שרייבערס, ווי: פּערפּי, פּרענקלין, בעדפאָרד אַרויסגעבראַכט נאָך שאַרפער און קעמפערישער. אין זייערע ווערק ווערן שטאַרק אַקצענטירט פּראָבלעמען פון סאָציאַלן און פּאָליטישן כאַראַקטער. אפילו ביי די שרייבערס פון אינדי־ווידואַליסטישער איינשטעלונג, ווי וואַנס פּאַלמער, פאַרנעמען די סאָציאַלע מאָטיוון אַן אָנגעזעען אָרט אין זייער שאַפן. אַן אויס־געשפּראָכענעם פּראָלעטאַריש־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער טראָגן די ווערק פון קעטרין פּריטשערד, דזשין דעוואַני, גייווין קעיסי.

באַזונדערס שטאַרק קלינגען די סאָציאַלע אַקצענטן אין דער אויסטראַלישער דיכטונג. ס'איז גענוג אָנצוגעבן די נעמען פון אַזעלכע פּאָעטישע ווערק, ווי קעסידים „די פּראָסטע מענטשן", אַראַמסאָנס „די שבועה פון יוריקאַ", פּרענסיס אַדאַמס „די לידער פון דער אַרמיי פון דער נאַכט", בערנאַרד

אַ׳דאָודס „די אָרעמע בריגאַדע” און „פּראָלעטאַריאַ”, כדי צו זען ווי שטאַרק עס הילכן אָפּ די מאָטיוון פון סאָציאַלן קאַמף אין די שאַפונגען פון די אויסטראַלישע פּאָעטן.

אויב ליטעראַטור איז באמת דער גייסטיקער שפּיגל פון אַ פאָלק און נישט אַ פּאַפּירענע מלוכה פון פאַרוויילונג און צייט־פאַרטרייב, אַנטפּלעקן די אויסטראַלישע שרייבערס אין זייערע שאַפונגען אַ יונג, געזונט פאָלק, וואָס איז געהאַרטעוועט אינם ביטערן געראַנגל מיט דער רויער, בראשיתדיקער סטיכיע און וואָס שטרעבט אויפצובויען זיין לעבן אויפן יסוד פון גערעכ־טיקייט און מענטשלעכער ברידערלעכקייט. די צוויי עיקרדיקע עלעמענטן אין דער אויסטראַלישער ליטעראַטור — דער פּיאָ־נערישער און דער פּראָגרעסיוו־סאָציאַלער — זענען ענג געבונדן מיט זיך, פליסן אַרויס איינער פון צווייטן. אויף די ענדלאָזע פּוסטע שטחים פון ווילדן בוש, אין דעם אומברחמנותדיקן גע־ראַנגל מיט די עלעמענטן פילט יעדער מענטש אין צווייטן אַ פריינט, אַ ברודער אין גורל. אויף דער ווילדער אויסטראַ־לישער ערד איז אויפגעגאַנגען דאָס געפיל פון חברשאַפט, און מיט חברשאַפט אָטעמט אויך די אויסטראַלישע ליטעראַטור. די אידייע פון מענטשלעכער ברידערלעכקייט איז דער זאַפט, פון וועלכן זי ציט איר יניקה און וואָס גיסט זי אָן מיט געזונטן קינסטלערישן כוח. אויף אַזאַ ליטעראַטור קאָן מען לייגן גרויסע האָפנונגען, אַז זי וועט מיט דער צייט זיך דערשלאָגן צו אַ וויכטיקער פּאָזיציע אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אָבער שוין איצט, אין איר איצטיקן צושטאַנד, פאַרדינט זי אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט צוליב איר אייגנאַרטיקן אָרט צווישן די ליטעראַטורן אויף די נייע קאָנטינענטן. זי איז אַ מערקווירדיקער פּראָדוקט פון אַ דורותדיקער קולטור, אײ־בערגעפלאַנצט אין פרעמדער ערד, און מ׳קאָן פון איר אַ סך לערנען וועגן די פּראָצעסן, וואָס האָבן גייסטיק געפורעמט דעם מענטש פון דער נייער וועלט. פאַר די יידישע קיבוצים מעבר לים האָבן די דאָזיקע פּראָצעסן מער ווי אַן אַקאַדעמישן אינ־טערעס. זיי רירן טיף אָן אונזער קיום און אומדירעקט אפשר אויף דעם קיום פון גאַנצן יידישן כלל.

הענרי לאָוסאָן

# אַ וויזיט

— דאָ וואוינט ארווי, מומעשי?

— וואָסי?

— צו אַלדי גוטע יאָר! ר'קאָנט נישט ענטפערן גלייך, אַז מ'פרעגט אייך ווי אַ מענטש?

— ווי אַזוי רעדסטו צו מיר, דו לאָבוזדיק יינגל? טראָג דיך אָפּ פון דאַנען, אַנישט רוף איך פּאָליציי.

— אין דר'ערד מיט דער פּאָליציי! ווער פרעגט נאָך זיי? כ'דארף נאָר געבן אַ פּיפּס און אַהערברענגען מיינע יאַטן, און מ'צעטראָגט דיר די בודע אויף פּיץ־פּיצלעך, אַלטע קלעמפּע, וואָס דו ביסט! כ'האָב בלויז געפרעגט, צי ארווי וואוינט דאָ. טאַטע־פּאָטער! אַ מענטש טאָר שוין נישט פרעגן?

— וואָסערע געשעפטן האָסטו צו ארווין? קענסט אים?

— סע גוט געווען! ר'ארבעט דען נישט ביי די „ברידער גריינדער"? כ'האָב אָנגעלייגט אַ שטיק וועג, כדי אים צו טון אַ טובה. איצט פאַרדריסט מיך, וואָס כ'בין געקומען. כ'דארף עס נויטיק האָבן, מ'זאָל מיך אַזוי באַזידלען און באַשנידלען! (פּויזע). כ'וויל בלויז זאָגן ארווין, אַז אויב ר'וועט מאָרגן נישט קומען צו דער אַרבעט, כאַפּט אַ צווייטער יאַט אויס די שטעלע. מ'האָט ביי מיר נישט אָנגעטראָפן, כ'זאָל זען, ווי איין יאַט כאַפּט אויס ביים צווייטן אַ שטעלע, און כ'זאָל מיך נישט מאַכן וויסן. אייגנטלעך, וואָס איז דער מער מיט ארווין? ר'איז קראַנק?

— אַרווי איז געשטאָרבן!

— „קרייסט"! (פּויזע). לאָזט געמאַך! מיך ווילט איר

נעמען אויפן זיכער? זאָגט ארווין, אז ביל ענדערסאָן וויל זיך מיטן זען.

— גאָט מיינער! כ׳האָב וויניק מיינע אייגענע צרות, האָט עס נאָך אָנגעטראָגן עפּעס אַ יינגלטשינע, ווי דו, וואָס שיט מיר זאַלץ אויף די וואונדן! ווי גאָט איז דיר ליב, גיי דיר געזונטערהייט און לאָז מיך צורו. כ׳זאָג דיר דעם אמת, מיין אָרעם יינגל איז נעכטן ביינאַכט געשטאָרבן פון אינפלו־ענציע.

— נאַדיר גאָר!

דער אָפּגעריסענער וויים־חברהניק האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן, שטילן פייף, זיך אַרומגעקוקט איבער דעם שמאָלן געסל, אויסגעשפּיגן אַביסל טאַבאַק און געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, מומע־לעבן, כ׳האָב נישט געוואוסט, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן! ווי אַזוי האָב איך געזאָלט וויסן, אז ר׳נעמט מיך נישט אויפן זיכער?

ער האָט אַרויסגענומען די האַנט פון דער קעשענע און זיך געגעבן אַ קראַץ אין קאַרק. ער האָט דערביי פאַררוקט דעם הוט איבער די אויגן פּונקט אַזוי נידעריק ווי ער איז אים פריער געלעגן אויפן קאַרק, און גענומען בעת־מעשה באַטראַכטן די כאָליעוועס פונם רעכטן שוך. ער האָט איבערגעבויגן דעם פוס אויף אַ זייט און געבאַפּט אַ קרומלעכן קוק אויף דער זויל. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם פוס צו דער לינקער קני, אָנגענומען דאָס קנעכל מיט אַ שטאַרק פאַרברודיקטער האַנט און באַטראַכט די זויל מיט אַ בליק, גלייך ער וואָלט זיך געישובט, ווי לאַנג זי וועט נאָך אויסהאַלטן. נאָכדעם האָט ער יאושדיק אַ שפּיי געטון אויפן טראָטואַר און געזאָגט:

— מ׳קאָן אים זען?

ער איז איר נאָכגעגאַנגען אויף די צעפּאָרענע שמאָלע שטיגן מיט אַ וואוילעדישן טראָט, ווי איינער וואָס פייפט אויף דער וועלט. אָבער ווען ער איז אַריין אין צימער, האָט ער אַראָפּגענומען דעם הוט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און ס׳האָט אויסגעזען ווי ער־

וואָלט אָפּשאַצן דאָס ביסל דלות — ער האָט אים גוט געקענט, דעם דלות — און דערנאָך איבערגעפירט דעם בליק אויפן טויטן, וועלכער איז געלעגן אויף דער סאָפע. ביי דער זייט איז שוין געשטאַנען גרייט אַן אָרעמע טרומנע. ער האָט אָנגעקוקט די טרומנע מיט אַ מבינותדיק אויג, ווי אַ פאַכמאַן, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויף אַרווין, און דערנאָך ווידעראַמאָל אויף דער טרומנע, ווי ער וואָלט זיך געזשובעט, צי דער בר־מנן וועט דאָרט אַריין.

די מוטער האָט אָפּגעדעקט דאָס ווייסע, פאַרשפּיצטע פּנים פונם טויטן יינגל. ביל איז צו נענטער און זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער סאָפע. ער האָט ווי כלאחר־יד אַרויסגענומען די האַנט פון דער טאַש און זי אַרויפגעלייגט אויף אַרווינס אייז־קאַלטן שטערן.

— אָרעמער יאַט! — האָט ביל אַ מורמל געטון צו זיך, און תיכף, ווי ער וואָלט זיך געשעמט מיט זיין שוואַכקייט, געזאָגט:

— מ׳האָט אים נישט געפּאַלמעסט, האַ?

— ניין, — האָט זי געענטפערט, — אַ דאָקטאָר האָט אים געזוען אַ טאָג פריער — מ׳האָט אים נישט געפּאַלמעסט.

— כ׳האָב פאַרשטאַנען — האָט ביל געזאָגט — וואָרום אַ מענטש, אַז מ׳פּאַלמעסטן זעט ער אויס, ווי מ׳וואָלט אים וויי געטון. מיין טאַטע האָט לכתחילה אויסגעזען גאַנץ לייטיש פונקט ווי ר׳וואָלט גערוט — אָבער נאָכדעם ווי מ׳האָטן גע־עפּנט, האָט ער אויסגעזען ווי ס׳וואָלטן וויי געטון. קיינער האָט עס נישט געקאָנט זען, אָבער איך יאָ. ווי אַלט איז ער געווען, אַרווי?

— עלף.

— איך בין שוין אַלט צוועלף, ס׳גייט מיר שוין ס׳דרייצנ־טע. אַרווינס טאַטע איז שוין טויט, נישט אמת?

— יאָ.

— מיין טאַטע אויך. ר׳איז געשטאָרבן ביי דער אַרבעט, וואָס נישט?

— יאָ.

— מיינעג אויך. ארווי האָט מיר געזאָגט, אַז ר'איז גע־שטאָרבן פון עפּעס אַ האַרץ־פעלער?

— יאָ.

— מיינער אויך אַזוי. ס'איז קאָמיש, האַ? איר שייערט פּאָדלאָגעס און וואַשט וועש, נישט אַזוי?

— יאָ.

— מיין מאַמע אויך ס'אייגענע. ס'קומט אייך שווער אָן היינטיקע צייטן אויסצואַרבעטן ס'ביסל פּרנסה, נישט אמת?

— יאָ, ווי גאָט איז מיר ליב! איין גאָט ווייסט, וואָס כ'וועל איצט אָנהויבן צו טון, אַז מיין אָרעם יינגל איז מיר געשטאָרבן. כ'שטיי געוויינלעך אויף האַלב זעקס צו שייערן פּאָדלאָגעס אין עטלעכע קאַנטאָרן, און אַז כ'ווער דערמיט פאַר־טיק, הויבט זיך ערשט אָן אַ טאָג אַרבעט פון וואַשן וועש. און נאָך דעם אַלעם קאָן איך קוים אַן עק מיט אַן עק פאַרבינדן.

— מיט מיין מאַמען איז אויך דאָס אייגענע. כ'פאַרשטיי, ס'האָט אייך שווער געטראָפן, ווען מ'האָט אייך אַהיימגע־בראַכט דעם מאַן.

— אוי, גאָטעניו, יאָ! כ'וועל עס נישט פאַרגעסן ביזן טויט אריין. מיין מאַן האָט אַ שטיק צייט נישט געהאַט קיין אַרבעט, און ער האָט קוים באַקומען אַ שטעלע צוויי טעג איידער ר'איז געשטאָרבן. כ'פאַרשטיי, אַז דיין מאַמע האָט עס אויך שווער איבערגעלעבט.

— אַלץ הייסט! איינער פון דער חברה, וואָס האָט גע־בראַכט דעם טאַטן אַהיים, האָט געזאָגט: „אייער מאַן איז געשטאָרבן, מומעשי, — האָט ער געזאָגט, — ער איז פּלוצט־אַלבן אַוועקגעפאַלן". און די מאַמע האָט געזאָגט: „גאָטעניו, גאָטעניו!" אָט אַזוי ווי ר'הערט, און געמאַכט אַ חלש.

— נעבעך, נעבעך! און איצט — מיין ארווי איז שוין מער נישטאָ. וואָס וועל איך מיט די קינדער טון? וואָס זאָל איך טון? וואָס זאָל איך טון? גאָט מיינער! הלוואי וואָלט איך געווען געשטאָרבן.

— מאַכט זיך אַ האַרץ, מומעשי — האָט ביל געזאָגט — װאָס נוצט דאָס גריזשען זיך, אַז ס'אַ פּאַרפאַלענע זאַך.

ער האָט מיט דער דלאָניע אָפּגעווישט אַביסל טאַבאַק פון די ליפּן און ישוב־הדעתדיק אַ װײלע באַטראַכט די פלעקן. דערנאָך האָט ער װידער אַ קוק געטון אויף אַרווין.

— ר'האָט באַדאַרפט אים געבן טראָן — האָט געזאָגט ביל.

— גאָר! ער האָט געדאַרפט האָבן רו און גוט צו עסן.

— ר'איז נישט געװען קײן איבעריק שטאַרקער.

— נײן, ר'איז נעבעך געווען אַ שװאַכער.

— כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען. מ'האָטן ביטער באַהאַנדלט ביי די „ברידער גרינדער". מ'האָטן נישט צוגעלאָזט צו גאָר־נישט, ר'זאָל זיך עפּעס אויסלערנען. מ'האָטן כסדר געהאַלטן ביי איין אַרבעט און ר'האָט מורא געהאַט צו רעדן, מ'זאָלן דער־לייגן, טאָמער װעטן אים הייסן גיין. ר'האָט זיך נישט געקענט שלאָגן, און הברה פלעגט זיך מיטן רייצן. זיי פלעגן אים אָפּ־וואַרטן אין דרויסן פאַר דער פאַבריק און אים נעמען אויפן צימבל. כ'װאָלט װעלן זען, זיי זאָלן זיך אָנהויבן מיט מיר. ר'האָט זיך נישט געקענט שלאָגן — מילא, ר'איז געווען אַ שװאַכער. מיך טשעפּען זיי נישט, כל זמן כ'האָב אַן אײזערנע גבורה, מילא, ר'איז נעבעך נישט שולדיק געווען, אַרווי. כ'פאַר־שטיי, אַז קוראַזש האָט ער געהאַט גענוג, כאָטש ר'איז געווען אַ שװאַכער — האָט ביל אַ קוק געטון אויפן בר־מנן מיט אַ פּאָטערלעכן, צוגעלאָזענעם בליק.

— גאָט מײנער! — האָט זי זיך צעוויינט — װען כ'זאָל דאָס וויסן, װאָלט איך ליבערשט אויסגעגאַנגען פון הונגער, און כ'װאָלט נישט געלאָזט מ'זאָל מײן אָרעם קינד דערגיין דאָס לעבן אויף אַזאַ שטעלע. ר'האָט זיך קיינמאָל נישט גע־קלאָגט. מײן קינד נעבעך, אַזאַ בריה! קיינמאָל האָט ער זיך נישט באַקלאָגט! אָרעמער אַרווי מײנער! אָרעמער אַרווי!

— ר'האָט אייך קיינמאָל גאָרנישט דערציילט?

— נײן, קײן איין װאָרט נישט.

— וואָס איר זאָגט! ר'האָט אפּנים געוואָלט, ר'זאָלט מיינען, אַז ער קאָן זיך זיין שטעטל אַליין באַשטיין. מ'קאָן אים נישט באַשולדיקן, פאַרשטייט זיך, וואָס ער איז נישט געווען קיין שטאַרקער.

ער האָט זיך פאַרקוקט אויף אַן אַלטן דרוק, וואָס איז געהאָנגען איבערן בעט. ער האָט אים אַ ווײַלע באַטראַכט מיט אַ מבינותדיקן בליק.

— מיר האָבן אין דער היים אַ בילד אַקוראַט ווי דאָס. מירן אַמאָל געוואוינט אין דעם־אָ געסל, אין אַ הויז דאָרט אַהינצו. ר'האָט ליב צו וואוינען אינם געסל דאָ?

— ס'געפעלט מיר נישט דאָ. ס'איז מיר נישט ליב, וואָס כ'מוז דאָ אויפהאָדעווען מיינע קינדער, און אַרום זענען דאָ אַזויפיל מיאוסע הייזער. כ'קאָן מיר אָבער נישט דערלויבן צו וואוינען ערגעץ אַנדערש און צאָלן מער דירה־געלט.

— נו יאָ, ס'איז דאָ אַ שיין ביסל מלינות אין דער געגנט. די מעשה איז אָבער — האָט ער צוגעגעבן מיט ישוב־הדעת — אַז זיי זענען דאָ אומעטום. און אַחוץ דעם, לערנען זיך די קינדער אויס צו פאַרשטיין אַן עסק, זיי כאַפּן דאָ אויף אַ סך זאַכן אין אַזאַ געסל. ס'עט זיי נישט פאַרשאַטן, קינדער דאַרפן נישט זיין קיין יאָלדן, אַז זיי ווילן זיך צו עפּעס דערשלאָגן אין שטאָט. איר האָט נישט געוואוינט דאָ אין סידנעי ס'גאַנצע לעבן, נישט אמת?

— ניין, מיר זענען געקומען פון בוש, מיט אַ יאָר פינף צוריק. מיין אָרעמער מאַן האָט געמיינט, אַז ס'וועט אים גיין בעסער אין שטאָט. איך האָב מיך געהאָדעוועט אין בוש.

— כ'האָב מיך אַזוי אָנגעשטויסן. נו יאָ, אַז מאַנסבילן זענען אַזעלכע בהמות... איך פון מיין זייט רעכן גאַנץ בקרוב צו קריגן אַרבעט אויף לאַנד. ווי וועטן אים באַגראָבן?

— אין ראָקוואוד, מאָרגן.

— כ'קאָן נישט קומען. כ'מוז אַרבעטן. מ'וועטן באַגראָבן אויף קהלס חשבון, האַ?

— יאָ.

ביל האָט דרך־ארצדיק אַ קוק געטון אויפן טויטן קערפּער.

— קאָן איך אייך מיט עפּעס העלפן? נו־נו, שעמט זיך נישט און זאָגט.

— ניין. אַ שיינעם דאַנק דיר סיי־ווי.

— נו, כ׳דאַרף מיך שוין נעמען אין וועג אַריין. אַ שיינעם דאַנק אייך, מומעשי, וואָס ר׳האָט זיך באמיט.

— ס׳מאַכט נישט אויס, קינד מיינס. גיב אַכטונג אויף דער שוועל.

— שוין איינמאָל אַ שוועל. כ׳וועל אַמאָל אין אַן אָוונט אַהערברענגען אַ ברעטל און זי צורעכטמאַכן, אויב איר ווילט. כ׳לערן מיך סטאָלעריי, כ׳קאָן שוין כמעט מאַכן אַ טיר. ווייסט איר גאָר וואָס? כ׳וועל אַהערשיקן מיין אַלטע היינט אין אָוונט, וועט זי אייך העלפן מיט אַרווין.

— ניין, אַ דאַנק. כ׳פאַרשטיי, דיין מאַמע האָט אַזוי אויך געַנוג אַרבעט און גענוג צרות. כ׳וועל מיר אַליין אַן עצה געבן.

— כ׳וועל זי אַהערשיקן סיי־ווי־סיי. זי איז אַ האַרטער ביין, אָבער אַ האַרץ האָט זי אַ וויכס; און ס׳גרעסטע פאַרגעניגן ביי איר איז אויסצופּוצן אַ טויטן צו דער לוויה. אַ גוטן, מומעשי.

— גיי געזונט, קינד מיינס.

ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און געזאָגט:

— ס׳אַ צער, מומעשי. זאָל מיר אַזוי גאָט העלפן, ס׳אַ צער. אַ גוטן, און אַ שיינעם דאַנק.

אַ דערשראָקן קינד איז געשטאַנען אויף דער שוועל און געגלאָצט אויף בילן מיט גרויסע, איבערגייענדיקע אויגן. ער האָט עס אַ גלעט געטון איבערן קעפּל און געזאָגט:

— נישט געדראגהט, קליינער פּעמפּיק!

הענרי לאָוסאָן

# דער בלינדער

איך האָב מיך מיט אים באַקענט אין די עס־צימערן „פון כל טוב". דאָס איז געווען אַ ביליק אָרט אין שטאָט מיט גוטע בעטן אין דער הויך צו פאַרדינגען פאַר אַ שילינג אַ נאַכט — „עסן און שלאָפן פאַר בכבודיקע יונגעלייט, פופצן שילינג פער וואָך". כ'בין דעמאָלט געווען אַ בכבודיקער יונגערמאַן. כ'האָב דאָרט געוואוינט און געגעסן. כ'האָב געגעסן ביי אַ קליין פאַרשמאָלצן טישל אין אַן ענג פאַרשמאָלצן ווינקעלע אונטער די דיק־אָנגעשטויבטע שטיגן אינם הייסן און פאַרשמאָלצענעם עס־צימער אין דער נידער. געהייסן האָט עס „עס־צימערן", נאָר געווען איז עס בלויז איין צימער און ס'איז דאָרט נישט געווען קיין אָרט פאַנאַנדערצונעמען די עלנבויגנס, ווען די זיבן קליינע טישלעך מיט די ניין־און־פערציק שטולן זענען געווען באַזעצט. ס'איז דאָרט נישט געווען קיין אָרט גענוג פאַר אַ קעלנער פון דורכשניטלעכן וואוקס זיך צו באַוועגן אויף־און־אָפּ צווישן די טישן. אונזער קעלנער איז אָבער נישט געווען קיין מענטש פון דורכשניטלעכן וואוקס. ער איז געווען אַ לעבעדיקער סקעלעט אין מיניאַטור. מיר האָבן דערלאַנגט איינער דעם צווייטן די זופּ און „איין ראָוסטביף", „איין ראָוסט־לעם", „איין קאָרנביף מיט קרויט", „איין קאַלב־פלייש מיט קישקע", „איין קאַלב־פלייש מיט שינקע" — איינס, אָדער צוויי, אָדער דריי, ווי עס פלעגט זיך מאַכן — און די טיי, און די קאַווע, און די פאַרשידענע מינים פּודינג — מיר האָבן זיך דאָס אַלץ דערלאַנגט איבער די קעפּ אַריבער און אויס־געמיטן די טראָפּנס, אויף וויפיל דאָס האָט זיך נאָר געלאָזט.

דאָס זייער הייסע און זייער פאַרשמאָלצענע קליינע קיכל איז געווען באַלד דערנעבן, און דאָרט האָט זיך אויך געפונען דאָס באָד־צימער און די אַנדערע „באַקוועמלעכקייטן״ הינטער ווענט־לעך פון געקאַלעכטע ברעטער.

געוואוינט האָב איך אין דער הויך אין אַ צימער, וואו עס זענען געשטאַנען פינף בעטן און איין וואַש־טישל; אַ לייכ־טערל מיט אַ קורץ פּיצל ליכט, געל און ווייך; אַ זכר פון אַ האָר־בערשטל מיט אַן ערך אַ טוץ איבערגעבליבענע שטשעטשי־נעס; און אַ האַלבער קאַם — די שיטערע העלפט — פון וועלכן עס זענען געבליבן זיבנטאַלבן ציין מיט ברייטערע און שמעלערע שטשערבעס אינצווישן.

ער איז געווען אַ טיפּישער מענטש פון בוש, אָבער נישט פון יענע הויכע, גלייכע און שלאַנקע ברוינע לייט פון דער וועסט. ער איז געווען ־ווי איינער, וואָס שטאַמט פון די אַמאָ־ליקע פאַרם־דיסטריקטן, פון וואַנען אַ סך פּי־אָנטרייבערס פלעגן קומען. ער איז געווען פון דער אַלטער בוש־הברה, איינער פון יענע מאָגערע און רירעוודיקע פאַרשווינדלעך, וואָס מיר פלעגן זיי זען אין ברייטע ווייכע קאַפּעלושן, געקעסטלטע העמדער און הויזן מיט פּאַסיקלעך אונטער די גומענע קאַמאַשן — „לאַרם־טינען״ האָט מען אַזעלכע קאַמאַשן גערופן. זיי האָבן געקאָנט נישקשהדיק טאַנצן; האַלבוועגן זינגען, מערסטנטייל דורך דער נאָז, די אַלטע בוש־לידער; סכנותדיק שפּילן אויף אַ האַר־מאָניע, און רייטן ווי — ווי — הכלל זיי האָבן געקאָנט רייטן.

עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אַלט צו ווערן און אָפּצושטאַרבן צוזאַמען מיט דער אַלטער קאָלאָניאַ־לער חברותא, צו וועלכער ער האָט געהערט. זיי האָבן זיך געפירט זאָרגלאָז און לייכטזיניק. ער האָט געהייסן דזשעק גאַנטהער, און דערציילט האָט ער, אַז ער איז געקומען קיין סידנעי, כדי צו זען, מען זאָל עפּעס טון צו זיינע אויגן. ער האָט געהאַט אַ וואַליזע, אַ רייזע־טאַש, אַביסל זאַכן אין אַ זעקל און אַ בלעכערן קעסטל. איך בין געזעסן נעבן אים אויף זיין בעט און געשלאָסן מיט אים באַקאַנטשאַפט, און ער האָט מיר

אַלץ גענוי אויסדערציילט. קודם־כל האָט ער מיך געבעטן, כ׳זאָל אַזוי גוט זיין מיך איבערזעצן אויף דער צווייטער זייט, מחמת ער איז געווען טויבלעך אויף אַן אויער. אַ פערד האָט אים אַ בריקע געטון, האָט ער געזאָגט, און זינט דעמאָלט איז ער אויף איין זייט אַביסל שווער אויפֿן געהער.

ער איז געווען כמעט אינגאַנצן בלינד. — איך קאָן זען די מענטשן הארט נעבן מיר — האָט ער געזאָגט — נאָר קיין פנימער קאָן איך נישט דערקענען. כ׳קאָן קוים דערזען דעם טראָטואַר און די הייזער באַלד דערנעבן, און דאָס איבעריקע איז ווי עפּעס אַ ווייסער פלעק. — ער האָט אַ קוק געטון אַרויפֿ־צוצו: — דער סופיט איז אַ מין ווייס, נישט אמת? און דאָס — האָט ער געזאָגט, אָנרירנדיק די וואַנט מיט אַ פינגער און צו־שטעלנדיק הארט צו איר די נאָז — איז אַזאַ סאָרט גרין, נישט אמת? — דער סופיט האָט געקאָנט זיין ווייסער. די קאָלירן פון די וואַנט־טאַפּעטן זענען אַמאָל געווען בלוי און רויט, אָבער איצט זענען זיי געווען כמעט אינגאַנצן גרין, אַ פייכט, פאַר־שימלט גרין. איך בין אָבער גרייט געווען צו שווערן, אַז דער סופיט איז ווי שניי און די וואַנט גרין ווי גראָז, אַבי אים צוליב צו טון. זיין ראיה האָט אים אָנגעהויבן צו ווערן שוואַ־כער מיט אַ יאָר זעקס צוריק, האָט ער דערציילט. ער האָט זיך לכתחילה ווינציק געמאַכט דערפון, און שפּעטער האָט ער זיך אַריינגעלאָזט מיט עפּעס אַ רופא, וואָס האָט אים נאָך מער קאַליע געמאַכט די אויגן. ער האָט שוין געהאַט די דרכים פון אַ בלינדן — די פילבאַרקייט אין יעדן פינגער און אַ מילדקייט אינם רעדן. ער האָט מיט זיך געהאַט אַ יינגל — זיינס אַ שטיקל קוזין — און דאָס יינגל האָט אים אַרומגעפירט. — כ׳וועל אים מוזן צוריקשיקן דעם יאָט — האָט ער געזאָגט — כ׳מיין, אַז איך וועל אים אַהיימשיקן קומענדיקע וואָך. ער וועט דאָ הי אויפכאַפּן און אָפּלערנען זיך צופיל פאַר זיינעטוועגן.

איך האָב צופיל געקאָנט די געגנט, פון וואַנען ער איז געקומען, און מיר פלעגן שעהנווייז אָפּזיצן און שמועסן וועגן יענע מקומות און וועגן מענטשן, וואָס האָבן געהייסן אַזוי

און אַזוי, פּי־אַנטרייבערס צום גרעסטן טייל, וועלכע מיר האָבן געקאָנט, אָדער געהערט וועגן זיי. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך האָב אַמאָל נישט געהערט פון איינעם אַ דזשאָו סקאָט, אַ הויכער פאַרשוין מיט אַ זאַמד־קאָליריק פּנים. ער האָט אַ ברירה נאָך היינט צו זיין אַ פּי־אַנטרייבער. דאָס איז זיינס אַ ברודער, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַ שטיף־ברודער. ער האָט שוין יאָרן־לאַנג וועגן אים גאָרנישט געהערט. צום לעצטן מאָל האָט ער געהערט וועגן אים אין בלעקאָל, קווינסלענד. ס'אַ סברה, אַז ער איז אַוועק מיט יבשה אין די נייע מקומות קיין מערב־אויסטראַליע מיט טייסאָנס סטאַדעס.

מיר האָבן געשמועסט וועגן גראָבן ערד, און שטעלן צוימען אַרום די פּאַשע־פעלדער, און טרייבן פּי, און שערן שעפּסן — אַלץ וועגן בוש — און עס האָבן זיך מיר בעתן שמועסן דערמאָנט די אַלטע צייטן. — איך קאָן איצט דאָס אַלץ זען — האָט ער איינמאָל געזאָגט מיט אַ פּאַרקלערט קול און זיך פאַרקוקט מיט זיינע אומבאַהאָלפענע אויגן אויף דער וואַנט אַקעגנאיבער. ער האָט אָבער נישט געזען די בלינדע וואַנט, נישט דאָס ברודיקע פענסטער, נישט דאָס נעבעכדיקע, קליינע בעטל, נישט דאָס פאַרפּעטסטע וואַש־טישל. ער האָט געזען די טונקל־בלויע באַרג־רוקנס אין דער ליכטיקער זון; די באַגראָזטע פלאַכן פון שיפּועים; דאָס וואַסערל מיט קופּקעס זומפּ־ביימער דאָ און דאָרט; דעם טייך, וואָס איז געפלאָסן אונטן, מיט ווערבעס ביי די ברעגעס; די שפּיצן און קייטן פון די בערג, וואָס האָבן זיך גענעפּלט אין דער ליכטיקער, בלויער ווייטקייט; דעם גראַניטענעם שפּיץ, וואָס האָט אַרויסגע־סטאַרטשעט נענטער־צו אין דער מיט, און די באַרגיקע הויכן, די פליינען מיט עקאַליפּטן און עפּל־ביימער, די קוסטעס, די פעלדער באַגאָסן מיט זון — און אַלצדינג. איך האָב עס אויך געזען, קלאָרער ווי ווען עס איז.

ער האָט אַמאָל געאַרבעט ביים שטעלן צוימען, און מיר האָבן פאַרפירט אַ שמועס וועגן געהילץ. ער האָט נישט גע־האַלטן פון צוים־סלופּעס מיט גרויסע קעפּ. לויט זיין שכל איז

דאָס געווען פאַלש. — פאַרשטייט איר מיך — האָט ער גע־זאָגט — גרויסע קעפּ ווערן מער פאַררעגנט און דעריבער פוילט דער סלופּ גיכער. איך וואָלט געמאַכט סלופּעס אינגאַנצן אָן קעפּ, און זיי וואָלטן זיך געהאַלטן פּונקט אַזוי לאַנג און אפילו לענגער ווי סלופּעס מיט קעפּ. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די צוים דאַרף זיין גוט אויפגעשטעלט און אַריינגעקלאַפּט ווי ס'געהער צו זיין. ער פלעגט צושטעלן צוים־מאַטעריאַלן און אָנ־נעמען קאָנטראַקטן אויף צו שטעלן צוימען, און — ס'איז דאָך קלאָר, אַז מ'קריגט אַרויס פון אַ בוים מער סלופּעס אָן קעפּ ווי מיט קעפּ. ער האָט אויך נישט געהאַלטן פון פאַרקוילן די קעפּ פון די סלופּעס. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס פאַרלאַנגט בלויז מער אַרבעט און ס'נעמט צו איבעריקע צייט. די סלופּעס האָבן לענגער געהאַלטן נישט־פאַרקוילטערהייט.

כ'האָב אים אַמאָל געפרעגט, צי ער האָט אַמאָל אַרויסגע־קריגן סלופּעס פון שנור־עקאַליפּטן, אָדער שינדלען פון ווילדן יאַסען, און אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע, פון וועלכן עס איז מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט. ער האָט גע־זאָגט, אַז יאָ, ער האָט זיי אַרויסגעקריגן פון פאַרשידענע אַנדערע מינים ביימער.

מיר האָבן געשמועסט וועגן באָדן און גראָז, און וועגן גראָבן גאָלד, און וועגן אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס זענען גע־שטאַנען פאַר אונז ווי לעבעדיק, בשעת מיר האָבן געשמועסט.

ער איז עטלעכע מאָל געווען אין שפּיטאָל. די דאָקטוירים רעדן גאָרנישט וועגן אויסהיילן מיך — האָט ער געזאָגט — זיי זאָגן, אַז זיי וואָלטן געקאָנט אַביסל בעסער מאַכן מיין ראיה און דאָס געהער. דאָס וועט אָבער לאַנג געדויערן — יעדנפאַלס וועל איך פון דער קוראַציע קומען אַביסל צו די כוחות. זיי ווייסן, וואָס עס איז דער מער מיט מיינע אויגן — און ער האָט מיר דערקלערט דערוועגן, ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט. הלוואי וואָלט איך געגאַנגען צו אַ גוטן דאָקטאָר באַלד ווי די אויגן האָבן מיר אָנגעהויבן שוואַך צו ווערן; יונגע חברה אָבער פאַרלאָזן תמיד אַזעלכע זאַכן. ס'איז שווערער זיך

אויסצוהיילן פון עפּעס, ווען מען הויבט אָן קומען אין די יאָרן אַריין.

ער איז שטענדיק געווען גוט אויפגעלייגט און פול מיט בטחון. אפילו אין ערגסטן פאַל, אויב עס וועט קומען דערצו — האָט ער געזאָגט — זענען נאָך פאַראַן זאַכן, וואָס איך קאָן טון דאָרטן, פון וואַנען איך קום. כ׳וואָלט געקאָנט אַביסל אַרבעטן ביים סאָרטירן וואָל, אַ שטייגער. איך בין דערויף אַ שטיקל ספּעציאַליסט. אַנישט וואָלט איך געקאָנט העלפן ביים אָפּקלייבן די שעפּסן. כ׳וועל זיך דאַרפן בלויז אַוועקזעצן און מ׳וועט מיר צוברענגען די שעפּסן, און כ׳וועל אַ טאַפּ טון די וואָל און זאָגן וואָס־און־ווען. אַז מ׳איז בלינד, קריגט מען, ווי איר ווייסט, אַ בעסערן חוש אין די פינגער.

ער האָט געהאַט אַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס, אָבער ער האָט זיי איצט קוים געקאָנט פאַנאַנדערשיידן. זיי זענען אים אויסגעקומען פאַרווישט, אָבער איך האָב זיי אים אָפּגעמשלט און ער האָט מיר געזאָגט, פון וועמען זיי זענען. — דאָס איז מיינס אַ מיידל, אַ וואויל, שיין בוש־מיידל. כ׳האָב נעכטן דערהאַלטן פון איר ׳אַ בריוו. כ׳האָב קוים מיט צרות עפּעס אויפגעשמירט, אָבער איך וועל אייך באַמיען, אויב איר וועט וועלן אַזוי גוט זיין, אַז איר זאָלט אָנשרייבן פאַר מיר אַביסל מער, וואָס כ׳וועל אייך איבערגעבן, אויף אַן אַנדער שטיקל פּאַפּיר, און אויך אויפשרייבן דעם אַדרעס אויפן קאָנווערט.

די פינסטערקייט האָט איצט אָנגעהויבן גיך אויף אים צו קומען — אָדער בעסער געזאָגט, איז דער „עפּעס ווי אַ ווייסער פלעק" געוואָרן גרעסער און געדיכטער. אָבער זיין געהער האָט זיך פאַרבעסערט, האָט ער געזאָגט, און דאָס האָט אים געפרייט און ער איז כסדר געווען גוט אויפגעלייגט. פאַר מיר איז עס געווען נאַטירלעך, וואָס צוזאַמען מיט דער אָנקומענדיקער בלינדקייט האָט זיך פאַרבעסערט זיין געהער.

איינמאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט מטריח זיין און רעכנט מער נישט צו גיין אין שפּיטאָל. ס׳וועט זיין גלייכער, אַז ער זאָל צוריקפאָרן אַהין, וואו מ׳קען אים. ער

האָט שוין דאָ פאַרבראַכט גענוג לאַנג, און אין טייסטער־הויבט שוין ביי אים אָן צו טאָגן. ער האָט אויסגעקוקט אויף אַ בריוו, וואָס איז נישט געקומען. איך בין געווען אַוועק אויף אַ טאָג, צוויי, און ווען כ'בין צוריקגעקומען, האָט מען אים שוין געהאַט משלח געווען פון צימער און אַוועקגעשטעלט אַ בעט פאַר זיינעטוועגן אויף די טרעפּן אין דער הויך. מענטשן זענען אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ און זיך כּסדר אויף אים אָנגעשטויסן און געפאַלן איבער זיינע זאַכן. ס'האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, ווען כ'האָב אַ טראַכט געטון, אַז האָבנריק פאַרדונגען אַלע צימערן, האָט דער באַלעבאָס אויסגענוצט די אומבאַהאָלפנקייט פונם בוש־מענטש און זיין גוט־מוטיקייט און אַרויסגעשטעלט אים אין דרויסן אויף די טרעפּן. ער האָט אָבער געטענהט, אַז עס איז אים גאַנץ באַקוועם. — כ'קען דאָ כאַפּן אַביסל לופט — האָט ער געזאָגט.

אַהיימקומענדיק צומאָרגנס, האָט זיך מיר אויף אַ רגע אויסגעוויזן, אַז איך בין מיטאַמאָל צוריק איבערגעטראָגן גע־וואָרן אין די פאַרגאַנגענע צייטן און אַריינגעפאַלן אין מיטן פון אַ בוש־טאַנץ, מחמת מען האָט אין דער הויך געשפּילט אויף אַ האַרמאָניע. ער איז געזעסן אויפן בעט מיט איין פוס פאַרלייגט אויפן אַנדערן און מיט אַ נייער וואָלוועלער האַר־מאָניע אויף די קניען. זיינע אויגן זענען געווען פאַרגלאָצט אַרויף צום סופיט, ווי עס וואָלט געווען אַ בלאַט נאָטן, און ער וואָלט זיי געקאָנט לייענען. — כ'וויל מיר אַריינקלאַפּן אין קאָפּ אַריין אַ פּאָר מעלאָדיעס — האָט ער געזאָגט מיט אַ בריהש שמייכעלע — מ'דאַרף זיין גרייט אויפן ערגסטן פאַל. — ער האָט זיך געמיט צו זיין פריילעך, אָבער מען האָט געזען, אַז ער איז פאַרזאָרגט און צעטראָגן. דער בריוו איז נישט געקומען. כ'האָב אַ טראַכט געטון וועגן די פיל בלינדע מוזי־קאַנטן אין סידנעי און וועגן דעם, וואָס דער בוש־מענטש האָט צו דערוואַרטן, שטייענדיק אויף אַ ראָג און ציענדיק אַ וואָלוועלע האַרמאָניע מיט די הענט. ס'האָט מיך אָנגענומען אַ רחמנות אויף אים.

איך בין אַרויס אין גאַס מיט אַן אומקלאָרן געדאַנק אַדורכצורעדן מיט עמיצן די זאַך, אַז מען זאָל זען עפּעס צו טון פאַרן מענטש פון בוש, קריגן פאַר אים אַ שטיקל פּראָטעקציע. איך האָב מיך אָבער תיכּף דערמאָנט, אַז מיין קליידונג איז אָפּגעטראָגן, מיין קאַפּעלוש איז אין אַ טרויעריקן מצב, די שיך געפּלאַצט, אַז איך בין שולדיק פאַר אַ וואָך דירה־געלט און מ׳קאָן מיך אַ ליאַדע טאָג אַרויסוואַרפן — אַזוי אַז נישט איך בין עס אין דער לאַגע צו גיין אַהין, וואו מ׳קאָן קריגן פּראָטעקציע.

ווען איך בין צוריקגעקומען אינם רעסטאָראַן, איז דאָרט געווען אַ הויכער, ביינערדיקער בוש־מענטש מיט אַ פּנים פון זאַמד־קאָליר. ער איז געזעסן ביי דזשעקס זייט. דזשעק האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר מיר אַלס זיין ברודער, וואָס איז אומדערוואַרט צוריקגעקומען אַהיים און נאָכגעפּאָרן אים קיין סידנעי. דער ברודער האָט זיך לכתחילה געהאַלטן שטייף אַקעגן מיר, און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט באַטראַכט די מענטשן אינם רעסטאָראַן, יעדן איינעם פון אונז, פאַר אַפּערּיסטן, וואָס ווילן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר דזשעקס בלינדקייט און אים באַשווינדלען, אויב ער זאָל אים נאָר לאָזן אויף אַ רגע אַליין; און אויסגעקוקט האָט ער, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַוועקצוליינן דעם ערשטן פון אונז, וואָס וועט זיך אָנשטויסן אויף דזשעקן, אָדער זיך פאַרטשעפּן אָן זיינס אַ פּעקל. אָבער דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. דזשעק און דזשאָו האָבן זיך געקליבן איינצושטיין עטלעכע וואָכן אין „קאַפּע־פּאַלאַץ" און דערנאָך צוריקפאָרן אַהיים, אַזוי האָט ער מיר געזאָגט. ער איז געווען שטאַרק צעטראָגן און זייער דערפרייט. דער ברודער איז זיך מיט אים אומגעגאַנגען, ווי אים, דזשעקן, וואָלט אָקאָרשט אָפּגעשטאָרבן דאָס ווייב, אָדער אַ קינד, אָדער עמיץ, וואָס איז אים זייער טייער. ער האָט אים נישט געלאָזט טון קיין שום זאַך אַליין, אפילו נישט פּרוּוון עפּעס צו טון; צומאָל די שיך האָט ער אים נישט געלאָזט פאַרשנורעווען. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גע־

מיינט, אַז ער איז איינגאַנצן אומבאַהאָלפן, און ווען איך האָב געזען, ווי ער פּאַרפּאַקט דזשעקס זאַכן, ווי ער באַדינט אים ביים טיש, ווי ער מאַכט אים צורעכט דעם קראַוואַט און דעם קאָלנער מיט זיינע גרויסע־ברוינע הענט, וואָס האָבן כסדר געציטערט פאַר צער און ליבשאַפט, ווי ער זעצט דזשעקן אַוועק אויפן בעט, בעת ער איז אַראָפּ דינגען אַ „קעב", ווי ער שלעפּט זיינע זאַכן און פירט אים אַראָפּ פון די שטיגן, גלייך ער וואָלט געווען פון דין גלאָז, ווי ער באַצאָלט דעם באַלעבאָס דעם חשבון — דעמאָלט האָב איך געוואוסט, אַז דזשעק איז אין גוטע הענט.

מיר האָבן אַלע צוזאַמען אויסגעטרונקען: דזשאָ, דזשעק, דער קוטשער און איך. דזשאָ האָט מיט גרויס פּאָרזיכטיקייט דערלאַנגט דזשעקן דאָס גלאָז, און דזשעק האָט זיך וועגן דעם געוויצלט אויף דזשאָס חשבון. ער האָט געשוואוירן, אַז ער קאָן נאָך דערזען אַ גלאָז, און דזשאָ האָט זיך צעלאַכט. ער האָט אָבער באַלד דערנאָך אויסגעקוקט שטאַרק באַזאָרגט.

איך האָב געשפּירט זייערע פינגער אויף מיין האַנט אַ פינף מינוט צייט, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך געזעגנט.

הענרי לאָוסאָן

# ווען די זון פֿאַרגייט...

דזשעק דיו איז געזעסן ביים ראַנד פֿון דעם גאָלד-גרובן מיט אַ פֿוס אין דער שלייף און האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט אַ האַנט ביי דעם שטריק, גרייט אַראָפּצולאָזן זיך אונטן. זיין עלטערער ברודער, טאָם, איז געשטאַנען ביי איין עק פֿון דער שטריק-קאָרבע, און דער דריטער שותּף זייערער ביים צווייטן עק. דזשעק האָט אָפּגעוואַרט אַ ווייל, איידער ער האָט זיך אָפּגעשטופּט פֿון ראַנד, אַ קוק אַרויף געטון צו זיין ברודער און מיט האַרץ אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

— וועסט די זון נישט לאָזן אַזוי אָט פֿאַרגיין, טאָם, וואָס נישט?

טאָם אָבער האָטביידע הענט געהאַלטן אויף דער קאָרבע און גאָרנישט געענטפֿערט.

— לאָז אַראָפּ!

זיי האָבן אים אַראָפּגעלאָזט אונטן, און טאָם האָט פֿאַרוואָרפֿן דאָס גראָב-אייזן אויפֿן אַקסל און זיך געלאָזט גיין צום געצעלט. אויף דעם נישט-געהובלטן טיש אין בוש-געצעלט האָט ער געפֿונען צוגעגרייט אַ צינענעם טעלער, אַ קוואָרט און דאָס איבעריקע געשיר. דאָס נאַכט-עסן איז געווען פֿאַרטיק, דאָס קרויט און די קאַרטאָפֿל זענען געשטאַנען אָפּגעזייט אין אַ קענדל נעבן פֿייער. ער האָט געפֿונען דאָס געפּרעגלטע פֿלייש צווישן צוויי טעלער אין דעם געצעלט-אייוועלע, ער האָט זיך געזעצט צום טיש, אָבער ער האָט נישט געקענט עסן. ער האָט זיך געפֿילט אומגערעכט, געמיין. די קנאַפּע דערפֿאַרונג און דער היציקער טעמפּעראַמענט פֿון זיין ברודער האָבן

דערפירט היינטיקן פרימאָרגן צו אַ מחלוקה צווישן זיי; דזשעק אָבער האָט צוגעגעבן זיין שולד, זיך אַנטשולדיקט און דער ערשטער געוואָלט מאַכן שלום.

טאָם האָט אַ צערודערטער זיך אַרומגעדרייט אַהין און צוריק, און פּרובירט צו רויכערן: ער האָט נישט געקאָנט פאַר־שלאָגן דזשעקס לעצטן רוף, וואָס האָט געהאַלטן אין איין קלינגען אין זיינע אויערן: — וועסט דאָך די זון נישט לאָזן אַזוי אָט פאַרגיין, טאָם?

טאָם האָט זיך פאַרקוקט אויף דער זון. עס איז געווען ווינציקער פון צוויי שעה פאַרן זון־פאַרגאַנג. ער האָט גע־טראַכט וועגן די ווערטער פון דעם פּאַרצייטיקן העברעאישן — צי בינעזישן — דיכטער; ער איז נישט געווען פרום, און אים איז נישט געגאַנגען שטאַרק דערין, ווער אייגנטלעך עס האָט עס געזאָגט, און די ווערטער פון דעם פאַרצייטיקן פּאָעט האָבן גענומען אים מאַטערן: זאָלסט נישט לאָזן די זון פאַרגיין און דיין צאָרן זאָל בלייבן. זאָלסט נישט לאָזן די זון פאַרגיין.

די ווערטער זענען געווען גוטע, גערעכטע, וואָרום היציקע מענטשן זענען מערסטנס אויך זייער עמפּינדלעך, און אויב עס פאַרגייט נישט די זון צוזאַמען מיט זייער צאָרן, פּלאָגט דאָס זיי און לאָזט זיי נישט צורו אַ גאַנצע נאַכט.

טאָם האָט זיך געלאָזט גיין צום גאָלד־גרובן, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן און געפּרוווט צו געפינען מנוחה אין זיין ליולקע. ער האָט פאַרשטאַנען זיין ברודער זייער גוט, אָבער זיין ברודער האָט אים קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, און דערפון זענען געקומען אַלע צרות. עס איז אים מיטאַמאָל איינגעפאַלן, אַז דזשעק וועט זיך שטאַרק איבערנעמען פון דער מהלוקה און נישט האָבן קיין האַרץ צו דער אַרבעט. ער איז איצט צוליב דעם מסתמא אומרואיק, איינער אַליין אונטן אין סאַמע עק פון פייכטן, פינסטערן גרובן. טאָם איז אין זיין טבע געווען אַ שטיק אַלטע נקבה, נישט געקוקט אויף זיינע מרה־שהורהדיקע, אומפריינטלעכע גענג.

ער איז שוין געווען כמעט גרייט צוריק אַראָפּצולאָזן זיך־

אונטן, ווי ער האָט דערהערט דעם שותף שרייען ביי דער שאַכטע אין דער הויך:

— טאָם! טאָם! אַהער קום, ווי גאָט איז דיר היילִיק!

ביי טאָמען האָט דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטון און ער איז ווי אַ קענגערו צוגעשפּרונגען צום גרובן. אַלע גאָלד־גרעבערס פֿון אַרום זענען באַלד געווען אויפֿן פּלאַץ. זיי האָבן מיט איין קוק דערזען, וואָס עס האָט געטראָפֿן. עס איז געווען אַ משוגעת צו גראָבן אָן געהילץ אין אַזאַ פֿאַררעטערישן באָדן. די זייטן פֿון דער שאַכטע זענען זיך צונויפֿגעקומען און אָנגעהויבן זיך צו פֿאַרמאַכן. טאָם האָט אַ שפּרונג געטון פֿאָרויס און אַריינגעשריגן דורכן שפּאַלט:

— צו דער „וואַנט” צו, דזשעק! צו דער „וואַנט”, ווי דאָס לעבן איז דיר ליב!

— צו די אַלטע גרובנס! — האָט ער געשריגן, ווענדנדיק זיך צו די גרעבערס. — ברענגט אַ בלאָזער און מכשירים. מיר וועלן אים אַרויסגראָבן.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען צוגעפּעסטיקט אַ ווענטילאַטאָר איבער אַ פֿאַרלאָזענעם גאָלד־גרובן דערנעבן. צום גליק האָט מען דאָרט איבערגעלאָזט די שטריק־ווינדע אויף אַרויסצושעפּן וואַסער, און באַלד האָבן זיך די גרעבערס אַראָפּגעלאָזט אין דעם אַלטן גרובן. טאָם האָט געוואוסט, אַז ער מיט זיינע שותּפֿים האָבן געגראָבן נאָענט ביי דעם אַלטן גרובן.

ער האָט אַנידערגעקניט אויף דעם פֿייכטן ליים ביי דער וואַנט און זיך גענומען משוגענערווייז צו דער אַרבעט. ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פֿון פּלאַץ אַ צווייטער זאָל אים אַרויסהעלפֿן, און אַוועקגעוואָרפֿן דאָס גראָב־אייזן האָט ער בלויז כדי צו כאַפּן אין זיינע שטאַרקע הענט אַריין אַ לאָפּעטע אַוועקצושאַרן דעם ליים פֿון אונטער די פֿיס. ער האָט אויסגערעכנט, אַז ער דאַרף נאָך צו גראָבן אַ זעקס אָדער אַכט פֿוס, און ער האָט געוואוסט, אַז לאַנג וועט נישט סטייען קיין לופֿט אין דעם נייעם גרובן, אפֿילו ווען ער זאָל זיך נאָך נישט האָבן צוזאַמענגעפֿאַלן און פֿאַרשיט אונטער זיך זיין ברודער. גרויסע

שוויים־טראָפּנס האָבן אַרויסגעשלאָגן אויף טאָמס שטערן, און זיין אָטעם איז געוואָרן פאַרשטיקט און קייכנדיק. ער האָט אָבער ווייטער געאַרבעט מיט אַלע כוחות און ווילד אַריינגע־שלאָגן דאָס גראָב־אייזן טיף אין דעם ליים, און דאָס גרוב איז גיך געוואַקסן אין דער לענג. ער האָט זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט און זיך גענומען איינהאָרכן. ער האָט קלאָר געהערט, ווי אַ כלי, אָדער אַ שטיין קלאַפּט אָן אויף דער וואַנט פון דער צווייטער זייט גרוב. דזשעק איז געווען געראַטעוועט!

טאָם האָט געגראָבן ביז דאָס ליים איז פּלוצלונג אַוועקגע־פאַלן פון זיין גראָב־אייזן, איבערלאָזנדיק אַ לאָך גרויס ווי אַ טעלער אויף דער „וואַנט" אנטקעגן אים.

— גאָט זיי דאַנק! — האָט זיך דערהערט אַ הייזעריק, דערשטיקט קול פון דער צווייטער זייט.

— אָלרייט, דזשעק?

— יאָ, אַלטער! ביסט געקומען צו דער צייט. איך האָב קוים אָרט איינצושטיין, און איך בין שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן.

ער איז געשטאַנען געבויגן אין דרייען אנטקעגן דער „וואַנט" פון דעם נייעם גרובן.

טאָם האָט אַרויסגעלאָזט דאָס אייזן פון די הענט און איז אַ פאַל געטון אויף צוריק אַרויף אויף איינעם הינטער אים.

— גאָט, מיין רוקן! — האָט ער אויסגעשריגן.

ער האָט פּלוצלונג זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און געפאַלן מיטן פּנים פאָרויס אויף זיין האַנט און זיך צוגעשלעפּט צום לאָך ביינ׳ סאַמע סוף פון דעם גרובן.

— דזשעק! — האָט ער מיט אַ כאָרכל אויסגערופן — דזשעק!

— יאָ, אַלטער! וואָס איז?

— עפּעס איז געשען מיט מיין האַרץ, דזשעק! דערלאַנג מיר די האַנט, גיכער!... די זון האַלט ביים פאַרגיין.

דזשעק האָט אַרויסגעשטעקט די האַנט דורכן לאָך. טאָם

האָט זי אָנגעכאַפּט און אַנידערגעפאַלן מיטן פּנים אין ליים אַריין.

די מענטשן האָבן אים האַלב אַרויסגעטראָגן, האַלב אַרויס־געשלעפּט פון דעם גרובן, וואָרום דער באַלקן איז געווען נידע־ריק, און זיי האָבן געמוזט גיין איינגעבויגענערהייט. זיי האָבן אים צוגעשלעפּט צו דער שאַכטע און אַרויפגעצויגן אים אַ צוגעבונדענעם צו דעם שטריק.

נאָך עטלעכע קלעפּ מיטן גראָב־אייזן האָט דזשעק זיך אַרויסגעקריגן פון זיין תּפיסה און אַרויס אויבן. ער האָט אַנידערגעקניט ביים גוף פון זיין ברודער. די גאָלד־גרעבערס האָבן זיך געשטעלט אַרום און אַראָפּגענומען די היטן. און די זון איז פאַרגאַנגען.

דאַוועל אָ'ריילי

# אויף אַ סטאַנציע

פּאַרוויאַנעט איז דער שטח לאַנד פון סידנעי ביז פּענ־ריט, אָבער נישט טויט. אמת, די פּליטקע וואַסערלעך פון אונ־טער די באַן־בריקלעך זענען אַלע אויסגעטריקנט און מאָגער איז די שאָף, זיי לעבן אָבער, די שעפּסן, אפילו ווען זייער איינציקע שפּייז איז דאָס פאַרגעלטע, טויטע גראָז. ערשט דאַן, ווען די באַן לויפט אַדורך מיט געבראַזג די אייזערנע בריק פון איבער דעם קלאָרן, טיפן „נעפּיאַן" און שטייגט פּאַוואָליע אַרויף צו דער באַרגיקער קיל־לופטיקער געגנט, פילט מען זיך מער האָפּערדיק — ס'לעבן איז נישט אַזוי שוואַרץ, ווי מען מאָלט עס.

די נעמען פון די סטאַציעס אין די בערג קלינגען פאַר־שלאָפן־זיס אין די אויערן: גלענבראָק, וואָלעי־הייטס, ספּרינג־וואוד, הייזלבראָק, לעאָראַ — און מיר שלאָפן בעת די באַן דראַפּעט זיך אַרויף צוויי־דריטל מייל אין דער לופטן און דונערט אַראָפּ, אַראָפּ, אויף דער מערב־זייט פון די בערג.

— אָראַנזש — דאָס שלעפּערדיקע קול פונעם קאָנדוקטאָר וועקט אונז אויף פינף פאַרטאָגס, און קוים וואָס מיר זען די סטאַציע און אַ פּאָר נעפּלדיקע געשטאַלטן. מיר פאָרן ווייַ־טער — פון סטאַציע צו סטאַציע. די להכעיסדיקע נעמען ברענגען נאָך שאַרפער אַרויס דעם שטומען יאוש פון דער געגנט. דער שטויביק־רויטער באַגינען קומט אונז אַנטקעגן, און ס'זעט אויס ווי אַ דינער רויך וואָלט זיך געוויקלט אַרום זיין פייערדיקער רויטקייט. מיר שטעלן זיך אָפּ ביי מיליאָן־

קריק, און קערם קריק, און סטאָון־קריק און דריפּסטאָון — אַלע אין אַ שטח פון פופציק מייל. דריי „טייכלעך" און אַן אָראַנזש אויף איין עק, און אַ „שטיין־קוואַל" אויפן צווייטן! איז עס געווען אַ בייזווויליקער וויץ פון די ערשטע פּיאָנערן, וואָס זיי האָבן מיט אַזעלכע נעמען אָנגערופן די פלאַכע שטחים פון פאַרביקן לייב, אָן אַן איינציק ברוין וואַסערל אַפילו, אויף וועלכן ס'זאָל קאָנען אָפּרוען ס'אויג; אָדער דערציילן בלויז די דאָזיקע נעמען וועגן די קאָשמאַרנע חלומות פון מענטשן, וואָס זענען אַראָפּ פון זינען פאַר דורשט — די לעצטע טרייסט וואָס פּיין געפינט אין דמיון?

נאָכמיטאָג. אומזיסט האָט די באַן דעם גאַנצן נאָכמיטאָג זיך געיאָגט מיט דער פייערדיקער זון, וואָס קאָלערט זיך איצט איבער אונזערע קעפּ, אין דעם ווי קופּער אָנגעגליטן הימל.

אַרויסקוקנדיק דורך דעם באַן־פענסטער זעט עס אויס, ווי מיר וואָלטן זיך אינגאַנצן פון אָרט נישט גערירט. די זעלבע טרוקן פאַרשטויבטע פליינען, די זעלבע טויטע ביינער־סקעלעטן, דער זעלבער אומענדלעכער שוויַיגנדיקער יאוש.

די נעמען פון די סטאַציעס ברענגען ווידער אַרויף אויפן רעיון די טראַכטונגען פון די פּיאָנערן, וואָס האָבן די ערשטע אַדורכגעמאַכט דעם וועג און נישט מיט דער באַן. ווען זיי זענען געקומען נאָך וועלינגטאָן האָבן זיי משמעות אָנגעהויבן צו פאַרגעסן די ענגלישע נעמען, וואָס זיי האָבן אַזוי ליב געהאַט. וועלינגטאָן שטייט בפועל ממש — און אויך ווי דער נאָמען גיט אָנצוגעהערן — אויף דער וואַך פון די זומפּן צווישן דעם לאַנד פון פאַרם־ווירטשאַפט און קלאָר וואַסער און בערג פון האָפענונג — און די צעשרפּהטע מקומות פון דער וועסט, וואָס דראָען אונז אייביק. עס זעט אויס ווי די פּיאָנערן וואָלטן זיך אינגאַנצן פאַרלוירן אין די גרענעצלאָזע פליינען, וואָס האָבן זיי אינגאַנצן פאַרשלינגען. די זיסע, היימישע דעראינערונגען, וואָס האָבן געלעבט אין די נעמען, ווי: „גלענברוק", „הייזל־ברוק", „לאָקסלי", זענען איינגעשרומפּן געוואָרן אין דעם פייערדיקן אָטעם, וואָס האָט געבלאָזן פון די מדבּרדיקע שטחים.

די העלדישע הערצער האָבן זיך אונטערגעגעבן פול מיט סודות־דיקער אימה. פון דער פּחדימדיקער שטילקייט און ציטערדיקער היץ האָט זיך געטראָגן אַ טייוולאָנישער פליסטער, לייכט ווי דער ווינט — „נאַרראָמיין", „בעלאַרינגאַר", „מאַנדזשערי־באַר". דער ווייסער מענטש האָט אָנגערופן זיינע קאָשמאַרנע לאַגערן מיט ווילדע, אוראַלטע נעמען, אין וועלכע עס לעבט די מיסטעריע פון שרעק און פאַרצווייפלונג און פון אייביקער טרוקעניש.

פון וועלינגטאָן ביז נינגאַר — 129 מייל — האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף זעכצן סטאַציעס, וואָס פערצן פון זיי טראָגן טייוולאָניש־אוראַלטע נעמען. און פון די איבעריקע צוויי הייסט איינס „מעריוווייל" (מערים־טאָל) און דאָס צווייטע — פיל לאַגערן ווייטער — „נעווערטייר" (קיינמאָל־מיד).

ווען מיר גלויבן, אַז אַ נאָמען געגעבן האָט זיי איין העלד, און אַז מערי איז געווען אַזוי ערלעך ווי איר געליבטער און אַזוי שיין ווי איר נאָמען איז, און אַז די האָפנונג, וואָס האָט געשטאַרקט זיין גאַנג דורך דעם „נעווערטייר" איז ענדלעך מקוים געוואָרן ווי ער האָט עס פאַרדינט.

און אָט איז „בערק"! נישט ווייט פון דאָרט — די פאַר־גייענדיקע זון, מאַט־רויט, ווי טונקל־גליענדיק פייער, זינט יאָרן ווי די דאָזיקע מערבדיקע געגנט ווערט טאָג־טעגלעך באַ־שפּריצט מיט דעם פייער פון דער זון, וואָס צירקלט אַרום פון דעם בלוי־טונקעלן פרימאָרגן ביז דער שטיקנדיק־דושנער נאַכט.

אריבער דער צעשפּאָלטענער ערד, וואָס איז אַמאָל געווען אַ טייכל, ליגן די מדבר־שטחים פון פאַראָאָ. טיילמאָל ציען זיך דאָרטן אַפגאַנישע קעמל־קאַראַוואַנען. מ'דערציילט, אַז אפילו דאָרטן געפינען זיך ווייסע פּיאָנערן — מענער, פרויען און קינדער — וואָס אַרבעטן און שטאַרבן.

אַרום פופציק מייל ווייטער שטייט אַ האָלצערנע כאַטע מיט אַ בלעכערנעם דאַך און אין איין ווינקל — אַ ליידיקער וואַסער־טאַנק. אוודאי שטייט דאָס הויז אויפן וועג, ווייל דאָרט

איז בלויז איין וועג פאַראַן — דער וועג געמאַכט פון דער טרו־קעניש, וואָס ציט זיך פון דעם קאַרפּענטאַריאַ גאָלף ביז צו דער אויסטראַלישער בוכטע און פאַרנעמט אַ שטח פון טויזנט מייל די ברייט. אין דער כאַטע וואוינט אַ מאַן מיט אַ פרוי.

נאָענט ביי דעם שטיבל, אין דער רויט־שטויביקער ערד, שטייט אַ האָלצערנער צלם, וואָס צייכנט אָן דעם קבר פון זייער איינציק קינד; זיי האָבן מיר דערציילט וועגן אים מיט שטילע איינגעהאַלטענע רייד, מיט געבויגענע קעפּ, ווי זיי וואָלטן גע־דאַוונט אָדער תפילה געטון.

ער איז געשטאָרבן פון זון־שלאַק, פאַר די ניי־יאָר יום־טובים. אַ גרויסער אַרבעטער געווען, דער קליינער! נישט שול־אַרבעט, נאָר אַרבעט פון אַ דערוואַקסענעם, וואָס הויבט זיך אָן אין באַגינען און פאַרענדיקט זיך ביי דעם ליכט פון די שטערן, מיט דעם לאַנגן וועג פון אַ בין, און צוריק פון דער שול, און אין צווישן — ער האָט ליב געהאַט צו זיין מיטן פאָטער, צו טון וואָס דער טאַטע טוט — האָבן זיי פאַר־בראַכט די ערב־יום־טובים אַרבעטנדיק צוזאַמען אויף די פליינען, ציפּנדיק די וואָל פון די פאַרפוילטע, טויטע שעפּסן. דאָרט האָט ער דעם זון־שלאַק באַקומען — זיינע קליינע, ברוינע הענטעלעך האָבן פון היץ און וואַנזין כסדר געציפּט דאָס ליילעך פון בעט — ער האָט דערקענט דער מאַמעס באַריר, ווען זי האָט אים דעם שטערן געגלעט — זיין טאַטע האָט אין באַגינען אַ קבר אויסגעגראָבן. — טרערן האָבן זיך אין מיינע אויגן געשטעלט, ווען ער האָט מיר דערציילט, אַז בעת דער רידל האָט זיך מעכאַניש געהויבן אַראָפּ און אַרויף, האָט ער זיך געבאַפּט, זוכנדיק אַרום זיך זיין קליינעם חברל, אַזוי שווער איז געווען צו גלויבן אין דער אבידה.

די מאַמע, זי איז שיעור נישט פון זינען אַראָפּ — האָט ער ווייטער דערציילט, דער געשלאָגענער מאַן — און פאַרגלוסט האָט זיך איר מיטאַמאָל, און גאָרנישט וועט איר צופרידנשטעלן, נאָר זי מוז האָבן בלומען. — ביים לעבן האָט ער קיין בלומען נישט געהאַט, איז קען מען נישט קריגן אַ פּאָר, אפילו איצט?

— האָט זי פאַרביטערט געפרעגט. — כאָטש בלויז אַ פּאָר — האָט זי געבעטן — ס'איז אַ גרויל צו באַגראָבן אים אָן אַן איינציק בלימעלע אפילו. נאָר וואָס האָב איך געקענט טון?
— האָט ער אַ מאַך געטון מיט די הענט איבער די פאַרשרפּהטע פּליינען.

נאָר פּרויען האָבן מאָדנע אופנים צו טרייסטן זיך איינס דאָס אַנדערע. די שכנים, וואָס האָבן מיטגעקלאָגט מיט איר, האָבן בשעתן אַוועקגיין זיך געסודעט צווישן זיך און זונטאָג אָוונט — ער איז פּיינלעך שטיל געוואָרן — איז זייער קליינ־וואַרג געקומען טראָגנדיק מיט זיך רויטע רויזן, העלע מאָן־בלי־מעלעך און בלויע פאַרגעס־מיך־נישטס — אָראָפּגענומען פון די היטלען און אַלטע קאָפּטנדלעך — זיי זענען נישט געווען קיין אמתע, — אָבער זייער ליבשאַפט איז אמת געווען, און ווען מען האָט זיי צונויפגעקראַנצט, האָבן זיי אויסגעזען זייער שיין. אַ לייכטער ריח פון אָראַנזש־דופט האָט זיך צעטראָגן אין צי־מער, וואָס האָט מיר געמאַכט אַ קוק טון אויף דער מאַמען — שטילע דערלייזנדיקע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אויף איר פּנים.

זי האָט אַרויפגעשאָטן אויף דער ברוסט פון איר זונעלע די פאַרוויאַנעטע בלעטלעך פון איר חופּה־קראַנץ, וואָס זי האָט אָפּגעהיטן ווי אַן אוצר זינט די לעצטע דרייצן יאָר...

## דאָועל אָ׳ריילי

# קראָען

דער „פּאָממי” פּאַסטאָר האָט ווי אַ רעכטפּאַרטיקער מענטש ערלעך געטון זיינע פליכטן, און ווען עס איז געקומען די לאַנגע טריקעניש איבער דעם צען טויזנט קוואַדראַט־מייליקן שעפּסן־דיסטריקט, וועלכן ער האָט גערופן „מיין געמיינדע”, האָבן די ליידן פון מענטש און בהמה איינגאַנצן אים דערשלאָגן. דער צער זיינער צוליב דער גראָבקייט און הפקרות פון די מענטשן האָט זיך גאָר גיך פאַרוואַנדלט אין מיטלייד צוליב זייערע שאָדנס און באַוואונדערונג פאַר זייער קוראַזש. זיי האָבן ווינציק גערעדט, און ווען שוין יאָ, איז עס געווען וועגן שאָף, פּאַשע, וואַסער. זיי האָבן נאָכאַנאַנד געהאָרעוועט. די זייטן־ליניעס אויף די באַן־סטאַציעס זענען געווען ענג אָנגעשטעלט מיט וואַגאָנעס אָנגעלאָדנט מיט פּאַשע, וואָס מ׳האָט געקויפט פאַר אויפגעשרויפטע פּרייזן ביי די פּאַרמערס אַרום די ים־ברעגעס. מ׳האָט די פּאַשע צוזאַמען מיט גאַנצע בערג גרינוואַרג פון די טייך־געגנטן געפירט מיילן־ווייט צו די אויסגייענדיקע פאַרמס.

דער נייער פּאַסטאָר פלעגט ווערן פאַרציטערט, צוזעענדיק ווי די אויסגעהונגערטע שאָף לעקן דעם סאַמע פּראָך פון דער ערד. אַזוי האָט זיך אים אויסגעוויזן. אין דער אמתן האָבן זיי גענישטערט און אויפגעלעקט יעדעס ברעקעלע זוימען און דעם שטויב פון פאַרדאַרטן גראָז. ער איז אַרומגעפאָרן אויף אַ ראָוער, און די צעבלאָזענע פּאָלעס פון זיין ראָק זענען אין גיכן געוואָרן היימיש אין דער גאַנצער געגנט. אַ טיף רחמנות און אַ ווילן צו העלפן האָבן אים געטריבן ווייט איבער

די פליינען. די עקלדיקע קראָען האָבן שווער געפּאַטשט מיט די פליגל און געקראַקעט, ווי זיי וואָלטן געשאָלטן, ווען ער האָט זיך געטראָגן אויפן ראָווער פאַרביי טויטע שאָף, אָדער פאַוואָליע זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צווישן טויזנטער שעפּסן, וואָס האָבן נישט געקאָנט שטאַרבן. אַ להכעיסדיקער בלויער מיראַזש האָט געשוועבט פאַר זיינע אויגן, נישט געוואָרן. שטילע, דראָבנע כוואַליעס פון מעליק־דינעם שטויב האָבן זיך געהויבן פון אונטער די גומענע רעדער. פערזן פון „אַלטן מאַרינער" האָבן געקלונגען אין זיינע אויערן; אויך אים האָט עס געטראָגן איבער אַ שטומען ים פון זעענישן, און פון טויט, און פון אומקום.

איינמאָל האָט ער געטראָפן אַ פאַרמער, וועלכער איז געשטאַנען אַריבערגעבויגן איבער אַ שעפּס, וואָס האָט נאָך געלעבט און איז געלעגן פאַרחלשט, אָן כוחות. איין אויג איז ביי אים געווען אויסגעשטאָכן. אַ שעפּסעלע איז געלעגן דערנעבן אַ טויטס, מיט ליידיקע אויגן־לעכער און מיט אינגעווייד אַרויסגעפּרעסן. דער פאַרמער האָט געוואָלט אויפשטעלן דעם שעפּס, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך צו האַלטן אויף די פיס.

— קראַ, קראַ, קר...ר...ר...אַ!

— גיט אַ קוק — האָט דער פאַרמער געזאָגט.

דער פאַסטאָר האָט אַרויפגעקוקט.

— ניין, אָט־אָ־דאָ! — האָט דער מאַן געוויזן אויף דער ערד. אינם זאַמד, וואו דער שעפּס איז געלעגן, האָבן אַרום־און־אַרום געזען זיך אָן אַ שיעור קאַפּיטע־צייכנס. ער האָט ווילד אַ פאָכע געטון מיט דער פויסט פאַרן פאַסטאָרס פּנים.

— צוויי טעג האָט זיך די מאַמע געראַנגלט מיט די קראָען, אַ רוח אין זיי, געטאָפּטשעט אַרום־און־אַרום מיטן קינד כסדר ביי דער זייט, וואָס האָט אַרויסגעזייגט פון איר דאָס ביסל חיות. זיי האָבן עס סוף־כל־סוף דערהרגעט!

דער פאַסטאָר איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ.

— העי, פאַסטאָר!

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זיך אומגעקוקט. דער מאַן האָט געהאַלטן דאָס טויטע שעפּעלע ביים ווײדל.

— שפּייז מיינע לעמער!...

ווען ר׳האָט צוריק אָנגעבויגן דעם קאָפּ פּאָרויס, האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער קלאַפּ און דאָס טויטע שעפּעלע איז שיעור נישט אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער. עס האָט עטלעכע מאָל זיך איבערגעקייקלט אינם שטויב. ער האָט אַ טרייב געטאָן דעם ראָוװער פאָראויס פול מיט גרויל. די לעסטע־רונג איז נישט געווען אויף זיין חשבון...

ביי אַ פּאָר פון די גרעסערע רעזערוואוּאַרן האָט מען אוועקגעשטעלט פּלומפּ־מאַשינען און אַריינגעפּלומפּט אין קאַ־ריטעס דאָס ביסל איבערגעבליבענע וואַסער. אָבער ביי אַ קלע־נערן וואַסער־גרוב, וואָס דער פּאַסטאָר איז פאַרבייגעפאָרן, איז מען געווען פאַרנומען מיט גאָר אַן אַנדער אַרבעט.

די שעפּסן, ווילד פון דורשט, האָבן זיך מחנותווייז אַריינ־געוואָרפן אינם בלאָטיקן גרוב. זיי זענען געווען צו שוואַך זיך צוריק פון דאָרט אַרויסצוקריגן, און געבליבן זינקען אין דער בלאָטע. אַ סך האָבן נאָך געלעבט. די איבעריקע זענען געלעגן צעטראָטענע אויף טויט. דריי מענטשן האָבן געאַרבעט אין עיפּושדיקן שליים, אַרויסגעשלעפּט די לעבעדיקע שעפּסן און פון די געשוואָלענע פּגרים אויפגעשטעלט אַ וואַנט אַרום דעם גרוב. פון די פּגרים האָט מען לייכט געקאָנט דערנאָך אויספליקן די וואָל. ער איז אַראָפּ פון ראָווער, געבליבן שטיין ביי דער וואַנט פון פלייש און אַ קוק געטון אונטן אַראָפּ.

אונטן האָט זיך געזען אַ קאָשמאַרנע, אוממענטשלעך, חלשותדיק בילד. דער געלער גרוב האָט אינגאַנצן געציטערט אינם ווייסן ליכט. די מענטשן, אַרומגעקלעפּט מיט בלאָטע, האָבן זיך געפּאָרעט צווישן די פּאָרמלאָזע, שטומע, גרויע באַשעפענישן. ס׳האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געקוקט דורך אַ מיקראָסקאָפּ אויף אַ טראָפּן שימלדיק וואַסער, וואָס ווימלט מיט בראשיתדיק לעבן.

— ס׳גייט אַ שטורם — האָט איינער פון די מענטשן

זיך אָנגערופן, אַ קוק געטון אַרויפצו־צו און זיך פּרובירט אָפּצואווישן דעם שטערן אָן אַקסל. אַ קיילעכדיקער שטויב־וואָלקן האָט זיך געקייקלט פון מזרח־זייט. זיין קול האָט גע־קלונגען האָפערדיק; ס'איז אים ליבער געווען דער שטויב איידער דאָס געשטאַנק און די פליגן. די איבעריקע זענען אַרויס־געקראָכן פון גרוב.

— כ'האָב געבראַכט די זונטאָג־בלעטער — דער פּאַסטאָר האָט אַראָפּגעוואָרפן אַ פּעקל אויף דער ערד. זיי האָבן דאַנקענ־דיק אַ שאָקל געטון מיט די קעפּ און זיך צוריק גענומען צו דער אַרבעט. דער פּאַסטאָר האָט זיך צוריק אויפגעזעצט אויפן ראָווער און זיך געלאָזט אויפן וועג אַהיים. זיין שאָטן איז אים געלאָפן פאָרויס.

דאָס ווייסע ליכט פון דער זון איז מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף צוריק און דערזען, ווי אַ כמאַרע פון רויטן שטויב האָט פאַרשטעלט דעם גאַנצן מערב. ס'האָט אויסגעזען ווי די ערד וואָלט זיך אויפגעהויבן אין אַ ריזיקער כוואַליע.

ער האָט ליב געהאַט די נאַטור. נישט אָקספּאָרד, נישט די גאָלדענע צלמים, נישט די הייליקע אילומינאַציעס האָבן אָפּגעטויט אין אים דעם לעבעדיקן חוש. עס האָט אים פאַר־כאַפּט די אויפגעשטורעמטע טבע. ער איז געבליבן שטיין, אָנ־שפּאַרנדיק זיך אויפן ראָווער, און געוואַרט. ער האָט פאַרגעסן פונם שעפעלע, פון עיפּושדיקן גרוב און געטראָפן דערפון, אַז ווען דער באַשאַף אַנטפּלעקט זיך פאַר אים אין שטורעם, הערט ער תמיד די שטים פון באַשאַפער.

צעוואָרפענע דינע פאַלדן אין שטויב האָבן זיך געכוואַליעט אַקעגן אים ווי די קנייטשן אויף אַ בוימלדיקן ים — און מיטאַמאָל האָט אויסגעבראָכן דער שטורעם. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צום ווינט, וואָס האָט אָפּגע־לעקט די פאַרבאַקענע ערד אינגאַנצן ־נאַקעט ווי בעטאָן. די שווערערע זעמדלעך האָבן טראָגנדיק זיך איבער דער ערד אָפּ־געקלונגען אָן די שטאָלענע שפּריכעס און זיך געבערגלט אַרום

די רעדער אויף דער זייט, וואו דער ווינט האָט געבלאָזן. ער האָט אָפּגערוקט אַ פּוס, און שוין איז אַ טיפער פּוס־צייכן געווען אינם שטויב. ער האָט חידושדיק באַטראַכט דעם צייכן און זיך דערמאָנט אָן די מאָדנע קופּקעלעך פון רויטער ערד, וואָס זענען געלעגן אויף דער מערב־זייט פון יעדן סלופּ. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט דעם גורל פון אַ קראַנקן אָדער שיכורן מענטש, וואָס בלייבט דאָ ליגן און די ערד־כוואַליעס דעקן אים צו, באַגראָבן אים...

— קראַ, קראַ, קר...ר...ר...אַ!

ער האָט נישט געזען די שוואַרצע פליגל, וואָס האָבן זיך געטראָגן און געדרייט אינם ווירבלדיקן שטויב, נישט די בלוט־דורשטיקע אויגן, וואָס האָבן אים דערבליקט. אָבער דער בליצי־קער רעיון וועגן דעם טויטן שעפּעלע מיט די פאַרבלוטיקטע אויגן־לעכער האָבן אים אַ ברי געטון אין מוח. ער האָט דער־שפּירט דעם פינסטערן כוח, וואָס די רשעותדיקע פייגל זענען זיינע שלוחים, אַ טייוולאָנישער כוח, וואָס טראָגט זיך נצחונדיק אויף ברייטע פליגל, מיט אכזריותדיקע שנאָבלען, מיט מעכ־טיקע נעגל...

— קר...ר...ר...!...

— קר...ר...ר...אַ!...

ער האָט געגלאָצט אין דער שטויב־במאַרע אַריין, וואָס איז געווען טונקל־רויט ווי פאַרזעצט בלוט, און אויפגעהויבן אַ פויסט אַקעגן דעם טייוולאָנישן געשריי. אַ קללה האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרץ און אים אויסגעקרומט דאָס פּנים...

— גאָט!... און ער איז געבליבן שטיל.

דער אַלהייליקער נאָמען האָט אימהדיק אָפּגעהילכט מיט אַ קול, וואָס איז נישט געווען זיין. ער האָט אָוועקגעשליידערט דעם ראָווער און אַנידערגעפאַלן אויף די קני מיט פאַרקלאַ־מערטע הענט, און אַ שלוכצן האָט אויפגעטרייסלט זיין גוף:

— און גאָט האָט געענטפערט צו איובן פון ווירבל־ווינט אַרויס...

זוענס פּאַלמער

# דער דינגאָ

אַ וואָיען, אויסגעצויגן און יאָמערדיק, האָט זיך געטראָגן פונם זאַמדיקן, פּלאַכן ברעג פון טייך. דאָס וואָיען איז געווען ווי פון יענער וועלט. עס האָט זיך געטראָגן איבער די צע־קרומטע נידעריקע טיי־בוימער, וואָס האָבן ווי אַ זילבערנער מאָך זיך געשפּרייט אונטערן שיין פון דער לבנה און זיך געצויגן באַרג־אַרויף צום לייכט־טורעם. אָלסען איז געלעגן אויף דער סאָפּקע און געדרימלט. דאָס וואָיען האָט אים געעגבערט דעם מוח, אויפגעריסן פון שלאָף. ער האָט זיך אויפגעזעצט און אָנגעטאַפּט מיט די פיס די שטעק־לאַטשן. אין דער שטוב איז געווען שטיל. בלויז דער הילצערנער זייגער האָט געקלאַפּט אויפן קאַמין און האָט אַלע ווייל זיך ווייך אָנגעשלאָגן אָן גלאָז פון דער נאַפט־לאָמפּ. אויך דער הונט ביי אָלסענס פיס איז, הערנדיק דאָס וואָיען, געוואָרן אומרואיק. ער האָט אויפגע־הויבן דעם קאָפּ פון די לאַפּעס און אַרויפגעקוקט אויפן אַלטן מיט אַ פּאָר גלאַנציקע אויגן פול אַנגסט, ווי ער וואָלט זאָגן:

— ס'איז דער רוף... דו ווייסט דאָך, וואָס ער מיינט!

זיכער האָט עס אָלסען געוואוסט. ער האָט, זשמורענדיק די אויגן אינם ליכט פון דער לאָמפּ, זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון דער סאָפּקע, איבערגעווישט די ברילן און מכלומרשט בייז אָנגעקוקט דעם הונט.

— וואָס איז, באַרב? האָסט שוין עפּעס געהערט, האַ? ליג איין, נישט דיין זאַך, פאַרשטאַנען? וועסט היינט ביינאַכט נישט אַרויס אין דרויסן, ניין!

דער הונט האָט זיך צוריק אויסגעצויגן, אַוועקגעלייגט

דעם קאָפּ אויף די לאַפּעס און לפּנים געהאָרכט דעם באַלעבאָס. אָבער די אויערן זיינע זענען געווען אָנגעשפּיצט און דער גאַנצער גוף וואָך און האָרכנדיק, גלייך דאָס יאָמערדיקע וואָיען וואָלט אָפּגעהילכט אין זיינע בלוטן, אין יעדן קעמערל פון זיין גוף. אָלסען איז מיט שאַרנדיקע טריט צו צו דער אָפענער טיר און אַרויסגעקוקט צום ים און דרויסן. דאָס ליכט אויפן ווייסן טורעם, אינגאַנצן דרייסיק יאַרד אַוועק פון הויז, האָט געברענט מיט אַ שטילן, זשומענדיקן גערויש. אָבער ווער האָט אין אַזאַ נאַכט באַדאַרפט זיין ליכט? אַ פולע לבנה הינטער אַ דינעם וואָלקן־שלייער האָט פאַרפלייצט מיט איר שיין אַלץ אַרום — פון פאָרנט דעם ים, די קופּקעס טיי־בוימער אונטערן בערגל, אויף לינקס דאָס ברייטע מויל פון טייך און די זאַמדיקע אינזלען, וואָס האָבן אין לבנה־שיין אויסגעזען ווי שווימענדיקע קריעס. מ׳האָט אפילו געקאָנט זען די דרייביימער, צעקרומטע פון ווינט, אויפן אָלד ווימען אינזל אין מיטן טייך.

ס׳איז געווען די ערשטע נאַכט פון אמתדיקן זומער. דער אָטעם פון דער נאַכט איז געווען וואַרעם און האָט געשמעקט. ס׳האָט זיך נישט גערירט קיין ווינטל. ווען אָלסען האָט פאַרדרייט די ליולקע, האָט זיך דאָס פלעמל פון שוועבעלע געצויגן גלייך אַרויף אין דער הויך און מ׳האָט עס נישט געדאַרפט פאַרשטעלן מיט דער האַנט. הויך אין הימל האָט געלויכטן די לבנה און איר קיילעכדיקייט האָט זיך קוים אַרויסגעשניטן דורך די דינע וואָלקן־שלייערס. ס׳האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט זיך צעגאָסן אינם ליכטיקן נעפּל, וואָס האָט זי אַרומגעהילט. אַ טשאַטע שוואַנען האָט אַדורכגעשניטן דעם וועג פון דער לבנה און מיט אַ געשריי ‧געפלויגן אַראָפּ־טייך. און אין מיטן טייך האָבן שוואַך געגלימערט אַ פּאָר פלעמלעך. דאָס האָבן די פישערס זיך אַרויסגעלאָזט אין זייערע שיפלעך אויפן פיש־פאַנג. מעקסי איז מסתמא אויך דאָרטן, האָט אָלסען געטראַכט. זי זיצט איינגענורעט ביים עק אין קאָנאָלים שיפל און ציט די פישער־שנור אין וואַסער.

— ז׳איז דאָרט, אַנישט וואָלט איך זי געהערט אַהיימ־

קומען... זי דאַרף זיך נישט אַרומשלעפּן אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. ס׳מוז שוין זיין נאָענט צו צוועלף...

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו דער שטוב אין עק פון דער וועראַנדע, און דער הונט איז אים נאָכגעגאַנגען פוס־טריט. ער האָט אפילו נישט געדאַרפט אָנצינדן קיין פייער און אין דער פינסטער געזען, אַז ס׳איז דאָרט קיינער נישטאָ. מעקסים אָנטועכץ און די לייב־קאָלירטע זאָקן זענען געלעגן אָנגעוואָרפן אויף דער שטול. איר געשטריקטער סוועטער איז געלעגן אויפן בעט. זי האָט זיך איבערגעטון אין אירע אַלטע פישער־קליידער און איז באַלד נאָכן נאַכט־עסן אַוועק אין איי־לעניש. זי האָט אים צומאָל נישט געזאָגט וואוהין זי גייט. נו, קיין טענות קאָן מען צו איר נישט האָבן, וואָס זי האָט זיך אין אַזאַ נאַכט אַזוי געיאָגט אַרויסצוגיין. אַ גאַנצן טאָג איז זי געזעסן פאַרשפּאַרט אינם ענגן שטייגל פון דער פּאָסט, אַרויס־געגעבן בריוו, אָפּגעהיטן דעם טעלעפאָן. ס׳ציט אין אַזאַ טאָג צום ים, דער ווינט זאָל אַ גלעט טון דאָס פּנים...

אָבער דאָס, וואָס זי האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט אָט דעם קאַנאַלי, געפעלט אים שוין גאָרנישט. מיט אַזאַ איינעם דאַרף זי נישט האָבן קיין מחזקות. דער חברה־מאַן מיטן קרומען שמייכעלע זיינעם, מיטן רויען, טונקל־אָפּגעברענטן פּנים און דורכגעטריבענע אויגן, האַרטע ווי גלאַזירטער פּאָרצעלאַן, איז אַ געניטער נואפניק. דערצו איז ער כמעט צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי מעקסי.

— אַ מיידל ווי זי האָט נישט קיין ריכטיקע געזעלשאַפט, דאָס איז די צרה — האָט ער געמורמלט צו זיך, אָנגיסנדיק אין טשייניק וואַסער פון רעגן־קעסל. ער איז אַריין אין שטוב און אָנגעצונדן די פּרימוס־מאַשינקע.

דאָס יאָמערדיקע וואָיען האָט זיך ווידער אַמאָל געלאָזט הערן, דאָסמאָל פונם וואַלדיקן טאָל אויף דער יבשה־זייט פון לייבט־טורעם. אָלסען איז אַוועק פון דער פּרימוס־מאַשינקע, כדי צו געבן אַ קוק אויפן הונט, וועלכער האָט זיך אויסגעצויגן

נעבן דער טיר און זייטיק באַטראַכט דעם באַלעבאָס מיט אַ ווינקל פון אויג.

— ווען גייט ער שוין שלאָפן? — האָט ווי געפרעגט דער הינטישער בליק.

אָלסען האָט שווייגנדיק געקוקט אויפן הונט. ער האָט גע־טראַכט וועגן דעם, ווי ערשט מיט אַ וואָך, צוויי צוריק איז טרע־וואַננאַ, וועלכער האָט געוואוינט ביים זאַלץ־וואַסערדיקן טייכל, געקומען צו אים מיט אַ געשיכטע, אַז ער האָט געזען, ווי באַרב דרייט זיך אַרום מיט אַ געלן דינגאָ נעבן זיין הינער־פלאַץ. ער, אָלסען, האָט מיט אַ געבייזער דאָס אָפּגעלייקנט. ער האָט אים אויפגעוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז באַרב איז יענע נאַכט נישט אַרויס אין דרויסן. ס'איז זיכער געווען אַן אַנדערער הונט. איצט האָט ער שווייגנדיק באַטראַכט באַרבן, וואָס האָט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, און ס'איז געווען קענ־טיק, אַז ער וואַרט נאָר אויף דער מינוט זיך אַרויסצוקריגן פון זיין השגחה.

— ווּעסט היינט נישט אַרויסגיין — האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט — פאַרשטאַנען? ווילסט כ'זאָל דיך האַלטן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער קייט, האַ?

מ'דאַרף דעם הונט האַלטן קורץ, האָט ער ביי זיך גע־טראַכט, זאָל עס זיין אמת, וואָס טרעוואַננאַ האָט אים דער־ציילט?... ער האָט אָבער אויפגעהאָדעוועט באַרבן, זינט ר'איז געווען אַ פּיצל, און נישט געגלויבט טרעוואַננאַן. באַרבס מוטער איז געווען די בעסטע פּי־צויג אין דער געגנט, פון דער אַלטער איוואָן־דאַון־צוכט, און נישט געהאַט קיין טראָפּן ווילד בלוט אין זיך.

ס'האָבן זיך דערהערט גיכע, לויפנדיקע טריט אונטן ביי דער פורטקע און באַלד איז מעקסי אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין מיט אַ נאַס צוקער־זעקל אין דער האַנט און מיט צע־שויבערטע האָר.

— העללאָו, דעד! ביסט נאָך נישט געגאַנגען שלאָפן?... ס'עפּעס דאָ צו עסן?

אַלסען האָט זיך גענומען פּאָרען ביים געשיר.

— כ׳גיב דיר גלייך... ס׳איז דאָ קאַקאַאָ, אויב דו ווילסט. זוי האָט אויסגעזען דער פיש־פּאַנג?

— שלעכט! מיר האָבן געוואַרט אויפן צופלוס. אָבער מער ווי אַביסל דרויב האָט עס נישט געבראַכט, קיין איין גרויסן פיש נישט...

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אין די שאָרכנדיקע פישער־מלבושים און גענומען הונגעריק קייען דעם קוכן, וואָס ער האָט איר דערלאַנגט אויף אַ טעלער. ס׳האָט געשלאָגן מיט ים־פרישקייט פון איר צעהיצט פּנים, פון די נאַכטיק־טונקעלע אויגן. אָבער זי האָט אויסגעזען טויט־מיד, אָט־אָט פאַלט איר קאָפּ צו צום טיש. זי איז געווען שטאַרק שלעפעריק, דער שלאָף האָט זי גענומען איינהילן מיט זיין וואַרעמקייט.

— שוין איינמאָל אַ נאַכט! — האָט זי שלעפעריק גע־פּלאָנטערט מיט דער צונג. — כ׳האָב אויפן האָק אָנגעשטאָכן אַ גאַנצן שלייען, אפשר וועט זיך לאָזן כאַפּן אַ קריק־פיש. דער קליינער מוני האָט נעכטן ביינאַכט געכאַפּט אַ קריק־פיש נישט ווייט פון ברעג. אַ הונדערט־דרייסיק־פונטיקע כּלי — האָט ער געזאָגט.

דער אַלטער האָט צונויפגעצויגן די ברעמען איבער די ברילן און אָנגעגאָסן נאָך אַ שאָל קאַקאַאָ.

— ס׳איז שוין געווען שפּעט, האָב איך זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ ווייל אויף דער סאָפקע. דער דינגאָ — ר׳איז שוין ווידער דאָ געווען און געהאַלטן אין איין וואָיען, ווי ר׳וואָלט עמיצן גערופן. ווען איך קאָן זי דערשיסן, די צויג...

מעקסי האָט זיך צעלאַכט. זי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און אַרומגענומען דעם הונטס קאָפּ מיט די הענט, אויפ־געשויבערט זיין האַריקע פעל, איבערגעדרייט אין דרויסן אַרויס זיינע זייד־גלאַטיקע אויערן.

— אָ, באַרב, אַלטער טייוול, דו! ליגט זיך ווי קיינמאָל גאָרנישט, גאָט די נשמה שולדיק. און איך האָב אַלעמען גע־זאָגט, אַז ס׳איז נישט אמת!

דער הונט האָט זיך שפּילעוודיק געריסן פון אירע הענט, געשפּרונגען אַרום איר, געביסן די קנעכלען, ווען זי איז אַרויס אויף דער וועראַנדע זיך לייגן שלאָפן. זי האָט פון איר שטוב אַרויס שלעפעריק גערופן דעם פאָטער, ער זאָל נישט פאַרגעסן די פיש אין זעקל.

— כ׳האָב דאָרט אַ פּאָר פישלעך, ס׳וועט זיין גענוג אויף אָנבייסן. כ׳האָב זיי אויסגערייניקט און אָפּגעשאָבן, מ׳דאַרף זיי בלויז באַזאַלצן.

אָלסען האָט אַרויסגעלייגט די פיש אויף אַ טעלער און אַוועקגעשטעלט אין שפּייז־שענקל. ער איז אַרויס אין דרויסן, כדי נאָכאַמאָל אַ קוק צו טון אויפן לייכט־טורעם, וואָס האָט געוואָרפן אַ שיינענדיקן פּאַס ליכט אויפן בערגל און אויפן ים אַרויס. געווייינטלעך, אַז דער טורעם האָט גוט געברענט אַרום האַלבער נאַכט, פלעגט ער רואיק גיין שלאָפן. אַצינד אָבער איז ער אַ שטיק צייט געשטאַנען אויף דער קליינער פּלאַטפּאָרמע און אַראָפּגעקוקט אויף די זילבערנע טיי־ביימער, אויף די זאַמד־אינזלען, וואָס האָבן זיך ליכטיק אָפּגעשלאָגן אין מיטן טייך. דער ערשטער אָטעם פון אמתן זומער האָט זיך געשפּירט אין דער נאַכטיקער לופט, אויפגעוועקט אין אָלסענען אַן אומרו, אויפגערודערט אין זיין מוח מאָדנע, אומרואיקע געדאַנקען. וואָס האָט זיך אים דאָס געחלומט, ווען דאָס וואַיען צווישן די וואַסער־גראָזן ביים ברעג פון טייך האָט אים אויפגעוועקט פון דרימל?

ווען ער איז געווען אויפן דאַנינג־אינזל פון באַריער־ריף, פלעגט ער אָפּטמאָל אין אַזעלכע נעכט אינגאַנצן נישט גיין שלאָפן. וויפיל מאָל פלעגט ער באַגעגענען דעם באַגינען, אַרומ־קריכנדיק אויפן נאַסן זאַמד, מיט אַן אויסגעלאָשענער ליולקע אין מויל, און טראַכטן פון מעקסין, ווי זי שלאָפט זיך געשמאַק אין איר בעט אינם קלויסטער ווייט אויפן דרום. ס׳האָבן זיך לאַנג געצויגן די זעקס יאָר, וואָס ער איז געווען אָפּגעשיידט פון זיין איינציק קינד. ער האָט דאָס אָבער גענומען פּאַר ליב ווייסנדיק, אַז ווען מעקסי וועט אויסוואַקסן און קענען זיין מיט

אים צוזאַמען, וועט מען אים אָנשטעלן ביי אַ לייכט־טורעם נישט ווייט פון שטאָט. און ס'האָט זיך אַלץ אויסגעשיקעוועט פּונקט אַזוי, ווי ער האָט געטראַכט. זיכער איז מעקסי צופרידן, מ'דאַרף זי גאָרנישט פרעגן. זי שטייט אויף יעדן אינדערפרי פריש און מונטער ווי אַ הינדל ערשט אויסגעפּיקט פון איי, און אויך די אַרבעט אויף דער פּאָסט איז פאַר איר בלויז אַ שפּילעכל.

אָבער צווישן דעם אונטערוואַקסנדיקן מיידל און דעם אַלטן איז געלעגן אַן אָפּגרונט. טיילמאָל, ווען ער האָט געוואָלט אַדורכשמועסן זיך מיט איר, פלעגט זי אים אָנקוקן מיט אַ שמייכעלע, ווי זי וואָלט אים געהאַלטן פאַר עובר־בטל. אַ גוטער, ליבער אַלטיטשקער, וואָס מ'דאַרף אים נישט נעמען צו ערנסט. די וועלט האָט זיך אַ סך געביטן זינט דער צייט, ווען ער איז אַוועק קיין דאַנינג. היינטיקע מיידלעך ווייסן, ווי אַזוי זיך אַליין אַן עצה צו געבן אין לעבן.

— כ'וויל בעסער אַליין פאַרפּוטשן דאָס לעבן מיינס. כ'דאַרף נישט, עמיץ אַנדערש זאָל עס טון פאַר מיינעטוועגן — פלעגט זי זיך וויצלען.

ער איז נאָך געשמאַק געשלאָפן צומאָרגנס אינדערפרי, ווען זי האָט געבראַכט אַנבייסן. ער האָט ביז שפּעט אין דער נאַכט געריייניקט דעם נויט־ברענער פון לייכט־טורעם. מעקסי האָט מיט אַ געלעכטער דערציילט פון באַרבן, וועלכער איז אַהיימגעקומען אַ הינקעדיקער און באַשפּריצט פון בלאָטע פון זומפּ.

— ר'איז אַרויס אין דרויסן, דער כלב, ר'האָט אויסגע־פּירט ס'זייניקע. מ'קאָן מיט אים גאָרנישט אויפטון. ס'זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך אַרומגעשלאָנדערט די גאַנצע נאַכט.

— וואו איז ער אַצינד?

— ער ליגט אויף דער זון און לעקט זיך דעם צעקאַ־ליעטשעטן פוס. ער האָט זיך אַפּנים צעמזיקט, קריכנדיק צווישן שטעך־דראָט. ס'זאָל נאָר נישט האָבן געווען די צוים אַרום טרעוואַננאַס הינער־פּלאַץ.

— מ'דאַרף מאַכן אַ סוף דערצו — האָט געזאָגט אָלסען.

— פון היינט אָן וועל איך אים יעדע נאַכט האַלטן אויף דער קייט.

— זאָלסט דאָס נישט טון, דעד! מ'דאַרף האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן צו האַלטן אַ הונט אויף דער קייט.

אויך אָלסען האָט נישט געהאַט קיין האַרץ דאָס צו טון. ער האָט אָבער נישט געוואָלט מ'זאָל רעדן אויף זיין הונט, אַז ער שלעפּט זיך אַרום מיט אַ דינגאָ. די שכנים האָבן שוין גענומען קוקן קרום אויף באַרבן. טרעוואַננאַ האָט געלאָזט לויפן די צונג, און אין שאַראָנס קראָם ביים טייך האָט מען עפּעס מאָדנע געקוקט אויפן הונט, ווען ער האָט אים גענומען אויפן נאָכמיטאָג־שפּאַציר. ר'איז. שוין איינמאָל געווען אַ שיינער הונט, באַרב, מיט זיין קלוג־פאַרהויבענעם קאָפּ און צוגעזשמורעטן רעכטן אויג. ס'האָט אַלסאָנען תמיד הנאה געטון צוקוקנדיק זיך, ווי די קינדער לויפן אים נאָך, שויבערן אויף זיין האָריקע פעל און וואַרפן שטיקער האָלץ פאַר אים אין טייך אַריין. ער האָט גאָרנישט געהאַט קיין ווילדקייט אין זיך. ס'איז בלויז געווען די האָפּערדיקייט פון אַ יונגער חיה — דאָס נאָכלויפן זיינס נאָך אויטאָס און דאָס בייסן קי ביים וויידל.

און די געלע דינגאָ־צוויג איז געווען אַ הינער־מערדער, ווי אַלע פון איר מין. זי איז געווען פון די לעצט־פאַרבליבענע דינגאָס אין דער זומפּיקער געגנט אַרום מויל פון טייך. מ'האָט זי נישט געקאָנט אָפּנאַרן מיט אַ פאַרסמטן ביסן, די דורכגעטריבענע צויג, און געשפּירט האָט זי אַ מענטש פון ווי ווייט, זיך בשום אופן נישט געלאָזט נעמען אויף אַ ציל. אָבער טיילמאָל ביינאַכט פלעגט זי זיך פאַרגנבענען אין די פישער־ביידלעך לענגאויס דעם ברעג, זיך אָנפרעסן מיטן אָפּפאַל פון פיש און אָנמאַכן אַ מהומה אויף די הינער־פאַרמס. טרעוואַננאַ איז, פאַרשטייט זיך, תמיד אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער. ער האָט געוואוינט אַ מייל אַוועק פון שטעטל, אין אַן אָפּגעלעגן אָרט ביים זאַלץ־וואַסערדיקן טייכל, און אַ סך פון זיינע הינער האָבן זיך געכאָוועט ווילד און געשלאָפן אויף ביימער. נאָך

וויטער האָט געוואוינט פּערדי. אים איז געווען גאָר שלעכט, מחמת ער האָט געהאָדעוועט אינדיקעס און ער פּלעגט אָפּט וואָכן־לאַנג זיין אַוועק פון דער היים, אַרבעטנדיק ביים בויען וועגן.

— כ'האָב ביי מיר אין הויז געגוג ציאַנקאַלי פּטור צו ווערן פון אַלע הינט פון דאַנען ביז בריזבעין — פלעגט ער זיך באַרימען מיט אַ בייז בלישטשל אין די אויגן. — זאָל דאָס זיין אַ וואָרנונג פאַר אַלע...

גאָט, וויפיל צרות אַ מענטש האָט אויסצושטיין היטנדיק עפּעס, וואָס אים איז טייער! אָלסען האָט אַ פאַרקלעמטער גע־טראַכט דערוועגן, בעת ער איז געשטאַנען אויף איינעם פון די צעפּאָרענע בריקלעך ביים ברעג פון טייך און געקוקט, ווי קאָנאָלי מייסטרעוועט ביים מאָטאָר פון זיין שיפל. ס'האָט פון אים געשלאָגן מיט פאַרטייעטער גבורה, בעת ער האָט אַרומ־געטשלאַפּעט אין פלאַכן וואַסער מיט זיינע נאַקעטע ברוינע פיס. פון אָפענעם העמד האָט זיך אַרויסגעזען זיין האָריקע ברוסט. אַ שיינער יונג, אָבער אַ האַרטע נוס, מיטן שמייכעלע זיינעם, וואָס האָט זיך געשניטן קרומלעך, ווי מ'וואָלט עס געזען דורך גלאָז.

— כ'האָב נעכטן ביינאַכט ווידער געהערט דעם דינגאָ — האָט ער אַרויסגעשריגן צו אָלסענען.

די זון האָט אַ בליאַסק געטון אין זיינע בלויע, פאַרצע־לייענע אויגן, ווען ער האָט זיך גלייכגעשטעלט מיט אויפגע־הויבענע פּלייצעס. זיינע פּעסטע, געלע ציין האָבן זיך אַרויס־געזען פון צווישן די זון־געפּלאַצטע ליפּן. פון דער ווייטנס, וואו די פישערס האָבן צורעכט געמאַכט זייערע נעצן, האָט זיך געהערט אַ שוואַכער אָפּהילך פון געלעכטער.

— אַזוי? — האָט אָלסען אַ מרוקע געטון. — ס'מאַכט נישט אויס! זי וועט בקרוב כאַפּן אַ פאַרסמטן ביסן.

אויף קאָנאָלים טונקעלן פּנים האָט אַ בליאַסק געטון אַ שוואַרץ שמייכעלע.

— האַלט בעסער אַן אויג אויף באַרבן. גראָד קאָן ער

כאַפּן דעם ביסן. ס'זענען דאָ פאַראַן פאַרשוינען, וואָס קאַרגן נישט אַביסל ציאַנקאַלי.

אָלסען האָט אין געדאַנק געהאַט אַ פּאַרטיקע תשובה, אָבער ער האָט גלייך פאַרפרעסט די ליפּן, ווי די דעקלעך פון אַ ים־שאָל. ער האָט געטראָגן אַ האַרץ אויף קאַנאָלין, וועל־כער האָט אים באַריסן פאַר איבערפירן לאָדונג אין זיין שיפל, ווען ער האָט אָקאָרשט געהאַט איבערגענומען דעם ליכט־טור־רעם. זיי האָבן דעמאָלט געהאַט אַ שטיקל מחלוקה, און אָלסען האָט מיט אים געפירט אַ שטילן ברוגז. דער חברה־מאַן האָט לייכט געמאַכט געלט, פירנדיק פראַכט אויפן טייך און פאַרדינ־גענדיק שיפלעך צו געסט. אָבער די פענע האָט ער געהאַלטן פעסט. און אַ ביטראַק איז ער שוין איינמאָל געווען! מ'האָט גערעדט, אַז ער האָט ערגעץ אַ ווייב, וועלכע ער האָט איבער־געלאָזט אויף הפקר, און תמיד האָט ער געהאַט אַן אויג אויף פרויען, אַמאָל די, אַמאָל יענע.

אמת, מעקסי האָט נישט געגלויבט אין די אַלע געשיכ־טעס, וואָס מ'האָט וועגן אים דערציילט. און אפשר איז איר געווען אַלץ איינס...

— די חברה ביים ברעג פלוידערן ווי אַלטע ווייבער — פלעגט זי אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. — ס'איז גענוג צוויי מעוועס זאָלן זיך אַוועקזעצן אויפן זאַמד און זיי האָבן שוין פון וואָס צו רעדן.

אָבער די ערשטע צייטן איז זי מער ווי יעדער איינער גע־ווען קעגן קאַנאָלין. זי האָט אים גאָרנישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס ער פלעגט סתם אין דער וועלט אַריין בסדר פייערן מיט זיין ביקס ביים ברעג פון טייך, אָנמאַכן אַ מהומה צווישן די וואַסער־פייגל און שיסן אויף די פעליקאַנען, וואָס פלעגן זיך טיילמאָל פאַרקלייבן אויף די זאַמד־אינזלען. זי האָט אים ס'ערש־טע מאָל געטראָפן, ווען ער איז געשטאַנען אַראָפּגעבויגן איבער אַ שוואַן צווישן די וואַסער־גראָזן ביים ברעג, און דאָס בלוט אויף די שוואַרצע, גלאַנציקע ברוסט־פעדערן האָט אין איר אָנגעצונדן אַ כעס:

— אכזר! פאַרוואָס האָט איר דאָס געטון?

אָבער קאָנאָלי האָט ווי קיינמאָל גאָרנישט זיך צעלאַכט, און זיינע חוצפּהדיקע אויגן זענען געלאָפן איבער איר גוף און איר צעפלאַמטן פּנים.

— פאַרוואָס נישט? זיי זענען גאַנץ געשמאַק. ס'פאַרשטייט זיך, אַז מ'דאַרף זיי צוערשט איינווייקן אויף איבער נאַכט אין זאַלץ־וואַסער.

איינציקווייז האָט זיך מעקסי צוגעוואוינט צו די ביקס־שיסערייען, וואָס האָבן נאָכאַנאַנד צעטרייסלט די שטילקייט אַרום טייך. זי האָט אפילו אַליין גענומען אין האַנט אַ יעגער־ביקס און פלעגט אין די זונטיקס אַוועקגיין באַגינען צום טייך און צוריקקומען שפּעט ביינאַכט מיט אַ ווילדער קאַטשקע, אָדער מיט אַ פּאָר וואַסער־טויבן פון צווישן די קוסטעס, וואָס זענען קופּקעסווייז געוואַקסן ביים ברעג.

אייגנטלעך, וואָס גיט נאָך אַזאַ שאַרף פאַרגעניגן אין לעבן, ווי דאָס שפּיל פון ביקס און פּאַסטקע, דער פאַרמעסט ווער עס וועט וועמען איבערקליגן — דער יעגער, צי דער געיאָגטער? דער פויגל האַלט דעם בליק זיינעם שאַרף, און די חיה אירע חושים וואַך און אָנגעשפּיצט: דער שונא טשאַטעוועט כסדר. אפילו דעם סם אינם אונטערגעוואָרפענעם ביסן דערשמעקט גלייך דער דינגאָ, און ווי אַ בליץ ציט ער אָפּ צווישן די קוס־טעס און גראָזן, און עס ברענען די האָר אויף זיין פעל. עס איז אַ שטיק פונם צאַפּלדיקן לעבן אין דער וועלט פון נאַטור!

דער זומער האָט זיך געשטעלט פרי, מיט קרישטאָלענע טעג אָן מינדסטן ווינטל, און מיט אָוונטן, וואָס זייער טונקלקייט האָט זיך געלייגט ווי אַ טיף־רויטער שלייער איבער די זאַמד־פלאַכן און דעם ים. געסט האָבן אָנגעפולט די עטלעכע הייזלעך לענגאויס דעם טייך און אין די פרימאָרגנס זיך געשיפט אויף שיפלעך אַרום די זאַמד־אינזלען, אָדער געכאַפּט פיש אין די וואַסער־גריבער, וואָס דער אָפּפלוס פון ים האָט איבערגעלאָזן אויפן ברעג. די פלאַזשע האָט זיך פאַרביק געמיניעט מיט מענער און פרויען, וואָס זענען געלעגן אויפן זאַמד. כמעט יעדן אָוונט

האָט מען געטאַנצט אין שאַראָנס גרויסן שייער נעבן דער קראָם, און קאָנאָלי האָט גוט פאַרדינט ביי די געסט, וואָס האָבן גע־מאַכט פישער־אויספלוגן צו די קרישלדיקע ים־סקאַלעס, וואו ס'האָט געווימלט מיט שנאַפּער־פיש.

— אַ שאָד, וואָס עס איז נישט שטענדיק זומער — פלעגט ער זאָגן. — דעם גרעסטן טייל פון יאָר מוז מען לעבן פון גרייטן.

וואָרום אין פעברואַר וועלן קומען די מאָנסון־ווינטן, דער ים וועט ווערן שטורעמדיק און גרוי, די זשאַבעס וועלן פאַר־הילכן מיט זייער קוואַקן דאָס פאַרפלייצטע פלאַכלאַנד ביים טייך, און די לעצטע זומער־געסט וועלן אין איילעניש פאַר־פּאַקן די וואַליזעס און אַוועק.

אָלסען האָט געהאַט פאַרדרוס דערפון, וואָס מעקסי דאַרף זיצן פאַרשפּאַרט אויף דער פּאָסט בעת די שיינע זומער־טעג. ביים ים און ביים טייך איז געווען פריילעך, מ'האָט געלעבט זאָרגלאָז ווי שמעטערלינגען. מיידלעך האָבן זיך געברענט אויפן וואַרעמען זאַמד, יונגעלייט האָבן זיך געהוירעט אין צעכוואַ־ליעטן וואַסער.

— גיי אַרויס און פאַרברענג אַביסל — פלעגט ער איר זאָגן — כ'דאַרף דיך דאָ נישט האָבן. כ'וועל מיר אַליין אַן עצה געבן.

זי פלעגט אים אָפּענטפערן, אַז ער האָט גענוג אַרבעט ביים האַלטן אין אָרדנונג דעם לייכט־טורעם. אָבער לסוף פלעגט זי אים נאָכגעבן און אַרויס אין דרויסן, קומענדיק צוריק צום עסן אַ צעפלאָטערטע דורך דער געדיכטעניש פון די טיי־ביימער אין אַ פּיטש־נאַסן באָד־קאָסטיום, און באַלד צוריק אַוועקגיין אויף אַ גאַנצן אָוונט. ס'איז תמיד געווען שפּעט, ווען זי פלעגט צוריקקומען און שוין טרעפן אָלסענען אַ שלאָפנדיקן אויף דער סאָפקע. ער האָט זי זייער ווינציק געזען, אַ חוץ אין די פרימאָרגנס, ווען זי פלעגט מיט פאַרשלאָפענע אויגן און אַ מידע אים דערלאַנגען אָנבייסן. ס'האָט זיך איר נישט געגלוסט

זיך איבערצוטון צו דער אַרבעט אויף דער פּאָסט, און אפילו אַ וואָרט אַרויסצורעדן איז איר געווען צו לאַסט.

— כ'האָב פּיינט צו גיין שלאָפן און פּיינט אויפצושטיין — פלעגט זי גענעצן. — וואָלט מען כאָטש נישט געדאַרפט פּאַרטיק מאַכן דעם פּאָסט־זאַק אויף אַכט אַזייגער.

אָלסען פלעגט אָפט זיין באַזאָרגט, קוקנדיק אויף איר. טיף אין זיך האָט ער געפילט אַן אומרו, וואָס האָט זיך אין אים געשפּרייט ווי אַ טינט־פלעק אויף וואַטע. ער האָט איר נישט געוואָלט שטערן צו פאַרברענגען אַביסל. און צוריקגעשמועסט, וואָס האָט אַן אַלטער מאַן צו זאָגן אַ מיידל? ער קאָן דאָך זי נישט האַלטן אויף דער קייט, כאָטש ער וואָלט עס וועלן. אָבער טיילמאָל, ווען דאָס אומעטיקע וואַיען פלעגט זיך הערן פון צווישן די ביימער, זענען אים געקומען אויפן געדאַנק די רייד פון שאַראָנס פרוי:

— כ'קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס די מיידן זעען אין דעם קאָנאָלי — פלעגט זי זאָגן, אויפהויבנדיק אויף אים אירע שאַרפע, שטרענגע אויגן, בעתן איינפּאַקן אַ פּעקל פאַר זיינעמ־וועגן. — ר'איז אַ רויער, גראָבער יונג, כאָטש ר'איז אַ שיינער, און ר'איז גרייט אָפּצוטון אַלדאָס בייז, ס'זאָל זיך אים נאָר לוינען. כ'וואָלט מיינס אַ מיידל נישט געלאָזט זיך אַרומשלעפּן מיט אים. זאָל ער זאָגן, וואָס ער וויל, אָבער איך וויים, אַז ער האָט אַ ווייב. זי איז אַ קעלנערקע אין אַ שענק ערגעץ אויף אַ באַן־סטאַציע. כ'ווייס דאָס אויף זיכער.

און שאַראָן גופא, וועלכער ווייסט נישט קיין הכמות, האָט אים אָפן געזאָגט, צוקוקנדיק זיך ווי ער ווייזט פאַרן עולם די קונצן, וואָס ער האָט אויסגעלערנט באַרבן:

— אַ שאָד, וואָס איר האָט נישט חתונה געהאַט אַ צווייט מאָל, פּיטער. אַ מענטש זאָל זיין אַזוי פאַרקאָכט אין אַ הונט... אַ מיידל ווי מעקסי דאַרף האָבן עמיצן, וואָס זאָל האַלטן אַן אויג.

איינמאָל פאַרטאָג, נאָכן אויפזיין אַ גאַנצע נאַכט צוליב אַ קאַליע געוואָרענעם ברענער, האָט אָלסען דערזען אַ שטיקל טראַ־

גערדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אינם אויפגייענדיקן פרי־מאָרגן־שיין. אויף דער אַנדערער זייט וועג, וואו דאָס בערגל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער געדיכטעניש פון בוש, איז גע־לעגן באַרב מיט אויסגעשטרעקטע פאָדערשטע לאַפּעס, און מיטן קאָפּ פאַרבויגן אָן אַ זייט שטאַר געקוקט אויף אַ בינטל קוס־טעס. עס האָט געדויערט אַ שטיקל צייט ביז אָלסען האָט מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן דערזען, אויף וואָס באַרב האָט גע־קוקט. יאָ, ס'איז געווען דער געלער דינגאָ, וואָס איז געלעגן פונקט אַזוי אויסגעצויגן אויף דער ערד ווי באַרב. זיי זענען גע־לעגן איינער פון צווייטן אַן ערך צוואַנציק יאַרד ווייט, זיך נישט גערירט פון אָרט, נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג איינער פון צווייטן, און אַלע ווייל אַביסל נענטער זיך צוגעשאַרט אויף די בייכער.

דער געלער דינגאָ האָט אָלסענען פאַרכאַפּט מיט זיין אויסזען. ער האָט געמיינט, אַז דער דינגאָ איז הויט און ביין, מיט אַ קאָלטנדיקער פעל און גנביש־לויערנדיקן בליק. אָבער די ווילדע צויג האָט אויסגעזען אַזוי שיין מיט אירע אויפגע־שפּיצטע אויערן און גלאַנציקער פעל, און די אויגן האָבן ביי איר געגלימערט ווי געשליפן גלאָז. איר געדיכטער עק איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן טויאיקן גראָז. זי איז געלעגן שטיל, אָבער איר גוף איז געווען אָנגעשפּאַנט און וואַך. עס האָט געווייעט פון איר מיט ווילדקייט, מיט פרייער נאַטור. אָלסען האָט געקוקט אויף דער צויג, ווי זי הויבט זיך אויף און לויפט אַוועק אַ פּאָר טריט האַרט ביים ראַנד פון בוש, שטעלט זיך אָפּ און כאַפּט אַ בליק אויף צוריק, לויפט אַביסל ווייטער און וואַרפט זיך צוריק אַוועק אויף דער ערד. באַרב האָט שטיל אַ וואָיע געטון און אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום הייזל איבערן וועג אַריבער.

אָבער ווען אָלסען האָט זיך באַוויזן אויף די אונטערשטע שטיגן, האָט דער דינגאָ זיך אויפגעכאַפּט, ווי אַן אויפגעשאָסע־נער פלאַם און אַוועק. באַרב איז געקומען צו לויפן צו אָלסענען,

זיך געדרייט אַרום זיינע פּיס און הכנעהדיק אים געלעקט די האַנט.

— אַזוי גאָר! — האָט אָלסען זיך געבייזערט — מיינסט, איך האָב נישט געזען, האַ? וואָס פאַר אַ הונט ביסטו, אַז דו הברסט זיך מיט אַ דינגאָ? ביים גאָרגל דאַרפסטו אים אָנכאַפּן, צערייסן אויף שטיקער.

ס'האָט אים פאַרדראָסן אויף באַרבן. ער האָט איצט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, אַז טרעוואַננאַ און פּערדי רעדן נישט פון דער הוילער הויט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז זייערע הינט וואָלטן זיך געריסן פון דער קייט און פאַרהילכט מיט זייער בילן, ווען זיי וואָלטן דערשנאַפּט דעם קלענסטן שפּור פון דינגאָ.

— ווען כ'האָב מיט זיך אַ ביקס, וואָלט איך זי אַוועק־געלייגט טויט — האָט ער דערציילט מעקסין.

— כ'האָב זי געזען נישט ווייטער ווי פופציק יאַרד פון מיר, און געלעגן איז זי שטיל ווי אַ קלאָץ.

ס'האָט אים געוואונדערט, וואָס מעקסי האָט אים גע־האָרכט מיט איין אויער. ער האָט איר צוויי מאָל איבערדער־ציילט די געשיכטע. זי האָט די לעצטע צייט געליטן פון קאָפּ־ווייטיק און קוים געהערט אַ וואָרט, וואָס ער רעדט. זי האָט זיך צופיל געבאַקן אויף דער זון, האָט ער ביי זיך געטראַכט. די ערשטע פרישקייט פון זומער איז שוין אַוועק און ס'האָט געשלאָגן פון הימל אַ בייזע חמימה. דאָס זאַמד איז געווען ווי אָנגעגליט. עס וועט אינגיכן אַ יאָג טון פון צפון דער מאַנסון און מאַכן דעם ים גרין ווי גאַל. די זומער־געסט וועלן זיך צעפאָרן אַהיים.

דער אומרו איז אין אָלסענען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, ר'איז געוואָרן וואָס אַמאָל מער צערודערט. מעקסי איז נישט געווען די זעלבע. זאָל דאָס וועטער אויף איר אַזוי ווירקן. ער האָט זי מער נישט באַפרייט פון דער פּאָסט־אַרבעט אין די נאָכ־מיטאָגס און זיך אַרומגעשלעפּט מיט באַרבן אויפן ברעג פון טייך, צוהאָרכנדיק זיך צו די פּלוידערייען פון די פישערס

און זוכנדיק מיטן בליק קאָנאָלים שיפל. ער האָט זיך דער־וואוסט, אַז קאָנאָלי האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט אַ פרוי, וואָס האָט געדונגען אַ הייזל נעבן דער קראָם. זי איז געווען אַן אַלמנה נאָך אַן אייגנטימער פון אַ באַר און געהאַט געגנוג געלט זיך צו לאָזן וואוילגיין, צו עסן אָיסטערס און זיך צו שיפּן אויפן וואַסער.

— ס'וועט נישט לאַנג האַלטן — האָט פּערדי, וועלכער האָט געפירט סחורה פאַר דער קראָם, געזאָגט ברוגזדיק. — זי וועט אַוועק און קאָנאָלי וועט ווידער בלייבן אַליין. אָבער נישט אויף לאַנג... היינטיקע מיידלעך האַלטן זיך נישט שטאָלץ.

אָלסען האָט זיך אַרויפגעשלעפּט אויפן בערגל צום לייכט־טורעם. אין קאָפּ איז אים געשטאַנען אַ רויש און זיין האַרץ איז געווען שווער ווי אַ שטיין. וואָס קאָן ער טון מיטן מיידל? צו רעדן מיט איר וועט נישט העלפן, און אַ הויז דעם האָט ער נישט געוואוסט, ווי אַזוי מיט איר צו רעדן.

— אַ מענטש ווי איך דאַרף שטענדיק טראָגן מיט זיך אַ ביקס — האָט ער צו זיך אַ מורמל געטון, טראַכטנדיק וועגן דעם געלן דינגאָ אין פריען באַגינען.

עס האָט אים שטאַרק צערודערט, ווען מעקסי האָט אים איינמאָל אינדערפרי געזאָגט, אַז זי קאָן באַרבן אינערגעץ נישט געפינען. תמיד, ווען זיי זענען אויפגעשטאַנען פון שלאָף, איז דער הונט געלעגן אין זיין ווינקל אויף דער וועראַנדע און געדרימלט אויפן דריי־עקיקן פלעק, וואָס די זון האָט גע־וואָרפן. זיי זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט זעענדיק דאָס אָרט אַ ליידיקס. זיי האָבן אים געזוכט אין גאָרטן און צווישן די טיי־ביימער אונטערן לייכט־טורעם, געפּיפן אויף אים, גערופן ביים נאָמען. מעקסי איז אַ צעשויבערטע און האַלב־אָנגעטוענע געלאָפן אַהין און צוריק, אַרויף און אַראָפּ און געווען פונקט אַזוי צערודערט ווי אָלסען.

— דער כלב איז נאָך קיינמאָל אַזוי־אָ נישט אַוועק, קיינ־מאָל נישט — האָט זי געזאָגט און געקנייטשט דעם שטערן. — כ'ווייס נישט, וואָס איבערצוקלערן...

דער אַלטער האָט אַ מרוקע געטון:

— ר'וועט צוריקקומען, נישט געזאָרגט. זאָל ער נאָר צוריקקומען, וועל איך אים אַ גאַנצע וואָך האַלטן אויף דער קייט. דאָס מאָל וועל איך אים אָנלערנען ער זאָל וויסן, וואו זיין היים איז...

אָבער דער טאָג איז אַוועק, און אַ צווייטער, און פון באַרבן איז אַלץ נישט געווען קיין צייכן. קיינער פון די שכנים האָט אים נישט געזען. זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, ווען מ'האָט זיי געפרעגט וועגן באַרבן. אָלסען האָט זיך דערמאָנט אָן דער מחלוקה, וואָס ער האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק געהאַט מיט טרעוואַננאַן איבער באַרבן און דעם געלן דינגאָ. ר'איז אַ מאָדנער פּאַרשוין, טרעוואַננאַ, און אַזוי פּאַרקאָכט אין זיינע הינער און בינען, אַז ער איז יעדע רגע גרייט זיך צו כאַפּן צו דער ביקס. עס איז אים אויך נעקומען אויפן געדאַנק קאָנאָלי, וואָס האָט מיט הוזק אין די אויגן גערעדט פון ציאַנקאַלי.

— האַלט אָן אויג אויף באַרבן! ער קאָן אמאָל כאַפּן אַ פּאַרסמטן ביסן.

ס'איז אים געווען אומעטיק אָן הונט, און דערצו האָט זיך מעקסי אַרומגעדרייט אַ שווייגנדיקע, אַן אַריינגעטועגע אין זיך. אָלסען האָט זיך אָפּט אויפגעכאַפּט אין די אָוונטן פון שלאָף. ס'האָט זיך אים כסדר אויסגעוויזן, אַז ער הערט אַ שטיל וואָיען אין דרויסן, אַז מ'דראַפּעט ביי דער טיר. אין די נאָכמיטאָגס האָט ער זיך געדרייט צווישן די נידעריקע צעקרומטע טיי־ביימער אויפן ברעג טייך געפּיפן און געזוכט שפּורן אויף דער וויכער, זאַמדיקער ערד. ווי גוט וואָלט עס געווען, אַז באַרב זאָל פּלוצלונג אַרויסשפּרינגען פון צווישן די קוסטעס, אַ פּאַרבלאָטיקטער און פול מיט הרטה, זיך פּלאָנטערן צווישן זיינע פיס, שפּרינגען אים צו דער ברוסט אַרויף!

ער האָט ביז דער נאַכט פון שטורעם נישט געקאָנט געפינען קיין רו. ס'איז געווען אַ שטילער, זוניקער נאָכמיטאָג, און מיטאַמאָל האָט זיך צעלאָזט אַ זאַווערוכע, געריסן די

בלעכן פון די דעכער, צוגעדעקט דעם הימל מיט פלאכטעס
כמארע און אָנגעטראָגן אַ שלאַקס־רעגן. באַלד האָט זיך דער
ים אויפגעהויבן און כוואַליעס האָבן גענומען זעצן אין ברעג
אַריין, וואַרפן זיך אויף די סקאַלעס פון אָלד ווימען אינזל. אָל־
סען האָט זיך געפּאָרעט מיט אַ לאַמטערן אין האַנט, ווען עס
איז צוגעפאַלן די נאַכט, און צוגעפעסטיקט אַ וואַסער־קעסל,
וואָס דער ווינט האָט אָוועקגעריסן פון אָרט. מיטאַמאָל האָט
זיך באַוויזן טרעוואַננאַ אין אַ פּיטש־נאַסער רעגן־באָנדע.
— אַ וועטער, האַ? — האָט ער אַרויסגעשריגן פון שליאַך.
— ס׳בלאָזט דאָ ביים ברעג, ווי נישט־גוטע וואָלטן זיך צעהור־
ליעט, און דער ים שטורעמט סכנותדיק. מ׳שמועסט, עטלעכע
שיפלעך זענען אויפן וואַסער. קומט אַראָפּ, לאָמיר זען, וואָס
טוט זיך.

אָלסען האָט זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן קעסל און אַרויס
צו טרעוואַננאַן. זיי האָבן ביידע געטאָפּטשעט באַרג־אַראָפּ,
לאָזנדיק זיך אין דער פינסטער צו די ליכטן ביים טייך, וואָס
האָבן וואַסערדיק געגלימערט אין רעגן, געטריבן פון ווינט.
ווען זיי זענען שוין געווען כמעט אַראָפּ פון באַרג, האָט טרע־
וואַננאַ, איבערשפּרייזנדיק איבער אַ ראָוו פול מיט שוימיק
וואַסער, געזאָגט:
— כ׳האָב שוין אייך דערציילט, אַז כ׳האָב געזען באַרבן?
— האַ?
— כ׳האָב געפונען אייער הונט. ר׳איז געלעגן אין בוש,
נישט ווייט וואו ס׳וואוינט פּערדי. ר׳האָט זיך אָפּנים פּאַרסמט.
ס׳איז שוין קיין סך פון אים נישט געבליבן. כ׳האָב אים אָבער
דערקענט נאָך דער שוואַרץ־ברוינער פעל און דעם איינשניט
אויפן אויער.

ס׳האָט אַביסל געדויערט, ביז אָלסען האָט באַנומען, וואָס
מ׳רעדט צו אים. ער האָט קוים געשטעלט די טריט אויף
דער דורכגעווייקט־גליטשיקער ערד און דער ווינט האָט אים
געפּאַטשט אין פּנים אַריין מיט רעגן. דער גאַס האָט אַביסל
אויפגעהערט, אָבער דערפאַר האָט מען קלאָרער געהערט דאָס

קראַכן פון די כוואַליעס אַקעגן ברעג און דעם טיפן געבריל פון די וואַסערן, וואָס האָבן זיך מיט דער גאַנצער משא געוואָרפן אויפן זאַמד אַרויף. עס וואָלט אַצינד געווען אַ סכנה פאַר אַ שיף, וואָס האָט באַצייטנס נישט צוגעשלאָגן צום ברעג.

ביי שאַראָנס קראָם און דעם ליידיקן שייער דערנעבן איז געווען פול מיט מענטשן. פישערס זענען געשטאַנען אַרום אין רעגן־באַנדעס און מיט נאַקעטע פיס. לאַמטערן־פלעמלעך האָבן אינם רעגן געבלינצלט ווי אַדורכגעווייקטע גלי־וועריםלעך. אַלסען האָט מיטן אויג דערכאַפּט אַ נאָס, פאַרשלומפּערט קלייד, בעת מ׳האָט עמיצן אַריינגעטראָגן אין שייער אַריין. ער האָט זיך אַדורכגעשטופּט צווישן המון און דאָס האַרץ האָט זיך ביי אים געוואָרפן ווי אַ פייגעלע געכאַפּט אין נעץ.

— ווער איז דאָ, האַ? ווער איז דאָס?

— דאָס ווייבל, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט קאָנאָלין אויף אַ שיפל — האָט אים איינער געזאָגט. — ס׳איז די יונגע אלמנה, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרומגעפירט. ז׳איז אָלרייט. זי האָט זיך מיט אַלע כוחות געהאַלטן אָנם באָדעם פון שיפל. ס׳האָט זיך איבערגעקערט נישט ווייט פון ברעג.

אָבער קאָנאָלי? מ׳האָט אים נאָך נישט געפונען, כאָטש ס׳האָט דאָס שיפל אַרויסגעשווענקט מיטן באָדעם אַרויף אויפן זאַמד. ער האָט אוודאי געכאַפּט אַ זעץ אין קאָפּ, ווען דאָס שיפל האָט זיך איבערגעקייקלט. אַזוי האָט שאַראָן געזאָגט, ווארום ר׳איז געווען אַ גוטער שווימער, ווי אַ פיש אין וואַסער.

אָלסען האָט מיט טרעוואַננאַן און אַנדערע פּאַטראָלירט דעם ברעג און געוואָרפן דעם אָפּשיין פון זיין ווינט־לאַמטערן אויף די בינטלעך וואַסער־גראָז און אויפן ווירבלדיקן וואַסער. ער האָט זיך נאָכאַנאַנד איבערגערופן אין דער פינסטערניש מיט די איבעריקע. דאָס אַנדערע שיפל מיט צוויי פישערס האָט זיך באַצייטנס געראַטעוועט, אוןביידע אַדורכגעווייקטע פישערס זענען שוין געלעגן איינגעדעקט אין די בעטן. דער עולם האָט געהאַלטן אין איין אַרומנישטערן איבער דעם זומפּיקן טייך־ברעג, אָבער מ׳האָט נישט געפונען קיין זכר פון אַ מענטש

צווישן די וואַסער־גראָזן און אָנגעטראָגענע קופּעס שפּענער.

ס׳איז שוין באַלד געווען פאַרטאָג, ווען אָלסען האָט זיך געשלעפּט צוריק באַרג־אַרויף צום לייכט־טורעם. דער שטורעם האָט זיך שוין אײַנגעצן אײַנגעשטילט, דער בוש איז געווען מאָדנע שטיל און די שפּעטע לבנה האָט אַרויסגעקוקט פון צווישן צעפליקטע שטיקער וואָלקנס. דער אַלטער איז געווען טויט־מיד. דורך לאַנגע שעהן איז זיין קאָפּ געווען אויסגע־ליידיקט פון יעטוועדן רעיון. ער איז געווען מיטגעריסן פון דער מהומה. אָבער דאָס ליכט, וואָס האָט העל געברענט אויפן טורעם, האָט אים געברענגט צוריק צו זיך און צו זיין אייגן לעבן. ער האָט אַריינגעקוקט אין דער שטוב אויף דער וועראַנ־דע און דערזען מעקסין, ווי זי שלאָפט ליגנדיק אויף אַ זייט, מיט איין האַנט אַרומגעבויגן איבערן קאָפּ און מיט די האָר צעוואָרפן אויפן פּנים.

אַ שטיק צייט איז ער געשטאַנען און תמעוואַטע געקוקט אויף איר. פּלוצלונג האָט אַ וואָיען, שטיל און יאָמערדיק אָפּ־געהילכט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט און פריי געלאָזן אין אים עפּעס באַהאַלטענע שפּרינג־פעדער פון געפילן. אַ מיש־מאַש פון מחשבות האָט אים פאַרפלייצט דעם רעיון: עס האָט זיך אים פאַרגעשטעלט עפּעס, וואָס איז מענטשלעך און צוגלייך אוממענטשלעך, אכזריותדיק, אָבער ס׳איז דערין געווען דער צער פון מפּלה.

— מעגסט וואָיען! — האָט ער געזאָגט, אַרויסגייענדיק פון דער וועראַנדע צום באַשעפעניש באַהאַלטן צווישן די ביי־מער.

— רייס דיר אָפּ די קישקעס. אַמאָל האָב איך מיך פאַר דיר געשראָקן, אָבער אַצינד שוין נישט. ניין, כ׳וועל שוין מער נישט דאַרפן ליגן אין בעט אַ וואַכער... וואָיע, אַלטער טייוול, וואָיע, וועט דיר גרינגער ווערן. כ׳האָב מיט דיר אַ קנאַפּע זאָרג...

קעטרין ס. פּריטשערד

# קובו

אַ גאַנצן טאָג האָט מען געטריבן דאָס פי צונויף אויף די ברייטע פּליינען פון דער פי־פאַרם מאָרנדו. געטריבן איבער רויטער ערד, וואָס האָט זיך געשוואַרצט מיט קיזלען פון אייזנשטיין; דורך ווילדן בוש, איבער די רוקנס פון די בערג, וואָס שטייען ווי'אַ בלויע וואַנט לענגאויס דעם האָריזאָנט און דער ראָזעווער, בלענדנדיקער אָפּשיין פון דער פאַרגייענדיקער זון איז געווען אויף די פּליינען, אויף די בערג, אויף דער גייענדיקער סטאַדע, מענטשן און פערד.

אינם רויטן שטויב האָבן די אָקסן געברעוועט, אומרואיק און צעשראָקן. ס'איז געווען אַ ווילדע סטאַדע פון די בערג. דזשאָן גריי — אויפן הינטערשטן עק פון דער סטאַדע צוזאַמען מיט אַרראַן, דעם יינגל, וואָס איז געווען זיין שאָטן; וואַנגאַנאַ — אויף רעכטס מיט זיין „דזשין" ראָוז; פרענק, דער האַלבשוואַרצער — אויף לינקס מיט מיננין.

אַן אָקס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער סטאַדע, און ראָוז האָט האַסטיק פאַרקערעוועט און זיך אַ לאָז געטון נאָך אים. שוואַך און יאָמערדיק איז איר נאָכגעגאַנגען אַ געוויין, גלייך דאָס פערד וואָלט אַרויפגעטראָטן אויף עפּעס אַ קליין באַשעפעניש און עס צעקוועטשט אונטער די קאָפּיטעס. דער אָקס איז אָבער אַנטלאָפן ווייטער. אַררא האָט זיך געלאָזט נאָך אים, אויסגעצויגן אויפן קאַרק פון פערד. ער איז פאַרלאָפן דעם אָקס דעם וועג און צוריקגעטריבן אים צו דער סטאַדע, אַ ווילדן און צערעוועטן. די סטאַדע האָט זיך אַ וויג געטון; שוין דריי מאָל איז זי זיך יענעם טאָג פאַנאַנדערגעלאָפן. אָבער איצט

האָט זי זיך גענומען איינשטילן, גרייט זיך צו לאָזן אין וועג אריין.

דזשאָן גריי האָט אויסגעשריגן:

— יינדרא (דו) משוגענע ראָוזי! מאַך א סוף!

דאָס שוואַרצע מיידל אויפֿן קליינעם, קודלאַטן פֿערד איז געבליבן שטיין אַן אָנגעברוגזטע.

— זאָג מיטשין, מאָרגן דרייסיק מייל — האָט דזשאָן גריי געזאָגט — איך — צום נייעם חודש.

ראָוז איז פּאַמעלעך אַוועקגעריטן פֿון דער סטאַדע און פֿון די טרייבערס. דאָס געוויין, אַ דינס און אַ שאַרפֿס, ווי אַ האָר־סטרונע, איז מיטגעגאַנגען מיט איר.

— מינני.

דזשאָן גריי האָט אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ אין ראָוזיס זייט. מינני האָט מיט די באָרוועסע פֿיס געקאָפּעט אין פֿערדס בויך אריין; מיט אַ דריי פֿון דער האַנט האָט זי פֿאַרקערעוועט דאָס פֿערד פֿון דער סטאַדע אַוועק און אויפֿשטעלנדיק זיך פֿון זאָטל צוגעריטן צו ראָוזין.

די שוואַרצע מיידלעך זענען אַוועקגעריטן אין נעפּלדיקן בין־השמשות צו די בערג אַוועק — צוויי שמאָלע, טונקעלע נעשטאַלטן אויף פֿעסטע פֿאַרם־פֿערד. די ברודיק־בלויע צע־פֿליקטע הויזן האָבן זיך געוויקלט אַרום זייערע פֿיס; זייערע קורצע, עטוואָס העלע האָר האָבן זיך געשויבערט אין ווינט. אָבער דער גליַ און כעס אין ראָוזיס אויגן — מינני האָט אַוועק־געקוקט פֿון זיי.

אַביסל ווייטער אַוועק, ווען די מענטשן און דאָס פֿי זענען געווען אַ גייענדיקער וואָלקן פֿון רויטן שטויב, האָט ראָוזי מיט כעס אַרויסגעפּלאַצט אין זייער זייט:

— קו־ו־ו!

ווילד ווי דאָס געשריי פֿון אַ שפּאַרבער האָט זיך געטראָגן איר רוף, טראָציק און מיט חוזק.

אַ ווייטער אָפּהילך פֿון געלעכטער האָט זיך געטראָגן צוריק

איבער די פּליינען. די מאַנסליִיט האָבן זי געהערט און געלאַכט פון איר.

די פרויען זענען פּאַוואָליע געריטן איבערן פעלד. זיי וואָלטן זיך געשראָקן צו זיין אַליין אין דער פינסטערניש, וואָס האָט זיך געשפּרייט הינטער זייערע פּלייצעס, זיך געטראָגן אַרום זיי און געהויערט צווישן די נידעריקע, פּאַרדאַרטע קוסטעס און ביימער. וואָלטן זיך געשראָקן פאַר די בייזע רוחות, וואָס וואַנדערן אויף די פּליינען און שטיינערנע באַרג־שפּיצן, ווען עס פאַרגייט דער שיין פון טאָג. אָבער צוזאַמען האָבן זיי זיך ווינציקער געשראָקן. צוואַנציק מייל אַוועק, דאָרט אונטערן קנייטש אין די בערג, וואו דאָס טייכל ניעדי האָט זיך אויסגעבעט אַ זאַמדיקן וועג צווישן ווייס־שטאַמיקע עוקאַליפּטן, דאָרט איז געווען דאָס הויז פון דער מאַרנדו־פאַרם און דער „אולו" פון זייער שבט.

קיין וועג איז נישט געווען, און אין דער ערשטער פינסטערניש, וואָס וועט זיין געדיכט ווי וואַטע, נאָכדעם ווי עס וועט זיך אויסלעשן דער בראַנד פון זון־פאַרגאַנג, וועט זיי דער אינסטינקט פירן אויפן וועג צום פאַרם־הויז און צו זייערע נידעריקע, קיילעכדיקע געצעלטן פון זאַק־לייוונט, פאַרזשאַווערטע בלעכן און טויטע צווייגן.

זיי זענען ביידע געווען וואַנגאַנאַס ווייבער: ראָוז, אַ הויכע, אַ ביינערדיקע, אַ פעסטע ביי זיך; מינני, די יונגערע, אַ פעטלייביקע און אַ פריילעכע. ראָוז איז אַמאָליקע יאָרן געווען אַ גוטע פּי־טרייבערין, פון די סאַמע בעסטע. מינני האָט ווייט נישט געקאָנט אַזוי גוט רייטן און אויסשפּירן דעם וועג אַזוי ווי ראָוז.

פונדעסטוועגן האָט מינני דעם גאַנצן וועג אַ גוט־אויפגעלייגטע כסדר געפּלוידערט, ווי גוט זי האָט יענעם טאָג געאַרבעט; ווי זי האָט זיך געטראָגן אויפן פערד, פאַרלאָפן דעם וועג די בהמות, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער סטאַדע, געיאָגט זיך נאָך זיי און צוריקגעטריבן אַזוי קונציק, אַז דזשאָן האָט געזאָגט:

— גוט געאַרבעט, מינני!

אַט דער ווייסער אָקס — ער האָט זיך צעבריקעוועט נישט ווייט פון פי־פלאַץ. האָט ראָוז געזען, ווי דער קאַשטאַן איז אַריין מיט די פאָדערשטע פיס אין אַ גרוב, און אררא איז פון אים אַראָפּגעפלויגן? מינני איז אָבער נאָכגעלאָפן דעם אָקס, זיך געיאָגט נאָך אים אַ צוויי מייל וועג און אים צוריקגעבראַכט צום פי־פלאַץ. נישט געזאָרגט, עס וועט שוין זיין „נאָממערי״ פאַר אירעטווועגן, און אַ נייע „דזשינאַ־דזשינא״, ווען די מאַנס־לייט וועלן צוריקקומען פון וועג.

זי האָט אַרויסגעצויגן אַ ליולקע פונם גאַרטל, אַרויסגע־שאָקלט דעם אַש, און מיט די לייצעס אַרומגעוויקלט אַרום דער האַנט, אָנגעשטאָפּט די ליולקע מיט טאַבאַק פון אַ בלעכערנער פּושקע, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום גאַרטל. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אָנגעצונדן אַ העלצל אָנם שטאָלענעם זאָטל־רינג, און פאַרשטעלנדיק דעם פּלאָם אים צוגעטראָגן צו דער ליולקע צווישן אירע קורצע, ווייסע ציין, און געשמאַק גערויכערט.

דער כעס האָט זיך טיפער איינגעשניטן אויף ראָוזיס פּנים, געוואָרן פינסטערער. דאָס דינע, יאָמערדיקע געוויין איז געקומען פון איר ברוסט. זי האָט אַראָפּגענומען פונם קאַרק די פאַרוויקלטע שמאַטע, אין וועלכער זי האָט געהאַלטן אויף זיך דאָס קינד און זי האָט אים געגעבן צו זויגן אַ לויזע, אַראָפּ־הענגנדיקע ברוסט. זי איז פּאַוואָליע געריטן, צוהאַלטנדיק דאָס קינד מיט איין האַנט, און איר פערד איז געגאַנגען טריט נאָך טריט אויף דער האַרטער, שטיינערדיקער ערד.

עס איז געווען אַ שווערער טאָג. די פרויען האָבן צוזאַמען מיט די מענער געטריבן דאָס פי פון באַגינען אָן. זיי האָבן געלאַגערט אין נייעדי אַ נאַכט צו פריער, כדי צו קאָנען אָנהויבן באַצייטנס. זיי זענען געריטן אַ גאַנצן פרימאָרגן דורך באַוואַל־דערטע בערג, צונויפגעיאָגט ווילדע קי, קעלבער און יונגע אָקסן און זיי געטריבן צו די פי־פּלעצער אין נייעדי. דאָרט האָט דזשאָן גריי אָפּגעקליבן די פעטע בהמות, איבערגעלאָזט דזשימען

און נאָך אַ צוויי יונגען, זיי זאָלן אויסברענגען צייכנס אויף די קעלבער און צוריקטרייבן די קי מיט די קעלבער צוריק אין די בערג, און זיך געלאָזט מיט דער סטאַדע קיין מיקאַטבאַררא צו דער באַן. די אָקסן זענען געווען ווילד ווי די פייגל. מען האָט אויף זיי געדאַרפט אַכטונג טון אַ גאַנצן טאָג. און די גאַנצע צייט האָט דאָס קליינע, פּישטשענדיקע פּעקל אויף דער ברוסט נישט געלאָזט ראָוזין זיך פריי אַ ריר טון.

עס איז נישט געווען קיין זאַך, וואָס די פרויען זאָלן אַזוי ליב האָבן צו טון, ווי טרייבן פי און רייטן נאָך דער סטאַדע. און זיי האָבן גוט געקאָנט רייטן, זענען געווען גע־שיקטער און פלינקער פאַר די מענער, בעסער געקאָנט אויס־שפּירן די שטעגן. עס איז זיי די צייטן נישט אָפט אויסגעקומען צו טרייבן פי, וואָרום זיי האָבן געדאַרפט אַרבעטן אין הויז אויף דער פאַרם. זינט דזשאָן גריי האָט התונה געהאַט און עס איז דאָ אַ פרוי אין מאַרגדו, האָט זי געפונען גענוג אַרבעט פאַר די דזשינס — וועש צו וואַשן, צו שייערן, צו קאָכן; נישט אָפט זיי אָפּגעלאָזט צו טרייבן ס'פי. אָבער דזשאָן האָט נישט געהאַט גענוג מענטשן. ער האָט געזאָגט, ר'מוז האָבן ראָוזין און מיננין צום צונויפטרייבן דאָס פי אין נייעדי. און אַ גאַנצן טאָג האָט דאָס יאָמערן פון קינד זי אַרויסגעבראַכט פון די כלים. דער „קובו" האָט געוויינט און געוויינט, בשעת זי איז געריטן מיט אים צוגעבונדן צו דער ברוסט.

דער „קובו" איז געווען שולדיק אין אַלע צרות, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען אַ גאַנצן טאָג. לויטער נאַרישקייטן. זי איז געווען אויפגעקאָכט. די מאַנסלייט האָבן אויף איר געשריגן. וואַנגאַנא, איר מאַן, האָט זי געזידלט פאַר אַלע אין די אויגן, זי גערופן „אַ הון, וואָס ווייסט נישט, וואו זי האָט געלייגט די אייער". און דזשאָן גריי האָט מיט זיין „יענרא משוגענע ראָוזי, מאַך אַ סוף!" זי אַהיימגעשיקט ווי אַן אָפּגעשמיסן קינד.

איצט האָט זי אויף זיך מיננין, וואָס האַלט אין פּלוידערן פון טאַבאַק, וואָס זי וועט קריגן, און פון דער נייער „דזשינאַ־

דזשינא”. וואנגאנא וועט פון איר גאַר אָנקוועלן! און דער „קובו” וויינט, וויינט! ער האָט געוויינט און געצויגן פון איר לײדיקער ברוסט און זיך געדרייט ווי אַ וואָרעם, געוויינט און געצויגן פון איר.

זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, פול מיט ווייטיק און אומגעדולד. ס׳האָט אין איר אויפגעברויזט אַ ווילדער כעס, זי אויפגעדרייצט ביז משוגעת; געברויזט ווי וואַסערן, וואָס פאַר־פלייצן אַן אויסגעטריקנט טייכל נאָך אַ שלאַקס־רעגן. זי האָט אַוועקגעריסן דעם „קובו” פון דער ברוסט און אים אַ שלײדער געטון צו דער ערד. עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַק ווי פון איבערגעבראָכענע צווייגן.

מיגני האָט אַ קוק געטון אין דער זייט. „וויאַ!” האָט זיך פון איר אַרויסגעריסן און אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט. אָבער ראָוז איז געריטן ווייטער, געגלאָצט אויף די בלענדיק־ראָזעווע פליינען און אויף דער וואַנט פון די בערג, וואָס האָבן זיך געטונקלט, צוערשט בלוי, דערנאָך פיאָלעט און גראַנאַט.

ווען די פרויען זענען אַריינגעקומען אין דער קיך פונם פאַרם־הויז, זענען די ערד, די בערג, די ביימער געווען פינסטער, דער הימל באַלאָדנט מיט שטערן. מיגני האָט דער מיסים גריי איבערגעגעבן, ווי דזשאָן האָט איר געהייסן, אַז ער וועט זיין צוריק אין דער היים צום נייעם חודש, אין אַ צוויי וואָכן אַרום.

מיטשי, ווי די שוואַרצע האָבן גערופן די מיסים גריי, האָט נישט געקאָנט דערגיין, פאַרוואָס די „דזשינס” זענען אַזוי שטייף און שטיל — פאַרוואָס ראָוז האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ברוגזע און אָנגעכמורעטע, מיט פינסטערע אויגן, וואָס אָט גיבן זיי אַ בליק און קוקן באַלד אַוועק. מיטשי האָט געוואָלט פרעגן וועגן דעם פי־טרייבן; ווי אַזוי האָבן אויסגעזען די אָקסן; וויפיל זע־נען געווען אין וועג; וויפיל קעלבער מ׳האָט געצייכנט אין נייעדי. אָבער זי האָט זיי צו גוט געקענט, זי זאָל זיי פרעגן קשיות, ווען זיי האָבן אַזאַ מראה.

ערשט ווען זי האָט זיי געגעבן ברויט און אַ פּושקע מאַר־מעלאַדע, אָפּגעשניטן פאַר זייערטוועגן שטיקער געראויכערט פליייש און אָנגעגאָסן אין זייערע קענדלעך אַריין שטאַרקע, שוואַרצע טיי, אַריינגעשיט צוקער אין זייערע ליידיקע פּושקעס, און זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין צו זיך אין „אולו", האָט זי מיט חידוש דערזען, אַז ראָוז האָט נישט דאָס קינד.

— וואָס איז, ראָוז, — האָט זי אויסגערופן — וואו איז דער „קובו"?

ראָוז האָט זיך אַוועקגעשלייכט אין דער נאַכט אַריין. מיננֵי האָט זיך אומגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן און אַוועק מיט ראָוזין.

באַגינען האָט אַ געיאָמער, ווייט און אַנגסטיק, זיך אַדורכ־געטראָגן אין דער קלאָרער לופט, און מיטשי האָט זיך גע־חידושט, ווער דאָס האָט געקאָנט שטאַרבן אינם לאַגער ביים טייכל. זי האָט זיך דערמאָנט אָן ראָוזין: ווי אַזוי האָט אויס־געזען נעכטן ביינאַכט. און דער „קובו" — וואו איז ער?

דעמאָלט האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס יאָמערט ראָוז אין פרימאָרגן אַריין נאָך איר קינד. ראָוז שניידט זיך ס'לייב מיט שטיינער, ביז עס גיסט זיך בלוט; ראָוז שרייט אַ צעוויל־דעוועטע אין אומגעטרייסטן צער.

פרענק ד. דייוויסאָן

# ווייטער קיין מערב

ס'איז געווען זונטיק אינדערפרי אין דייוו טשענדלערס קעמפּ ביים ברעג פון פּיוו מייל קריק. דאָס הויזגעזינד האָט געגעסן אָנבייסן אינם צווייגן־ביידל, וואָס דייוו האָט אויפגעשטעלט נישט ווייט פון די שלאָף־געצעלטן. ער פלעגט תמיד, בעתן לאַגערן אין די וואַרעמע טעג, אויפשטעלן אַ ביידל פון צווייגן און צונויפקלאַפּן אַ פּראָסטן טיש מיט בענק. ער האָט געטון אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט, כדי צו מאַכן דאָס לעבן אין קעמפּ וואָס לייטישער און באַקוועמער.

די געצעלטן זענען פּינקטלעך געווען צונויפגעשלאָגן אונטערן געשטעל פון יונגע ביימלעך. דער וואָגן איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ רעגן־פּלאַכטע און די פיר צונויפגעשנאָלטע כאָמעטעס זענען געהאָנגען אויפן דישעל פאַרשטעלט פון דער זון מיט לייך־ווע זעק. אַלץ אַרום איז געווען ציכטיק צוגעקליבן. דאָס הויזגעזינד האָט זיך געפירט לויט דייווס ווילן. ער האָט נישט געקאָנט פאַרליידן די מינדסטע אָפּגעלאָזנקייט. עס איז געווען דערביי אַ סיבה — ער האָט נישט ליב געהאַט צו רעדן דערוועגן — פאַרוואָס ער האָט אַזוי פּינקטלעך אָפּגעהיטן אָרדנונג און ציכטיקייט ביי זיין פאַמיליע.

דייוו איז אַלט געווען אַ יאָר אַכט, ניין־און־דרייסיק. ער איז געווען אַ הויכער, אַ פּולבלעכער, מיט בלאָנדע האָר און מיט אַ קלאָר פּנים, נישט קיין מיאוסער מאַנספּאַרשוין. ער האָט געהערט צו די בוש־לייט פון מערב־אויסטראַלישן שניט. זיינע געלאַטעטע הויזן און דאָס העמד זענען תמיד

געווען פריש און אויסגעזען ווי אָפּגעשאָסן פון צופיל וואשן און אָפּגעטראָגנקייט.

דייוו איז היינט געווען עפּעס נישט מיט אַלעם. ער האָט געגעסן אַ שווייגנדיקער, אַ פאַרטראָגענער. דאָס איז נישט גע־ווען זיין טבע. ער האָט ליב געהאַט בעת די מאָלצייטן צו כאַפּן אַ שמועס מיט די בני־בית און צו פאַרברענגען ביים טיש אין אַ געמיטלעכער סביבה. עס איז אים אַליין געווען איבערדריסיק; הלמאי ער פאַרשטערט דעם מאָלצייט מיט זיין שטילשוויגן.

עמאַ האָט דערלאַנגט צום טיש דאָס עסן און געפּלוידערט אָן אויפהער, יעדע ווייל אַריינגעפאַלן עמיצן אַנדערש אין די רייד. אירע שוואַרצע הענט מיט די שטאַרק ראָזע נעגל האָבן נאָכאַנאַנד געפלאַטערט איבערן טיש.

נעכטן אין אָוונט, ווען דייוו איז געווען אַוועק, האָט מען אין קעמפּ דערהרגעט אַ שלאַנג. עמאַ האָט אים, ווען ער איז צוריקגעקומען, עפּעס געהאַט געזאָגט דערוועגן. איצט האָט מען אים איבערדערציילט די געשיכטע אויפסניי, און לויט די בליקן, וואָס מ'האָט אויף אים געוואָרפן, איז געווען קענטיק, אַז מ'האָט זי באַהאַלטן אויף איבער נאַכט פאַר זיינעטוועגן. מ'האָט זיך געריכט, אַז ער וועט אויפשטעלן מויל און אויערן, הערנדיק אַלץ גענוי וועגן דער געשעעניש, און געוואַרט אויף זיינס אַ וואָרט — פון לויב, צי פון טאַדל — ווי ווער עס האָט זיך פאַרדינט. אפילו די זעכצן־יאָריקע פילים האָט פאַר־געסן אין איר מיידלשער צוריקגעהאַלטנקייט און געטומלט ווי אַ קינד.

דייוון איז די גאַנצע מעשה נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. זיין בליק האָט כסדר געוואַנדערט אין דרויסן אַרום. דורך די שפּאַלטן אונטערן בלעטערדיקן דאַך האָט דער דרויסן אַריינגעשיינט ווי אַ פייערדיק בילד אין אַ טונקעלער ראַם און געציטערט אינם שאַרפן ליכט פון דער זון, אָנזאָגנדיק אַ הייסן טאָג.

די מוטער האָט צוליב דייווס שווייגן גערעדט פאַר צוויי,

זיך אַזוי איבערגענומען, ווי זי וואָלט ערשט איצט געהערט פון דער געשיכטע. ווען ס'האָט געהאַלטן־דערבײַ, ווי די שלאַנג האָט זיך אַפּערגעשלייכט פון אונטערן בעט, האָט זי אַרויס־געלאָזט אַ קוויטש און געלאַכט ווי אַ באַנומענע. איר ברייט מויל איז געווען אויפגעריסן און געוויזן אַ טיפן, פליישיק־רויטן חלל. די לעכלעך פון איר ברייטער נאָז האָבן זיך פאַרשאַרצט צו די באַקן צו. אירע אויגן האָבן זיך פאַרקוועטשט אין צוויי צע־בלישטשעטע שפּעלטעלעך אונטערן אָפּשטייענדיקן שטערן. אַז עמאַ האָט זיך מיט עפּעס איבערגענומען איז זי צוריק געוואָרן אַ ווילדע אויסטראַליערין. דייוו איז גראָד איצט געווען דער־ווידער די מינדסטע אָנצוהערעניש, אַז זיין ווייב איז אַ דזשין.

דייוו איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן. ער האָט אַוועק־געשאַרט פון זיך דעם טעלער און פאַרלייגט די אָרעמס אויפן טיש. זיין בליק האָט זיך געטראָגן איבערן בערגל אין דרויסן, וואָס איז געווען באַוואָקסן מיט אייזן־עוקאַליפּטן און זיך אָפּערגעהויבן איבער אַ שורה בוקס־ביימער, אונטערן שאָטן פון וועלכע ס'איז געפלאָסן דאָס טייכל. דאָס גראָז איז גע־שטאַנען הויך אויפגעשאָסן און גרין ווי יונגער ווייַן און זיך זילבערדיק געמיניעט אין די שפּיצן, אויף וועלכע ס'האָבן זיך געצייטיקט די זוימען־קעפּלעך. ס'וועט זיין אַ גוט גערעטעניש אויף ווינטער־פּאַשע. דייוו האָט מיט ישוב־הדעת באַטראַכט אַלצדינג, וואָס ער האָט פאַר זיך געזען. אָבער טיף אין אים האָט כסדר געגורטעוועט דער געדאַנק וועגן מיסיס טהאָרפּ, דער שווענערין פון טאָם לינגלייטער, דעם קרעמער. דער געדאַנק וועגן איר האָט אין אים אויפגערודערט עפּעס אַזעלכעס, וואָס ער האָט שוין יאָרן לאַנג נישט געפילט. איבער זיין פּנים האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אַ שאָטן פון עפּעס אַ באַהאַלטענעם רעיון.

ער האָט זיך געקליבן צו זאָגן: — ווי מיינסטו, עמאַ, מיר וואָלטן געקאָנט אַלץ פאַרפּאַקן און ביז פאַרנאַכט נאָך אָנקומען קיין בלענדס־קראָסינגג?

די דראָזיקע פראַגע וואָלט פאַר די בני־בית געווען ווי אַ

דונער פון הימל, צעקלאַפּט אַלע זייערע האָפענונגען. די קינ־דער וועלן פאַרחידושט קוקן פון אים צו עמאן. פּיליס וועט זיך בלאָזן און וויינען. דאָס קליינוואַרג וועט אים אַרומנעמען אין אַ קרענצל און האָבן טענות: פאַרוואָס. האַ? עמאַ וועט זיין צעטומלט, אָבער באַלד וועט זי קומען צו זיך און טון זיין ווילן. זי וועט נישט פרעגן קיין קשיות און נישט האָבן קיין טענות. אַבי ער האָט געקאָנט דאָס הויזגעזינד זיינס. ער וועט גאָרנישט זאָגן, ביז אַלע וועלן פאַרטיק ווערן מיטן אָנבייסן.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז דייוו מיט זיין שוואַרץ ווייב און האַלב־שוואַרצע קינדער געקומען אַהער אינם נייעם ישוב. ער האָט אַלע זיינע יאָרן פאַרבראַכט אויף די פּאַשע־פעלדער אין הינטערלאַנד, געשונדן אָפּאָסום־פעלן, געשאָסן קענגורוס און געאַרבעט אויף די פאַרמעס ביים מוסטערן די פי. ס'גאַנצע לעבן האָט ער אויסגעמיטן שטעט און ישובים. אַז עס פלעגט אים אַמאָל אויסקומען צו זיין אין שטאָט, איז עס בלויז געווען אַן אָנגעלייגטער איבעריים אויף אַ קורצער וויילע אינם שטילן, אָפּגעזונדערטן לעבן זיינעם — ווי אַ טייך, וואָס צעשוימט זיך צווישן די שטיינער אויף אַ פעלזיק אָרט. זיין אמתע היים איז געווען דאָס הינטערלאַנד, ווייט פון טומל און פון מענטשן־געזעמל.

מיטן נייעם ישוב איז געווען אַנדערש. ער איז געקומען צו דייוון. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן אין דער געגנט, וואו ס'האָט זיך געענדיקט די זעכציק־מייל־קיע זייטן־ליניע פון דער באַן, וואָס האָט זיך דאָ געבויט. ביז איצט האָט ער דאָ געלעבט פראַנק און פריי. איצט אָבער איז אַ טייל פון דער געגנט, וואו ער פלעגט יאָרן לאַנג זיך יאָגן נאָך אָפּאָסומס, געוואָרן פול מיט טומל און מיט מענטשן. מ'נעמט אויסהאַקן מיראַמילאַ און בויען אַ נייעם ישוב — אָט די נייעם האָט מען זיך איבערגעגעבן פון מויל צו מויל אין הינטער־לאַנד.

אַ שטיק צייט האָט דייוו צומאָל נישט געטראַכט וועגן

דעם נייעם ישוב. ס'איז אים נישט אָנגעגאַנגען די גאַנצע זאַך. איינמאָל אָבער, ווען ס'האָט זיך ביי אים אויסגעלאָזט דאָס מעל און אַ פּאָר אַנדערע זאַכן, האָט ער אָנגעזאָטלט אַ לאַסט־פערד און געקומען צום באַן־פּונקט. ער האָט דעם נייעם ישוב נישט געקאָנט אינגאַנצן אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. ס'איז אים דאָך געווען בעסער זיך צו שלעפּן מיטן לאַסט־פערד אַ טאָג, צוויי איבער די בוש־סטעזשקעס, איידער איינצושפּאַנען דעם וואָגן און זיך לאָזן מיט דער גאַנצער פאַמיליע קיין וויל־גאַטאון. ער האָט פון דאַנען אויך געקאָנט אַוועקשיקן מיט דער באַן די פּעק מיט די פעלן.

אַזוי ווי ער האָט דאָ געדאַרפט באַלעמוטשען עטלעכע טעג, האָט ער זיך דערווייל נענטער צוגעקוקט צום נייעם ישוב. מענטשן זענען כסדר אָפּגעשטיגן פון דער באַן, מענטשן מיט געפּעק אויף די פּלייצעס, מיט צעפּאָרענע וואַליזעס אין די הענט, מיט איינגעראָלטע געצעלטן. זיי האָבן די ערשטע פּאָר מינוט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן ווי גרינהאָרנס. אָבער קיין גרינהאָרנס זענען זיי נישט געווען. דייוו האָט זיך איינ־געקוקט אין זייערע פּנימער און הענט, באַטראַכט ווי אַזוי זיי שלאָגן אויף אַ געצעלט. ער האָט זיך צוגעהאָרכט צו זייערע רייד.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ער איז געוואָרן היימיש מיטן נייעם עולם. דזשעק מעקפּאַרלען, דער לאַנד־אויפזעער, וואָס דייוו האָט אים געקאָנט פון לאַנג, האָט זיך געדרייט צווישן די מענטשן און יעדן געהאָלפן אויסזוכן דאָס ריכטיקע שטיק לאַנד. ער האָט זיי געבראַכט צו דייוון.

— דאָס איז דייוו טשענדלער. ער קאָן דאָ יעדן שפּאַן ערד אין דער געגנט. ער וואָלט אייך דאָ געקאָנט אַרומפירן מיט פאַרמאַכטע אויגן, האַ דייוו?

— ס'אָרט איז מיר נישט פרעמד — האָט דייוו געלאַסן געענטפערט.

צוזאַמען מיט מעקפּאַרלענען איז דייוו דורך די עטלעכע

טעג, וואָס ער האָט דאָ פאַרבראַכט, געווען ווי אַן עלטערער ברודער צו די נייע ישובניקעס.

א טייל פון זיי איז אהערגעקומען פון פאַרשידענע טיילן אין קווינסלענד, אַ טייל פון אַנדערע שטאַטן. ס׳רוב זענען זיי געקומען פון טרוקענע געגנטן. זיי זענען געקומען פון מאַלי־דיסטריקט אין וויקטאָריע, פון ריווערינע, וואו זיי האָבן גענומען לאַנד אויף פאַכט, און זיך געלאָזט אַהער, כדי זיך בילּיק איינצושאַפן אַן אייגן שטיקל לאַנד. זיי זענען געווען קאַרג אויף אַ וואָרט, אָבער געניטע מענטשן, וואָס האָבן זיך געקאָנט אויף אַ שטיקל ערד, אויף אַ בהמה. אין זייערע ערנסטע שמועסן, אין די פריילעכע געלעכטערס, וואָס האָבן זיך טיילמאָל פון זיי אַרויסגעריסן, איז געלעגן באַהאַלטן אַן אומרו. יעדער פון זיי איז נאָך לאַנגע וואָגלענישן געקומען אהער, כדי אָנצוהויבן אַ ניי לעבן. זיי זענען געווען פול מיט בטחון און אויך מיט האַרץ־קלאַפעניש. די מענטשן זענען דייוון געוואָרן ליב.

ער האָט זיך געמיט צו העלפן די מענטשן און אַרומ־געריטן אויף זיין פערד צוזאַמען מיט אַ פאַרטיע, וואָס האָט געזוכט פאַר זיך אַ פאַסיק שטיק לאַנד. זיי האָבן זיך אויפן וועג אָפּגעשטעלט אין פאַרשידענע קעמפּס, וואו ס׳האָבן צייט־ווייליק געלעבט די נייע ישובניקעס, וואָס האָבן זיך שוין אָפּ־געקליבן שטיקער לאַנד און זיך באַזעצט אויף זיי. אין אַ סך קעמפּס זענען געווען פרויען מיט אויסגעהאָרעוועטע הענט, גאַסט־פריינטלעכע און געניטע אין דער שווערער אַרבעט. זיי זענען אויף זייער ווייבערישן שטייגער געווען אַריינגעטון אין בויען דעם נייעם ישוב צוגלייך מיט די מענער.

דייווס פאַרטיע האָט זיך געוואָלט נעמען צו שעפּסן־צוכט. ער האָט זיי געוויזן אַ פּלאַץ מיט שיטער צעוואָרפענע קופּקעס וואַלד. דער באָדן איז זיס, פונקט גוט פאַר שעפּסן, און נישט ווערעמדיק, האָט ער זיי געזאָגט. עס לויפן אָבער אום אַ סך ווילדע הינט, און מ׳וועט כסדר דאַרפן היטן די סטאַדעס, סיידן זיי וועלן זיך לאָזן קאָסטן און אַרומצוימען דאָס אָרט מיט דראָט־נעצן. זיי האָבן זיך אַביסל געקרומט, אָבער זיך

נישט געאַמפּערט מיט דייוון. דאָס איז אים זייער געפעלן גע־וואָרן: די מענטשן פאַרשטייען די זאַך. דאָס לאַנד זעט אויס נישקשה, האָבן זיי געזאָגט נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך גוט ארומגעקוקט; אויב עס טויג נישט פאַר שעפּסן, וועט עס גוט זיין צו עפּעס אַנדערש. אויך דאָס איז דייוון געפעלן געוואָרן: זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף זיך צופּאַסן צו דער טבע פון לאַנד, נעמען נישט וואָס מ׳וויל, נאָר וואָס דער באָדן קאָן געבן. זיי זענען געווען די ריכטיקע מענטשן אויפן ריכטיקן אָרט.

דייוו האָט זיך מיטן אָנגעלאָדנטן פערד געלאָזט אין וועג אַריין צוריק צו זיך אין קעמפּ. די מענטשן, וועלכע ער האָט געטראָפן, האָבן זיך מיט אים געגריסט:

— גוט מאָרגן, דייוו — האָבן אים געגריסט די, וואָס האָבן אים געקאָנט. אַנדערע, וואָס האָבן געמיינט, אַז ער איז איינער פון זיי, האָבן אים באַגעגנט מיט אַ פּשוטן גוט־מאָרגן, אָדער בלויז אַ מאַך געטון צו אים מיט דער האַנט.

אויפן האַלבן וועג אַהיים האָט דייוו, זיצנדיק ביינאַכט ביים קעמפּ־פייער, נאָכאַנאַנד געטראַכט וועגן נייעם ישוב. עס האָט זיך אין אים אויפגעוועקט גאָר אַן אַנדערער חשק צום לעבן.

אין אַ וואָך אַרום איז שוין דייוו געווען צוריק אין ישוב. דאָס מאָל איז ער שוין געקומען מיט דער פאַמיליע און מיטן גאַנצן ביסל האָב־און־גוטס אויפן וואָגן. דאָס עלטערע יינגל איז אַוועק פאָרויס, טרייבנדיק די רייט־פערד. די טשענדלער־פאַמי־ליע איז געקומען צום ישוב נישט ווי סתם פרעמדע, נאָר ווי איי־גענע מענטשן, וואָס האָבן זיך אַביסל פאַרזאַמט. זיי זענען געקומען פול מיט פרייד. פאַרן קליינוואַרג וועט זיין אַ שול, פּילים וועט קאָנען פאַרברענגען מיט אירס גלייכן, עמאַ וועט האָבן מיט וועמען אַ מאָטל צו טון. אַלע האָבן זיך געפרייט מיטן נייעם ישוב, יעדער אויף זיין שטייגער באַזונדער. ס׳איז פאַר אַלע געווען ווי עפּעס אַ יום־טוב.

דייוו האָט אויפגעשלאָגן די געצעלטן ביים ברעג פון פּייוו

מייל קריק און זיך גענומען אַרומקוקן וועגן אַ תכלית. ער־
האָט זיך נישט געאיילט. צו וואָס ער וועט זיך איצט נישט
נעמען, וואָלט ער שוין געוואָלט בלייבן דערביי. ער האָט גע־
טראַכט וועגן אַ פאַרם אויף יענער זייט באַרג. דאָס וועט זיין
פונקט גוט פאַר זיינעטוועגן. ער וועט דאָרט האָבן פאַר זיך
אַביסל הינטערלאַנד, וואו ער וועט קאָנען האָדעווען פי און
האָבן גענוג אָרט, וואוהין זיך אַוועקצולאָזן פון צייט צו צייט
אויף זיין פערד, ווען עס וועט זיך אים וועלן דערווייטערן
אַביסל פון מענטשלעכן טומל. ער וועט אויך האָבן נאָענט צום
בוש, וואו אָנצושטעלן ווינטער־צייט פאַסטקעס אויף ווילד־
פאַנג. ער האָט אַ שטיק צייט זיך מיישב געווען צו וואָס
ער זאָל זיך נעמען אין נייעם ישוב, און דערווייל זיך געדרייט
מיט אַ צופרידן געמיט צווישן די נייע שכנים.

דייווו האָט צום ערשטן מאָל געזען די מיסיס טהאָרפּ אין
אַ שבת נאָכמיטאָג, ווען ער איז מיט עמאַן און די קינדער
צוגעפאָרן צום באַן־פונקט, כדי צו זען ווי דער צוג קומט אָן.
עמאַ איז געבליבן זיצן אויף דער קעלניע. דייווו האָט זיך צוגע־
זעצט מיט דזשאָו דאָנלאָפּן אויף אַ שטוים באַן־שפּאַליעס. די
מיסיס טהאָרפּ איז אָפּגעשטיגן פון צוג צוזאַמען מיט אַנדערע
מענטשן. זי איז געווען אַ הויכע, פולע פרוי, אַ שיינע און גוט
אָנגעטון. דייווו האָט סתם אַזוי, אויס נייגיריקייט, זיך צוגע־
קוקט, ווי זי און די מיסיס לינגלייטער האָבן זיך אויפן ווייי־
בערישן שטייגער אַרומגענומען און צעקושט און דערנאָך זיך
געלאָזן גיין פאַרביי זיין וואָגן צו לינגלייטערס פורל, וואָס האָט
אויף זיי געוואַרט. די ניי־אָנגעקומענע איז געווען אַן אַלמנה,
האָט דייווו געהערט, און זי איז אַהערגעקומען אויף צו פאַר־
בלייבן ביים קרעמער און זיין ווייב.

ער האָט זי נישט געזען און נישט געהאַט זי אפילו אין
זינען ביזן קומענדיק פרייטיק. ער איז געריטן צוריק צו זיך
אין קעמפּ אַריין מיט אַ לאַנד־מאַפּע אין טאַש. ער איז געווען
אָנקוקן אַ שטיק לאַנד און כמעט ביי זיך ווי אָפּגעמאַכט דע־

רויק זיך צו באַזעצן. צוריקוועגס האָט ער אָפּגעטרעטן ביי־
לינגלייטערן, כדי צו קויפן טאַבאַק.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער קראָם, איז דאָרט
קיינער נישט געווען. ער האָט געהערט, ווי טאָם רייסט אויף אַ
קאַסטן אין דער קאַמער נעבן דער קראָם. ער האָט אָנגעקלאַפּט
אין טיש און די מיסים טהאָרפּ האָט געעפנט די גלאָז־טיר, וואָס
האָט געפירט פון דער וואוינונג אין דער קראָם אַריין.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען? — האָט זי גע־
פרעגט. אינם אופן פון איר רעדן איז געווען קענטיק, אַז זי
איז נאָך נישט איינגאַנצן היימיש אין דער קראָם. אָבער זי איז
גרייט אים צו דינען, אויב עס האַנדלט זיך בלויז וועגן עפּעס
אַ קלייניקייט. אָט אַזאַ איז זי שוין, מ'האָט עס באַשיינפּערלעך
געקאָנט זען אין איר, זי איז גרייט צו דינען די מענטשן, צווישן
וועלכע זי לעבט, און זיי העלפן, מיט וואָס נאָר זי קאָן.

אָבער דאָס, וואָס דייוו האָט וועגן איר געטראַכט און דער
אופן, ווי אַזוי זי האָט צו אים גערעדט, איז בלויז געלעגן אויף
דער אויבערפלאַך פון דעם, וואָס זיי האָבן אין דער אמתן
איבערגעלעבט. אין דער רגע, ווען זי האָט געעפנט די גלאָז־
טיר, האָבן זיך זייערע בליקן באַהאָפטן און עפּעס איז געשען.
דייוו האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי עס אָנצורופן. עס איז גע־
ווען פונקט ווי זי וואָלט אַלע זיינע יאָרן געלעבט ביי אים אין
געדאַנק, און דאָ מיטאַמאָל האָט זי זיך באַוויזן פאַר זיינע
אויגן. ס'איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט דאָס גאַנצע
לעבן געוואַרט אויף אָט דער רגע. און זי אויך אַזוי — ער
האָט עס געזען און געפילט. די צוריקגעהאַלטנקייט, מיט וועל־
כער פרויען באַגעגענען דעם בליק פון אַ מאַנספּאַרשוין, איז
נישט געווען אין אירע אויגן. זי האָט אויף אים געקוקט אַ פּאַר־
גאַפּטע, ווי זי וואָלט אים פּלוצים דערקענט.

זי איז צוגעקומען נענטער און געבליבן שטיין צווישן די
פּאָליצעס און דעם צאָל־טיש פונקט אַנטקעגנאיבער אים. ער
האָט אַ ווייל גאָרנישט גערעדט און דאָס שטיל־שווייגן האָט זיי־
ביידען עפּעס נישט געאַרט. זי איז אים נישט געווען קיין

פרעמדע. איר קלאָרע הויט, די ברייט־צעשטעלטע גרויע אויגן, אפילו דער אופן ווי אַזוי אירע גלייכע האָר זענען געווען פאַר־קעמט, פאַרשטעלנדיק די אויערן ביז אין דער העלפט, און די פולקייט פון אירע אַקסלען און פון איר בוזים אונטערן דינעם ווייסן שטאָף, וואָס האָט זיי צוגעדעקט, אַלץ איז אים אויסגעקומען גוט און לאַנג באַקאַנט. ער האָט געשפּירט אויף זיך אירע אויגן און געוואוסט, אַז ער איז געווען פאַר איר ווי אַ חלום, וואָס איז מקוים געוואָרן. ס'האָט זיך אים גערדאַכט, אַז ווען ער זאָל צוגיין צו איר און זי אַפּערפירן פון הינטערן צאָל־טיש, וועט זי אים נאָכגיין אָן ווידערשטאַנד. דער מאָמענט פון כישוף איז אָבער פאַרביי. איר בוזים האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ טיף־פאַרצויגענעם אָטעם און דייוו האָט געשפּירט, אַז ער טאָר נישט לענגער שווייגן.

— גיט מיר אַ פּעקל „אָלד קוליבאַ”, מיטל שטאַרק — האָט ער געזאָגט.

— „אָלד קוליבאַ”, מיטל שטאַרק — זי האָט זיך אויס־געדרייט צו די פּאָליצעס, וואו ס'איז געלעגן דער טאַבאַק.

אירע פינגער זענען דריי מאָל זוכנדיק פאַרבייגעלאָפן דעם סאָרט טאַבאַק, וואָס דייוו האָט פאַרלאַנגט. ער האָט זיך אַפּערגעבויגן איבערן טיש און איר געוויזן דעם טאַבאַק. די מאָמענטאַלע נאָענטקייט פון זייערע גופים האָט זיי ביידען צע־מישט. זיי האָבן זיך אויף אַ ווייל פאַרלוירן און געפּרואווט צו באַהאַלטן זייער פאַרלוירנקייט מיט אַ געלעכטערל, הלמאי זי האָט נישט געקאָנט זען אַ זאַך, וואָס איז איר געשטאַנען גלייך פאַר די אויגן. זי האָט זיך צוריק אויסגעדרייט צו דייוון און אים דערלאַנגט דעם טאַבאַק. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט און איר פּנים — און אויך דייווס — איז געווען פאַררויטלט.

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס געלט אויפן טיש און באַקו־מען אַ רעשט. זיי האָבן מיט פאָרזיכטיקייט אויסגעמיטן זיך אָנצורירן מיט די הענט. ער איז געשטאַנען אַ ווייל האַלב־אויסגעדרייט צו דער טיר, ווי ער וואָלט אַרויסקוקן אין דרויסן אַרויס.

מיסים טהאָרפּ האָט אויף אים געקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק. ער האָט מיט זיין מענערישן חוש, וואָס איז אין אַזעלכע מאָמענטן נישט איבעריק פלינק, דאָך תיכף אויפגעכאַפּט, אין וואָס איר גייט.

— איך נעם דאָ לאַנד אין געגנט — האָט ער געזאָגט.

— יעדער איינער האָט דאָ אַפּנים גוטע אויסזיכטן — האָט זי געענטפערט סתם אַזוי, נישט וועלנדיק זיין צופיל צו־דרינגלעך.

דייוו האָט אויך דאָס פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך פאַנאַנ־דערגערעדט און געפילט אַ נאָענטקייט איינער צום צווייטן, כאָטש זייער שמועס האָט זיך אויסמיידנדיק אַלץ געדרייט אַרום דעם נייעם ישוב און זיינע מענטשן.

ס'איז שוין געווען צייט צו גיין. — מיר וועלן זיך נאָך מסתמא זען — האָט ער געזאָגט אָפּטרעטנדיק פון טיש.

— איך האָף, אַז יאָ. — אין איר קול האָט געקלונגען עפּעס מער ווי סתם פריינטלעכקייט. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַ צוזאָג איז געווען אין איר בליק.

טאָם לינגלייטער איז אַריינגעקומען אין דער קראָם, ווען דייוו האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין. דייוו האָט גראָד נישט געהאַט קיין חשק מיט אים צו רעדן.

ער איז געבליבן שטיין אין דרויסן פאַר דער קראָם. ער האָט געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט אין ערגעץ נישט געהאַט צו גיין; ווי ער וואָלט אָט דאָ אומדערוואַרט געקומען צו זיין תכלית.

ער האָט דורך די דינע הילצערנע ווענט געהערט דער מיסים טהאָרפּס קול און אויך טאָמס. זייערע רייד זענען געווען צוגעדרושעט און אומקלאָר. פּלוצלונג האָט ער דערהערט, ווי די מיסים טהאָרפּ האָט אויסגעשריגן מיט אַ קול, וואָס האָט געציטערט פאַר שרעק: — אָט די אַלטע, שוואַרצע דזשין?...
— זי האָט אַפּנים אויסגעפרעגט ביי טאָמען וועגן אים.

דייוו האָט אַוועקגעפירט דאָס פערד אַ שטיקל וועג ביי

דער צוים, איידער ער האָט זיך אויפגעזעצט רייטנדיק. ר'איז געוועזן צופרידן, וואָס אין דיקן שטויב האָט זיך נישט געהערט דאָס קלאַפּן פון די קאָפּיטעס.

יענע נאַכט איז ער אין קעמפּ געלעגן ביי עמאָס זייט און געגלאָצט אין דער פינסטערניש אַריין. צום ערשטן מאָל האָט ער פאַר זיך דערזען דעם תהום, וואָס ליגט צווישן אים, דעם ווייסן מענטש, און זיין שוואַרץ ווייב. וואָס עלטער עמאַ וועט ווערן, אַלץ מער וועט זי זיין אַ דזשין. צום צווייטן מאָל האָט ער היי־יאָר באַמערקט, אַז זי וויגט זיך מיט אַ ווייט־פאַרבלאָנ־דזשעטן בליק אין די אויגן און מיט אַ ניגון אָן ווערטער אויף די ליפּן, טאַפּנדיק אין איר געדאַנק דעם וועג צוריק צום אַמאָל און צו אירע מענטשן, וואָס זי האָט רעכט נישט געקענט. דע־מאָלט איז דאָס אים אויסגעקומען פּשוט. איצט אָבער האָט ער דערין געזען אַ וואָרנדיקן צייכן.

— דאָס איז נישט קיין לעבן פאַר קיין פרוי! — עס האָבן זיך אים מיטאַמאָל קלאָר דערמאָנט די דאָזיקע ווערטער. עס האָט זיי געזאָגט אַ ווייס מיידל אין ווילגאַטאָן, מיט וועלכער ער איז געגאַנגען, ווען זי איז נאָך געווען יונג, מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק. זי איז געווען צו אים זייער צוגעלאָזן, גענו־מען פון אים מתנות און זיך איינגעהאָרכט אין זיינע כסדר־דיקע דערקלערונגען אין ליבע. זי האָט אָבער נישט גענומען אים צו ערנסט און לסוף זיך אויסגעלאַכט פון אים: — דאָס לעבן, וואָס דו פירסט, דייוו, איז נישט פאַר קיין פרוי!...

ערשט אין אַ צייט אַרום האָט ער ריכטיק פאַרשטאַנען אירע ווערטער, דעמאָלט אָבער נישט. ער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אויסמאָלן קיין אַנדער סאָרט לעבן און טאַקע געכאַפּט אָן אָפּשניט, מיינענדיק אַז אַ פרוי וועט עס וועלן טיילן מיט אים.

ער איז צוריק אַוועק אין בוש מיט אַ פאַרוואונדיקט האַרץ און אַ פאַרשעמטער. אַ יאָר צייט האָט ער געזוכט זיך צו פאַרגעסן אין ווילד־פאַנג און יאַגד, אין מענערישער פריינט־שאַפט, אין שווערער, ערלעכער האָרעוואַניע. דאָס איז אים צום

מייסטן געלונגען. עס זענען אָבער געווען צייטן, אין טעג און נעכט פון איינזאַמקייט, ווען ער האָט טיף אין זיך געפילט אַ בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט, וואָס האָט געמאַטערט זיין גוף און נשמה.

דעמאָלט האָט ער באַגעגנט עמאַן. זי איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון אַ מלוכהשן אַנשטאַלט און געאַרבעט אויף דער איינגענער פי־פאַרם, וואו ער האָט סקאַלפּירט דינגאָס. כאָטש זי איז געווען אַ שוואַרצע, האָט זי אָבער געהאַט די פרישקייט און דעם חן פון יוגנט. אירע מילדע, שוואַרצע אויגן, איר ווייכע שטים האָבן אים געצויגן צו איר. ער האָט זיך גענומען צו איר שדכנען, אַזוי ווי ס'פּירט זיך ביי לייטן, כאָטש דאָס איז געווען אינגאַנצן איבעריק, וואָרום פון דער ערשטער מינוט זינט זי האָט אים דערזען, איז ער פאַר איר געווען די זון, און די לבנה, און די שטערן. עמאַס באַלעבאַטים איז דער זיווג גאָר געפעלן געוואָרן. זיי האָבן זיך שטאַרק געפּאָרעט ביים אויספירן דעם שידוך און צוגעגרייט דעם באַזוך פון אַן אַרומרייזנדיקן גלח. דייוו האָט געטראַכט מיט בילדער. דער־מאָנענדיק זיך נאָך אַזויפיל יאָרן אָן דער חתונה, האָט זיך אים געוואָלט וואַרפן אַ קללה אויף די סענטימענטאַלע פרומאַ־קעס, וואָס האָבן פול נחת געווינטשעוועט אים, אַן אומשולדיק־צעטומלטן יונג, וואָס האָט זיך גענומען אַ פרוי פון דער שטיין־צייט פאַר אַ ווייב.

און דערנאָך? דייוו האָט זיך אַליין נישט געטרויט ווייטער צו ציען זיינע רעיונות, בעת עמאַ האָט געאָטעמט ביי זיין זייט. עס האָט אים באַאומרואיקט די געשטאַלט פון עמאַן, ווי ער האָט זי גערענקט פון די אמאָליקע צייטן. זי איז געווען אַ באַ־גלייטערין אין לעבן, אַ פריינט ביים קעמפ־פייער און געטיילט מיט אים דאָס בעט. ער האָט איר געגעבן זיין ליבע.

ערשט צומאָרגנס אינדערפרי, נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט און, איבערלאָזנדיק די פאַמיליע, אַוועק צום באַרג־וועלדל פאַזע דעם טייכל, האָט ער ריכטיק געקאָנט צונויפנעמען די געדאַנקען. ער איז געלעגן צווישן די

גראָזן, אין שאָטן פון אַן אָפּגעזונדערטן סאַנדאַל־בוים און גע־קוקט צום נייעם ישוב אַריבער. ער האָט געטראַכט וועגן זיין לאַגע, וואָס האָט זיך מיטאַמאָל אַזוי געענדערט, זינט ער האָט זיך געטראָפן מיט דער מיסיס טהאָרפּ. בנים געדאַנק וועגן איר האָט זי זיך ווי לעבעדיק אַוועקגעשטעלט פאַר זיינע אויגן, און עס איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ געפיל, וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט. וואַרעמע כוואַליעס האָבן געפלייצט דורך אים.

אָבער דורך די פלייצנדיקע כוואַליעס איז אַפּערגעשוואו־מען זיין גאַנץ ביז־איצטיק לעבן. עס האָבן זיך אין אים אויפ־געוועקט אַנדערע, ניכטערע רעיונות, וואָס זענען געגאַנגען אין אַ ריכטונג פונקט פאַרקערט צו זיינע געפילן. ער האָט געטראַכט וועגן זיך און וועגן די פאַרגאַנגענע יאָרן, און זיינע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט אַרום איבער דער געגנט.

ער האָט נישט אומזיסט געפּטרט די יאָרן זיינע. עס איז נישט געווען קיין פּוסט לעבן, ווי עס האָט זיך אים נאָר וואָס אויסגעוויזן. ער האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען. די אויפזעערס פון די פּי־פאַרמעס האָבן אים תמיד גערן געזען ביי זיך אויף די פאַשע־פעלדער. מענטשן, סיי אָרעם, סיי רייך, האָבן זיך פריינטלעך געגריסט מיט אים, און אַז עס איז אים מיט דער פאַמיליע אויסגעקומען צו זיין ביי אַ פאַרמער אין הויז, האָט מען זיי באַהאַנדלט מיט כבוד. מ׳האָט באַוואונדערט עמאַן, ווי אַזוי זי איז ביייגעקומען די חסרונות פון איר אָפּשטאַם. זיי זענען געווען אַ בכבודיקע פאַמיליע.

ס׳האָט טיילמאָל געטראָפן, אַז ביים אָנבליק פון אַ ווייַ־סער פרוי אויף אַ פאַרם האָט זיך אין אים אויפגעוועקט אַ ווי־דערווילן צו עמאַן. אָבער ס׳איז בלויז געווען אַ פאַרבייגייענדיק געפיל. ער פלעגט עס גלייך דערשטיקן אין זיך ווי קיינמאָל גאָרנישט. און אפשר איז עס געווען מער ווי אַ פאַרבייגייענדיק געפיל? ער האָט גענומען איבערקלייבן אין געדאַנק די אַלע ווייסע פרויען, וואָס אים איז אויסגעקומען צו טרעפן. קיין איינע פון זיי האָט זיך נישט איינגעקריצט אין זיין האַרץ.

מיט דער מיסים טהאָרפּ איז געווען אַנדערש. זי האָט אויפגערודערט עפּעס טיף אין אים, אַ ניי געפיל האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט. ער האָט זיך אָט דעם געפיל נישט גע־קאָנט אַנטקעגנשטעלן, ס'האָט אים באַצוואונגען. ער וועט עס בשום אופן נישט קענען דערשטיקן אין זיך.

ער האָט דערזען, ווי עפּעס באַוועגט זיך אונטער די צווייגן פון בוקסבוים ביים איבערגאַנג אַריבער דעם טייכל. עמאַ איז געקומען אַ קוק טון אויף אים. זי האָט אַפּנים באַמערקט, אַז ער איז זינט נעכטן עפּעס אַנדערש ווי אַלעמאָל, און עס איז איר געווען אַ חידוש.

ער האָט איר נאָכגעקוקט, ביז זי איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך פאַרוואונדערט אויף זיך אַליין, אָפּגעבנדיק זיך אַ דין־וחשבון, אַז דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געפילט צו איר, איז געווען בלויז פאַרדרוס. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן די קינדער. זיי זענען אים געווען ליב, אָבער קיין צוגעבונדנקייט האָט ער צו זיי נישט געפילט. ער איז געווען ווי אַ פרעמדער, וואָס קוקט אויף פרעמדע דורך אַ פענסטער. דער מאַן, וואָס ער איז געווען מיט אַ טאָג, צוויי צוריק, איז ווי געשטאָרבן. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעלייגט אויפן גראָז און פאַרגעסן פון אַלץ אין דער וועלט. בלויז די מיסים טהאָרפּ איז אים געלעגן אין געדאַנק. הימל און ערד זענען פול געווען מיט איר.

— ס'מיטאָג איז פאַרטיק, דער. — די דאָזיקע ווערטער, געזאָגט מיט אַ שטיל קול, זענען געקומען פון אַ פּאָר טריט אַוועק. די שעהן זענען גיך פאַרבייגעלאָפן. דייוו האָט זיך אויפ־געזעצט און דערזען פאַר זיך פיליסעס אויגן. זיי זענען געווען טונקל און פייכט, מיט פאַרבויגענע שוואַרצע וויעס. צום ערשטן מאָל האָט ער זי איצט דערזען נישט ווי זיינס אַ קינד, נאָר ווי אַ מענטש פאַר זיך. אַזוי איז שוין געווען איר טבע, אָנשטאָט אים צו רופן פון דער ווייטנס, איז זי געקומען צו אים אַזש אויפן באַרג אַרויף.

— גוט, פיליס.

זי האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען אַראָפּגיין פון

בערגל, שאַרנדיק דורך די הויכע גראָז־זאַנגען מיט אירע שלאַנקע און גלאַטיקע ברוינע פיס, אויף וועלכע זי האָט געטראָגן אַ פּאָר אַלטע מענערישע קאַמאַשן מיט גומעס ביי די זייטן. ער האָט איר נאָכגעקוקט ווי זי גייט. ס'איז אים געקומען אויפן רעיון, אַז קערפּערלעך איז זי שוין אַ יונגע פרוי. טשאַרלי לינד־מאַרש — ער האָט ביז איצט נישט געלייגט דערויף קיין שום אכט — איז לעצטנס געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין קעמפּ. טשאַרלי איז געווען אַ חברה־מאַן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום פאַלשע איינרעדענישן וועגן אַ מיידל פון פּיליסעס שניט. און פּיליס? אַז זי וועט בקרוב נישט התונה האָבן, וועט זי מסתמא אָנהויבן אַזוי אַרומצולעבן. זי מעג האָבן אַ גוטע דער־ציאונג, אָבער מ'קאָן זיך אויף זיי — די קינדער פון געמישטן בלוט — ווינציק פאַרלאָזן.

דייוו איז נישט גלייך אַוועק צוריק אין קעמפּ אַריין. אַ שטיק צייט איז ער נאָך געווען טיף פאַרזונקען אין מחשבות. ווען ער איז צוריקגעקומען, האָבן שוין אַלע געהאַט אָפּגעגעסן. דאָס עסן פאַר זיינעטוועגן האָט זיך געוואַרעמט ביים פייער. ער איז געווען צופרידן, וואָס ער וועט קאָנען אָפּעסן באַזונדער.

נאָכן מיטאָג האָט ער זיך געדרייט אַ שטיק צייט איבערן קעמפּ. ער האָט זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט. לסוף האָט ער אָנגעזאָטלט דאָס פערד און אַוועק צו דער באַן. ער האָט זיך געוואָלט זען מיט דער מיסיס טהאָרפּ. ס'איז אים אַליין נישט געווען קלאָר, צוליב וואָס ער וויל זיך מיט איר זען. ס'האָט אים געצויגן צו איר, ווי ס'ציט אַ נעפּל צו דער זון. ער האָט געוואָלט אָנזעטיקן זיין בליק מיט איר געשטאַלט, זיין נאָענט צו איר, שפּירן זי נעבן זיך. אויפן וועג האָט ער גענו־מען נאָכטראַכטן, אַז דער ווידערווילן, וואָס ער פלעגט טייל־מאָל פילן צו עמאַן, איז געווען אַ צייכן פון דערשטיקטע פאַר־לאַנגען. יעדעס באַשעפעניש בענקט צו זיין אייגענעם מין. ער האָט געטראָפן זיין ריכטיקע באַשערטע, און ער וועט מער נישט האָבן דעם כוח צו באַצווינגען די בענקשאַפט, וואָס ער האָט ביז אַהער נעשטיקט אין זיך.

איין זאַך האָט ער געוואוסט אויף קלאָר, ער האָט נישט געהאַט קיין אומריינע כוונות. ס'האָט אים נישט געטריבן צו איר קיין מענלעכע תאווה. ער האָט עס גאָרנישט געהאַט אין זינען. זיינע געדאַנקען וועגן איר זענען געווען ריין און דער־הויבן. ער האָט געוואָלט בלויז האָבן די פרייד, וואָס איר פריינטשאַפט וועט אים געבן.

— אָט די אַלטע, שוואַרצע דזשין? — דאָס ווידערקול פון איר אויסגעשריי האָט אויפסניי געגומען קלינגען אין זיינע אויערן. לכתחילה האָט ער אין איר קול דערהערט בלויז גרויל און עקל. אָבער טראַכטנדיק פון איר כסדר, האָט ער איינ־ציקווייז אָנגעהויבן צו הערן אין איר אויסגעשריי אַן אָפּקלאַנג פון מיטגעפיל צו זיין לעבן, וואָס דער גורל האָט אים צוגע־טיילט.

דייוו איז אַריינגעקומען אין דער קראָם און אָנגעקלאַפּט אין טיש. ער איז געווען זיכער, אַז די מיסיס טהאָרפּ וועט אַרויסקומען אים באַדינען, און ווען ער האָט דערזען איר געשטאַלט דורכן דינעם פאָרהאַנג אויף דער גלאָז־טיר, האָט ער עס אָנגענומען פאַר אַ מזלדיקן סימן. ס'איז אים ענג געוואָרן אין האַלז. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי שטייט עפּעס צו לאַנג הינטער דער טיר. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי האָט אים גלייך דערקענט לויט זיין שאָטן, וואָס האָט זיך שאַרף אָפּגעשלאָגן אינם ליכט פון דער דרויסנדיקער טיר.

זי איז אַריין אין דער קראָם. מיט פלינקע טריט און שטיל אונטערברומענדיק אַ לידל איז זי צוגעקומען נענטער און געבליבן שטיין אַנטקעגן אים צווישן די פּאָליצעס און דעם טיש. אויף איר פּנים איז גאָרנישט געווען צו דערקענען, אַז זי זאָל אים האָבן אַמאָל געזען. זי האָט מיט העפלעכקייט אָפּגעענטפערט אויף זיין „גוט־מאָרגן" און געוואַרט, וואָס ער וועט זיך הייסן געבן.

— אַ פּעקל קוילן צו אַ 22־ער ביקס.

— צו אַ 22־ער ביקס... — זי האָט אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע אַ פּעקל קוילן און עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

דייוו האָט נאָכגעפאָלגט איר יעטוועדן ריר מיט הונגעריקע אויגן. ער האָט געפאָרשט איר פּנים ביים אַרויסנעמען דאָס געלט פון דער קעשענע. זי האָט אָבער געקוקט דורך דער פראָנט־טיר אין דרויסן אַרויס. איר בליק איז געווען פאַרגאַפט אין דער ווייטקייט און ער איז איר אַפּנים גאָרנישט געלעגן אין זינען.

זי האָט צוגענומען פון אים דאָס געלט, געגעבן אַ רעשט און מיט געשעפטסמעסיקער העפלעכקייט געוואָרט אויף זיין אָוועקגיין.

— ס׳אַ שיינער טאָג — האָט דייוו געזאָגט.

— זייער שיין. איר ווילט נאָך עפּעס?

— ניין, אַ דאַנק.

זי האָט זיך אויסגעדרייט און זיך געלאָזט גיין צוריק צו דער גלאָז־טיר. דייוו האָט איר נאָכגעקוקט מיט אויפגעריי־סענע אויגן. זי האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט אויף אים ביים פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר. עס איז געווען געקויפט און באַצאָלט, און פּטור אַן עסק.

דייוו איז מיט פאַמעלעכע טריט אַרויס פון דער קראָם. ער איז אַ היפּשע ווייל געשטאַנען נעבן זיין פערד. און ווידער־אַמאָל האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט שוין פון דאַנען נישט געהאַט וואו צו גיין.

די קעמפּ־געצעלטן פון די טשענדלערס ביי פייף מייל קריק זענען געווען פאַנאַנדערגענומען. דער וואָגן מיט די פיר פערד אין שפּאַן איז געווען פול אָנגעלאָדנט. דזשעק, דאָס עלטערע יינגל, איז מיט די רייט־פערד אַוועק פאָראויס. דער שטויב פון אונטער זייערע קאָפּיטעס איז נאָך געהאָנגען אין דער לופט. דייוו איז געשטאַנען ביים וואַסער און געוואַרט אויף פיליסן, וואָס איז אַוועק צום טייכל אָנפילן די וואַסער־זעק. עמאַ איז גע־זעסן אויף דער קעלניע מיטן יינגסטן קינד אויף דער שויס. זי איז געווען אויסגעפּוצט אין איר שוואַרץ קלייד מיטן ווייסן שפּיצן־בענדל אַרום האַלז און איר שוואַרצן שפּיצן־הוט מיט דער רויז פון רויטן צייג. דאָס איז געווען איר שטענדיקער הילוך,

זוען זי פלעגט זיך דארפן ווייזן צווישן מענטשן. די דריי קלע־נערע קינדער זענען געזעסן אין א קליין נעסטל הינטער דער קעלניע, וואס מ'האט פאר זייערטוועגן אויסגעבעט צווישן דעם געפעק. ווען דייוו האט זיי דארט אהין אריינגעזעצט, האט ער יעדן געגעבן א קוש אין די גלאטיקע, ברוינע בעקלעך. ער האט בעת מעשה געטראכט, אז אויך אויף זיי טשאטעוועט דאס לעבן.

ער איז געשטאנען אנגעשפארט מיט איין האנט אן וואגן. זוען זיי וועלן זיין צוריק אין הינטערלאנד, וועט אלץ צוריק ווערן גוט. זיי וועלן זיך לאזן ווייטער אויף מערב. דארט וועט נישט זיין קיין נייער ישוב. ס'וועט פאר זיי אלע זיין ארט. ס'וועלן דארט זיין יונגע, האלב־שווארצע פי־טרייבערס, וואוילע חברה־לייט, און פילים וועט צווישן זיי שוין געפינען איר באַ־שערטן. א מיידל ווי זי וועט דארט האבן פון וועמען צו קלייבן. און די יינגלעך וועלן בקרוב אונטערוואקסן. אויך פאר זיי וועט דארט זיין דאס ריכטיקע ארט. מ'וועט זיי צונעמען אויף יעדער פי־פארם מיט ביידע הענט. זיי וועלן זיך אויס־טויגן צווישן זשרעבאקעס און ביקלעך. דייוו טשענדלערס יונ־גען!...

צוריק צום אלטן לעבן! עס וועט אים אצינד זיין זייער שווער. ער וועט זיך אבער מוזן אנטון א כוח און פון אלץ פארגעסן. און ער וועט פארגעסן. ער וועט ווידער האבן א דוואיק, צופרידן לעבן. פון צייט צו צייט וועלן זיך מסתמא אויפוועקן אין אים זכרונות. אין קעמפ, צי אין בוש בעת דער יאגד וועלן זיך די זכרונות געבן א ווארף אויף אים ווי א שאף־הונט אויף א לעמעלע. ער ווייס עס פריער־אויס. ער וועט זיך אבער שטארקן. ער איז נישט פון די, וואס גיבן זיך אונטער.

דייוו האט אויפגעהאנגען די וואסער־זעק אונטערן וואגן און זיך ארויפגעזעצט מיט פילימן אויף דער קעלניע. עס האט זיך דערהערט א קלאפן פון קאפיטעס. טשארלי לינדמארש איז געקומען אנצורייטן, ווען דער וואגן איז ארויסגעפארן פון

בוש אויפן אָפענעם שליאַך. ער איז צוגעריטן צום וואָגן און געבליבן שטיין.

— האַללאָ, דייוו! גוט־מאָרגן, מיסיס טשענדלער! — האָט ער זיי באַגריסט און נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון פילים.

ער האָט אַ קוק געטון אויף דייוון און עמאַן. — וואו פאָרט איר? — האָט ער געפרעגט.

— מיר לאָזן זיך צוריק אין הינטערלאַנד, טשאַרלי — האָט דייוו אָפּגעענטפערט.

— כ'האָב געמיינט, אַז איר קלייבט זיך דאָ צו בלייבן!

— טשאַרלים קול האָט געציטערט מיט באַהאַלטענעם פאַרדרוס.

דייוו האָט גוט פאַרשטאַנען דעם יונג, און ער האָט נישט געהאַט אויף אים קיין פאַראיבל. — ס'זענען אָט־דאָ צופיל מענטשן פאַר אונזער ס'גאַל — איז געווען אַלץ, וואָס ר'האָט געזאָגט.

— דייוו האָט ליב, ס'זאָל אים זיין גערוים — האָט אַריינגעוואָרפן עמא מיט איר שאַרף פּאָנפעוואַטע קול. זי האָט אַ קוק געטון אויף דייוון, ווי זי וואָלט אים וועלן ווייזן, אַז אַלץ וואָס ער טוט, איז רעכט פאַר אירעטוועגן. אַ ווייל האָט קיינער נישט גערעדט.

— ר'איז אַן אמתער בוש־פויגל, אייער אַלטער! — האָט טשאַרלי מיט פאַרדרוס אין קול אויסגערופן.

— יאָ — האָט דייוו שטיל צוגעגעבן — אַן אַלטער בוש־פויגל.

ס'איז ווידער געוואָרן שטיל.

— מ'דאַרף זיך נעמען אין וועג אַריין — האָט דייוו געזאָגט און אַ צי געטון די לייצעס — מיר דאַרפן נאָך היינט אָנקומען קיין בלענדס קראָסינג.

די פערד האָבן גערירט. אַלע אויפן וואָגן האָבן אַראָפּגערופן צו טשאַרלין, זיך אָפּגעזעגנט מיט אים, און פילים האָט הינטערוויילעכטס געוואָרפן אַ בליק אין זיין זייט. דער וואָגן האָט זיך שווער אַוועקגעקאָלערט איבערן שליאַך.

גייווין קעיפּי

# שטויב

דאָס הייזל איז געווען אַ ביליקס און אַן אָפּגעקראָכנס, אָבער אין דער שטאָט פון האָליז און בלעך און וואָלוועלע טינק־פּלאַטן האָט עס אויסגעזען גאָר נישקשהדיק. עס איז געווען אַ קאָפּיע פון די מאָדישע גרויס־שטאָטישע ציגל־הייזער, נאָר קלענער, און די אַזבעסט־מויערן און דער בלעכערנער דאַך האָבן קלאָר געוויזן די געפּושערטע, נאָכגעמאַכטע אַרבעט. אַרום הויז איז געווען אַ גרויסער הויף, אָבער אָן סימן פון אַ גערטנדל. ס׳איז בלויז געשטאַנען אַ האַלב־פּאַרדאַרטער פייגנבוים, און אויף דער פיר־עקיקער בייט מיט ברעטער אַרום די זייטן איז גאָרנישט געוואַקסן.

אינעווייניק האָט דאָס הויז אויסגעזען באַלעבאַטיש, כאָטש אין די ווינקלען איז תמיד געלעגן אַ רויטער שטויב. מערי האָט דאָס הויז פיינט באַקומען פון דער ערשטער מינוט, זינט זי האָט עס דערזען, און בשום אופן זיך נישט געקאָנט דערצו צוגע־וואוינען. אַ בייזער ווינט האָט אויפגעהויבן לאַנגע בייטשן שטויב, זיי געטריבן לענגאויס דער גאַס. ס׳איז געווען שבת שוין שפּעט אין טאָג אַריין, אָבער מערי האָט צומאָל זיך נישט געגעבן די מי כאָטש אויסצוקערן אַביסל די שטובן.

זי איז אַרויס אויפן הויף און צעקלאַפּט אַ פּאָר שטיקלעך האָליז אויף אָפּצוקאָכן פאַר דזשימען דאָס נאַכט־עסן. די האַס איז געווען שווער און טעמפּ און דאָס העגטל אינגאַנצן צע־שפּליטערט. ס׳איז איר נישט געווען ניחא די אַרבעט, און זי האָט בעת מעשה געטראַכט, אַז אייגנטלעך האָט דזשים דאָס געדאַרפט טון פאַר אירעטוועגן. ס׳איז איר געווען דערווידער,

הלמאי דער הויף איז אָפן פון אַלע זייטן. בלויז אַ נידעריק פּלויטל האָט אָפּגעטיילט דאָס הויז פון די הייזער אַרום, און די שכנים האָבן געקאָנט זען, ווי זי האַקט דאָס האָלץ. אין דער גאַנצער שטאָט האָט יעדער געקאָנט זען, וואָס עס קאָכט זיך ביי יענעם אין טעפּל. אַלע האָבן געוואוסט, ווי אַזוי זי לעבט מיט איר דזשים און ווי ער גייט אויס צו תרבות רעה. זי האָט מיט רציחה געקלאַפּט דאָס האָלץ, און די האָר זענען איר כסדר אַראָפּגעפאַלן איבער די אויגן. איר שטערן איז געווען נאַס פון שוויס. אַ שכנטע איז אַרויסגעקומען אויף דער הינ־טערשטער ווערענדע, געקוקט אַ ווייל ווי מערי האַקט דאָס האָלץ און אַריבערגערופן צו איר:

— טוט עס נישט, מיסיס פּעטערסאָן. גלייך שיק איך אַריבער מיין דזשאָו און ער וועט פאַר אייך צעקלאַפּן די פּאָר שייטלעך.

מערי האָט זיך פאַרשעמט און עס האָט זי אָנגענומען אַ רחמנות אויף זיך אַליין. טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. זי האָט זיך נידעריקער אַראָפּגעבויגן איבער דער האַק, כדי די שכנטע זאָל נישט זען, ווי זי וויינט. אָבער עפּעס זאָגן האָט זי דאָך געמוזט... זי האָט גענומען צונויפקלייבן דאָס צעהאַקטע האָלץ און געענטפערט:

— ס'איז נישט כדאי. כ'דאַרף בלויז אַ פּאָר שפּענדלעך אויף צו דערברענען ס'פייער. כ'בין שוין פאַרטיק.

די שכנטע איז צוגעקומען צום פּלויט, זיך אָנגעשפּאַרט אָן די נידעריקע ברעטער און זיך געקליבן צו פאַרפירן מיט מערין אַ שמועס. זי איז געווען אַ צוגעלאָזענע, גוטמוטיקע פרוי, און מערי האָט זיך אין דער רגע געפילט אַזוי עלנט און פאַרלוירן, אַז זי איז גרייט געווען פאַר אַבי וועמען אויסצוגיסן איר ביטער האַרץ. אַ געדרייטע שטויב־בייטש ווי אַ פּראָפּן־ציער — אַן אָנזאָג אויף אַ זאַמד־שטורעם — האָט זיך פאַרביי־געטראָגן איבערן הויף און אַרויפגעבלאָזן ביי מערין דאָס קלייד. זי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס האָלץ און אָנגעכאַפּט דאָס קלייד מיטביידע הענט. זי האָט זיך פאַרלוירן צעלאַכט:

— ס׳אַ בייז וועטער — האָט די שכנטע געזאָגט — ס׳האָב געמיינט, אַז פון ווינט וועט ווערן אַביסל קילער.

— דער ווינט טראָגט בלויז אָן אַ שטויב — האָט מערי געזאָגט — מיך אַרט נישט אַזוי די היץ, ווי דער שטויב.

— אַ פרוי האָט דאָ אַ שווער לעבן — האָט די שכנטע געזאָגט. — איר האָט כאָטש אויף וואָס צו האָפן, נישט אַזוי ווי מיר, ווייבער פון די גרובן־אַרבעטער. מ׳וועט אייער מאַן אַ ליאַדע טאָג איבערטראָגן אין אַן אַנדערער געגנט. מ׳וועט אייך שיקן ערגעץ, וואו ס׳איז פריש און גרין און ס׳איז נישטאָ קיין שטויב.

— הלוואי וואָלט מען אים איבערגעטראָגן! — האָט מערי געזאָגט מיט האַרץ. זי האָט דערזען גרינס פאַר אירע אויגן אַזוי לעבעדיק, אַז עס האָט אַזש אויפסנייַ זי אָנגענומען אַ געוויין. ס׳האָט זיך איר דערמאָנט דאָס גערטנדל, וואָס זי האָט געהאַט, ווען זי מיט דזשימען האָבן געוואוינט נאָענט צום ים־פאַס, און דאָס יוסטע הייזל, וואָס זי האָט דערמיט אַזוי שטאָל־צירט, און די אַלע פריינד, וואָס זי האָט געהאַט. אויך דזשים איז דעמאָלט געווען אַנדערש. ער איז שולדיק אין אַלע צרות, האָט זי געטראַכט מיט ביטערקייט. ווען ער וואָלט געבליבן דער אייגענער ווי אַמאָל, וואָלט זי דעמאָלט אַלץ גענומען פאַר ליב, אפילו דאָס האָלץ־האַקן וואָלט זי נישט געאַרט. זי וואָלט אָבער דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, נישט געדאַרפט האַקן קיין האָלץ.

— נישט געזאָרגט, — האָט די שכנהטע זי געטרייסט, — וואַרט ביז איר וועט קומען אין מיינע יאָרן, מיסיס פעטערסאָן. די שלעכטע צייטן, וואָס מ׳האָט אין לעבן, זעען אויס ווי׳אַ שפּי־לעכל נאָכדעם ווי מ׳קומט זיי איבער.

אָבער מערי האָט נישט געוואָלט זיין אַלט ווי די שכנטע און האָבן דאָס גאַנצע לעבן ווייט הינטער זיך. זי האָט גע־וואָלט, אַז אַלץ, און בעיקר דזשים, זאָל זיין פונקט אַזוי ווי מיט אַ יאָר צוריק. זי איז אַריין אין הויז און ס׳האָט איר וויי געטון, טראַכטנדיק וועגן די גליקלעכע צייטן, וואָס זי האָט

אַמאָל געהאַט. זי האָט געמאַכט פייער און צוגעשטעלט דאָס עסן.

זי האָט זיך אַ שטיק צייט געפּאָרעט אין דער קיך, צוגע־גרייט אַלץ צום קאָכן און פּאַנאַנדערגעבלאָזן דאָס פייער, ביז עס האָט זיך רעכט פאַנאַנדערגעברענט. זי האָט נאָכאַנאַנד גע־טראַכט וועגן די צייטן, ווען דזשים און אַלצדינג איז געווען אַנדערש. ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיטן קאָכן, איז זי אַריין אין שלאָף־צימער און אַרויסגענומען דעם אַלבום מיט די פאָ־טאָגראַפיעס נאָך פון די צייטן איידער זי האָט זיך באַקענט מיט דזשימען.

זי האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן און צוקערן די שטובן, אָבער זי האָט נישט געקאָנט. זי האָט געקוקט אויף די אַלטע פאָטאָגראַפיעס און געוויינט און געהאַט רחמנות אויף זיך אַליין. דער ווינט אין דרויסן האָט גענומען בלאָזן שטאַרקער, דער שטויב האָט פאַרשלונגען די שטאָט און דאָס הויז, און דינע שטויב־צינגלעך האָבן געלעקט די שפּאַרעס אונטער די טירן, זיי צעשפּרייט איבערן לינאָלעאום, און מערי איז אַלץ געלעגן אויפן בעט אַן אָפּהענטיקע, אַ פאַרוויינטע און געטראַכט פון אַמאָל, ווען דזשים איז געווען אַנדערש...

* * *

אויף דער הויפּט־גאַס, וואו ס'איז געווען די ביר־שענק און די באַנק — די איינציקע יוסטע געביידעס אין שטאָט — איז דער שטויב געווען געדיכט ווי אומעטום. דאָ האָט עס אָבער קיינעם נישט געאַרט. נעבן דעם טראָטואַר זענען אין אַ לאַנגער שורה געשטאַנען די אויטאָס פון אַלע מינים, פונם סאַמע פּראָסטן לאַסט־אויטאָ פון די גאָלד־פּראָספּעקטאָרן ביז די נייעס־טע אַכט־צילינדערדיקע סעדאַן־מאָדעלן. ווער ס'האָט נאָר גע־האַט אַ האַנט און אַ פוס, איז געקומען צו פאָרן פון דער געגנט אַרום דעם קליינעם גאָלד־שטעטל. ס'האָט עמיץ אָנגעטראָפן אויף אַ רייכן גאָלד־אָדער, איז מען זיך צונויפגעקומען צו באַ־גיסן די געלעגנהייט. אין דער שענק איז געווען לעבעדיק, מ'האָט־

געטרונקען און אַלע זענען געווען גוט־ברודעריש אויפגעלייגט און פול מיט בטחון.

דער עולם אַרום טרונק־טיש האָט זיך געהאַלטן היימיש. דער דירעקטאָר פון דער שטעטלדיקער באַנק, די גרובן־אַרבע־טער, דער מלוכהשער גרובן־אויפזעער, דער באַלעבאָס פון דער שטעטלדיקער קראָם, דער צייטונגס־אַגענט, די גאָלד־זוכערס, וואָס זענען געקומען אויף דער סוף וואָך אין שטאָט אַריין — אַלע האָבן זיך צונויפגעמישט אין אַ טומלדיק, פריילעך, גוט־ברודעריש געזינדל. וואָס מער מ׳האָט אין זיך אַריינגעגאָסן, אַלץ מער איז ביים עולם געוואַקסן דער בטחון. אויף יעדן איי־נעם האָבן געוואַרט גאָלדענע גליקן. ווער ס׳האָט געגראָבן אויפן אייגענעם חשבון, ווער ס׳האָט בלויז געהאַט אַ חלק אין די סינדיקאַטן — יעדן איינעם איז געשטאַנען רייך צו ווערן אַ ליאַדע טאָג. די אויגן האָבן געגלאַנצט ביי אַלעמען, מ׳האָט געריערט אָן אויפהער, און אויך דער באַנק־דירעקטאָר האָט איינ־גאַנצן פאַרגעסן, אַז ער דאַרף צווישן מענטשן האַלטן שטאַט, און געטרונקען און געפּלוידערט צוגלייך מיט אַלע. יעדער איי־נער האָט געגלויבט אין זיין גוטן מזל, אפילו די פּראָסטע גרע־בערס, וואָס האָבן געאַרבעט אויף קאָנטראַקטן אין די גרובנס.

אינגאַנצן זענען צווישן עולם געווען צוויי גאָלד־זוכערס, וואָס האָבן געפונען אַ גאָלד־אָדער און שוין באַוויזן אַריינצו־כאַפּן אַ היפּשע מטבע. אָבער אויך אַלע איבעריקע האָבן, פאַר־שטייט זיך, געגראָבן אויפן ריכטיקן אָרט און וועלן אַ ליאַדע טאָג געפינען גאָלד. די צוויי מזלדיקע יאַטן האָבן געפּאַקט דעם אמתן אוצר. לויט אַלע סימנים פונם אָרט דאַרף עס זיין דער אָדער, וואָס די סאַנליט־חברה האָבן פאַרלוירן אין 1898. און טאָמער נישט, אויב פון געפונענעם אָדער וועט זיך אויסלאָזן אַ טייך און זיי וועלן מגיה־וביה פאַרקריכן אין גרויסע חובות פאַר גראָב־מאַשינען און אַלע איבעריקע זאַכן, איז אויך פאַר־פאַלן! דערווייל דאַרף מען מאַכן אַ כוסה לכבוד דעם גוטן אָנ־הויב. און דער אָנהויב איז שוין איינמאָל געווען אַ גוטער! זיי האָבן זיך אַליין געזידלט, הלמאי זיי האָבן מיט חדשים פריער

נישט גענומען גראָבן אויפן זעלביקן אָרט. זיי האָבן דערציילט דעם עולם וועגן דעם טייערן זאמד, וואָס זיי האָבן דאָרט גע־פונען נאָך אין פופצנטן יאָר. אָבער דעמאָלט איז נאָך באָרדער־טאַון געווען טויט און פוסט, מ׳האָט גאָרנישט געקאָנט באַ־קומען און קיין וואַסער איז נישט געווען, וואָרום דער זומער איז געווען אַ לאַנגער און אַ טרוקענער. האָבן זיי דעריבער גע־מוזט אויפגעבן און פאַרלאָזן ס׳אָרט. אַצינד אָבער האָט דאָס שטעטל צוריק אויפגעלעבט, און ס׳וועט זיין גאָר עפּעס אַנ־דערש. אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועלן זיי ווידער דאָ זיין און מאַכן דעם עולם די אמתע פונדע. מ׳קאָן זיי האַלטן ביים וואָרט!

— צום טייוול — האָט זיך אָנגערופן איינער פון עולם — איך האָב דאָרט געגראָבן מיט אַ יאָר פינף צוריק. טאָם האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געפונען דאָס אָרט און אויך גע־גראָבן. ס׳איז דאָס אייגענע אָרט, אַ פוס אָדער צוויי וויטער!

— איך גראָב האַרט נעבן אים — האָט אַן אַנדערער גע־זאָגט — אויף דער ליניע פונם זעלביקן אָדער. אויב ס׳זאָל גיין אַ גאַנג, בין איך אַ געהאָלפענער.

דזשים איז געשטאַנען צווישן עולם אַן אויפגערודערטער, פול מיט אומרו. ער איז זיי מקנא געווען און געפילט אַ ביטול צו זיין זיכערער שטעלע אויף דער באַן. ס׳איז נישט אַזוי לייכט צו גראָבן גאָלד ווי ס׳רעדט זיך, האָט ער ביי זיך גע־טראַכט, אָבער ס׳איז כדאי אַ פּרואוו צו טון ס׳מזל. די שטעלע אויף דער באַן איז אים געווען דערווידער, ר׳האָט פאַרדינט ווינציק און ס׳איז אים שוין נמאס געוואָרן צו טון כסדר די אייגענע רוטין־אַרבעט אין די אייגענע פעסט־באַשטימטע שעהן. ר׳וואָלט איינס פאַר אַלעמאָל געדאַרפט אַוועקוואַרפן די שטעלע, אָבער ר׳האָט נישט געקאָנט. ער און מערי האָבן נישט באַוויזן גאָרנישט אָפּצושפּאָרן, און זי וואָלט סיי־ווי נישט געוואָלט הערן דערפון, אַז ר׳זאָל אָפּלאָזן די שטעלע. ער האָט זיך לכת־חילה געפילט פרעמד צווישן דעם טומלדיקן, צעהיצטן עולם, אָבער אַז ר׳האָט אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער, איז ער גע־

וואָרן באַרעדעוודיק און גוט אויפגעלייגט. ר'האָט קיינמאָל נישט געטון די אַלע זאַכן, וועגן וועלכע מ'האָט דאָ גערעדט. ער האָט פרי התונה געהאַט און שווער געהאָרעוועט אויף דעם לויזיקן מלוכה־פּאָסטן. הלוואי וואָלט ער געווען אַ גאָלד־זוכער! צו אַזאַ אַרבעט וואָלט ער זיך געטויגט! ס'איז אים גוט געווען צווישן עולם דאָ אין דער שענק. אויב ס'איז פאַראַן עפּעס אַ לעבן אין שטעטל, עפּעס אַן אויסזיכט, איז עס אָט־אָ דאָ פאַראַן.

דער עולם איז געוואָרן וואָס אַמאָל טומלדיקער, און דזשים האָט זיך געפילט גאָר אויפגערוימט. עס איז געקומען „סלאָגגער" פּריסטלי מיט נאָך צוויי פון זיין קאָמפּאַניע. סלאָג־גער איז געווען אַ הויכער, צעוואַקסענער פאַרשוין, אַ ברוין־אָנגעברענטער. ער איז געווען אָן רעקל און בלויז געטראָגן אַ טייער זיידן העמד און אַ פּאָר פאַצעטישע ספּאָרט־הויזן. ער האָט געהאַט צוויי לאַסט־אויטאָס און געפירט ערד פון די גראָבנס.ביידע אויטאָס האָבן געאַרבעט צוויי שיכטן. סלאָגגער אַליין האָט געאַרבעט צוועלף שעה אַ טאָג, אָבער אַז ער פלעגט קומען אין דער שענק אַריין, האָט ער זיך יעדעס מאָל געלאָזט וואַוילגיין אויף וואָס די וועלט שטייט. תמיד האָט ער זיך אַרומ־געטראָגן מיט אַ פּאַק פּאַפּיר־געלט, און דזשים איז אים מקנא געווען, וואָס ער איז אַ מענטש פאַר זיך און פאַרדינט גראָב. סלאָגגער האָט זיך היינט אַביסל געזשאַלעוועט פאַרן עולם, אָבער ס'איז בלויז געווען אַן אָנשטעל. מ'האָט געזען, אַז ער איז צופרידן פון לעבן, וואָס צופרידענער קאָן שוין נישט זיין.

— וועמען איז דאָ נאָך אַזוי גוט ווי דזשימען — האָט ער זיך אָנגערופן אויפן הויכן קול — ר'עסט צו דער צייט, וואוינט אין אַ לייטיש הויז, אַרבעט זיך אָפּ זיינע פּאָר שעה, קריגט פּינקטלעך אויסגעצאָלט זיין לוין און האָט אַ ווייב און אַלץ, וואָס אַ מענטש באַדאַרף. כ'וואָלט זיך געטוישט מיט אים, אוועקגעגעבן אים מיין בורע נעבן די גראָבנס און די קאָפּ־דרייעניש מיינע!...

דזשים האָט געגעבן אַן אָנגעצויגענעם שמייכל און אין האַרצן מקנא געווען סלאָגגערן מער ווי אַלעמאָל. יענער האָט

אַרויסגעצויגן אַ געלט־פּאַפּירל פון דער טאַש אַרויס און גע־שיקט צום טייוול די ראַטעס, וואָס ער האַלט אין איין צאָלן פאַר די לאַסט־אויטאָס. אַ מענטש, וואָס האָרעוועט טאָג און נאַכט, דאַרף אַמאָל אַ לעב טון. ר'האָט די ראַטעס אין דר'ערד... דער עולם האָט גערודערט, געטרונקען, געזונגען און געשריגן, און דזשים איז שוין געווען גוט בגלופין. ס'איז שוין געווען צייט אַהיימצוגיין, נאָר מ'האָט גראָד ווידעראַמאָל געשטעלט ביר פאַרן גאַנצן עולם, און ער האָט געזען ווי דער רויטער שטויב יאָגט איבער דער גאַס. אויך אויפן דיל אין שענק האָט זיך דער שטויב גענומען דרייען, געהאָנגען אין דער לופט, האָט ער זיך געקאָנט פאָרשטעלן, ווי ס'וועטער זעט אויס אין דרויסן. און דאָ איז אַזוי ליכטיק און פרייליך...

ס'איז געוואָרן פינסטער און דער זאַמד־שטורעם האָט אַלץ נישט אויפגעהערט. דער שטויב אין דער לופט האָט גע־לויכטן מיט אַ בייזן, רויטן שיין אַרום די עלעקטרישע לאַמ־טערנס. אויסגעפּוצטע מיידן און אַ פּאָר יינגלעך האָבן זיך באַוויזן אין גאַס, געדרייט זיך אויף און אָפּ איבערן טראָטואַר און געוואַרט, ס'זאָל זיך עפענען דאָס קינאָ. שפּעטער אַביסל, ווען דאָס קינאָ איז שוין געווען אָפן, האָט זיך די שטויביקע און ווינטיקע גאַס אָפּגעליידיקט. אַ פּאָר אויטאָס האָבן איבער־געלאָזט ליידיקע ערטער נעבן טראָטואַר און זיך געטראָגן אינם שטויב איבער דער גאַס צו די ווייטע גאָלד־גרובנס. אָבער אין דער שענק האָט זיך נאָך אַלץ געטומלט, מ'איז געווען לע־בעדיק און פריילעך, כאָטש מ'האָט זיך שוין קוים געהאַלטן אויף די פיס. מ'האָט אַלץ נאָך געפּלוידערט וועגן גאָלדענע גליקן, וועגן אוצרות אין די טיפענישן פון דער ערד. דזשים איז שוין געווען גוט שיכור און ס'האָט זיך אים גאָרנישט גע־גלוסט צו פאַרלאָזן די שענק. אין האַרצן האָט אים גענאָגט אַ קנאה צוזאַמען מיט אַ פאַרדרוס אויף די שטילע, גרויע יאָרן, וואָס זענען געלעגן הינטער אים.

* * *

ער איז אַהיימגעקומען שוין גאָר שפּעט, און מערי איז נישט געווען אין שטוב. זי האָט איבערגעלאָזט אַ צעטל, אַז זי איז געגאַנגען אין קינאָ. דאָס עסן, וואָס זי האָט אָפּגעקאָכט פאַר זיינעטוועגן, איז געשטאַנען אויף דער קאַלטער קיך. דזשים איז נישט געווען הונגעריק. פונדעסטוועגן האָט ער געהאַט פּאַראיבל, הלמאי דאָס עסן איז קאַלט. אויפן וועג אַהיים האָבן זיך אין זיין האַלב־שיכורן מוח געפלאָנטערט כלערליי תירוצים, אין פאַל ווען מערי וועט אים מאַכן אַ סצענע. און דאָ איז צומאָל מערי נישט אין דער היים. ס'איז שטיל און פּוסט, און ס'וואַרטן בלויז אויף אים אַביסל איבערגעשטאַנענע קאַרטאָפל און אַ פּאָר געסטאָיעטע וואורשטלעך.

דער שטויב האָט זיך אַריינגעקריגן דורך די שפּאַרעס אונ־טער די טירן און קופּקעסווייז געלעגן אויפן דיל. די טעלערס און די מעסערס און דאָס ברויט און די פּוטער זענען געווען באַדעקט מיטן רויטן שטויב און דאָס גאַנצע הויז האָט אויס־געזען, ווי ס'וואָלט דאָ קיינער אַ וואָך צייט נישט אַריינגע־שמעקט. ער איז אַריין אין שלאָף־צימער, און אויך די קאָלדרע אויפן בעט, וואָס מערי האָט בײַטאָג צערודערט, איז געווען פול מיט שטויב. דער אַלבאָם איז נאָך אַלץ געלעגן אויפן בעט. דזשים האָט זיך אַוועקגעלייגט אין אָנטועכץ און גענומען קוקן אויף די פאָטאָגראַפיעס.

דער קאָפּ איז אים געווען פאַרטשאַדעט פון טרינקען, און די פאָטאָגראַפיעס האָבן געטאַנצט פאַר זיינע אויגן. אויך דאָס ליכט פון דער לאָמפּ האָט אים געטאַנצט פאַר די אויגן. ער האָט געקוקט אויף די פאָטאָגראַפיעס פון זיך און פון מערין און זיין פּנים האָט זיך פאַרקרומט אין אַ ביטערן שמייכל, ווען ער האָט זיך דערזען אויסגעסטראָיעט אין אַ ספּאָרט־גאַרניטור. זיין בליק איז געבליבן שטיין אויף איינער פון מערים פאָטאָגראַ־פיעס. זי איז געווען יונג, חנוודיק און פול מיט לעבן. פאַרוואָס ווערן פרויען אַזוי גיך פאַרענדערט? דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט שטויב, ער ליגט אויפן בעט אַ מידער, אַ צעבראָכענער, און מערי איז זיך ערגיץ אַוועק. ס'האָט אים אָנגענומען אַ

רחמנות אויף זיך אַליין. ס'איז אים אַזוי אויך געגנוג שלעכט, וואָלט כאָטש מערי געבליבן די זעלבע ווי אַמאָל. רק זי גריזשעט זיך, איז תמיד אויפגערעגט און האָט צו אים כסדר טענות.

אין דרויסן האָט געוואָיעט דער שטויביקער ווינט, זיך געטראָגן צווישן די הייזער און די גרובן־געביידעס. אַ שטיק בלעך אויפן דאַך האָט זיך אָפּגעריסן און נאָכאַנאַנד געקלאַפּט. דזשים האָט געמישט דעם אַלבאָם אויף צוריק און מערים ביל־דער האָבן זיך געוויזן וואָס אַמאָל שענער און יונגער. זי האָט גאָר אַנדערש אויסגעזען פאַר דער חתונה, ווען ער האָט זיך ערשט געהאַט מיט איר באַקענט. דער שכורער טשאַד האָט אים געשלאָגן אין קאָפּ אַריין, ר'האָט זיך געפילט נעבעכדיק און פאַרלוירן. ס'האָט אים אַזש אָנגענומען אַ געוויין, טראַכטנ־דיק וועגן זיך און מערין. ס'איז אים נמאס געווען דאָס לעבן זיינס, וואָס ער האָט אַזוי נאַריש פאַרטאַכלעוועט... ווי מקנא ער איז געווען די מענטשן, וואָס לעבן פריי און זאָרגלאָז און גלויבן אין זייער גוטן מזל! אָבער ער וואָלט אַלץ געגומען פאַר ליב, ווען מערי וואָלט כאָטש געווען די זעלבע ווי אַמאָל, ווען זי וואָלט נישט געוואָרן אַזוי אַנדערש!...

לואיס עספּאָן

# די פּי־טרייבערס

(איינאַקטער)

געשטאַלטן:

עליק מעק־קעי (דער באָס);
בריגלאָו בילל;
באָב;
מיק;
אַלבערט (דער קוכער);
אַ „דזשעקעראָו"*);
פּידזשין (אַ שוואַרץ יינגל).

אָרט: לאַגער פון פּי־טרייבערס ביים ראַנד פון באַרקליים פּלאַכלאַנד (צפון־קווינסלענד). דער לאַגער איז ביי אַ זומפּיקן וואַסער־גרוב, אַרום וועלכן עס וואַקסן אַ פּאָר „גידזשי"־ביימער. דאָס פּלאַכלאַנד ציט זיך נאַקעט, אַן איינציקער בוים אין דער ווייטקייט אַריין.

צייט: פרימאָרגן.

אַן אָפן פייער. פּאַק־זאָטלען ליגן צעוואָרפן אַרום. אַלבערט, דער קוכער, פּאָרעט זיך ביים פייער. ער איז אַ נידעריקער, דיקער פּאַרשוין, פּאַרמעכיעט, אָבער לוסטיק. עס הערט זיך אַ שאָס. דעם קוכער פאַלט אַרויס דאָס בראָט־פּענדל פון האַנט. ער קוקט זיך איין.

קוכער: זיי האָבן זיך שוין ווידער צעלאָזט. (אַ געקלאַפּעריי פון קאָפּיטעס, בייטשן קנאַלן, צעבריי־

*) אַ ניי־געקומענער אויף אַ פאַרם, אַ גרינער.

קעוועטע פּי. דער קוכער נעמט אַ קענדל מיט וואַסער, שטעלט עס אַרויף אויפן פייער. צוויי פּי־טרייבערס, באָב און מיק, פירן אַריין בילן. ביל איז פעסט געבויט, מיט אַן אַנטשלאָ־סענעם פּנים און שמאָל־גרויע אויגן. ער איז אַלט אַרום 45 יאָר און ס׳גאַנצע לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין בוש. באָב און מיק זענען יונגע מענטשן. באָב איז הויך, בויגעוודיק, מיט האָר פון זאַמד־קאָליר. ער איז רויט אָפּגעברענט ווי.אַ ציגל, געדיכט באַשאָטן מיט זומער־שפּרענקעלעך. ער איז אַ גוטמוטיקער יונג, שטאַרק פאַרקאָכט אין פערד. מיק איז אַ קליינער, אַ טונקעלער. ער איז אַ שטילער מענטש, רעדט ווינ־ציק און האַלט אַ וועלט פון עליקן, דעם באָס).

קוכער: וואָס איז?

באָב: ס׳פּי האָט זיך צעבריקעוועט.

מיק: זיי האָבן אים גוט צעמזיקט, בילן.

באָב: (בעת ער לייגט מיט מיקן אַוועק בילן אויף דער ערד) ס׳איז גוט אַזוי, ביל?

ביל: פּאַוואָליע, יאַטן, פּאַוואָליע.

מיק: נו, איצט איז שוין גוט, ביל?

ביל: לאָזט מיך אויפזעצן. ס׳טוט וויי, אַז כ׳ליג, הויבט מיך אַביסל אונטער.

באָב: אַזוי איז בעסער?

ביל: אָט־אָ־דאָ טוט מיר וויי.

קוכער: (גיט אים וואַסער) נאַ, נעם אַ טרונק.

ביל: כ׳בין פאַרביי.

באָב: ווייס איך וואָס...

ביל: זיי האָבן מיך געפּאַקט סוף־כל־סוף.

פּי־טרייבערס: באַשערט אַן אומגליק.

קוכער: ווי אַזוי איז עס געשען?

באָב: דער דזשעקערו האָט אויסגעשאָסן פון רעוואָל־ווער אויף אַ דינגאָ און איבערגעשראָקן ס׳פּי.

קוכער: גאָט מיינער! נאָך צוויי שעה אַרומיאָגן זיך מיט די בהמות ביז מ׳האָט זיי צונויפגעטריבן אין לאַגער!

מיק: דער באָס קאָכט ווי אַ שלאַנג. ער האָט געקנאַלט מיט דער בייטש און געשאָלטן מיט טויטע קללות ביז מיר האָבן צוריק צונויפגעטריבן די סטאַדע.

קוכער: באַשערט אַן אומגליק... ס׳אַן אומגליק פאַר אונז אַלע.

באָב: וואָס העלפט ס׳קרעכצן? פאַרפאַלן, מירן זיך מוזן ווי עס איז אַן עצה געבן.

מיק: ר׳האָט געדאַרפט אָנקוקן דעם באָס.

באָב: ר׳נעמט זיך מער איבער ווי ביל.

מיק: ס׳אַ וואונדער? אַן אויפּטו פון אַ דזשעקערו אויסצושיסן און אָנצומאַכן אַ בהלה צווישן פּי. דאָס האָט נאָך צוגעפּעלט — בילס פערד צעריסן אויף שטיקער, באָבס פערד מיט אַן איבערגעבראָכענעם קאַרק, און ביל דאָ אַן אויסגעצויגענער אויף דר׳ערד.

קוכער: און מיר האָבן דורכצומאַכן אַזאַ ביטערן וועג, בלויז מדבר.

מיק: מירן האָבן צו טאַפּן אַ וואַנט.

באָב: אַלץ הייסט!

קוכער: וואָס איז, ביל?

ביל: גיב אַ טרונק.

קוכער: „רייט־אָ״! (גיט אים אַ קענדל מיט וואַסער) וואָלט כאָטש געבליבן אַ טראָפּן שנאַפּס.

באָב: (טאַפּט אים אַרום) כאָטש גוט, ס׳איז גאָרנישט צעבראָכן.

ביל: ס׳אָטאָ דאָ, אינעווייניק.

מיק: (צו באָבן) ס׳עפּעס דאָ אַ האָפענונג?

באָב: ס׳וועט לאַנג געדויערן ביז ר׳וועט זיך קאָנען אויפזעצן אויף אַ פערד.

ביל: באָב!

באָב: דאָ בין איך.

ביל: האָסט מיך אָפּגעשלעפּט, אַ דאַנק דיר.

באָב: ס׳איז גאָרנישט.

בילל: האָסט איינגעשטעלט ס׳לעבן ־מיך צו ראַטעווען.
באָב: לאָז געמאַך, בילל.
בילל: וואָס וועט איצט עליק טון?
מיק: טאַקע אַזוי.
בילל: כ׳דאַרף ענטפערן פאַר די פּי.
באָב: ס׳וועט אונז פעלן איצט אַ מענטש. כ׳הויב נישט אָן צו וויסן, וואָס מען וועט טון מיט ביללן.
מיק: מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן אויפן באָס.
קוכער: ס׳איז איצט רואיקער.
מיק: דער באַלעבאָס האָט אַוועקגעלייגט אַכצן פונט פאַרן אָגער, וואָס בילל איז אויף איס געריטן. ר׳האָט אים געוואָלט לאָזן לויפן אויף די ברונעט־געיעגן.
קוכער: הלוואי וואָלטן מיר שוין דאָרט געווען. כ׳וועל אַריינכאַפּן אַ צענערל פאַר צוויי טעג קאָכן.
בילל: ס׳פּי הויבט זיך שוין אָן איינצושטילן?
מיק: ס׳האָט זיך נאָך געבריקעוועט ווען כ׳בין אַוועק.
בילל: מ׳וועט נאָך האָבן געגנוג צרות מיטן פּי.
מיק: ווי לאַנג דער באָס איז דאָ וועט ער עס האַלטן.
בילל: איך קאָן מער גאָרנישט טון. ס׳איז געקומען מיין סוף.
(עס קומט אָן דער דזשעקערו, אַ פּעסט געבויטער יונגער מענטש. ס׳איז קאָנטיק, אַז ער איז אַ שטאָטישער, אָן דערפאַרונג. ר׳איז צום ערשטן מאָל אין באַרקליים לאַנד).
דזשעקערו: וואו איז בריגלאָו?
קוכער: אָט דאָ איז ער.
דזשעקערו: זאָגט נאָר נישט, אַז ער איז אַ פאַרפאַלענער! אין אַלעם בין איך שולדיק. כ׳האָב אויסגעשאָסן אויפן קענגערו. דאָס פּי האָט זיך אַ לאָז געטון ווי משוגע און צעטראָמפּלט אים אונטער די קאָפּיטעס. מיין פערד האָט זיך צעבריקעוועט. כ׳האָב עס נישט געקענט איינהאַלטן צו דער צייט, כ׳זאָל אים קענען ראַטעווען.
מיק: טראָג דיך אָפּ, דול נישט קיין קאָפּ.

באָב: האָסט ניין מאָס רייד, יונגערמאַן.

דזשעקערו: וואָס מאַכט איר, בריגלאָו? וואָס קאָן איך טון?

ביל: נישטאָ וואָס צו טון. כ'בין פאַרביי.

דזשעקערו: וואָס רעדט איר?

ביל: ס'איז אין פאַך, יונגערמאַן.

דזשעקערו: וואָלט איך כאָטש געהאַט דאָס מעדיצין קעסטל. דער באָס האָט מיך בשום אופן נישט געלאָזט עס מיטנעמען.

קוכער: מיר קאָנען קוים דערשלעפּן ס'ביסל עסנוואַרג.

באָב: מ'וואָלטן כאָטש געדאַרפט געבן די טראָפּנס.

קוכער: וואו קאָנען זיי זיין? האָט נישט עמיץ געזען די טראָפּנס? ס'דאַרף נאָך ערגעץ זיין אביסל.

באָב: באַשערט אַן אומגליק. אָט שטעקן מיר דאָ ביי אַ זומפּיקן וואַסער־גרוב. ס'איז קוים דאָ גענוג וואַסער איינצו־נעצן די פינגער און מיר האָבן אויף זיך פינף הונדערט שטיק רינדער, צעווילדעוועט פון דורשט.

מיק: דער אַלטער וועט שוין געפינען אַן עצה. ר'וועט אונז אַרויסשלעפּן פון דער צרה. געדענקסט דאָך, ווי ר'האָט גענומען די הונדערט בוהייעס פונם געלן וואַסער־גרוב אין מאַ־רימדזשי. ר'האָט זיי געפירט מיטן קורצן וועג איבערן טייוול־לאַנד. די ערד קרישלט זיך דאָרט אונטער די פיס און די מר־ראַשקעס עסן אויף אַ מענטש לעבעדיקערהייט. בלויז דריי זע'מיר געווען און אַ שוואַרצער פון מייעל. אויף הונדערט מייל האָבן מיר נאָר איין מאָל געהאַט וואַסער פאַר דער סטאַדע. ד'קאָן ניסים באַווייזן, דער אַלטער. בלויז זעקס שטיק האָבן אים געפעלט צו דער צאָל.

(עס הערט זיך אַ דונערן פון קאַפּיטעס).

באָב: זיי האָבן זיך שוין ווידער צעבריקעוועט.

מיק: אַ רוה אין זיי!

באָב: קום, מיק! (באָב און מיק לויפן אָפּ. פּויזע).

קוכער: (צו בילן) אויף מיין וואָרט, ר'קאָן רייטן,

באָב... ווי ר'שפּרינגט דאָס אַרויף אויפֿן ווילדן אָגער! צו אַלדי רוחות, זע נאָר, ווי דער אַלטער פֿאַרלויפֿט אים דעם וועג... ר'האָט זיי געפּאַקט... ר'האַלט זיי צוריק, באָב קומט נאָך, און מיק... מ'האָט זיי שוין איינגעהאַלטן... מ'טרייבט זיי צונויף, מ'פֿירט זיי צוריק אין לאַגער. ר'איז שוין איינמאָל אַ פֿויגל, דער אַלטער עליק, נישט אמת?

ביל ל: האָסט געדאַרפֿט זען, ווי ר'איז זיי פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, גערוט; גלייך אויף זיי אַרויף, ווי אַן אָדלער זיך געטראָגן איבער זיי.

ביל ל: דער אַלטער איז פֿייער־פֿלאַם... קיינער קאָן זיך צו אים נישט גלייכן.

קוכער: מ'האָט זיי שוין איינגענומען... זיי זענען צוריק אין לאַגער, אָבער ס'טראָגט זיי נאָך אַלץ, קוקן נאָר אויס אויף עפּעס... אָט קומט דער באָס, ביל. ער ווייסט, וואו די טראָפּנס זענען, ס'וועט דיר באַלד ווערן בעסער.

ביל ל: ר'איז שוין איינמאָל אַ חברה־מאַן, נישט אמת?

קוכער: אַלץ הייסט!

(ס'קומט אַריין עליק, דער באָס. ר'איז אין די פֿופֿציקער, אָפּגעברענט, אַ פּנים פֿול מיט קנייטשן, געדיכטע, בערשטלדיקע ברעמען און גרויע האָר און באָרד. ער האָט קרומע פֿיס, אָבער שטאַרק געבויט. אין די יונגע יאָרן איז ער געווען אַ טשעמפּיאָן־רייטער פֿון דריי שטאַטן, און איצט איז ער אַ גוט־באַקאַנטער בוש־מענטש און פֿי־טרייבער).

באָס: דאָס פֿי האָט זיך איינגעשטילט. (צום דזשעקערו) וואָס טוסטו דאָ, צו אַלדי רוחות?

דזשעקערו: כ'האָב געוואָלט זען בילן.

אַלבערט: מיר זוכן אַרום די טראָפּנס.

באָס: זיי זענען אין געפּעק, אין אַ שוואַרץ פֿלעשל. (צו בילן) מ'האָט זיי איינגענומען.

ביל ל: אַ גוט שטיקל אַרבעט.

באָס: אָבער די צרה איז, וואָס זיי הלשן אַ טרונק.

קוכער: (מיטן פֿלעשל) כ'האָב עס געפֿונען.

באָס: גיב עס אַהער. (לייענט אויפן פלעשל) „מאַקסי־מום דאָזע צוואַנציק טראָפּנס”. (גיסט אָפּ אַ העלפט פון פלעשל אין אַ טעפּל אריין).

דזשעקערו: ס'איז צו פיל, ס'איז דריי מאָל אַזויפיל וויפיל מ'דאַרף.

באָס: כ'ווייס וויפיל ביל דאַרף נעמען. נאַ, טרינק.

ביל: (טרינקט) ס'איז גוט.

באָס: ס'וועט דיך שטעלן אויף די פיס, האַ? (צום קו־כער) הויב זיך אָן צו רירן, אַלבערט.

(פּידזשין, אַ שוואַרצער, באַווייזט זיך הינטער אַ בוים. איז הויך און דאַר, אָנגעטון אין צעפליקטע הויזן און העמד. ער איז נאָך גאָר יונג, אָבער דער שיטערער שוואַרצער אָנוואוקס אויף די באַקן גיט אים צו אַ קאָמישן אויסזען).

פּידזשין: (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון הינטער אַ בוים, מיט אַ ברייט שמייכעלע) גיב טאַבאַק.

קוכער: טראָג דיך אָפּ פון דאַנען.

פּידזשין: גיב טאַבאַק, באָס.

קוכער: אַ לאָך אין קאָפּ וועסטו ביי מיר קריגן.

(פּידזשין אָפּ).

באָס: נעם צו די טראָפּנס, ביל. נאַ, ליג דיר אונטער מיין געפּעק. (ליגט אים אונטער ס'געפּעק).

ביל: גוט.

דזשעקערו: גאָט מיינער. ס'איז שרעקלעך.

באָס: אָפּגעטון איז אָפּגעטון. דו גיי איצט אַרויס צום פי.

דזשעקערו: אַליין צוליב אַ פּאָרפאַל.

באָס: מאַכסט נאָך ערגער מיט דיין פּלוידערן וו'אַ נאַ־רישער פּאָפּוגיי. טראָג דיך אָפּ און זיי דאָרטן מיטן פי.

(דזשעקערו אָפּ).

באָס: (צו בילן) וואָס מאַכסטו?

ביל: כ'שפּיר גאָרנישט, ס'טוט נישט וויי.

באָס: גוט... מ'דאַרף שאַפן וואַסער פאַר דער סטאַדע.

קיין העלפט אפילו האָט נישט געהאַט קיין טרונק פון דעם זומ־פיקן גרוב דאָ. דאָס איז די אמתע צרה.

בילל: יאָ, דאָס איז שוין איינמאָל אַ צרה.

(עס קומען אָן באָב און מיק).

באָב: ס'פּי איז איינגעשטילט, ס'שטייט וו'אַ מויער.

באָס: ווי שפּעט איז?

קוכער: אַ פערטל נאָך פיר.

באָס: וואָס הערט זיך מיטן אָנבייסן, אַלבערט?

קוכער: (שטעלט זיך אוועק אין אַ קאָמישער פּאָזע, מאַכט נאָך אַ באָקסער) ס'איז גרייט, אויב איר זענט נאָר פּאַרטיק. ס'פלייש איז אויף לינקס, די זופּ אויף רעכטס און איך אין סאַמע מיטן, צי ס'געפעלט אייך יאָ, צי נישט.

באָס: מאַכטס געשווינדער, חברה.

(די פּי־טרייבערס עסן אויף דער גיך דאָס אָנבייסן).

קוכער: (צו ביללן) אָט האָסטו אַ שטיקל פלייש און אַביסל טיי. דאָס פלייש איז אַן איינקאָך פון רינדערנס. כ'מיין, אַז כ'קאָן מאַכן אַ בעסערן איינקאָך, ווי יעדער איינער אין דער פאַרשאָלטענער מדינה דאָ.

בילל: אמת, אַלבערט, קאָנסט אָפּקאָכן אַ מאָלצייט. לאָז עס דאָ איבער. כ'וועל באַלד נעמען אַ ביס.

קוכער: וויבאַלד מירן זיך אַדורכקריגן קיין אַראַדאַנגי, גיי איך מיט באָבן צו די ברונעט־געריעגן. מ'וויל מיך דאָרט דינגען צום קאָכן. ס'וועט דאָרט זיין לעבעדיק, שוין איינמאָל. אייוואָן, און אידינגלו, און אַלעקסאַנדאַ, עלראַי, און אָ־טי, און אַלע פאַרמערס שיקן אַריין פערד. אין קאָפּ־שלאַק וועט מען שפּילן, אַז ס'וועט גיין אַ רויך. און זיי קריגן דאָרט אַהין אַ לאָדונג שנאַפּס פון טאַונסוויל. פעדדי לענני האָט מיר געזאָגט.

בילל: גיב דאָרט דער חברה אָפּ אַ גרוס פון מיר.

קוכער: און וואָס זאָגסטו נישט דערצו, בריגלאָו? זיי ווילן מיר דאָרטן געבן עפּעס אַ צרהדיקן בינעזער צו הילף.

בילל: ווערסט זיך האָבן צו קראַצן, אַלבערט.

קוכער: ביי מיר וועט ער זיך שוין רירן, דאָס געלע

אומגליק. ס׳איז נישטאָ אין ברונעט קיין אונזערע קוכערס, בלויז כינעזער... זיי הויבן נישט אָן צו קענען קאָכן. איך אָבער פון פאַרדומפּעצט מעל קאָן איך זיי מאַכן געבעקס, וואָס מ׳קריגט נישט קיין בעסערס אין די בריזבעינער קראָמען. און איך קאָן אָפּקאָכן אַביסל געקעכץ אויך... (זעט ווי פּידזשין ברעכט אָפּ אַ שטיק פּלייש) הער, דו שוואַרצער גנב, אַ רוח אין דיר, כ׳מאַך דיך באַלד פאַר אַ טויטן!

(דער קוכער אָפּ נאָך פּידזשינען. די פּי־טרייבערס נעמען צו קענדלעך טיי).

מיק: (צום באָס) וואָס וועלן מיר איצט טון?

באָס: וואָס זאָלן מיר טון? זיך קלייבן אין וועג אַריין.

מיק: וואָס איז מכוח בריגלאָו?

באָס: מ׳וועט זען.

מיק: ווען לאָזן מיר זיך אין וועג אַריין.

באָס: שוין איצט... ס׳נעמט שוין טאָגן.

באָב: (קומט צו) און בריגלאָו?

באָס: ווי אַזוי קאָנען מיר, צום טייוול, זיך לאָזן אין וועג אַריין מיט אַ פאַרוואונדעטן מענטש?

מיק: טאַקע ביטער.

(ס׳קומען אָן דער קוכער און פּידזשין).

קוכער: זאָטל אָן די פערד, פּידזשין. (גייט צו צו בילן) קאָנסט נישט אויפעסן אַ שטיקל פלייש, ביל?

ביל: ס׳ווילט זיך מיר נישט עסן.

קוכער: און אַביסל טיי?

ביל: גיב מיר אַ טרונק וואַסער.

קוכער: „רייט־אָ״ (גיט אים וואַסער).

ביל: (צו באָבן און מיקן) הערט, חברה, כ׳האָב ביי מיר עטלעכע פונט. איר קאָנט זיך דערמיט צעטיילן, און אויך מיטן לוין, וואָס מיר קומט.

באָב: וועסט זיין אָלרייט, ביל.

ביל: שיקט אָבער אָפּ אַ פינפערל צו דזשאָו דאַנגען. ב׳בין אים שולדיק.

מיק: מירן נישט פאַרגעסן.

באָב: כ׳רעכן צו קויפן די שקאַפּע דאָרט, אין באַנגאָ־באַנגאָ. (צום באָס) בריגלאָו זאָגט, אַז מיר קאָנען זיך צעטיילן מיט זיין לוין.

באָס: וואָס איז דער מער?

באָב: כ׳קלער צו קויפן די שקאַפּע אין באַנגאָ־באַנגאָ. ר׳ווייסט דאָך, דעם קאַשטאַן מיט שוואַרצע פלעקן.

באָס: אַזוי...

באָב: ס׳איז דאָרט דאָ אַ יונגער אָגער אין עלראָי. וואָס טראַכט איר וועגן אים? ס׳איז נישט גלייכער אים צו קויפן, ווי דעם קאַשטאַן?

באָס: לאָז צו רו דעם אָגער.

(באָב און מיק ענדיקן אָנבייסן. דער באָס גייט צו בילן און מאַכט אים באַקוועם מיט פאָרזיכטיקייט).

באָב: וואָס מאַכסטו, גוטער ברודער?

ביל: כ׳בין פאַרביי, עליק.

באָס: ווי גאָט איז מיר ליב, הלוואי וואָלט עס מיך געטראָפן!

ביל: כ׳האָב נישט צו קיינעם קיין טענות.

(דער באָס שטאָפּט אָן אַ ליולקע, שטעלט צו אַ צינד־העלצל און ביל פאַרציט ביז דער טאַבאַק ברענט זיך פאַנאַנ־דער).

באָס: רויכער דיר במנוחה.

ביל: מיר האָבן געהאַט גוטע צייטן, איך מיט דיר.

באָס: ס׳זענען שוין איינמאָל געווען צייטן.

ביל: עליק!

באָס: יאָ.

ביל: ס׳וועט דיר איצט פעלן אַ מענטש.

באָס: מ׳וועט זיך שוין אַן עצה געבן. אַלבערט וועט איצט אויך מוזן שטיין אויף דער וואַך, און באָב וועט איבער־נעמען דיין אָרט ביי דער סטאַדע, דעם הינטערשטן עק.

ביל: זאָלסט אָנזאָגן באָבן, ר׳זאָל נישט שמייסן די־

בהמה מיטן ווייסן קאָפּ, ווען זי וועט נעמען פאַרקריכן אויף־
לינקס. ז'איז בלינד אויף אַ אויג. ערשט נעכטן ביינאַכט בין
איך עס דערגאַנגען, זאָל ער בלויז טון אַ געשריי און זי וועט
אַליין צוריקגיין.

באָס: וואָס מאַכסטו איצט, ביל?

ביל: בעסער, דער וועיטיק איז אוועק.

באָס: ס'אויך גוט. פאַרוואָס זאָל עס זיך ענדיקן אַזוי
אָט? (קוקט זיך איין אין דער ווייטקייט) ס'פּי רודערט ווידער,
ס'ריטשעט פון דורשט.

ביל: וואָס וועסטו טון, עליק?

באָס: מיר קאָנען דאָ נישט בלייבן און דיך מיטנעמען
קאָן מען אויך נישט. ס'אַ ביטער מזל אַזאַ. אָבער פאַרפאַלן,
פון קרעבצן ווי אַן אַלטע קוואָקע וועט גאָרנישט אַרויסקומען.

ביל: ווער האָט טענות? מיר קענען דעם בוש, איך און
דו. מיר האָבן שוין די ציין אויפגעגעסן ביי דער־אָ אַרבעט.

באָס: מיר מוזן גיין ווייטער. מ'האָט מיר איבערגעגעבן
ס'פּי, און איך וועל עס אַדורכקריגן, כ'זאָל ווייסן, די מענטשן
וועלן אויסציען די קאָפּיטעס.

ביל: מיר דאַרפסטו עס, גוטער ברודער, נישט דער־
ציילן.

באָס: כ'מוז צושטעלן ס'פּי אויפן אָרט.

ביל: כ'וואָלט וועלן מיטגיין מיט דיר... אָבער —
ס'אַ פאַרפאַלענע זאַך.

באָס: האָסט דאָך נישט צעבראָכן קיין ביין, לאָמיר נאָר
זען...

ביל: ס'איז אינעווייניק. עפּעס האָט זיך אין מיר אָפּ־
געריסן ביים פאַלן.

באָס: כ'האָב שוין אַזעלכעס געזען.

ביל: ס'אַ בלוט־שטורץ.

באָס: ס'קאָן דיר נאָך ווערן בעסער.

ביל: וואָס האָט מען זיך צו גענאַרן? כ'בין פאַרביי,
עליק.

באָס: אַ רוה אין אים, דעם דזשעקערו.

בילל: זיי נישט צו שטרענג צום יונג, אויב דו קענסט. ד'האָט נישט געוואוסט, וואָס ער טוט, ווען ר'האָט אויסגע־שאָסן. ר'איז אַ גרינגער אין בוש.

באָס: ...און ס'איז בלויז אַן אומגליקלעכער פאַרפאַל.

בילל: מילא, ס'האָט געמוזט טרעפן, פריער צי שפּע־טער. כ'האָב אָפּגעלעבט מיינע יאָרן פריי און אָן זאָרגן. האָב איך געאַרבעט, איז מיט לייב און לעבן, און בין איך געקומען אין אַ ישוב צווישן מענטשן, האָב איך מיך געפירט ברייט און זיך געוואָרפן מיט געלט. כ'האָב געהאַט אַ שווער לעבן — גע־טריבן פי, געצוימט פערד, געאַרבעט אויף פאַרמעס. ס'אַ שווער לעבן אין בוש, אָבער עפּעס בעסערס איז נישט פאַראַן, און דער טויט קומט גיך. איידער אַ מענטש ווערט אויסגעשפּילט — אַזוי ווי כ'האָב עס געוואָלט.

באָס: קאָן זיין, כ'וועל אויך אַזוי ענדיקן ווי דו, בריגלאָו, ערגעץ אין בוש. יעדנפאַלס האָף איך אַזוי.

בילל: קיין משפּחה לאָז איך נאָך מיר נישט איבער. אפשר וועל איך דעם בוש אַביסל פעלן... די שטעגן, איבער וועלכע כ'האָב געוואַנדערט, אַ שטערן, צי צוויי, אַן אַלטן בוש־בוים.

באָס: מיר וועסטו פעלן. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט גע־האַט מיט מיר אין וועג אַ מענטש ווי דו.

בילל: כ'האָף, דו וועסט אַריבערקריגן ס'פּי בשלום. ס'פאַרדריסט מיך אויף אַן אמת, וואָס איך טויג שוין מער צו גאָרנישט. ס'איז אָבער נישט מיין שולד.

באָס: כ'ווייס דען נישט... האָסט שטענדיק געטון דיין אַרבעט, בילל, און מיט אַ שמיצל אַריבער. כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט מיט מיר אַזעלכן ווי דו. זיי, די איבעריקע, זענען גוטע יונגען, אָבער זיי זענען נאָך יונג.

בילל: זיי וועלן זיך צוגעוואוינען און פאַרגעסן וועגן מיר.

באָס: איך וועל אָבער קיינמאָל נישט פאַרגעסן. ס׳א שטיק פון מיין לעבן.

ביל: ס׳אָבער געווען אַ גוט לעבן. ס׳טוט מיר נישט באַנג.

באָס: אָט אַזוי דאַרף מען דערויף קוקן, ביל.

ביל: ס׳אַ באַשערטע זאַך.

באָס: אמת, ס׳אַ באַשערטע זאַך.

ביל: קיינער קאָן נישט אויסמיידן, וואָס אים איז באַשערט.

באָס: מיר האָבן געהאַט גוטע צייטן.

ביל: יאָ, ס׳זענען געווען גוטע צייטן.

(דער קוכער קומט צו צו בילן).

באָס: כ׳וועל אויסטרינקען אַביסל טיי און זיך נעמען אין וועג אַריין.

(די פּי־טרייבערס קומען צו).

באָב: וואָס מאַכסטו, ביל?

ביל: דער וויטיק איז אַוועק.

באָב: כ׳וועל איבערנעמען דיין אָרט אין הינטערשטן עק פון דער סטאַדע.

ביל: יאָ.

באָב: כ׳מיין, אַז כ׳וועל קויפן די שקאַפּע, ביל.

ביל: די שקאַפּע איז אַמגלייכסטן.

באָב: האָב מיר אַ גוטן, ביל.

ביל: אַ גוטן, באָב.

מיק: אַ גוטן, ביל.

ביל: אַ גוטן, מיק.

(דער דזשעקערו קומט אָן).

דזשעקערו: גאָט אין הימל! מ׳וועט דאָך אים דאָ נישט איבערלאָזן, האַ?

קוכער: ביסט שוין איינמאָל אַן אָנשיקעניש.

מיק: ס׳וואַרט אויף אונז דאָס אמתע ביסל צרות. אָבער

מיטן אַלטן וועלן מיר איבערקומען בשלום. ר'איז אַ וואונדער־לעכער מענטש, נישט אמת? זיי געזונט, ביל! (מיק אָפּ).

דזשעקערו: ווי אַזוי קאָן איך אייך דאָ איבערלאָזן, בריגלאָו?

באָס: (קומט צו) פּאַרוואָס ביסטו נישט ביים פּי.

דזשעקערו: כ'קאָן אים אַזוי נישט איבערלאָזן, בריגלאָון.

באָס: ביסט אַ פּי־טרייבער, צי נישט?

דזשעקערו: יאָ.

באָס: איז דיין אָרט ביים פּי. מען דאַרף צו טרייבן די סטאַדע ווייטער און ס'פעלט אונז איצט אַ מענטש. גיי דיר דיין וועגס. איך וועל שוין באַזאָרגן בילן.

ביל: דיין אָרט איז ביים פּי, יונגערמאַן.

דזשעקערו: וואָס זאָל איך טון?... אַ גוטן, ביל.

באָס: געשווינדער, לאָמיר גיין (באָס און דזשעקערו אָפּ).

קוכער: ס'פּי האָט זיך שוין גערירט.

ביל: שטאָפּ מיר אָן די ליולקע, אַלבערט.

קוכער: „רייט־אָ"! פון רויבערן וועסטו זיך פילן בעסער. (גיט אים די ליולקע) ביסט אָלרייט, ביל?

ביל: יאָ.

קוכער: נו, האָב מיר אַ גוטן. כ'וועל וועגן אַלעם דער־ציילן דער חברה אין ברונעט.

ביל: אַ גוטן, אַלבערט.

(קוכער אָפּ. פּויזע. דער באָס קומט אָן).

באָס: (רופט) פּידזשין, אַהער.

(פּידזשין קומט אָן).

באָס: דו האַלט אַן אויג אויף בריגלאָו. טאָמער וויל ער עסן, אַ טרונק — גיב!

פּידזשין: אָרעמער יאַט! אָקס אים דערהרגעט, אויף טויט דערהרגעט.

באָס: זאָלסט וויסן, כ'קום צוריק איינס־צוויי. וועסט

נישט זיין גוטער יאָט, דיך דערהרגענען, דו שוואַרצער רוח.

פּידזשין: איך גוטער יאָט, אים היטן.

באָס: וועסט פון מיר נישט אַנטלויפן. טאָמער אַנט־לויפסטו, וועל איך נאָכשפּירן, נאָכשפּירן און באַלד כאַפּן. דיך שיסן מיטן רעוואָלווער טויט, דיך איבערלאָזן צו די מוראַשקעס, שוואַרצע, קליינע... נאַ טאַבאַק. (גיט אים אַ שטיק טאַבאַק).

באָס: (צו בילן) כ'וועל אַליין צוריקקומען, ווי נאָר מ'וועט קומען צו וואַסער פאַרן פּי.

בילל: ס'וועט שוין דעמאָלט זיין נאָך אַלעם. (גיבן זיך די הענט).

באָס: האָב מיר גוט, אַלטער פריינד.

בילל: אַ גוטן, עליק.

באָס: (צו פּידזשינען) אַ גוטער יאָט, גיב אַכטונג.

(באָס אָפּ. פּויזע. די זון גייט אויף. באַרקליים פלאַכלאַנד ציט זיך אַוועק אין די ווייטקייטן אַ נאַקעטע. אַן איינציקער בוים. בלויז אַ פּאָר גידזשי־ביימלעך וואַקסן אַרום דעם זומפּיקן וואַסער־גרוב. די פּי־טרייבערס זענען אַוועק מיטן פּי אויף זייער לאַנגן, טרוקענעם מדבר־וועג. בריגלאָו ליגט אויף דער ערד מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף אַ געפּעק. אַלבערטס פלייש, דאָס פלעשל מיט די טראָפּנס שטייען נישט גערירט).

בילל: די זון גייט אויף. ס'וועט דעם פּי זיין היים. און איך ליג דאָ איינגעלייגט אין שאָטן אָנשטאָט צו קייען דעם שטויב הינטער דער סטאַדע.

פּידזשין: זע, קראָ און שפּאַרבער, קראָ און שפּאַרבער פליען נאָך דער סטאַדע. אַ סך אָקסן שטאַרבן ביז קומען צו וואַסער.

בילל: דער אַלטער וועט זיין דורכקריגן. ער איז דער גרויסער טשעמפּיאָן־טרייבער פון צפון און איך בין צוועלף יאָר געווען זיין רעכטע האַנט. ר'האָט מיט זיך גוטע יאַטן, אָבער איך וועל אים פעלן.

(פּידזשין וואַרפט אַרויף אַ פּאָר שפּענדלעך אויפן פייער און בלאָזט פאַנאַנדער די טליענדיקע האָלעוועשקעס. זעצט זיך

אַנידער, פאַרלייגט די פיס הינטער זיך און נעמט קלאַפּן אויף צוויי שטעקעלעך. ער מורמלט דערביי אונטער אַ ניגון).

פ י ד ז ש י ן : בריגלאָו און אַלטער באָס ווייסן גוט בוש וו'אַ שוואַרצער מענטש. איך מיין, ס'ערשטע מאָל געווען שוואַרצער. בריגלאָו געשטאָרבן און שפּעטער שפּרינגט אַרויס אַ ווייסער מענטש. בריגלאָו איצט שטאַרבן און שפּעטער שפּרינגט אַרויס אַ שוואַרצער אין אַנדער לאַנד — גוט לאַנד — אַ סך וואַסער, אַ סך פיש, אַ סך עסן. בריגלאָו באַלד שטאַרבן.

ב י ל ל : יאָ, פידזשין, כ'שטאַרב.

פ י ד ז ש י ן : אוי, פור פעללאָו, בריגלאָו, ס'איז מיר רחמנות, אַ סך רחמנות. איך שפּעטער גיי צוריק אין מיין לאַנד, צום פייער מיט שוואַרצע. איך זאָגן טאַטע, מאַמע, ברודער, שוועסטער, אַלע שוואַרצע מענטשן, זאָגן פון בריגלאָו, נעבעך געשטאָרבן... שוואַרצע מאַכן ביים פייער גרויסע „קאָ־ראָבאָרי"*) פאַר בריגלאָו... אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצע נאַכט זינ־גען קאָראָבאָרי, איינשניידן קאָפּ, איינשניידן הענט, מיט שאַרפן שטיין שניידן.

(ביל פאַלט צוזאַמען אָן כוחות. די ליולקע קייקלט זיך אַראָפּ אויף דר'ערד. פידזשין הויבט זיך אויף פּאַוואָליע און גייט צו צום פּי־טרייבער. באַטראַכט אים פאָרזיכטיק, טרייסלט מיטן קאָפּ און שעפּטשעט).

פ י ד ז ש י ן : פור פעללאָו! איך דאָ זיצן, וואַרטן אויפן באָס. אַלטער קומט באַלד צוריק מיט לאָפּעטע... אַריינלייגן טיף אין דר'ערד... דינגאָ נישט קאָנען כאַפּן ביין. (ביל רירט זיך נישט. פידזשין קוקט זיך אַרום). פידזשין מאַכן קליין בערגל, אָנשיטן הויך גראָז, צווייגן, שטיינער, נישט לאָזן צוקומען בייזן כוח פון בוש, אָפּשרעקן טיוול־טיוול. טיוול־טיוול נישט קענען כאַפּן בריגלאָו.

(פידזשין הויבט אויף די ליולקע. זיצט און רויכערט, זינגט צו זיך און קלאַפּט צו מיט די שטעקעלעך).

(פאָרהאַנג).

---

*) טאַנץ פון די שוואַרצע אויסטראַליער.